STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06294

# LIKHT UN SHOTN

Herz Bergner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ליכט און שאָטן

# LICHT UN SHOTN
# LIGHT and SHADOW

by

HERZ BERGNER

Printed by YORK PRESS LTD., 198-204 Faraday Street,
Carlton, N.3. Melbourne, Australia.

דרוקעריי „יידישע נייעס״, מעלבורן.

הילע: הענא סמיט

הערץ בערגנער

# ליכט און שאָטן

ראָמאַן

אַרויסגעגעבן פון הערץ בערגנער יובל-קאָמיטעט
און פאַרלאַג „יידישע נייעס"

מעלבורן 1960

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| קאַפּיטל איינס — די משפחה זעלינג באַזעצט זיך אין ראַזמאַר | 7 |
| קאַפּיטל צוויי — דער „קריסטמעס"־בוים ביי הערש זעלינג אין הויז | 23 |
| קאַפּיטל דריי — קינדער שפּילן זיך אין גאַס | 38 |
| קאַפּיטל פיר — אַ גאַסט אויפן „וויקענד" | 53 |
| קאַפּיטל פינף — פאַרבלאָנדזשעט אין „בוש" | 62 |
| קאַפּיטל זעקס — אין אַ הייסער נאַכט | 78 |
| קאַפּיטל זיבן — מאַרי באַהאַלט זיך אוים ביים חבר אין דער חורבה | 89 |
| קאַפּיטל אַכט — אויף אַ פּיקניק אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל | 102 |
| קאַפּיטל ניין — טאַטע־מאַמע קומען קיין ראַזמאַר | 116 |
| קאַפּיטל צען — דינהס טויט | 131 |
| קאַפּיטל עלף — די לוויה | 143 |
| קאַפּיטל צוועלף — קיין מעלבורן | 152 |
| קאַפּיטל דרייצן — די פירמע „קאָנטינענטאַל פעשנס" | 168 |
| קאַפּיטל פערצן — גיי צוריק אין דעם לאַנד, פונוואַנען דו קומסט! | 181 |
| קאַפּיטל פופצן — נחת פון קינדער | 193 |
| קאַפּיטל זעכצן — דער לערער וויים האָט זיך צעבונטעוועט | 207 |
| קאַפּיטל זיבעצן — באָמבעס איבער וואַרשע | 221 |
| קאַפּיטל אַכצן — אין די טעג פון דער מלחמה | 236 |
| קאַפּיטל ניינצן — לויט אַלע כללים פון באָקס | 251 |
| קאַפּיטל צוואַנציק — אַ באַגעגעניש פון אַלטע חברים | 265 |
| קאַפּיטל איין און צוואַנציק — פּליטים | 281 |
| קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק — אויפגעבאַוועט שונאים ביי זיך אין שטוב | 296 |
| קאַפּיטל דריי און צוואַנציק — אין „הבונים"־קעמפּ | 309 |
| קאַפּיטל פיר און צוואַנציק — פּאָולינס התונה | 324 |
| קאַפּיטל פינף און צוואַנציק — אין די בערג | 339 |
| קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק — דער ברית אין שפּיטאָל | 352 |
| קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק — ווייבער | 364 |
| קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק — נקמה | 376 |
| קאַפּיטל ניין און צוואַנציק — פרילינגדיקע ווינטן | 388 |
| קאַפּיטל דרייסיק — אומרו | 399 |
| קאַפּיטל איין און דרייסיק — דער שמועס צווישן מוטער און זון | 414 |
| קאַפּיטל צוויי און דרייסיק — פון שטאָט אין דאָרף אריין | 429 |
| קאַפּיטל דריי און דרייסיק — אַ שיף וואָס פאַרלאָזט דעם אויסטראַלישן ברעג | 446 |

מיין פרוי מרים און מיין
ברודער מלך ראַוויטש.

**אַ גרויסער יישר כוח די אַלע פריינד**
**וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך.**

פון דעם זעלבן מחבר:

„שטובן און גאַסן" — נאָוועלן. ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי, וואַרשע 1935.

„דאָס נייע הויז" — נאָוועלן. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד און „קדימה", מעלבורן 1941.

„צווישן הימל און וואַסער" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפּבוי" מעלבורן 1947.

„אַ שטאָט אין פוילן" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפבוי" מעלבורן 1950.

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" — נאָוועלן. פאַרלאַג „יידישע נייעס" 1955.

"Between Sky and Sea" a Novel — Dolphin Publications Melb. 1947.

„עיר בפולין". הוצאת הקיבוץ המאוחד. תל־אביב 1954.

---

פון מחברס מאַמען זכרונה לברכה: הינדע בערגנער — „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט". אַרויסגעגעבן פון די זין. מאָנטרעאַל 1946

קאַפּיטל איינס

# די משפּחה זעלינג באַזעצט זיך אין ראָזמאַר

נאָך איידער עס האָט זיך באַוויזן די הילצערנע, גרין־געפאַרבטע שול־געביידע, וואָס איז איינזאַם געשטאַנען אויף אַ ליידיקן, נישט־באַבויטן פּלאַץ אין עק פון דעם באַרגיקן געסל, האָט שיינדל מיטאַמאָל דערפילט ווי אירע צוויי זין רייסן זיך אַרויס פון אירע הענט. און איידער זי האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן, זענען די יינגלעך שוין געווען אַ שטיק פּאַר איר און זענען אַליין געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער שול. כאָטש שיינדל האָט פאַרשטאַנען, אַז די זין זענען שוין אונטערגע־וואַקסן און זי דאַרף מער נישט ציטערן איבער זיי, ווי איבער פּיצלעך קינדער, האָט זי זיי אַלץ באַגלייט יעדן פרימאָרגן אין דער שול אַריין.

— וואָס קען׳ך טאָן... — האָט זי געטראַכט ביי זיך — וואָס קען׳ך מיר העלפן... מיינע קינדער זענען די צוויי איינציקע יידישע יינגלעך אין דער גאַנצער שול... אַ גאַנצן טאָג זע איך זיי נישט...

די יינגלעך האָבן אָבער נישט געקענט ליידן דער מאַמעס פּירעכץ, וואָס איז געווען אַנדערש פון דעם פּירעכץ פון די אַנדערע מאַמעס אין שטעטל און זיי אָנגעטאָן בלויז בושות און חרפּות. אַלע אינדערפרי, בעת די מאַמע האָט זיי באַגלייט אין דער שול אַריין, האָבן די שול־חברים פון זיי חוזק געמאַכט.

— סיסים... קריי־בייביס... ווי לאַנג וועט איר זיך נאָך אָנהאַלטן אין דער מאַמעס פאַרטוך!... — האָבן די שול־חברים זיי באַגעגנט מיט שפּאָט און געלעכטער, ווי נאָר זיי זענען אַריבערגעטרעטן די שוועל פון קלאַס.

פון די צוויי ברידער האָט זיך דער עיקר געשעמט מיט דער מאַמען דאָס עלטערע יינגל, לעזלי, וואָס האָט זיך

אַלעמאָל דער ערשטער אַרויסגעריסן פֿון שיינדלס הענט. דער יינגערער ברודער, מאַרי, האָט נאָך געוואַרט אַ רגע, בגנבה אָנ־געהויבן אַרויסגליטשן זיין האַנט פֿון אירער און זיך באַלד אַ לאָז געטאָן נאָך לעזלין.

בעת די קינדער זענען פֿאַרשוווּנדן אין דעם גרויסן הילצערן־געשניצטן שול־טויער, איז שיינדל געבליבן שטיין אַליין אויף דער גאַס, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווי זי וואָלט געווען איבעריק אויף דער וועלט. זי האָט נאָך אָפּגעוואַרט עטלעכע רגעס און אַז זי האָט מיטאַמאָל דערהערט ווי דאָס שול־גלעקל האָט זיך האָט מיט אַ געדיכט־מעטאַלענעם קלאַנג צעצינגלט אין דער שטילער פֿרימאָרגנדיקער שעה, האָט זי זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון אירע רעיונות און זיך מיט פֿאַמעלעכע פֿאַרטראַכטע טריט געלאָזט גיין אַהיים.

— עפּעס איז מאַרי אַנדערש ווי די יינגלעך אין זיין עלטער... — האָט שיינדלען, ווי שטענדיק, נישט אָפּגעלאָזט די זאָרג וועגן איר מוזשיניק — ער שפּילט זיך אַנדערש... האָט זיך זיינע אייגענע גענג...

שיינדל ווייסט נישט פֿאַרוואָס זי האָט מאַרין ליבער ווי אירע איבעריקע קינדער. זי האָט אים ליבער פֿון לעזלין און אויך פֿון איר טאָכטער, פּאָולין. עס קען זיין, אַז זי האָט אים ליבער דערפֿאַר, ווייל זי האָט אים אַזוי שווער געהאַט, כאָטש ער איז שוין ביי איר דאָס דריטע קינד. אויך איז מאַרי געבוירן געוואָרן דאָ הי, אין דער פֿרעמד און ער האָט איר אַ סך פֿרייד נעבערענגט אין די ערשטע צייטן, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ראָזמאַר. ער האָט איר אויסגעפֿילט די ליידיקע שעהן, ווען זי האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן און די בענקשאַפֿט נאָך דער היים, נאָך וואַרשע, האָט זי אַרומגענומען און געפֿרעסט ביז ווייטיק. דער מאַן אירער, הערש, איז געווען אין געוועלב, אַז נישט אין דאָרף ביי די פֿאַרמערס און זי האָט נישט גע־ווּוסט וואָס צו טאָן מיט זיך אין די ליידיקע, קאַלטע שטובן פֿון דעם הילצערנעם הייזל.

שיינדל געדענקט ווי פֿאַרלאָזט זי האָט זיך געפֿילט, בשעת זיי זענען קיין ראָזמאַר אָנגעקומען, נאָכדעם ווען זיי האָבן זיך שוין אַ צייט לאַנג אַרומגעדרייט אין מעלבורן און זיך נישט

געקענט דערשלאָגן צו קיין שום פּרנסה. כאָטש מען האָט אין וואַרשע געזאָגט, אַז אין אויסטראַליע „וואַקסט גאָלד אויף די ביימער“, האָט זיך הערש, דער מאַן אירער, נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען, ווען זיי זענען קיין מעלבורן געקומען. הערש האָט אָפּגעשלאָגן די טירן אין דער „וועלפֿעיר־סאָסייטי“, אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין שום פֿאַך אין די הענט, האָט מען אים וויייניק געקענט העלפֿן. זיי זענען געשלאָפֿן ביי אַ וואַרשעווער לאַנדסמאַן. דער מאַן מיט די קינדער זענען געשלאָפֿן אויסגעבעט אויף קוישן און פּאָר שיינדלען האָט דער באַלעבאָס אָפּגעטרעטן דאָס בעט, ווייל זי איז געווען אין אַנדערע אומשטענדן.

בלית־ברירה האָבן זיי געהערט די עצה פֿון גוטע פֿריינד און אַוועק קיין ראָזמאַר, וואָס איז געווען אַמאָל אַ גאָלד־שטאָט. ראָזמאַר איז שוין דורכגעגאַנגען פֿאַרשידענע גילגולים. אין די צייטן פֿון דעם גאָלד־פֿיבער, האָט זיך דאָ געוואַלגערט געלט אין די גאַסן און ווען דאָס גאָלד האָט מען נישט געקענט מער געפֿינען אין די אינגעווייִדן פֿון דער ערד, איז דאָס שטעטל פּוסט און אויסגעליידיקט געוואָרן. זינט אָבער עס האָט זיך אויפֿגעבויט אין ראָזמאַר דער גרויסער טאַרטאַק און די וועלדער אַרום שטעטל זענען באַדעקט געוואָרן מיט אַ שטויביק־ווייסן זעגעכץ, ווי מיט אַ פּראָסטיק־ווייסן טוי, האָט צוזאַמען מיטן טאַרטאַק, וואָס האָט געאָטעמט מיט די פֿיל שפּאָגל־נייע מאַשינען, אָנגעהויבן דאָ אויפֿצוגיין אַ נײַ לעבן. דאָס שטאָלענע געזאַנג פֿון די זעגן האָט אָפּגעקלונגען אין די אויערן פֿון די געציילטע, איינזאַם־פֿאַרבליבענע תּושבֿים פֿון דעם פֿאַרוואָרלאָזטן שטעטל ווי די שענסטע מוזיק... אַנשטאָט עס האָבן זיך אַמאָל דאָ אָפּגעשטעלט בלויז די נייגעריקע טוריסטן, וואָס זענען געקומען באַזוכן די „גאָסט־טאַון“ מיט די פֿאַרשפּינוועפּטע און מיט ווילד־גראָז פֿאַרוואַקסענע חורבֿות, האָבן דאָ אָנגעהויבן צו קומען גאַנץ אַנדערע מענטשן. די מענטשן האָבן מער נישט אויסגעקריצט זייערע נעמען אויף די איינגעפֿאַלענע ווענט, ווי עס האָבן זיך נוהג געווען די טוריסטן. אויך זענען זיי נישט געקומען אין קיין מאָדערנע אויטאָס, נאָר אין אָפּגעפּאָרענע טראַנטעס, אין וועגענער, „דזשינקערס“ און אַלטע „טראַקס“.

די פּנימער פֿון די מענטשן זענען נישט געווען אויסגעקעכלט און זאָרגלאָז, ווי ביי די טוריסטן, נאָר זענען געווען באַדעקט מיט מורא פֿאַר דעם נייעם מאָרגן. מיט די באַרגיקע וועגן און וואַלדיקע סטעזשקעס האָבן די ניי־געקומענע געצויגן אין דעם פֿאַרלאָזענעם שטעטל, וואָס האָט צוליבן טאַרטאַק צוריק אויפֿגעלעבט און געקענט געבן פּרנסה.

צוזאַמען מיט די נייע תושבים איז קיין ראָזמאַר אָנגעקומען די איינציקע יידישע משפּחה זעלינג.

פֿון דעם געוועלבל, וואָס הערש האָט זיך אין די ערשטע צייטן אויפֿגעמאַכט, האָט ער קוים געקענט מפּרנס זיין דאָס הויזגעזינד. ער האָט אין די שבתים און זונטיקס געמוזט זיך אַרויסלאָזן „האָקן" צו די פּאַרמערס אין די דערפֿער אַרום און געקומען צוריק איז ער ערשט מאָנטיק אינדערפֿרי. קיין אויטאָ האָט ער נישט געהאַט און געמוזט גיין צו־פֿוס מיט די שווער־אָנגעלאָדענע וואַליזעס אין די הענט. טיילמאָל האָט אים אַ פּאַרמער „געגעבן אַ ליפֿט" אין זיין אַלטן אויטאָ, אָדער „סאַלקי", וואָס האָט זיך איינזאַם געשלעפּט אויף די לאַנגע און פּוסטע וועגן.

שיינדל געדענקט נאָך דעם פֿרייטיק, ווען זי האָט זיך געריכט אין קימפּעט אַריין און הערש האָט געפּאַקט די גרויסע וואַליזעס, זיך געגרייט צו טראָגן צו די פּאַרמערס דאָס ביסל באַשטעלטע סחורה. הערש האָט געוווּסט, אַז זי איז שוין אויף דער צייט און זי בשום־אופֿן נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין. אָבער זי האָט אים געהייסן גיין, ווייל ביי איר קען עס נאָך געדויערן אַ וואָך און אַפֿילו צוויי. און הערש איז אַוועק. בעתן אַרויסגיין האָט ער זיך אָנגערופֿן צו איר:

— אַ גוטן טאָג... — טו אַכטונג אויף זיך... טו אַכטונג אויף די קינדער...

שיינדל האָט געוווּסט, וואָס ער מיינט מיט דעם זאָג „טו אַכטונג אויף די קינדער". זי האָט טאַקע באַלד נאָך הערשס אַוועקגיין באַקומען גרויסע ווייען. כאָטש זינט זי איז קיין ראָזמאַר געקומען האָט זי נישט געצונדן קיין ליכט און ווייניק אָפּגעהיטן דאָס יידישקייט, האָט זי דעם פֿרייטיק־צונאַכטס געבענטשט ליכט. זי איז לאַנג געשטאַנען מיט פֿאַרדעקטע

אויגן איבער די אָנגעצונדענע ליכטלעך און אירע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוועגט פון די הייסע תּפילות, וואָס זי האָט געפּרעפּלט. זי האָט געפילט ווי די ווייען ווערן גרעסער און פון אירע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן, וואָס האָבן נאָס געמאַכט די שטילע, ווי פאַרגליווערטע הענט איבער די אויגן. נאָכן ליכט־בענטשן האָט זי צוגערופן צו זיך איר טאָכטער פּאולין, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ קליין מיידעלע.

— פּערעלע... — האָט זי געגלעט די טאָכטער איבער די קינדערישע באַקן — די מאַמע גייט ערגעץ אַוועק... זי גייט פאַר דיר קויפן אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל... דו ביזט דאָך שוין מער נישט קיין קינד און דו קענסט אַכטונג טאָן אויף לאָזערלען... דו וועסט אים קענען לייגן שלאָפן און געבן עפּעס צו עסן... דער טאַטע וועט מאָרגן צוריקקומען...

זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער די קינדער, געקושט פּאולין און לעזלין און איז אַרויס פון שטוב. זי געדענקט, אַז פּאולין האָט גענומען דעמאָלט אַזוי ערנסט איר ראָל פון ווערן אַ מוטער איבער איר יונג ברודערל. זי האָט אַפילו קיין טרער נישט געלאָזט, נאָר אירע ליפּעלעך האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן אין אַ „לאָמפּע".

ווען שיינדל איז אַרויס אין גאַס, האָט זי געפילט ווי די ווייען צעשפּאַרן זי און עס האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי וועט פאַרלירן דאָס קינד אין דער פרעמדער פינצטערער גאַס צווישן די איינגעהויקערטע שיטער־צעוואָרפענע הייזלעך. זי האָט געפּרוווט רופן ווען צו הילף, אָבער דאָס קול איז איינגעזונקען געוואָרן אין דעם פּוסטן חלל, וואָס האָט זי געשראָקן מיט די ווייטע ווידער־קולות. כאָטש זי האָט אַלעמאָל אויסגעמיטן צו רעדן מיט דער איינציקער שכנטע, וואָס האָט געוווינט נאָענט פון איר, מחמת זי האָט זי נישט פאַרשטאַנען, האָט זי געוואָלט אָנקלאַפּן אין איר טיר. אָבער שיינדל האָט זיך דערמאָנט, אַז די שכנטע איז אויף דער צייט, פּונקט ווי זי און מען טאָר זי נישט וועקן.

בעת שיינדל גייט איצט איבער די געסלעך פון ראָזמאַר — איבער די זעלבע געסלעך, ווו זי האָט זיך געשלעפּט מיט יאָרן צוריק אין שפּיטאָל אַריין — פאַרשטייט זי פאַרוואָס זי

האָט מאָרין ליבער ווי אירע איבעריקע קינדער און פּאָרוואָס זי ציטערט אַזוי איבער אים. די נאַכט, ווען זי האָט זיך אַליין געשלעפּט צו־פוס אין שפּיטאָל אַריין און עס האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז אָט גייט זי דאָס קינד פאַרלירן אין מיטן דער גאַס, האָט זיך זייער לאַנג ביי איר געצויגן. זי האָט זיך פּאַוואָליע געשאַרט ביי די ווענט, זיך אַלעמאָל אָנגעהאַנגען אין עפּעס אַ געזימס, זיך אָנגעכאַפּט אין די ברעטער פון אַ פּאַרקן. זי האָט געהאַט שטאַרק חרטה, וואָס זי האָט געלאָזט הערשן אַוועקגיין און ווען זי קען, וואָלט זי אים צוריקגערופן.

— טאַטע געטרייער אין הימל... — האָט זי מיט פאַר־מאַכטע ליפּן פרום געבעטן — העלף מיר!... לאָז מיך נישט אויסגיין מיט מיין עופּהלע אין מיטן דער גאַס פון דער פרעמדער שטאָט... כ'ווייס, אַז כ'בין זינדיק... מיין מאַן איז זינדיק... ער איז געגאַנגען האַנדלען אין דאָרף אַריין, כאָטש ס'איז שבת אויף דער וועלט... אָבער דאָס שווערע שטיקל ברויט אין דער פרעמדער טרייבט אונז צו די זינד... גאָט, אַז כ'וועל אַלץ בשלום איבערקומען, וועל איך זען, אַז מיין קינד זאָל גיין אין דיינע גוטע וועגן!...

זי איז אַליין ווייטער געגאַנגען, געווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן. וועמען קען זי דאָ רופן אין מיטן דער פינצטערער נאַכט, וואָס זאָל זי אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין? זאָל זי גיין רופן דעם גאָלד־גרעבער, וואָס זיין ווייב איז אומגעקומען בשעת אַ וואַלד־שרפה און ער טראָגט זיך נאָך אַלץ אַרום מיטן חלום, אַז ער וועט דאָ, אין דער אַמאָליקער גאָלד־שטאָט, געפינען אַן אוצר. דער שכן איז האַלב חסר־דעה און זיין הייזל איז פול מיט קעץ. ער האָדעוועט זיי צוליב זיין ווייב, וואָס האָט זייער ליב געהאַט מיט קעץ זיך אַרומצורינג־לען. שיינדל האָט מורא געהאַט אַנצוקלאַפּן אין זיין הייזל.

שיינדל האָט פּלוצים באַמערקט, אַז ביי שטאַרלי לי טאַי, דעם כינעזער, לייכט זיך און ער זיצט הינטערן בופעט פון זיין אָפּגעלאָזן כינעזיש רעסטאָראַנדל. זי האָט שטאַרק געקלאַפּט אין דעם פענצטער פון דעם רעסטאָראַנדל, אָבער דער כינעזער האָט זי אַפילו נישט געזען — און ער איז ווייטער גלייכגילטיק געזעסן הינטערן אָפּגעשיילטן בופעט און זיין נאַקעט געל פּנים,

אָן אַ שום סימן פון אַ באָרד, ווי ביי אַ טומטום, האָט זיך צומאָל גישט אַ באַוועג געטאָן. זי האָט זיך דערשראָקן, וואָרים עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס נאַקעט־פּלאַכע פּנים, ווי אַ געלער פּאָרצעלייענער טעלער, איז טויט — און זי איז גיך אַוועק פון דעם פענצטער.

אַז זי האָט זיך קוים מיט לייד דערשלעפּט צום שפּיטאָל, וואָס האָט געקוקט צו איר מיט שוואַרצע אויסגעלאָשענע פענצטער, איז זי באַשלאָגן געווען מיט קאַלטע אַנגסטן. מיט די לעצטע כוחות האָט זי זיך אָנגעהאַנגען אינם שפּיטאָל־גלעקל, וואָס האָט האַסטיק צעריסן די נאַכטיקע שטילקייט.

די שפּיטאָל־טיר איז געווען אָפן. אין דעם לאַנגן אומ־היימלעכן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ פינצטערער טונעל, האָט געגלימערט אַ שפּיציק ליכטל. דאָס ליכטל האָט קוים באַלויכטן אַ שפּיץ פון דעם קאָרידאָר און אַ פאַרבאָרגענע שרעק האָט דאָ געלויערט פון די צוויי לאַנגע שורות ווענט. קיין לעבעדיק נפש האָט מען נישט געזען, ווי די שוועל פון דעם דאָזיקן הויז וואָלט שוין יאָרן־לאַנג נישט איבערגעטרעטן קיין מענטשלעכער פוס. אָבער פּלוצלינג איז פון ערגעץ אַרויס־געשווומען די געשטאַלט פון אַ קראַנקן־שוועסטער, איינגעהילט אין ווייסן, וואָס האָט זיך פאַוואָליע געגליטשט אַקעגן שיינדלען אינם לאַנגען פינסטערן קאָרידאָר. קיין פיס האָט מען ביי דער געשטאַלט נישט געזען. דאָס אויפגעבלאָזענע קלייד, ווי אַן אויפגעמאַכטער שירם, האָט זיך געשאַרט איבער דער פּאָדלאָגע. בעתן גיין האָט דאָס קלייד שטיל געשאָרכט און די פליגלען פון דער ווייסער הויב האָבן זיך לייכט געוויגט, ווי די פליגלען ביי אַ פויגל, וואָס הייבט זיך אויף צום פלי...

איבער אַ מעת־לעת איז שיינדל געגאַנגען צו קינד. בעת זי איז שוין געלעגן אינם שפּיטאָל־בעט האָט איר בליק דערשראָקן אַרומגעוואַנדערט איבער די פרעמדע נאַכטיקע שפּיטאָל־ווענט, ווו יעזוס איז געהאָנגען אויף אַ צלם פונקט אַקעגנאיבער איר. פון דעם קאָרידאָר האָט אַריינגעקוקט צו איר די געשטאַלט פון יעזוסעס מוטער. שיינדל האָט צוגעשלאָסן די אויגן, אויסגע־מיטן צו קוקן אויף די אַלע פיגורן. אָבער אַז זי האָט בלויז אויף אַ רגע אויפגעמאַכט די אויגן זענען די שאָטנס פון די

פיגורן זיך נאָענט צוזאַמענגעקומען, זיך באַגעגנט אויף די ווענט, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשלאָגן אויף ווייסע לײַלעכער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז בעת זי איז אַרויס פון שטוב, האָט זי לכבוד שבת געצונדן ליכט. אָבער דאָס האָט זיך איר אויסגעוויזן איז שוין געווען מיט אַ גאָר לאַנגער צייט צוריק...

שיינדל געדענקט, אַז די ווייען פאַרן געבוירן האָבן זיך בײַ איר אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט. זיי האָבן אויף אַ קורצער צייט אָפּגעלאָזט און זענען באַלד צוריקגעקומען נאָך שטאַרקער ווי פריער. זי האָט געשריגן עפּעס אויף יידיש, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. די קראַנקן־שוועסטער האָט געגלעט בײַ איר די האַנט, געווישט דעם קלעפּיק־קאַלטן שווייס פון איר שטערן. און פּלוצים האָט שיינדל באַמערקט ווי די שוועסטער קניט אויף דער פּאָדלאָגע און בעט עפּעס אין דער שטיל. זי האָט געפילט, אַז די שוועסטער בעט פאַר אירעטוועגן...

די טעג אין שפּיטאָל האָבן זיך דערנאָך בײַ שיינדלען זייער לאַנג געצויגן. די איינציקע פריידיקע מינוטן זענען געווען דעמאָלט, ווען מען האָט איר געברענגט דאָס קינד צום זויגן. זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס אויסצופילן די צייט פון איין זויגן ביז צום צווייטן און אַז מען האָט אַוועקגענומען פון איר דאָס קינד, האָט זי זייער שטאַרק דערצו געבענקט און זי האָט עס שוין געוואָלט ווידער האָבן לעבן זיך. דערצו האָט זיך איר רק אויסגעוויזן, אַז מען וועט בײַ איר דאָס קינד פאַרבייטן. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער שכנטע, וואָס איז געלעגן אינם דערבייאיקן בעט און אַלעמאָל, אַז מען האָט איר געברענגט מאָרין, האָט זי אים פאַר איר אויסבאַהאַלטן. די שפּיטאָל־שכנטע, מיסיס רעלי, איז אויך געווען איר שכנטע פון דער גאַס און נישט איינמאָל געזוכט אַ געלעגנהייט מיט איר אַ שמועס צו כאַפּן. אין שפּיטאָל האָט זי נישט אויפגעהערט צו איר כסדר אַריבערצורעדן פון איר בעט, אינגאַנצן נישט געקוקט דערויף, וואָס שיינדל פאַרשטייט נישט קיין וואָרט.

מיסיס רעלי האָט געהאַט פינף טעכטער און זי איז זיכער געווען, אַז דאָס זעקסטע קינד וועט שוין זיין אַ יינגל. אַז דאָס זעקסטע קינד איז אָבער ווידער געווען אַ מיידל, האָט זי עס נישט געוואָלט געבן צו זויגן.

שיינדלען האָט געשניטן דאָס האַרץ, ווען זי האָט געזען ווי מען טראָגט אַוועק פון מיסים רעלי דאָס הונגעריק־וויינענדיקע עופהלע, וואָס זי וויל נישט געבן צו זויגן.

— אַ זון האָב איך געוואָלט... — האָט די מיסים רעלי געזאָגט מיט עקשנות — כ'האָב שוין גענוג טעכטער...

בשעת מען האָט אַוועקגעטראָגן פון דער שכנטע דאָס וויינענדיקע קינד, האָט זי אַלעמאָל מיט קנאהדיק־פאַרבענקטע אויגן געקוקט צו שיינדלען, וואָס האָט געטוליעט צו זיך מאַרין. זי האָט כסדר איבערגעחזרט, אַז שיינדל איז אַ גליקלעכע מוטער, וואָס זי האָט געהאַט אַ יינגל. זי האָט אַפילו איינמאָל געבעטן, אַז שיינדל זאָל איר געבן דאָס יינגל צו האַלטן און זי האָט אים געפּיעשטשעט, גערופן אים מיט די צערטלעכסטע נעמען און זיך באַצויגן צו אים אויף אַזאַ שטייגער, ווי דאָס קינד וואָלט געווען אירס.

— יו ליטל באָקסער... דו קליינער דיגער... — האָט זי גערעדט צום קינד פול מיט ליבשאַפט.

בשעת מיסים רעלי האָט געהאַלטן דאָס יינגל אויף די הענט, האָט שיינדל געציטערט עס זאָל אים עפּעס שלעכטס נישט געשען — און ערשט דעמאָלט ווען זי האָט דאָס קינד צוריק געהאַט ביי זיך, האָט זי זיך באַרואיקט.

שיינדל האָט נישט באַמערקט איצט ווי זי האָט ביסלעכוויז דורכגעשפּאַנט דאָס גאַנצע שטעטל, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעפירט די קינדער אין דער שול. זי האָט אַריינגעדרייט צו זיך אין געסל, געזען ווי טשאַרלי דער כינעזער שפּאַנט דאָס וועגעלע. מיט זיינע קליינע, קורצע טריטלעך טשאַפּעט ער אַרום דעם פערדל, וואָס איז פּונקט אַזוי קליין און פאַרשלאָפן ווי דער באַלעבאָס. דאָס כינעזערל האָט מיט זיינע קליינע הענטלעך אַרויסגעשלעפּט פון זיין רעסטאָראַנדל קעסטלעך מיט אויבסט און זיי אַרויפגעלאָדנט אויפן וועגעלע, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט ווי אַ בויד. פון דעם רעסטאָראַנדל, וווּ קיינער האָט נישט אַריינגעשמעקט, האָט ער זיך, ווייזט אויס, נישט געקענט מפרנס זיין — און ער איז אַלע טאָג אַרויסגעפאָרן מיטן פערד־און־וועגעלע און פאַרקויפט פרוכט.

שיינדל האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי דאָס כינעזערל האָט

איר נישט געוואָלט אויפמאַכן די טיר, ווען זי האָט זיך דעמאָלט אין דער פינצטערער נאַכט, מיט יאָרן צוריק, געשלעפּט צו־פוס אין שפּיטאָל אַריין און געקלאַפּט ביי אים אין פענצטער, ער זאָל איר העלפן. זי האָט איצט בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיין קיילעכדיק־נאַקעט, פאַרצעלייען־געל פּנים האָט זיך צומאָל נישט אַ באַוועג געטאָן, ווען זי האָט אים גערופן. אמת איז, אַז דאָס כינעזערל לעבט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין דעם געסל, מישט זיך נישט צו קיינעם און מען זעט אים קיינמאָל נישט אויפמאַכן דאָס מויל, ווי ער וואָלט געווען שטום. מחמת דעם, וואָס מען וויל נישט, אַז אין לאַנד זאָלן אַריינקומען מער „קאָלירטע", האָט מען די כינעזער מער נישט אַריינגעלאָזט קיין אויסטראַליע, און די כינעזישע מענער האָט מען נישט דערלויבט צו ברענגען די ווייבער. מען האָט גע־שמועסט, אַז טשאַרלי דער כינעזער פלעגט זיך אין איינעם פון זיינע טונקל־חרובע חדרימלעך פאַרשליסן און רייכערן אָפּיום, כדי צו פאַרגעסן אין דער בענקשאַפט צו זיין ווייב און קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. פון דעם אָפּיום איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ דרימל. טיילמאָל האָט מען פון זיין אייביק ליידיקן און ברודיקן רעסטאָראַן, וווּ עס זענען אויף עטלעכע טעלער געלעגן אַ פּאָר פאַרגליטשטע „דים־סימס" און אַנדערע כינעזישע מאכלים, געהערט עפּעס משונהדיק־אָפּגעהאַקטע קוויטשיקע ברומען — און מען האָט געזאָגט, אַז טשאַרלי שמועסט זיך איבער פונדערווייטנס מיט זיין ווייב און קינדער...

בשעת שיינדל איז שוין געווען נאָענט פון איר הויז, האָט זי באַמערקט, ווי די שכנטע מיסיס רעלי, באַהאַלט זיך אויס הינטערן פּאַרקן פון איר גערטנדל און טשאַטעוועט ווי גע־ווינטלעך אויף איר, כדי מיט איר אַ שמועס צו כאַפּן. שיינדל האָט נאָך אַלץ פיינט מיט דער שכנטע צו רעדן, ווייל זי פאַר־שטייט נישט אירע גיכע און פאַרשלונגענע רייד. אָבער די מיסיס רעלי באַמערקט דאָס נישט און אַלע פרימאָרגן וואַרט זי אָפּ בגנבה שיינדלען און מאָלט פאַר איר גיך אָפּ אַלע פליאָטקעס און נייעסן, וואָס זענען איבער דער נאַכט פאָרגע־קומען אין שטעטל. די פליאָטקעס און נייעסן זענען אַלעמאָל

די זעלבע, ווייל אין שטעטל געשעט זעלטן עפּעס — אָבער אין דעם מויל פון מיסים רעלי באַקומען זיי יעדן טאָג אַ נייעם אויסזען און זי שלוקעכצט אַזש פון די גרויסע חידושים, וואָס זי מאָלט שנעל־שנעל, אַז קיינער קען זי נישט דעריאָגן.

— ניים דעי... איז׳נט איט... — האָט די מיסים רעלי, ווי איר שטייגער, זיך אָפּגעפּאַרטיקט קודם־כל מיט איר פּזמון וועגן וועטער, ווען זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון הינטערן פּאַרקן — מען פילט שוין דעם פרילינג אין דער לופט... ווו זענט איר געווען, שכנטע... אָפּגעפירט די קינדער אין דער שול... זיי זענען שוין דערוואַקסענע יינגלעך און איר קענט זיי לאָזן אַליין גיין... זיי וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן... מיינע טייוולאָנים פיר איך קיינמאָל נישט אין דער שול... אַפּילו נישט באָבן, דעם מוזשיניק מיינעם... איי קאַנ׳ט בי באָדערד!

אַלעמאָל, אַז מיסים רעלי דערמאָנט איר יונגסטן זון, באָבן, שיינט ביי איר אויף דאָס יונג־צעקנייטשטע פּנים, וואָס האַלט זיך ביי איר אין איין שנעלן באַוועגן אין אַלע זייטן, גרייט אויפצוכאַפּן עפּעס אַ נייע אויסטערלישע מעשה, וואָס זאָל אביסל פאַרזיסן דאָס גרויע לעבן. באָב איז ביי איר אַן איין־און־איינציקער זון און זי האָט אים געהאַט באַלד צום יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעזאָגט צו זיינגן איר טאָכטער, דזשינען, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַ יינגל.

היינט האָט די מיסים רעלי געהאַט אין איר קאָפּ שטעקן אַ סך ווייסע פּאַפּירלעך, מיט וועלכע זי האָט פאַרדרייט אירע האָר. פון די פּאַפּירלעך האָט דער קאָפּ אויסגעזען, ווי ער וואָלט באַדעקט געווען מיט גרויסע ווייסע פעדערן. אַלעמאָל, ווען ס׳דערנענטערט זיך דער „וויק־ענד" הייבט זי אָן מיט די פּאַפּירלעך צו פאַרדרייען אירע האָר אין אָן אַ שיעור לעקע־לעך און דער קאָפּ זעט ביי איר אוים ווי ביי אַ שעפּס. און נישט בלויז פאַרדרייט זי אירע אייגענע האָר אין לעקעלעך, — נאָר זי טוט דאָס זעלבע מיט די האָר פון אירע מיידלעך — און שטענדיק, בעת זי באַוווייזט זיך אויף דער וועראַנדע פון איר הילצערן הייזל צוזאַמען מיט די טעכטער, זעען זיי אוים ווי אַ סטאַדע שאָף. דאָס גרייט זיך די מיסים רעלי צוזאַמען מיט אירע טעכטער צו די רו־טעג פון סוף־

וואָך, ווען איר מאַן, דיק דער „טראָק־דרייווער״, נעמט די גאַנצע משפּחה אַרויף אויף זיין גרויסן לאַסט־אויטאָ און זיי לאָזן זיך אַרויס צום חבר אין „בוש״, וואָס אַרבעט צו־זאַמען מיט דיקן אין טאָרטאָק. אויף דעם לאַסט־אויטאָ לאָדנט מען דעמאָלט אַרויף אַ גרויס שטיק אייז, פאַרוויקלט אין אַ זאַק, אַ קעסטל מיט אַ סך פלאַשן ביר און די מיסיס רעלי נעמט מיט אַ „לעג אָף לעם״ און אַ היימישן „ספּאַנטש״, וואָס זי באַקט ספּעציעל פאַר דער דאָזיקער יום־טובדיקער געלעגנהייט.

בשעת שיינדל האָט באַמערקט די פּאַפּירלעך אין דער שכנטעס קאָפּ, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן איז פרייטיק און זי וועט דאַרפן גיין איינקויפן אויף שבת. מאָרגן וועט זי נישט האָבן קיין צייט דאָס צו טאָן. פרייטיק קומען אין שטעטל אַריין די פאַרמערס פון די אַרומיקע דערפער און חוץ דער טאָכטער מוז זי אויך צוהעלפן דעם מאַן אין געשעפט.

שיינדל האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט דער שכנטע, אָבער די מיסיס רעלי האָט זי אַזוי גיך נישט אָפּגעלאָזט:

— וואָס זאָגט איר נישט צו די קינדער, מיסיס זעלינג...

— האָט די מיסיס רעלי נישט אויפגעהערט גיך צו מאָלן מיט איר מויל — זיי וועלן זיין אַ פּאָר, דזשין און לעזלי... זיי האָבן זיך ליב, די קינדער... אַז זיי וועלן אונטערוואַקסן אַביסל, וועלן מיר האָבן אַ חתונה אין שטעטל... אַ מינוט קענען זיי נישט זיין באַזונדער... ס'איז שוין טיילמאָל צופיל...

בעת שיינדל האָט דאָס דערהערט, האָט איר עפּעס אַ זעץ געטאָן אין האַרצן און זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דאָס בלאַסע פּנים איז געוואָרן ווייס ווי פּאַפּיר און די קנייטשן אַרום די מויל־ווינקלען האָבן זיך פול מיט זאָרג איינגעשניטן אין דער קיילעכדיקער, אַביסל קינדערישער גאָמבע. דאָס רעכטע אויג, וואָס זי האָט אַ טבע געהאַט מיט אַ סך חן צו מרוזשען, האָט זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס די שכנטע איז אויסן. אויך זי האָט שוין נישט פון היינט אָן באַמערקט ווי לאָזער גיט זיך צופיל אָפּ מיטן שיקסל. אמת איז, אַז אויך מאָרי שפּילט זיך מיט דזשינען — אָבער ס'איז נישט דאָס זעלבע ווי ביי לעזלין... אַזעלכע יונגע קינדער און מען קען דערקענען, אַז זיי האָבן זיך ליב...

נאָר צוריקגעשמועסט וואָס עס קען אַלץ דער מיסיס רעלי איינפאַלן! וואָס איר קאָפּ קען אַלץ אויסקלערן!... אַלע פּליאָט־קעס פון שטעטל ווייסט זי, פּונקט ווי זי וואָלט אַליין דערביי געשטאַנען!...

— גוד באַי, מיסיס רעלי... — האָט מיטאַמאָל שיינדל אַ זאָג געטאָן צו דער שכנטע, זיך אויסגעדרייט פון איר און גיך אַוועק.

— טאַראַ, מיסיס זעלינג... — האָט די מיסיס רעלי נאָכ־געשריגן שיינדלען און נישט פאַרשטאַנען, וואָס די שכנטע איז אַזוי גיך אַוועק פון איר, נישט געוואָלט אַפילו רעדן וועגן די קינדער, כאָטש זי איז אַזאַ געטרייע מוטער. נישט אַנדערש נאָר ס׳פּאַסט איר נישט זיך מיט איר אָפּצוגעבן און זי וויל נישט די קינדער זאָלן זיך שפּילן צוזאַמען. דאַכט זיך, אַ פּרעמדע אין לאַנד און וויל שפּילן די ראָל פון אַ גרויסער מאַדאַם!

ביי שיינדלען האָבן זיך געבראָכן די פּיס. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז די שכנטע מוז צו איר האָבן תרעומות, ווייל זי איז פון איר אַזוי פּלוצים אַנטלאָפן. און דאָס טוט זי נישט דאָס ערשטע מאָל. וואָס קען זיך טאַקע יענע פון איר טראַכטן? זי זעט, אַז שיינדל איז אַ פּרעמדע אין לאַנד און זי וויל איר אַרויסווייזן פריינטלעכקייט, וויל זיין גוט צו איר און צום סוף צעברעכט שיינדל אַלץ מיט די אייגענע הענט. און פאַרוואָס אַנטלויפט זי טאַקע, שיינדל, ווען יענע ווייזט איר אַרויס אַזויפיל גוטסקייט?...

אויב שיינדל האָט זיך ביז איצט אַליין אַביסל געשעמט פאַרוואָס זי ציטערט אַזוי איבער די קינדער, פאַרוואָס זי באַגלייט זיי יעדן טאָג אין דער שול, איז איר מיטאַמאָל אינגאַנצן קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זי טוט דאָס. יעדע מינוט, וואָס זי קען האָבן אַן אויג אויף די קינדער, איז ביי איר טייער. זי פילט זיך נאָך אַלץ אַזוי איינזאַם אין דעם שטעטל, וואָס האַלט זיך אין איין בויען — אָבער צו איר האָט דאָס אַלץ קיין שום שייכות נישט. עס איז שוין כמעט נישט בנמצא אַ חורבה אין דעם שטעטל. און ווען זי איז אַהער אָנגעקומען, זענען נאָך אין די געסלעך געשטאַנען חורבות. די פּרוכקע ווענט פון די קליינע הילצערנע הייזלעך האָבן זיך געהאַלטן

אין צעפּאַלן און זענען איינגעזונקען אין דער ערד געווען, ווי האַלב־פאַרשיטע סקעלעטן פון חיות. פון די פאַרקלאַפּטע טירן און פענצטער האָט געיאָגט אַ פּחד און שיינדלען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרטן וווינען נישט־גוטע... היינט קומען צו נייע הייזער אין דעם שטעטל. ס׳איז שוין דאָ טעלעפאָן און עלעקטרי. אין דער שול, ווו ס׳האָבן אַמאָל געלערנט בלויז געציילטע קינדער, קומען צו אַלעמאָל נייע שילער. אויף דער הויפּט־גאַס וואַקסן צו נייע געוועלבער. אָבער צו איר האָט דאָס אַלץ עפּעס קיין שום שייכות נישט. זי קען זיך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז זי לעבט דאָ בלויז אויף דערווייל. אַלץ איז אַ חלום און איין שיינעם טאָג וועט זי זיך צוריק אויפכאַפּן אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע... זי האָט מורא, אַז וואָס מער ס׳וועלן צוקומען נייע איינוווינער אין דעם שטעטל, אַלץ מער וועלן זיך אירע קינדער דערווייטערן פון איר. ווייניק טוט איר מאָרי אָן צרות, ווען ס׳קומט „קריסטמעס”! ער רייסט זיך צו גיין אין דער „טשערטש” צוזאַמען מיט מיסים רעלים קינדער. מאָרי איז אינגאַנצן אַנדערש פון די יינגלעך אין זיין עלטער און ער האַלט זיך אין איין פרעגן פאַרשידענע קשיות. אַפילו איר מאַן, הערש, קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די אַלע פראַגן, וואָס דאָס יינגל שטעלט כסדר. צוליב די קינדער וואָלט זיך הערש געמעגט אַנדערש אויפפירן. כאָטש שיינדל איז נישט געווען קיין פרומע, האָט זי אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אַ יידישער שטוב. דעם מאַן איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען, די „ביזנעס” האָבן אים אינגאַנצן פאַרשלונגען. זי האָט אָבער גוט געדענקט, וואָס זי האָט צוגעזאָגט גאָט, ווען זי האָט זיך דערמאַלט, אין דער פינצטערער נאַכט, געשלעפּט אַליין אין שפּיטאָל אַריין...

שיינדל איז שוין געשטאַנען פאַר איר הויז, זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז זי מוז צוגרייטן דעם „לאַנטש”, וואָס זי דאַרף טראָגן פאַרן מאַן און דער טאָכטער אין געשעפט.

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעטלעך. אויפן פאַרהויכטן, סוף־ווינטערדיקן הימל איז אַרויסגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטע זון. פון דעם טאַרטאַק האָט זיך דייטלעך געהערט דאָס געקלאַפּעריי פון די זעגן. דער רויך פון די קוימענס האָט זיך געדיכט

געקנוילט איבער די קרוינען פון די ביימער און פאַרשטעלט אַ שטיק הימל איבערן שטעטל. אינם גאָלדענעם שטויב פון דער סוף־ווינטערדיקער, קאַלטער זון האָבן זיך געטיקט די בערג פון די פאַרשיטע גאָלד־גרובנס...

קאפיטל צוויי

# דער „קריסטמעס"-בוים ביי הערש זעלינג אין הויז

שוין מער ווי א וואך צייט האט הערש זעלינג באמערקט, אז שיינדל דרייט זיך ארום אן אנגעדרורדלטע און רעדט נישט ארויס צו אים א ווארט. הערש האט געוווסט, אז דאס וויב זיינס איז א פארשלאסענע, רעדט ווייניק, דערציילט וויי־ניק און טאמער באריערט איר עפעס, וועט זי זיך אזוי שנעל פאר קיינעם נישט ארויסעדן פון הארץ — אפילו נישט פארן אייגענעם מאן. דאס זעלבע איז מיט איר, בשעת זי איז קראנק. זי וועט קיינמאל נישט גיין צו א דאקטאר, כדי זיך אים צו פרעגן עפעס אן עצה. זי וועט גיכער ארומגיין מיט די יסורים, א שווייגנדיק־בייזע און א פארקרומטע — אבער צו א דאקטאר וועט זי נישט אריינגיין. און אז הערש טרייבט זי צום דאקטאר, האט זי צו אים די גרעסטע טענות:

— ער נאר מיט די דאקטוירים — מרוקעט זי אויף אים — ער מיינט, אז כ'בין אזוי ווי ער, וואס לויפט מיט א ליאדע קאפ־וויטיק צום דאקטאר... כ'האב מיך נישט אזוי ליב...

הערש האט געזען, אז שיינדל באהאלט עפעס אויס פאר אים, שטיקט עפעס אין זיך. אבער צו לאנג וועט זי דעם סוד נישט קענען איינהאלטן. זי איז טאקע אן איינגעשפארטע, א פארעקשנטע — נאר איר עקשנות דויערט נישט מער ביי איר ווי א וואך אדער צוויי. און אז די צייט גייט אריבער, שיסט זי אויס אויף אים מיט כעס, מחמת דעם, וואס זי האט איר עקשנות געמוזט ברעכן און רעדט מיט האלבע, נישט־דערזאגטע ווערטער, ער זאל זיך אליין אנשטויסן, וואס זי מיינט.

דאסמאל האט איר עקשנות אנגעהאלטן אביסל לענגער און

הערש האָט זי אַליין געמוזט מינטערן כסדר, זי זאָל אים דער־ציילן, וואָס עס קוועטשט זי.

— כ׳ווייס... — האָט שיינדל, ווי איר שטייגער איז, געמרוזשעט דאָס רעכטע אויג — כ׳זאָל אַזוי וויסן פון צער, צי איך ווייס אַליין, וואָס כ׳האָב דיר צו דערציילן... כ׳זע נאָר, אַז די שכנטע אונזערע, די מיסים רעלי, איז עפּעס צופיל מחותן מיט די קינדער... מיט לעזלין און מיט מאָרין... גאַנצע טעג זיצן די קינדער ביי דער יאַיקלטע אין שטוב... מען סודעט זיך עפּעס הינטער מיינע פּלייצעס... מען באַהאַלט עפּעס אויס פאַר מיר... אַפילו פון פּאולין קען איך קיין וואָרט נישט געוווייער ווערן!

דערהערט וועגן וואָס עס גייט, איז הערש געוווען זיכער, אַז דאָס ווייב האָט זיך אַריינגענומען אַ נייע מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין און זי וויל אים, ווי שטענדיק, דערגיין די יאָרן מיט אירע נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות. זי איז נאָך אַלץ נישט צופרידן מיט אויסטראַליע און אוודאי נישט מיט ראָזמאַר, וואָס איז אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטל. הערש איז געוווען צופיל פאַרנומען, ער זאָל זיך איבערנעמען מיטן ווייבס נייע מעשיות. ס׳איז געוווען אַקוראַט פאַר „קריסטמעס״, אין סאַמע מיטן קאָך און רעש און אַלץ, וואָס ס׳ווייב האָט אים דערציילט, איז אים אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס. פונקט ווי די אַנדערע געוועלבער אין ראָזמאַר, האָט זיך אויך הערש געגרייט צום „קריסטמעס״. ער איז געפאָרן עטלעכע מאָל קיין מעלבורן און איינגעקויפט סחורה פאַר זיין „שאָפּ״. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די „טרעוולערס״, וואָס האָבן אים אַלעמאָל אָנגעבאָטן דאָס, וואָס ער האָט נישט באַדאָרפן.

בעת הערש האָט שוין געהאַט גענוג סחורה צו לייזן אויף „קריסטמעס״, האָט ער זיך צוזאַמען מיט פּאַולינען געשטעלט אויסצירן דאָס שוי־פענצטער. קודם־כל האָט ער צו דער שויב צוגעקלעפּט דאָס בילד פון „פאַטער־קריסטמעס״ מיט דער ווייסער גרויסער באָרד, מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך און מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, וווּ ער טראָגט די מתנות פאַר די קינ־דער. ער האָט אויך אין פענצטער אַריינגעלייגט די אַלע זילבערן־גלעזערנע צאַצקעס — קליינע באַלעמלעך און שטערנס

— וואָס מען טוט אָן אויף די „קריסטמעס"־ביימער. צום סאמע סוף האָט ער אויף דער שויב אָנגעקלעפּט עטלעכע פּאַפּירענע גלאָקן און גרויסע אותיות, וואָס האָבן געוווּנטשן די קונים אַ „מערי קריסטמעס און אַ העפּי ניו יער". בעת ער האָט אָנגעשיט אויף די אַלע אויסגעשטעלטע זאַכן שטיקלעך וואַטע, וואָס האָבן באַדאַרפן דערמאָנען דעם שניי אין ווינטער, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט:

— ס'איז אַ פאַרדרייטע וועלט דאָ... ס'איז אַזוי הייס, אַז מען קען נישט אויסהאַלטן... אין פּוילן איז ניטל־צייט געווען אַזוי קאַלט... אַ געדיכטער שניי איז געלעגן אויף די גאַסן...

בעת הערש האָט דאָס צו זיך אַליין געזאָגט, האָט ער זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים. שוין עטלעכע טעג ווי אַ הייסער מדבר־ווינט האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל און אָנגעטראָגן אויסגעטריקנטע שפּענער און בלעטער פון אַרומיקן „בוש". אויף דעם הימל, וואָס איז אויסגעטריקנט־ווייס, ווי אַן אויסגעבריטער פעלז, שמעלצט זיך די זון און גיסט זיך פאַנאַנדער אין אַ קיילעכדיק־צעפלאַסענעם ראָד. אין דעם הייסן ווינט שאַרכן טרוקן די אָפּגעבראָכענע צווייגן און בלעטער און יאָגן זיך פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אין ראַזמאַר הערן זיך שמועות, אַז פון די היצן האָבן זיך אָנגעצונדן אַ טייל וועלדער און דאָס פייער טראָגט זיך מיט אַ גרויסער שנעלקייט. אין דער לופט פילט זיך דער פאַרדעכטיקער ריח פון רויך און סאַדזע און די ראַזמאַרער תושבים האָבן מורא, אַז דאָס פייער זאָל אַמאָל אַהער נישט אָנקומען...

נאָכדעם ווי הערש מיט דער טאָכטער האָבן אויסגעפּוצט דאָס שוי־פענצטער, האָבן זיי זיך פונדערווייטנס אַוועקגעשטעלט, כדי צו זען, וואָס פאַראַ איינדרוק דאָס פענצטער וועט מאַכן אויף די דורכגייער. הערש האָט מיט די אויגן שנעל אַרומגענומען די אויסדעקאָרירטע פענצטער פון די אַנדערע געוועלבער אויף דער גאַס און זיי פאַרגלייכט מיט זיינעם.

— כ'טו עס בלויז פאַר די קונים... פאַר זיי האָב'ך אויסגעפּוצט דאָס פענצטער... — האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט — אַז מען איז איין ייד צווישן לויטער גויים, איז זייער נישט גוט... מען קען נישט זיין קיין יוצא מן הכלל...

הערש האָט זיך אַלץ נישט געקענט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די חנא פון הייליקן מיקאַלאַי זאָל אויסקומען אינמיטן זומער.. ווען דאָס „גאַיעס" אין וואַרשע האָט געפּראַוועט די חנא איז געווען ווינטער אויף דער וועלט און אין די יידישע שטובן האָט מען געפּרעגלט לאַטקעס, געשפּילט קאָרטן. די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך געשפּילט אין דריידל, ווייל אין דער צייט איז פּונקט אויסגעפאַלן חנוכה. „יאָסל פּאַנדריק" האָט דענסמאָל געוואָלט ווייזן זיינע קונצן, געוואָלט פליען הויך — אָבער ער איז פון זיינע הויכן אַראָפּגעפאַלן...

בשעת הערש זעלינג איז געשטאַנען אויף דער גאַס און ער האָט געקוקט אויפן אויסגעפּוצטן שוי־פענצטער פון זיין געשעפט, מיט דעם „פאָטער קריסטמעס" צוגעקלעפּט צו דער שויב, האָט ער זיך מיטאַמאָל דאָ דערפילט זייער פרעמד. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גלאָקן אויף די פענצטער האָבן זיך צעקלונגען און רופן אים אין קלויסטער אַריין. ער שווימט איינער אַליין אינמיטן אַ צעשטורעמטן ים און די כוואַליעס ווילן אים ערגעץ אַוועקשלעפּן, ווילן אים איינשלינגען. און פּלוצים האָט זיך אין דער ווייסער גרויסער באָרד פון דעם „פאָטער קריסטמעס" אַריינגעשטעלט דאָס פּנים פון זיין שווער ר' מרדכי־משה פון וואַרשע, וואָס איז געווען אַ פרומער ייד און איז מיט שיינע יאָרן צוריק אַוועק פון דער וועלט. אַנשטאָט דער פּוטערנער קוטשמע פון „פאָטער קריסטמעס" האָט ער געזען דאָס סאַמעטענע יידישע היטעלע פונם שווער.. ס'איז אַ ווינטערדיקער שבת־צונאַכטס... ר' מרדכי־משה איז נאָך נישט זיין שווער... ער איז אַ פאַבריקאַנט אויף די נאַלעווקעס, און ער, הערש, אַ „משרת" אין אַ שניט־געשעפט אויף גענשע, קומט צו אים איינקאַסירן דאָס געלט, וואָס עס קומט זיין באַלעבאָס. אין די שטובן פון ר' מרדכי־משהן פילט זיך נאָך דער שבת אין אַלע ווינקעלעך, וואָס לאָזט נישט צו די וואָך... די שבת־לייכטער זענען נאָך נישט אַוועקגערוימט און זיי שטייען אויף דער מאַסיווער דעמבענער קאָמאָדע. מען פילט, אַז פון טיש האָט ערשט מרדכי־משהס ווייב אַראָפּגענומען דאָס שבת־דיקע טישטוך. אויף דער וואָכעדיקער סעראַטע וויגן זיך נאָך עטלעכע טראָפּנס ווייז, וואָס ר' מרדכי־משה האָט אויסגעגאָסן

בעתן מאַכן הבדלה. עס שפּירט זיך דער זיסלעך־שאַרפער ריח פון דער בשמים־ביקס. אין שטוב איז וואַרעם. דורך די שוואַרצע שויבן קוקט אַריין אַ ווייס־פאַרשנייטער דרויסן... ר׳ מרדכי־משה טראָגט דאָס שבתדיקע סאַמעטענע היטל, אָבער ער האָט שוין אָנגעטאָן דעם וואָכעדיקן כאַלאַט. ער זיצט בײַם טיש, נעמט אַפּיר פון אונטער דער סעראַטע פאַרשידענע פּאַפּירן און בריוו און סדרט זיי אויס. אויף דער סעראַטע טורעמען זיך שטויסלעך פּאַפּירן־געלט און זילבערנע מטבעות. ר׳ מרדכי־משה ציילט דאָס געלט, טיילט אײַן פאַר יעדן סוחר צוביסלעך, כדי אויסצוצאָלן די חובות פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. ער גיט אויך דעם ווייב געלט אויף דער קומענדיקער וואָך, אויס־צוהאַלטן דאָס הויז...

אַ צייט לאַנג וואַרט הערש, ביז ר׳ מרדכי־משה ווערט פאַרטיק מיט אַלץ און ער ווײַזט אים אָן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך צוזעצן לעבן אים. בעת הערש רעדט צו הויך, מענטשלט זיך און מעשה גרויסער סוחר פאַרוקט ער ווילעריש דאָס יידישע היטעלע הויך אויפן שטערן, גיט אים דער אַלטער אַ מעסט אָפּ מיט זײַן צוגעמרוזשעט־קלוגעטשקע אייגל און זײַן גרויסע ווײַסע באָרד שמייכלט אַלץ־ווייסעריש. ער ווייסט, אַז ער, הערש, פאַרייסט אַזוי דאָס קול, מחמת עס זיצן אין דער אַנדערער שטוב שיינדל מיט אירע חברטאָרינס. אויך זיי, די מיידלעך, אין דער אַנדערער שטוב לאַכן עפּעס צו־הויך און דאָס איז דערפאַר, ווײַל זיי הערן, אַז עס איז געקומען דער הויכער שוואַרצער יונגערמאַן, דער „משרת" פון דער גענשע, אײַנצוקאַסירן דאָס געלט פאַר זײַן באַלעבאָס. דער יונגערמאַן האָט אַ פּאָר ברוינע, ציגײַנעריש־ברענענדיקע אויגן, שמאָלע באַקן־בערדלעך און די שוואַרצע גזשיווע גנבעט זיך אים אַפּיר ווילעריש פון אונטערן אַביסל אויף אַ זײַט פאַרוקטן יידישן היטעלע. די מיידלעך ווייסן, אַז בײַ דער גאַנצער סוחרישער זיכערקייט, וואָס עס פאַרמאָגט דער פלינקער גענשער „משרת", איז ער זייער שעמעוודיק, ווען ער טרעפט זיך פּנים־אל־פּנים מיט מיידלעך. ער איז בלויז אַ קנאַקער, ווען ער רעדט מיט שיינדלס טאַטן; בײַ אים ווײַזט ער אַרויס זײַנע אַלע סוחרישע קענטעניש — אָבער אַז ער באַגעגנט זיך צופעליק מיט שיינד־

לען, לאָזט ער אַראָפּ זײַנע ציגײַנעריש־ברענענדיקע אויגן צו דער ערד און ער מורמלט אויף פּויליש:

— פּשעפּראַשאַם...

הערש האָט אַרויסגעפֿילט, אַז שײַנדל וויל אים נישט און איר באַגער איז צו נעמען אַ יונגערמאַן, וואָס קען שײַן רעדן און טראָגט נישט קיין יידיש היטל. צווישן אירע חברטאָרינס הייסט שײַנדל „שאַנטשע” און זי רעדט פּויליש... אַלע שבת־נאָכמיטאָג גייט זי מיט אירע „קאָלעזשאַנקעס” אַרויס אויף דער נײַער־וועלט שפּאַצירן און דאָרטן באַקוקן זיי די שײַנע „וויסטאַוועס”... בײַנאַכט גייט זי אָפּט אַרויס אויף „אַ לעקציע טאַניעץ”, וווּ זי טרעפט די בחורים, וואָס טראָגן שוין „דײַטשע” קאַפּעליושן...

נאָר הערש האָט זיך דערפֿאַר נישט אָפּגעשראָקן און נישט אויפגעהערט צו קומען אײַנקאַסירן דאָס געלט אַלע שבת־צונאַכטס צו ר' מרדכי־משהן, און דעם אַלטן האָט מען קיין פינגער אין מויל נישט געדאַרפט לייגן, אַז ער מיינט נישט אַזוי ווײַט די הגדה ווי די קנײדלעך... און דער יונגערמאַן, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן אַ „געביפּטער סוחר” איז אים טאַקע געפֿעלן געוואָרן; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אָנפּאַרטרויען זײַן טאָכטער אין זיכערע הענט...

אָבער נאָך דער חתונה האָט זיך דער שווער אַרומגעזען, אַז ער האָט גאָרנישט געטאָן אַזאַ גוטן שידוך און ער האָט זיך נישט געדאַרפט אַזוי צערײַסן דעם יאַשטשיק, אַז שײַנדל זאָל חתונה האָבן מיט הערשן. הערש איז טאַקע געווען אַ געביפּטער סוחר, אָבער נאָך דער חתונה האָבן זיך פֿאַר אים אָנגערוקט שלעכטע צײַטן און ס'איז אים נישט געגאַנגען. בשעת הערש האָט זיך אײַנגעשפּאַרט צו פֿאָרן קיין אויסטראַליע, האָט ־יך דער שווער צוליב גרויס פאַרדרוס נישט געמישט צו אים. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז אים קוים עפּעס געבליבן פונם נדן. יידן האָבן אין אויסטראַליע טאַקע שײַן פּרנסה — אָבער ווי האַלט עס דאָרט מיט יידישקייט? וועט ער, הערש, דאָרט אין דער פרעמד, זײַן אַ ייד? האָט ער דאָך שוין אין וואַרשע, באַלד נאָך דער חתונה, אַראָפּגעוואָרפן דאָס יידישע היטל און זיך אָנגעטאָן אַ „דײַטשן” קאַפּעליוש... דאָס יידישע היטל האָט

ער ביז צו דער חתונה געטראָגן בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין טאַטן. ביי אים אין שטוב היט מען נישט אָפּ דאָס יידישקייט...

די אַלע זאָרגן האָבן זייער מצער געווען דעם שווער — נאָר אַז דער איידעם האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט אָוועקצופֿאָרן, האָט ער זיך צוליב גרויס פֿאַרדרוס מער נישט געמישט צו אים.

בשעת הערש איז אַזוי געשטאַנען פֿאַר זיין געוועלב און געזען דאָס בילד פֿון דעם „פֿאַטער קריסטמעס" אין פֿענצטער, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפֿילט שטאַרק שולדיק קעגן שווער. ווען דער שווער שטייט אויף פֿון קבר און גיט אַ קוק אויף דעם אַלעמען, וואָלט ער זיך באַלד צוריקגעלייגט אין קבר אַריין.

הערש איז אַריינגעגאַנגען אין „שאָפּ". ס'איז שוין געווען די צייט פֿון פֿאַרמאַכן דאָס געוועלב. דאָס לייזן פֿאַר די חגאות איז נאָך נישט געווען אינמיטן ברען. אויב ס'קומען עטלעכע פֿאַרמערס אין שטעטל אַריין, קומען זיי שפּעט. זאָל ער וואַרטן אויף זיי? די גויאישע געוועלבער וואַרטן נישט — אַז ס'קומט די צייט צו שליסן, ווייסן די אויסטראַליער נישט פֿון קיין שום קונצן און זיי איילן זיך אַהיים אויף „טי". זאָל ער, דער איינציקער יידישער באַלעבאָס פֿון אַ געשעפֿט אין שטעטל, וואַרטן אויף די פֿאַרשפּעטיקטע פֿאַרמערס? וואָס דאַרף ער אַזוי שטאַרק איינרייסן? צוליבן איינרייסן האָט מען אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן קרום און ער האָט זיך קאַליע געמאַכט דעם שם. אָט איילט זיך די טאָכטער אָוועקצוגיין און אָנשטאָט צו גיין מיט איר אַהיים, וועט ער נאָך בלייבן זיצן אין „שאָפּ", כדי אַריינצוכאַפּן דאָס לייזעכץ פֿון די עטלעכע פֿאַרמערס און פֿון די טאַרטאַק־אַרבעטער, וואָס ווינען אין „בוש" און קומען אין שטעטל אַריין אויסצוציען אַ פּאָר גלעזלעך ביר און אינאיינוועגס איינצוקויפֿן זייערע הצטרכותן.

— ווו גייסטו, פּאָולין?... ווו איילסטו זיך אַזוי?... — האָט מיסטער זעלינג, אַ פֿאַרזאָרגטער, געפֿרעגט די טאָכטער — וואַרט צו אַביסל... נאָך אַ פּאָר מינוט און מיר וועלן צוזאַמען אַהיים גיין... וואָס איז די האַרי?!...

— וואָס ווילסטו פֿון מיר?... — האָט זיך די טאָכטער אַ

וואָרף געטאָן — שוין צייט צו פאַרמאַכן די שאָפּ! פאַרוואָס האָבן שוין די אַנדערע פאַרמאַכט... כ'האָב פיינט דיינע גע־ווינשאַפטן... מוזט שטענדיק זיין דער לעצטער! מען רעדט שויז וועגן אונז אין שטאָט... טעריבל...

— וואָס רעדט מען אויף אונז?... האָב איך וועמען באַ־גנבעט?... — איז מיסטער זעלינג אויפגעשפּרונגען, אַ צערייצ־טער, ווייל די טאָכטער האָט אויפגעדעקט זיינע מחשבות און אים געטראָפן אין פּינטל אַריין — אויפגעכאָוועט אַ שונא ביי זיך אין שטוב!... פאַר וועמען אַרבעט איך, אַז נישט פאַר דיר!...

הערש האָט זיך געקאָכט, זיך נישט געקענט באַרואיקן, אָבער די טאָכטער האָט זיך פון אים נישט געמאַכט. מיט פיל צופֿרידנקייט איז זי געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך גע־דרייט אַ לאָק פון אירע העל־געפאַרבטע, רויטליך־בלאָנדע האָר מיט אַזאַ רואיקייט, ווי דעם טאַטנס פאַרדרוס וואָלט צו איר אינגאַנצן קיין שייכות נישט געהאַט. דערנאָך איז זי ווי קיינ־מאָל גאַרנישט אַרויס פון „שאָפּ".

מיסטער זעלינג האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שוין שליסן דאָס געשעפט, מיטגיין מיט דער טאָכטער, זי אָפּהיטן. כמעט אַלע נאַכט פאַרשווינדט זי ערגעץ און ער ווייסט נישט ווו זי גייט. איינמאָל איז ער איר נאָכגעגאַנגען און זי געטראָפן טאַנצן אין אַ „האָל" מיט אַ חברה שקצים. אָבי זי גייט נישט אַרויס מיט איינעם — פון דעם איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן.

אַז הערש האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט, איז ער פונדעסט־וועגן נאָך געבליבן אַ שטיקל צייט אין געשעפט. ער האָט געהאַט געוווּנט וואָס צו טאָן. ער קען זיך אַלץ נישט אָפּגעוווינען פון דער אַרבעט און ער איז נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק פאַרנומען, פּונקט ווי אין די ערשטע צייטן, ווען ער איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין. איין אונטערשיד איז בלויז פון דעמאָלט ביז היינט — ער גייט מער נישט „האָקן" מיט די שווער־אָנגעלאָדענע וואַליזעס צו די פאַרמערס אין די דערפער. אָבער אין די ערשטע צייטן, ווען ער האָט שווער געאַרבעט, האָט קיינער נישט געקוקט אויף אים קרום און קיינער האָט אים נישט מקנא געווען. פאַרקערט, מען האָט אים כסדר צוגעגעבן

קוראַזש און אין זיין געוועלב זענען געקומען אַ סך קונים, וואָס האָבן גיכער געקויפט ביי דעם ייד, ווי ביי אַן אייגענעם.

— גיוו אים אַ טשענס... פור פעלאָו... אַ שטילער מענטש...

— האָבן די שטעטלדיקע תושבים גערעדט צווישן זיך — פוילן איז אַן אָרעם לאַנד... מען האָט אים דאָרט גערודפט... ער איז אַ פרעמדער ביי אונז און מען דאַרף אים אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט... אויסטרעליאַ איז אַ פרי קאַונטרי...

אַ סך קונים זענען געקומען צו אים אין „שאָפּ" אַריין, געקויפט אַ העמד, אַ לייבל, בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אים געוואָלט אָנקוקן. זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין ייד און פיל געלייענט וועגן יידן אין דער „בייבל"... אפילו דער גלח פון שטעטל, אַן אַלטער ענגלענדער, איז געקומען צו אים אַלעמאָל עפּעס קויפן און ער האָט פאַרפירט מיט אים לאַנגע שמועסן. ער האָט אַריינגעמישט העברעאישע פּסוקים אין זיין רעדן און אַרויסגעוויזן אַזויפיל בקיאות אין דער „בייבל", אַז הערש איז געבליבן הינטערשטעליק און זיך פאַר אים פאַרשעמט...

צומיינסטנס פון אַלע האָבן אים אַרויסגעוויזן איבערגעגעבנקייט די שכנים פון דעם געסל, ווו ער האָט געוווינט: ראָן אָזמען — דער גאָלד־גרעבער און דיק — דער „טראַק־דרייווער", וואָס האָט געאַרבעט אין טאַרטאַק. מחמת דעם, וואָס זיי זענען געווען זיינע נאָענטסטע שכנים אין געסל, האָבן זיי זיך מיט אים צומייסטנס פאַרנומען. דיק דער „טראַק־דרייווער", וואָס איז געווען אַזוי הויך, אַז ער האָט זיך געמוזט איינבייגן, ווען ער האָט צו אים גערעדט, איז געווען אַ גרויסער שווייגער און ער האָט אים כסדר געקלאַפּט איבער די פּלייצעס און איבערגעחזרט בלויז די פּאָר ווערטער:

— יו וויל בי־אָל־רייט, מיסטער זעלינג... — וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן ביי אונז...

ראָן דער גאָלד־גרעבער, וואָס דאָס ווייב איז אים אומגעקומען בעת אַ וואַלד־שׂרפה, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי אָפּגעזונדערט פון מענטשן און דער קאָפּ האָט נאָך ביי אים גוט געאַרבעט. ער האָט כסדר געפּיפּקעט דאָס האַלב־פאַרברענטע פּייקעלע, וואָס האָט ביי אים געל

אָפּגעזעגקט נישט נאָר די באָרד־און־וואָנסעס, נאָר אַפילו די לאַנגע האָר אויף זיין קאָפּ און ער האָט שטאַרק געלויבט דאָס פּאָלק פון דער „ביבל". ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַ מעשה מיטן ייד סאָלי דעם גאָלד־גרעבער, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק געטראָפן אין באַלאַראַט. ער האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין די גאָלד־גרובנס, און איינמאָל, בעת אַ געשלעג, האָט מען באַמערקט, אַז דער ייד טראָגט אונטער זיין העמד „פרינדזשעס" — אַ לייב־צודעקל מיט ציצית. דאָן האָט דווקא געוואָלט וויסן, צי דער מיסטער זעלינג טראָגט אויך אונטער זיין העמד „פרינדזשעס", ווי עס האָט געטראָגן סאָלי דער גאָלד־גרעבער.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס האָט ראָן געפרעגט הערשן צו וואָס פּאַרא „טשערטש" ער געהערט און צי ער וועט זונטיק קומען אין דער קירך אַריין.

הערש, וואָס איז בטבע געווען אַ שעמעוודיקער און האָט זיך פונדעסטוועגן מיט זיין שעמעוודיקייט אומעטום דערשלאָגן, האָט אינגאַנצן נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נישט געוווסט, ווי זיך אַרויסצודרייען פון גאַנצן עסק. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים און כסדר געדאַנקט פאַר דער גאַסט־פריינטלעכקייט:

— אַ דאַנק... האָט ער פאַרלעגן געמורמלט — טענקיו...

דאָס איז אָבער אַלץ געווען פון אָנהויב, ווען הערש און זיין הויזגעזינד זענען אָנגעקומען קיין ראַזמאַר. אָבער זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און עס האָבן זיך אויסגעלאָזט פאַרשידענע צרות אויף יידישע קעפּ, האָבן די אויסטראַלישע שכנים אָנגעהויבן צו קוקן מיט חשד אויף דער יידישער משפחה, וואָס האָט זיך באַזעצט צווישן זיי. נישט איינמאָל האָט מען שוין דעם מיסטער זעלינג געגעבן אָנצוהערן מיט האַלבע, נישט־דערזאָגטע ווערטער, אַז די יידן יאָגן זיך נאָך געלט און זענען קאַרג. זיי אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, כדי וואָס שנעלער רייך צו ווערן.

מיסטער זעלינג האָט פאַרמאַכט די „שאָפּ". בשעת ער האָט אַרויפגעטאָן די שלעסער אויף די טירן, האָט ער זיי פיל מאָל אַ באַטאַפּ געטאָן, כדי צו זיין זיכער, אַז ער האָט

גוט פאַרמאַכט. ער האָט פון דער געוווינשאַפט געוואָלט פּטור ווערן — אָבער ער האָט נישט געקענט.

אויף דער גאַס איז געווען פּוסט. די היים־אָנגעגליטע טראָטואַרן זענען געווען אָפּגעקערט. אַלע געוועלב־אייגנטימער זענען שוין לאַנג אַוועק אַהיים אויף אָוונט־ברויט. לעבן דער פאַרמאַכטער שענק האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. די מענטשן האָבן זיך צוליב דער היץ באַהאַלטן אין די הייזלעך מיט די טיף־אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן, וואָס האָבן במשך פון טאָג נישט צוגעלאָזט די ברענענדיקע זון־שטראַלן. דער רויטער מדבר־ווינט האָט מיד געבלאָנדזשעט צווישן די פּוסטע געסלעך און געברענגט צו טראָגן פון „בוש" אַלעמאָל נייע אָפּגעבראָכענע עקאַליפּטוס־צווייגלעך און אָפּגעדאַרטע בלעטער. אין דער שטילקייט האָט זיך גאָר דייטלעך געהערט דאָס דינע צישען פון די זעגן אין טאַרטאַק, וואָס האָט געאַרבעט „אָווערטיים"...

אַז הערש איז אָנגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. געוויינטלעך זיצט דאָס בני־בית ביים טיש און וואַרט אויף אים, ווען ער קומט אַהיים. פּלוצים איז פון ערגעץ אָנגעקומען שיינדל און באַלד ביי דער טיר האָט זי אים געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט געזאָגט. הערש האָט דאָס געקענט אַראָפּלייענען פון איר בלאַס, פאַרזאָרגט פּנים. זי האָט אים נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש פאַר עסן. עפּעס ווערט זי פון טאָג צו טאָג אומרואיקער, פרומער, כאָטש זי האָט פון יידישקייט געוווּסט אַ סך ווייניקער פון אים. זי האָט כסדר מורא געהאַט פאַר עפּעס. נישט איינמאָל איז זי ביינאַכט אויפגעקומען אינמיטן בעסטן שלאָף און געמורמלט:

— כ'האָב מורא, הערש... כ'וויים אַליין נישט פאַרוואָס כ'האָב מורא...

בשעת די קינדער זענען אַריינגעקומען און שווייגנדיק זיך געזעצט אַרום טיש, ווי אויף אַ באַפעל, האָט מיסטער זעלינג אויך אין זיי באַלד דערקענט, אַז עפּעס איז געשען, וואָס מען פאַרשווייגט פאַר אים. די קינדער זענען געווען צו־שטיל און זייערע בליקן האָבן פאַרשטעלטערהייט געבלאָנדזשעט דאָ אויפן טאַטן און דאָ אויף דער מאַמען. די שטילקייט אין דער שטוב

איז געווען אָנגעלאָדן מיטן אָנקומענדיקן שטורעם. הערש האָט געהייסן דער טאָכטער, פּאולין, אויפמאַכן דאָס פענצטער און די טיר, ס'זאָל אַריין אַביסל לופט, ווייל די שטיקנדיקע היץ אין שטוב איז געווען נישט איבערצוטראָגן.

אַז שיינדל האָט דערלאַנגט די זופּ, האָבן ביי איר זיך געטרייסלט די הענט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. איר קינדערישע קיילעכדיקע גאָמבע האָט ביי איר שטאַרק געציטערט און די אויגן זענען געווען ביי איר פאַר־וואָלקנט.

— מזל־טוב... — האָט זי שטיל געזאָגט –- אונזער מאָרי האָט זיך שוין אַריינגעבראַכט אַ כאַינקע אין שטוב אַריין... דעם „קריסטמעס"־בוים האָט אים געגעבן די מיסיס רעלי... דאָס איז געווען דער סוד, וואָס מען האָט פאַר מיר כסדר באַהאַלטן... דאָס קינד פרעגט פאַרוואָס עס קען האָבן אַ „קריסטמעס־טרי" באָב און דזשין רעלי און פאַרוואָס ער טאָר נישט האָבן... וואָס איז ער עפּעס ערגער פון זיי! אין דער שול האָט מען אים אָנדערציילט וועגן פאָטער „קריסטמעס" און וועגן די מתנות, וואָס ער וועט ברענגען די קינדער!... נו, וואָס זאָגסטו נישט צו דעם, הערש!

מען האָט שוין מער נישט געגעסן, די זופּ איז געבליבן שטיין אויפן טיש. הערש איז אַריין צו די קינדער אין שטוב, וווּ עס איז לעבן מאָרים בעט געשטאַנען דער „קריסטמעס"־בוים, אויסדעקאָרירט מיט קאָלירקע ליכטלעך און מיט פאַר־שידענע גאָלדענע און זילבערנע צאַצקעס, וואָס האָבן שימערירט מיט אַלערליי פאַרבן. דער בוים איז געשטאַנען נאָענט פון דער וואַנט, ווו עס זענען געהאַנגען די בילדער פון די באַרימטע אויסטראַלישע פוטבאָליסטן און „קריקעט"־שפּילער — די ליבלינגען פון די איינוווינער אין שטעטל.

ביי מאָרין האָבן הענט און פיס געציטערט. זיין שמאָלער, דינער, אויף זיין עלטער אַביסל צו הויכער גוף האָט זיך געוויגט, ווי אַ פריש־פאַרזעצט ביימל, געשליידערט פון ווינט. זיינע קינדעריש־גרויסע, גרין־וואַסערדיקע אויגן זענען גרעסער געווען, ווי געוויינטלעך און זענען געווען בלאַס פון שרעק. ער האָט

גענוי נישט געוווסט וואָס מען וויל פון אים האָבן. אָבער איין זאַך האָט ער גענוי געוווסט, אַז ער וועט באַשיצן דעם „קריסטמעס"־בוים מיט אַלע זיינע קינדערישע כוחות. ער האָט זיך טאַקע נאָענט צוגערוקט צו אים, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרשטעלן, אויסבאַהאַלטן פאַרן פאָטערס בליק. ער האָט דאָ, פול מיט זאָרג, געקוקט אויפן פאָטער און דאָ האָט ער, פול מיט געבעט, געקוקט אויף לעזלין און פאולין, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון זיי הילף. אָבער קיינער איז אים נישט צו הילף געקומען. פאולין האָט, ווי איר שטייגער, מיט איר קוויטשיק, נישט־נאַטירלעך קולעכל, קורץ און אָפּגעהאַקט זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל אין אַ געלעכטער און לעזלי האָט געקוקט ערגעץ אין אַ זייט, ווי די גאַנצע מעשה וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט. לעזלים שיין, גלאַטיק ליאַלקע־פּנימל מיט די ברוינע אויגן און טונקעלע האָר האָט גאָרנישט געגעבן צו דערקענען אין זיך, אַז עס זאָל אים עפּעס באַרירן. ער האָט, ווי אַלעמאָל אין אַן עת־צרה, זיך געוואָלט ריינוואַשן און איבערגעלאָזט דעם ברודער אַליין. פאולינס געמאַכט, קינסטלעך געלעכטערל האָט נאָך שאַרפער אָנגעצויגן די געשפּאַנטע שטילקייט.

הערש האָט זיך, אַ מידער, אַוועקגעזעצט אויף מאָרים בעט, זיך געווישט דעם שוויים פון שטערן, פון האַלז. אויף זיין צעקנעפּלט העמד זענען די שוויים־פלעקן כסדר גרעסער געוואָרן. אין דער שטוב פון די קינדער איז די שטיקנדיק־פאַרנע היץ געווען שטאַרקער ווי אין די אַנדערע שטובן. הערשס ברוינע אויגן האָבן זיך געצונדן, די שוואַרץ־אַפּלען האָבן זיך פאַרגרעסערט, פאַרטונקלט מיט כעס זיין בליק. מען האָט געזען, אַז ער פירט מיט זיך אַ לאַנגן ויכוח. ביסלעכוויין האָבן זיך זיינע אויגן צוריק אויסגעלייטערט, געוואָרן העלער און ער האָט זיך אָנגערופן צו מאָרין מיט מילדקייט אין קול:

— הערסט, מרדכי־משה... — האָט הערש אָנגערופן מאָרין מיטן יידישן נאָמען — דו זאָלסט אַרויסנעמען דעם „קריסטמעס"־בוים פון שטוב... גיב אים צוריק אָפּ דער מיסיס רעלי... זאָל זי דיר נישט טאָן קיין טובות... דו ביזט אַ ייד! יידן גלויבן נישט אין קיין פאָטער־„קריסטמעס" און נישט אין קיין „קריסטמעס"־ביימער. אַז וועסט עלטער ווערן, וועסטו

דאָס אַליין פאַרשטיין... דערווייל דאַרפסטו טאָן דאָס, וואָס מען הייסט דיך! ביזט דאָך נישט קיין נאַריש ייִנגל!...

אַנשטאָט צו ענטפערן, אַנשטאָט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט, האָט מאָרי מיט עקשנות פאַרקוועטשט זיינע פולע ליפּן און ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויס־צופּלאַצן אין אַ געוויין. ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, מיט אַ שנעלער האַנט־באַוועגונג כסדר אַרויפגעשאַרט דאָס בינטל בלאָנדע האָר, וואָס איז אים צולהכעיסדיק געפאַלן אין די אויגן אַריין — און ער האָט דעם „קריסטמעס"־בוים נישט אַרויסגעטראָגן פון שטוב.

הערשן איז אַ פרישער כעס באַפאַלן און ער האָט אַליין געוואָלט אַרויסטראָגן דעם בוים פון שטוב. אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן, נישט געוואָלט נאָך מער צערייצן דאָס ייִנגל. אַ פאַרלוירענער האָט ער געקוקט אויפן ווייב — אָבער ער האָט אין איר פּנים בלויז געפונען פאַרוואורף. האָט ער דאָך אַליין ערשט אויסדעקאָרירט דאָס געשעפט פאַר די חגאות. קיינער וואָלט נישט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז אַ ייִדישע „שאָפּ". אמת, ער טוט דאָס בלויז פאַר פּרנסה — נאָר גיי גיב דאָס צו פאַרשטיין דעם קינד... וואָס האָט ער דען ביז איצט געטאָן, די קינדער זאָלן וויסן, אַז זיי זענען ייִדן? איצט פאַלט אויס חנוכה, האָט ער די קינדער דערציילט וועגן די חשמונאים, וועגן דעם באַטייט פון חנוכה? מאָרין וואָלט דאָס זיכער אינטערעסירט... ער וואָלט זיך צו די מעשיות צוגעהערט מיט מויל און אויערן. לעולם איז מאָרי אַ ווויל ייִנגל, אַ געהאָרכזאַם קינד. ער הערט זיך צו מער צו טאַטע־מאַמע ווי די איבעריקע קינדער. וואָס־זשע האָט ער, הערש, געטאָן, אַז דאָס ייִנגל זאָל וויסן עפּעס וועגן ייִדישקייט? ער איז כסדר געווען אַזוי פאַרנומען מיט די „ביזנעס", אַז ער האָט גאָרנישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך!...

ביז שפּעט ביינאַכט איז מיסטער זעלינג געזעסן ביי די קינדער אין שטוב, נישט געהערט דאָס ווייב, וואָס האָט אים כסדר געמינטערט ער זאָל זיך גיין לייגן און ער זאָל לאָזן די קינדער זיך לייגן שלאָפן. אַז הערש האָט זיך אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות, האָט ער באַמערקט ווי לעזלי איז געלעגן

אויפן בעט און איז געשלאָפן אין אָנטועכץ. פּאולין האָט זיך, ווי געוויינטלעך, אויסגעבעטן אין דער „לאָונטש־רום”. נאָר מאָרי איז נישט געשלאָפן. אַ מידער איז ער געזעסן אויפן בענקל, און כאָטש די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט פון שלאָף, האָט ער זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. בשעת הערש האָט זיך שטילערהייט אויפגעהויבן פון אָרט און אַרויסגעטראָגן דעם „קריסטמעס”־בוים פון שטוב, האָט מאָרי צוגעשלאָסן די אויגן, זיך געמאַכט שלאָפן. אָבער ער האָט אַלץ געזען, נאָכגעקוקט דעם טאַטן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט ווייטער געפּרוווט פאַרפּרעסן די ליפּן — אָבער ער האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און די טרערן זענען אים גערונען איבער די פאַרשלאָפן־מידע, רויט־צעצונדענע באַקן.

— נו, גיי זיך לייגן שלאָפן, מרדכי־משה... — האָט הערש געזאָגט צום זון — טו זיך אויס... פאַרוואָס וויינסטו?... דו ביזט דאָך נישט קיין נאַריש יינגל!...

בעת הערש איז שוין געלעגן אין בעט, האָט ער געפילט, אַז דאָס ווייב שלאָפט נישט. ס'איז פאַרביי אַ שפּאָר שטיקל צייט און שיינדל האָט זיך נישט גערירט, געלעגן שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אָבער מיטאמאָל האָט זיך דער־הערט איר קול אין דער פינצטערניש, וואָס איז געקומען ווי פון עפּעס אַ ווייטן ווינקל.

— ווו האָסטו מיך פאַרשלעפּט, הערש... — האָט שיינדלס קול אָנגעהויבן שטיל צו מאָנען, ווי דאָס נאָגנדיקע קול פון אַ גריל, וואָס כאַפּט זיך פּלוצים אויף אינמיטן דער נאַכט — נישט גענוג האָסט מיך פאַרשלעפּט קיין אויסטראַליע, האָסטו מיך נאָך פאַרשפּאַרט אין אַזאַ מדבר, ווי ס'איז ראָזמאַר... און אַלץ צוליב דער שאָפּ דיינער! דו פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז די קינדער ווערן עלטער און מען קען זיי נישט לאָזן מער אויף הפקר!... וואָס פאַראַ טאַטע ביזטו?... האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ נישט בלייבן... איבעראיאָר ראש־השנה וועל איך שוין זיכער פאָרן קיין מעלבורן אויף יום־טוב...

שיינדל האָט נאָך לאַנג גערעדט, זיך נישט געקענט איינשטילן. דורכן אויפגעמאַכטן פענצטער האָט אַריינגעאָטעמט

די הייסע אויסטראַלישע זומער־נאַכט. דער הייסער מדבר־ווינט האָט נאָך אַלץ געוואָגלט איבערן געסל, זיך געשפּילט מיט די אויסגעטריקנט־אָפּגעבראָכענע צווייגן און בלעטער, וואָס ער האָט פאַרשלעפּט פונם וואַלד...

קאַפּיטל דריי

# קינדער שפּילן זיך אין גאַס

זונטיק איז געווען דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען מיסטער זעלינג איז נישט געגאַנגען עפּענען די „שאָפּ" און ער האָט זיך לענגער פאַרגונען צו שלאָפן. אויך איז שיינדל דעם טאָג פרי נישט אויפגעשטאַנען און זי איז לענגער געבליבן אין בעט. אָבער שלאָפן האָט זי נישט געקענט. דער עול האָט זי געטריבן און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פּונקט ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט.

ס'איז געווען שטיל אַרום — זונטיקדיק־שטיל. דער טאַרטאַק האָט נישט געאַרבעט און ס'האָט זיך נישט געהערט, ווי געוויינטלעך יעדן אינדערפרי, דאָס הוזשען פון די זעגן. די קלויסטער־גלאָקן זענען אין דער פריער שעה נאָך פאַרזונקען געווען אין דרימל און האָבן נאָך נישט גערופן צו דער זונטיק־דיקער תפילה. עס איז בלויז דורך די אויפגעמאַכטע פענצטער אַריינגעקומען דאָס פרימאָרגנדיקע געצוויטשער פון די פייגל, וואָס זענען אַלעמאָל די ערשטע אויפגעקומען און האָבן זיך אין גאַנצע מחנות געזאַמלט אין געסל. זיי זענען נידעריק געפלויגן אונטערן פאַרשלאָפן־בלאַסן הימל, ווי זיי וואָלטן נאָכן נאַכטיקן שלאָף אויסגעפּרוווט די פליגל, זיך געשטעלט אויף די דעכער פון די הייזער און פאַרנווייז אַרומגעהאָפּקעט איבער דער גאַס. זייער געצוויטשער האָט זיך אויסגעמישט, ווי זיי וואָלטן זיך אַריינגעפאַרן אין די רייד, זיך געקריגט און איבער־געבעטן. דאָס קורץ־אָפּגעהאַקטע און לאַנג־אויסגעצויגענע גע־זאַנג פון די פייגל האָט אָפּגעקלונגען אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט דאָ היימיש און דאָ פרעמדלעך, ווי די פייגל וואָלטן גערעדט אויף אַלערליי לשונות. אָבער דאָס זענען געווען בלויז היימישע פייגל, וואָס זענען אַלע טאָג געקומען פון נאָענטן

„בוש“ אויף זייער פּרימאָרגנדיקן שפּאַציר איבערן שטעטל. אינם געזאַנג פון די פייגל האָט זיך אָפּט אַריינגעריסן דאָס קייקלענדיקע געשריי פון אַ קוקובאַרע, וואָס האָט דערמאָנט דאָס קלינגענדיקע געלעכטער פון אַ פרוי.

פאַר דעם קייקלענדיקן געשריי פון די קוקובאַרעס, וואָס האָבן זיך אַלע פּרימאָרגן געשטעלט אויף די ביימער אין עק געסל, דאָרט ווו עס הייבט זיך אָן דער „בוש“, האָט די מיסיס זעלינג זיך נאָך אַלץ געשראָקן. דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט דאָס געלעכטער פון די פייגל דערהערט, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז אַ מענטשלעך געלעכטער, וואָס מאַכט פון איר חוזק. ביזן היינטיקן טאָג קען זי זיך פון דעם געפיל נישט באַפרייען...

מיסיס זעלינג איז געלעגן, אַ וואַכע, אין בעט און זי האָט געקוקט אויפן מאַן, וואָס איז רואיק און געשמאַק געשלאָפן. כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דער מאַן אַרבעט שווער אַ גאַנץ־טייענדיקע וואָך און האָט פיל דאגות און זאָרג, האָט זי אים איצט פונדעסטוועגן נישט געקענט פאַרגונען דעם שלאָף. עפּעס אַ חשק האָט זי אָנגענומען אַראָפּצורייסן פון אים די קאָלדרע און אים שטערן אין זיין זונטיקדיקער רו. אַז זי שלאָפט נישט, זאָל ער אויך נישט שלאָפן! און נישט בלויז מיטן שלאָפן האָט די מיסיס זעלינג מקנא געווען דעם מאַן, נאָר זי האָט אים מקנא געווען מיט זיין גאַנץ פירעכץ. אַלץ, וואָס ער נעמט זיך אונטער, פירט ער אוים ביזן סוף. ער איז אַזוי אַנדערש פון איר. זי געדענקט מיט וואָס פאַראַ איבערגערעכנטע שפּיצ־לעך ער איז איר נאָכגעגאַנגען און אויסגעשטאַנען אַלע אירע מיידלערישע קאַפּריזן, ביז זי איז באַשטאַנען מיט אים חתונה צו האָבן. קודם־כל האָט ער אַלץ געטאָן, ער זאָל איבעררעדן איר טאַטן און דערנאָך האָט אָט דער שעמעוודיקער בחור אינם יידישן היטעלע זיך אָנגעהויבן איר אַליין צו דערקלערן אין ליבע. קיין סך האָט ער נישט גערעדט, אָבער עס איז איר אַ חידוש געווען פון וואַנען עס נעמען זיך צו דעם בחור די אַלע שיינע רייד און זי איז באַשטאַנען אים צו נעמען, כאָטש זי האָט נישט געוואָלט אַ חתן אין אַ יידיש היטל. נאָך דער חתונה האָט שיינדל דעם מאַן נישט ליב געהאַט, אָבער זי איז אים געווען אַ געטריי ווייב. שטילערהייט האָט זי נאָך אַלץ געחלומט

פון אַ דייטש־געקליידטן יונגערמאַן, פונקט אַזעלכן, וואָס זי האָט אין אירע מיידלערישע חלומות געזען — און כאָטש הערש האָט שוין לאַנג געטראָגן אַ קאַפעליוש און אַ קורץ רעקל, האָט ער אַלץ אין אירע אויגן נישט נושא־חן געווען. פאַרקערט, עס האָט איר אַפילו פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזוי שנעל אויס פרום געוואָרן. זי האָט זיך פאַר זיין פלוצימדיקן איבערבייט געשראָקן. זיין עקשנות צו פאָרן קיין אויסטראַליע, האָט זי אויס מענטש געמאַכט. זי האָט מורא געהאַט צו פאַרלאָזן די היים און פאָרן איבער ימים אין עפעס אַ פרעמד און וויט לאַנד. אָבער הערשן האָט דאָס פרעמדע לאַנד דווקא געצויגן — און אַזוי שנעל ווי ער האָט אָפגעמאַכט צו פאָרן, האָט ער זיך פאַר גאָרנישט אָפגעשטעלט. אויב שיינדל איז באַשטאַנען צו פאָרן, איז דאָס בלויז געווען דערפאַר, ווייל זי האָט אים נישט געוואָלט אַרויסווייזן קיין פחדנות. דאָס האַרץ איז איר אָבער נישט געווען דערביי. נאָך דערצו איז איר דער פאָטער פלוצים געשטאָרבן און זי האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין די מאַמע.

צומיינסטנס שרעקט איצט שיינדלען, וואָס הערש, דער אַמאָליקער פרומער יונגערמאַן, איז אַזוי שנעל אויס פרום געוואָרן. זי, וואָס האָט גערעדט פויליש מיט די „קאָלעזשאַנקעס" און איז געגאַנגען אין די פוילישע שקאָלעס, האָט דאָ, אין דער פרעמד, אָנגעהויבן פרומער צו ווערן פון אים. און נישט איז זי בלויז פרומער געוואָרן פונם מאַן, נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אין פאַרשידענע פאַרבאָרגענע כוחות... אַז עס אַרט אים נישט, הערשן, וואָס די קינדער וועלן דאָ, אינם וויטן, פאַרוואָרפענעם שטעטל אויסוואַקסן און ער האָט זיי געלאָזט אויף הפקר! זי געדענקט גאַנץ גוט, וואָס מאָרי האָט דורכגעלעבט דענצמאָל ביינאַכט, ווען הערש האָט אַרויסגעטראָגן דעם „קריסטמעס"־בוים פון שטוב. דאָס ייִנגל האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן און זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפן אויפן געלעגער. אויפצומאָרגנס האָט זיך מאָרי נאָך אַלץ נישט באַרואיקט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען האָט געוואָלט פון אים האָבן. ער האָט נישט געקענט באַנעמען מיטן שכל, וואָס ער דאַרף עפעס זיין אַן אויסנאַם פון באָב און דזשין רעלי...

זי האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט געוואָלט דערציילן דעם מאַן, וואָס זי האָט אויפצומאָרגנס ביינאַכט געהאַט צו טאָן מיט מאָרין. איידער דאָס יינגל איז געגאַנגען שלאָפן, האָט ער זי צוגערופן צו זיך און מיט אַ שטיל, בעטנדיק קול זיך אָנגערפן צו איר:

— מאַם... — האָט ער זיך צו איר אָנגערופן — כ׳וויל נישט זיין קיין ייד... כ׳וויל זיין פונקט ווי באָב און דזשין... פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס זיין אַ ייד?...

שיינדל האָט זיך פאַר די רייד דערשראָקן און אים מיט דער האַנט צוגעהאַלט׳ן דאָס מויל:

— מען טאָר נישט אַזוי רעדן!... — האָט זי צו אים געזאָגט — גאָט וועט דיך פאַר די רייד שטראָפן... גאָט האָט דיך געמאַכט פאַר אַ ייד און דו מוזט זיין אַ ייד!... גאָט זיצט אין הימל און הערט אַלץ, וואָס דו רעדסט...

— פאַרוואָס־זשע טאָר איך נישט גיין מיט באָבן אין דער „טשערטש” בעטן צו גאָט...

— ווייל דו דאַרפסט גיין אין דער סינאַגאָגע און דאָרט בעטן צו דיין גאָט... כ׳וועל פאָרן מיט דיר קיין מעלבורן און דיך מיטנעמען אין דער סינאַגאָגע... און אַז דו וועסט נאָך רעדן אַזעלכע זינדיקע רייד, וועל איך אַלץ דערציילן דעם טאַטן...

— ניין, דערצייל נישט דעם דעד... דערצייל נישט! — האָט זיך מאָרי ביי איר געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — זאָג מיר צו, מאַם!... זאָגסט מיר צו?...

ער האָט זי אַרומגענומען מיט די הענט אַרום האַלז, זי געטוליעט און געקושט, ביז זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט גאָרנישט דערציילן דעם פאָטער. עס האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות אויפן קינד און דאָס מאָל האָט זי טאַקע הערשן גאָרנישט דערציילט. דאָס איז געווען ביי איר אַן אויסנאַם. ביז איצט האָט זי זיך קיינמאָל נישט געקענט איינהאַלטן און לסוף געמוזט הערשן דערציילן, וואָס די קינדער האָבן שלעכטס געטאָן, כאָטש זי האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זי וועט האַלטן סוד...

אָבער וואָס האָט געהאָלפן איר דערציילן הערשן, אַז ער האָט זיך סיי־ווי פון גאָרנישט געמאַכט. טאָמער איז אים עפּעס יאָ אַריין אין קאָפּ, האָט ער גלאַט געגומען שרייען אויף די קינדער.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט גענומען די מי די קינדער עפּעס אויפצוקלערן. ער זעט נישט, אַז לעזלי גיט זיך צופּיל אָפּ מיטן שכנס שיקסל! מיסיס רעלי האַלט זיי שוין פאַר אַ פּאָר... אַלע־מאָל, אַז מיסיס רעלי זאָגט איר וועגן דעם, ציטערט ביי איר דאָס האַרץ. און פּאַולין פאַרשווינדט ערגעץ אַלע נאַכט, גייט אויף די „דענסעס" מיט די שקצים... דאָס מיידל איז נאָך אַזוי יונג און זי פירט זיך אויף, ווי קיינער וואָלט נישט געהאַט איבער איר צו זאָגן! זי פאַרבט זיך די האָר אויף העל בלאָנד, אַז עס רייסט אַזש דאָס אויג. פון די אַלע עסנס, וואָס שיינדל קאָכט, וויל זי גאָרנישט פאַרזוכן. זי האַלט זיך אין צערן, ווייל עס האָט איר ווער געזאָגט, אַז זי איז צו פעט. און זאָל גאָט אָפּהיטן, טאָמער גיט שיינדל אַ קרעכץ אויף דער „קאַונטרי", באַשולדיקט דאָס לאַנד אין אירע צרות.

— אַז עס געפעלט דיר נישט דאָ, קענסטו צוריקפאָרן קיין פּוילן! — זאָגט פּאַולין מיט אַ פאַריסן קול — מיר געפעלט דאָ... ס'איז אַ פרייע „קאַונטרי" און יעדער קען טאָן, וואָס אים גלוסט זיך...

פאַר דער „קאַונטרי" נעמט זיך נישט אָן בלויז פּאַולין אַליין, אויך לעזלי און מאָרי זענען אויף איר צד...

— לעזי... מאָרי... לע־עזי! — האָבן זיך פּלוצים געהערט קולות פון דרויסן. די קולות זענען פון אָנהייב געווען שטיל און נישט דרייסט, אָבער באַלד זענען זיי געוואָרן צודרינגלעך, זיך כסדר איבערגעחזרט.

שיינדל האָט דערקענט די קולות. דאָס זענען די שכנישע קינדער, באָב און דזשין, געקומען וועקן מאָרין און לעזלין, זיי זאָלן אַרויסגיין מיט זיי זיך שפּילן. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אַלעמאָל אין „וויקענד", ווען מיסטער און מיסיס רעלי פאָרן נישט צו זייער חבר אין „בוש". די קינדער קומען דעמאָלט באַלד אינדערפרי וועקן די חברים זייערע און זיי פאַר־שווינדן פון שטוב אויף גאַנצע שעהן.

— גייטץ אַוועק פון דאַנען!... — האָט זיך שיינדל אַרויס־געבויגן פון פענצטער און געטריבן די קינדער — לעזלי און מאָרי שלאָפן נאָך! אַן איינפאַל אַביסל צו קומען אַזוי פרי און אויפוועקן פון שלאָף!...

בעת די קינדער האָבן דערזען די מיסים זעלינג אין פענצ־טער, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן, זיך באַהאַלטן ערגעץ, אָבער באַלד אַרויס צוריק פון באַהעלטעניש און זיך אָנגעהויבן צו גנבענען צום פענצטער פון דער קינדער־שטוב.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און לעזלי און מאָרי זענען שוין געווען פּיקס־און־פּאַרטיק זיך אַרויסצולאָזן אויף זייער זונטיקדיקן וואַנדער־וועג איבערן שטעטל און „בוש".

— עסט עפּעס אָפּ!... די מילך שטייט אין אייז־טשעס... כ'וועל אייך געבן אַביסל פּאָרידזש... — האָט שיינדל קוים באַוויזן אַרויפצוכאַפּן עפּעס אויף זיך און איינצוהאַלטן די יינגלעך ביי דער טיר.

בשעת די קינדער זענען שוין געווען אינדרויסן, פריי פון יעדן עול און האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די פרישע קילבלעכע פרימאָרגן־לופט, האָבן זיי דערפילט אין זיך אַזעלכע כוחות, אַז זיי זענען גרייט געווען איבערצוקערן דאָס שטילע, אין שלאָף איינגעוויגטע געסל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, צו וואָס זיך צום סאַמע ערשט צו נעמען. זיי האָבן זיך געוואָלט שפּילן אין „קאָובאָיס און אינדיענס", זענען נאָך נישט געווען גענוג יינגלעך אין גאַס. דזשין איז טאַקע פאַררעכנט געווען פאַר אַ יינגל און מען האָט זי ווי אַ יינגל באַהאַנדלט — אָבער ס'איז אַלץ נישט געווען גענוג מען זאָל זיך צו דער שפּיל נעמען.

לעזלי, וואָס איז געווען דער גרעסטער מזיק צווישן די קינדער און מען האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין, האָט באַלד געפונען וואָס צו טאָן. דאָס ערשטע האָט ער אָנגעהויבן מאַכן זיינע קונצן. ער האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, געגאַנגען אויף די הענט און נאָכגעמאַכט דאָס טרילן פון די פייגל. אַז ער האָט אָנגעהויבן נאָכצומאַכן אַ קוקובאַראַ, איז מען געווען זיכער, אַז דער פויגל שטייט דאָ ערגעץ אויף אַ בוים. די אַלע קונצן זענען לעזלין שווער נישט אָנגעקומען און ער האָט זיי געמאַכט כלאחר־יד, ווי נישט דאָס איז ער אויסן. מאָרי, דער יונגערער ברודער זיינער, איז געווען אויף אים אייפערזיכטיק. ביי מאָרין זענען די אַלע קונצן אַרויסגעקומען אומגעלומפּערט...

כאָטש אַלע האָבן באַוווּנדערט לעזלים קונצן, האָט קיינער פון זיי נישט אַזוי שטאַרק אָנגעקוואָלן, ווי דזשין. זי האָט זיך ממש געשיט פון געלעכטער, געשפּרונגען אין דער לופטן און פון באַגייסטערונג אויפגעפלאַכטן און צוריק פאַרפלאָכטן אירע קאָרן־בלאָנדע צעפּ, ווען זי האָט זיך צוגעקוקט צו לעזלים שטיק־לעך. די אַנדערע ייִנגלעך האָבן דאָס לעזלין נישט פאַרגונען, געשטויסן און געשטופּט דזשינען — אָבער דער קוועלנדיק־העלער בליק פון אירע זילבערן־גרויע אויגן איז געבליבן צוגע־שמידט צו לעזלין.

— קרום נאָך מיסטער סטעד, דעם „סקול־טיטשער", ווען ער ווערט אין כעס... — האָט זי זיך ביי לעזלין געבעטן — שריי ווי טשאַרלי דער כינעזער...

לעזלי האָט אָבער אַלעמאָל וויניק געפאָלגט, וואָס דזשין האָט אים געהייסן. ער האָט נישט איבעריק ליב געהאַט, וואָס זי איז אים שטענדיק נאָכגעגאַנגען און געקלעפּט צו אים מער ווי צו די אַנדערע ייִנגלעך אין געסל. נאָך דערצו האָבן די חברים פון אים חוזק געמאַכט צוליב דעם און ער האָט פיינט געהאַט, אַז מען האָט אויפגעדעקט זיינע שוואַכע זייטן. ער האָט טאַקע זייער וויניק געפאָלגט דזשינען און אַלעמאָל געטאָן איר צולהכעיס.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!... גיי אַוועק!... — האָט ער זי געטריבן.

בשעת לעזלי האָט צו איר אַזוי גערעדט, האָט זיך דזשין לכתחילה זייער באַליידיקט. איר איידעלע, העל־בלייכע הויט איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. צומיינסטנס האָבן פון בושה געפלאַמט אירע אויערן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אויסגעוויינט אַביסל, זיך אָפּגערוקט אַביסל פון דער חברה, האָט זי זיך צוריק צו די ייִנגלעך דערנענטערט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען און זי איז גרייט געווען אויסצושטיין פרישע באַליידיקונגען פון לעזלין...

דאָס מאָל האָט לעזלי יאָ געפאָלגט דזשינען. ער האָט זיך געשטעלט הינטער טשאַרלי דעם כינעזערס טיר און אָנגעהויבן צו מאַכן אַזעלכע קולות, אַז מען האָט געקענט שווערן: טשאַרלי

געפינט זיך אין זיין רעסטאָראַנדל און רעדט פון דאָרט אַרויס. לעזלי האָט אַריינגעשריגן צום כינעזער:

— שטיי שוין אויף, יו לעיזי מען!... וואָס שלאָפסטו ביז אַזוי שפּעט! ס'איז שוין גרויסער טאָג!...

אָבער דער כינעזער איז נישט געשלאָפן. ער איז פּלוצים אַרויסגעקראָכן פון ערגעץ און כּהרף־עין האָט ער זיך גענומען בייזערן אויף די קינדער מיט זיין הייזעריק־אָפּגעהאַקט, קוויטשיק־שרייענדיק קולעכל, ווי ביי אַ פרוי. כאָטש דער כינע־זער האָט דאָ יאָרן־לאַנג געלעבט, האָט ער צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט ענגליש. בלויז מיט די קינדער האָט ער זיך יאָ אָפּגעגעבן. און כאָטש ער האָט געהאַט פון דעם קליינוואַרג אויסצושטיין פאַרשידענע צרות, האָט זיך אויף זיין שטענדיק פאַרכמורעט פּנים באַוויזן אַ שמייכל, ווען די קינדער האָבן מיט אים געטשעפּעט. אַז די קינדער זענען אים גאָר דערגאַנגען די יאָרן, נישט פאַרשטאַנען די אַלע כינעזישע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט צו זיי, האָט ער זיי געפּרוווט איבערקויפן מיט נאַשוואַרג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרקוועטשט צווישן זיינע געלבלעכע קנאָכיק־דאַרע פינגער.

— רעד ענגליש!... רעד נישט דאַבל־דאַטש!... — האָט דאָס קליינוואַרג צו אים אין אַ כאָר געשריגן — מיר פאַר־שטייען נישט, וואָס דו ווילסט, טשאַרלי!

אָבער טשאַרלי האָט קיינעם נישט געהערט און זיך ווייַ־טער געטאָן דאָס זייניקע. ער האָט אויך איצט געפּרוווט איבער־קויפן דאָס קליינוואַרג מיט נאַשוואַרג. פון זיינע דאַר־פאַרטריקנטע ליפּן זענען געפאַלן אָן אַ שיעור אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט אין כינעזיש און פון צווישן די אַלע ווערטער האָט זיך אַרויסגעשיילט בלויז דאָס איינציקע וואָרט אין ענגליש:

— לאָלים... לאָלים...

בשעת די קינדער האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון דעם כינע־זער, האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן מיט זיך און געמאַכט אַ שטיקל באַראַטונג צו וואָס זיך צו נעמען. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דזשין האָט געהאַט היינט גאָר אַ

וויבטיקע זאַך צו טאָן און זי האָט געוואָלט די יינגעלך זאָלן איר צוהעלפֿן. זי האָט זיך אונטערגעהערט אין דער היים צו אַ שמועס, וואָס די מאַמע האָט געהאַט מיטן טאַטן. די מאַמע האָט געפֿאָדערט דער טאַטע זאָל דערטרינקען די קעצעלעך, וואָס די קאַץ האָט געבוירן. עס איז אַ גרויס רחמנות אויף די אָרעמע שיינע קעצעלעך, וואָס זענען גאָטס באַשעפֿענישן. צו וואָס דאַרף מען זיי דערטרינקען? אַז זי האָט זיך געפּרוווט אַריינמישן און זיך געבעטן מען זאָל די קעצלעך לאָזן לעבן, איז די מאַמע אַרויפֿגעפֿאָרן אויף איר און אָנגעהויבן צו מאַכן קולות. לויט איר שרייען, איז געווען צו דערקענען, אַז אויך איר טוט באַנג, וואָס זי הייסט שלעכטס טאָן אַזעלכע אָרעמע און הילפֿלאָזע באַשעפֿענישן.

— שאַט אַפּ!... יו סטיקי נאָוז... אומעטום איז זי דאָ!...

— האָט די מוטער געמאַכט קולות — נישט דיין עסק!... שטופּ נישט אַריין די נאָז, דאָרט וווּ מען דאַרף נישט! וואָס וועט מען טאָן מיט אַזוי פֿיל קעץ!...

די מאַמע האָט זיך נישט געקענט אַזוי שנעל באַרויִקן, זיך געוואָלט וואַרפֿן אויף איר שלאָגן, און ס'איז איר, דזשינען, בעת־מעשה איינגעפֿאַלן, אַז מען זאָל אַרויסגנבענען די קעצלעך, איידער דער פֿאָטער וועט זיי דערטרינקען און מען זאָל זיי טראָגן צו ראָנען דעם גאָלד־גרעבער, וואָס האָט ליב צו האָדעווען קעץ.

אין דעם אויפֿטו האָט זיך אָנגעכאַפּט מאָרי. באָב האָט בלית־ברירה צוגעשטימט מיטן חבר. לעזלי איז גלייכגילטיק געבליבן צו דעם, ווי צו אַלע איינפֿאַלן, וואָס זיין איינגענער קאָפּ טראַכט נישט אויס. ער איז אַפֿילו אין כעס געוואָרן, ווען ער האָט געזען, אַז אַלע כאַפּן זיך אין דעם אָן. כּדי צו שטילן דעם כעס, האָט ער זיך גענומען צו דזשינען און געפּרוווט איר אַ רייס טאָן ביי די צעפּ, אַזוי אַז איר זענען געקומען טרערן אין די אויגן.

בשעת די אַנדערע יינגלעך האָבן געזען, אַז לעזלי הייבט אויף אַ האַנט אויף דזשינען, האָבן זיי זיך געוואָלט וואַרפֿן אויף אים. זי האָט אָבער צו דעם נישט צוגעלאָזט. זי האָט קיינמאָל נישט געלאָזט פֿאַלן אַ קרום וואָרט אויף לעזלין, זיך אַלעמאָל

ליב געהאַט מיט אים צו פֿאַרנעמען — און וואָס נעבעכדיקער ער איז געווען, אַלץ מער צערטלעכקייט און ליבשאַפֿט האָט זי אים אַרויסגעוויזן.

— וואָס גייען מיך אָן די נאַרישע קעץ!... — האָט לעזלי זיך אָפּגעקערט פֿון דער חברה, זיך געקליבן אַוועקצוגיין — איך האָב נישט אויף קיינעם קיין רחמנות!...

ער איז אָבער געבליבן. דזשין האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַזאַ בעטנדיקן בליק, מיט אַזויפֿיל איבערגעגעבנ־קייט, אַז ער האָט איר נישט געקענט ביישטיין און איז געוואָרן נאָכגיביק. ער איז אָבער נישט געגאַנגען פֿאָראויס פֿון דער חברה, ווי שטענדיק, נאָר זיך נאָכגעשלעפּט פֿון הינטן. בשעת־מעשה האָט ער געהאַלטן אין איין ברומען צו זיך, אַז דער גאַנצער נאַרישער אויפֿטו איז אַן עסק פֿאַר ווייבער, נישט פֿאַר מענער...

פֿאָראויס פֿון דער חברה איז געגאַנגען באָב. ער האָט זיך, ווי זיין טבע, געגנבעט מיט פֿאַרשידענע הינטער־וועגלעך, זיך באַהאַלטן הינטער פּאַרקנס, געשפּרונגען איבער גריבער. כאָטש מען האָט זיך נישט געדאַרפֿט גנבענען מיט קיין הינטער־וועגלעך, כדי אָנצוקומען צו דיק דעם „טראַק־דרייווער" אויפֿן הויף, האָט מען זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרשטעקן, פּונקט ווי די זעלנער, וואָס גייען פֿאַרכאַפּן בשתיקה אַ לאַגער פֿונם שונא...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכט שטיקל אַרבעט צוצונעמען ביי דער קאַץ אירע קעצעלעך. די קאַץ איז געלעגן אין אַ קעסטל, אויסגעבעט מיט שטרוי און אונטער איר און אויף איר זענען אַרומגעקראָכן די קעצעלעך. די גאַנצע משפּחה האָט זיך געטוליעט צו די וואַרעמע שטראַלן פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער זון און זיך גאָרנישט געריכט, אַז צו זייער משפּחהדיק גליק וועט באַלד נעמען אַ סוף. די מאַמע־קאַץ האָט מיט שטאָלצקייט אויסגעשטרעקט אַלעמאָל דעם קאָפּ און מיט דער צונג געוואַשן און געקושט די יונגע, וואָס האָבן זיך צו איר געטוליעט און מיט האַלב־בלינדע אויגן געזוכט די מילך.

בשעת די קינדער האָבן באַלאַגערט דאָס קעסטל און זיך גענומען שפּילן מיט די קעצעלעך, האָט די קאַץ זיך דערפֿילט

זייער אומרואיק און מיט בעטנדיקע אויגן, פול אומצוטרוי, געקוקט אויף יעדן איינעם. זי האָט מיט די אויגן אַזוי צערפּול געבעטן, מען זאָל זי איבערלאָזן אַליין אין איר מאַמישן גליק.

עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן, די חברה האָט מיט געוואַלט די קאַץ פאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער און איר איבער־געלאָזט אין דעם קעסטל בלויז איין קעצל. יאָמערלעך האָט זיך געהערט דאָס געוויין פון דער מוטער, וואָס האָט גערופן אירע קינדער. עס האָט זיך נאָך לאַנג געהערט דאָס קראַצן פון נעגל אין דער טיר פון דער קאַמער.

ווען די קינדער זענען אָנגעקומען צו ראָן דעם גאָלד־גרעבער און אים געגעבן די קעצלעך, האָט ער זיי לכתחילה נישט געוואָלט נעמען. ער האָט געזאָגט, אַז אָן דער השגחה פון דער מוטער וועלן זיי נישט בלייבן לעבן. ער וועט אָבער די קעצלעך אַריינלייגן אין אַ קעסטל, וווּ עס ליגן אַנדערע יונגע — אפשר וועט די פרעמדע מוטער זיי צוטוליען.

ראָן האָט געוווינט אין אַ הילצערן, אָפּגעלאָזן־אַלט הייזל. ביי יעדן טריט האָט די פּאָדלאָגע געציטערט. די טירן האָבן געקרעכצט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אין צעפאַלן. דאָס גאַנצע מעבל איז באַשטאַנען פון אַן אַלט־מאָדיש בעט, אַן אַלטן טיש און עטלעכע צעבראָכענע בענקלעך. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט פאַרקאָפּטשעטע טעפּלעך, פאַרזשאַווערטע טע־לער און שיסלען, פאַרשימלטע מלבושים, אַ לעבערדיקער שי־רעם, ווי אין אַן אַלטוואַרג־שאָפּ. פאַרשידענע קעץ — גרויסע און קליינע, אויסגעפּאַשעטע און מאָגערע — זענען פראַנק־און־פריי אַרומגעקראָכן אין אַלע שטובן. ראָן האָט געדענקט ווי די אַלע קעץ הייסן, זיי גערופן ביי די נעמען.

ראָן האָט קודם־כל געגעבן די קעץ צו עסן און ערשט שפּעטער האָט ער פאַר זיך געגרייט פרישטיק. ער האָט אויף דער פּליטע פון דער קיך אָנגעלייגט עטלעכע צעהאַקטע צווייגן, אַרויפגעשטעלט אויף זיי אַ ראַנדל, וווּ ער האָט געמאַכט פאַר זיך „גרילד סאָסעדזשעס". דערנאָך האָט ער אין אַ בלעכערן קענדל אויפגעבריט טיי. ער האָט דאָס אַלץ געמאַכט אויפן זעלבן שטייגער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געפונען אונטערוועגנס אין „בוש". בעת־מעשה האָט זיך ביי אים דאָס מויל נישט

פאַרמאַכט און ער האָט זיך געפּרייט מיט די געסט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אַליין זעצן צום טיש, געוואָלט די קינדער זאָלן מיט אים מיטעסן.

— קאָם אָן קידס!... — האָט ער די קינדער פאַרבעטן צום טיש — עס איז דאָ גענוג פאַר אַלע!...

עס איז אים געווען אומעטיק, ווייל ער איז שטענדיק געווען אַליין. צוליב זיין אויסטערליש פּירעבץ, האָבן זיך די באַלע־באַטים פון שטעטל מיט אים ווייניק אָפּגעגעבן. ער האָט זיך אריינגענומען אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אריין, אַז ער מוז באַפרייען די „שוואַרצע". דער עיקר האָבן אים אויסגעמיטן די ארויפגעאַרבעטע קרעמער. מחמת דעם איז ער שטענדיק להוט געווען צו דערציילן פאַר ווער עס זאָל נישט זיין זיינע מעשיות פון די אַמאָליקע ציטן, ווען אויסטראַליע האָט זיך נאָך נישט געשפּיגלט אין די גרויסע שטעט און געוווסט אָפּ־צושאַצן אַ „דיגער". די מעשיות זיינע, האָט ער זייער אָפט אַליין אויסגעטראַכט און זיי האָבן זיך סותר געווען, אָבער ער האָט אין די ליגנטס געגלויבט. ער האָט ליב געהאַט איבערצוטרייבן און אַלץ איז אין זיינע אויגן אויסגעקומען אָדער אויסטערליש גרויס, אָדער אויסטערליש קליין. בשעתן דערציילן, האָבן זיך די קעץ — די איינציקע פריינד זיינע, ווי ער האָט זיי גערופן — געריבן ארום זיינע פיס, זיך געטורעמט, ארויפגעשפּרונגען צו אים אויף די קני, אויף די אַקסלען. ער האָט צו די קעץ גערעדט, ווי צו מענטשן...

ווען ראָן איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט ער צוזאַ־מענגענומען זיינע מכשירים — אַ לאָפּעטע, אַ שיסל, אַ פּיקע — אויף צו זוכן דאָס גאָלד און ער האָט זיך ארויסגעלאָזט אינ־דרויסן. אַ הויך־אויסגעשטרעקטער, אַ גלייכער, ווי אַ ווירע, דעם אַלטן קאָפּ מיט די לאַנגע זילבערן־ווייסע, אָביסל פאַרגעלטע האָר, פאַרריסן צום הימל, האָט ער פּאַוואָליע און זיכער גע־שפּרייזט איבערן געסל. אינדרויסן האָבן די קינדער פלוצים באַמערקט, אַז די ראיה איז אים אויף דער עלטער שוין גאָר שוואַך געוואָרן און ער האָט קוים געזען מיט די גרויס־אויפ־געריסענע אויגן, וואָס זענען געווען ביי אים אַזוי קלאָר און בלוי, ווי דער הימל איבער אים. דעם וועג צום „בוש" האָט ער

געדענקט פון אויסנווייניק און ער האָט נישט געדאַרפט צו דעם נוצן די אויגן. דאָס פאַרקאַפּטשעטע פּייקעלע האָט ער אינ־גאַנצן נישט אַרויסגענומען פון מויל און עס האָט געקלעפּט צו זיינע פאַרגעלטע באָרד־און־וואָנסעס, ווי צוגעוואַקסן.

די חברה האָט אים באַגלייט צום „בוש". באָב, וואָס האָט אַליין ליב געהאַט צו דערציילן אויסגעטראַכטע מעשיות, האָט ראָנען מקנא געווען. ער האָט מאָרין איינגערוימט, אַז ווי נאָר ער וועט אַביסל מער אונטערוואַקסן, וועט ער אַוועק פון דער היים און ווערן אַ „בוש־מען", פונקט ווי ראָן. ער האָט פיינט די שול מיט די אַלע לערער און ער האָט ליב אַזאַ פריי לעבן, ווי ס'פירט ראָן.

— שור... — האָט ער געזאָגט — כ'וועל פאַרדינען אויפן לעבן... כ'על נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם!...

בעשת זיי זענען אָנגעקומען צום עק געסל, דאָרט ווו ס'הייבט זיך אָן דער „בוש", זענען פון די עטלעכע נאָענט־צוגערוקטע בלעכערנע הייזלעך, ווו עס האָבן געוווינט אַ פּאָר אַבאָרידזשין־משפּחות, אַרויסגעקומען אַ כאָפּטע קינדער און נאָכגעקוקט ראָנען און זיינע באַגלייטערס מיט גרויסע גליענדיק־שוואַרצע אויגן. די קינדער זענען געווען אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן. פון די גרויסע לעכער אין די אָפּגעשאָסענע העמדלעך און הייזלעך האָט אַרויסגעקוקט נאַקעט שוואַרץ לייב. כאָטש די הויט איז ביי די קינדער געווען שוואַרץ, האָט מען פונדעסט־וועגן געקענט דערקענען דעם קויט, וואָס האָט געקלעפּט צו די דינע, באָרוועסע שטעקעלעך־פיס, צו די דאַרע הענט און צו די געדיכטע האָר, וואָס האָבן באַדעקט די קעפּ, ווי אַ שוואַר־צע פעל.

דזשין האָט שוין נישט איינמאָל געזען די אַבאָרידזשין־קינדער, וואָס האָבן געוווינט אין עק־וואַלד, אָבער זי האָט זיך פאַר זיי דערשראָקן. לעצלי האָט זי געזען אין שוץ, אויפגעהויבן אַ שטיין פון דער ערד און געצילעוועט אַן אַבאָרידזשין־ייִנגל גלייך אין פּוס אַריין. דאָס ייִנגל האָט פון ווייטיק אויפגעהויבן דעם פּוס אין דער הויך און אָפּגעווישט דאָס בלוט, וואָס האָט רויט באַפאַרבט דאָס שוואַרצע לייב. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט געוויינט, בלויז שווייגנדיק גענומען האָצקען אויף איין

פוס אין דער ריכטונג צו די כאַטעס, געמאַכט פון פאַרזשאַ־ווערטע בלעכן. די אַנדערע אַבאָרידזשין־קינדער, וואָס האָבן דאָס געזען, האָבן ווייטער מיט גרויסע הונגעריק־שוואַרצע אויגן נאָכגעקוקט די פאַרבייגייערס, זיך צוזאַמענגערוקט אין אַ קופּע, ווי אויף צו באַשיצן זיך.

— אוועק, אבאָס!... — האָבן לעזלי און באָב זיך געלאָזט לויפן צו די אַבאָרידזשין־קינדער — מיר וועלן אייך אָנלערנען!... מיר וועלן אייך ווייזן!...

אָבער די שוואַרצע חברה איז נישט אַנטלאָפן, גלייך אָנ־געקוקט לעזלין און באָבן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

אַז ראָן האָט באַמערקט, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער פּלוצים זיך אָנגעצונדן און דאָס פאַרקאָפּטשעטע פּייקעלע האָט גענומען טאַנצן צווישן זיינע פאַרגעלטע וואָנסעס.

— דו שלעכטער יונג!... האָט ער זיך געבייזערט אויף לעז־לין — וואָס האָסטו צו די קינדער!... דאָס איז זייער קאַונטרי... אַז כ'וועל זיין דער גליקלעכער און געפינען גאָלד, וועל איך אַלץ טון, כדי די „שוואַרצע" זאָלן זיך אויסקעמפן זייער רעכט! און דו, לעז, טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביזט אַ ייד... אַז מען האָט סאָלין דעם „דזשו" באַליידיקט צווישן די גאָלד־גרעבער, געריסן ביי אים די „פרינגדזשעס", האָב איך זיך פאַר אים אָנגע־נומען!... פעיר דינקאָם...

— וואָס איז אַ „דזשו"?... — האָט פּלוצים באָב געפרעגט.

— אַ דזשו איז אַ דזשו, סנאָאי... — האָט ראָן גערופן באָבן „סנאָאי" צוליב זיינע ווייס־בלאָנדע האָר — אַ ייד טראָגט פרינגדזשעס און איז נישט קיין קריסט!... דזשוס זענען די אויס־דערוויילטע קינדער פון דער בייבל...

כאָטש באָב האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ראָן האָט אים געענטפערט, האָט ער מער נישט געפרעגט, זיך פאַרטראַכט. ער האָט אָבער באַלד אין אַלץ פאַרגעסן. אַז ער זעט נישט קיין אונ־טערשיד צווישן אים און לעזלין מיט מאָרין, כאָטש זיי זענען יידן. בלויז מאָרי האָט אַזעלכע אויסטערלישע איינפאַלן. פּונקט ווי ראָן האָט ער רחמנות אויף די „שוואַרצע" און הייסט זיי צונעמען צום שפּילן. ווען מען שפּילט זיך אין „קאַובאָיס" און „אינדיענס", וויל ער מען זאָל די „בלעקס" צום שפּילן אריינ־

געמען. זיי קענען זיין בעסערע „אינדיענס״, ווי ער. וואָס דאַרף עפּעס ער זיין אַלעמאָל אַן „אינדיען״?...

די קינדער האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז ס'איז שוין אַריבער די צייט פון „לאַנטש״ און זיי דאַרפן אַהיים גיין. מען וועט שוין אין דער היים געבן געווג אויף זיי שרייען! זיי האָבן זיך געזעגנט מיט ראָנען און זיך צוריקגעקערט.

דזשין האָט פאַרן אוועקגיין געזאָגט צו ראָנען:

— טאַרא, ראָן... — האָט זי געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אַ סך צוטרוי — טו אַכטונג אויף די קעצעלעך... סי יו עגיין, ראָן...

צוריקוועגס, ווען באָב און מאָרי זענען געגאַנגען פאָרויס, האָט זיך דזשין געהאַלטן לעבן לעזלין. לעזלי האָט איר אַרויס־געוויזן צערטלעכקייט, נישט געווען אַזוי שלעכט צו איר ווי אין דער קאָמפּאַניע פון אַלע קינדער. ער האָט אָנגערירט אירע העל־ווייסע צעפּ, די גלאַטיקע הויט פון איר שלאַנקען, הויכן האַלז און איר איינגערוימט אַ סוד:

— זאָלסט מיר קיינמאָל נישט נאָכלויפן, ווען אַלע קינדער זענען!... הערסט, דזשין...

— פאַרוואָס, לעז... — האָבן געפרעגט אירע זילבערן־גרויע אויגן און די קאָרן־בלאָנדע צעפּ האָבן זיך געטאָן אַ וואָרף, ווי לעבעדיק.

— כ'וויל עס נישט!... מען לאַכט פון מיר... מען זאָגט, אַז דו ביזט פאַרליבט אין מיר און איך בין אַ „סיסי״... כ'וויל נישט זיין קיין „סיסי״...

— גוט, לעז... — האָט זיך דזשין צום אים נענטער צוגע־רוקט און פאַרפלאָכטן אירע פינגער אין זיינע — כ'זאָג עס דיר צו... וועסט זען, אַז כ'וועל האַלטן מיין צוזאָג...

לעזלי האָט געפילט ווי אירע לענגלעכע וואַרעמע פינגער גליטשן זיך צווישן זיינע און ער האָט זיי מיט כוח צוגעדריקט צו זיך. שווייגנדיק זענען זיי נאָכגעגאַנגען מאָרין און באָבן...

קאפיטל פיר

# אַ גאַסט אויפן „וויקענד"

איינמאָל אין יאָר, פּונקט צו דער זעלבער צייט, ווען דער סעזאָן אינעם יידישן „סעטלמענט" האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זיך צו דער משפּחה זעלינג קיין ראָזמאַר אַראָפּגעכאַפּט סאַשאַ פּאָפּעוו דער „פאַרמער". סאַשאַ פּאָפּעוו איז געווען איינער פון די גרינדער פונם יידישן „סעטלמענט" און ער האָט געהערט צו די עקשנים, וואָס האָבן דאָס דאַרף נישט געוואָלט פאַרלאָזן. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדער נייער משפּחה, וואָס איז זיך געקומען באַזעצן אויף דער „פאַרם", פּונקט ווי ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן נייעם ביימעלע, וואָס האָט געגומען שפּראָצן אין סאָד. און טאָמער האָט ווער פאַרלאָזט דעם „סעטלמענט", האָט עס אים שטאַרק באַרירט. ער איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער און אַ בייזער און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט אים אַליין שטאַרק באַליידיקט...

קיין ראָזמאַר צו די זעלינגס איז סאַשאַ געקומען נאָך דעם, ווען אין „סעטלמענט" האָט זיך פאַרענדיקט דאָס רייסן די פרוכט און ס'האָט זיך געמאַכט אַביסל פרייע צייט. אַזוי ווי קיין מעלבורן איז געווען ווייט צו פאָרן און ער האָט פיינט געהאַט די גרויסע שטאָט, האָט ער בעסער אויסגעקליבן ראָזמאַר, וואָס איז געווען אַ קליין שטעטל.

אַלעמאָל, אַז סאַשאַ איז געקומען קיין ראָזמאַר, האָט זיך די מיסיס זעלינג אַרומגעדרייט אַ האָפּערדיקע און דאָס שטענדיק אומעטיק־פאַרזאָרגטע פּנים אירס האָט זיך צעשיינט מיט רויטלעך־בושהדיקע פלעקן. די וואָכעדיקע גרויקייט אינעם היל־צערנעם הייזל איז אויסגערונען און ס'האָט זיך דאָ אַריינגעכאַפּט אַ יום־טוב, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון די קאַלטע ווענט, פון דעם נאַקעטן טיש אין עס־צימער און פון די דריי אַלטע

פאַטעלן אינם גרויסן, ליידיקן „לאָונטש־רום". די שרעק האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער מיסים זעלינג און זי האָט אַביסל פאַרגעסן אין אירע צרות.

די יום־טובדיקייט אינם הויז האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד נאָכן „וויקענד" האָט זיך סאַשאַ געאײַלט צוריק אַהיים. ער האָט נישט געוואָלט אויף לאַנג פאַרלאָזן דעם „סעטלמענט". ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווען ער וועט זיך לאַנג זוימען, וועט ער נישט האָבן צו וואָס צוריק־צוקומען — די „יידישע פּויערים" וועלן פאַרלאָזן די ערד און אַוועק אין דער שטאָט...

סאַשאַ פּאָפּעוו איז געווען זייער אַ שטרענגער און זייער אַ פּינקטלעכער און ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דיסציפּלין. אין דער דיסציפּלין האָט ער מער איינגעשפּאַנט זיך אַליין, ווי ער האָט איינגעשפּאַנט אַנדערע. דאָס באַזוכן איינמאָל אין יאָר, פּונקט צו דער זעלבער צייט, די משפּחה זעלינג, וואָס ער האָט אַמאָל באַקענט אין מעלבורן, האָט ער אַפּנים אויך געטאָן צוליב דיסציפּלין. ביי דער גאַנצער שטרענגקייט און ביי דער גאַנצער פּינקטלעכקייט, האָט ער זיך אָבער אויך געקענט שטאַרק צעהיצן און זיך ארומכאַפּן מיט יעדן אויף אַן אמת ברייטן רוסישן שטייגער. ווי אַ גאָר יונגער סטודענט איז ער פון אַ שטעטל לעבן קיעוו עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווו ער איז געווען אַ שומר און מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס געהיטן די פּרדסים. נישט איינמאָל האָט ער זיך געשלאָגן ביינאַכט מיט בעדואינער, וואָס זענען אויף אים אָנגעפאַלן. אין ארץ־ישראל האָט ער אויך געאַרבעט ביים האַקן שטיינער אויף די וועגן. ער האָט דאָרט חתונה געהאַט, אָבער אַז דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן, איז ער אַוועק קיין אויסטראַליע. בעת ער האָט זיך אין אויסטראַליע באַזעצט אויפן „סעטלמענט", האָט ער דאָס געטאָן מער צוליב דער אידיי, אַז פון די יידישע „מנחם־מענדלס זאָלן ווערן ערד־אַרבעטער", ווי ער האָט דאָס געטאָן צוליב פּרנסה. ער האָט כסדר ליב געהאַט איבערצוחזרן, אַז אין ארץ־ישראל האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט בן־גוריונען. ער וועט אין אויסטראַליע נישט פאַרבלייבן — אין איין שיינעם טאָג וועט ער צוריק אַוועק קיין ארץ־ישראל. נישט

אויף אים איז חל דאָס ווערטל: „ווער עס עסט אין אויסטראַליע פלייש, לאָזט דאָרט איבער די ביינער".

בעת סאַשאַ איז געקומען צו די זעלינגס, האָט ער מיטגע־בראַנגט עטלעכע קעסטלעך פּרוכט און מתנות פאַר די קינדער. כאָטש ער איז געווען אַן אויסגערעכנטער, אַ שפּאָרזאַמער און אַלעמאָל געטראָגן די זעלבע מלבושים, איז ער באַלאָדנט געווען מיט פיל מתנות. שיינדל האָט אים שוין אויסגעקוקט, געזען אים אָנקומען. אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זי זיך אַביסל פאַרויטלט און פול מיט חן צוגעמרוזשעט איין אויג, וואָס איז פאַרוועבט געוואָרן פון די פיל קנייטשעלעך אינם נאָך אַלץ יונגן פּנים.

— אַ גאַסט!... אַ גאַסט!... וואַרפּטץ אַרויס דעם אויוון...

— האָט זי זיך שטיל אָנגערופן און געמאַכט אַזאַ פּנים, ווי זי וואָלט זיך איינגאַנצן אויף אים נישט געריכט.

ווי שיינדל האָט נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן, אַז זי פרייט זיך מיט סאַשאַס קומען, איז דאָס איר נישט געלונגען. כאָטש זי האָט די לעצטע יאָרן נישט אַכטונג געטאָן מער אויף איר אָנטועכץ, איז זי איצט געווען אויסגעפּוצט אין אַ ניי געבלימט קלייד, וואָס האָט ענג אַרומגענומען איר אַביסל פולע פיגור. די בלאָנדע האָר, באַשפּרענקלט מיט אַ דורכזיכטיק דינעם זילבער ביי די שלייפן, זענען געווען גלאַטיק אָפּגעצויגן און האָבן צוגעגעבן איר בלאַס פּנים פיל איידלקייט. באַלד ביי סאַשאַס אַריינקומען, האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן די ענלעכ־קייט זיינע צו די בחורים — צו די שומרים און חלוצים — וואָס זי געדענקט פון וואַרשע, בעת זיי האָבן זיך מיט די אויסגעלייג־טע סלאָוואַצקע קלענער און מיט די ווינטיק־צעשויבערטע טשופּרינעס אַרומגעטראָגן איבער די יידישע גאַסן. אמת איז, אַז יענע בחורים זענען געווען פיל יונגער פון אים — אָבער ס'האָט געשטעקט אַזאַ יונגטלעכער ברען אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין רעדן און בכלל אין זיין גאַנץ פּירעכץ. כאָטש ער איז שוין ווייט נישט געווען קיין יונגערמאַן, האָט ער פאַרמאָגט אַ בויגזאַם־יונגן געשטעל, יינגלערישע לייכט־געלאָקטע האָר און ער האָט שטענדיק געטראָגן אַן אויסגעלייגטן קאָלנער, ווי יענע בחורים אין וואַרשע. שיינדלען האָט עפּעס אַלעמאָל געצויגן

צו אָט די בחורים, וואָס האָבן געוואָלט איבערלאָזן דאָס גאַנצע גוטע אין דער היים און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

סאַשאַ האָט איר דערמאָנט אין די בחורים. ער איז געווען אַזוי אַנדערש פונם מאַן, וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרקלערט און געדעכנט עפּעס אין קאָפּ. נישט איינמאָל האָט זיך שיינדלען אויסגעדאַכט, אַז הערש רעדט אַליין צו זיך. הערש האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קאָפּ צו איר. בשעת זי האָט אים דערציילט עפּעס וועגן די קינדער, האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער הערט זיך שטאַרק צו איר צו, אָבער בלויז זי נישט מצער צו זיין, האָט ער צוגעבאָמקעט צו אירע רייד. ער האָט זי קיינ־מאָל נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווען זי האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים וועגן איר ביטערן גורל אין דעם קליינעם שטעטל, ווו זי האָט נישט צו וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. און סאַשאַ האָט זיך מיט אַזויפיל ערנסטקייט צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט. זי האָט זיך מחמת דעם דערפילט חשוב, אויסגעוואַקסן ביי זיך אַליין אין די אויגן. און שיינדל האָט געוואַרט אויף סאַשאַס קומען מיט אַ ציטער אין האַרצן, כאָטש זי האָט זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ס׳איז אַזוי.

אַלעמאָל, אַז סאַשאַ איז געקומען, איז הערש געווען אין „שאָפּ" און די קינדער זענען נישט געווען אין דער היים. אַז שיינדל איז געבליבן מיט סאַשאַן אַליין, האָט זי זיך נישט געפילט באַקוועם און זי האָט נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן. זי האָט געדרוימט, געוואַשן דאָס געפעס, כאָטש זי האָט עס נישט באַדאָרפן. עס איז איר שווער געווען צו פאַרשטיין סאַשאַס אוקראַ־אינישן יידיש, געמישט מיט פיל רוס־ישע ווערטער. אָבער זי האָט ליב געהאַט צו הערן דעם האַרטלעכן קלאַנג פון די ווערטער „מוזשטשינאַ" און „זשענשטשינאַ", וואָס ער פלעגט אַ סך מאָל איבערחזרן. אויך האָט זי ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו זיין זינגען. טיילמאָל פלעגט ער דעקלאַמירן עפּעס אויף יידיש אָדער העברעאיש. ער האָט עס געטאָן פאַר זיך אַליין, אָבער זי האָט זיך צו די דעקלאַמאַציעס צוגעהערט. זיי זענען געקומען פון אַ פרעמדער אָבער אין דער זעלבער צייט אַזאַ נאָענטער וועלט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי וואַרשע וואָלט זיך אַריינבאַ־קומען צו איר אין הויז. אַ וואַרעמע קנויל האָט איר פאַרשפּאַרט

דעם האָלז און זי האָט קוים געקענט אַרויסברענגען דאָס, וואָס זי האָט געפֿילט:

— מיסטער פּאָפּעוו... — האָט זי זיך אָנגערופֿן — וואָס האָט איר דעקלאַמירט?... אפֿשר קענט איר דאָס נאָכאַמאָל איבערחזרן... איך וואָלט געקענט שווערן, אַז איך האָב עס ערגעץ געהערט... זיכער נאָך אין וואַרשע... כ׳וואָלט אַזוי וועלן, איר זאָלט דאָס דעקלאַמירן, ווען די קינדער וועלן זיין... מאָרי איז אַ ייִנגל מיט געפֿיל... ער איז אַזוי אַנדערש פֿון די איבעריקע קינדער... עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל דאָס קינד לערנען! וואָס זאָל אים עפּעס אָנווייזן!

— אָל־רייט... — האָט סאַשאַ געזאָגט — כ׳וועל אייך צוליב טאָן... נאָר זייט נישט אַזוי פֿאַרזאָרגט... איר האָט שטענ־דיק אַזאַ ערנסט פּנים... פֿאַרוואָס שמייכלט איר אַזוי זעלטן? און ס׳פּאַסט אייך דווקא, ויען איר שמייכלט, נישט ווען איר זענט פֿאַרזאָרגט... טשין אַפּ, מיסיס זעלינג...

צי האָט ער דאָס גלאַט אַזוי אַרויסגעזאָגט, צי האָט דאָס עפּעס אַ באַדייט? אַ לייכטע רויטקייט האָט באַפֿאַרבט דער מיסיס זעלינגס בלאַסע באַקן. צי פֿילט נישט אַמאָל סאַשאַ דאָס זעלבע צו איר, וואָס זי פֿילט צו אים. עס קען נישט מעגלעך זיין. ווען סאַשאַ וואָלט עפּעס צו איר געפֿילט, וואָלט ער נישט געקומען אַהער בלויז איינמאָל אין יאָר. זי ווייסט, אַז ער האָט געגנוג זאָרגן אויפֿן ייִדישן „סעטלמענט״. ער האָט אויך זיינע וועגן אין לעבן, פֿון וועלכע ער וועט קיינמאָל נישט אַראָפּגיין — אָבער ווען ער וואָלט ליב געהאַט צו זיין נאָענט פֿון איר, וואָלט ער שוין געבראַכן זיין דיסציפּלין און געפֿינען צייט צו קומען אַביסל אָפֿטער קיין ראָזמאַר. ער דאַרף דאָך פֿאַרשטיין ווי זי בענקט נאָך אַ היימישן מענטש. כדי צו פֿאַרקערעווען אַביסל דעם שמועס און צו פֿאַרדעקן אירע מחש־בות, האָט די מיסיס זעלינג גיך אַ מורמל געטאָן צו סאַשאַן:

— זע נאָר, ווי איך נעם אויף אַ גאַסט... איך האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן, כ׳דאַרף דאָך צוגרייטן עפּעס צו עסן... און פֿאַרוואָס פּאַקט איר זיך נישט אויס? אַ שיינעם דאַנק פֿאַר די מתנות... איר האָט עס נישט געדאַרפֿט טאָן! די קינדער וועלן זיך מיט די מתנות זייער פֿרייען... בכלל מאָרי מיטן מגן־דודל... איר

האָט עס נאָך פון ארץ־ישראל... מיר דאַכט זיך, אַז דאָס יינגל האָט נאָך נישט געזען קיין מגן־דוד פאַר די אויגן...

שיינדל האָט געוואָלט סאַשאַן צוהעלפן ביים אויספּאַקן זיך, אָבער ער האָט נישט געלאָזט. ער איז דאָ אַ היימישער מענטש און ער ווייסט אַליין, ווו אַלץ געפינט זיך. פּונקט ווי ער איז אַליין געווען אַ ריינער, אַ ציכטיקער, אַזוי איז דאָס וואַליזקעלע זיינס געווען ציכטיק און אַלץ איז דאָרט געווען אויסגעסדרט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן ביים „סינק" זיינע אויסגעאַרבעט־האַרטע, גרויסע הענט.

כאָטש שיינדל האָט שוין אויסגעקוקט, אַז סאַשאַ זאָל קומען, האָט זיך אָבער קיינמאָל דער שמועס נישט געקלעפּט, ווען זי איז מיט אים געווען אַליין און זי האָט לייכטער אָפּגע־אָטעמט, ווען ס'זענען אָנגעקומען די קינדער. קודם־כל איז אַריינגעקומען לעזלי און באַלד נאָך אים זענען אַריינגעפאַלן מאָרי און זיין חבר באָב. אָן דעם חבר האָט זיך מאָרי אינגאַנצן מער נישט גערירט.

די קינדער זענען געווען שטאַרק פאַריאַכמערט און האָבן אַפילו נישט באַמערקט דעם גאַסט. מיסים זעלינג האָט זיי געמוזט דערמאָנען, זיי זאָלן זיך באַגריסן מיט דעם מיסטער פּאָפּעוו.

— העלאָו, מיסטער פּאָפּעוו... — האָט לעזלי דער ערשטער אויפגעהויבן מיט נייגעריקייט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם גאַסט.

נאָך אים האָט אויך מאָרי אָנגעקוקט דעם מיסטער פּאָפּעוו, וואָס איז אַזוי זעלטן צו זיי געקומען, אַז ער האָט אים לכתחילה נישט דערקענט. ער האָט אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויפן זילבערנעם מגן־דודל, וואָס דער גאַסט האָט אים געבראַכט, קוים אַרויסגעמורמלט אויף יוצא צו זיין „אַ שיינעם דאַנק", וואָס די מאַמע האָט אים אונטערגעזאָגט ער זאָל זאָגן — און ער איז שוין געווען צוריק ביי באָבן און זיינע שפּילערייען.

כאָטש די מאַמע האָט די יינגלעך בסדר דערמאָנט, זיי זאָלן רעדן מיטן מיסטער פּאָפּעוו, איז זיי דער קאָפּ נישט געשטאַנען דערצו און ס'האָט זיי שוין אינגאַנצן באַנג געטאָן,

וואָס זיי זענען אַהער אריין. זיי האָבן זיך באַשטעלט אויף היינט אינדערפרי מיט ראָן דעם גאָלד־גרעבער, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט צו נעמען טיף אין „בוש". זיי האָבן זיך געהיטן, אַז דזשין זאָל דערפון געוווּיער ווערן, ווייל באַלד וועט זי אויך וועלן מיטגיין און דאָס איז נישט קיין „דזשאָב" פאַר קיין מיידל.

די יינגלעך האָבן זיך געסודעט אַ שטיקל צייט אין אַ ווינקל, בשתיקה אַרויסגענומען עסן פון אייז־קאַסטן און איידער די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט, זענען זיי שוין נישט געווען אין שטוב. פון יענער זייט טיר האָבן זיי געהערט דער מאַמעס פאַרזאָרגט קול, וואָס האָט זיי נאָכגעשריגן:

— מאַרי... לע־עזלי!... קומטץ באַלד צוריק אַהיים! ס'איז דאָ אַ גאַסט אין שטוב! ווו שלעפט איר זיך ווייטער אַוועק?!...

זיי האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי הערן נישט דער מאַמעס געשריי און זענען אַוועק זייער וועגס. ס'האָט נישט געהאָלפן זייער אויסבאַהאַלטן זיך פאַר דזשינען. באַלד ווי זיי זענען אַרויס פון הויז, איז דזשין פון ערגעץ אויסגעוואַקסן און געגומען נאָך זיי נאָכגיין. לויטן סודען זיך און היטן זיך פאַר איר פון די יינגלעך, האָט זי שוין דערשמעקט, אַז זיי גייען אָפּטאָן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך און זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי מיט פאַמעלעכע און נישט־דרייסטע טריט. זי האָט זיך נישט געמאַכט דערפון, וואָס מען האָט זי געטריבן — און בעת זי איז אויסגעוואַקסן לעבן לעזולים זייט, זענען שוין אירע טריט געווען מער זיכער און זי האָט זיך געפילט באַשיצט.

מאַרי און באָב זענען געגאַנגען פון פאָרנט. זיי האָבן געוווּסט, אַז טאָמער איז לעזולי גוט צו דזשינען, האָט ער ליב צו גיין מיט איר פון הינטן, מען זאָל זיי נישט באַמערקן און נישט מאַכן חוזק פון זיי. באָבס קעשענעס זענען, ווי שטענדיק, געווען אָנגעשטאָפּט און זענען זייער אָפּגעשטאַנען. באָב האָט געהאַט אַ טבע אַריינצושטאָפּן אין זיינע קעשענעס אַלץ, וואָס ער האָט געפונען אין גאַס. ער האָט געטראָגן מיט זיך שטענדיק אַ גאַנצן וואַרשטאַט: נעגל, שרויפן, צווענגלעך, אַלטע שטיקלעך אייזן און אַפילו „קריקעט"־באַלעמס. כאָטש ער איז געווען נאָך אַ קינד, האָט ער שוין געוווּסט אַלץ, וואָס טוט זיך אין אַן אויטאָ. ער איז אַלעמאָל פול געווען מיט פּלענער. ער האָט

געוואָלט שוין וואָס גיכער אַוועק אין „בוש", כדי די עלטערן זאָלן נישט האָבן צו זאָגן איבער אים.

בשעת מאָרי האָט באַמערקט ווי דזשין גייט אַזוי נאָענט צוגעטוליעט צו לעזלין, האָט ער עפּעס נאָכגעקלערט און זיך פּלוצים אָנגערופן צו באָבן:

— איי, באָב... — האָט ער צו אים געזאָגט און אָנגעוויזן אויף לעזלין און דזשינען — וואָס ציט עפּעס אַזוי אַ מיידל צו אַ יינגל... וואָס טוליען זיי זיך אַזוי...

— זיי נישט קיין נאַר... — האָט באָב אָנגענומען אַן ערנסטע מינע און זיך געמאַכט זייער וויכטיק — דו ווייסט גאָרנישט... נישט נאָר ציט מיידלעך צו יינגלעך... נאָר פרויען ציט צו מענער... כ'בין שוין נישט איינמאָל געווען אין „דענס־האָל" לעבן „טשערטש" און באַמערקט ווי דיין שוועסטער פּאָולין קושט זיך מיט די „באָיס"... זיי גייען אַרום אין דער פינצטער און קושן זיך... מען האָט מיר געזאָגט, אַז פון דעם קושן זיך ווערן געבוירן קינדער... שור... כ'האָב עס געהערט פון איינעם, וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן... ער ווייסט אַלץ... שור...

— כ'פאַרשטיי נישט ווי עס קענען פון דעם געבוירן ווערן קינדער... — האָט מאָרי, אַ פּאַרטראַכטער, געזאָגט — ווער האָט דיר געזאָגט אַזאַ ליגן... קומט דאָך אויס, אַז דער טאַטע האָט געקושט די מאַמען און איך בין דערפון געבוירן געוואָרן... דער טאַטע וואָלט נישט געטאָן אַזאַ זאַך... עס איז דאָך נישט שיין!... דער טאַטע וואָלט זיך דערנאָך געשעמט צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַריין...

מאָרי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט אַלעמאָל אַ פאַרבאַהאַלטענעם בליק געטאָן הינטער זיך צו לעזלין און דזשינען, ווי זיי וואָלטן אים געקענט פאַרענטפערן די אַלע פראַגן, וואָס בויערן אים אין קאָפּ. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי זענען עפּעס אַנדערש געוואָרן, ווי זיי זענען ביז איצט געווען און זיי באַהאַלטן אין זיך סודות, וואָס זענען פאַרהוילן פאַר אים...

מאָרי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין דער מאַמען. ער דאָט געהערט איר קול, וואָס האָט זיי נאָכגעשריגן, זיי זאָלן

קומען אַהיים אין צייט, ווייל זיי האָבן אַ גאַסט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ חרטה, פאַרוואָס זיי האָבן אַפילו דער מאַמען נישט געענטפערט. ער האָט געוווּסט, אַז זיי ווען נישט אַהיים קומען אַזוי שנעל, זיי קלויבן זיך מיט ראָנען צו גיין טיף אין „בוש". עס קען געמאָלט זיין, אַז זיי וועלן זיך דאָרט זוימען אַ גאַנצן טאָג. עסן האָבן זיי אויף אַ גאַנצן טאָג מיטגענומען...

קאַפּיטל פינף

# פאַרבלאָנדזשעט אין „בוש"

בשעת די קינדער זענען אָנגעקומען צו ראָנען אין שטוב, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער גאָלד־גרעבער איז קראַנק און ער וועט נישט קענען אַרויסגיין זוכן גאָלד. ער איז געלעגן אין בעט, צוגעדעקט מיט אַלטע צעריסענע מלבושים. אין שטוב איז געווען שוואַרץ פון דעם רויך, וואָס איז געקומען פון די אונטערגעצונדענע צווייגן אויף דער קיך, ווו ס'האָט זיך אין דער פאַרקאָפּטשעטער „בילי" געקאָכט וואַסער אויף טיי. מחמת דעם רויך האָבן ראָנס שוואַכע אויגן נישט דער־קענט די אָנקומענדיקע קינדער און ערשט אין די שטימען האָט ער זיך געכאַפּט, ווער עס איז אַריינגעקומען. ער האָט באַלד צוגערופן צו זיך דזשינען און איר איבערגעגעבן די בשורה־טובה, אַז די קאַץ האָט צוגעטוליעט צו זיך די פרעמדע קעצ־לעך. ראָן, וואָס האָט ליב געהאַט חיות, פונקט ווי זיין אומגע־קומען ווייב האָט ליב געהאַט, האָט געמאַכט זיינע אויספירן:

— די חיות פאַרשטייען מער ווי מענטשן... מ'קען מיט זיי בעסער אויסקומען... עס זענען דאָ ערשט געווען די אַבאָרידזשין־קינדער... כ'האָב באַמערקט, אַז דאָס יינגל הינקט נאָך פון דעם שטיין, וואָס לעזלי האָט אים געוואָרפן... מיינע קעץ פאַרשטייען מער ווי די מענטשן... שור, זיי פאַרשטייען...

ראָן האָט געהאַט שטאַרקע היץ. ער איז געווען פיטש־נאַס פון שוויים. זיינע לאַנגע, נישט־געשווירענע האָר האָבן געקלעפּט צו זיין בלאַסן, געלבלעך־פּאַפּירענעם שטערן. ער האָט זיך פּלוצים אָנגעצונדן, זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און מיט געביילטע פויסטן געפּאַכעט אינם פאַרויכערטן שטיבל:

— ס'וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען די „שוואַרצע" וועלן אויפשטיין און מאַנען גערעכטיקייט... — האָט ער איבערגע־

חזרט זיין אייביקן פּזמון — אַז דאָס מזל וועט מיר צושפּילן און כ׳וועל געפינען גאָלד, וועל איך די שוואַרצע געבן אַ האַנט.. שור... כ׳געדענק עס ווי היינט... סאַלין דעם „דזשו״ האָט מען אויף די גאָלד־פעלדער געפּייניקט... און אַלץ דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ ייד...

ווידער וועגן „דזשוס״! מאָרי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם איז ראָן אויסן אים און זיין ברודער לעזלי. ראָן איז אַ גוטער, נעמט זיך אָן פאַר גערעכטיקייט — אָבער פונדעסטוועגן האָט ער ליב צו דערמאָנען אַלעמאָל אים און לעזלין, אַז זיי זענען יידן. דעם אמת געזאָגט, נאָך וואָס דאַרף ער, מאָרי, זיין אַ ייד, מען זאָל אים כסדר דאָס פאַרוואַרפן? ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין ייד...

מאָרי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע מחשבות, פאַרשטאַנען ווי די מאַמע מיטן טאַטן וואָלטן אויף אים אָנגעשריגן, ווען זיי ווייסן, וואָס ער טראַכט. באַב האָט איבערגעריסן זיינע טראַכטענישן, זיך פלוצים אָנגערופן צו ראָנען:

— טעיק איט איזי!... נעם עס נישט אַזוי ערנסט, ראָן...

— האָט ער מעשה־גרויסער געזאָגט — ס׳אַ נאַרישקייט... לעז איז גאָרנישט אויסן געווען... זיך געמאַכט אַ שפּאַס... צו וואָס דערמאָנען דאָס, וואָס איז געשען מיט אַ צייט צוריק!...

באַב האָט געוואָלט אַלץ פאַרייבן, נישט געוואָלט איבער־רייסן די גוט־ברודערישקייט מיט ראָנען, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט מיטצונעמען אויף אַ גאַנצן טאָג אין „בוש״ און זיי ווייזן ווי ער זוכט דאָס גאָלד. ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס דער אַלטער האָט צוליב זיין „נאַרישער קרענק״ נישט געקענט האַלטן וואָרט. ווען מען פרעגט אים, וואָלט ער אַרויסגעשלעפּט דעם אַלטן פון בעט און אים געהייסן גיין מיט זיי. ס׳האָט זיך אים אַפילו געדאַכט, אַז ראָן איז נישט קראַנק, ער מאַכט אַן אָנשטעל!... ס׳איז קאַליע געוואָרן אַ טאָג, ווען זיי האָבן געזאָלט פאַרברענגען אין וואַלד ביז ביינאַכט... זיי האָבן זיך צוגעגרייט עסן אויף אַ גאַנצן טאָג, געזאָלט מאַכן אַ פייער, בראָטן פלייש און אויפקאָכן אין אַ „בילי״ טיי, ווי אמתע „בוש״־מענער...

באַב האָט זיין פּלאַן נישט געוואָלט אויפגעבן, צוגערעדט מאָרין און לעזלין זיי זאָלן גיין אָן ראָנען. ער קען דאָס אָרט,

ווי ראָן זוכט דאָס גאָלד. אפשר וועט זיי צושפּילן דאָס גליק און זיי וועלן זיך אויף גאָלד אָנטרעפן. לעזלי האָט אָבער נישט געוואָלט גיין. ווי שטענדיק האָט ער פּיינט געהאַט נאָכצוגיין אַ פּלאַן, וואָס איז נישט אַרויסגעקומען פון זיין קאָפּ. חוץ דעם האָט ער נישט געוואָלט איבערלאָזן דזשינען אַליין און ס׳איז נישט גוט מיטצונעמען מיט זיך אַ מיידל. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן פּלוצים אַזוי צו זאָרגן וועגן דזשינען — אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל מער צו־געוווינט צו איר און ליב געהאַט צו פילן, אַז זי איז לעבן אים.

בשעת די חברה איז אַרויס פון דעם אַלטן ראַנטש הייזל, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אויף די אַבאָרידזשין־קינדער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „שוואַרצע" זענען שוין פון גאַנץ פרי דאָ געווען און דער אַלטער האָט זיי געשיקט קויפן טיטון פאַר זיין פּייקע אין „באַרבער־שאָפּ". איין יינגל האָט געהינקען אויף אַ פוס. באָבן און לעזלין האָט פאַרדראָסן, וואָס ראָן גיט זיך מיט די „שוואַרצע" אַזוי פיל אָפּ און זיי האָבן באַשלאָסן אין זיי נקמה צו נעמען. זיי האָבן אָנגעקליבן שטיינער, שטיקער ציגל און זיך געשטעלט הינטער אַ בוים וואַרטן אויף די אַבאָ־רידזשינאָלס. זיי וועלן זיי מכבד זיין מיט שטיינער, יענע זאָלן אַפילו נישט וויסן, פון וואַנען דאָס האָט זיך אויף זיי גענומען.

מאָרי איז געווען קעגן דעם. ראָן וועט זיין בייז און וועט פון זיי מער נישט וועלן הערן. חוץ דעם, וואָס האָט מען צו די אַבאָרידזשינאָלס? וועמען טשעפּען זיי? איין יינגל הינקט נאָך ביזן היינטיקן טאָג פון דעם שטיין, וואָס לעזלי האָט אים גע־וואָרפן. ס׳איז אַ רחמנות צו קוקן אויף אים ווי ער שווייגט, זאָגט גאָרנישט!...

לעזלי און באָב האָבן זיך אָבער צו מאָרין נישט צוגעהערט און ווייטער געקליבן די שטיינער. מאָרין האָט אָנגענומען אַ כעס, וואָס מען הערט זיך צו אים נישט צו און אויף צו לחכעיס דעם ברודער און דעם חבר, גענומען צעשאַרן די שטיינער, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט הינטערן בוים. זיי האָבן זיך אויף אים געוואָרפן, אַרונטערגעדרייט ביי אים די הענט און אים אויסגע־צווינגן אויף דער ערד, פּונקט אויפן זעלבן שטייגער ווי בעת די

שפילן „קאָובאָיס און אינדיענס". לעזלי האָט אַריינגעשריגן מאָרין אין אויער:

— ליג רואיק... דו פּחדן!... ביזט ערגער נאָך פון אַ מיידל...

דאָס האָט מאָרין נאָך מער צערייצט און ער האָט זיך דערפילט נאָך מער געטראָפן. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געוועדט, געפּרווט אַרויסרייסן די הענט, געקאָפּעט מיט די פיס — אָבער קעגן צוויי האָט ער וויניק געקענט אויפטאָן. ערשט ווען די „שוואַרצע" זענען אַרויסגעקומען פון ראָנס הייזל, זיך געלאָזט גיין אַהיים און ס׳זענען אויף זיי געפאַלן די ערשטע שטיינער, איז מאָרי, אַ באַפרייטער, געלאָפן גלייך צו זיי. ער איז געווען פאַרשוויצט און ער האָט שטאַרק געסאָפּעט, אָבער ער איז שנעל געלאָפן צו די „שוואַרצע", זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, גרייט זיי צו באַשיצן. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די שטיינער, וואָס זענען געפאַלן אַרום אים. אַ שטיין האָט אים שיער נישט געטראָפן אין קאָפּ אַריין. אַ מערכה וואָס ער האָט אין דער לעצטער רגע אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ. באַב האָט זיך דערפאַר דערשראָקן, זיך צעשריגן:

— גיי אַוועק!... רוק זיך אָפּ!.. — האָט ער אַריבערגעשריגן צו מאָרין — יו סילי באָי!... דו נאַרישער יונג, דו!...

מאָרי האָט זיך נישט אָפּגערוקט, געשטאַנען צווישן דער שוואַרצער חברה, וואָס האָט גענומען זוכן שטיינער אַרום זיך. באָב איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהערט צו וואַרפן די שטיינער, זיך געבעטן ביי מאָרין, ער זאָל זיך אומקערן. באָב האָט זיך נישט געוואָלט מיט מאָרין צעקריגן. זיי זענען אַלעמאָל געווען גוטע חברים — און דווקא היינט האָט ער געוואָלט מיט אים גוט לעבן, ווייל ער האָט געוואָלט ער זאָל מיט אים צוזאַמען גיין אין וואַלד. ער האָט נאָך אַלץ זיין פּלאַן נישט אויפגעגעבן. ער איז נישט פון די, וואָס גיבן אַזוי שנעל אויף אַ פּלאַן. לעזלי וויל נישט גיין מיט אים און טאָמער וועט מאָרי אויך נישט וועלן, וועט ער בלייבן איינער אַליין.

— קאַם אָן!... — האָט ער זיך געבעטן ביי מאָרין — מ׳וועט גיין אין „בוש" זוכן גאָלד... מיר וועלן גיין אָן ראָנען... אָן דעם אַלטן וועט זיין פיל בעסער...

מאָרי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זיך נישט געלאָזט

אזוי שנעל איבערבעטן פון באָבן. ס'האָט זייער לאַנג געדויערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט פון אים איבעררעדן און זיך צוריק־געקערט.

לעזלי מיט דזשינען זענען אַוועקגעגאַנגען. פאַרן אַוועקגיין האָט לעזלי אַ שטאָך געטאָן מאָרין:

— וואָס זאָל'ך זאָגן דער מאַמען, אַז כ'וועל אַהיים קו־מען?... כ'וועל איר זאָגן, אַז ביזט אַוועק אין „בוש"...

לעזלי האָט אָנגענומען דזשינען פאַר אַ האַנט. דזשין האָט צו אים געשמייכלט מיט איר פּאַריסן־בלאַס פּנימל, מיטן דין־פּאַרקאַשערטן נעזל. אירע זילבערן־גרויע אויגן האָבן געלויכטן פון דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט זי נישט געלאָזט אַליין און ער איז נישט מיטגעגאַנגען מיט באָבן און מאָרין. זי האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל שטאָלץ און זי האָט אַזוי שטאַרק באַגערט אים מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר איר געטאָן. זי האָט געוויזן אירע ברייטלעכע פּאַרפל־ציין מיטן לאָך פון סאַמע פאָרנט צוליב אַ פעלנדיקן צאָן, וואָס האָט איר צוגעגעבן פיל קינדערישן חן. דזשין האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון לעזלין, אָנגעקוקט אים מיט פאַרערונג, געוואָלט אַרויספּרעסן אַ שמייכל אויף זיין געטאָקט־שיין פּנימל. ער האָט צו איר ווילעריש־פריילעך אַ ווונק געטאָן, אָבער באַלד זיך דערמאָנט, אַז צוליב איר איז ער נישט געגאַנגען אין וואַלד מיט באָבן און מאָרין און צוליב איר וועט ער פאַרבלייבן אַ „סיסי", און אַ כעס האָט פאַרשאָטנט זיינע ברוינע מעד־אויגן. ער האָט געזוכט איר מיט עפּעס ווי צו טאָן, אַרויסגעזייעט צווישן די ציין:

— זע נאָר, כ'האָב גאָרנישט באַמערקט... ס'פעלט דיר אַ צאָן פון פאָרנט... ס'מאַכט דיך מיאוס... מעגסט גיין צום דענ־טיסט, וועט ער דיר אַריינשטעלן אַ פרישן צאָן...

— כ'האָב נאָך צייט צו גיין צום דענטיסט... — איז דזשינס פּנימל באַגאָסן געוואָרן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט — די מאַמע זאָגט, אַז ס'איז נישט כדאי... דאָס קומט פון נאַשן צוקערלעך... אַז כ'וועל אונטערוואַקסן, וועט מען מיר אַלע ציין אַרויסנעמען און אַריינשטעלן אויף זייער אָרט פרישע, פיל שענערע ציין...

— דאָס וועט דיך נאָך מיאוסער מאַכן... — האָט לעזלי געזוכט איר נאָך טיפער ווי צו טאָן, געקוקט ערגעץ אַוועק, זיך געמאַכט, אַז ער זעט נישט דזשינען.

זי האָט זיך שיער נישט צעוויינט, טרערן פון באַליידיקונג האָבן איר געשטיקט אין האַלז. אָבער זי האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן און קיין טרער נישט געלאָזט, כדי ער זאָל פון איר נישט לאַכן. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט געהאַלטן ביי ס'איריקע, געענטפערט מיט פיל צולהכעיסדיקייט, בעת־מעשה מיט ציטערדיקע פינגער אויפגעפלאָכטן און צוריק פאַרפלאָכטן אירע קאָרן־בלאָנדע צעפּ, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי פאַר אים וועלן באַווייזן:

— און מיר געפעלן פאַלשע ציין... מיין מאַמעס ציין זענען אַזוי שיין, ווי די פּערל... — האָט זי פאַרפרעסט געהאַלטן דאָס מויל, ער זאָל נישט באַמערקן, אַז ס'פעלט איר דער צאָן.

זיי זענען פאַוואָליע געגאַנגען אויפן וועג אַהיים, דאָ זיך דערנענטערט און דאָ זיך אָפּגערוקט פון זיך, געוואָרן ברוגז. בשעת זיי זענען ברוגז געוואָרן, האָט לעזלי אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זייַער און אַז זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, האָט ער צוריק אָנגענומען איר האַנט און זי געדריקט מיט ליבשאַפט. זיי האָבן געזאָלט גיין אַהיים אויף מיטאָג, אָבער זיי האָבן זיך פאַרזוימט. בעת לעזלי האָט אָפּגעפירט דזשינען אַהיים, איז שוין באַלד געווען די צייט פון עסן „טי". די מיסיס רעלי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון איר הייזל, אָפּגעוואַרט די קינדער. זי האָט געזאָגט צו לעזלין, אַז דער טאַטע זיינער איז אים שוין דאָ געווען זוכן — און זי האָט אים באַלד אַהיים געשיקט.

ווען לעזלי איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפן די מאַמע זייַער אַן אומרואיקע און אַ פאַרזאָרגטע. די זאָרג האָט זיך אַריינגעבאַפּט אין איר נאָך פאַרן „לאָנטש", ווען די יינגלעך זענען נישט געקומען אַהיים אין צייט. זי האָט אויף מיטאָג אַלץ שוין צוגעגרייט פאַרן גאַסט, וואָס איז געקומען צו זיי אויפן „וויקענד", געמאַכט אַלץ מיט אַ סך פּינקטלעכקייט. זי האָט אויסגעשפּרייט אַ שניי־ווייַס טישטוך אויפן טיש, באַזאָרגט פאַפּירענע סערוועטלעך און אויסגעלייגט דעם באַשטעק לויט אַלע כללים, ווי ס'איז דער מנהג אין אויסטראַליע. דערפאַר

זענען די מאכלים, וואָס זי האָט צוגעגרייט, געווען יידישע און דערמאָנט די עסנס אין דער היים. זי האָט געמאַכט צוואָרעך מיט רויטע פרישע ראש־חודש־רעטעכלעך, צעשניטן אַ הערינג, וואָס דער מאַן האָט געברענגט פון מעלבורן, און אים צוגעפּראַוועט מיט ציבעלעס און בוימל און צעהאַקט אייער אויפן היימישן שטייגער. אפילו אין אַביסל משקה אויף „אַ לחיים”, וואָס זי האָט אַליין געשטעלט, האָט זי נישט פאַרגעסן. זי האָט געוואַרט בלויז דער מאַן מיט דער טאָכטער זאָלן זיך אומקערן פון געוועלב און די יינגלעך זאָלן צוריקקומען פון גאַס.

בשעת דער מאַן מיט דער טאָכטער זענען געקומען פון „שאָפּ”, האָט זי זיי באַלד דערציילט, וואָס פאַראַ גאַסט זיי האָבן. די טאָכטער האָט זיך אָבער ווייניק אומגעקוקט אויפן מיסטער פּאָפּעוו, אַריין אין באָד־צימער, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר און קיינעם דאָרט נישט אַריינגעלאָזט. זי האָט זיך לאַנג געזוימט ביים וואַשן און שמינקען און ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר טואַלעט, האָט זי אָנגעהויבן צו איילן די מוטער, זי זאָל איר געבן אָפּצועסן, ווייל זי דאַרף אוועקגיין. דעם מאַן האָט שיינדל קוים געקענט איבעררעדן, ער זאָל זיך אָנטאָן אַ יום־טובדיק מלבוש צום עסן. אַז ער האָט איר שוין קוים מיט לייד צוליב געטאָן, האָט ער נישט געוואָלט אָנטאָן אַ קראַוואַט און זיך געוואָלט זעצן צום טיש מיט אַן אויפגעשפּילעט העמד.

— איאָ, כ׳וועל אייך אַזוי אויך געפעלן, מיסטער פּאָפּעוו?

— האָט ער זיך מיט אַ באַהאַלטן שמייכעלע געוואָנדן צו סאַשאַן — וואָס בין׳ך עפּעס אַ חתן־בחור, וואָס גייט אָנקוקן אַ כלה?... כ׳האָב שוין אַ ווייב ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר... איי, די ווייבער... זיי לאָזן נישט לעבן...

די רייד האָבן שיינדלען אַ שטאָך געטאָן. ס׳האָט איר פאַרדראָסן דעם מאַנס גרינגשעצערישע אויפפירונג. וואָס איז ער געוואָרן אַזוי זיכער ביי זיך? אַמאָל איז ער איר נאָכגעלאָפן און היינט איז אַלץ אוים... פאַרוואָס זאָל ער איר טאַקע נישט צוליב טאָן און אָנטאָן אַ קראַוואַט צום עסן? אַז ס׳איז דאָ אַ גאַסט אין שטוב, דאַרף ער דאָס אוודאי טאָן. זי האָט זיך געשעמט מיטן מאַנס אויפפירעכץ פאַר סאַשאַן. דאָס ווייזט, וואָס

פּאַרא דרך־ארץ ער האָט פאַר איר. און אפשר טוט ער דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל ער זעט ווי זי פאָרעט זיך אַרום סאָשאַן. ער ווייסט וואָס טוט זיך ביי איר אינעווייניק. דער געדאַנק, אַז הערש קען גאָר זיין אייפערזיכטיק אויף איר, איז איר פונדעסט־וועגן געפאָלן.

ווען אַלע זענען שוין געזעסן ביים טיש, האָט שיינדל זיך געכאַפּט, אַז די יינגלעך זענען נאָך נישטאָ. זי האָט נישט גע־וואָלט עסן אָן זיי, געוואָלט מען זאָל אויף זיי וואַרטן. די קינ־דער האָבן זיך אַלץ נישט באַוויזן. דאָס איז ס׳ערשטע מאָל, זיי זאָלן זיך אַזוי לאַנג פאַרשפּעטיקן. זי האָט זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן קומען צו דער צייט. עס איז איר צו גוט געווען און א מורא האָט נאָך אינדערפרי איר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס גליק קען איר צעשטערט ווערן. פּאָולין האָט נישט געוואָלט מער וואַרטן מיטן עסן. זי דאַרף אַוועקגיין, מען וואַרט אויף איר. פּאַר פּאָולינען האָט זיך שיינדל נישט אַזוי שטאַרק געזאָרגט, ווי פאַר די יינגלעך. זי ווייסט, אַז פּאָולין קען זיך איר שטעטל אַליין באַשטיין. פּאָולין וועט אַרומגיין מיט די „באָי־פרענדס" — אָבער זי וועט זיך מיט זיי אין קיין ווייטע מחזקות נישט אַריינלאָזן. כאָטש זי איז נאָך אַזוי יונג, איז שוין איר איינציקער באַגער רייך חתונה צו האָבן... אָבער כאָטש שיינדל האָט דאָס אַלץ געוווסט, איז איר פונדעסטוועגן אַלעמאָל אַ פרישער פּחד באַפאַלן, ווען די טאָכטער האָט זיך געאיילט אַרויסצוגיין פון שטוב...

פּאָולין האָט ביי דער מוטער נישט געפרעגט און אָנגע־הויבן אין גרויס איילעניש צו פאַרזוכן פון טיש. מחמת דעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט צונעמען אויף דער וואָג, האָט זי בלויז פאַרזוכט עפּעס פון דעם און פון יענעם. בעת־מעשה האָט זי געהאַט טענות צו דער מוטער, וואָס זי האָט צוגעגרייט בלויז יידישע מאכלים. די מיסיס זעלינג האָט געפילט, אַז דאָס אַלץ, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט מיט אַזוי פיל ציטערניש, ווערט צערונען. זי האָט זיך געבעטן ביים מיסטער פּאָפּעוו, ער זאָל אָנהויבן עסן. אַליין האָט זי גאָרנישט געקענט נעמען אין מויל אַריין, עס האָט איר גאָרנישט געקענט אַדורך דעם האַלז.

באַלד נאָכן עסן איז די מיסיס זעלינג צוגעשטאַנען צום

מאַן, ער זאָל גיין צו דער שכנטע און געוווּער ווערן ווי די קינדער זענען. מיסטער זעלינג איז אָבער געווען זייער מיד נאָך אַ גאַנצער וואָך שטיין אין געשעפט און די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. צוליבן גאַסט האָט ער אָפּגעלייגט דעם נאָכ־מיטאָגדיקן שבתדיקן שלאָף, געשמועסט מיט אים וועגן יידישן „סעטלמענט" — אָבער ער האָט געפילט, אַז די מידקייט איז אים גובר. ער האָט נישט געוואָלט גיין צו דער שכנטע, זיך נישט געמאַכט הערן, וואָס דאָס ווייב רעדט צו אים. אַז מיסים זעלינג איז צו אים גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער זיך אָנגערופן צו איר:

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַליין צו דער מיסים רעלי?... די קינדער וועלן באַלד קומען!... אַז דו ביזט אַזאַ געטרייע מאַמע, גיי אַליין געוווּער ווערן...

— דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב נישט ליב מיט דער שכנטע צו רעדן... — האָט זיך שיינדל אביסל פאַרלוירן — כ'האָב נאָך אַלץ צו איר נישט געפינען דאָס לשון...

— ביזט שוין דאָ אַזוי לאַנג אין דער „קאַונטרי" און דו פירסט זיך אויף, ווי דו וואָלסט ערשט נעכטן געקומען... — האָט מיסטער זעלינג געשאָקלט דעם קאָפּ מיט פיל באַדויער — גוט, כ'על אַליין גיין...

הערש האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן מיסטער פּאָפּעוו און אַרויס אינדרויסן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אַריינ־געזאָגט דעם ווייב. ער האָט נישט געקענט ליידן דעם ווייבס הילפלאָזיקייט. אַ מענטש איז דאָ אַזוי לאַנג אין לאַנד און האָט כסדר מורא. אין דער היים איז זי געווען אַ גאַנצע מאַדאַם, געקוקט אַראָפּ צו אים...

בעת מיסים זעלינג איז געבליבן אַליין מיט סאַשאַן, האָט זי זיך פאַר אים געשעמט צוליב דעם, וואָס דער מאַן האָט זי באַליידיקט. זי האָט זיך אַליין געמוסרט פאַר איר אומבאַהאָלפנ־קייט, באַשלאָסן זיך צו נעמען אין די הענט אַריין. באַלד האָט זי אָבער אין דעם פאַרגעסן, נישט געהערט אפילו, וואָס סאַשאַ רעדט און זי איז אינגאַנצן פאַרנומען געווען מיט דער זאָרג וועגן די יינגלעך. ווו האָבן זיך די קינדער געקענט אַהינטון? זי האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט דער מאַן זאָל צוריק־

קומען און אז עס איז אוועק אַ צייט און ער האָט זיך נישט געוויזן, האָט זי זיך מער קיין אָרט נישט געקענט געפינען. זי האָט אַראָפּגערוימט פון טיש, זיך געשטעלט וואַשן דאָס געפעס. סאַשאַ האָט אָנגעטאָן אַ ווייבעריש שירצל, פאַרקאַשערט די אַרבל, און זיין נאָך אַלץ יונגנטלעך פּנים איז געווען פול מיט שמייכל:

— כ'מיין, אַז איר וועט מיך „אוגאָשטשאַיען" מיטן ווישן דאָס געשיר, מיסיס זעלינג... דאָס איז דער „דזשאָב" פון די „מושטשינעס" אין דעם לאַנד...

שיינדל האָט געוואַשן דאָס געפעס, סאַשאַ האָט עס מיט אַ שטשערקע אָפּגעווישט. בעת־מעשה איז איר דורכגעפלויגן דער געדאַנק, אַז הערש האָט קיינמאָל אַפילו איר נישט פאַר־געלייגט אין עפּעס צוצוהעלפן. בעתן וואַשן האָבן ביי איר די הענט געציטערט און זי האָט שיער נישט אַרויסגעלאָזט די טעלער פון די הענט. זי האָט כסדר געקלערט פון דעם, אַז באַלד פון דער פרי אָן איז זי געווען געשטימט אַזוי יום־טובדיק און עס האָט איר נישט אָפּגעלאָזט דאָס געפיל, אַז דאָס גוטס קען זיך נאָך מיטאַמאָל אויסלאָזן. ווען זי האָט געזען, אַז דער מאַן איז נאָך אַלץ נישטאָ צוריק, האָט זי געזאָגט צו סאַשאַן:

— כ'קען מער נישט וואַרטן, מיסטער פּאָפּעוו... מיין מאַן איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען!... מ'מוז גיין זען ווו די קינדער זענען...

בשעת מיסיס זעלינג האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, איז אַקוראַט אַריינגעקומען לעזלי. ער האָט זיך שטילערהייט אַריינ־געשאַרט און באַלד זיך אַריינגעגנבעט צו זיך אין שטוב. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, געוואָלט אים שטעלן עטלעכע פראַגן מיטאַמאָל און די צונג האָט זיך ביי איר פאַרפּלאָנטערט. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, ווו מאָרי איז. לעזלי האָט מיט אַ דערשראָקן קול געענטפערט, אַז מאָרי איז אוועק מיט באָבן אין „בוש".

מיסיס זעלינג איז אַרוים אין גאַס און זי איז איין אָטעם אַריינגעלאָפן צו דער שכנטע, מיסיס רעלי. זי האָט אָבער דאָרטן הערשן נישט געטראָפן. דער מיסטער רעלי, וואָס האָט זיך ערשט אומגעקערט פון דער אַרבעט אין טאַרטאַק, איז נאָך

געשטאַנען אין די „אָוועראָלס", זיך געהאַלטן אין איבערטאָן. ער האָט געזאָגט, אַז זיין ווייב איז ערשט געגאַנגען צו ראָנען דעם גאָלד־גרעבער געוויער ווערן, ווו די קינדער זענען אַוועק אין וואַלד. דער מאַן אירער, הערי, איז נאָך פריער אַוועק צו ראָנען. דזשין ווייסט גאָרנישט. זי האָט שוין באַקומען די אמתע גאָב. אַז באָב וועט צוריקקומען, וועט ער ערשט ביי אים שניידן ס'לעדער!...

ביי ראָנען האָט שיינדל געטראָפן הערשן און די מיסיס רעלי. ראָן איז געלעגן קראַנק אין בעט. פון צווישן די אַלטע מלבושים, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעדעקט, האָט מען קוים געקענט אַרויסזען זיין בלייך־אָפּגעברענט פּנים מיט די זילבערן־פאַרגעלטע האָר. אין שטוב איז געשטאַנען דער בין־השמשות און עטלעכע קעץ האָבן זיך געדרייט אַרום ראָנס בעט. אַ פּאָר אַבאָרידזשין־ייִנגלעך האָבן זיך געטוליעט אין אַ ווינקל, מיט אומצוטרוי געקוקט אויף די אַריינגעקומענע.

ראָן האָט נישט געוווסט, ווו די ייִנגלעך האָבן געקענט גיין. ער זוכט דאָס גאָלד אויף עטלעכע ערטער אין „בוש" און ער ווייסט נישט, ווו זיי איז איינגעפאַלן זיך צו לאָזן. ווען ער וואָלט זיך נאָר געקענט שטעלן אויף די פיס, וואָלט ער זיי אַליין געגאַנגען זוכן.

— כ'קען דעם בוש, ווי מיינע צען פינגער... — האָט ער אַרויסגעשטעלט זיינע אַלטע אָדערדיק־צעקרומטע הענט, ווי אויסגעטריקנטע עקאַליפּטוס־צווייגן — מען דאַרף גיין נאָך דיקן... נעמען די אַבאָרידזשין־קינדער צו הילף... זיי קענען גוט דעם וואַלד... ווייסן אַלע פאַרבאָרגענע ערטער...

שיינדל האָט פון די אַלע מעשיות נישט געוואָלט הערן, געהייסן הערשן גיין צו דער פּאָליציי. מען האָט זיך אָבער צו אירע רייד נישט צוגעהערט, ווייל ראָן האָט פון קיין פּאָליציי נישט געהאַלטן. אַז די גאַנצע חברה האָט זיך געלאָזט צום וואַלד, איז מיסיס רעלינג געבליבן שטיין זייער פאַרלוירן. זי האָט געוואָלט נאָכלויפן, אָבער מען האָט זי צוריקגעקערט פון וועג.

שיינדל האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיך און געלאָפן אַהיים, כדי צו רופן מיסטער פּאָפּעוו. ער האָט געהאַט

טענות, פאַרוואָס מען האָט אים נישט מיטגענומען צו הילף אין וואַלד. שיינדל האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז מען דאַרף רופן נאָך מענטשן, מ'דאַרף דאָס גאַנצע שטעטל שטעלן אויף די פיס... באַלד וועט צופאַלן די נאַכט... וואָס וועט דע־מאָלט זיין!...

— וואָס טוט מען גאָרנישט?... וואָס שטייט מען מיט פאַרלייגטע הענט!... — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין — מען דאַרף עפּעס טאָן!... מיין מאַן האָט דאָס מיך פאַרשלעפּט אין אַ לאַנד!... וואָס האָט ער געהאַט צו מיר!...

לכתחילה האָט זיך נאָך שיינדל געשעמט פאַר מיסטער פּאַ־פּעוו. וואָס שפּעטער ס'איז אָבער געוואָרן און מען האָט נישט געזען קיינעם צוריקקומען פון וואַלד, אַלץ ווייניקער האָט זי זיך געשעמט פאַר סאַשאַן — און ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט זי שוין אינגאַנצן אויסגעטאָן ס'שעם־היטעלע. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס סאַשאַ האָט זי בארויקט, גע־טרייסט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן און זי האָט זיי נישט געקענט מער איינהאַלטן. זי האָט כסדר געמינטערט דעם קראַנקן ראַן, געשטעלט אים אַזעלכע קשיות, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן.

ביי ראָנען אין שטוב איז אויך געווען די מיסיס רעלי, זיך אַרומגעדרייט אַ שווייגנדיקע און אַ שטילע. דער שטראָם פון רייד, וואָס האָט שטענדיק זיך געגאָסן פון איר מויל, האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען געוואָרן. אין שטוב איז געווען ווינצטערלעך. אַ פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּל האָט געציטערט אין אַ ווינקל. די ווייבער האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף און אָפּ. נישט גערעדט צו זיך, זיך אויסגעמיטן. די מיסיס רעלי האָט זיך אָבער באַמיט אויפצוכאַפּן שיינדלס בליק און אַז ס'איז איר דאָס געלונגען, האָט זיך איר פּנים אויסגעקרומט אין אַ שמייכל. זי האָט שיינדלען אונטער־געדרוקט אַ שטול, זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און, ווי ס'איז געווען איר שטייגער, אָנגעהויבן איר דערציילן די נייעסטע גע־שעענישן אין שטעטל. בשעת זי האָט געזען, אַז שיינדלען שטייט נישט דער קאָפּ דערצו, האָט זי זיך צו איר אָנגערופן:

— דאַנט וואָרי!... — האָט זי זיך אָנגערופן און אַלע קנייטשעלעך אין איר פּנים האָבן זיך צעשמייכלט — מען וועט באַלד צוריקבאַקומען די קינדער... זיי האָבן נישט געקענט ווייט אַוועקגיין!... ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו זאָרגן...

דער מיסיס זעלינג האָבן אָבער דער שכנטעס אַלע רייד אויפגערעגט און זי האָט זיי נישט געקענט הערן. זי האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן, אַרויף אויף דער מיסיס רעלי:

— כ'וויל נישט, אַז באָב זאָל זיך חברן מיט מאָרין!... ער שלעפּט אים אַוועק אויף שלעכטע וועגן!... די לעצטע אַוואַנטורע שטאַמט זיכער פון באָבס קאָפּ!...

מיסיס רעלי האָט איר נישט געענטפערט, אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג, ווי אַ ביטערע פּיל. נישט איינמאָל האָט איר שוין די „פרעמדע" באַליידיקט, דער עיקר מיט דעם, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל מיט איר נישט געוואָלט אָפּגעבן. מיסיס רעלי איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטייפטע, גאָרנישט מער געזאָגט. איצט איז אוודאי נישט די צייט אַריינצוזאָגן מיסיס זעלינג. שיינדל האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט, געזען, אַז די שכנטע ענטפערט נישט, האָט איר דאָס נאָך מער צערייצט און זי האָט מוסיף געווען:

— כ'מיין, אַז איר האָט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט!... פון היינט אָן וויל איך נישט מער, אַז באָב און מאָרי זאָלן זיין חברים!... כ'האָב עס גענוג!...

די מיסיס רעלי האָט אויך ווייטער נישט געענטפערט, געזעסן אַלץ אַ פאַרשטייפטע און אַ שטילע. אין דער האַלבער פינצטערניש האָט איר פּנים בלייך געלויכטן, ווי עס וואָלט געווען פון גיפּס. שיינדל האָט זיך געריכט, אַז די שכנטע וועט איר עפּעס ענטפערן און, אַז קיין ענטפער איז אַלץ נישט געקומען, האָט זי זייטיק און מיט חידוש אָנגעקוקט די מיסיס רעלי. די צייט איז זייער פּאַוואָליע געקראָכן. די דערוואַרטונג צו דערהערן טריט פון דרויסן, איז כסדר גרעסער געוואָרן, פול געוואָרן מיט אָנשטרענגונג, ביז צום פּלאַצן. ראָן האָט געדרימלט. עס האָט זיך געהערט זיין לייכט שנאָרכן. טיילמאָל האָט ער גערעדט פון שלאָף, איבערגעחזרט ווערטער אָן אַ שום זין. די לײדן האָבן אים איצט נישט דערקוטשעט. כאָטש די צייט איז

געקראַכן אַזוי פּאַוואָליע, ווי אַ טשערעפּאַכע, האָט מען געפּילט, אַז ס'ווערט אַלעמאָל שפּעטער און שפּעטער... פון צייט צו צייט האָבן זיך דערהערט טריט פון דרויסן, וואָס האָבן אויפגעוועקט די פאַרגליווערטקייט, געמאַכט אויפשפּיצן מיט פרייד די אויערן — אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די טריט געהערן צום מיסטער פּאָפּעוו. שיינדל האָט געוואָלט אַלע פאַר רגעם אַרויסלויפן זען, צי ס'קומט ווער אָן, אָבער סאַשאַ האָט זי קוים איינגעהאַלטן און אַליין געגאַנגען קוקן. אַז זי האָט שפּעטער דערהערט זיינע טריט, וואָס האָבן זי אַריינגעפירט אין אַ טעות, האָט זי אים פיינט באַקומען... שיינדל האָט אַלץ זייטיק און בגנבה אָנגעקוקט די שכנטע, געזען ווי זי זיצט אַזאַ שטילע און אַ פאַרגליווערטע, און מיטאַמאָל האָט איר אַ רחמנות אָנ־געגומען אויף איר. זי האָט דערפּילט אַפילו צו איר אַ קרובה־שאַפט. ווי זי קען אַזוי אַלץ פאַרבאַהאַלטן אין זיך, גאָרנישט אַרויסווייזן. בשעת עס זענען געקומען צו מיסיס רעלי די טעכ־טער אירע, אויסגעפּוצטע און פאַרשלייערטע אויפן „וויקענד", האָט זי ביי זיי פאַרקעמט די האָר, צו־רעכט געמאַכט די קליידער — און זיי באַלד אַהיים געשיקט. און פלוצים האָט מיסיס זעלינג אויסגעשטרעקט אירע הענט, אַרומגענומען די מיסיס רעלי און זי צוגעדריקט צו זיך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ביידע ווייבער זענען אַרויפגעפאַלן אויף זיך, זיך אַרומגענו־מען און זיך שטיל צעוויינט...

קרוב צו האַלבער נאַכט האָט מען געבראַנגט די יינגלעך. זיי זענען פאַרקראָכן ווייט אין „בוש", נישט געפונען דעם וועג צוריק. מיט דעם סקאַוט־מעסער, וואָס באָב האָט געהאַט מיט זיך, האָט ער געמוזט שניידן די קוזשאַקעס, די צווייגן פון די ביימער, כדי זיך דורכצורייסן דורך דער ווילדערניש. ביידע יינגלעך האָבן געהאַט צעקראַצטע און פאַרבלוטיקטע הענט און פּנימער פון די אַלע ווילד־פאַרפּלאָנטערטע קוזשאַקעס און צווייגן, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אין וועג.

דיק דער „טראַק־דרייווער" האָט גענומען באָבן גלייך אַהיים. ווען דאָס יינגל וועט קומען צו זיך נאָכן „שאָק", וועט ער אים אַריינגעמען אין אַ קעמערל און צווישן פיר אויגן וועט ער אים געבן זיין פּסק. מיסיס זעלינג האָט מאָרין געקושט,

געהאַלזט, כאָטש הערש האָט זי געוואָרנט, זי זאָל דאָס נישט טאָן — זי וועט אינגאַנצן קאַליע מאַכן דאָס יינגל!...

אויפן וועג אַהיים האָט שיינדל זיך אומגעקוקט אויפן וואַלד, וואָס איז געשטאַנען אַזאַ רואיקער און סודותדיק־שטילער. די ווייסע שטאַמען פון די עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס האָבן זיך געהויבן פון טאָל אַרויס, האָבן ווי ריזיקע ליכט, זיך געצונדן אין זילבערדיק־העלן לבנה־שיין. טיפער אַריין האָבן זיך די ביימער ענג־פאַרפלאָכטן, זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ טונקל־בלויען פלעק, וואָס האָט זיך, ווי אַ געדיכטער נעפּל, געצייכנט אויפן לויטער־קלאָרן הימל. די בלייכע לבנה האָט מיט אַ ווייסן, פּערלדיקן זילבער באַדעקט דעם געדיכטן בלויען נעפּל, וואָס האָט לייכט געציטערט, ווי אַ שטייענדיק וואַסער. שיינדל האָט זיך דערפילט אַזוי קליין קעגן דער מעכטיקייט פון וואַלד, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך סודות פון וועלט־באַשאַף... ווען זי האָט צוזאַמען מיט מאָרין געשפּרייזט אַהיים און דערזען איר הויז פונדערווייטנס, האָט זי אין דער שטיל געדאַנקט דעם באַשעפער פאַר דעם גוטס, וואָס ער האָט געטאָן מיט איר...

מאָרי איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף. ווען אַלע אין שטוב זענען שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט מיסיס זעלינג אַליין נישט געקענט צוטאָן קיין אויג. זי האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, אַראָפּ פון בעט, קיינער זאָל נישט הערן און אויף די שפּיץ־פינגער זיך צוגעשאַרט צו מאָרין. אין זילבערנעם לבנה־שיין האָט זי געזען זיין יינגלעריש פּנים מיט די אַלע סימנים פון די צווייגן, וואָס האָבן זיך נאָך פריש דערויף געצייכנט. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט מידקייט. די בלאָנדע פאַרשטויבטע האָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטערן. זי האָט געוואָלט אָוועקשאַרן די האָר פון שטערן, געוואָלט אָפּווישן די בלוטיקע צייכנס פון פּנים — אָבער מאָרי האָט זיך גע־וואָרפן אויפן געלעגער, זייער אומרואיק געשלאָפן. האָט זי זיך בלויז אַוועקגעזעצט לעבן אים זייער פאָרזיכטיק, כדי אים נישט אויפצוועקן און אַוועקגעלייגט לעבן אים דאָס מגן־דודל, וואָס מיסטער פּאָפּעו האָט אים געבראַכט.

מאָרי איז אָפּגעשלאָפן ביז אינמיטן טאָג אַריין. בעת ער איז אויפגעקומען, איז ער נאָך פול געווען מיט דער נעכטיקער

איבערלעבעניש, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ווייטער גיין אין וואַלד.

— כ'האָב ליב דעם „בוש"... באָב איז אַ גוד באָי... — האָט ער זיך געמענטשלט — איך זע נישט פאַרוואָס כ'זאָל זיך מיט אים נישט חברן!... מיר האָבן אַביסל פאַרבלאָנדזשעט... דעט'ס אָל!...

ווען מאָרי האָט גערעדט זיינע צולהכעיסדיקע, ווילערישע רייד, האָט מיסטער פּאָפּעוו מיט אים מסכים געווען.

— לאָזט אים רעדן, וואָס ער וויל... — האָבן זיינע אויגן זיך יונג אַ צינד געטאָן — ער רעדט דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל מען ציטערט אַזוי איבער אים... ער וועט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד... ווען כ'בין געווען אין זיינע יאָרן, האָב איך אָפּגעטאָן ערגערע זאַכן... ביי מיינע אַכצן יאָר, האָב איך זיך שוין געשלעפּט איבער די ארץ־ישראלדיקע זאַמדן... געווען אין דער מדבר צווישן לויטער אַראַבער...

צו די רייד האָט זיך מיסים זעלינג נישט צוגעהערט, זיך געמאַכט, אַז זי הערט זיי נישט. זי האָט בלויז ליב געהאַט צו הערן, ווען סאַשאַ האָט געזונגען זיינע העברעאישע און יידישע לידער, וואָס האָבן איר דערמאָנט אין דער היים, איר דערמאָנט אין די בחורים און מיידלעך אין וואַרשע...

בשעת מיסטער פּאָפּעוו האָט פאַרפּאַקט זיינע זאַכן, זיך געקליבן צוריק אין „סעטלמענט", האָט מיסים זעלינג געפילט ווי די בענקשאַפט צעוואַקסט זיך אין איר. אַביסל אַ שעמעוודיקע, האָט זי מיט אַ שטיל קול געזאָגט צו סאַשאַן:

— פאַרוואָס קומט איר צו אונז אַזוי זעלטן, מיסטער פּאָפּעוו... קומט אָפטער! מיר זענען אַזוי אויסגעבענקט נאָך אַ היימישן מענטש!...

קאַפּיטל זעקס

# אין אַ הייסער נאַכט

נאָך מיסטער פּאָפּעווס אָוועקפאָרן צוריק אין „סעטלמענט", האָט מיסיס זעלינג זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז זי האָט זייער ווייניק צייט געהאַט זיך מיט אים אָפּצוגעבן און זי האָט אים שלעכט אויפגענומען. דאָס עגמת־נפש, וואָס זי האָט געהאַט מיט מאָרין, האָט ביי איר די גאַנצע צייט צוגענומען — און סאַשאַ איז אַוועקגעפאָרן אָן דעם ער זאָל זינגען די לידער, וואָס האָבן איר דערמאָנט אין די בחורים און מיידלעך אין וואַרשע. אַלע־מאָל, ווען ער קומט צו זיי, זינגט ער און ער דעקלאַמירט די לידער. דאָס יאָר, ווען די קינדער זענען שוין אונטערגעוואַקסן, האָט זי געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך צו זיי צוהערן. עס קען זיין, אַז סאַשאַ האָט זיך באַליידיקט און וועט מער צו זיי נישט קומען. פאַר דעם געדאַנק האָט זי זיך דערשראָקן. אין די שטובן האָט זיך צוריק באַזעצט די וואָכעדיקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל. אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס אַ ווייטער און פאַר־הוילענער וועלט האָט אַרומגענומען די מיסיס זעלינג. זי האָט נישט געקענט מער קוקן אויפן שטעטל, זיך נישט געקענט מער צוהערן צום געקלאַנג פון די זעגן, וואָס איז געקומען פון טאַר־טאַק, צום שאָרכן פון די אָפּגעבראָכענע צווייגלעך און בלעטער, וואָס דער ווינט האָט געברענגט צו טראָגן פון וואַלד. עס זענען איר נאָך מער פאַרמיאוסט געוואָרן די שכנטע מיסים רעלי, ראָן דער גאָלד־גרעבער, טשאַרלי דער כינעזער. זי וואָלט אַוועקגע־געבן אַ שטיק פון איר לעבן, אַבי זי זאָל ערגעץ אַוועק פון דעם אַלעמען...

כאָטש ס'איז שוין געווען אַ שטיק נאָך „קריסטמעס", זענען קיין ראָזמאַר אומגעריכט אָנגעקומען שטאַרקע היץ־כוואַליעס, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל מיט אַ גליענדיק פייער.

אין די שטאַרקע היצן האָט מען קוים געהערט דעם טאַרטאַק אַרבעטן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פון מידקייט איינ־געדרימלט געוואָרן. דער חלל איז געווען רויט, ווי אָנגעגליט אייזן. כאָטש ס'האָט געבלאָזן אַ הייסער ווינט, וואָס איז געקו־מען פון די צפונדיקע מדבריות און אָנגעטראָגן אַ סך רויטן שטויב, האָבן זיך די ביימער אין וואַלד ווייניק באַוועגט. מיד און אויסגעשעפּט, זענען זיי געשטאַנען און זייערע ווייס־אָפּגעשיילטע שטאַמען האָבן מאַט געשיינט, ווי אויסגעטרוקנטער ביין. פון היץ און טרוקעניש האָבן זיך די בלעטער געקאָרטשעט און זענען פאַרשמאַכט אַראָפּגעהאָנגען צו דער ערד. שטיקער רויך, ווי אָפּגעריסענע וואָלקנס, האָבן נידעריק געפּויזעט. קיין זון האָט מען נישט געזען. טיילמאָל בלויז האָבן עטלעכע פאַר־בלאָנדזשעטע זון־שטראַלן געל באַפאַרבט די ראַנדן פון דעם פויזנדיקן רויך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעזונקט־פאַרברענטע וואַטע. דאָס גראָז איז געווען געל און שיטער, ווי אַן אויסגעקראָכענע פעל און די רויטע, געקאַרבטע ערד האָט מיט די לאַנגע טרוקענע שפּאַלטן, ווי מיט אויפגעמאַכטע מײַ־לער, געהלשט נאָך אַביסל וואַסער...

אָפּט איז אין שטעטל אינמיטן טאָג אַזוי פינצטער געוואָרן, גלייך ס'וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן נאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל איז דעמאָלט פול געוואָרן מיטן רויך, וואָס איז געקומען פון די שכנותדיקע ברענענדיקע וועלדער. אַ סך ראָזמאַרער תושבים האָבן זיך שוין געהאַט אַוועקגעלאָזט צו די ברענענדיקע וועל־דער, כדי צו העלפן לעשן דאָס פייער. פון צייט צו צייט האָט זיך אין חלל אַריינגעשניטן דאָס וואָיען פון דער סירענע, וואָס האָט גערופן נאָך פרייוויליקע צו לעשן די שׂרפות. דאָס וואָיען פון דער סירענע, וואָס האָט זיך עקשנותדיק־לאַנג געטראָגן אי־בער ראָזמאַר, האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד — און אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס געוואָי איז אויסגעגאַנגען, האָט עס נאָך לאַנג אָפּגעק־קלונגען אין די אויערן פון די ראָזמאַרער תושבים.

מיסיס זעלינג האָט פאַר דעם אויסגעצויגענעם פייפן פון דער סירענע זייער מורא געהאַט, עס האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַן אימה. זי האָט פון דער היץ נישט געקענט אויסהאַלטן, זיך

נישט געקענט געפינען קיין אָרט. נאָך דערצו זענען די היצן אָנגעקומען שפּעט, שוין באַלד ביים סוף פון זומער, ווען מען האָט זיך אויף זיי מער נישט גערעכט. מיסים זעלינג איז אַרומ־געגאַנגען האַלב־נאַקעט, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ נאַס האַנטוך. ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער באַלעבאַטיש־קייט, האָט זי אָנגעלאָזט אַ וואַנע מיט קאַלט וואַסער און זיך דאָרט אַריינגעזעצט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע קילע אָרט, וואָס זי האָט געקענט געפינען. זי איז אין דעם קאַלטן וואַסער געזעסן אַ לאַנגע צייט. אָבער וואָס איז געווען די פּעולה — ווי נאָר זי איז פון וואַסער אַרויס, איז איר נאָך הייסער געוואָרן ווי פריער און זי האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. פון דער דעמפּיק־פאַרנער היץ האָט אַלץ אויף איר געקלעפּט. צו וואָס פאַרא שטוב־חפצים זי האָט זיך נישט צוגערירט, זענען זיי געווען נאַס, ווי באַגאָסן מיט אַ קלעפּיקן שווייס...

איינמאָל איז די טאָכטער אָנגעקומען פון געשעפט און געטראָפן די מאַמען זיצן אין דער קאַלטער וואַנע. שיינדל האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער טאָכטער און זיך גענומען גיך אָנטאָן. בשעת פּאָולין האָט באַמערקט ווי די מוטער לײַדט אַזוי שטאַרק פון דער היץ און דרייט זיך אַרום אין אַזאַ מעמד, האָט זי פון איר אָפּגעשפּעט:

— ווי איך זע, איז דיר הייס, מאַם... — האָט זי מיט אַן אַלץ־ווייסעריש קוקעלע אַ ווונק געטאָן צו דער מוטער — אָבער ווען מיסטער פּאָפּעוו וואָלט דאָ געווען, וואָלסטו אַביסל מער אַכטונג געטאָן אויף זיך... וואָלסט זיך זיכער מער אויסגעפּוצט... איי, מאַם...

— וואָס האָסטו געזאָגט... כ'האָב נישט געהערט... וואָס האָסטו עפּעס דערמאָנט דעם מיסטער פּאָפּעוו? — האָט שיינדל געפילט ווי די באַקן הייבן איר אָן צו פלאַמען — כ'פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט!...

— וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין... פאַר מיר קענסטו גאָרנישט פאַרהוילן... — האָט פּאָולין זיך אַ שטרעק געטאָן מיט אַ סך צולהכעיסדיקייט און געקוקט דער מוטער גלייך אין פּנים אַריין מיט אירע גרויסע, קאַלט־בלויע אויגן — איך בין אַ פרוי...

א פרוי פאַרשטייט זיך אויף אַזעלכע זאַכן... מיך קענסטו היטן... ס'איז אפֿנים גרינג יענעם צו היטן...

— וואַ־אַ־אַס? —האָט שיינדלען דאָס גאַנצע בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין — וואָס טראַכסטו אויס אויף אַן אייגע־נער מאַמען! שיין האָב איך זיך דערלעבט, אַז אַן אייגענע טאָכ־טער זאָל אויף מיר אויסטראַכטן אַזעלכע נישט־געשטויגענע מעשיות! וואָס וועסטו נאָך אויף מיר אויסקלערן?! דו שלעכט שטיק!

— נו, מען ווייסט שוין... — האָט פּאָולין געוואָלט אַלץ פֿאַרדרייבן, געזען, אַז זי האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקאָכט?... ווי איך זע, ביזטו נישט קיין „ספּאָרט" מאַם... פֿאַרשטייסט זיך נישט אויף קיין וויץ... מיס־טער פּאָפּעוו איז אַ „נייס מען"...

איצט האָט שוין די מיסיס זעליגנ מער נישט אָפּגעלאָזט, צוגעשטאַנען צו דער טאָכטער, זי זאָל רעדן דיבורים. דאָס געוויסן איז געווען ביי איר נישט אינגאַנצן ריין און מחמת זי האָט געפֿילט, אַז די טאָכטער איז גערעכט, האָט זי געוואָלט, זי זאָל אַרויסרעדן אַלץ, וואָס זי באַהאַלט אויס.

— כ'וויל זאָלסט זאָגן אַלץ!... אַלץ!... — איז ביי שיינדלען דאָס קול געוואָרן מיטאַמאָל זייער הייזעריק — אַז דו האָסט אָנגעהויבן, מוזטו ענדיקן ביזן סוף! איך וועל דיך צווינגען, זאָלסט רעדן!... מיסטער פּאָפּעוו איז אַ געלערנטער מענטש... ער איז אויס־געוועזן אַ וועלט... פֿון אים קען מען זיך אַ סך לער־נען! צוליב דעם האָב איך ליב, אַז ער קומט אַהער!...

— כ'זע גאָרנישט, אַז דיין מיסטער פּאָפּעוו זאָל זיין אַזאַ געלערנטער מענטש... — האָט די טאָכטער געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם „דיין" און דאָס חוצפּהדיקע פּייערל האָט זיך צוריק באַוויזן אין אירע בלויע אויגן — ער קען נישט קיין ענגליש, כאָטש ער איז שוין דאָ אַזוי לאַנג אין דער „קאַונטרי"... רעדט ענגליש פּונקט אַזוי שלעכט, ווי דו! אָבער דו האָלסט זיך אויך פֿאַר אינטעליגענט... האָלסט מיר אין איין דערציילן, וואָס דו ביזט אַלץ געווען אין דער היים!...

— גלייב מיר, אַז כ'האָב גאָרנישט איבערגעטריבן!... און איך קען דיר זאָגן, אַז מיסטער פּאָפּעוו קען גוט ענגליש... און

נישט בלויז ענגליש קען ער, נאָר אויך אַנדערע שפּראַכן... ער קען אַזוי שיין דעקלאַמירן... געדענקט פון אויסנווייניק ביאַליקן... פּרצן...

— ווער זענען זיי?... קיינמאָל נישט געהערט פון זיי... ליזו מי אַלאָן, מאַם... לאָז מיך צו־רו... כ'בין מיד פון שטיין אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ אין אַזאַ היץ... כ'וויל מיר מאַכן אַ קאַלטן „שאור־ער"... דאַכט זיך, אַז ס'קומט מיר!...

בשעת פּאַולין האָט דאָס געזאָגט, האָט זי אָנגעקוקט די מוטער מיט אַ צווייַדייטיקן בליק. דער בליק האָט באַטייט: איך מעג זיך אויך אַביסל אָפּקילן נאָך אַזאַ שווערן טאָג אַרבעט, דאַכט זיך, אַז איך האָב נישט קיין צייט זיך צו ווייקן אין וואַסער אַ גאַנצן טאָג. און איידער פּאַולין איז אַריין אין באָד־צימער, האָט זי זיך אָנגעהויבן אויסטאָן. זי האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קליידל, די לאַטשן. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט אירע קיילעכדיקע, פון דער זון אָפּגעברענטע, ברוינלעכע קניען, די גלייכע, מיידלעריש־פולע אַקסלען. זי האָט מיט אַ כיוון זיך אַביסל לענגער געפּאָרעט ביים פאַרבינדן די בלאָנדע, העל־געפאַרבטע האָר, פּאַוואָליע אַרויפגעצויגן דעם טשעפּיק אויפן קאָפּ. בעת־מעשה האָט זי זיך ווי געריצט מיט דער מוטער, זיך באַוויזן פאַר איר מיט איר געטאָקטן, מיידלעריש־יונגן קערפּער. אַז זי איז שוין געשטאַנען אונטערן קאַלטן שפּריץ, וואָס האָט מיט אַזאַ לוסטיקן געמורמל געפּאַטשט איר לייב, האָט זי זיך צעזונגען און איר קול האָט הויך און שטאַרק אָפּגעקלונגען אין אַלע שטובן.

נאָכן איבערוואָרטלען זיך מיט דער טאָכטער, איז שיינדל שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן איר זינגען, וואָס האָט זיך געהערט איבער גאַנצן הויז. מיטן זינגען וויל די טאָכטער אַרויסווייזן איר נצחון. עס האָט זיך שיינדלען זייער געגלוסט אויפצורייסן די טיר פון באָד־צימער און פונסניי זיך אָנהויבן מיט דער טאָכטער צו קריגן. איצט וועט זי שוין וויסן, וואָס איר אַריינצוזאָגן. שווייַגנדיק האָט זי גע־גרייט צום טיש. בעת די יינגלעך זענען אָנגעקומען פון דער שול, האָט זי אויסגעלאָזט צו זיי דעם כעס, זיך אויף זיי שטאַרק גע־בייזערט, זיי זאָלן זיך אָפּוואַשן די הענט צום עסן. דער חבר,

באַב, וואָס שטייט הינטערן פענצטער, וועט זיי נישט אַנטלויפן! אַז הערש איז אָנגעקומען פון די „ביזנעס”, האָט זי צו אים נישט גערעדט, געווען אויף אים ברוגז. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט זי דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש.

די גאַנצע צייט פון עסן האָט זיך שיינדל געדרייט אויף דער שטול און זי האָט געהאַט חשק זיך פאַרן מאַן מודה צו זיין. אָבער אין וואָס זיך מודה צו זיין — האָט זי אַליין נישט געוווּסט. זי האָט געוואָלט דערציילן, וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן מיט דער טאָכטער. הערש האָט אָבער גאָרנישט באַמערקט, וואָס אין שיינדלען קומט פאָר. עס איז אים געווען זייער היים. ער האָט געטראַכט, צי עס וואָלט נישט כדאי געווען זיך אויס־צובעטן אינדרויסן. ער האָט כסדר געווישט דעם שוויס פון פנים, פון האַלז.

נאָכן עסן האָט מיסים זעלינג נישט באַמערקט ווי אַלע זענען זיך צעגאַנגען. איידער זי האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין קיינער נישט געווען אין שטוב. די נאַכט איז געווען זייער אַ הייסע און אַ שטיקנדיקע. דער חלל איז אַלץ פול געווען מיט רויך. אַ שטיק הימל האָט געברענט, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּיגלט די שכנותדיקע וואַלד־שׂרפות. די ביימער זענען פול געווען מיט גרילן, וואָס האָבן אָפּגעהאַקט־בלעכערדיק געפּיפּן, אָנגעמאַכט אַזאַ גערויש, אַז די לופט האָט אַזש געציטערט. די גרילן האָבן אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט ווידער זיין אַ הייסער טאָג...

מיסים זעלינג איז געזעסן אויף דער שוועל, וואָס האָט גע־פירט אין הויף אַריין. זי איז געווען זייער שטיל, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זי האָט נישט געוואָלט, אַז די שכנים אירע, די רע־לים, וואָס האָבן צוליב דער היץ אויך נישט געקענט שלאָפן און זענען געזעסן אויפן הויף, זאָלן זי הערן. עס האָבן זיך צו איר דערטראָגן די גיכע און פאַרשלונגענע רייד פון דער מיסים רעלי און פון אירע טעכטער.

— גאָט אין הימל... — האָט מיסים זעלינג געטראַכט — וואָס פאַראַ שייכות האָב איך צו דעם אַלעמען?... ווי קום איך אַהער?... וואָס האָט מיך פאַרטראָגן אַזש אַזוי ווייט?... עס האַלטן דאָ אין איין ברענען די וועלדער!... וואָס וועט זיין, אַז די וועלדער וועלן זיך אָנכאַפּן אַרום דעם שטעטל!... דעמאָלט

וועט אַלץ אוועק מיטן רויך... צו אַלץ וועט דעמאָלט נעמען אַ סוף... כ׳וואָלט אַזוי נישט וועלן שטאַרבן דאָ, אין דער פרעמד!...

די מיסים זעלינגג איז געזעסן אויף דער שוועל פון הויז, זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי זי וואָלט געווען צוגעוואַקסן. פון מידקייט האָבן זיך ביי איר די געדאַנקען פּאַוואָליע געקנוילט אין קאָפּ, זיך געפּלאָנטערט, געדריוולט, צעשוווּמען געוואָרן, ווי רויך. זי האָט געטראַכט פון דעם בריוו, וואָס זי האָט ערשט יענע וואָך באַקומען פון איר מוטער. די מוטער וויל צו איר קומען. שוין נישט אין איין בריוו האָט זי וועגן דעם געגעבן אָנצווגעהערן. זי האָט דערמאָנט וועגן „פּראָצענט", וועגן די אייניקלעך, וואָס זי וואָלט וועלן זען... אירע יאָרן זענען שוין געשענקטע... זינט דער מאַן, עליו־השלום, איז איר געשטאָרבן, גייט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ... דאָס געשעפט האָט זי שוין פון לאַנג איבערגעגעבן די קינדער. אָבער דאָס געשעפט טראָגט נישט, די שטייערן עסן אַלץ אויף...

שיינדל האָט געטראַכט, צי וואָלט טאַקע נישט געווען אַ יושר צו ברענגען די מאַמען אַהער. אָבער וואָס וועט זי טאָן דאָ, אין דער מדבר? זי וועט אויסגיין ווי אַ ליכט. אַנשטאָט אָפּצולעבן אירע לעצטע פּאָר יאָר אין דער היים צווישן די קינדער און אייניקלעך, וועט זי פון בענקשאַפט אויסגיין. ווער וועט זי דאָ פאַרשטיין? פּאַולין? לעזלי?... די מוטער האָט אַמאָל אין אַ בריוו דערמאָנט עפּעס פאַרשטעלטערהייט, אַז די קינדער אין וואַרשע זענען נישט צו איר, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט צו זיין. אָבער ווער וועט גוט זיין צו איר דאָ, אין דער פרעמד? עס קען זיין, אַז מאַרי. דאָס קינד וואָלט זי אפשר פאַרשטאַנען, ער איז אַזוי אַנדערש פון אַלע. ער איז אָבער איינגעשפּאַרט, שלעפּט אויף זיך אַרויף אומזיסטע צרות. די חברים שטעלן אים שטענדיק אַרויס פאַרן שגץ, באַהאַלטן זיך אויס הינטער זיינע פּלייצעס. ס׳איז אָבער לייכט צו דערקענען, אַז אונטער דער כלומרשטער גרויסער עקשנות באַהאַלט זיך אַ גוט האַרץ. מאַרי וואָלט אויסגעטאָן פון זיך דאָס העמד און עס אַוועקגעגעבן. זי האָט שוין נישט איינמאָל געפּאַקט באָבן טראָגן מאַרים זאַכן. זי האָט די זאַכן געצערעוועט, געפּרעסט, אַז באָב זאָל זיי טראָגן. בשעת מען האָט אַמאָל איבערגעלאָזט מאַרין אַליין אין שטוב, האָט

ער די טיר נישט צוגעשלאָסן און ער איז ערגעץ אַוועק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מען קען דאָס הויז באַגנבענען...

מיטאַמאָל איז שיינדלען איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט גוט געווען אויך צו ברענגען אָהער הערשס טאַטן. ער איז געבליבן אַליין אין וואַרשע. וויפיל מאָל הערש זאָל אים נישט שרייבן, אַז אין שטעטל זענען אינגאַנצן נישטאָ קיין יידן, קריכט עס אים נישט אין קאָפּ אַריין און ער וויל אָהער קומען. אַז די צוויי אַלטע לייט וואָלטן געווען צוזאַמען, וואָלט זיי גרינגער געווען... עס וואָלט אויך בעסער געווען פאַר די קינדער. ווען די קינדער זענען נאָך גאָר יונג געווען, האָבן זיי נישט איינמאָל ביי איר געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין זיידן, קיין פעטער, קיין מומען. צו די רעלים קומען אָפּט צו פאָרן מומעס און פעטערס און עס קומט צו זיי אַלעמאָל אַן אַלטער זיידע, אַ פאַרמער...

אַ לייכטער סקריפּ פון הויף-טירל האָט מיטאַמאָל אויפגעוועקט שיינדלען פון אירע רעיונות און זי האָט אין דער פינצטערניש באַמערקט ווי עס האָט זיך ווער אַריינגעגנבעט אין הויף. זי האָט דערקענט, אַז עס איז מאָרי. ער האָט זיך שוין, ווייזט אויס, געזעגנט מיט זיין חבר און ער גייט זיך לייגן שלאָפן. זי האָט אים גערופן צו זיך — אָבער ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט זי נישט. זי האָט אים געמוזט נאָך עטלעכע מאָל רופן און ערשט דעמאָלט איז ער מיט פאַמעלעך-פוילע טריט צוגעקומען צו איר.

— מאַם?!... — האָט ער מיט געמאַכטן חידוש געפרעגט

— דאָס ביזטו?... וואָס זיצסטו עפּעס דאָ אַליין אויף דער שוועל?... וואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן?... ס'איז זייער היים!... גיב מיר „סיקספּענס” אויף אַ טרונק, מאַם... ביי טשאַרלי דעם כינעזער איז נאָך אָפן... כ'וועל קויפן אַ באָטל לעמאָנייד. מיר וועלן ביידע טרינקען...

אַז מאָרי איז צוריקגעקומען מיטן פלעשל לעמאָניאַדע אין דער האַנט, איז ער אַריין אין שטוב, אַרויסגעבראַכט צוויי גלעזער און אָנגעגאָסן איין גלאָז פאַר איר און איינס פאַר זיך. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן איר און פּאַוואָליע און מיט זשעדנעקייט גענומען זופּן דאָס וואַסער. פּאַרטיק געוואָרן

מיטן טרינקען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען באַהאַלטן דאָס פלעשל מיט׳ן רעשט וואַסער אין „אייז־קאַסטן״.

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע... — האָט ער זיך אָנגערופן און בעת־מעשה זיך עפּעס געפילט שולדיק קעגן איר — אַ דאַנק פאַרן טרונק... ס׳איז געווען זייער גוט... לאַווּלי...

— מאָרי, פאַרוואָס גייסטו שוין אַוועק?... — האָט די מיסיס זעלינג צוריקגערופן דעם זון — פאַרוואָס האָסטו קיינמאָל קיין צייט נישט צו מיר?... גלייב מיר, כ׳קען דיר זיין פונקט אַזאַ חבר ווי באָב... פאַרוואָס ווילסטו קיינמאָל נישט מיט מיר זיך אויסשמועסן אַביסל, ווי דו שמועסט זיך אויס מיט דיינע חברים... כ׳קען דיר זאָגן, אַז איך בין נישט אַזאַ פאַרשלאָפענע, ווי דיר דאַכט זיך... כ׳קען מיך מיט דיר פונקט אַזוי גוט שפּילן ווי באָב... ווי דזשין... ווילסט וועל איך דיר ווייזן...

און מיטאַמאָל האָט שיינדל גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די שיך. אַז זי האָט דערפילט דאָס גראָז, וואָס האָט באַרירט אירע באָרוועסע פיס, איז אַריין אין איר עפּעס אַ נײַ לעבן און זי האָט גענומען זיך באַוועגן מיט אַזאַ לייכטקייט, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ קליין מיידעלע. בשעת־מעשה האָט זי זיך צוגעזונגען מיט אַ דין יונג קול אַזעלכע משונהדיקע לידער, וואָס פּאַסן זיך גאָרנישט פאַר איר. זי האָט אַביסל געסאָפּעט. אָבער זי האָט זיך פון דעם נישט געמאַכט און ווייטער זיך מיט אַ סך לייכטקייט באַוועגט אויפן הויף, אָנגעכאַפּט מאָרי׳ן פאַר אַ האַנט און זיך מיט אים גענומען דרייען.

מאָרי האָט זיך געשעמט מיט דער מאַמעס אויסטערלישער אויפפירונג, נישט געוווסט, וואָס איז איבער איר מיטאַמאָל געקומען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז זיין מאַמע זאָל זיך מאַכן אַזוי צו נאַר. עס איז זייער גוט, וואָס באָב און דזשין זענען נישט דערביי. זיי וואָלטן געהאַט פון וואָס צו לאַכן. פאַרזיכטיק האָט מאָרי זיך גענומען אַרויסטאָן פון דער מאַמעס הענט, זיך דערווייטערט פון איר, ווי ער וואָלט זיך פאַר איר דערשראָקן...

מיסיס זעלינג האָט זיך נאָך אַלץ מיט פיל לייכטקייט באַוועגט אויפן גראָז, נישט באַמערקט אַפילו מאָרים אַוועקגיין. ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז לעבן איר מער נישטאָ, איז

זי געבליבן שטיין אַז באַוועגונג, ווי די אברים וואָלטן איר אָפּ־גענומען געוואָרן. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און גלייכצייטיק איז אין איר געוואַקסן אַ ביטערניש קעגן מאַרין, וואָס האָט זי אַזוי באַליידיקט. אַ באַגער האָט זי אַרומגעכאַפּט דאָס נישט צו פאַרשווייגן. מיט שנעלע טריט איז זי אַריין צו מאַרין און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען אויס־געטאָן, האָט זי אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן. מאַרי האָט נישט געוווּסט, וואָס די מאַמע וויל פון אים האָבן, געלאָזט טאָן מיט זיך, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן זענען זיי געזעסן אויף דער שוועל, געפילט דאָס קלאַפּן פון די אייגענע הערצער. און פּלוצים האָט פון שיינדלען געגומען פליסן אַ שטראָם מיט רייד. זי האָט דערציילט וועגן איר פאָטער, ר׳ מרדכי־משהן, נאָך וועמען ער, מאַרי, הייסט. דער פאָטער איז געווען אַזאַ ערלעכער און ווילער מענטש... זי ווינטשט זיך, אַז מאַרי זאָל זיין אַזוי גוט און ערלעך, ווי איר פאָטער איז געווען... אויך האָט שיינדל דערציילט וועגן אירע ברידער און שוועסטער און וועגן דער מאַמען, וואָס זי גייט אַריבערברענגען אַהער... זאָל ער, מאַרי, וויסן, וואָס פאַראַ גרויסע משפּחה ער האָט!... אַ משפּחה, וואָס האָט זיך ליב און ציט זיך פון דור־דורות!...

וואָס מער די מיסים זעלינג האָט זיך אַריינגעטאָן אין אירע רייד, אַלץ מער האָט זי פאַרגעסן, אַז מאַרי זיצט לעבן איר און אַז צוליב אים דערציילט זי די אַלע מעשיות. עס איז אויסגעקו־מען, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין און עס גייט איר נישט אָן, צי מאַרי הערט זי, צי נישט.

מאַרי האָט זיך צו דער מוטער צוגעהערט, נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט, און ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, געבליבן זיצן, אַן אויסגעמאַטערטע און אַן אויסגעשעפּטע, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, האָט ער זי מיטאַמאָל געפרעגט:

— מאַם... — האָט ער זי געפרעגט — פאַרוואָס האָבן די יידן געהרגעט יעזוסן?... פאַרוואָס, מאַם?!...

לכתחילה האָט מיסים זעלינג נישט פאַרשטאַנען, וואָס מאַרי פרעגט זי — און אַז זי האָט מיטאַמאָל באַנומען זיינע רייד, איז זי געבליבן זיצן אַזוי פאַרשטאַרט, ווי זי וואָלט גע־

שלאָגן געוואָרן מיט געלײמטקײט. אַ לאַנגע צײט האָט זי נישט געקענט אַרויסברענגען קײן קול פון זיך, כאָטש אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי בײם רעדן. נאָך אַ לאַנגער שווײַגעניש, פול מיט אומהײמלעכער דערוואַרטונג, האָט זי זיך פּלוצים אָנגערופן צו מאַרין:

— גײ, לײג זיך שלאָפן, מאַרי... גײ... גײ!...

זי איז געבליבן זיצן אַלײן אויפן הויף, נישט געפילט ווי די מאָסקיטן נאָגן בײ איר דאָס בלוט פון פּנים, פון די הענט, פון די פיס. זי האָט אויך נישט געהערט דאָס שאַרפע, גלאָזיקדינע, אויסגעצויגענע זשומען פון די מאָסקיטן, וואָס האָבן זיך גענדרייט אַרום איר און אויף זײער לשון אַרײַנגעזונגען איר עפּעס אין אויער. זי האָט עקשנותדיק אַרײַנגעקוקט אין רויכיקשוואַרצן חלל, געוואָלט צוקומען צו עפּעס אַ ליכטיקן ברעג. זי האָט זיך געמאַכט אַ סימן: טאָמער וועלן די רויכיקע וואָלקנס פאַרשווונדן, וועלן אויך אָפּטרעטן די זאָרגן, וואָס הויערן אויף איר... ווי אין חלום האָט זי געהערט לעזלין זיך אַרײַנגנבענען דורך דער הויף־טיר. דערנאָך האָט זי דערהערט ווי עס איז פאַרפאָרן אַן אויטאָ צום הויז מיט אַ רעש און געפילדער. עס האָבן זיך דערטראָגן צו איר הילכיקע געלעכטערס, געשרײען. זי האָט דערקענט פּאָולינס קול. אויך האָט זי דערקענט דאָס קול פון בראַיען פּיטצדזשעראַלד, דעם זון פונם „פאַרמען" אין טאַרטאַק. יעדן אָוונט האָט ער אַרומפּאַראַדירט איבערן שטעטל אין טאַטנס גרויסן לוקסוס־אויטאָ, ווו ער האָט אַרײַנגעזעצט זײַנע אַלע חברים און מײדלעך. צי ער האָט באַדאַרפן, צי נישט, האָט ער שטענדיק טראָמײטערט און ס'האָט זיך אַלעמאָל געדאַכט, אַז ער פאָרט־איבער מענטשן.

— סי יו טומאָראָ, שוגאַר... — האָט זיך אין דער אָנגעגליטער שטילקײט פון דער הײסער נאַכט אַ טראָג געטאָן בראַיענס חוצפּהדיק־זיכער קול און דער אויטאָ איז אַוועק פונקט מיט אַזאַ געפילדער, ווי ער איז צוגעקומען.

— די מויד ווערט חוצפּהדיקער פון טאָג צו טאָג!... — איז שײנדל ווי אויפגעקומען פון אַ שווערן חלום — נישט אומזיסט האָט זי מיך צוגעהאַלטן מיטן מיסטער פּאָפּעוו!... זאָל זי נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ צוליב דעם אויטאָ!...

## קאַפּיטל זיבן

# מאָרי באַהאַלט זיך אוים בײַם חבר אין דער חורבה

אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד האָט מאָרי נישט אויסגערעדט צו דער מאַמען אַ וואָרט, זיך געפילט שולדיק קעגן איר און זי איסגעמיטן. אַז ער האָט זיך צופעליק אָנגעטראָפן מיט דער מאַמעס אויגן, וואָס זענען געווען טרויעריק און פאַרטראַכט, האָט ער אַוועקגעכאַפּט דעם בליק. אויך האָט די מיסיס זעלינג אויסגעמיטן מאָרין, נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין, ווי זי וואָלט געווען מיט אים ברוגז. מ'האָט געקענט דערקענען, אַז זיי בײדע, מאָרי מיט דער מאַמען, באַהאַלטן אוים עפּעס אַ סוד, וואָס קיינער טאָר פון אים נישט געוויער ווערן. מאָרי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועט די מוטער דעם סוד נישט האַלטן. כאָטש מאָרי האָט זיך ווי געבעטן ביי דער מאַמען, ווען זייערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, אַז זי זאָל דעם טאַטן גאָרנישט דערציילן, האָט ער געוווסט, אַז די מאַמע וועט סוף־כל־סוף נישט אויסהאַלטן און אַלץ אויסגעבן.

געשען איז דאָס, ווי דער שטייגער איז אַלעמאָל געווען, פונקט דעמאָלט, ווען מיסטער זעלינג האָט זיך אומגעקערט פון די „ביזנעס" און זיי האָבן זיך געזעצט אַרום טיש עסן „טי". אין שטוב איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך געהערט דאָס וואָרנדיק־שטילע קלינגען פון גאָפּל־מעסער. מאָרי האָט שוין דערקענט אין דער מאַמעס פאַרווישט־נעפּלדיקן בליק, אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען זי קען נישט האַלטן מער דעם סוד און זי וועט אַרויספּלאַצן.

— הערסט, הערש... — האָט די מאַמע שטיל אָנגעהויבן — מיר האָבן געקרייצט יעזוסן... האָסטו געהערט אַן איינפאַל!... און ווייסט ווער ס'האָט דאָס געזאָגט?... אונזער איי־

געוועזן... אונזער מאַרי... ער האָט געזאָגט, אַז מיר, יידן, האָבן געקרייצט יעזוסן...

— וואָס?... וואָס האָסטו געזאָגט?... כ'הייב נישט אָן צו פאַרשטיין!... — האָט הערש אוועקגערוקט דעם טעלער פון זיך מיט כעס — קיינמאָל לאָזט זי נישט אָפּעסן!... זי קען נישט ליידן, אַז כ'נעם דעם ביסן אין מויל אַריין!... אַלעמאָל מוז זי עפּעס אויסזוכן!

— דעט'ס רייט, פּאָפּ!... — האָט פּאָולין אונטערגעכאַפּט דעם טאַטנס ווערטער און מיט אַ גיפטיק־אָפּשפּעטעריש פּייערל געקוקט אויף דער מאַמען — אַלעמאָל מוז די מאַמע שטערן דאָס עסן... אַז זי האָט נישט וואָס צו טאָן אַ גאַנצן טאָג... טראַכט זי אויס פאַרשידענע מעשיות!...

— דו זיי שטיל!... שאַט אַפּ!... מיש זיך נישט!... כ'קען מיר מיין שטעטל אַליין באַשטיין! — האָט הערש זיך אָנגענומען פאַרן ווייב און אַרויפגעפאָרן אויף דער טאָכטער.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דער טאָכטער, האָט ער זיך באַלד גענומען צו מאַרין.

— וואָס האָסטו אַזוינס געזאָגט?... כ'וויל וויסן, מאַרי?...

— האָט ער אָנגעהויבן קודם־כל שטיל, אָבער באַלד אַרויס אויפן הויכן קול — שטענדיק האָט מען פון דיר צרות!... וואָס מאַכסטו עפּעס אַ בלבול אויף אונז?!... קנאַפּ צרות האָבן מיר!... ווער האָט אומגעבראַכט יעזוסן?... איך?... די מאַמע?...

— כ'האָב גאָרנישט געזאָגט!... מיסטער רעלי האָט דאָס געזאָגט... באָב האָט עס געזאָגט. — האָט מאַרי זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט זיך צו פאַרענטפערן, ווארן דער פאָטער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז גרויסע רויטע פינגער זענען אים כהרף־עין אויפגעלאָפן אויף איין באַ־סער באַק און די בלאָנדע טשופּרינע איז אים אַ פאַל געטאָן איבער די וואַסערדיק־גרינע אויגן. ער איז געבליבן זיצן מיט די גרויסע רויט־אויפגעלאָפענע פינגער אויף דער באַק, זיך גע־שעמט אויפצוהייבן די אויגן, כדי זיך נישט אָנצוטרעפן מיט קיינעמס בליק. מיט אַלע כוחות האָט ער איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט ביז דערוואָרגן צו ווערן. פון

דער נאָז האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט אַ טראָפּן בלוט, באַלד אַ צווייטער. האָט ער שטילערהייט געלאָזט טריפן דאָס בלוט, עס נישט אָפּגעווישט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

— הייב אויף דעם קאָפּ!... — איז דער פאָטער צו אים צו — וועסטו איינהאַלטן דאָס בלוט... עס וועט דיר גאָרנישט זיין!... מאַך נישט קיין אָנשטעלן!... גלייב מיר, ביזט ווערט כ'זאָל דיר נאָך דערלאַנגען אַ פּאָר פּעטש...

מחמת דעם, וואָס דעם מיסטער זעלינג האָט באַנג געטאָן דאָס שלאָגן דעם זון, האָט ער זיך נאָכאַמאָל געוואָלט וואַרפן אויף אים. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און דאָס נישט געטאָן. מאָרי האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן, אויף צו־להכעיס אים נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט, אַז דאָס בלוט זאָל גע־דיכטער רינען. ער איז ווייטער שטיל געזעסן, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען.

— ער טוט צו־להכעיס, דער עקשן!... כ'וועל ביי דיר ארויסקלאַפּן דעם עקשן!... — איז מיסטער זעלינג אויפגע־שפּרונגען — כ'האָב אים גאָרנישט געטאָן!... הייב אויף דעם קאָפּ!... מאַך דיך נישט פאַר אַזאַ לעמעלע... וועסט ביי מיר נישט ארויסרופן קיין רחמנות!...

אָבער מאָרי האָט ווייטער נישט נאָכגעגעבן. האָט אים דער פאָטער אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט און אים אַריינגע־שלעפּט אין אַן אַנדער צימער. ביז אויף זיך, וואָס ער האָט דעם זון אַזוי ווי געטאָן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן און אים פריש אָנגעהויבן צו דערלאַנגען. שיינדל האָט זיך אַריינגעריסן צווישן מאַן און דעם זון. זי האָט אַריינ־געכאַפּט אַ קלאַפּ, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר מאָ־רין — און זי האָט דאָס יינגל ארויסגעריסן פון דעם פאָטערס הענט.

— דו קלער בעסער אויף דעם קינד!... וואָס האָסטו צום יינגל?... וואָס ווייסט ער? — האָט זי מיט באַנומענע קולות אָנגעהויבן צו שרייען — ער זאָגט אַלץ נאָך, ווי אַ פּאַפּוגע!... וואָס איז ער שולדיק, אַז ער האָט אַ טאַטן, וואָס דערקלערט אים גאָרנישט!...

שיינדל האָט אַריינגעפירט מאָרין צו זיך אין שטוב. ער

האָט קוים געוואָלט גיין — זי האָט אים געמוזט שטופּן, שלעפּן מיט געוואַלט. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַזויפיל פאָרוווּרף, אַז אַ רחמנות האָט איר אָנגעהויבן אינעווייניק צו שטיקן און זי האָט געהאַט צו זיך אַליין גרויס תרעומות. אַז זי האָט מאָרין סוף־כל־סוף אוועקגעלייגט אויף זיין בעט, האָט ער זיך באַלד אויסגעדרייט צו דער וואַנט, נישט געוואָלט קוקן אין איר זייט אַריין. ער האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס נאַסע האַנטוך, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, בייז אַוועקגעשטופּט איר האַנט. זי האָט זיך כסדר אָנגעטראָפן אויף זיין פּלייצע, וואָס האָט געקוקט צו איר מיט האַס. כדי פון איר פּטור צו ווערן, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפן און אָנגעהויבן מיטאַמאָל הויך צו שנאָרכן.

אויף צו־מאָרגנס, ווען מיסיס זעלינג איז אַריין צו מאָרין אין שטוב, איז זיין בעט געווען ליידיק. לעזלי האָט זיך גע־קליבן אין שול אַריין, נישט געוווּסט, ווו מאָרי איז פאַרשווּנדן. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט אויף לעזלין געשריגן, אים געוואָרנט מיט גוטן און מיט בייזן — זי האָט פון אים קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסקריגן.

די מיסיס זעלינג איז באַלד אַריין צום מאַן מיט אַ טענה, געהייסן אים גיין זוכן מאָרין. נאָר מיסטער זעלינג האָט נישט געוואָלט דערפון הערן און זיך אָנגערופן צום ווייב:

— גיי אים אַליין זוכן... ער איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען, דער תכשיט... דו האָסט אַלץ אַליין אָנגעבראַיעט!... האָסט שטענדיק ליב צו מאַכן „טראָבל“...

מיסיס זעלינג האָט זיך אַליין אַרויסגעלאָזט אין גאַס זוכן דעם זון. דאָס ערשטע האָט זי אָנגעקלאַפּט ביי דער שכנטע, מיסיס רעלי, אָבער זי האָט פון גאָרנישט געוווּסט. באָב און דזשין זענען אַוועק אין דער שול. מאָרי איז דאָ אינגאַנצן נישט געווען. די מיסיס רעלי האָט געפּרוּווט איינגעמען שיינד־לען, פאַרוואָרפן זי מיט אַ שלל רייד, וואָס האָבן זיך גיך־גיך געשיט פון איר מויל. כאָטש מיסיס זעלינג איז געשטאַנען אויף איין פוס, האָט זי דאָך באַוויזן אַרויסצושיטן פאַר איר אין גרויס געאייל די לעצטע נייעסן פון שטעטל...

אַרום פון דער מיסיס רעלי, איז מיסיס זעלינג געגאַנגען

צום בינעזער. זי האָט צו אים עפּעס געזאָגט, אויסגעמשלט מיט די הענט — אָבער ער האָט זי, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער, גלייכגילטיק אָנגעקוקט, איר גאָרנישט געענטפערט, ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ חפץ און נישט קיין לעבעדיק נפש. ער האָט זיך ווייטער געפּאָרעט אַרום זיין פאַרשלאָפן פערדל, מיט די קליינע פּיסלעך אַרויפגעקראָכן און אַראָפּגעקראָכן פון װענגלע, ווי אַ קינד בעתן שפּילן.

אויך ביי ראָנען דעם גאָלד־גרעבער האָט שיינדל מאָרין נישט געטראָפן. כאָטש ראָן האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אין דער שטוב, איז ער נאָך אַלץ געווען קראַנק און די אַבאָרידזשין־קינדער האָבן אים באַדינט. ווען די קינדער האָבן דערזען שיינדלען, האָבן זיי זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און זי האָט קוים געקאָנט אַרויספּרעסן אַ וואָרט פון זיי. עס איז איר קוים מיט לייד געלונגען ביי זיי אַרויסצוקריגן, אַז זיי האָבן מאָרין נישט געזען.

נאָכן אַרומלויפן פון איין שכן צום אַנדערן, נאָכן זוכן איבערן גאַנצן שטעטל, האָט זיך די מיסיס זעלינג אומגעקערט שפּעט נאָכמיטאָג אין שטוב אַריין. מאָרין האָט זי אינערגעץ נישט געפונען. לעזלי איז שוין צוריקגעקומען פון דער שול. פלוצים האָט שיינדל באַמערקט ווי דזשין שטייט הינטערן פענצטער פון דער קינדער־שטוב און רופט לעזלין. ס'איז איר באַלד איינגעפאַלן, אַז דזשינס איצטיקע קומען האָט אַ שייכות צו מאָרין. זי האָט טאַקע דערזען ווי לעזלי איז אַרויס צו איר דורכן פענצטער און ביידע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו סודען. בשעת־מעשה האָבן זיי זיך דערשראָקן אומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי קיינער זעט זיי נישט. פאַרטיק געוואָרן מיטן סודען, האָט לעזלי אָנגענומען דזשינען פאַר אַ האַנט און זיי זענען ערגעץ אַוועק. שיינדל איז זיי נאָכגעגאַנגען, זיי נישט אַפּגעלאָזט פון אויג, אָבער פלוצים האָט זי זיי פאַרלוירן. זי האָט זיי פאַרלוירן, בעת זיי האָבן זיך פלינק, ווי די קעץ, גענומען דראַפּען אויף אַ פּאַרקן און אַריבערגעשפּרונגען אויף דער אַנדערער זייט.

ווען לעזלי און דזשין זענען שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט פּאַרקן, האָט שיינדל זיי נאָך געפּרוווט זוכן, אָבער זי

האָט זיי נישט געפֿונען. אויף דער אַנדערער זייט פֿאַרקן האָבן די קינדער זיך דערפֿילט מיטאָמאָל זיכערער און זענען שוין דרייסט געגאַנגען צום באַהעלטעניש, וווּ מאָרי איז געווען פֿאַרשטעקט פֿון דער פֿרי אָן. דאָרטן האָבן זיי געטראָפֿן באָבן, וואָס איז היינט נישט געגאַנגען אין דער שול. ער האָט אײנדערפֿרי פֿאַרפּאַקט זיינע ביכער, ס'זאָל הייסן, אַז ער גייט אין שול — אָבער ער איז אַוועק מיט מאָרין, כּדי אויסצוזוכן פֿאַר אים אַ באַהעלטעניש. בעת ער האָט מאָרין געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, האָט אים מאָרי נישט געענטפֿערט, עשנותדיק געשוויגן. האָט באָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף נישט פֿרעגן און ער דאַרף בעסער אויסבאַהאַלטן דעם חבֿר, מען זאָל אים נישט קענען געפֿינען. עס איז אים איינגעפֿאַלן אַ פּלאַן, אַז ער זאָל מאָרין אַריינפֿירן אין דעם חורבן הייזל, וואָס איז געבליבן נאָך פֿון די צייטן פֿונם גאָלד־פֿיבער. דאָס הייזל האָט באָב שוין לאַנג געהאַלטן פֿאַר זיין אייגנס, ווייל קיינער האָט דאָרט יאָרן־לאַנג מער נישט אַריינגעשטעקט קיין פֿוס און מען האָט פֿון זייער הויף זיך דאָרט לייכט געקענט אַריינבאַקומען. איינגעהויקערט און פֿאַרלאָזן איז דאָס הייזל געשטאַנען צווישן הויכע פֿאַרגעלטע גראָזן און קזשאַקעס. די טירן און פֿענצטער זענען געווען פֿאַרשלאָגן מיט אַלטע ברעטער און פֿאַרזשאַווערטע בלעכן. באָב האָט דאָ געהאַט זיין וואַרשטאַט. ער האָט אינעווייניק געהאַט ליגן זיינע מכשירים, וואָס ער פֿלעגט כּסדר זאַמלען. ער האָט דאָ געהאַט שטיין פֿאַרשידענע אַלטע ברוכטיילן פֿון אויטאָס און פֿון מאַשינען. ביי די ווענט זענען געווען אָנגעלענט אָפּגענוצטע רעדער און אָפּאָנעס. באָב האָט געגלייבט, אַז פֿון דעם ברוכוואַרג וועט ער נאָך אַמאָל צוזאַמענשטעלן אַן אויטאָ... קיינער האָט ביז איצט פֿון דעם באַהעלטעניש נישט געוווּסט און אין דער חורבה וועט קיינעם נישט איינפֿאַלן צו זוכן מאָרין.

במשך פֿון גאַנצן טאָג האָט באָב מיט מאָרין געאַרבעט און זיי האָבן אויסגעריכט אַ שטיבל, וווּ מאָרי זאָל קענען וווינען. באָב האָט געאַרבעט מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי ער וואָלט דאָ אַליין געגאַנגען וווינען. ער האָט געברענגט פֿון ערגעץ צו שלעפּן אַ פֿעלד־בעטל, אויסגעזוכט ערגעץ אַן אַלטן קאָץ. אויף

דער וואַנט האָט ער אויפגעהאַנגען צייטונגס־אויסשניטן מיט די קריקעט־שפּילערס און „פוטבאָל־סטאַרס”, וואָס זענען זיינע ליבלינגען געווען...

דזשין האָט זיך מיטאַמאָל געגומען באַווייזן מיט איר בריהשקייט. זי האָט פון עטלעכע צווייגלעך געמאַכט אַ בעזים, באַגאָסן די צעפּוילטע פּאָדלאָגע מיט וואַסער און זיך געשטעלט צוקערן דאָס שטיבל. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן — דער שטויב איז נאָך אומעטום געדיכט געלעגן און שטיקער שפּינוועבס, ווי פליגלען פון פלעדערמייז, זענען אַראָפּגעהאָנגען פון סופיט און פון די ווענט. אַ טוכלער ריח האָט שאַרף געעגבערט אין דער נאָז און פאַרשפּאַרט דעם אָטעם.

פּונקט צו דער צייט פון עסן „טי”, זענען די קינדער אַוועק אַהיים, כדי נישט צו דערלאָזן קיין שום חשד, אַז זיי ווייסן פון עפּעס. בלויז מאַרי איז אַליין געבליבן אין דער חורבה. דזשין האָט איצט כסדר געקענט זיין מיט לעזלין צוזאַמען. לעזלי האָט געזאָלט פון דער היים אַרויסגנבענען עפּעס צו עסן און עס געבן דזשינען, כדי זי זאָל צוגרייטן אָוונטברויט פאַר מאַרין. דזשין האָט זיך געפילט זייער דערהויבן אין דער ראָל פון אַ באַלעבאָסטע; זי איז געווען אין זיבעטן הימל, ווייל זי האָט מיטאַמאָל דערשפּירט ווי וויכטיק זי איז געוואָרן ביי די יינגעלך.

באַלד נאָכן עסן האָבן זיך די קינדער צוריק אומגעקערט צו מאַרין. באָב האָט ערגעץ געפּאַקט אַ פאַרזשאַווערטן לאַמטערן, אַרויסגעגנבעט עטלעכע שטיקלעך ליכט פון דער היים און אויך מיטגעברענגט מיט זיך אַן אַלט טאַשן־לעמפּל, ווו ער האָט אַריינגעזעצט אַ פרישע באַטעריע. ער האָט פאַרשטעלט די שפּאַרעס פון די ווענט מיט ברעטלעך און בלעכן, כדי דאָס ליכט זאָל זיך נישט אָנזען אינדרויסן, ווען מען וועט אָנצינדן דעם לאַמטערן. בעת ער האָט גענומען מייסטרעווען ביי די אַלטע חפצים זיינע, וואָס זענען געלעגן אָנגעלייגט אין דער חורבה, האָט ער זיך אָנגערופן צו מאַרין, אַז ער איז אים מקנא, וואָס ער האָט איבערגעריסן מיט דער היים און ער וועט נישט דאַרפן מער אָנקומען צו קיינעם...

— כ'וועל דיר אויסזוכן אַ דזשאָב, מאַרי... — האָט ער מעשה־דערוואַקסענער געזאָגט און אַ בערשט געטאָן מיט פיל

וויכטיקייט זיינע העל־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלאָזט זיך פאַרקעמען מיט אַ שרינט — כ׳וועל די טעג זיך אַריבערכאַפּן אין טאַרטאַק און איבערעדן מיט בראַיענען מכּוח דיר... בראַיען איז אַ „ספּאָרט״... אַן אייגענער... פאַרשטייט אַן עסק... מיט אים קען מען אַ שמועס טאָן וועגן ביזנעס... זיין אַלטער האָט פיל צו זאָגן אין טאַרטאַק... ער וועט דיר געבן אַרבעט...

— אָקעי, סנאַאי... כ׳וועל דיר זיין דאַנקבאַר... כ׳וועל דיר די טובה קיינמאָל נישט פאַרגעסן... — האָט מאַריס בליק אָר־מעטיק און אַביסל דערשראָקן אַרומגעוואַנדערט איבער די פּרוכקע ווענט און בעלקעס פון שטיבל, ווו ס׳האָבן זיך אָנגע־הויבן אַריינגנבענען די ערשטע בלויע פאַסן פון דער נאַכט.

באַב האָט זיך שטאַרק אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט. ער איז אַלעמאָל ערגעץ אוועק און געקומען צוריק באַלאָדנט מיט פרישע זאַכן. מאַרי איז געזעסן אויפן פעלד־בעטל, אַ מידער און אַ נישט־אויסגעשלאָפענער. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, אָבער ער האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ס׳האָט זיך צו אים כסדר דערטראָגן דאָס שעפּטשען צווישן לעזלין און דזשינען, וואָס זענען געזעסן אויף אַ קעסטל אין אַ פינצטערן ווינקל. לעזלי האָט געשעפּטשעט דזשינען אויפן אויער, אַז ער קלערט זיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויפצומאַכן אַ „ביזנעס״ און ער וועט זי, דזשינען, מאַכן ביי זיך פאַר אַ „מענעדזשערעס״. דאָס געשעפט וועט ער זיך נישט אויפמאַכן אין ראָזמאַר, נאָר אין דער גרויסער שטאָט — אין מעלבורן.

— וועסט מיך מיטנעמען מיט זיך, לעז... — האָט דזשין זיך געחנדלט און זיך נענטער צוגעטוליעט צו לעזלין — וועסט מיך מיטנעמען מיט זיך קיין מעלבורן?...

— שור... שור... כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז כ׳וועל דיך מאַכן פאַר אַ „מענעדזשערעס״ ביי מיר אין די ביזנעס...

— און וועסט מיט מיר חתונה האָבן... כ׳וועל נישט זיין ביי דיר קיין „מענעדזשערעס״, אַז וועסט מיט מיר נישט חתונה האָבן...

— דאָס קען איך דיר נאָך איצט נישט צוזאָגן... כ׳איל זיך נישט אַזוי גיך חתונה צו האָבן...

— האָסט מיך נישט ליב!... אַז מען האָט ליב האָט מען חתונה...

— שור, כ'האָב דיך ליב... — האָט לעזלי אַרומגענומען דזשינען — כ'וועל דיר געבן אַ קוש, כדי דיר צו ווייזן ווי ליב איך האָב דיך... אין קינאָ, אַז אַ ייִנגל האָט ליב אַ מיידל, קושט ער זי...

לעזלי האָט שטאַרקער אַרומגענומען דזשינען, זי צוגע־דריקט צו זיך מיט כוח. בשעת ער האָט דערפילט די סאַמעטע־נע גלאַטיקייט פון איר הויט, די קוים־שפּראָצנדיקע ברוסטן, וואָס האָבן זיך לייכט געהויבן אונטערן קליידל, האָט ער איר אָפּגעפּרעסט אַ קוש גלייך אויף דעם פולן, אַביסל געשוואָלענעם מויל.

דזשין האָט זיך נישט געוועהרט, זיך געלאָזט קושן פון לעזלין. אָבער אַז זיינע קליינע, שטאַרקע הענט האָבן זי אַזוי ענג אַרומגעפלאָכטן, אַז זי האָט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן, האָבן איר טרערן אָנגעהויבן צו ווערגן אין האַלז. זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

— דריק מיך נישט אַזוי... — האָט זי זיך געבעטן און, אַ באַליידיקטע, זיך אָפּגערוקט פון לעזלין — ס'טוט מיר וויי... דו ביזט נישט דעליקאַט!... אין די פּיקטשערס, אַז אַ באָי קושט אַ גערל, איז ער צו איר אַזוי איידל!... כ'האָב דיך מער נישט ליב!...

— גוט... כ'דאַרף נישט זאָלסט מיך ליב האָבן!... און לויף מיר מער נישט נאָך... איך וועל דיך מער נישט מאַכן ביי מיר אין די ביזנעס פאַר אַ „מענעדזשערעס"! כ'וועל געפינען אַנדערע, פיל בעסערע פון דיר!...

איצט האָט זיך לעזלי אָפּגערוקט פון דזשינען און זי האָט זיך נענטער צוגעטוליעט צו אים. ער האָט זיך געוואָלט אויפ־הויבן פון קעסטל, זי איבערלאָזן אַליין, אָבער זי האָט אים מיט אירע דינע, לאַנגע פינגער אַזוי וואַרעם געגלעט איבערן האַלז, איבער די אַקסלען, אַז ער איז געבליבן זיצן לעבן איר, זיך נישט גערירט פון אָרט.

— וואָס טוט איר דאָרטן?... וווּ זענט איר אַהינגעקו־מען?!... קומט אַהער נענטער צו מיר!... — האָט מיטאַמאָל

אַפּגעקלונגען מאַרים קול, פול מיט געבייזער און אויפרעגונג.

דערשראָקן האָבן זיך לעזלי און דזשין אויפגעריסן פון קעסטל און, אַביסל פאַרשעמטע און שולדיקע, צוגעקומען צו מאַרין. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער גאַנצער קוראַזש, וואָס האָט זיי באַהערשט בייטאָגביים אויסבאַהאַלטן מאַרין, האָט זיך מיטאַמאָל ביי זיי אויסגעלאָזט און ס׳טוט זיי באַנג דאָס גאַנצע עסק. זיי זענען געווען מיד, ס׳האָט זיך זיי געגלוסט אַהיים גיין — אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו זאָגן מאַרין. בלויז באָב איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און איז געווען ביי זיך נאָך פעסטער, ווי בייטאָג.

—אַ גוטע נאַכט, מאַרי... סי יו טומאָראָ... — האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין חבר און, ווי קיינמאָל גאַרנישט, דער ערשטער אַרויס פון הויז.

בעת מאַרי איז אַליין געבליבן אין דער חורבה און מיטאַמאָל באַנומען, אַז ס׳איז מער נישט קיין געלעכטער, האָט אים אַ מורא ארומגעכאַפּט. ער האָט זיך צוגעדעקט מיטן קאָפּ אַלעברן קאָפּ, ער זאָל גאַרנישט זען, אָבער אַלע מעשיות וועגן שדים, וואָס ער האָט געהערט, האָבן זיך אים מיטאַמאָל דערמאָנט. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן, זיך געגרייט צום שלאָפן, נאָר דער שלאָף איז צו אים נישט געקומען. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען גייט ערגעץ, מען פּראַלט אויף טירן. שדים, אין פאַרשידענע געשטאַלטן, רוקן זיך צו אים, רינגלען אים ארום פון אַלע זייטן. ער האָט אַזוי שטאַרק צוגעהאַלטן די אויגן, אַז גרויסע קאָליריקע רעדער האָבן זיך געדרייט פאַר אים, זיך פאַרשלונגען איינס דאָס אַנדערע. מיטאַמאָל איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. די שטילקייט איז אָבער באַלד איבערגעריסן געוואָרן פון אַ ווילדן פויגלישן געשריי, פון אַ דערשראָקן פּאַטשן מיט פליגל. אויפן דאַך איז ווער געלאָפן, געפּויקט מיט די פיס, זיך געקוילערט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס׳וועט ווער אַרויפפאַלן אויף אים. ער האָט געהערט אַ קראַצן פון נעגל, וואָס איז אויף אַ צייט שטיל געוואָרן און זיך צוריק איבערגעחזרט.

— דאָס זענען „פּאָסאָמס״... ס׳איז נישט וואָס מורא צו האָבן... — האָט ער גערעדט צו זיך און מיט געמאַכטן קוראַזש

אראָפּגעריסן פון זיך דעם קאַץ, כדי זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז אַלץ איז אַן אויסדראַכטעניש.

אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט ער דערזען דאָס שטיבל, איינגעטונקען אין אַ העלן, נישט־ערדישן שיין. די לבנה, אַ בלייכע, אַ ווייסע, ווי זי וואָלט געווען אַנגעטאָן אין אַ זילבערן נאַכט־העמד, האָט אַרומשפּאַצירט אויף די ווענט, אויפן דיל...

ער האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן, זיך געצוווּנגען אַנטשלאָפן צו ווערן. ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געווען טויט... זיין מאַמע וואָלט אים אויפגעהערט צו מוטשען און ער וואָלט זיך אין איר נוקם געווען. ער האָט זיך שוין געזען אַ טויטן, באַמערקט ווי די מאַמע וויינט איבער אים. גוט אַזוי, האָט זי אים נישט באַדאַרפן ביים לעבן אַזוי מוטשען!... איצט טוט איר זיכער באַנג... זי האָט חרטה אויף אַלץ... אָבער אים טוט דאָס שטאַרק הנאה...

מאָרי האָט זיך דערפילט זייער פאַרלאָזן און ער האָט אויף זיך אַליין באַקומען גרויס רחמנות. ווייזט אויס, אַז די מאַמע זאָרגט זיך נישט מער וועגן אים, זי גייט אים נישט אפילו זוכן. אָבער ער דאַרף נישט זי זאָל אים זוכן. ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט מער אומקערן אין שטוב אַריין! ס'האָט אים בלויז אַביסל באַנג געטאָן, וואָס ער מוז אַלעמאָל זיין דער קרבן, וואָס ער מוז זיך אַלעמאָל אַרויסשטעלן פאַר אַלע... מיט וואָס האָט ער זיך אַזוינס פאַרזינדיקט, אַז דער טאַטע זאָל אים אַזוי שלאָגן! ער האָט שוין נישט איינמאָל געהערט, אַז די יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן... וואָס־זשע איז ער שולדיק, אַז ער האָט דאָס געזאָגט? ער האָט בלויז איבערגעחזרט, וואָס אַנדערע זאָגן... אַז ער ווייסט אַליין נישט, וואָס צו טאָן. דער טאַטע הייסט אים אַרויסגיין בעת דער שעה פון רעליגיע אין דער שול. ער איז אַ ייד און ער טאָר זיך צו דער לעקציע נישט צוהערן. אָבער ער האָט דעם טאַטן נישט אַלעמאָל געפאָלגט, אַ סך מאָל איבערגעבליבן בשעת דער לעקציע, זיך געשעמט אַרויסצוגיין. ער האָט נישט געוואָלט זיין אַנדערש פון אַלע, געוואָלט אויסמיידן די פאַרשנדיקע בליקן פון זיינע חברים,

וואָס האָבן זיך געסודעט הינטער זיינע פּלייצעס און אָנגערופן אים „דזשו"...

ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז מאָרי איז אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַרויפגעשלעפּט דעם קאָץ איבערן קאָפּ און אים צו־ריק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך. סוף־כּל־סוף האָט די מידקייט גובר געווען און ער איז איינגעשלאָפן. איינגעדרייט אין אַ בייגל, איז ער געבליבן ליגן אויפן ראַנד פון פעלד־בעטל, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אַראָפּפאַלן.

גאַנץ פרי האָט אים באָב אויפגעוועקט, וואָס איז אַריין אין דער חורבה, באַלאָדנט מיט פרישע חפצים. באָב האָט געהאַט מיט זיך זיינע ביכער — אָבער ער האָט באַשלאָסן היינט ווידער נישט צו גיין אין דער שול. ער האָט זייער פיינט געהאַט די שול, שוין נישט איינמאָל אָפּגענאַרט אין דער היים און אָנשטאָט צו גיין זיך לערנען, איז ער אַוועק אין „בוש". אויף באָבס פּנים איז געווען אויסגעגאָסן גאָר אַ וויכטיקע מינע. ער האָט אַ פאַרקאַשער געטאָן די אַרבל און גענומען מייסטרעווען ביי זיינע אַלטע טיילן פון די מאַשינען. שווייגנדיקערהייט האָט ער אָפּגעאַרבעט אַ שטיק צייט, דערנאָך האָט ער זייטיק אַ בליק געטאָן צו מאָרין און פון איין שפּיץ מויל אַרויסגעוואָרפן די רייד:

— כ'האָב געהערט פאַרוואָס ביזט אַוועק פון דער היים, מאָרי... — האָט ער שנעל און כּלאחר־יד אַ זאָג געטאָן — דיין אַלטער האָט דיך געשלאָגן, ווייל דו האָסט געזאָגט, אַז די יידן האָבן דערהרגעט יעזוסן... וואָס האָט ער דיך געהאַט צו שלאָגן! ס'איז דאָך אמת!...

מאָרי האָט באַלד נישט געענטפערט. ער איז געלעגן אויפן פעלד־בעטל, אַ פאַרטראַכטער, פאַרקוקט אין איין פּינטל. פּלוצים האָט ער אָנגעשטעלט זיינע גרויסע, גרין־וואַסערדיקע אויגן אויף באָבן און אים געפרעגט:

— פון וואַנען ביזטו אַזוי זיכער, אַז יידן האָבן געקרייצט יעזוסן... ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?...

— וואָס הייסט פון וואַנען איך ווייס?... אַלע ווייסן דאָס אין שטאָט...

— ס'איז נישט אמת!... מען האָט עס אויסגעטראַכט!...

— איז מאָרי אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און אַ בייל געטאָן זיינע פויסטן — ס'איז נישט אמת!... מיין טאַטע וועט קיינעם נישט הרגענען... ער וועט מיך שלאָגן, אָבער ער וועט קיינעם נישט הרגענען!...

טרערן זענען מאָרין געקומען אין די אויגן. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט אַרויסצושיסן אין אַ געוויין.

— פאַרגעט אבאוט איט... נעם עס נישט אַזוי ערנסט...

— האָט שוין באָבן באַנג געטאָן דאָס גאַנצע עסק — דאָס אַלץ איז געווען מיט אַזויפיל יאָרן צוריק... וואָס גייט עס אונז איצט אָן!... וואָס איז דען אַ חילוק צווישן מיר און דיר... און דו ביזט אַ ייד... פאַרגעס וועגן אַלעם!...

— ניין, כ'וויל נישט פאַרגעסן!... — האָט מאָרי נישט געוואָלט נאָכגעבן, דווקא געוואָלט איינהאַלטן דאָס געקריג — כ'וויל נישט פאַרגעסן... ס'איז אַ ליגן די גאַנצע מעשה!... ס'א ליגן!...

באָב האָט מער נישט געענטפערט, זיך צוריק אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט. בעת ער האָט באַמערקט, אַז מאָרי האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט ער זיך זייטיק צו אים אָנגערופן:

— פונקט אין אַ יאָר אַרום וועל'ך האָבן מיין מאַשין פאַרטיק... כ'דאַרף נאָך אָנזאַמלען אַביסל קלינגערס אויף עט־לעכע טיילן... די כלי וועט ציען, אַ מחיה...

אַז מאָרי האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער זיך אַביסל פאַרלוירן און באַלד מוסיף געווען:

— מאָרגן וועל'ך זיכער רעדן מיט בראַיענען מכוח אַ דזשאָב פאַר דיינעטוועגן... דזשי, ביזט אוודאי הונגעריק... מ'עט באַלד עפּעס אַ קיי טאָן...

## קאַפּיטל אַכט

# אויף אַ פּיקניק אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל

שוין כמעט אַ יאָר ווי ס'איז צום מיסטער זעלינג אין „שאָפּ" אַריינגעקומען דער אַגענט פון „איגל מאָטאָרס" אין מעלבורן און פאַרגעשלאָגן אים צו קויפן אַן אויטאָמאָביל.

אין אַ גרויסן העלן אויטאָ איז דער אַגענט פאַרפאָרן פאַר הערשס געשעפט, אַריינגעקוקט קודם־כל דורכן שויב־פענצטער, צי ס'זענען נישטאָ קיין קונים אינעווייניק און דערנאָך זיך באַוויזן אין דער טיר מיט זיין אייביקן פּזמון:

— ניים דעי... גלאָריאָס דעי...

דאָס פלעגט ער זאָגן, ווען אינדרויסן האָט אפילו געגאָסן, ווי מיט צעבערס. דאָס שטענדיק העפלעכע שמייכעלע האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון זיין צופרידן־רויט, ווי אָפּלאַקירט פּנימל, און אָנגעזאָגט, אַז ער, מיסטער דזשאָרדזשעס, דער אַגענט פון „איגל מאָטאָרס", האָט אַ סך געדולד. אויף די שפּיץ־פינגער איז ער אַריין אין געשעפט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל ווען נישט איבערוועקן, געוואָרט געדולדיק ביז הערש איז מיט אַלץ פאַרטיק געוואָרן — און ערשט שפּעטער האָט ער אַרויפגעלייגט זיין אייביק־אָנגעפּראָפּטע טעקע אויפן טיש און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פון דאָרט פאַרשידענע פּאַפּירן, זשורנאַלן און ביכער. דער מיסטער דזשאָרדזשעס האָט גערעדט זייער אַ סך און זייער שנעל און פּונקט ווי שנעל ער האָט גערעדט, אַזוי שנעל האָט ער געמישט די בלעטער פון די זשורנאַלן און ביכער. הערשן האָט אַזש געשווינדלט אין קאָפּ פון די אַלע מאָדעלן פון אויטאָס, פון די גרויסע פאַבריק־געביידעס, וואָס ער האָט געזען אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן.

מיסטער דזשאָרדזשעס איז נישט מיד געוואָרן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל צו דערקלערן דעם מיסטער זעלינג וועגן די

אַלע נייע דערפינדונגען און באַקוועמלעכקייטן אין דער „קאַר".
ער האָט דאָס אַלץ גערעדט נישט אַזוי ווייט צום מיסטער זעלינג
ווי צו זיין טאָכטער, פּאולין, וואָס האָט זיך נישט אויפגעהערט
צו שפּיגלען, זינט ער איז אַריין אין געשעפט. פּאולין האָט זיך
געמאַכט, אַז זי זעט נישט דעם מיסטער דזשאָרדזשעס, אָבער
זי האָט אין שפּיגל גאַנץ גוט באַמערקט זיין עלעגאַנט־אויסגעפּאַסטן אַנצוג, זיינע גלאַנציק־אָנפּאָמאַדירטע האָר און
דער עיקר זיינע איידעלע, גרויס־שטאָטישע מאַנירן. ער האָט
געזען, וואָס פאַרא איינדרוק ער האָט געמאַכט אויף איר און
געזוכט מיט איר אַ שמועס צו כאַפּן. ער האָט איר ביי יעדער
געלעגנהייט דערציילט, אַז זיין עלטער־זיידע איז געווען אַ פראַנצויז און זי געפרעגט, צי זי איז פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם.
כאָטש ער האָט קיינמאָל פּאַריז פאַר די אויגן נישט אָנגעזען,
האָט ער פאַר איר געלויבט די שטאָט ביזן הימל אַריין. גערופן
האָט ער זי נישט אַנדערש, נאָר: מאַדמואַזעל זעלינדזש...

דאָס האָט אויף פּאולינען געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק
און זי האָט געהאַט טענות צום טאַטן, וואָס ער לאָזט דעם
מיסטער דזשאָרדזשעס צעברעכן די פּיס און ער קויפט נישט
דעם אויטאָ. זי האָט זיך זייער געשעמט מיטן טאַטנס אויפ־פירעכץ, וואָס האָט אויסגעגעבן, אַז ער איז אַ פרעמדער אין
לאַנד, און זי האָט זייער געציטערט דער פּאָטער זאָל זיך אַמאָל
נישט אַרויסכאַפּן, אַז ער איז אַ ייד. חוץ דעם, איז איר חלום
שוין פון לאַנג געווען זיך אַרויסצולאָזן אויף אַ שפּאַציר אין אַן
אייגענער מאַשין. זי האָט זיך שוין געזען זיצן ביים רעדל
און טרייבן דעם אויטאָ...

דער אַגענט איז אַזוי לאַנג געקומען צום מיסטער זעלינג
אין געשעפט, אַריינגערעדט אין אים, אַז סך־הכל וועט ער נישט
דאַרפן מער אַריינלייגן ווי עטלעכע צענדליק פונט דעפּאָזיט און
דאָס רעשט וועט ער אויסצאָלן אין חודשלעכע ראַטעס — ביז
ער האָט געקויפט דעם אויטאָ. אַזוי גיך ווי הערש האָט אונ־טערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, האָט ער געהאַט עפּעס חרטה,
זיך דערפילט ווי אָפּגענאַרט — אָבער דער געדאַנק, אַז ער וועט
זיין דער באַלעבאָס פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער לוקסוס־וואָגן
און קענען מאַכן אַ סיורפּריז דעם ווייב, האָט אים אָנגעפילט

מיט פרייד. ער האָט באַשלאָסן דערוויַיל דעם וויַיב גאָרנישט דערציילן, אַליין פאָרן קיין מעלבורן אָפּנעמען דעם אויטאָ און זען, וואָס פאַראַ פּנים זי וועט מאַכן, ווען ער וועט אין אים פאָרפאָרן פאַר זייער הויז און איר פּראָפּאָנירן אַרויסצונעמען אויף אַ שפּאַציר.

זינט מיסטער זעלינג האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיטן אַגענט, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט עפּעס אַ סוד, וואָס קיינער ווייסט נישט וועגן אים. די מיסיס זעלינג האָט אָבער נישט באַמערקט דעם סודותדיקן אויסדרוק אויף איר מאַנס פּנים, דער קאָפּ איז איר געווען ערגעץ אַנדערש. זי איז שוין די צווייטע נאַכט נישט געשלאָפן און געהאַט צום מאַן די גרעסטע טענות, וואָס ער ברענגט נישט מאָרין אַהיים. וואָס פאַראַ טאַטע איז ער, אַז ער לאָזט דאָס יינגל אַליין נעכטיקן אין אַ חורבה! נישט קיין טאַטע איז ער, נאָר אַ מערדער! אַז מאָרי געפינט זיך אין דער חורבה, האָט זי אַרויסבאַקומען פון לעזלין באַלד די ערשטע נאַכט, ווען מאָרי איז דאָרט געבליבן שלאָפן. לעזלי האָט זיך תחילת געקווענקלט, נישט געוואָלט אויסגעבן דעם סוד, אָבער אַז מיסטער זעלינג האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אים, איז ער אַרויס מיט לשון.

מיסים זעלינג האָט כהרף־עין געוואָלט לויפן צו מאָרין און אים ברענגען אַהיים, אָבער הערש האָט אויף איר אַזאַ געשריי געטאָן, אַז זי איז געבליבן שטיין, ווי צוגעטשוועקט צום אָרט:

— דו וועסט אינגאַנצן איבערפירן דאָס יינגל! — האָט ער געמאַכט קולות — זאָל ער דאָרט בלייבן אין דער חורבה! ס'וועט אים גאָרנישט געשען... כ'האָב נאָך נישט געזען אַזאַ „טראָבל"־מאַכערין, ווי דו ביזט! ער וועט אַליין צוריקקומען, דער תכשיט!...

אָבער דער תכשיט איז נישט צוריקגעקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָט די מיסים זעלינג נישט צוגעטאָן קיין אויג, געוואַרט, אַז אָט וועט זיך אויפמאַכן די טיר און מאָרי וועט אַריינקומען — אָבער ער איז נישט געקומען. שיינדל איז שטיל געלעגן אין בעט און אירע אויפגעריסענע אויגן האָבן געוואַכט איבער מאַ־

רין דאָרט ערגעץ, אין דער חורבה. פּלוצים האָט זי דערהערט מאָרים קול, וואָס האָט זי גערופן:

— מאַם... — האָט זי דייטלעך געהערט מאָרים קול — מאַם...

זי האָט געוועקט הערשן, געוואָלט אים פרעגן, צי אויך ער הערט אַ קול זי רופן, נאָר ער איז געשמאַק געשלאָפן און בלויז אין שלאָף אַ פּאָנפע געטאָן צו איר עפּעס אונטער דער נאָז. זי האָט זיך אין דער שטיל אָנגעטאָן און אַרויס אינדרויסן. דאָס שטעטל איז געשמאַק געשלאָפן, איינגעהילט אין אַ זילבערן־נעפּלדיקער דעקע. אויפן בלויען הימל איז געהאָנגען די לבנה, ווי אַ גרויסע בלייכע פּערל. צווישן די ווייס־אויסגעטריקנ־טע שטאַמען פון די עקאַליפּטוס־ביימער און געל־פאַרברענטע גראָזן זענען געלעגן צעוואָרפן די הייזלעך פון שטעטל, ווי ריזיקע צעשיטע שטיינער. כאָטש די חמימה האָט אָפּגעלאָזט, איז אַלץ נאָך געווען פאַרשמאַכט פון דער היץ. די ערד איז געווען פאַרדאַרט און האָט רויטלעך־מאַט, ווי קופּער, געשיינט אין בלאַסן לבנה־ליכט. מיטן זילבער־בלייכן אויג האָט די לבנה באַוואַכט דאָס גאַנצע שטעטל. שיינדל איז נאָכגעגאַנגען דאָס קול, וואָס האָט זי גערופן. אַז זי איז געטרעטן צווישן די הויכע, געל־פאַרברענטע גראָזן, האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז אַ שלאַנג וועט זי אַ ביס טאָן. זי האָט געהערט, אַז אין די הויכע גראָזן באַהאַלטן זיך אויס שלאַנגען.

בעת מיסים זעלינג איז צוגעקומען צו דער חורבה, וווּ מאָרי האָט געזאָלט זיין באַהאַלטן, האָט זי מער נישט געהערט קיין שום קול זי רופן. ס׳איז געווען שטיל אַרום. טיילמאָל בלויז האָט אַ צוויג אַ טרוקענעם קרעכץ געטאָן. די לבנה האָט געטריפט פון הימל, ווי אַ גרויסע בלאַסע טרער. די חורבה, איינגעטונקען אין זילבער, האָט געקוקט צו איר, אַ שטומע און אַ פרעמדע. מיט די הענט האָט זי אָנגענומען די פּרוכקע ווענט פון דעם הייזל, ווי זי וואָלט וועלן אַרויספּרעסן רייד פון די ברעטער. זי האָט געפּרוווט רופן מאָרין, אָבער אַז קיינער האָט איר נישט געענטפערט און זי האָט בלויז דערהערט איר איינן קול, וואָס איז צו איר צוריקגעקומען, האָט זי זיך אומ־געקערט אהיים.

די צווייטע נאַכט איז געשען מיט איר דאָס זעלבע. זי האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַרום דער חורבה ביז עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען, אָבער צו מאָרין איז זי נישט אַריין, זיך איינגעהאַלטן, אויסגעפירט דעם מאַנס באַפעל.

ערשט דעמאָלט, ווען הערש איז אַוועקגעפאָרן קיין מעל־בורן, האָט זי זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און געבראַנגט דאָס יינגל צוריק אין שטוב אַריין. ער האָט נישט געוואָלט גיין. אָבער זי איז אַריין אין אַזאַ כעס און באַקומען מיטאַמאָל אַזוי־פיל כוחות, אַז ער האָט זיך פאַר איר זייער דערשראָקן און געלאָזט טון מיט זיך, וואָס זי האָט געוואָלט.

— ווילסט מיך דווקא פרי פון דער וועלט ברענגען!... — האָט זי אים מיט כוח געשלעפט — ווער האָט דאָס געהערט אַז אַזאַ קליינער סמיק זאָל אַזוי פיל אַרומרודערן... דער טאַטע איז געדעכט... איך גיב דיר צופיל נאָך... פון היינט אָן, וועסטו מיך שוין פאָלגן! נישט רעדן קיין נאַרישקייטן־... אַהיים!... איך וועל דיר געבן צו פירן ברוגזן!...

אינדערהיים האָט זי אים געגעבן עפּעס צו עסן. אָבער ער האָט גאָרנישט פאַרזוכט און איז באַלד אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער. זי האָט זיך אויך צוגע־לייגט אַביסל און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אויפגעוועקט האָט זי אַ טראָמייטערן פון אַן אויטאָ פּונקט לעבן זייער הויז. זי האָט זיך איבערגעדרייט צו דער וואַנט, געוואָלט ווייטער שלאָפן, אָבער דאָס טראָמייטערן האָט נישט אויפגעהערט. זי איז געווען זיכער, אַז בראַיען פון טאַרטאַק איז געקומען נעמען די טאָכטער אויף אַ „דרייוו". אָבער אַז זי איז צו צום פענצטער, האָט זי בראַיענען נישט געזען, נאָר הערשן, וואָס איז געזעסן אין אַ גרויסן שפּאָגל־נייעם אויטאָ, ווו עס האָבן זיך געשפּיגלט אָפּגע־בראָכענע שערבעלעך פון דער זון. בשעת ער האָט זי דערזען, האָט ער געמאַכט צו איר עפּעס מיט דער האַנט און זי גערייסן אַרויסקומען.

— קענסט אונז אָפּגעבן מזל־טוב!... — האָט ער געזאָגט צו איר, ווען זי איז אַרויסגעקומען און אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן — כ'האָב געקויפט אַ קאַר... ס'איז

שוין די עכסטע צייט... כ׳האָב שוין לאַנג געדאַרפט האָבן אַן אויטאָ צו די ביזנעס...

פונקט ווי אַ קליין יינגל, וואָס קויפט זיך אַ פריש שפּי־לעכל, האָט זיך מיסטער זעלינג אַרומגעפּאָרעט ביים אויטאָ. ער האָט אים געפּוצט, גענלעט, אָפּגעבלאָזן יעדעס שטויבעלע. דאָס פּנים איז געווען ביי אים רויט־צעשיינט, דער קאַפּעליוש פאַ־רוקט הויך אויפן שטערן און די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט יינגלערישער האָפערדיקייט. ער האָט געוויזן דעם ווייב די שיינע, לעדערן־אויסגעבעטע געזעסן, די שפּיגלדיק־גלאַנציקע קליאַמקעס, דעם קיילעכדיקן דאַך און די גרויסע לאָמפּן, וואָס קענען וואַרפן דאָס ליכט אויף מיילן ווייט. ער האָט געזאָגט צום ווייב, אַז ער וועט זי באַלד אַרויסנעמען אויף אַ שפּאַציר און זי געצוואונגען זיך אַריינצוזעצן אין אויטאָ, כדי זי זאָל אַליין אויספּרוּוון ווי שטאַרק די געזעסן זענען.

אָבער די מיסיס זעלינג האָט זיך עפּעס געשראָקן פאַר דעם אויטאָ, זיך נישט געוואָלט אַריינזעצן אינעווייניק און געפרעגט דעם מאַן:

— דעם גאַנצן וועג פון מעלבורן, האָסטו אַליין געפירט די „קאַר״?... האָסט גאָרנישט מורא געהאַט?... ביזט שוין אַזאַ גוטער „דרייווער״?... האָסט דיך פאַר מיר געהיטן, ווען דו האָסט גענומען די לעקציעס...

די מיסיס זעלינג האָט זיך נישט אַריינגעזעצט אין אויטאָ־מאָביל, כדי אויסצופּרוּוון די געזעסן און נישט געוואָלט פאָרן אין מיטן דערינען אויף אַ שפּאַציר. זי איז געשטאַנען לעבן הערשן און געפילט אויף זיך די פאַרבאַהאַלטענע בליקן פון די שכנים, וואָס האָבן נישט־פאַרגינעריש געקוקט אויף איר. וואָס דאַרף מען אויפרייסן ביי יענעם די אויגן? קנאַפּ צרות האָבן יידן? חוץ דעם האָט זי נישט געוווסט, צי די געשעפטן טראָגן שוין אויף דעם, זיי זאָלן פאָרן אין אַן אויטאָ. ווייזט אויס, אַז זי האָט נאָך נישט גענוג געקענט הערשן. ער איז גאָר אַ באַרימער אויך, וויל זיך ברייט שטעלן, האָט ליב צו לעבן איבער די כּו־חות... זי האָט ביז איצט נישט געוווסט, אַז ער איז אַ „שאָו־אָף״... דאָס ערשטע מאָל, זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט הערשן, האָט זי אַ טראַכט געטאָן וועגן געלט, וואָס זיי פאַרמאָגן,

וועגן די געשעפטן, וואָס זיי פירן. און כאָטש זי איז מיטאַמאָל שטאָלץ געוואָרן אויפן מאַן, וואָס איז אין אירע אויגן אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויסער אויפטוער, האָט זי אים איינגערוימט אויפן אויער:

— הערש, כ'בין נייגעריק צו וויסן וויפיל מיר פאַרמאָגן... כ'האָב דיך דאָס קיינמאָל נישט געפרעגט... אָבער איצט וואָלט איך עס וועלן וויסן...

— פּונקט איצט, געניייטיק אין טאָפּ אַריין, דאַרפסטו דאָס וויסן!... זיך אויסגעקליבן אַ צייט! האָסט שטענדיק ליב אָנצורמאַכן „טראָבל"... צו פאַרשטערן יעדע שמחה... — איז הערש אַרויפגעפאָרן אויפן ווייב.

ער איז בכלל אַביסל צעטומלט געוואָרן פון איר פראַגע, נישט געוווסט איר וואָס צו ענטפערן. פונדעסטוועגן האָט ער נאָכגעטראַכט אַביסל, אויסגעקלערט עפּעס אַ קיילעכדיקע סומע און איר איינגערוימט אַ סוד. צו זייער פאַרמעגן האָט ער צוגעגעבן נאָכאַמאָל אַזוי פיל... דאָס איז אַלעמאָל געווען זיין טבע. נישט בלויז האָט ער אָפּגענאַרט דאָס ווייב, נאָר שטענדיק, ווען ער האָט געמאַכט אין קאָפּ אַ שטיקל בילאַנס, האָט ער זיך אַליין רייכער געמאַכט. ער האָט פאַרגעסן אַריינצורעכענען די חובות און כדי צו מאַכן קיילעכדיקע סומעס, האָט ער זיך אַליין צוגעגעבן שיינע עטלעכע פונט...

— גוט, שיינדל... — האָבן הערשס גלאַנציק־שוואַרצע אויגן אַ ווונק געטאָן צום ווייב — אַז ווילסט נישט איצט אַרויספאָרן אַביסל שפּאַצירן, איז נישט... אָבער זונטיק פאָרן מיר אַרויס אויף אַ פּיקניק... וועסט צוגרייטן „סענדוויטשעס", פּונקט ווי די יאַיקלעך... אויפן אויסטראַלישן שטייגער... מאָרי וועט שוין זיין צוריק אין דער היים... דאַרפסט נישט מורא האָבן... ער וועט אַליין צוריקקומען...

זי האָט זיך פאַררויטלט, זיך געשעמט דעם מאַן מגלה־סוד זיין, אַז מאָרי איז שוין דאָ צוריק אין שטוב. זי האָט אים אַליין געברענגט. כאָטש זי האָט געוואָלט זאָגן הערשן, אַז אַנשטאָט אויפן פּיקניק, וואָלט זי בעסער געפאָרן צום יידישן „סעטלמענט", כדי צו זען, ווו זייער באַקאַנטער, סאַשאַ פּאָפּעוו, אַרבעט, האָט זי דאָס נישט געזאָגט. זי האָט נישט געהאַט

גענוג דרייסטקייט. עס זענען איר אויפֿן רעיון געקומען די אַלע רייד, וואָס איר אייגענע טאָכטער, פּאָולין, האָט איר געוואָרפֿן אין פּנים אַריין...

כאָטש עס איז נאָך געווען ווייט צו זונטיק, האָט זיך די מיסיס זעלינג גענומען מיט אייפֿער גרייטן צום „פּיקניק". זי האָט אַפֿילו, בסוד פֿאַרן מאַן, געקויפֿט אַ צוזאַמענלייג־טישל און צוזאַמענלייג־שטולן, וואָס מען נעמט געוויינטלעך מיט, ווען מען פֿאָרט אַרויס אין דער „קאַונטרי" אויף אַ שפּאַציר. זי האָט שוין באַצייטנס געקויפֿט פֿלייש צו פּעקלען, געקויפֿט פֿאַרשידנערליי קאָנסערוון און אויך צוגעגרייט אייער, פּוטער און קעז, ווי זי וואָלט דאָס אַלץ שפּעטער נישט געקענט באַקומען.

עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן לעזלין און מאַרין, וואָס האָבן געוואָלט מיטנעמען זייערע חברים אויפֿן פּיקניק. מיסטער זעלינג האָט פֿון דעם נישט געוואָלט הערן און געדענקען און דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז בלויז די משפּחה אַליין זאָל פֿאָרן אויפֿן פּיקניק — און טאַקע אויפֿן גאַנצן טאָג.

די מיסיס זעלינג האָט אַפֿילו מורא געהאַט, ווען זי האָט געזען איר מאַן זיצן ביים רעדל און טרייבן די מאַשין; זי האָט אים געהייסן זיין זייער פֿאָרזיכטיק און יעדעס מאָל האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז ער פֿאָרט אין עפּעס אַנדערש אַריין — אָבער אינעווייניק אין זיך האָט זי געפֿילט אַ יום־טוב, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין אירע אברים. עס האָט לאַנג ביי איר געדויערט, ביז זי האָט אויסגעקליבן אַן אָרט, וווּ זיי זאָלן קענען האָבן דעם פּיקניק.

אַז דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַביסל שפּאַצירן איבער די געדרייטע סטעזשקע־לעך אין די בערג, האָט זי זיך דערפֿילט זייער יונג און עס האָט איר דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן אין וואַרשע, ווען זי איז אַרויסגעפֿאָרן מיט אירע „קאָלעזשאַנקעס" הינטער דער שטאָט אויף אַן אויספֿלוג. עס האָט איר דערמאָנט אין קוזמיר, וווּ זי איז געפֿאָרן אויף זומער־וווינונג און דאָרט זיך אָנגעטראָפֿן אויף די בחורים אין די סלאָוואַצקע קעלנערלעך. זי האָט גענור־מען באַוויזן בריהשקייטן און אָנגעהויבן קלעטערן אויף פֿאַר־

שידענע בערגלעך, אַלץ העכער און העכער. הערש האָט מורא באַקומען, אַז זי קען נאָך אַראָפּפאַלן און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל דאָס נישט טאָן. זי איז מער נישט קיין יונג מיידעלע... זינט זיי זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע, האָט הערש נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז זיין ווייב זאָל האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע זאָרג, און אַ שמייכל פון צופרידנקייט האָט באַשטראַלט זיין טונקל־אָפּגעברענט פּנים:

— אויסטראַליע איז אַ מדינה!... ווער מיר גוטס גינט... האַ?... — האָט ער זיך אָנגערופן צום ווייב — אַ „ביזנעס"... אַ „קאַר"... אינדערהיים וואָלט'ך דאָס אויך געהאַט?...

הערש האָט געוואַרט אויפן ווייבס הסכמה — אָבער זי האָט נישט געקענט פּועלן ביי זיך, זי זאָל אים אַזוי שנעל מודה זיין. זי האָט גאָרנישט געענטפערט און גענומען צוגרייטן דאָס עסן, אויסגעשפּרייט אַ טישטוך אויפן צוזאַמענלייג־טישל און אַרויפגעשטעלט דערויף די צוגעגרייטע מאכלים.

נאָכן עסן זענען מאַרי און לעזלי אַריין אין אויטאָ און אים אָנגעהויבן פּריש צו באַקוקן. פּאָולין איז צוגעשטאַנען צום פֿאָטער, ער זאָל איר באַלד אויפן אָרט צוזאָגן, אַז ער וועט איר לאָזן פירן דעם אויטאָמאָביל, ווען זי וועט באַקומען אירע „לייסענס". ווען נישט זי, וואָלט ער קיין אויטאָ נישט געהאַט... זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך, געגענעצט פון לאַנגווייליקייט און געהאַט טענות, וואָס מען האָט זי מיטגענומען אויף דעם פּיקניק. אַז די יינגלעך זענען געגאַנגען כאַפּן פיש צום דערבייאיקן טייכל, איז פּאָולין מיטגעגאַנגען מיט זיי און אַרויסגעכאַפּט ביי לעזלין די היימיש־געמאַכטע ווענטקע פון דער האַנט. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ רייסעניש און פּאָולין האָט געדראָט, אַז זי וועט צעברעכן די ווענטקע אויף פּיץ־פּיצלעך, טאָמער וועט זי לעזלי נישט לאָזן כאַפּן פיש כאָטש אַ שעה צייט אויפן זייגער.

ווען די קינדער זענען אַוועק, האָט מיסיס זעלינג אויסגעשפּרייט אַ קאָץ אויפן גראָז און זיך געהייסן דעם מאַן צושפּאַרן. אַליין האָט זי זיך געלייגט אויפן בלויזן גראָז, פּונקט ווי אַמאָל, אין אירע מיידלערישע יאָרן, ווען זי איז געפֿאָרן אויף אַ „מאַיוווקע" הינטער וואַרשע. זי האָט זייער ליב דעם פרישן ריח

פון גראַז... בשעת זי האָט געזען ווי הערש ווערט אַנטדרימלט, האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט, כדי אים נישט אויפצוּוועקן. זי האָט דערפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אַלעמען, וואָס ער האָט ביז איצט פאַר איר געטאָן און פאַרזיכטיק אים אַ גלעט געטאָן איבער זיינע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס זענען שוין ביי די שלייפן געווען געדיכט אַדורכגעוואָרפן מיט זילבערנע פעדים. אויך איז זיין פּנים געווען שוין צעאַקערט פון קנייטשן, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביי אים אויפן שטערן און אַרום די אויגן און מויל־ווינקלען. דאָס איז זיכער געקומען פון די פיל זאָרגן, וואָס ער האָט אַלע יאָרן פאַרבאָרגן פאַר איר, זיך קיינמאָל מיט איר נישט געטיילט...

לאַנג איז מיסטער זעלינג נישט געשלאָפן. ער האָט אין שלאָף דערפילט דעם ווייבס פינגער אויף זיינע האָר און אויפגעמאַכט די אויגן. דאָס פאָרפאָלק האָט צווישן זיך לאַנג געשמועסט. מיסטער זעלינג האָט זיך מודה געווען פאַרן ווייב, אַז אויך ער זאָרגט זיך וועגן די קינדער. וואָס מער די קינדער וואַקסן אונטער, אַלץ גרעסער איז זיין זאָרג וועגן זיי... ער האָט דאָס איר ביז איצט נישט געוואָלט זאָגן, כדי זי נישט נאָך מער מצער צו זיין. ער ווייסט, אַז ס'איז ביי איר אַ יום־טוב, ווען סאַשאַ פּאָפּעוו קומט צופאָרן צו זיי, ווייל די קינדער קענען זיך פון אים אַ סך לערנען... נאָר ער קומט אַזוי זעלטן... עס וואָלט גוט געווען, ווען זיי קענען זיך אַריבערציען קיין מעלבורן — אָבער וואָס וועט זיין מיט פּרנסה? דאָ האָט ער שוין זיין שטיקל ברויט. איז אפשר וואָלט געווען אַ סברא צו ברענגען די עלטערן אַהער... פון זיין טאַטן וואָלטן זיך די קינדער געקענט פיל אָפּלערנען... ער וואָלט מיט זיי געלערנט... זיי קענען דאָך נישט קיין יידיש אות!... און לעזלי ווערט שוין אם ירצה השם, באַלד בר־מצווה. ער אַליין האָט נישט קיין געדולד מיט די קינדער צו לערנען און באַלד וועט שוין זיין צו־שפּעט... דער טאַטע האָט געלערנט אין דער היים מיט בחורים. צו מסחר האָט ער זיך נישט געטויגט. כאָטש ער האָט געלערנט שחיטה, האָט ער נישט געקענט ווערן קיין שוחט. האָבן אים רייכע באַלעבאַטים אָנפאַרטרויט זייערע בחורים און דער מאַמען, עליה השלום, אונטערגעשטופּט דעם שכר־לימוד, וואָרן

דער טאַטע האָט נישט געוואָלט נעמען פאַר זיין מלמדות קיין געלט. עס האָט אים נישט געפּאַסט. דער טאַטע האָט אים שוין נישט אין איין בריוו געגעבן אָנצוזעהערן אויף זיין איידעלן, פאַרשטעלטן שטייגער, אַז ער וואָלט געקומען צו אים צופאָרן. מען ברענט דעם יידן די טריט אין פּוילן... כאָטש ער האָט דעם פאָטער אויסגעמאָלן ווי דאָ זעט אויס, וויל ער אַלץ קומען... און אויך וויל איר, שיינדלס מוטער, קומען. אפשר וואָלט מען די צוויי אַלטע לייט צוזאַמענגעפירט און זיי וואָלטן געשטעלט אַ חופּה. זיי וואָלטן געקומען צופאָרן, ווי אַ פּאָר־פּאָלק און נישט געשפּירט אַזוי שטאַרק די איינזאַמקייט...

— הערש, האָסט מיר אויסגעבאַפּט די ווערטער פון מויל!... — האָט די מיסים זעלינג פון פרייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — כ׳האָב פּונקט געטראַכט, ווי דו... כ׳האָב אָבער מורא געהאַט דיר דאָס צו זאָגן, זאָלסט מיך נישט אָנקוקן ווי משוגע...

מיסים זעלינג איז געווען אין זיבעטן הימל. זי האָט געזען, אַז דאָס מזל האָט איר צוגעשפּילט און דער פּלאַן אירער, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געצייטיקט ביי איר אין מוח, ווערט מקוים. זי האָט נישט געקענט מער איינזיצן אויפן אָרט, אָנגענומען דעם מאַן ביי די הענט און אים געשלעפּט שפּאַצירן.

— קום, לאָמיר זיך דורכגיין אַביסל... — האָט זי גע־שלעפּט דעם מאַן — לאָמיר זען ווי די קינדער כאַפּן פיש...

זיי זענען געגאַנגען מיט די געדרייטע שטיינערן־שמאָלע סטעזשקעלעך צווישן די הויכע עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס זענען דאָ געשטאַנען איינגעבויגן, שטאַרק פאַרפּלאָנטערט און האַלב־איינגעלייגט, ווי אומגעשליידערט פון עפּעס אַ בייזער האַנט. די קאָרע איז ביי די שטאַמען געווען אָפּגעריסן, ווי די שיילנדיקע הויט נאָך אַ קרענק. פון די האַרטלעך־לעדערנע בלעטער איז אויפגעגאַנגען אַ האַרבער ריח, וואָס האָט געריסן אין דער נאָז. מחמת דעם, וואָס דער פּיקניק־פּלאַץ איז געווען נישט ווייט פון אַ טייכל, איז דאָ דאָס גראָז געווען גרין און די קזשאַקעס זענען געווען ווילד און ברייט צעוואַקסן. מיטאַמאָל האָט צווישן די טונקל־צעוואַקסענע קזשאַקעס און גראָזן אַ פינקל געטאָן דער קילבלעך־שטאָלענער גאַרטל פונם טייכל, וואָס האָט

צווישן סקאַלעס און שטיינער זיך געשלענגלט און עפּעס גע־פּליסטערט אין אַ געבייזער...

זיי האָבן זיך נישט אַראָפּגעלאָזט צום טייכל און פון דער הויך געזען ווי פּאולין שטייט אין וואַסער מיט דער ווענטקע אין דער האַנט. איר קליידל איז אונטערגעבונדן און עס זעען זיך אַרויס אירע הויכע, שטאַרקע פיס. סיי אויף אירע העל־בלאָנדע, געפּאַרבטע האָר און סיי אויף אירע לייכט־אָפּגעברענטע, האָניק־קאָלירטע פיס האָבן זיך געפּאַליעט די גאָלדענע שטראַלן פון דער שפּעט־נאָכמיטאָגדיקער זון.

לעזלי און מאָרי זענען אין וואַסער נישט געווען. די מיסיס זעלינג האָט זיי דערזען שטיין איינער קעגן אַנדערן אויפן זאַמדיק־שטיינערדיקן ברעג. זייערע פּנימער זענען געווען בעסדיק־אָנגעשפּיצט און די פויסטן — האַרט־געבייַלט. זיי האָבן געשריגן עפּעס איינער צום אַנדערן און זייערע פּנימער האָבן זיך כסדר נערוועז געריקט, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַ־הערפּטן. נאָך איין רגע און די יינגלעך וועלן זיך וואַרפן איינער אויפן אַנדערן. אַנשטאָט זיי צו צעשיידן, האָט פּאולין צו זיי עפּעס געשריגן פונם וואַסער אַרויס און זיי נאָך מער אָנגערייצט. די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען קעגן זיך, ווי צוויי צערייצטע יונגע הענער. די שנאה צווישן די ברידער, וואָס האָט שוין פון לאַנג אין זיי געטליעט, האָט זיך איצט צעפלאַ־קערט צוליבן שטרייט וועגן דער ווענטקע, וואָס האָט געהערט צו לעזלין. שוין פון לאַנג האָט מאָרי נישט געקענט פאַרגינען דעם עלטערן ברודער זיין געשיקטקייט אין אַלערליי שפּילן, זיינע שטאַרקע פויסטן בעת אַ געשלעג, און לעזלי האָט נישט פאַרגינען דעם יינגערן ברודער זיין גוטן קאָפּ, וואָס ווערט כסדר געלויבט פון די לערער אין דער שול. דער עיקר האָט מאָרין ווי געטאָן, ווען לעזלי האָט אים אָנגערופן „פּחדן", וואָס ער איז קיינמאָל נישט געווען. אויך איצט האָט ער אים אָנגערופן „פּחדן" צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט צוריקברענגען אין שטוב אַריין און נישט געבליבן וווינען אין דער חורבה. אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, האָט ער זיך נישט געדאַרפט מער אומקערן! און נישט בלויז האָט לעזלי אין זיין אייגענעם נאָ־מען געזאָגט, אַז מאָרי האָט זיך נישט געדאַרפט צוריקקערן

אין שטוב אַריין, נאָר ער האָט עס אויך געזאָגט אין באָבס נאָמען — און דאָס האָט מאָרין ווי געטאָן מער פון אַלץ, ווייל ער און באָב זענען געווען איבערגעגעבענע חברים. מיט אַ ציטערדיק־צעוויייטיקט קול האָט מאָרי געשריגן:

— ס'איז נישט אמת!... — האָט ער געשריגן — באָב האָט דאָס נישט געזאָגט!... באָב האָט מיר געזאָלט פאַרשאַפן אַ „דזשאָב"... אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן!...

— באָב האָט עס יאָ געזאָגט!... — האָט לעזלי מיט אַ צולהכעיסדיקן שמייכל אַריינגעקוקט מאָרין אין פּנים אַריין — ער וואָלט דיר אַ „דזשאָב" געפינען!... נאָר דו ביזט אַ „סי־סי"!... ביזט אַזוי שוואַך, ווי אַ מיידל!...

— זאָגסט ליגן! איך בין נישט שוואַך ווי אַ מיידל! דו חברסט זיך כסדר מיט דזשינען!... דו ביזט אַליין ווייך, ווי אַ מיידל!...

— באָב האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז שוין מיט דיר ברוגז!... דו ביזט אַ פּחדן! מען קען מיט דיר גאָרנישט מאַכן!... ער וועט שוין קיינמאָל צו דיר נישט רעדן!...

— איז נישט!... וועט דאַרף אים האָבן! קענסט דיר אים נעמען! אָבער פרעג מיך קיינמאָל מער נישט וועגן „ספּעלן"! כ'וועל דיר מער נישט העלפן מאַכן די לעקציעס...

— שאַט אַפּ! כ'דאַרף נישט דיין הילף! דו „קריי־בעיבי"! כ'וועל דיר באַלד דערלאַנגען, וועסטו לויפן צו דער מאַמען מסרן!...

דאָס האָט שוין מאָרין אינגאַנצן אַרויסגעבּרענגט פון די כלים, ווייל ער איז נאָך קיינמאָל נישט געלאָפן מסרן אויף קיי־נעם. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף לעזלין, געוואָלט אים מיט אַ פויסט פאַרפאָרן אין פּנים, וואָס איז כלומרשט געווען אַזוי רואיק — און דווקא די רואיקייט האָט אים אַזוי גערייצט. מאָרי האָט אָבער גאָרנישט באַוויזן לעזלין צו טאָן, ווייל ער האָט זיך פלינק און כהרף־עין פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַן עלנבויגן, ווי עס טוען די באָקסערס, ווען זיי ווילן זיך פאַרהיטן פון אַ קלאַפּ. מאָרים האַנט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָפן אויף דעם ברודערס האַרטן עלנבויגן, האָט זיך אַזוי שטאַרק צע־קלאַפּט, אַז ער האָט שיער נישט אַרויסגעשריגן פון ווייטיק.

ערשט איצט האָט לעזלי אָנגעכאַפּט מאָרין פֿאַר דער ווייעדיקער האַנט און מיט אים אַזוי געשיקט און מיט אַזאַ כוח אַ דריי געטאָן, אַז ער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד. לעזלי האָט זיך דערנאָך אויסגעשטרעקט אויף אים און מאָרי האָט כסדר געזען פֿאַר זיך דעם ברודערס געטאָקט־שיין פּנימל, וואָס האָט אָפּגעשפּאָט פֿון אים מיט אַזויפֿיל נצחונדיקער טראָציקייט...

צוליב זיין הילפֿלאָזיקייט לגבי לעזלין, האָט מאָרי די גאַנצע צייט אויפֿן וועג אַהיים נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, געהאַלטן אים טיף אַראָפּגעזונקען. די בושה האָט אים געגעסן. די ברידער זענען נישט געזעסן צוזאַמען, די מיסים זעלינג האָט זיי צעשיידט, אָבער מאָרי האָט נאָך אַלץ כסדר געפֿילט לעזלים קערפּער אויף זיך, געזען זיין געטאָקט פּנימל, זיינע שיינע טונקעלע אויגן, וואָס האָבן מיט כלומרשטער אויסגעלייטערטקייט אַריינגעלאַכט אים זיגעריש אין פּנים אַריין. אָך, ווי ער האָט געהאַסט איצט דעם ברודער! דעם אמת געזאָגט, האָט ער נישט אַזוי שטאַרק געהאַסט דעם ברודער, ווי ער האָט זיך אַליין געהאַסט פֿאַר זיין שוואַכקייט... פֿאַרוואָס האָט אים גאָט נישט געגעבן די כוחות, ער זאָל זיין שטאַרקער פֿונם ברודער!... עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען ער וועט זיין דער העלד און באַווייזן יעדן, ווער ער איז! דער עיקר וועט ער עס באַווייזן באָבן... אָבער צו אים וועט ער מער נישט רעדן זיין גאַנץ לעבן! פֿון דעם געדאַנק איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן און די שווערע קנויל האָט אים מער נישט געדריקט אַזוי שטאַרק אויפֿן האַרץ.

פֿאַרזונקען אינם אָנלען פֿון דעם אויטאָ איז געזעסן די מיסים זעלינג און זי האָט געטראַכט, אַז דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זי האָט געהאַט דעם טאָג, האָט איר געמוזט צום סוף צעשטערט ווערן. עפּעס מוז אַלעמאָל געשען, וואָס זאָל איר צונעמען די רו...

ווען זיי זענען געפֿאָרן צוריק אַהיים, איז שוין געווען נאַכט. דער אויטאָ האָט געוואָרפֿן פֿאַר זיך צוויי סנאָפּעס ליכט, וואָס האָבן אָפּגעדעקט דעם וועג, די טאָלן און די בערג...

## קאַפּיטל ניין

# טאַטע־מאַמע קומען קיין ראָזמאַר

אין זיין נייעם אַמעריקאַנער אויטאָ איז מיסטער זעלינג געפאָרן קיין מעלבורן אָפּצוּוואַרטן די עלטערן ביים פּאָרט. כאָטש די מיסים זעלינג האָט זייער שטאַרק געוואָלט מיטפאָרן מיט אים, ווייל זי האָט וואָס גיכער געוואָלט זען די מאַמען, האָט זי דאָס נישט געקענט טאָן — זי האָט געמוזט בלייבן אין שטוב מיט די קינדער. לויט די אַלע אָנצוהערענישן אין מיסטער און מיסים זעלינגס בריוו צו משפחה און באַקאַנטע, האָט מען די אַלטע לייט צוזאַמענגעפירט. זיי האָבן אין וואַרשע געשטעלט אַ חופה און געקומען צופאָרן ווי אַ פּאָר־פאָלק.

באַלד ווי די עלטערן זענען געקומען צופאָרן, האָט מיסטער זעלינג געזען, וואָס פאַראַ גרויסן טעות ער איז באַגאַנגען מיטן ברענגען דעם טאַטן אַהער. ער האָט אויך געזען, אַז דעם זעלבן טעות איז ער באַגאַנגען מיטן ברענגען קיין ראָזמאַר שיינדלס מוטער. די עלטערן וועלן דאָ נישט אויסהאַלטן, זיי וועלן נישט אויסלעבן זייערע יאָר. ווען ער וואָלט געוווינט אין מעלבורן, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. דאָרטן איז שוין פאַראַנען אַ שטיקל יידישער ישוב. אָבער וווּ וועלן זיך די עלטערן אַהין־טאָן אין ראָזמאַר, וווּ עס זענען אינגאַנצן נישטאָ קיין יידן...

בשעת הערש איז מיט די עלטערן אָנגעקומען קיין ראָז־מאַר, איז געווען נאַכט. מיד פונם וועג, האָבן זיך די אַלטע לייט באַוויזן צו פרייען מיט שיינדלען, מיט די אייניקלעך, געגעבן זיי די מתנות און זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן אין דעם שטיבל, וואָס איז געווען פאַר זיי אָנגעגרייט. אָבער באַלד אויף צומאָרגנס, ווען ר׳ ברוך־איטשע, דער יחוסדיקער גמרא־מלמד פון וואַרשע האָט אויפגעמאַכט די אויגן און זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, האָט ער אָנגעהויבן אויסצופרעגן דעם זון, וווּ עס איז ערגעץ

פאַראַנען אַ בית־המדרש, ער זאָל קענען גיין דאַוונען מיט מנין.

מיסטער זעלינג האָט אים באַלד נישט געענטפערט. עס האָט געדוירעט אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט געזאָגט, אַז אין ראָזמאַר איז אינגאַנצן נישטאָ קיין בית־המדרש, ער האָט אים וועגן דעם געוואָרנט אין די בריוו. אַז דער פאָטער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן בלאַס, ווי די וואַנט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער זון רעדט צו אים.

— כ'פאַרשטיי נישט... — האָבן זיינע בלייכע ליפּן צווישן דער גרייז־גרויער באָרד־געדיכטעניש אָנגעהויבן צו ציטערן — ווי־זשע דאַוונען די יידן אין שטעטל?... ווו דאַוונסטו?...

— כ'האָב דיר, דאַכט זיך, געשריבן, אַז אין דעם שטעטל, ווו כ'וווין, זענען נישטאָ קיין יידן... כ'דאַוון אַליין, אָן מנין... — האָט הערש צום סוף געזאָגט אַ ליגן, ווייל זינט ער איז געקומען קיין ראָזמאַר האָט ער נאָך קיינמאָל נישט אָנגעטאָן טלית און תפילין.

— כ'פאַרשטיי נישט... — האָט דעם פאָטערס געקאַרבט־געלבלעכע פּנים באַקומען די זעלבע ווייסע קאָליר, ווי די גרייז־גרויע באָרד זיינע — ווי געשיקט זיך עס... יאָך האָב נאָך נישט געהערט פון אַ מדינה, ווו עס זאָלן נישט זיין קיין יידן... אומעטום זענען, ברוך־השם, דאָ יידן! ס'שטייט דאָך בפירוש: צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם ישראל שפּזרן לבין האומות...

מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. דער פאָטער האָט טאַקע געדאַוונט ביחידות אין דער היים, אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן קשיות, אויף וועלכע הערש האָט אים נישט געקענט ענטפערן. ר' ברוך־איטשע האָט שוין גע־פילט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט קומען אַהער. נאָך זינט דאָס ווייב, עליה־השלום, איז אים געשטאָרבן, איז די שטוב געוואָרן אָפּגעלאָזן און ער האָט נישט איינמאָל געליטן הונגער. ער האָט דאָס קיינעם, חלילה, נישט געזאָגט, נישט געשריבן דעם זון וועגן דעם און ווייטער געלערנט שיעור מיט די רייכע בחו־רים. ערשט ווען די בחורים האָבן אויפגעהערט אינגאַנצן צו אים צו קומען, איז אים אויפן רעיון געקומען דער זון אין די מרחקים...

הערש האָט בשיינפּערלעך געזען, אַז דער פּאָטער גייט איין פון טאָג צו טאָג. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות מיטן טאַטן. ער געדענקט, אַז אין ווארשע האָט זיך דער פּאָ־טער צו גאָרנישט געמישט. ער איז שטענדיק געזעסן אין זיין חדר־מיוחד און האָט אַליין געלערנט, אָדער ער האָט געלערנט מיט די רייכע בחורים, וואָס פלעגן דער מאַמען אונטערשטופּן דעם שכר־לימוד, דער פאָטער זאָל, חס־ושלום, נישט זען. ער, הערש, פלעגט אויך לערנען ביים טאַטן צוזאַמען מיט די בחו־רים, און אַז ס'האָט אים געצויגן צו מסחר און ער איז אַוועק פון דער גמרא, האָט דער פּאָטער אים נישט געזאָגט קיין מוסר. דער עול פון דער שטוב איז אינגאַנצן געלעגן אויף דער מוטער. דער דרך־ארץ צום טאַטן איז אָבער געווען גרויס, די קינדער האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין הויך וואָרט, ווען זיי זענען אַריין צו אים אין זיין חדר־מיוחד, וווּ עס איז כמעט קיין מעבל נישט געווען. די ליידיקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ פּרוש, האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד, כאָטש ר' ברוך־איטשע איז דווקא געווען צוגעלאָזן צו יעדן און זיך געקענט אויסטענהן אַפילו מיט אַ קינד. אַז מען איז אַריין צו אים אין שטוב, האָט מען באַלד געקענט זען, אַז ר' ברוך־איטשע ווייסט נישט לחלוטין פון קיין שום תענוגי־עולם־הזה. סיי דער הילצערנער טיש מיט די בענק, סיי דער אַלמער מיט די ספרים, דער גרויסער טלית־זאַק, די מעשענע לייכטער מיט די האַלב־אויסגעברענטע ליכט, האָבן אַרויסגערופן צו זיך אָפּשיי...

מיסטער זעלינג האָט געמיינט, אַז דער טאַטע וועט זיך אין ראָזמאַר פירן, ווי ער האָט זיך געפירט אין דער היים. אָבער פונקט ווי אין דער היים האָט זיך דער פאָטער צו גאָר־נישט געמישט, זיך געגאַנגען זיין וועגס, אַזוי האָט ער זיך דאָ אָנגעהויבן צו אַלץ צו מישן, אומעטום אַריינגעשטעקט זיין נאָז. כאָטש הערש האָט געקויפט פאַר די עלטערן ניי געשיר, האָט דער פאָטער אים נישט געגלויבט. ער האָט זיך אַליין גע־שטעלט כשרן דאָס געשיר מיט הייס וואַסער און אַ זודיקן שטיין. דאָס גאַז־קיכל האָט ער אויסגעבריט מיט גליענדיקע קוילן. ערשט שפּעטער האָט ער געלאָזט דאָס ווייב זיינס, דינהן, עפּעס אָפּקאָכן דערויף.

דינה האָט געהאַט פון מאַן געברענטע צרות. כאָטש זי איז אַלע אירע יאָרן געווען פרום, שטאַרק אָפּגעהיטן די ווייבע־רישע מצוות, געפירט אַ שטרענגע כשרע קיך, האָט איר דער צווייטער מאַן דאָ אין גאָרנישט געגלייבט און חושד געווען, אַז זי האָט געמאַכט יד־אחת מיט די קינדער און זי נאַרט אים אָפּ. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט אים איינגענומען מיט גוטע רייד, אַז זי וועט אים נישט ברענגען, חלילה, צו קיין שום זינד. ער האָט כסדר געהאַט אויף איר אַ חשד און איר גע־האַלטן אין איין נאָכקוקן. כדי צו זיין זיכער, אַז ער עסט נישט קיין טרפות, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן. מען האָט אים געמוזט נייטן, ער זאָל נעמען עפּעס אין מויל אַריין. ער האָט געטענהט, אַז ער קומט אָפּ פאַר די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען. בלויז ווען ער האָט געדאַוונט, אָדער ער האָט געלערנט, האָט ער זיך געפילט זיכער קעגן דעם שטן, וואָס קען האָבן אויף אים אַ שליטה. ער האָט מיט די דברי־קודש מטהר געווען דעם אויר. האָט ער טאַקע ביזן האַלבן טאָג אַריין נישט אויסגעטאָן טלית ותפילין און ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען, האָט ער זיך געזעצט לערנען...

דינה האָט אַליין געליטן גענוג צרות און מחמת דעם זיך נישט געקענט אַזוי שטאַרק פרייען מיט דער טאָכטער, וואָס זי האָט נישט געזען יאָרן, מיט די אייניקלעך, צו וועלכע זי האָט שטאַרק געבענקט. זי האָט זיך אָבער אינגאַנצן נישט געקענט צוקוקן צום צער פון דעם מאַן, וואָרן ס'האָט איר זייער געשניטן ביים האַרץ. אָבער וואָס האָט זי אים געקענט העלפן? איר איינציקע עובדא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז כסדר אַרומגעגאַנגען און געזוכט צו פאַרגלעטן דעם מאַנס מעשים, כּדי די קינדער זאָלן, חלילה, אויף אים קיין פאַריבל נישט האָבן. אַ דאַרע, אַ קליינע, איז זי נאָך דאַרער און קלענער גע־וואָרן און דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן אַזוי איינגעשרומפּן, אַז ס'האָבן זיך אָנגעזען בלויז אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן פול מיט זאָרג נאָכגעקוקט דעם מאַן, ווי מען קוקט נאָך אַ פּיצל קינד.

פונקט ווי דער מאַן, האָט אויך דינה קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויסגיין פון הויז, זיך געהיטן פאַר די שכנים. דער עיקר

האָט זי זיך געהיטן פאַר דער מיסים רעלי, וואָס האָט אַלעמאָל געוואָלט מיט איר כאַפּן אַ שמועס. אַז זי איז מיטן מאַן אַליין געבליבן אין הויז, האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו נישטערן אין אַלע ווינקעלעך און געפונען אַלעמאָל נייע חטאים ביי די קינדער.

— קום!... לאָמיר גיין פונדאַנען!... — האָט ער איינמאָל אָנגענומען דאָס ווייב ביי דער האַנט — לאָמיר גיין ווו די פיס וועלן אונז טראָגן!... אַבי אַוועק!... ס'איז סדום!...

זי האָט אים צוליב געטאָן און זיך מיט אים אַרויסגעלאָזט אינדרויסן. פונקט ווי צוויי קליינע פאַרלאָזטע קינדער, האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר די הענט און מיט מורא זיך געשאַרט ביי די הייזער. זיי האָבן נישט געוווּסט וווּ זיי גייען און צו וועמען זיי גייען. מען האָט זיך אויף זיי אומגעקוקט מיט חידוש. דער עיקר האָט מען זיך אומגעקוקט אויף ר' ברוך־איטשען מיט חידוש, ווייל מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אין ראָזמאַר אַזאַ הלבשה, ווי ער האָט געטראָגן. טייל איינוווינער האָבן געוווּסט, אַז צו מיסטער זעלינג זענען געקומען די עלטערן צו־פאָרן און געוואָלט די אַלטע לייט עפּעס פרעגן — אפשר האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט. אָבער דאָס פאַר־פאָלק האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן, אַנטלאָפן פאַר די מענטשן...

ס'זענען אַוועק שיינע עטלעכע שעה, אָבער די אַלטע לייט האָבן זיך נישט דערווייטערט קיין סך פון דער היים. מיסטער זעלינג האָט זיי געפונען ווען ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, און זיי צוריקגעבערענגט אין שטוב אַריין.

מיסטער זעלינג האָט געריסן פון זיך די הויט, וואָס ער האָט געבערענגט די עלטערן אַהער. נישט גענוג, וואָס ער האָט געהאַט פונם טאַטן אויסצושטיין פאַרשידענע צרות, האָט ער נאָך געהאַט פיל אויסצושטיין פון פאַולינען, וואָס האָט זיך גע־שעמט מיט די אַלטע זיידע־באָבע. זי האָט זיך געשעמט מיט זיי פאַר בראַיענען, דעם זון פונם „פאַרמען" אין טאַרטאַק. זי איז איצט צו אָפט געפאָרן מיט בראַיענען אין זיין לוקסוס־אויטאָ און שיינדל האָט זיך שוין נישט איינמאָל פאַרטרויט פאַר אים, פאַר הערשן, אַז דאָס געפעלט איר שוין גאָר נישט. כל־זמן דאָס מיידל האָט געהאַט אַ סך „באָי־פרענדס", איז דאָס נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער אַז זי גייט אַרום מיט איינעם, איז עס

נישט קיין גוטער סימן. פאַולין האָט צוגעזאָגט איבערצורייסן מיט בראַיענען נאָר מיטן תנאי, אַז דער פאָטער וועט איר לאָזן פירן זיין אויטאָ. זיידע־באָבע זענען געווען זייער קאָמיש אין אירע אויגן און זי האָט געהאַט טענות פאַרוואָס מען האָט זיי געברענגט אַהער. אויך האָט לעזלי אויסגעמיטן די אַלטע לייט. בלויז מאָרי האָט זיי נישט אויסגעמיטן, ווייל זינט ער האָט זיך געשלאָגן מיט לעזלין, האָט ער נישט געהאַט קיין חברים, זיך נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן.

לעזלי איז איצט געוואָרן גאָר אַ נאָענטער חבר מיט באָבן. ער האָט עס געטאָן מיט דער כוונה, כדי טיפער ווייי צו טאָן דעם יונגערן ברודער. מאָרי האָט אַפּילו נישט איבערגעפרעגט באָבן, פאַרוואָס ער איז מיט אים ברוגז און זיך מיט פיל איינגעשפּאַרט־קייט און שטאָלץ אָפּגעקערט פון אים. בשעת ער האָט באַ־מערקט ווי דער שעמעוודיקער און ווייניק־רעדנדיקער באָב מיידט אים אויס, האָט ער אים נאָך מער אויסגעמיטן. די בײדע ייִנגלעך האָבן זיך באַגעגנט ווי שונאים, כאָטש מען האָט געקענט דערקענען, אַז עס ציט עפּעס איינעם צום אַנדערן...

מאָרי איז געבליבן אַליין. ער האָט איצט מיט מער התמדה זיך גענומען צום לערנען און ביז שפּעט אין אָוונט געלייענט ביכלעך, געמאַכט די לעקציעס, כאָטש ער האָט עס גאָרנישט באַדאַרפן, ווייל ער איז סיי־ווי געווען דער בעסטער שילער אין קלאַס. אַז ער האָט איבערגעריסן דאָס לערנען, איז ער אַליין אַרומגעגאַנגען, אָדער ער האָט זיך געשפּילט אַליין אין גאַס.

כדי נאָך שטאַרקער להכעיס צו טאָן מאָרין, האָט לעזלי אויסגעקלערט פאַרשידענע נייע שפּילן. די חברה האָט זיך צו־ריק אָנגעהויבן צו שפּילן אין „קאָובאָים און אינדיענס”, גע־שפּילט „קריקעט”, פוטבאָל. כאָטש מאָרין האָט געצויגן צו די חברים און ס׳האַרץ האָט אים געחלשט אַ קאָפּ צו טאָן דעם באַלעם, האָט ער זיך איינגעהאַלטן און דאָס נישט געטאָן. ער האָט בעסער אויסגעזוכט ערגעץ אַ שטיקל ציגל, אַ שטיין, אַ צעבראָכן פלעשל און דאָס אָנגעהויבן צו קאָפּען, פּונקט ווי אַ באַלעם.

איין אָוונט, בשעת ער האָט איינער אַליין געקאָפּעט עפּעס

אַ פאַרזשאַווערטע קאָנסערוון־פּושקע, האָט ער באַמערקט די אַבאָרידזשין־קינדער, וואָס האָבן מיט אַ פאַרבענקטן גלי אין די גרויסע שוואַרצע אויגן, געקוקט צו אים. לכתחילה האָט ער נישט געקענט ליידן אָט דעם פאַרבענקטן גלי, ס'האָט אים גע־מאַכט שפּלדיק ביי זיך אַליין אין די אויגן און ער האָט זיך דערפילט נאָך מער פאַרלאָזן. אָבער אַז די צעגליט־שוואַרצע אויגן האָבן אים אַלץ פאַרפאָלגט, האָט ער כלומרשט נישט־פאָרזיכטיקערהייט, גלייך ער וואָלט גאָרנישט אויסן געווען, אַ שטאַרקערן קאָפּ געטאָן די ליידיקע פּושקע, אַזוי אַז זי האָט זיך מיט אַ געקלימפּער אַוועקגעקוילערט אין דער זייט פון די „שוואַרצע". דערזען די פּושקע לעבן זיך, האָבן זיך די אַבאָרידזשינאַל־קינדער אויף איר אַ וואָרף געטאָן און זי צוריק־געקאָפּעט צו מאַרין.

ס'איז אַוועק אַ שפּיל, וואָס האָט געדויערט ביז שפּעט אין אָוונט. אַנשטאָט מיט דער ליידיקער קאָנסערוון־פּושקע, האָט זיך שוין די חברה געשפּילט מיט אַן אַלטן באַלעם, וואָס איינער פון די אַבאָרידזשינס האָט אַרויסגעבראַנגט פון דער היים, פון איינעם פון די בלעכערן־פאַרזשאַווערטע ביידלעך, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דעם אויסגעטריקנטן טייכל, דאָרט וווּ די שטאָט וואַרפט אַרויס דעם אָפּפאַל און דאָס מיסט. אויף צופיקעניש לעזלין און באָבן, וואָס האָבן שטענדיק אָפּגעשפּעט פון די „שוואַרצע", האָט מאַרי מיט אַ סך אייפער זיך געשפּילט מיט זיי, זיך באַשטעלט מיט זיי אויף מאָרגן. כדי צו געפינען חן אין דעם פרישן חברס אויגן און כדי אים מיט עפּעס איבערצוקויפן, האָבן די שוואַרץ־הויטיקע קינדער געוויזן מאַרין די פאַרשידענע יאַשטשערקעס, זשאַבעס און וועַ־רים, וואָס האָבן שטענדיק אָנגעפילט זייערע קעשענעס. זיי האָבן אים געהייסן נעמען, וואָס זיין האַרץ גלוסט. כאָטש מאַרי האָט זיך לכתחילה געמיאוסט פון די שרצים, נישט גע־קענט פאַרטראָגן דעם גליטשיק־ווייכן באַריר פון זייער לייב, האָט ער זיי גענומען אין די הענט אַריין, כדי נישט אַרויסצו־ווייזן קיין פּחדנות. ער האָט ליב געהאַט צו זען ווי די קליינע, פלינקע חיהלעך, וואָס זענען שוין צוגעוווינט געווען צו מענטש־לעכע הענט, לויפן ביי אים אַרום אויף דער דלאָניע און קוקן

אויף אים מיט אזעלכע קלוגע, גלעזערנע אייגעלעך, ווי קליינע שוואַרצע קרעלן.

אַזוי ווי באָב און לעזלי זענען שוין וויניק געגאַנגען צו ראָנען דעם גאָלד־גרעבער, ווייל ער האָט אַריינגעלאָזט צו זיך די אַבאָרידזשין־קינדער, איז מאָרי צו אים אָפט אַריינגעקומען. ער איז געקומען צו אים צוזאַמען מיט די „שוואַרצע". ראָן איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן בלינד און די גרויסע בלויע אויגן זיינע האָבן געקוקט פאַר זיך מיט אַ טויטלעך־בלייכן גלאַנץ, ווי בלויילעך־מאַטע שערבעלעך. די האָר און די זילבערן־פאַרגעלטע באָרד זענען אים לאַנג און ווילד אָנגעוואַקסן, ווייל ער האָט זיי קיינמאָל מער נישט געשוירן. ער האָט זיך נאָך אַלץ איינגערעדט, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט זיך שטעלן בראש פון די „שוואַרצע" און אויסקעמפן פאַר זיי זייער רעכט. ער האָט זיך אָפט אַרויסגעלאָזט פון זיין הייזל, באַוואָפנט מיט אַן אַלטער ביקס און זיך חסר־דעהדיק געשלעפט איבער די געסלעך פון שטעטל. די אַבאָרידזשין־קינדער האָט ער באַפוילן נאָך זיך נאָכצוגיין און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פירט הינטער זיך אַן אַרמיי... די איינוווינער פון ראָז־מאַר האָבן אים שוין גוט געקענט, און פיל קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן און אָפגעחוזקט פון אים. אָבער ער האָט זיך פון גאָרנישט געמאַכט. אַ הויכער, אַ ביינערדיק־דאַרער, האָט ער ווייטער געשפּאַנט פאַרויס, די גרויסע זילבערנע באָרד פאַר־ריסן אויף אַ זייט, ווי אַ ווייסע פאָן...

ווען זיידע־באָבע זענען געקומען קיין ראָזמאַר, האָט זיך מאָרי נאָך אַלץ נישט געהאַט איבערגעבעטן מיט באָבן. טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט באָבן ליב געהאַט און ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער איז מיט אים ברוגז, האָט ער זיך מיט אים נישט איבערגעבעטן. ער איז געווען נאָך אַלץ אַליין און גע־האַט צייט זיך צוצוקוקן צום זיידן מיט דער באָבען. דער עיקר האָט ער זיך צוגעקוקט צום זיידן, וואָס האָט זיך אַזוי אויסטערליש אויפגעפירט. אַלץ, וואָס דער זיידע האָט געטאָן, איז אים געווען פרעמד. ער האָט געוואָלט מיטן זיידן רעדן, אָבער דער אַלטער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט און ער האָט מורא געהאַט אים עפּעס צו פרעגן. ער האָט בעסער

גערעדט מיט דער באָבען, וואָס איז געווען צו אים צוגעלאָזן. ער האָט וויייניק געקענט יידיש, קוים אַרויסגעבראַנגט עטלעכע ווערטער — אָבער דינה האָט אים פאַרשטאַנען. זי האָט אים אָפּט געגלעט מיט אירע אַלטע, ביינערדיקע פינגער, געווישט די טרערן פון אירע רויט־פאַרוויינטע אויגן און גערעדט ווי צו זיך:

— רבונו של עולם... — האָט זי שטיל געקרעכצט — ער איז אינגאַנצן ווי אַ גוי... ווייסט גאָרנישט פון יידישקייט... און ער איז שוין בעסער פון די אַנדערע קינדער...

כאַטש מאַרי האָט געוווסט, אַז די אַלע רייד, וואָס די באָבע רעדט צו זיך, האָבן אַ שייכות צו אים, האָט ער זי דערפאַר נישט פיינט געהאַט. ער האָט זיך געלאָזט אַפילו פון איר גלעטן מיט אירע האַרטע, ביינערדיקע פינגער — און אַז די מאַמע האָט אים געשיקט צו איר, איז ער געגאַנגען. ער האָט זיך שוין מיט איר אַביסל איינגעלעבט. אָבער דעם זיידן האָט ער אַלץ נישט פאַרשטאַנען, אָנגעקוקט אים מיט חידוש, ווען ער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. ווען דער זיידע איז געזעסן איבער די ספרים און געלערנט, האָט ער זיך בגנבה געשטעלט הינטער אים, כדי צו זען, וואָס ער טוט. כאַטש ער האָט פון אָנהויב פיינט געהאַט דעם זיידן, נישט פאַרטראָגן זיין פירעכץ, האָט ער זיך שפּעטער צוגעוווינט אַ ביסל צו אים. ער האָט געזען, אַז ביי זיין גאַנצער שטאָלצקייט און איינגעשפּאַרטקייט, איז דער זיידע זייער הילפלאָז...

דער זיידע האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די איינינקלעך, זיך באַצויגן צו זיי, ווי צו פרעמדע. לעזלין האָט ער נישט געלאָזט אויף די אויגן. בשעת פאַולין האָט זיך איינדערפרי, צו־להכעיס דעם זיידן, אַרומגעדרייט איבער די שטובן, אַ האַלב־אָנגעטאָענע און איר יונג, נאַקעט לייב האָט אַרויסגעקוואָלן פונם צעעפנטן שלאָף־ראָק, האָט ער זיך מיט ביידע הענט פאַרשטעלט די אויגן און געשריגן:

— אַ מויד זאָל זיך נישט שעמען אַזוי אַרומצוגיין!... ווי איז צו מיר...

פאַולין האָט זיך אָבער אויף צו־להכעיס געשטופּט דעם

זיידן אין די אויגן אריין און געלאַכט פון אים מיט אַן אָפּגעהאַקט־קוויטשיק, נישט־נאַטירלעך געלעכטערל.

אויך מאַרי האָט געהאַט ביים זיידן פּונקט דעם זעלבן גורל, וואָס פּאָולין און לעזלי. כאָטש מאַרי האָט געקענט אַ פּאָר ווערטער יידיש, האָט דער אַלטער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט און זיך אַלעמאָל געווענדט צו זיין ווייב, צו דינהן:

— וואָס רעדט ער דאָרט!... — האָט ער זיך געבייזערט אויפן ווייב, ווי זי וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק — כ'פאַר־שטיי נישט קיין וואָרט!... אַז ער האָט אינגאַנצן נישט קיין צורה פון קיין ייד!... פּונקט ווי אַ גוי!...

פון דער באַציאונג, וואָס דער שווער האָט אַרויסגעוויזן צו די קינדער, האָט שיינדל זיך געפילט זייער געטראָפן. ס'האָט זי שטאַרק באַליידיקט און זי איז אַרומגעגאַנגען און געוויינט. זי האָט זיך שוין נישט איינמאָל געוואָלט מיטן שווער קריגן. הערש האָט זי קוים באַרואיקט:

— ער ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, דער טאַטע... אינדערהיים איז ער געווען אינגאַנצן אַנדערש!... — האָט הערש איינגענומען דאָס ווייב — כ'האָב געמיינט, אַז דער טאַטע וועט מיט די קינדער לערנען... כ'מיין, אַז ער וועט מיט דער צייט צו זיך קומען, דער טאַטע...

אָבער דער פאָטער איז צו זיך נישט געקומען. פאַרקערט, מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן ערגער. ער איז געוואָרן אָפּגע־לאָזן, די שטענדיק־ריינע קאַפּאָטע זיינע האָט באַקומען אַ סך פלעקן און איז געווען אַזוי צעקנייטשט, ווי ער וואָלט אין איר געשלאָפן. די אַמאָל־ציכטיקע גרייז־גרויע באָרד, איז געוואָרן פאַרטונקלט, ווי אַלט, פאַרשוואַרצט זילבער. בעתן דאַווענען פלעגט ער איבערחזרן די פּסוקים צו עטלעכע מאָל, וואָרים ס'האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס איבערגע־היפּערט און ער האָט די ווערטער נישט אַרויסגעזאָגט גענוג קלאָר. ווען ס'איז געקומען דער שבת, האָט ער נישט געוואָלט זיצן מיט קיינעם ביים טיש און זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין שטוב. דאָס ווייב זיינס האָט געליטן פון אים גרויסע צרות. זי האָט אים געפּוצט, גערייניקט און איז אים כסדר נאָכגעלאָפן

און זיך געבעטן ער זאָל זיך וואַשן צום עסן און נעמען אַ כזית ברויט אין מויל אַריין — אָבער עס זענען אַוועק טעג, ווען ער האָט גאָרנישט טועם געווען. דינה האָט שוין אינגאַנצן נישט געוווסט, וואָס זי האָט צו טאָן מיטן מאַן. נישט איינמאָל האָט שוין מאַרי באַמערקט, ווי די באָבע, וואָס איז צווישן מענטשן געווען פריילעך, האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן, ווען זי איז געווען אַליין. אַז מאַרי האָט דאָס געזען, האָט אים אָנגעהויבן אינעווייניק עפּעס צו דריקן. ער איז צו דער אַלטער צוגעגאַנגען און זיך ביי איר געבעטן:

— נישט וויין, נענאַ... באָבע... — האָט ער מיט דער האַנט איר געגלעט איבער דער פּלייצע, וואָס איז לעצטנס געוואָרן זייער איינגעהויקערט און שפּיציק.

— ווער וויינט עפּעס, ווער?... — האָט זיך דינה מיטביידע קנאָכיק־דאַרע הענט שנעל אַ וויש געטאָן די רויטע אויגן — ווער וויינט?... ס'אַרא נאַריש יינגל דו ביזט! — און כהרף־עין האָט זי צוגעטוליעט צו זיך דאָס אייניקל און אַ גליקלעכער שמייכל האָט אָנגעצונדן אירע קוים־פּאַרטרוקנטע טרערן אין די אויגן, פּונקט ווי עס צינדט אָן אַ זון־שטראַל די רעגן־טראָפּנס, ווען ס'לייטערט זיך אויס.

אָבער נישט בלויז די באָבען, נאָר אויך דעם זיידן פלעגט מאַרי טרעפן זיצן זייער אָפט אינגאַנצן אַליין. בשעת דער זיידע איז געזעסן איבער די ספרים, האָט דער צעגליטער בליק פון זיינע שוואַרצע טיף־אַריינגעזונקענע אויגן געבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין פרעמדע, ווייטע וועלטן, צו וועלכע ער, מאַרי, האָט נישט קיין צוטריט. אַז מאַרי האָט זיך אָנגעטראָפן מיטן זיידנס אויגן, ווו עס האָט זיך גענעסט אַ סך צער, האָבן זיי אים דערמאָנט אין די אויגן פון דעם פאַרוווּנדעטן פויגל, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָפן ליגן אין הויף. דער פויגל האָט זיך געריסן צום פליען, געפּאַטשט מיט די פליגל אין דער ערד און זיין פאַרבענקטער בליק איז געווען געווענדט אַרויף צו די הויכן, ווו ער האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן...

שוין נישט איינמאָל האָט די מימים רעלי, וואָס האָט שטענדיק די ערשטע געוווסט אַלע נייעסן אין ראַזמאַר, אָנגע־

כאַפּט מאָרין און אים אויסגעפּרעגט וועגן זיידע־באָבע. אָבער דאָס ייִנגל האָט געשוויגן — גאָרנישט געענטפערט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ חוזק אין דער מיסיס רעלים קול און וואָס מער זי האָט אים אויסגעפרעגט, אַלץ עקשנותדיקער האָט ער געשוויגן. בעת די שכנטע האָט געזען, אַז זי קען מיטן ייִנגל גאָרנישט מאַכן, האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך.

— ביזט אַ שלעכטער באָי!... — האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויף אים — כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ביזט אַזאַ עקשן! אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען גוטע פריינד!

מאָרי האָט אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונגען — אָבער ער האָט ווייטער גאָרנישט געענטפערט.

איינמאָל, אַ שבת־אינדערפרי, האָט מאָרי באַמערקט ווי דער זיידע האָט גאָרנישט לויט זיין שטייגער, שנעל אָפּגעדאַוונט און דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז קיין ראָזמאַר אָנגעקומען, האָט ער אָנגעהויבן צו אים צו רעדן:

— מרדכי־משה... — האָט ער אים גערופן ביים ייִדישן נאָמען און מיט אַ געבייזער געפרעגט — ווו איז דיין טאַטע?...

— אין שאָפּ... — האָט מאָרי געענטפערט.

— וואָס הייסט „שאָפּ"?... רעד צו מיר ווי אַ מענטש, כ'זאָל דיך פאַרשטיין!...

פון דעם זיידנס רייד האָט זיך מאָרי אַביסל פאַרלוירן, נישט געוווּסט, וואָס ער איז אויסן. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און געזאָגט:

— אין געוועלב... אויף ענגליש איז „שאָפּ" אַ געוועלב...

— כ'וויל, זאָלסט מיר ווייזן, ווו דאָס געוועלב איז!...

און איידער דער זיידע האָט נאָך אַרויסגעזאָגט די ווער־טער, האָט ער אַרומגעבונדן שטאַרקער דעם גאַרטל אַרום דער שבתדיקער קאַפּאָטע, ווי ער וואָלט זיך מיט אים אַרומגעפּאַנ־צערט קעגן אַ שונא, גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס ייִדישע, סאַמעטענע היטל און אַרויס אינדרויסן. ער האָט אַפילו נישט געקוקט, צי דאָס אייניקל גייט אים נאָך, צי נישט.

מאָרי איז דעם זיידן נאָכגעגאַנגען פון הינטן, זיך גע־שעמט מיט אים צו גיין צוזאַמען. ער האָט געזען ווי דער זיידע

גייט, אַן אויסגעגלייכטער, דעם קאָפּ אין דער הויך פּאַררייסן. ס'איז אויסגעגאָסן אויף אים אַ יום־טובדיקע רו. ער קוקט נישט אויף קיינעם, זעט נישט קיינעם. ער קוקט אַריבער די מענטשן, וואָס באַטראַכטן אים מיט חידושדיקע, זייטיק־חוזקדיקע בליקן. אַרום אים הייבט זיך אַ וואָכעדיקער טומל. עס שלעפּן זיך שווער די גרויסע לאַסט־אויטאָס, פול־אָנגעלאָדענע מיט פּריש־געשניטענע ברעטער און קלעצער. דער טאַרטאַק צעזינגט זיך אַלעמאָל מיט זיין מעטאַלן קול, וואָס שניידט דין אַדורך דעם חלל. אין דעם זיידנס גרינלעך־שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע גיסט זיך די זון, ווי צעלאָזן גאָלד.

בשעת מאָרי האָט געזען דעם חוזק אין די אויגן פון די דורכגייער, האָט ער זיך געפילט זייער באַליידיקט. ער איז גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף די מענטשן, זיך אָננעמען פאַרן זיידן. ער וואָלט זיך איצט אפילו געוואָרפן אויף זיין בעסטן חבר, אויף באָבן, מיט וועלכן ער איז נאָך אַלץ אַביסל ברוגז, ווען ער באַמערקט ביי אים עפּעס אַ חוזק. אויף צו־להכעיס די מענטשן, האָט זיך מאָרי אויסגעגלייכט מיטן זיידן, אָבער ער האָט קוים געקענט מיט אים האַלטן טריט. דער זיידע האָט פּלוצים פאַרלוירן די רואיקייט און האָט אַלעמאָל גיכער געשפּאַנט. ס'האָט זיך מאָרין געדאַכט, אַז דער זיידע האָט באַ־קומען אַ פּאָר נייע פיס, וואָס טראָגן אים אַזוי שנעל. און נישט נאָר נייע פיס האָט ער באַקומען, נאָר ער אַליין האָט זיך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. די דורכגייער האָבן אים אָנגעהויבן אָפּ־טרעטן מיט דרך־ארץ דעם וועג. ס'האָט מאָרין געחידושט, וואָס דער זיידע ווייסט פּלוצים אַליין דעם וועג צום געוועלב, כאָטש ער איז אַזוי ווייניק אַרוים פון שטוב...

ווען זיי זענען צוגעקומען צום „שאָפּ", האָט מאָרי דערזען דורכן שויפענצטער דעם טאַטן און זיין שוועסטער, פּאולין. אין געוועלב זענען געווען פיל קונים. בשעת מיסטער זעלינג האָט באַמערקט דעם טאַטן, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט צו רעדן צו די קונים, אַז זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס מיט אים איז געשען. אַלץ האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דרייען פאַר די אויגן. די „שאָפּ" האָט זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן אויף אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אַ משופּעדיקן באַרג

און געבליבן שטיין איבער אַ תהום. ער האָט געהערט ווי ס'ווערט אַ טומל אין געוועלב. די טאָכטער שרייט עפּעס מיט איר קוויטשיק שטימעלע, וואָס עגבערט זיך אַריין אין טומל. ער הערט דעם טאַטנס הייזעריקלעך קול, וואָס באַפעלט עפּעס.

פּלוצים האָט מיסטער זעלינג דערזען דעם פאָטער שטיין האַרט פאַר זיך, אַזוי אַז ער האָט דערפילט דעם האַרבן ריח פון זיין זילבערן־ווייסער באָרד. דער ריח איז אים געווען באַקאַנט — ער געדענקט אים נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געווען אַ גאָר יונגער בחור. אויך האָט דעם פאָטערס קול אָפּגעקלונגען איצט פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק. נאָר אַמאָל איז דאָס קול געווען מנוחהדיק און זיכער אין זיך און איצט איז עס שרייענדיק־הויך, אָן דער אַמאָליקער מנוחהדיקייט.

— פּושע־ישראל!... — האָט זיך דעם פאָטערס קול געטראָגן איבערן גאַנצן געוועלב — ביזט מחלל שבת בפרהסיא... נישט קיין אַנדערער, נאָר מיין אייגענער זון האָלט אום שבת אָפּן דאָס געשעפט!... צוליב דעם האָסטו מיך געברענגט אַהער, כ'זאָל האָבן קיצור ימים ושנים!... ווי איז צו די אויגן, וואָס האָבן דאָס געזען!...

מיטאַמאָל האָט מיסטער זעלינג באַמערקט ווי דעם טאַטנס שוואַכע, בלייכע האַנט טוט אַ שוועב אומגעריכט אין דער הויך און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש. דער פּאַטש איז געקומען אומגעריכט נישט בלויז פאַר הערשן, נאָר אויך פאַרן פאָטער, וואָס איז אין דער ערשטער רגע געבליבן שטיין דערשראָקן. ס'האָט זיך קיינער נישט געריכט, אַז דעם אַלטנס שוואַכע, אָדערדיק־בלאַסע האַנט זאָל פאַרמאָגן אַזאַ כוח...

הערש האָט דעם פאָטער גאָרנישט געענטפערט, פאַרלעגן געשמייכלט, ווי אַ שולדיק יינגל. ער האָט הילפלאָז און נאַרישלעך אַ גלעט געטאָן די באַקן, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּווישן פון זיי די בושה, וואָס האָט אים געמאַכט שפּל אין די אייגענע אויגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן צו די קונים מיט אַזאַ גלייכגילטיק־רואיק קול, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט פאָרגעקומען. אויך האָבן זיך די קונים געמאַכט, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט, אַז זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט. לכתחילה, ווען זיי האָבן געזען ווי דער אויסטערליש־געקליידטער אַלטער

קומט אַריין אין „שאַפּ" און לאָזט דעם סוחר אַראָפּ אַ פּאַטש, האָבן זיי זיך געוואָלט פּאַר אים איינשטעלן. אָבער שפּעטער, ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז מיסטער זעלינג ענטפערט גאָרנישט, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען און זיך אָנגע־הויבן בגנבה אַרויסצורוקן פון געוועלב.

די „שאַפּ" איז געוואָרן אויסגעליידיקט. מיסטער זעלינג האָט דאָ מער נישט געזען, נישט דעם פּאָטער און נישט זיין טאָכטער, פּאַולין. ער האָט געפּרווט גלייך לייגן די צעוואָרפענע סחורה אויף די בופעטן — אָבער אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. ער האָט פאַרמאַכט די „שאַפּ". שווייגנדיק פאַרשלאָסן די טיר מיטן שליסל, שווייגנדיק אַרויפגעטאָן די שלעסער אויף דער טיר.

## קאַפּיטל צען

# דינהס טויט

זינט ר׳ ברוך־איטשע האָט אַזוי שטאַרק מביש געווען דעם זון — אַ טאַטע פֿון קינדער — אין די אויגן פֿון מענטשן, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געקענט געפֿינען. כאָטש ער האָט הערשן געשטראָפֿט צוליב די חטאים, וואָס ער איז באַגאַנגען, האָט אים די מעשה פֿונדעסטוועגן אַביסל באַרירט און אים אָנגעטאָן עגמת־נפֿש. אָבער דעם עגמת־נפֿש האָט ער פֿאַר קיי־נעם נישט אַרויסגעוויזן. פֿאַרקערט, עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פֿון דעם, וואָס ער האָט מביש געווען דעם זון — און שטאָט הערש האָט געזאָלט זיין ברוגז מיטן טאַטן, איז דער טאַטע ברוגז געווען מיט אים. עס זענען אַוועק וואָכן און ר׳ ברוך־איטשע האָט נישט אויסגערעדט צו הערשן אַ וואָרט.

הערש האָט אַלץ געטאָן אין דער וועלט, כדי צוליב צו טאָן דעם טאַטן. ער האָט עס נישט אַזוי וויט געטאָן צוליב כבוד־אב, ווי צוליב שלום־בית. שיינדל האָט צו אים געהאַט גרויסע טענות, אַז דעם טאַטנס פֿירעכץ וועט גורם זיין די מאַמע זאָל אַוועק פֿון דער וועלט. די מאַמע אירע מוז זיין ערנסט קראַנק, אָבער זי באַהאַלט זיך אויס מיט דער קרענק. זי זעט ווי די מאַמע ליידט. זי ווייזט עס נישט אַרויס, זי שטיקט עס אין זיך — אָבער זי וועט נאָך פֿון די צרות, חלילה, אויס־גיין. און דעמאָלט וועט זי אויך זיין שולדיק אין דער מוטערס טויט, וואָרן זי האָט געוואָלט די מוטער זאָל צו זיי קומען. אוודאי וואָלט דאָס גלייכסטע געווען, ווען זיי לאָזן אַלץ איבער אין ראַזמאַר, ווי עס שטייט און גייט, און פֿאָרן אַריבער קיין מעלבורן. אָבער ער, הערש, וועט דאָך דאָס נישט טאָן צוליב דער פּרנסה זיינער. מוז ער עפּעס מאַכן, דער טאַטע זאָל זיך

אַנדערש אויפֿפירן. מען קען שוין אײַנגאַנצן אין שטוב נישט זײַן. ס'איז אַ גיהנום, נישט קיין שטוב...

הערש האָט אַלץ געטאָן, כּדי אײַנצונעמען דעם טאַטן. כאָטש ס'איז געווען אַ מהלך־רב, איז ער אָפּט געפֿאָרן צום מיסטער פּאָפּעוו אינם יידישן „סעטלמענט" און פֿון דאָרט געבּרענגט כּשר פֿלייש. אויך האָט ער זיך געבעטן בײַ סאַשאַ פּאָפּעוו, ער זאָל קומען קיין ראָזמאַר און זאָל כאַפּן מיטן טאַטן אַ שמועס. אפֿשר וועט דאָס העלפֿן און דער פֿאָטער וועט אַביסל צו זיך קומען. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, וואָרן ר' ברוך־איטשע האָט זיך נישט געוואָלט אַפֿילו אומקוקן אויף דעם מיס־טער פּאָפּעוו. ער האָט אויך נישט געגלייבט, אַז דאָס פֿלייש, וואָס דער זון האָט אים געבּרענגט, איז כּשר.

ס'איז אײַנגעפֿאַלן הערשן אַ געדאַנק, אַז די גלײַכסטע זאַך וואָלט געווען, ער זאָל דעם טאַטן מיטנעמען אַמאָל אינם „סעטל־מענט" און זאָל ער אַליין מיט די אייגענע אויגן זען, צי ער נאַרט אים אָפּ. ס'וואָלט גאָרנישט קרום געווען, דער פֿאָטער זאָל זיך בײַם שוחט אין „סעטלמענט" אויסלייזן אַ חלף און זאָל אַליין שעכטן אַן עוף. די שוויגער וואָלט זיך מיט אַ ביסל פּרישע יויך דערכאַפּט דאָס האַרץ. די אַלטע צאַנקט און זי דאַרף עס האָבן ווי דאָס לעבן. הערש ווייסט, אַז דער פֿאָטער האָט זיך בחור־ווײַז געלערנט שחיטה, אָבער ער האָט דאָס אויפֿ־געגעבן, וואָרן ער האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ און נישט געקענט זען קיין בלוט. אָבער דאָ, אין דער פֿרעמד, וועט דער פֿאָטער, לשם־מצווה, שעכטן אַמאָל אַן עוף. ער, הערש, קען נישט „אײַנשפּאַנען" אַלעמאָל דעם אויטאָ, כּדי צו פֿאָרן נאָך כּשר פֿלייש אַזש אינם יידישן „סעטלמענט".

מיסטער זעלינג האָט קוים מיט צרות אײַנגערעדט דעם טאַטן, ער זאָל זיך מיטכאַפּן מיט אים אינם „סעטלמענט". דאָרטן וועט ער זיך אָנטרעפֿן אויף אַן עדה יידן און דער עיקר וועט ער דאָרט באַגעגענען אַזאַ ירא־שמים ווי ס'איז ר' פּייוול־שוחט.

ס'האָט דעם מיסטער זעלינג אָנגערירט בײַם לעפֿעלע, ווען ער האָט געזען סאַראַ שמחה די צוויי יידן — דער טאַטע זײַ־נער און ר' פּייוול־שוחט — האָבן מיט זיך געהאַט באַלד בעתן

באַגעגענען. זיי זענען פון זיך נישט אָפּגעטרעטן און האָבן זיך אַרומגעפירט אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין סאָד צווישן דיביימער, וואָס זענען געשטאַנען אויסגע־שטעלט אין גלייכע שורות, ווי בלעטערדיק־גרינע ווענט. אַ שטויביקע היים־צעגליטע זון איז געפאַלן אויף זייערע איינגע־בויגענע פּלייצעס — אָבער זיי האָבן אינגאַנצן נישט געפילט די היץ.

ר' פייוול־שוחט האָט פאַר ר' ברוך־איטשען אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, אַז ער האָט דאָ, אינם יידישן „סעטלמענט", ווייניק־וואָס צו טאָן, מחמת די „גאַלעבראַדניקעס" אַרט נישט זיי זאָלן עסן טריפות. די עטלעכע יידן, וואָס היטן אָפּ דאָס יידישקייט, ווערן דאָ בטל־בששים. ר' פייוול־שוחט איז געווען אַ קליין, פעט, רויט יידל, וואָס האָט בעתן גיין אביסל אונטער־געהאָפּסעט, ווי אַ באַלעם. ער האָט פאַרמאָגט אַ צעוואַקסענע פייערדיק־רויטע באָרד, פון וועלכער עס האָבן זיך קוים אַרויס־געזען אַ פּאָר גרינע, שמאָלע, בליצנדיק־קעצישע אויגן און אַ פּאַרסן־גויאיש בולבע־נעזל. מחמת ער האָט געהאַט אַ ביסל אַן איינגעבויגענעם קאַרק, האָט ער אויסגעזען ווי אַ רויט ביקל. בשעת ער האָט גערעדט צו ר' ברוך־איטשען אויף זיין היציקן שטייגער, האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וואַרפט ער זיך אויף אים שטויסן. מיט אַ סך אומרו האָט ער אַלעמאָל אָנגעכאַפּט ר' ברוך־איטשען פאַר אַ קלאַפּע, פאַר אַ קנאָפּ, פאַרוואָרפן אים מיט אַ שלל רייד, נישט געלאָזט אים קומען צום וואָרט — און זיך געדרייט אַרום אים, ווי אַ ביקל אַרום אַ סלופּ, צו וועלכן עס איז צוגעבונדן.

ר' פייוול איז געווען מלא־שמחה צוליבן קומען פונם גאַסט, קיינעם נישט געזען און זיך לחלוטין מער נישט צוגע־הערט צו די הלצהלעך פון די נייע עמיגראַנטן, וואָס זענען דאָ געקומען צום סעזאָן רייסן פּרוכט. מחמת די „גרינע" זענען נישט צופרידן געווען מיט אויסטראַליע און האָבן געהאַט אָפּט סכסוכים מיט די יידישע פאַרמערס, האָבן זיי אַלעמאָל געזוכט עפּעס אַ געלעגנהייט, כדי זיך אַביסל משמח צו זיין און פאַר־געסן אין די צרות. מיט ר' פייוול־שוחט, וואָס האָט זיי שטענ־

דיק נישט צו־רו געלאָזט מיט זיין פרומקייט, האָבן זיי גאָר שטאַרק ליב געהאַט צו טרייבן שפּאַס.

— האַ, ר׳ פייוול... — האָט מען אים גערופן פון אַלע זייטן, אַז ער זאָל צעמישט בלייבן — ווען אַ פליג פאַלט אַריין אין אַ טאָפּ מילך, וואָס איז די פליג: מילכיק, צי פליישיק?...

— וואָס פאַרא ברכה מאַכט מען איבער אַ הערינג?... אַ מוציא, צי אַ שהכל?...

— האַ, ר׳ פייוול... מען האָט גאַנץ גוט געזען ווי איר האָט געקוקט אויף אַן אשת־איש... מאַכט אייך נישט פאַר אַזאַ כו־מיקל... מ׳האָט אייך געוואָלט אויפנעמען פאַר חזן־שוחט אין מעלבורן, אָבער צוליב דער מעשה, איז אויס!...

ר׳ פייוול־שוחט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען תמיד שטאַרק פאַרמוחט און האָט געלעבט מער אין די עמודים פון זיינע ספרים, ווי אויף דער זינדיקער ערד, האָט גענומען די קשיות ערנסט און נישט איינמאָל איז ער געלאָפן צו זיך אין שטיבל, כדי נאָכ־צוקוקן ווי ס׳איז דער פשט. היינט האָט ער זיך אָבער צו גאָר־נישט געוואָלט צוהערן און ער איז אַזוי געווען מלא־שמחה מיטן גאַסט, אַז ער האָט אויף קיינע נישט געוואָלט קוקן. ער איז געווען זייער צערודערט און די קאַפּאָטע איז געווען ביי אים אינגאַנצן צעקנעפּלט, אַזוי אַז זיין גרויסער טלית־קטן האָט אַרויסגעקוקט און די ציצית האָבן זיך אים געבאָמבלט אַרום די פיס.

ווען ר׳ ברוך־איטשע איז צוריקגעקומען פונם יידישן „סעטלמענט", ווו ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַן עדה יידן, איז ער געווען אַ נייער מענטש. ער איז געוואָרן מער צוגעלאָזן צום ווייב און איר געזאָגט, אַז ר׳ פייוול־שוחט האָט אים אָנ־געוויזן ווי אָנצושטעלן דעם חלף און ער וועט פון היינט־אָן אַליין שעכטן אַן עוף, כדי זייער שבתדיקער טיש זאָל נישט בלייבן פאַרשעמט. ער האָט זיך צו דעם געקליבן אַ לאַנגע צייט, אָפּ־געלייגט פון איין מאָל אויף דעם אַנדערן — און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך צוזאַמענגענומען און באַשלאָסן צו טאָן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

בשעת ר׳ ברוך־איטשע מיט דינהן האָבן זיך אַ פּאָר טעג פאַרן שעכטן די הון, אָנגעהויבן צו דרייען פון איין אָרט אויפן

צווייטן, אַרום אַלעמאָל אינדרויסן, כדי צו געפינען עפּעס אַ פּאַסיק אָרט צום שעכטן, האָט מאָרי זיך אָנגעשטויסן, אַז זיידע־באָבע גרייטן זיך צו עפּעס. ער האָט זיי אָנגעהויבן נאָכצוקוקן און ווען זיי זענען אין אַ פאַרנאַכט אַרום בסוד אויפן הויף און די באָבע האָט הינטער דער שאַל געהאַלטן עפּעס פאַרשטעקט, איז ער זיי נאָכגעגאַנגען און זיך געשטעלט קוקן פון אַ באַהעלטעניש, וואָס זיי גייען טאָן. דעם זיידנס פירעכץ איז אַלעמאָל פאַר אים געווען זייער אויסטערליש — און נאָכדעם, ווען דער זיידע האָט דערלאַנגט זיין טאַטן אַ פּאַטש אַלעמען אין די אויגן אַריין, איז ער נאָך מער איינגעוויקלט אין סודות געוואָרן. דעם פאָטער האָט מאָרי זינט דעמאָלט נישט געקענט קוקן אין פּנים אַריין, און כאָטש ער האָט רחמנות געהאַט אויף אים, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט אין אים אַ שטיקל נקמה...

מאָרי איז געשטאַנען באַהאַלטן און פון אַ ווינקל אַרויס געקוקט, וואָס דער זיידע מיט דער באָבען וועלן דאָ טאָן. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן עפּעס אָנצושטויסן. ווען ער האָט באַמערקט, ווי דער זיידע נעמט אַרויס פון אַ לאַנג שמאָל שיידל דעם ווייס־בליצנדיקן חלף, זענען ביי אים די וואַסערדיק־גרינע אויגן שטאַרק בלאַס געוואָרן און די ייִנגלערישע גאָמבע האָט אָנגעהויבן זייער צו ציטערן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע גייט שעכטן די הון, אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט צוגלייבן, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין וואָר. אמת איז, אַז שוין נישט איינמאָל האָט מאָרי געזען, ווי דער שכן זייערער, דיק דער „טראַק־דרייווער", האָט מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט ביי די הינער די קעפּלעך. ער האָט זיך צו דעם נישט געוואָלט צוקוקן — אָבער עפּעס אַ כוח האָט אים געהאַלטן צוגעטשוועקט צום אָרט. אינגאַנצן אַ פאַרציטערטער, האָט ער איינמאָל באַמערקט, ווי אַן עוף אָן דעם קעפּל, איז אַרומגעלאָפן איבערן הויף און פון דעם אָפּגעהאַקטן האַלז האָבן געשפּריצט טראָפּנס בלוט, וואָס זענען, ווי רויטע קרעלן, געפאַלן אויפן גרינעם גראָז. אָבער אַז דער זיידע, וואָס האָט אַזעלכע בלייכע, איידעלע הענט, זאָל טאָן אַזאַ זאַך, האָט ער נישט געקענט גלויבן...

פּלוצים האָט מאָרי דערהערט דאָס געשריי פון דער הון,

וואָס האָט זיך געראַנגלט אין זיידנס הענט. דאָס געשריי האָט געשפּאָלטן די שטילקייט אַרום. באַלד האָט די הון אַ פלאַטער געטאָן אין דער לופטן, אַראָפּגעפאַלן אויפן גראָז, זיך געוואָלט שטעלן אויף די פיס און אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די פאַרבלו־טיקטע פליגל אין דער ערד. ביי מאָרין האָבן די הענט און די פיס, אַביסל צו לאַנגע אויף זיין עלטער, זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן. ער האָט אַ הויכן געשריי געטאָן און איז שנעל אַריין אין שטוב...

נאָך דער מעשה האָט ר׳ ברוך־איטשע נישט געוואָלט מער זיך צורירן צום חלף. ער האָט זיך אויך נישט צוגערירט צו דער הון, וואָס דינה האָט אָפּגעקאָכט אויף שבת. ווען דינה האָט געזען, אַז דער מאַן רוקט אַוועק דאָס פליישׂ פון זיך, האָט זי אויך דערפון נישט געוואָלט טועם זיין. פון ר׳ ברוך־איטשען האָט זיך אָפּגעטאָן צוריק די אויפגעלייגטקייט און ער איז ווייטער גאַנצע טעג איינער אַליין געזעסן ביי זיך אין שטוב און קיינעם נישט געוואָלט זען. ער איז זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן — בלויז הויט און ביין. ס׳האָט אים אַפילו נישט געפרייט מער, ווען ער איז צוזאַמען מיט הערשן געפאָרן אינם יידישן „סעטל־מענט” און זיך געטראָפן דאָרט מיט ר׳ פייוול־שוחט.

איינמאָל, בעת ר׳ ברוך־איטשע איז אַרום אַביסל אויפן הויף, וואָרן אין שטוב איז זייער הייס געווען און ער האָט אינדרויסן מעיין געווען אין אַ ספר, זענען עטלעכע שכנים, בראש מיט דיק דעם „טראַק־דרייווער”, צוגעקומען צום פאַרקן און זיך צוגעהערט ווי ער לערנט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער ראַביי לערנט די „ביבל” און צוליב דרך־ארץ פאַרן דאָזיקן הייליקן ספר, האָבן זיי אַראָפּגענומען די קאַפּעליושן און גע־שטאַנען אין די בלויזע קעפּ. ווען ר׳ ברוך־איטשע האָט דער־זען ווי די שכנים הערן זיך צו זיין לערנען צו אין די בלויזע קעפּ, איז ער אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב און זינט דעמאָלט נישט אַרויסגעשטעלט מער דעם פוס אינדרויסן. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אין איין שיינעם טאָג אינ־גאַנצן פאַרשוווּנדן און מען האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען. אַפילו דינה האָט נישט געוווּסט, ווו דער מאַן

איז אוועק — ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט מיט־גענומען מיט זיך בלויז טלית־און־תפילין און אַ פּאָר ספרים.

מיסטער זעלינג האָט דעם טאַטן אומעטום אַרומגעזוכט, אָבער ער האָט אים אינערגעץ נישט געפונען. ער איז אַפילו געפאָרן זוכן דעם פאַטער אינם יידישן „סעטלמענט״ — אָבער אויך דאָרטן איז ער נישט געווען. דעמאָלט איז הערשן איינ־געפאַלן אין קאָפּ אַריין, אַז ער זאָל גיין צו דער באַן־סטאַציע און געוויער ווערן, צי ס'איז דאָ נישט געווען אַן עלטערער מענטש, אין לאַנגע שוואַרצע מלבושים, וואָס קען נישט קיין ענגליש, קויפן אַ באַן־בילעט. און מיסטער זעלינג האָט דאָס מאָל געטראָפן — דער קאַסירער פון דער סטאַציע האָט אים געזאָגט, אַז עס איז דאָ אייערנעכטן געווען אַ ראַביי, וואָס האָט געקויפט אַ בילעט קיין מעלבורן. ער האָט דעם הייליקן מאַן פיל אַרויסגעהאָלפן, ווייל ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט ענגליש און זיך נישט געקענט אַליין קיין עצה געבן. ער איז שפּעטער געוויער געוואָרן, אַז דער הייליקער מאַן איז דעם „שאָפּ״־אייגנטימער, מיסטער זעלינגס, פאָטער.

נאָך ר' ברוך־איטשעס פאַרשווונדן ווערן, האָט זיך דינה געפילט נאָך ערגער ווי פריער און מען האָט געקענט דערקענען, אַז זי איז קראַנק. זי האָט זיך אָבער ווייטער געהיטן מיט דער קרענק, פאַר קיינעם גאָרנישט אַרויסגעוויזן, זיך פאַר קיינעם, חלילה, נישט פאַרקלאָגט. אָבער מען האָט באַשיינפּערלעך גע־זען, אַז די אַלטע גייט איין פון טאָג צו טאָג. מען האָט געוואָלט צו איר רופן אַ דאָקטאָר, אָבער זי האָט בשום־אופן נישט גע־לאָזט. פּונקט ווי איר טאָכטער שיינדל האָט זי נישט ליב גע־האַט מען זאָל רופן צו איר דאָקטוירים.

— ס'איז מיר גאָרנישט... — האָט זי אין גרויסע יסורים שטיל געקרעכצט — ס'וועט באַלד איבערגיין... ס'טוט מיר בלויז אַ ביסל וויי... דער אייבערשטער וועט מיך נישט פאַר־לאָזן... כ'האָב גרוים בטחון אין אים...

בשעת די יסורים האָבן זיך ביי איר פאַרגרעסערט און זי האָט אַלץ נישט געלאָזט רופן צו זיך קיין דאָקטאָר, האָט מיסטער זעלינג, בסוד פאַר איר, געברענגט מיט זיך דעם שטעטלדיקן דאָקטאָר. אַז דער דאָקטאָר גרעהעם איז געקומען מיט זיין

אָפּגעריבן־אַלט וואַליזקעלע, ווו עס זענען געלעגן זיינע דאָקטאָ־רישע כלים, האָט שיינדל זיך אָנגעהויבן זייער צו שרעקן, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל באַנומען, אַז די מוטער איז זייער קראַנק. דער דאָקטאָר גרעהעם האָט לאַנג באַטראַכט דינהן און צום סוף זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט, וואָס איר איז. אַ גרויסער, אַ ברייטער — אַ ריז — איז ער געשטאַנען אין זיינע צו־קורצע אויסגעשטופּט־אַרויפגעשאַרטע הויזן, אינם ענגן רעקל, וואָס האָט געפּלאַצט אין די נעט און זיין גוטמוטיק דאָרפיש פּנים האָט פאַרלעגן געשמייכלט.

— כ׳ווייס נישט וואָס צו זאָגן... — האָבן זיינע אומגעלומ־פּערט־גרויסע הענט זיך געוויגט שולדיק אין דער לופטן און נאָך מער אַרויסגעקראָכן פון די ענגע און קורצע אַרבל — בעסער רופט אַ דאָקטאָר... אפשר וועט ער עפּעס ווּיסן...

דאָס איז נישט פון היינט אָן געווען זיין טבע — טאָמער האָט ער עפּעס נישט געוווּסט, האָט ער געהייסן רופן אַ דאָקטאָר, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט קיין דאָקטאָר נישט געווען.

— וואָס דאַרף מען רופן אַ דאָקטאָר?... — האָט מיסיס זעלינג נישט פאַרשטאַנען — און וואָס זענט איר?... איר זענט נישט קיין דאָקטאָר?...

— כ׳בין טאַקע אַ דאָקטאָר... פעיר דינקאָם... — האָט דאָקטאָר גרעהעם גענוצט דעם אויסטראַלישן „סלענג" אין זיין רעדן — אָבער, יו נאָו... כ׳ווייס נישט, וואָס פאַרא קרענק דאָס איז... מען דאַרף רופן אַ דאָקטאָר... אפשר טאַקע אַ דאָקטאָר פון מעלבורן...

ביי דינהען האָבן זיך די יסורים נישט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך געקורטשעט פון ווייטיק, אָבער זי האָט קיין הויכן קרעכץ נישט געטאָן. טאָמער איז איר אַביסל בעסער געוואָרן, האָט זי זיך באַלד אַרויסגעשאַרט פון בעט און אָנגעהויבן צו טאָן איר שטוביקע אַרבעט. זי האָט געהאָלפן דער טאָכטער צורוימען די שטובן, כאָטש שיינדל האָט נישט געוואָלט איר הילף. שיינדל האָט געהאַט צו זיך אַליין גרויסע טענות, וואָס זי האָט געבראַנגט די מוטער אַהער. זי האָט באַדאַרפן פאַר־שטיין, אַז ראָזמאַר איז נישט פאַר אירעטוועגן און זי וועט דאָ, אינם ווייטן, פאַרוואָרפענעם שטעטל, אויסגיין. זי איז שולדיק

אין דער מוטערס קרענק. טאַמער וועט דער מאַמען עפּעס, חלילה, געשען, וועט זי טראָגן די שולד. דינה האָט באַמערקט ווי די טאָכטער לײַדט צוליב איר, שוין עטלעכע טעג ווי זי האָט גאָרנישט גענומען אין מויל אַרײַן און זי האָט זי געטרייסט.

— ס'ווערט מיר בעסער... — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן — ס'וועט באַלד איבערגיין... נאָך אין וואַרשע האָב'ך טיילמאָל געהאַט אַזעלכע יסורים... אָבער ס'איז אַלעמאָל איבערגעגאַנגען...

די מיסים זעלינג האָט זיך נישט צוגעהערט צו דער מאַמען און זי מיט געוואַלט אַרײַנגעלייגט אין בעט; זי נישט געלאָזט מער אַראָפּגיין פון געלעגער. דינה האָט נישט געקענט שלאָפן. אַ דאַרע, אַן אויסגעמאָגערטע, דאָס פּנים געל, ווי וואַקס, האָט זי זיך פאַרלוירן אינעם בעט־געוואַנט, ווי אַ קליין, אויסגעמאָגערט־קראַנק קינד. פונעם בעט־געוואַנט האָבן בלויז אַרויסגעקוקט די בלויע אויגן, וואָס זענען פיל גרעסער געווען, ווי געוויינטלעך און האָבן געבלאַנדזשעט איבער דער סטעליע, איבער די ווענט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. דינהס אײַנגעשרומפּענע פּנימל איז געווען אויסגעקרומט פון ווייטיק, אָבער די אויגן האָבן פאַרמאָגט אַזאַ בלויע שאַרפקייט, ווי געשליפן גלאָז. מיט אַ סך ניכטערקייט און מיט אַזויפיל מיושדיקער פאַרשטענדעניש האָבן זיי געקוקט אויף די מענטשן אין שטוב. אַלעמאָל, אַז מען האָט אַ קוק געטאָן צו דער קראַנקער, האָט מען זיך אָנגעטראָפן מיט אירע ניכטער־קלאָרע אויגן, וואָס האָבן אַלץ געוווסט, וואָס האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַזש געוואָרן אומהיימלעך. אפשר אַז די קראַנקע האָט שוין בײַ זיך געפילט, אַז אירע טעג זענען געציילטע, כאָטש זי האָט דאָס פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן. זי האָט געקעמפט מיטן מלאך־המוות, אים געטריבן פון זיך און מחמת דעם אפשר נישט געוואָלט שלאָפן, כדי ער זאָל אין שלאָף נישט האָבן קיין שליטה איבער איר. דאָס ערגסטע איז טאַקע געווען, וואָס אירע אויגן האָבן זיך אויף אַ מינוט נישט צוגעשלאָסן און האָבן אינגאַנצן נישט גערוט.

— שלאָף, מאַמע... — האָט זיך די מיסים זעלינג געבעטן בײַ דער מוטער, נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט, נישט בײַטאָג, נישט בײַנאַכט — אַז וועסט שלאָפן, וועט דיר גרינגער ווערן...

וועסט נישט שפירן די יסורים... שלאָף, מאַמע... מאַך צו די אויגן...

און בעת די מוטער האָט צוגעשלאָסן אויף עטלעכע רגעס די אויגן, האָבן שיינדלען געשטיקט די טרערן אין האַלז פון דאַנקבאַרקייט צום באַשעפער, וואָס האָט געשענקט דער מאַמען אַביסל שלאָף און געלינדערט אירע ווייטיקן. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון דער מאַמעס שטוב, נישט געלאָזט קיינעם אַרויס־רעדן קיין הויך וואָרט, געהייסן יעדן אַרומגיין אויף די שפּיץ־פינגער. זי האָט געשריגן אויף פּאָלינען, וואָס האָט, ווי אויף צו־להכעיס, געקלאַפּט הויך מיט די קלעצלעך פון אירע לאַטשן אויף דער פּאָדלאָגע און געלאָזט דאָס וואַסער אין באָד־צימער גיין מיט אַ רעש.

אין די עטלעכע רגעס, וואָס די מאַמע איז געשלאָפן, האָט זי באַקומען אַזאַ רואיק און אויסגעלייטערט פּנים — ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳ווערט איר בעסער. אויף אירע אויסגע־טריקנטע ליפּן האָט געשוועבט עפּעס אַ נישט־דאַאיקער אָפּשיין, ווי זי וואָלט פאַרטאָן געווען אין אַנדערע וועלטן, ווו ס׳זענען נישטאָ מער קיין פּיינען און יסורים...

אָבער אין די פּאָר מינוט, וואָס די מוטער איז געשלאָפן, האָט זי אויך געוווסט, וואָס טוט זיך אַרום איר. זי האָט גע־פילט ווי שיינדלען ווערגן די טרערן אין האַלז און זי העשעט אין דער שטיל.

— וויין נישט, שיינדל... —האָבן אירע וויים־פאַרברענטע ליפּן שטיל געשעפּטשעט — דאָס וויינען וועט גאָרנישט העלפן... כ׳וועל מיר נאָך איינרעדן, אַז כ׳בין טאַקע גוט קראַנק... דו ביזט שטענדיק געווען אַ גוטע טאָכטער... האָסט מיך אַריבער־גענומען צו זיך און כ׳בין דיר דערפאַר דאַנקבאַר... אַז כ׳וועל נאָר געזונט ווערן, וועל׳ך דיר אָפּדינען...

אָבער דינה איז שוין מער נישט געזונט געוואָרן און נישט געקענט מער דער טאָכטער אָפּדינען, ווי זי האָט איר צוגעזאָגט. בשעת מיסטער זעלינג האָט געפאָלגט דעם דאָקטאָר גרעהעם און גערופן אַ דאָקטאָר פון מעלבורן, האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז די קראַנקע שוין אָפּערירן. ער האָט געהאַט טענות צום דאָקטאָר גרעהעם, וואָס האָט זיך נישט דערקענט, אַז די אַלטע

האָט אַ „קענסער״. אַ קליינער, אַ דאַרער, אַ טויבלעכער אויף איין אויער, איז דער מעלבורנער דאָקטאָר געשטאַנען קעגן דעם צעוואַקסן־גרויסן דאָקטאָר גרעהעם און געשיקט אַרויף צו אים זיינע נערוועזע גיפטיק־שפּיציקע רייד:

— די קראַנקע האָט מען שוין געדאַרפט לאַנג אָפּערירן... וואָס פריער מען וואָלט דאָס געטאָן, אַלץ בעסער וואָלט געווען... עס קען זיין, אַז איצט איז שוין צו שפּעט... פאַרשטאַנען, קאָלע־גע גרעהעם... דער פּאַציענט האָט גרויסע יסורים... כ׳ווייס נישט ווי ער האָט דאָס געקענט אַריבערטראָגן!... איבערמענטשלעכע יסורים...

— אָבער די מאַמע האָט דאָך גאָרנישט געזאָגט, זיך נישט פאַרקלאָגט פאַר קיינעם!... — האָט שיינדל זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און אָנגעהויבן הויך צו וויינען — מען האָט פון איר נישט געקענט אַ וואָרט אַרויספּרעסן! איצט פאַרשטיי איך, ווי די מאַמע האָט געמוזט ליידן... און אַלץ אין דער שטיל...

מען האָט דינהן באַלד גענומען אין שפּיטאָל אַריין. דער מעלבורנער דאָקטאָר איז געבליבן, כדי אַליין צו מאַכן די אָפּע־ראַציע. יעדע מינוט שפּילט אַ ראָלע. ווער ווייסט, צי ס׳איז שוין נישט צו שפּעט!...

די אָפּעראַציע האָט אויסגעזען צו זיין געלונגען. דינה האָט נישט געוואָלט בלייבן ליגן מער ווי עטלעכע טעג אין שפּי־טאָל, זיך געבעטן מען זאָל זי צוריק אַהיימנעמען. זי האָט ווייטער נישט געקענט שלאָפן און אירע אויגן האָבן, פּונקט ווי פריער, געקוקט מיט אַזאַ קלאָרן בליק אַרום זיך. מען האָט צו איר אין שטוב קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. אָבער זי האָט דווקא געוואָלט זיין צווישן די קינדער און אייניקלעך, וואָרן די יסו־רים זענען צוריקגעקומען נאָך שטאַרקער ווי פריער און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סוף איז נאָענט. זי האָט באַמערקט ווי לעזלי און מאַרי דרייען זיך אַרום לעבן איר שטוב, קוקן אַלעמאָל מיט נייגעריקייט צו איר אַריין. מאַרי קומט אויף די שפּיץ־פינגער זייער אָפט צו איר בעט צו און כאַפּט בגנבה אַ בליק, וואָס זי מאַכט. ער וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר ער טרויט זיך נישט אויפצומאַכן דאָס מויל.

— מרדכי־משה... — האָט זי גערופן צו זיך דאָס אייניקל

— צי ווייסטו, אז דו הייסט נאָך דיין זיידן, זאָל זיך מיען... זע, זאָלסט ראוי זיין דערצו... הערסט, מרדכי־משה...

זי האָט אָפּגעהאַקט, מער גאָרנישט געזאָגט, געבליבן ליגן אָן באַוועגונג. דער נאָמען האָט איר אַזויפיל דערמאָנט, וואָרן דאָס אייניקל האָט געהייסן נאָך איר ערשטן מאַן, עליו־השלום. זי האָט זיך צוריק געזען אין וואַרשע, אויף די נאַלעווקעס... זי איז צוריק געווען צוזאַמען מיט איר ערשטן מאַן, פּונקט ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט מיט אים צעשיידט געווען...

בעת מאָרי האָט געזען ווי די באָבע ליגט אַזאַ לאַנגע צייט אָן באַוועגונג, האָט ער זיך זייער דערשראָקן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי גייט שטאַרבן. ער האָט אָנגעהויבן הויך צו כליפּען:

— דו וועסט נישט שטאַרבן, נענאַ... — האָט ער געכליפּעט

— דו טאָרסט נישט שטאַרבן... כ׳וועל נישט צולאָזן דערצו...

פּונקט ווי דינה וואָלט זיך איבערגענומען מיטן אייניקלס געוויין, האָט זי זיך געשטאַרקט, זיך געפּרוווט אויפזעצן אויפן געלעגער. זי איז אַ שטיקל צייט געבליבן זיצן אויפן בעט, צוגערופן צו זיך הערשן און דאָס ערשטע מאָל זינט ר׳ ברוך־איטשע איז אַוועק, האָט זי וועגן אים דערמאָנט:

— דו טאָרסט נישט פאַראיבל האָבן אויפן טאַטן, וואָס ער איז פון דאַנען אַוועק... — האָבן אירע ווערטער זיך געזוכט איינס דאָס אַנדערע — ער האָט דאָ נישט געקענט מער אויסהאַלטן... און איך וויל דאָ נישט ליגן! הערסט, הערש... כ׳וויל נישט ליגן צווישן קיין גויים!... זאָלסט מיך, למען השם, אַריבערפירן קיין מעלבורן צווישן יידן... זאָג עס מיר צו, הערש...

נאָכדעם ווי זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט נישט וועלן ווייזן איר פּנים אין די לעצטע גסיסה־ווייען און איז אויף אייביק איינגעשלאָפן.

— מאַמע... מאַ־מע... — האָט די מיסים זעלינג געיאָמערט, ווי אַ קליין פאַריתומט קינד — ווו לאָזטו מיך דאָ אי־בער...

אָבער די מוטער האָט שוין מער גאָרנישט געהערט...

## קאפיטל עלף

# די לוויה

דער אויטאמאביל מיטן ארון האט געזאלט אנקומען פון מעלבורן. נאך נעכטן פארנאכט, נאכדעם ווי דינה איז געשטארבן, האט מיסטער זעלינג אנגעקלונגען צו דער חברה קדישא און זיי האבן צוגעזאגט דעם וואגן אינדערפרי ארויסצושיקן. אויך האט מיסטער זעלינג זיך פארשטענדיקט מיטן יידישן „סעטלמענט" און איבערגעגעבן סאשא פאפעוו וועגן דינהס טויט.

דעם טאטן האט הערש באפוילן מיט א שליח נאך אייערנעכטן, אז דאס ווייב איז זייער קראנק. ווייזט אויס, אז דער פאטער איז דערפון נישט געוווירער געוואָרן צו דער צייט. מיסטער זעלינג האט דעם טאטן שוין ארומגעזוכט א היפש שטיקל צייט — און ערשט אייערנעכטן איז ער געוווירער געוואָרן, אז ער איז אין מעלבורן און ער לערנט שיעור מיט עטלעכע יידן אין קארלטאנער שולעכל. לעבן שולעכל גייט מען מאכן א ישיבה און ר' ברוך־איטשע וועט דארט לערנען מיט די קינדער חומש מיט רש"י. בשעת א קארלטאנער ייד האט געטראפן ר' ברוך־איטשען ארומבלאנדזשען אין גאס, האט ער זיך שוין געהאט א גאנץ־גייענדיקן טאג ארומגעדרייט אין מעלבורן, נאכדעם ווי ער איז אראפ פון דער באן. דער ייד האט אים געברענגט אין קארלטאנער שולעכל און זינט דעמאלט געפינט ער זיך דארטן. ער וווינט אין א שטוב, וואס די יידן האבן פאר אים אין שכנות געדונגען.

מיסטער זעלינג איז געווען זיכער, אז דער פאטער האט נישט באקומען צו דער צייט די ידיעה, אז דאס ווייב איז זייער קראנק. ער וואלט זיכער באלד געקומען צופארן. איצט איז

שוין צו שפעט. טאָמער וועט דער טאַטע איצט אָנקומען, וועט ער שוין טרעפן די לוויה...

כאָטש שיינדל איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט לעבן מת און נישט צוגעמאַן קיין אויג, האָט זי אינדערפרי נישט געוואָלט זיך צולעגן אויף אַ רגע. די אויגן האָבן זיך איר פון מידקייט גע־קלעפּט און זי האָט שטאַרק געקוקט אין די פלעמלעך פון די אָנ־געצונדענע ליכט, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער ערד, צו־קאָפּנס פון דער מאַמעס קליינעם, איבערגעדעקט־איינגעשרומ־פּענעם גוף. פון די יסורים, וואָס די מאַמע האָט בעת איר קרענק געליטן, איז איר קליינער גוף נאָך מער אויסגעמאָגערט און איינגעקורטשעט געוואָרן און ער האָט פאַרנומען אַזוי ווייניק אָרט אויף דער פּאָדלאָגע, ווו ער איז געלעגן. פּונקט ווי די מאַמע פלעגט זיך ביים לעבן שאַרן אין די ווינקלען, זיך נישט געוואָלט אויף קיינעם אָנוואַרפן, אַזוי האָט זי זיך אויך איצט, נאָכן טויט, פאַררוקט אויף אַ זייט, מען זאָל זי וואָס ווייניקער אָנזען...

שיינדל האָט כסדר געהאַט טענות צו זיך, אַז זי איז שול־דיק אין דער מאַמעס טויט. זי האָט באַדאַרפן פאַרשטיין, אַז ראָזמאַר איז נישט פאַר איר און זי וועט דאָ אויסגיין, ווי אַ ליכט. בשעת סאַשאַ פּאַפּעוו איז געקומען צופאָרן, האָט שיינדל נישט אָוועקגענומען די אויגן פון די פלעמלעך צוקאָפּנס דעם מת און געערעדט צו זיך אַליין, כדי זיך אַליין וואָס טיפער ווייי צו טאָן:

— ווען נישט איך, וואָלט די מאַמע אויסגעלעבט אירע יאָרן... זי וואָלט נאָך לאַנגע יאָרן געלעבט... — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן און ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַליין הנאה געהאַט פון דעם, וואָס זי זאָגט זיך אַריין.

לכתחילה, ווען סאַשאַ האָט געהערט ווי די מיסים זעלינג פּייניקט זיך אַליין, האָט ער געשוויגן, זיך גאָרנישט אָנגערופן. ער האָט זי געלאָזט רעדן, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. פון דעם רעדן וועט איר גרינגער ווערן אויפן האַרץ. אָבער אַז די מיסים זעלינג האָט נישט אין זינען געהאַט אויפצוהערן, האָט ער זי ליכט אָנגענומען ביי דער האַנט, ביי די אַקסלען און איר געזאָגט, זי זאָל זיך אויפהערן אַליין צו פּייניקן. וואָס דאַרף

זי זיך באַשולדיקן אין זאַכן, אין וועלכע זי איז נישט שולדיק... ער האָט צוגעשאַרט אַביסל די צעשויבערטע האָר אויף איר קאָפּ און זי געבעטן, זי זאָל זיך אויפהויבן פון אָרט. זי האָט אים נישט געפאָלגט, געבליבן ווייטער זיצן; ווי זי וואָלט אַפילו נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו איר. דעמאָלט האָט ער זי אָנגענומען מיט מער כוח און איר ווי באַפוילן זי זאָל אַרויסגיין מיט אים אַביסל אַינדרויסן אויף דער פרישער לופט. פון דעם באַריר פון זיינע שטאַרקע הענט, פון דער באַפעלערישקייט אין זיין קול, פון זיין געטרייען געבייזער, איז איר אַדורך אַ וואַרעמקייט און זי האָט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט איר געהייסן. בלויז אין מוח האָט געפּיקט אַ געדאַנק, אַז זי באַגייט דערמיט אַ זינד, אַז אַפילו לעבן דער מאַמעס טויטן גוף האָט אויף איר סאַשאַ אַ גרויסע השפּעה...

בשעת זיי זענען אַרוים פאַר דער טיר, האָט שיינדלען באַגעגנט אַ שיינער זוניקער אָנהויב־ווינטער טאָג. זי האָט זיך נישט געריכט, אַז אינדרויסן זאָל שוין זיין גרויסער טאָג, זי האָט געמיינט, אַז ס'איז נאָך אַלץ נאַכט. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אויפן הימל. דער זילבערן־דינער פראָסט, וואָס האָט אינדערפרי ווייס באַזאַלצן דאָס גראָז, די דעכער, די פּאַרקנס, איז שוין צעגאַנגען. די פרימאָרגנדיקע קאַלטע נעפּלען זענען צערונען. כאָטש ס'האָבן זיך שוין אָראָפּגעלאָזט די אָנהויב־ווינטערדיקע רעגנס און דער מאַרי־טייך איז, ווי אַלעמאָל אין דער זעלבער צייט פון יאָר, אַרוים פון די ברעגעס און פאַרפלייצט די פעלדער אַרום, האָט זיך היינט אויפן לויטערבלויען הימל געוויגט די זון, וואָס האָט מיט אַ גאָלדיק־קאַלטן בלענד באַגאָסן דאָס שטעטל.

ווען מיסיס זעלינג און סאַשאַ פּאָפּעוו זענען געשטאַנען אויף דער שוועל פון הויז, זענען צו זיי צוגעקומען די מיסיס רעלי מיט איר מאַן, דיק דעם „טראַק־דרייווער". דיק האָט, ווי זיין שטייגער, געשוויגן און ער האָט נישט געוווסט, וואָס ער דאַרף זאָגן — דערפאַר האָט דאָס ווייב זיינס גערעדט פאַר אים. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך שוין אַ גאַנצן פרימאָרגן געקליבן אַהער און נישט געלאָזט דעם מאַן פאָרן צו דער אַרבעט, כדי ער זאָל מיט איר מיטגיין.

זיי זענען אריין אין הויז, זיך אויסגעזעצט ביי די ווענט, אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן און אבלדיק געשוויגן. דאָס אומהיימלעכע פייערלעכע שווייגן האָט איבערגעריסן מיסיס רעלי, וואָס האָט שוין לענגער נישט געקענט זיצן שטיל. איר מויל האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך עטלעכע טרייסט־ווערטער, וואָס זענען אָפּגעזונדערט, ווי האַרטע אַרבעסלעך, געפאַלן אין דער אַרומיקער שטילקייט. זי האָט זיך אָבער פאַרפּלאָנטערט, זיך געכאַפּט, אַז קיינער הערט זיך צו איר נישט צו און אָפּגעהאַקט. די שטילקייט איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער און פייערלעכער, ווי פריער...

בשעת ס'איז אָנגעקומען דער אויטאָ מיטן ארון פון מעל־בורן, האָט מען זיך אין הויז אָנגעהויבן פּלוצים זייער צו איילן און ס'איז דאָ געוואָרן אַ שטאַרקער גערודער. מיסטער זעלינג האָט געזוכט לעזלין און מאָרין. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לעזלי איז גאָרנישט געווען אין שטוב און מען האָט אים געמוזט גיין רופן. פּאָולין איז געווען אין באָד־צימער און איז פון דאָרט אַרויס, אַן אָנגעשמינקטע און אַן אָנגעפּודערטע. אירע העל־געפאַרבטע האָר זענען געווען פריש צוגעקעמט. זי האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעטאָן דעם מאַנטל און פאָרזיכטיק אַרויפגעטאָן דאָס היטעלע אויפן קאָפּ.

מיסטער זעלינג האָט זיך זייער געזאָרגט, אַז דער פאָטער וועט אפילו נישט אָנקומען צו דער לוויה פון זיין ווייב. אָבער ער איז אין דער לעצטער מינוט אָנגעקומען. בעת מיסטער זעלינג האָט דערזען דעם פאָטער גיין, איז ער אים גיך אַקעגנ־געלאָפן, כדי אים צוצוגרייטן אביסל צום אומגליק. אַז דער פאָטער איז אַריין אין דער שטוב, וווּ ער האָט געוווינט מיט דינהן און געטראָפן איר קליינעם, אויסגעדאַרטן גוף ליגן אויף דער ערד, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, נישט געקענט מער שטעלן קיין טריט. אַ וואָלקן פון צער האָט באַדעקט זיין פּנים, זיין ווייסע באָרד. נישטאָ מער דינה, וואָס פלעגט זיך דאָ אַרומדרייען אין די ווינקעלעך און זיך בריהש פאָרען מיט אירע הענט, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין רו. דער ייד איז געשטאַנען שטום און איז אויף אַ העלפט קלענער געוואָרן. כאָטש דער וויטיק האָט זיך טיף איינגעשניטן אין זיינע

געלבלעך־בלאַסע באַקן און איז זיין גרייז־גרויער באָרד, זענען די אויגן געווען טרוקן, אָן טרערן. אַביסל בלויז זענען די אויגן פּייכט געוואָרן, ווי דער ייד וואָלט אינעווייניק אין זיך געהעשעט. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָבן זיינע ליפּן אַרויסגע־פּרעסט פון זיך איינצלנע פאַרקלעמט־אָפּגעהאַקטע רייד:

— ווייזט אויס ס'איז נישט געווען דיין רצון, טאַטע גרויסער אין הימל... כ'האָב זי געוואָלט נעמען צו מיר... כ'האָב שוין געהאַט פאַרטיק אַ שטוב פאַר אירעטוועגן... ברוך דיין אמת...

ווען מ'האָט אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב די מיטה, וואָס איז געווען זייער לייכט און זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם ביישטידל פון דער טיר, איז שיינדל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען איז זי אַרוים באַגלייטן די מאַמען אויף איר לעצטן וועג צום בית־עולם קיין מעלבורן. מיסטער זעלינג האָט קוים געפועלט ביי איר זי זאָל אַרויפנעמען אויף זיך דעם מאַנטל און אַ שאַל אויפן קאָפּ. בעת הערש האָט זי איינגעשטילט, איינגערוימט איר אויפן אויער, זי זאָל נישט וויינען, זיך באַרואיקן, ווייל דאָ ווייִנט מען נישט אויף קיין לוויות, האָט זי זיך אויף אים אָנגעבייזערט:

— ס'טוט מיר ווי, וויין איך... — האָט זי אויסגערופן — ווערסט מיר אפשר פאַרווערן צו וויינען אויך?!...

זיי זענען אַלע אַריין אין מיסטער זעלינגס אויטאָ און זיך געלאָזט נאָכפאָרן דעם ארון, וואָס איז דורכן שטעטל געפאָרן פּאַוואָליע. דאָס געזאַנג פון די זעגן אין טאַרטאַק האָט זיך איצט געהערט אומעטיק און אויסגעצויגן. בשעת די ראָזמאַרער תושבים האָבן געזען דעם שוואַרצן אויטאָ מיטן ארון, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, אים נאָכגעקוקט און מיט דרך־ארץ אַראָפּגענומען די קאַפּעליושן פון די קעפּ.

הינטערן שטעטל האָט די עגלה אָנגעהויבן פלוצים שטאַרק צו יאָגן, ווי זי וואָלט זיך ערגעץ זייער געאיילט — און מיסטער זעלינג האָט זי שיער נישט פאַרלוירן פון אויג. ער האָט זיך באַמיט וואָס שנעלער נאָכצופאָרן דעם איינזאַמען שוואַרצן פלעק, וואָס האָט זיך אין איילעניש געגליטשט אויפן גאָלדיק־פאַרשווענקטן וועג. אויך מאָרי, וואָס איז געזעסן פאַרקוועטשט

צווישן פּאַטער און דער אויסגעפּוצטער פּאָולין, האָט זיך באַ־
מיט נישט צו פאַרלירן פון אויג דעם שוואַרצן אויטאָ, וואָס
האָט זיך, ווי אַ שוואַרץ שאַכטל, געדראַפּעט אויף די רוקנס פון
די בערג. אינם קליינעם שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען פאַרן
טאַטן, כדי ער זאָל קענען זען די אַנקומענדיקע אויטאָס הינטער
זיך, האָט מאַרי באַמערקט לעזלין. איין האַנט האָט לעזלי גע־
האַלטן אין קעשענע און אויף אַ קונציקן שטייגער געצײלט דאָס
געלט, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג באַקומען פון באָבן פאַר
די אַלע חפצים, וואָס ער האָט אים לעצטנס פאַרקויפט. באָב
האָט פאַר די זאַכן נישט באַצאָלט באַלד, געגומען זיי אויף
אויסצוצאָלן, יעדע וואָך געגעבן אַ פּאָר פּענעס. לעזלי האָט
זיך, ווייזט אויס, נישט שטאַרק איבערגענומען מיט דער באָבעס
טויט. אָבער מאַרין האָט נישט אָפּגעלאָזט דאָ געפיל, אַז בעת
זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אַהיים פּונקט אויף דעם זעלבן
וועג, וואָס זיי פאָרן איצט, וועט שוין די באָבע נישט זיין מער
מיט זיי... איר גוף וועט בלייבן דאָרט ערגעץ אויפן מעלבורנער
בית־עולם... אָט ערשט איז די באָבע אַרומגעגאַנגען, גערעדט,
גערוימט, געקאָכט — און אויס, זי איז מער נישטאָ. מאַרי
האָט געקוקט אויף דעם טאַטנס הענט, וואָס האָבן געפירט דאָס
רעדל. וואָס מאַכט באַוועגן די הענט, זיי זאָלן טאָן דאָס, וואָס
זיי ווילן? פון דער שול ווייסט ער, אַז דער קאָפּ, דער מוח,
פירן אָן מיט די באַוועגונגען. און ווער פירט אָן מיט דעם קאָפּ,
מיט די געהירן? גאָט, וואָס איז דער הערשער איבער דעם אַלע־
מען. פאַרוואָס־זשע ווערט מען אַלט און פאַרוואָס שטאַרבט
מען?...

מאַרי האָט געוווסט, אַז מען טאָר פון דעם נישט טראַכטן,
עס איז אַ זינד, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט פון דעם אַלע־
מען אַרויספּלאָנטערן. ער האָט כסדר געקוקט אויף דעם טאַטנס
הענט, וואָס האָבן געפירט דאָס רעדל. ער האָט פּלוצים מורא
באַקומען, אַז אָט די הענט, וואָס באַוועגן זיך אַזוי שנעל, קענען
זיך אויפאיינמאָל אָפּשטעלן, קענען בלייבן טויט...

— רוק זיך... דו צעקנייטשסט מיר דעם מאַנטל... שטענ־
דיק איז ער אַזוי צעטראָגן, אַז ער זעט נישט וואָס ער טוט!...
לכתחילה האָט מאַרי גאָרנישט געהערט. נישט געוווסט ווע־

מען מען מיינט. אָבער אַז די שוועסטער האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און נאָכאַמאָל אַרויסגעלייגט אירע טענות, האָט ער זיך איינגעקורטשעט, זיך אָפּגערוקט פון איר. ער האָט אַלץ נאָכגעקוקט די שוואַרצע עגלה, וואָס האָט זיך שנעל געיאָגט אויפן גאָלדיק־פאַרגאָסענעם וועג, ווי ער וואָלט ביי איר געזוכט באַשייד וועגן די פאַרהוילטקייטן, וועגן די סודות פון טויט... אַרום איז אַלץ פאַרגאָסן געווען מיט גאָלד. אָבער דאָס גאָלד האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער שוואַרצקייט פון דער עגלה. כאָטש ס'איז געווען ווינטער, האָט זיך דאָ אַלץ געריסן צום לעבן. דאָס גראָז, וואָס איז במשך פון די זומערדיקע חמימות, פאַרברענט געוואָרן, האָט זיך איצט, נאָך די אָנהויב־ווינטערדיקע רעגנס, געפּאַליעט אינם לייכטן ווינט, ווי אַ גרינע נייגעבוירענע פעל. אַפילו די שטענדיק־גרויע עקאַליפּטוס־ביימער, זענען באַדעקט געוואָרן מיט אַ דינעם זילבערנעם שימער. בלויז די אויסגעריסענע ביימער, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד מיט די וואָרצלען אַרויף און מיט די פאַרדאַרטע צווייגן אַראָפּ, האָבן דערמאָנט אָן טויט. ווי ריזיקע אָפּגעדאַרטע הערנער, איבערגעבליבענע פון אור־חיות, זענען די ביימער צעזייט געלעגן אינם שיטערן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן וועג... די אָפּגעזענקטע, ניצול־געוואָרענע ביימער פון די וואַלד־שׂרפות, האָבן זיך געבוקט צו דער שוואַרץ־פאַרקוילטער וואַלד־ערד...

בשעת מיסטער זעלינג מיט זיין משפּחה זענען אָנגעקומען אין דעם טהרה־שטיבל אין מעלבורן, האָבן שוין געוואַרט אויף זיי עטלעכע יידן פון דער חברה־קדישא. ווען מען האָט דינהן גענומען איר רעכט, זענען זיי געבליבן אין גרויסן קאַלטן וואַרט־צימער מיט דער שטיינערן־בלאַסער, געלער פּאַדלאָגע. די מיסיס זעלינג האָט מער נישט געוויינט, אָבער אַז דער מאַן האָט איר צוגערוקט אַ בענקל און זי געבעטן זי זאָל זיך צושפּאַרן, האָט זי נישט געוואָלט און וויטער געבליבן שטיין אין אַ ווינקל.

ווען די עגלה איז אַרויס פונם הויף אויפן וועג צום קאַרל־טאָנער בית־עולם, האָט זיך נאָך איר בלויז געלאָזט פאָרן מיסטער זעלינגס אויטאָ. קיינער איז מער נישט געקומען צום דער לוויה. כאָטש מיסטער זעלינג האָט געוואָלט צו־ווייסן געבן

עטלעכע באַקאַנטע סוחרים פון מעלבורן וועגן דער שוויגערס טויט, האָט ער דאָס נישט באַוויזן צו טאָן. איינזאַם איז מיס־טער זעלינגס אויטאָ נאָכגעפאָרן די עגלה איבער די מעלבורנער גאַסן, וואָס האָבן זיך געטונקען אין אַ שפּעט־נאָכמיטאָגדיק טונקל ליכט. כאָטש אין ראָזמאַר איז דער טאָג געווען אַ שיינער, האָט אין מעלבורן געטריפט אַ רעגן און די זון האָט קוים אוועק־געשאַרט פון זיך די וואָלקנס און קרום אַ שמייכל געטאָן פונם הימל...

בלויז אַ מאָגער בינטל מענטשן, וואָס האָט זיך ענג געטו־ליעט צו זיך, איז נאָכגעגאַנגען די מיטה אויף די זאַמדיקע בית־עלמין־סטעזשקעס צווישן כלערליי פיגורן און צלמים, וואָס האָבן זיך געבלאָסט אין דער שפּעט־נאָכמיטאָגדיקער קאַלטער זון. לעבן די פיגורן און צלמים האָט מען קוים אַרויסגעזען די יידישע מצבות. ר׳ ברוך־איטשע איז מיט אבלדיק־פאַרטראַכטע טריט נאָכגעגאַנגען די מיטה. נאָר אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און פלוצים דערזען די צלמים, האָט ער די אותו־רגע געוואָלט צוריק־לויפן און געשריגן, אַז ער וועט בשום־אופן נישט דערלאָזן מען זאָל דאָס ווייב זיינס קובר זיין אויף אַ גויאישן צמענטער, רחמנא־לצלן!...

די חברה־קדישא־לייט האָבן אים קוים איינגענומען. דער עיקר האָט אים איינגענומען איין חברה־קדישא־ייד, וואָס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן גלאַנציקן אָנצוג און אַ מעלאָניק אויפן קאָפּ. ער האָט לאַנג אין ר׳ ברוך־איטשען אַריינגערעדט אין אַ דייטש־מערישן יידיש — ביז ער האָט סוף־כל־סוף באַנומען, אַז די יידן האָבן נישט אין מעלבורן קיין באַזונדערן בית־עולם. דער רעוורענד אינם שוואַרצן העמדל און אינם ווייסן איבערגע־דרייטן גומי־קראַגן האָט נישט געהאַט קיין צייט צו ר׳ ברוך־איטשען. ער האָט מיט זיין פייערלעך, שטייף קול אַרויסגעזאָגט פון אַ סידור, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט:

— כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך... הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט... — האָט זיך זיין ציקלדיק־פייערלעך קול אומעטיק אָפּגעשלאָגן אין די מצבות, וואָס האָבן זיך גע־טיקט אין דער בלאַסער קאַלטער זון.

דערנאָך האָט דער רעוורענד אין עטלעכע געאיילטע ווער־

טער אויף ענגליש געמישט מיט לשון־קודש, מספּיד געווען די אשת־חיל. מען איז געשטאַנען אַרום אָפענעם קבר. כאָטש דאָס בית־עולם־גראָז איז געווען פייכט, איז די ערד אינם קבר געווען שטיינערדיק־האַרט און געל, ווי אַדורכגעפּרעסן פון זשאַווער. ס׳איז געווען אַ מצווה, אַז יעדער איינער זאָל מיט דער לאָפּעטע אַרויפוואַרפן אַביסל ערד אויפן קבר. און בעת ס׳זענען געפאַלן די ערשטע האַרטע גרודעס ערד אויף דער מיטה, וואָס מיסטער זעלינג האָט אַריינגעוואָרפן, האָט זיך מאָרין געדאַכט, אַז זיי קלאַפּן זיך אָפּ אָן דער באָבעס גוף... קיינער זאָל נישט זען, האָט ער זיך שטיל צעוויינט. ער האָט קוים געהערט ווי דער זיידע איז געשטאַנען איינגעבויגן איבערן פאַרשיטן קבר און געזאָגט קדיש.

ווען זיי זענען אַרויס פון אייזערנעם בית־עולם־טויער, וואָס האָט שווער געסקריפּעט, האָט סאַשאַ פּאָפּעוו געהאַלטן די מיסיס זעלינג אונטערן אָרעם. די שטאָט האָט זיך געוויקלט אין אַ בין־השמשותדיקן נעפּל. ס׳איז געוואָרן זייער קאַלט און די לופט איז געווען פול מיט שאַרפע פראָסטיקע שפּיזלען.

אויפן וועג אַהיים קיין ראָזמאַר, זענען די בערג געווען איינגעהילט אין שווערע ווינטערדיק־נאַכטיקע נעפּלען, וואָס האָבן זיך באַהאָפטן און זיך געשטעלט פאַרן אויטאָ, ווי אַ דיקע רויכיקע וואַנט. דער אויטאָ האָט געמוזט פאָרן פּאַוואָליע, טריט־ביי־טריט. מיטאַמאָל האָט זיך פון אַ ווינקל אַרויס דערהערט מיסיס זעלינגס מאָנענדיקע קול:

— הערסט, הערש... — האָט זיך איר קול באַפעלעריש געטראָגן פון אַ ווינקל — מיר וועלן זיך אַריבערציען קיין מעלבורן!... אַז דו וועסט נישט וועלן, וועל איך נעמען די קינדער און אַוועק אָן דיר!...

## קאַפּיטל צוועלף

# קיין מעלבורן

אַ לאַסט־אויטאָ, כמעט אַזוי גרויס ווי אַ הויז, וואָס האָט געהאַט אויף אַלע ווענט אָנגעצייכנט מיט גרויסע געלע אותיות דעם נאָמען פון דער פירמע, איז געשטאַנען פאַרן הויז פון מיס־טער זעלינג. טרעגערס, אין לאַנגע לעדערנע פאַרטוכער, זענען אַלעמאָל פלינק אַרויסגעשפּרונגען און אַריינגעשפּרונגען צוריק אינם לאַסט־אויטאָ און אין אים אַריינגעלאָדנט: טישן, שענקלעך, קאָפּ־שטיקן פון בעטן, פּאַנאַנדערגעשרויפטע ברעטער, געשיר און גלאָזוואַרג.

ס'איז געווען אַ פּראָסטיקער פרימאָרגן. די ווינטערדיקע קאַלטע נעפּלען, וואָס האָבן איבער נאַכט אַרומגעבעט ראָזמאַר מיט שווערע טונקעלע שלייערן, זענען אינדערפרי נישט אַוועק. ווי גרויסע האָריק־פוטערנע קוטשמעס זענען די נעפּלען געזעסן אויף די בערג, אויף די ביימער־קרוינען אין די וועלדער, אַראָפּ־געגנידערט אין שטעטל און געבליבן דאָרט הענגען ביזן האַלבן טאָג אַריין. אַז מען האָט געקוקט אויף די נעפּלען, וואָס האָבן זיך געמערט, געדריוועלט, געצויגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, האָט זיך געדאַכט, אַז די בערג אַרום ראָזמאַר ברעכן זיך און זיי וועלן באַלד דאָס שטעטל פאַרשיטן...

דאָס אַרויפלאָדענען דאָס האָב־און־גוטס אויפן לאַסט־אויטאָ האָט נישט געדויערט לאַנג. איידער די מיסיס זעלינג האָט זיך אומגעקוקט איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק. פּאַולין האָט זיך שוין אויסגעפּוצט, זיך אויפגעזעצט אויפן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין. אָבי די מיסיס זעלינג האָט גע־מיינט, אַז דאָס וועט דויערן מי־יודע ווי לאַנג. זי האָט זיך געפּאַקט שיינע עטלעכע טעג, צוזאַמענגעקליבן און איינגעסדרט אַלץ מיט אַזוי פיל אָפּגעציטערטקייט — און צום סאַמע סוף,

אַז דער לאַסט־אויטאָ איז מיט אַ געפּילדער פֿאַרפֿאָרן פֿאַרן הויז, איז זי נאָך ווייט נישט געווען פֿאַרטיק. אָבער זי איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט סוף־כּל־סוף אירם אויסגעפֿירט און זיי זענען געפֿאָרן זיך באַזעצן קיין מעלבורן. בשעת הערש האָט געפּרוווט נאָך אַביסל אָפּציען, געוואָלט זי פֿאַרעדן, האָט זי זיך נישט געלאָזט און כאָטש האַק און בראָק האָט ער שוין מער גאָרנישט געקענט ביי איר פּועלן.

אויך האָבן זיך די קינדער געפֿרייט, וואָס זיי קלויבן זיך אַריבער קיין מעלבורן. דער עיקר פּאַולין. זי איז געווען אין זיבעטן הימל, וואָס זיי פֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט. ס'האָט זי שוין דאָ געשטיקט. אין מעלבורן וועט איר דער פֿאָטער זיכער דערלויבן צו פֿירן דעם אויטאָ... אויך האָבן זיך לעזלי און מאָרי געפֿרייט, וואָס זיי וועלן וווינען אין אַ גרויסער שטאָט. אָבער לעזלין האָט שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס ער וועט דזשינען שוין מער נישט קענען זען, און מאָרי האָט זיך זייער געזאָרגט, וואָס ער וועט מער נישט האָבן באָבן, מיט וועלכן ער איז שוין פֿון לאַנג צוריק געווען אַ גוטער חבר און זיי זענען כּסדר אַרומגעגאַנגען צוזאַמען, ווי צווישן זיי וואָלט קיינמאָל גאָרנישט פֿאָרגעקומען.

לעזלי האָט זיך שוין עטלעכע טעג אַרומגעיאָגט מיט באָבן, געוואָלט ביי אים אָפּנעמען די עטלעכע שילינג, וואָס איז אים געקומען פֿאַר די אַלטע צוועגגלעך, העמערלעך, שרויפֿן, וואָס ער האָט אים געגעבן אויף אויסצוצאָלן. לעזלי האָט.אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט באָבן, ביז ער האָט אים סוף־כּל־סוף געפּאַקט און זיך מיט אים אָפּגערעכנט. אַזויווי באָב האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן, איז דער חוב געבליבן שטיין, ביז ער וועט קומען קיין מעלבורן און אים דעקן...

אָבער נישט בלויז מיט באָבן האָט זיך לעזלי געהאַט אַרומצויאָגן פֿאַרן פֿאָרן — פּונקט דאָס זעלבע שטיקל אַרבעט האָט ער געהאַט מיט דזשינען. ער האָט באַמערקט, אַז זינט דזשין איז געוויער געוואָרן וועגן זיין אַוועקציען זיך קיין מעלבורן, האָט זי אים אָנגעהויבן אויסצומיידן און זי איז מער נישט געווען די זעלבע, וואָס פֿריער. בעת זי האָט אים געטראָפֿן, איז איר ליכטיק־בלאָס פּנים געווען פֿאַרשאָטנט מיט אַן

אומעט און ס'איז נישט געווען מעגלעך ארויסצוקריגן פון איר א וואָרט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך דערפון, וואָס זי וויל נישט, ער זאָל אַוועקפאָרן. ער האָט גע־וואַרט זי זאָל אים עפּעס זאָגן — אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

ווען דער טאָג פון פאָרן האָט זיך דערנענטערט, האָט לעזלי דזשינען אינגאַנצן נישט געקענט מער געפינען — זי האָט זיך פאַר אים אויסבאַהאַלטן. ער האָט זי אומעטום געזוכט, זיך געוואָלט מיט איר געזעגענען, נאָר זי האָט זיך קונציק פון אים אַרויסגעדרייט. ביז ער האָט זי, איין טאָג פאַרן אַוועק־פאָרן, סוף־כּל־סוף געפונען. אַז זי האָט אים דערזען, איז זי רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און געוואָלט פאַר אים גלייכגילטיק פאַרבייגיין, אָבער ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי א האַנט און זי מיט געוואַלט אַ צי געטאָן צו זיך. זי האָט אויף אים אומעטיק א קוק געטאָן מיט די זילבערן־גרויע אויגן און די רויטקייט פון פּנים איז מיטאַמאָל אָפּגעלאָשן געוואָרן. דער אומעט האָט נאָך מער אויסגעאיידלט איר דאַר פּנימל און איר זייער געפּאַסט.

— וואָס טוסטו?... וואָס ווילסטו פון מיר?... — האָט זי, אַ באַליידיקטע, אויסגערופן און אירע זילבערנע אויגן האָבן זיך כעסדיק אַ צינד געטאָן.

— ווייסט דאָך, אַז כ'פאָר אַוועק... — האָט ער געזאָגט.

— נו גוט... כ'ווייס, אַז דו פאָרסט אַוועק... וואָס גייט עס מיך אָן?... גוד־באַי!... איי וויל סי יו סאָם מאָר...

— זיי נישט קיין נאַר, דזשין... כ'פאָר אַוועק און כ'וויל זיך מיט דיר געזעגענען... כ'האָב דיך שוין עטלעכע טעג אַרומגעזוכט... דו האָסט זיך פאַר מיר באַהאַלטן!... פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?... דו ביזט דאָך מיין „גערל־פרענד"...

זי האָט נישט באַלד געענטפערט, זיך פאַרטראַכט. דער־נאָך האָט זי אַ לייכטן שמייכל געטאָן און ער האָט באַמערקט, אַז דאָס אָרט, וווּ עס האָט איר געפעלט דער צאָן, איז שוין געווען פאַרפולט. זי האָט געהאַט איצט צוויי גלייכע שורות שאַרפע פאַרפּל־ציין. מיטאַמאָל האָט זי זיך צוריק אָנגעצונדן:

— דו האָסט דאָך געזען, אַז כ'בין מיט דיר ברוגז!... —

האָט זי מיט פאַרוואורף זיך אָנגערופן — וואָס־זשע האָסטו מיך די גאַנצע צייט נישט געפרעגט פאַרוואָס כ׳בין מיט דיר ברוגז?!... האָסט זיך געדראַפּט פרעגן!

— כ׳האָב דיך געוואָלט פרעגן... אָבער כ׳האָב דיך נישט געזען... כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז כ׳פאָר אַוועק און כ׳וועל דיך נעמען צו מיר... איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל מיר אויפעפענען אַ „שאָפּ", וועל איך דיך מאַכן ביי מיר פאַר אַ „מענעדזשערעס"...

— דו דאַרפסט זיך נישט באַמיען... כ׳וועל צו דיר נישט קומען! איך פאָר מיט דער מאַמען אַוועק צו אַ מומע קיין ענג־לאַנד... איך וועל שוין דאָרט פאַרבלייבן... דערנאָך וועל איך פאָרן קיין אַמעריקע...

— ס׳איז נישט אמת!... דו טראַכסט עס אויס, ס׳זאָל מיך פאַרדריסן... אַז דו ווילסט נישט קומען צו מיר, איז נישט! אָבער איך האָב דיך ליב...

— און איך האָב דיך אויך ליב...

— דו פאָרסט דאָך אַוועק קיין ענגלאַנד...

— איך האָב עס ספּעציעל געזאָגט... געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף דיר מאַכן... געוואָלט דיך אויס־פּרווון, צי האָסט מיך אויף אַן אמת ליב...

מיטאַמאָל איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אים, פאַרפלאָכטן אירע לאַנגע הענט אַרום זיין האַלז, זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו אים, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס געשראָקן און מיט אירע הייסע, אַ ביסל געשוואָלענע ליפּן אים אַ קוש געטאָן גלייך אין מויל אַריין. דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז אין דער ערשטער רגע איז ער געבליבן שטיין זייער צעטומלט, נישט גע־ווּסט וואָס צו טאָן. אַז ער האָט זי אָבער געוואָלט אַרומנעמען, צופּרעסן צו זיך, האָט זי זיך האַסטיק אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און גיך אַנטלאָפן.

— גוד־באַי, לעזלי... גוד־באַי... — האָט ער דערהערט אירע לעצטע טרערנדיק־פאַרשטיקטע געזעגן־ווערטער, בעת זי האָט זיך גיך פון אים דערווייטערט.

ער איז געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט. אויפן מויל האָט ער נאָך פריש געפילט אירע הייסע ליפּן, אויפן האַלז דעם

גלאַטיק־ווייכן באַריר פון אירע הענט, פון איר פּנים, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ אָנגענעמער היץ געגאָסן אין אים. זי איז אַזוי שנעל געלאָפן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט ער זאָל זי נישט דער־יאָגן. אירע בלאָנדע צעפּ האָבן זיך שטאַרק געוואָרפן און דאָס קלייד האָט זיך געפּאַליעט, אויפגעדעקט אירע מיידלעריש־הויכע פיס. זי איז נישט אַריין צו זיך אין שטוב, נאָר געלאָפן גלייך־אויס מיטן געסל. פּלוצים האָט זי זיך ערגעץ אַריינגעדרייט און ער האָט זי שוין מער נישט געזען. אַ בענקשאַפט האָט אים אָנגעהויבן צו נאָגן. ווער ווייסט, צי ער וועט זי קענען ברענגען צו זיך, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט... ווער ווייסט, צי ער וועט זי נאָכאַמאָל זען...

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, גלייך ער וואָלט וועלן מיטאַמאָל אָפּטרייסלען פון זיך די אַלע טרויעריקע מחשבות און זיך געלאָזט גיין אַהיים. אינדערהיים האָט ער געטראָפן די מאַמען, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים פאַרפּאַקן די זאַכן. אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אים באַלד באַוואָרפן מיט טענות, הלמאי אַזאַ גרויסער יונג דרייט זיך אַרום פוסט־און־פּאַס און העלפט גאָרנישט צו. אָבער אַז ער האָט איר געוואָלט העלפן און זיך צו עפּעס צוגערירט, האָט זי דאָס נישט געקענט ליידן, וואָרן אַלץ האָט געמוזט דורך אירע אייגענע הענט דורכגיין. בלויז ווען ס'איז געקומען צו פאַרפּאַקן די שווערע מעבל, האָט זי דאָס אָנפאַרטרויט דעם מאַן.

דעם מיסטער זעלינג איז אָבער נישט געשטאַנען דער קאָפּ זיך אַזוי לאַנג מתעסק צו זיין מיטן פאַרפּאַקן די זאַכן, ווי דעם ווייב. דער קאָפּ איז אים שוין געווען אין מעלבורן, ווו ער האָט איינגעצאָלט אויף אַ הויז און זיך שוין אַרומגעקוקט וועגן אַ „ביזנעס”. בשעת ער האָט נאָכגעגעבן דעם ווייב און באַשלאָסן זיך אַריבערצוקלייבן קיין מעלבורן, איז ער נישט געשטאַנען מיט קיין פאַרלייגטע הענט, נייערט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. ס'האָט זיך אויפגעוועקט אין אים פונקט די זעלבע ענערגיע, ווי אין די ערשטע צייטן אין ראַזמאַר. זינט ער האָט פאַרקויפט אין ראַזמאַר די „שאָפּ” מיט הכל בכל — מיטן גאַנצן „סטאָק” — איז ער געווען מער אַ מעלבורנער, ווי אַ ראַזמאַרער. כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען אַביסל שעמעוודיק,

האָט ער דאָס דווקא נישט געוואָלט אַרויסווייזן און זיך אומע־טום אַליין דערשלאָגן. ער איז אויס־געווען אין אַלע אַמטן, דורכגעפירט אַלע פאָרמאַליטעטן. דאָס הויז אין מעלבורן איז געווען אַ ווילדע מציאה און ער האָט באַקומען דערויף אַ גרויסן „מאָרגעדזש". ער האָט פּאַראַדירט אומעטום מיט זיין ענגליש, געמישט מיט אַ סך „סלענג"־ווערטער פון דער „קאַונטרי", וואָס האָט זיך דווקא צו אים נישט געפּאַסט. ער האָט זיך אַצינד שוין געפילט אַ סך מער זיכער, ווי אין די ערשטע צייטן, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע און זיך ברייט געשטעלט — זיך געשטעלט מעשה־גביר. זאָלן די מעלבורנער יידן זען ווער ס'איז מיסטער זעלינג! צוליב זיין זיכערקייט אין זיך, האָט ער שוין אין מעלבורן זיך אָפּגעזוכט אַ שותף, דעם מיסטער זיידנער, אַ וואַרשעווער שניידער, אַ גרויס־האַלטער, וואָס האָט געטענהט, אַז אַלע מעלבורנער שניידער זענען פּאַרטאַטשעס און ער בלויז אַליין קען מאַכן אַ שטיקל אַרבעט — אַ צאַצקע... אָט דער גרויס־האַלטער איז ממש אים נאָכגעלאָפן, ער זאָל מאַכן מיט אים שותפות...

בשעת מיסטער זעלינג איז צוריקגעקומען פון מעלבורן, אַ פאַרטועגער אין זיינע געשעפטן און ער האָט זיך באַרימט פאַרן ווייב סאַראַ אויפטוער ער איז, האָט זי זיך, ווי איר שטייגער איז, זייער געשראָקן און דאָס רעכטע אויג האָט זיך ביי איר אינגאַנצן פאַרמרוזשעט און אים פאַרשנדיק באַטראַכט.

— הערסט, הערש... הערי... — האָט זי אים מיטאַמאָל גערופן אויך „הערי", צוליב די גרויסע געשעפטן, וואָס ער גייט מאַכן — כ'וויים... וואָס האָסטו געדאַרפט קויפן דאָס הויז... האָסט עס געקענט דינגען... צי קענען מיר זיך דערלויבן?... איך האָב נישט געציילט דיין געלט... כ'וויים... צי שטעלסטו נישט צופיל איין?...

— איי, שיינדל... ביזט נאָך געבליבן דיזעלבע ווי אַמאָל... ס'זאָל דאָס פעלן אַ האָר! — האָבן מיסטער זעלינגס ציגיינערישע ברוינע, נאָך יונגע אויגן זיך ווילעריש צעלאַכט — ביזט נאָך אַלץ די וואַרשעווער נאַיווע פּאַנגע... כ'פאַרשטעק זיי, די מעלבורנער יידן, אין דער ווענטל־קעשענע! די צייטן האָבן זיך געביטן... כ'בין מער נישט קיין גרינער...

דערהערט די רייד, איז מיסיס זעלינג ווידער געקומען צו דער מסקנה, אַז איר מאַן איז אַ „סטאַוויאַק", אַ „שאו־אָף". מען דאַרף מיט אַ מאַן לעבן לאַנגע יאָרן, מען זאָל זיך אויף אים דערקענען. פונדעסטוועגן האָט איר איצט נישט געאַרט זיין באַרימען זיך, פאַרקערט ער האָט אין אירע אויגן דערמיט אַפילו נושא־חן געווען. זי האָט זיך דערפילט לעבן אים זיכער און באַשיצט...

מיסטער זעלינג האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו זען ווי דאָס ווייב פּאַקט זיך, עס האָט אים אַרויסגעיאָגט פון שטוב. בעת דער לאָסט־אויטאָ איז מיט אַ געפּילדער פאַרפאָרן צום הויז און די טרעגער האָבן אין גרויס געאייל גענומען אַרויפלאַדעווען די גאַנצעווירטשאַפט, איז ער געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט נישט געוואָלט מער בלייבן קיין איין מינוט אין די ליידיקע שטובן. ער האָט געטריבן, געאיילט, געוואָלט, אַז דאָס הויז־געזינד זאָל זיך שוין אַריינזעצן אין זיין אויטאָ און מען זאָל אַוועק קיין מעלבורן. אָבער מיסיס זעלינג, וואָס איז נישט געווען אַזוי ראַפּטאָוונע, ווי דער מאַן און אַלץ געטאָן מיט פיל איבערגעלייגטקייט און ישוב־הדעת, האָט גע־זאָגט הערשן, אַז מען דאַרף זיך גיין געזעגענען מיט די שכנים, צווישן וועלכע מען האָט אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן.

— ביזט גערעכט, שיינדל, לאַנג זאָלסטו מיר לעבן! גלויב מיר, כ'האָב אין דעם אויך געדענקט!... — האָט מיסטער זעלינג זיך אָנגערופן און איז אַרויס זיך געזעגענען מיט די גויאישע קרעמער, וואָס זענען יאָרן־לאַנג געווען זיינע שכנים.

כאָטש די שכנים, די „ביזנעס"־לייט, האָבן הינטער מיס־טער זעלינגס פּלייצעס אָפּט אויף אים גערעדט, געהאַט טענות, וואָס דער ייד רייסט צופיל איין און זיי זענען צופרידן געווען, וואָס זיי ווערן פּטור אַ גרויסן קאָנקורענט, האָבן זיי דאָס נישט אַרויסגעוויזן און זיך מיט אים וואַרעם געזעגנט.

— גוד לאַק!... —האָבן זיי אים צוגעווונטשן — אַ סך מזל אין דער גרויסער שטאָט!...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די „ביזנעס"־לייט, איז מיסטער זעלינג איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף אַריינגיין זיך געזעגענען צו

ראַן דעם גאָלד־גרעבער, וואָס איז שוין מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער. צו ראַנען זענען מיטגעגאַנגען מאַרי און לעזלי.

צוגעדעקט מיט אַלטע צעריסענע מלבושים און שמאַטעס, איז ראַן דער גאָלד־גרעבער געלעגן אין בעט, אַ מסוכן־קראַנקער. ער האָט גאָרנישט געזען, בלויז שאָטנס. די לאַנגע, צעפּאַטלטע, זילבערן־פאַרגעלטע האָר פון זיין קאָפּ און פּנים זענען געלעגן צעשיט אויפן ברודיקן קישעלע און אויסגעזען, ווי אַ צעשטערטע נעסט. פון דער צעשטערטער נעסט האָט אַרויסגעקוקט אַ פּיצל געל פּנים, ווי אַ פאַרדאַרט פּעניצל ליימיקע ערד. לעבן ראַנען איז געשטאַנען די אַלטע צעבראָכענע ביקס, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל אַרומפּאַראַדירט איבערן שטעטל, געוואָלט אויסלייזן די „שוואַרצע". אין שטוב זענען, ווי געווײנטלעך, געווען די אַבאָרידזשין־קינדער. אויך האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט די קעץ, אויסגעהונגערטע און אויסגעמאָגערטע, אַז ס'האָט אָנגעכאַפּט אַ רחמנות צו קוקן אויף זיי.

ראַן האָט אַפילו אין די שטימען קוים דערקענט ווער ס'איז צו אים אַריין און מאַרי און לעזלי האָבן געמוזט אַריינשרייען אין זיינע אויערן:

— איי, ראַן... — האָבן זיי אַריינגעשריגן אין אים, ווי אין אַ טויבן — דאָס בין איך, מאַרי! דאָס בין איך, לעזלי!... מיר זענען זיך געקומען געזעגענען... מיר פאָרן קיין מעלבורן... טשיריאָ, ראַן...

בעתן אַרויסגיין האָבן די אַבאָרידזשין־קינדער באַגלייט מאַרין מיט די שוואַרצע, הייסע מדבר־אויגן.

— גוד־באַי... — איז ער צו זיי נאָענט צוגעקומען — סי יו אגיין...

אויף צום סאַמע לעצט — דערפאַר ווייל זיי זענען געווען די נאָענטסטע שכנים — האָט מיסטער זעלינג איבערגעלאָזט דאָס אַריינגיין זיך געזעגענען מיט מיסטער און מיסיס רעלי. מחמת דעם, וואָס עס איז שוין געווען שפּעט, האָט מען זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו איילן. אין הויז פון די רעלים האָט מען שוין געוואַרט, אַז די משפּחה זעלינג זאָל אַריינקומען. אַלע טעכטער זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט, חוץ דזשינען, וואָס איז

ערגעץ אוועק. דיק, וואָס איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ שווייגער, האָט מיטאַמאָל זיך געלאָזט הערן:

— כ'וויים נישט, וואָס איר אַנטלויפט פון אונז?... — האָט ער ווי צו זיך אַ ברום געטאָן — מיר האָבן אייך באַהאַנדלט, ווי אייגענע... בעסער ווי אייגענע... ס'איז אייך דען שלעכט געווען ביי אונז?... כ'האָב פיינט די גרויסע שטאָט...

באָב און מאַרי האָבן זיך פעסט אַ דריק געטאָן די הענט, גאָרנישט געזאָגט צו זיך און זיך באַלד אָפּגעקערט איינער פון אַנדערן.

— גוד־באַי... גוד לאַק!... — האָט די מיסיס רעלי געווונטשן די שכנים און געווישט די נאַסע אויגן.

בשעת מיסטער זעלינג מיטן הויז־געזינד זענען שוין געזעסן אין אויטאָ, איז די משפּחה רעלי אַרויס פאַרן הויז און נאָכגעקוקט דעם אויטאָ אַזוי לאַנג, ביז ער איז פאַרשוווּנדן...

אין דער נייער היים אין מעלבורן, האָט אָפּגעוואַרט דעם אויטאָ פּאַולין, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון זייער אייגן פריש־געקויפט הויז. די גאַנצע ווירטשאַפט איז דאָ געלעגן צעזייט אין אַלע שטובן, פּונקט אין דעם זעלבן מעמד ווי די טרעגערס האָבן אַלץ איבערגעלאָזט. פּאַולין האָט גאָרנישט צוגערוימט. מיסיס זעלינג האָט נאָך נישט געזען דאָס הויז, וואָס מיסטער זעלינג האָט איינגעהאַנדלט און כאָטש עס איז איר אין ערשטן אויגנבליק נישט געפעלן, האָט זי באַלד שלום געמאַכט מיטן גורל און זיך אַליין איינגערעדט, אַז דאָס הויז איז זייער שיין. זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס זי איז שוין אין מעלבורן...

זי האָט זיך באַלד אָנגעגורט צו דער אַרבעט און גענומען קודם־כל צורוימען אַביסל די זאַכן, מען זאָל זיך קענען רירן. דערנאָך איז זי אַרויס איינקויפן, כדי אָפּצוקאָכן עפּעס צו עסן. כאָטש די קינדער האָבן זיך געפוילט, נישט געוואָלט איר צוהעלפן און אַלעמאָל אַרויס אינדרויסן, כדי צו באַקוקן די גאַס, וווּ זיי וועלן וווינען, האָט זי זיי געצוווּנגען זיי זאָלן איר העלפן אויספּאַקן אַ טייל זאַכן. הערש האָט זי געבעטן, זי זאָל לאָזן אַלץ שטיין ביז מאָרגן און זיך גיין לייגן שלאָפן, נאָר זי האָט אים נישט געפאָלגט.

מיסטער זעלינג האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגיין דעם ווייבס קאָפּ, נישט געוואָלט איר הײנט אין גאָרנישט צוהעלפֿן — און אַרויס אינדרויסן. עס איז שוין געווען שפּעט און די פֿינצטערע קאַרלטאָנער גאַס איז געשלאָפֿן. עס איז געווען קאַלט און אַ נאַכטיקער נעפּל האָט אַרומגעהילט די צוויי שורות קליינע הייזלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן לענג־אויס דער גאַס און מיט די פֿאַרזשמורעטע פֿענצטער־אייגעלעך געפּרווּוט אַדורכשטעכן דעם טונקעלן נעפּל־שלייער. דער נעפּל איז געוואָרן געדיכט, זיך געקנוילט, געדרייט און זיך געררוקט אויף דעם מיסטער זעלינג מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'איז אים שווער געווען צו שטעלן אַ טריט. ער האָט נישט געזען, ווו ער גייט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שווימט אין דער לופֿטן, אין אַ וואָלקנדיקן ים. זיינע פֿיס באַרירן נישט די ערד, נאָר זיי שוועבן אין ווייכע רויכיקע תהומען. מיסטער זעלינג האָט זיך באַשטעלט אויף מאָרגן מיט דעם מיסטער זיידנער, זיין צוקונפֿטיקן שותּף, און הײנט ביינאַכט האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער די קאַרלטאָנער געסלעך, כדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט יידן. אין ראַזמאַר האָט ער זיך געמוזט גיין פֿרי ליגן, נישט געווען צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן — אָבער דאָ, אין מעלבורן, האָט ער געוואָלט רעדן מיט יידן. ער האָט אָבער קיינעם נישט אָנגעטראָפֿן אין גאַס. ער האָט זיך איינער אַליין געשאַרט פּאַוואָליע אינם נעפּל, וואָס האָט זיך געוויגט, געכוואַליעט, זיך געהויבן און געפֿאַלן...

מיטאַמאָל האָבן זיך צו מיסטער זעלינגס אויערן דערטראָגן צוגעדושעטע קולות, וואָס האָבן דורכגעריסן דעם נעפּל און פֿון דער פֿינצטערניש האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ העל־באַלויכטן פֿענצטער. דאָס העל־באַלויכטענע פֿענצטער האָט צו אים פֿריי־לעך אַ ווונק געטאָן. עס האָט זיך אויפֿגעמאַכט ערגעץ אַ טיר און עס זענען לעבן אים פֿלוצים אויסגעוואַקסן צוויי געשטאַלטן, וואָס האָבן צווישן זיך עפּעס גערעדט. ער האָט דערהערט, אַז זיי רעדן יידיש. ווען די געשטאַלטן האָבן אים דערזען, האָבן זיי אים געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג, אַ מורמל געטאָן אין ענג־ליש „פּאַרדן", נאָר ער האָט זיי אָפּגעשטעלט און זיך צו זיי געוואָנדן:

— שלום־עליכם... — האָט ער צו זיי געזאָגט — ס'איז

אזוי פינצטער, אז מען זעט נישט קיין מענטש... נאָר כ'הער דאָך, אז איר זענט יידן... כ'בין ערשט היינט געקומען קיין מעלבורן... כ'בין נאָך דאָ א שטיקל פרעמדער...

— א נײ־געקומענער?... א גרינער?... — האָבן די יידן אונטערגעכאַפּט זײַנע רייד און נישט געלאָזט אים ענדיקן, ווי זיי וואָלטן שוין אַלץ געוווסט, וואָס ער גייט זאָגן — איר זענט געקומען היינט מיט דער שיף?... פון וואַנען זענט איר געקומען?... פון יוראָפּ?... פון פּוילן?...

— כ'בין נישט געקומען היינט פון פּוילן... כ'בין שוין לאַנג אין אויסטראַליע... — האָט מיסטער זעלינג געלאַסן געענטפערט.

— פון וואַנען־זשע קומט איר, אז איר זענט שוין לאַנג אין דער גאָלדענער מדינה?... — האָט איינער פון די יידן מיט נייגעריקייט א פרעג געטאָן.

— פון ראַזמאַר... א קליין שטעטל אין דער „קאַונטרי"...

— פון וואַנען?... פון ראַזמאַר?... נישט געהערט פון אַזא „פּלעיס"... וואָס־זשע זענט איר געקומען קיין מעלבורן?... איר מיינט, אז אין מעלבורן שאַרט מען גאָלד אין די גאַסן?... דאַכט זיך, אַז די יידן וואָס זענען געווען ביים רעכטן שכל און זיך „געסעטלט" אין דער „קאַונטרי", מאַכן דווקא אָל־רייט... קומט, מ'וועלמער צוריק אַריינגיין צו סאַראַן דער אלמנה, באַשטעלן א גלעזל טיי און כאַפּן א שמועס... טשיקאַווע צו וויסן, וואָס יידן פון דער „קאַונטרי" האָבן צו זאָגן...

אז זיי זענען אַריינגעקומען צו סאַראַן דער אלמנה, וואָס האָט געהאַט אַ רעסטאָראַנדל פון היימישע מיטאָגן, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן עולם יידן. עס האָבן זיך דאָ געמישט די היימישע ריחות פון געהאַקטע לעבערלעך, פון באָרשט־און־קאַרטאָפל, געפילטע מילץ און געבראָטענע הון. ביי די טישלעך, פאַרשפּרייט מיט ווייס פאַרפּעצט פּאַפּיר, האָבן געגעסן מיטאָג די „האָקערס", וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן אַהערצובערענגען ווייב־און־קינדער און האָבן זיך שפּעט אין אָוונט אומגעקערט מיט די שווערע וואַליזעס פון די ווייטע שטאָט־טיילן. אויך האָבן דאָ געגעסן מיטאָג די שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביז שפּעט „אָווערטיימס" און געזאַמלט א פונט צו א פונט, כדי אַריבערצובערענגען צו זיך וואָס שנעלער די משפּחות.

מיסטער זעלינג האָט דאָ געטראָפן אַ באַקאַנטן „מעניופעק־טשורער", ביי וועלכן ער פלעגט קויפן סחורה פאַר זיין „שאָפּ" אין ראָזמאַר. דער פאַבריקאַנט האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און זיך באַלד צוגעזעצט צום טיש, וווּ ער איז געזעסן מיט די פריש־באַקענטע יידן. עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן „ביזנעס" אין דער „קאַונטרי", וועגן מסחר אין מעלבורן. מען האָט גע־רעדט וועגן דער שלעכטער צייט, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די יידן אין דער פּוילנדערס־ליין. ווער ס'האָט געהאַט שכל און געמאַכט אַ „בורא מאורי האש" איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער און ווער נישט, האָט געמוזט גיין פּליטה... און ביים גיין פּליטה זענען טייל יידן אַרויס, לאָ־עלינו, נקי און טייל זענען נתעשר געוואָרן...

— און סאַראַ גליקן האָבן שוין אומשטיינסגעזאָגט, די רייַ־כע שניידערס, די „פּראָפעסאָרן", וואָס מען קען נישט צו זייער קאָפּ צוקומען?... — האָט זיך אָנגערופן מיסטער קליין, צו וועלכן דער נאָמען האָט זיך זייער גוט געפּאַסט, וואָרן ער איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ דאַר קמץ־בערדל — סאַראַ לעבן פירן זיי? זיי זיצן אין די רייכע פּאַלאַצן און פינצטערן אָפּ דאָס ביסל יאָרן! די קינדער, וואָס גייען אין די „קאָלעדזשעס", מאַכן פון די עלטערן דאָס גענאַר... און די רייכע יאהודים קוקן נאָך אַלץ אויף די פּוילישע יידן פון אויבן אַראָפּ... שמעקן נישט אין זייער זייט אַריין!...

— גערעכט, מיסטער קליין!... — האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעמישט אַ קול פון אַן אַנדער טיש — ביים בעסטן גוטן קען מען זיך נישט צוגעוווינען צו דער גאָלדענער מדינה! אַז מען אַרבעט שוין אָפּ אַ גאַנצן טאָג שווער און ביטער, וואָס האָט מען נאָך דער אַרבעט? אין פּוילן איז געווען עפּעס אַנדערש! דער פּאָליאַק איז טאַקע געווען אַ הונט מיט אויערן, נישט אַזוי גוט, ווי דער היגער יאָק, אָבער דער ייד איז געווען ביי זיך אין דער היים... אַלץ איז נישט דאָס געלט!

— נו, גענוג גערעדט דברים בטלים... הערט נישט, וואָס די יידן רעדן! — האָט זיך מיט כעס אויפגעשטעלט דער „מעניו־פעקטשורער", וואָס האָט פיינט געהאַט, אַז מען רעדט שלעכטס אויף אויסטראַליע און אָנגענומען דעם מיסטער זעלינג פאַר אַן

אָרעם — מיסטער קליין האָט נאָך נישט געגנוג געלט, גלייכט ער נישט די מדינה... אַז ער וועט דערזען דעם ערשטן טויזנטער, וועט ער אַנדערש דרשנען... קומט, מיסטער זעלינג, לאָמיר בע־סער אַריינגיין אין „התחיה" און אַריינקוקן אין אַ יידיש בלעטל... זען וואָס הערט זיך אויף דער גרויסער וועלט... פון די ענגלישע „פּעיפּערס" קען מען נישט ווערן קלוג... אַז מען קען שוין אַביסל ענגליש, קוקט מען נאָך אַלץ אַריין אין די „פּעיפּערס", ווי אַ האָן אין בני־אדם!...

פונקט ווי ביי סאַראַן דער אלמנה, האָבן די יידן צו־מיינסטנס גערעדט וועגן פּרנסה, וועגן מסחר, אַזוי האָבן די יידן אין „התחיה" גערעדט דער עיקר וועגן פּאָליטיק, וועגן פּאַרטייען. אין ביבליאָטעק־זאַל איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, וווּ עס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע יידישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט. איבער די צייטונגען זענען געזעסן איינגעהוי־קערט די יידן. טייל האָבן אַריינגעקוקט אין די צייטונגען און טייל האָבן גערעדט וועגן די לעצטע געשעענישן, וואָס האָבן דער עיקר אַ שייכות געהאַט צו יידן.

בשעת דער מעלבורנער פאַבריקאַנט האָט אַריינגעפירט מיסטער זעלינג אין ביבליאָטעק־זאַל, האָט ער זיך באַלד אָנ־געטראָפן אויפן ביבליאָטעקאַר, דעם חבר מענקעס, וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט צווישן די לייענענדיקע יידן, אָדער ער איז געקראָכן אויף אַ לייטער צווישן די פּאָליצעס מיט יידישע ביכער. אַ קליינער, אַ דאַרער, אייביק נישט קיין ראַזירטער, מיט אַ צוויי־קער אויפן קליינעם נעזל, האָט דער חבר מענקעס, דער ליטוואַק, נישט נאָר גוט געקענט די אַלע יידן און יידענעס, וואָס זענען געקומען צו אים באָרגן ביכער, נאָר ער איז געווען אויך אויס־געקאָכט מיט די אַלע ווערק, וואָס זענען געשטאַנען אויף די פּאָ־ליצעס. פונקט ווי אַ דאָקטאָר ווייסט, וואָס פאַר אַ רפואה ער דאַרף פאַרשרייבן דעם קראַנקן, אַזוי האָט חבר מענקעס געוווּסט, וואָס פאַר אַ בוך ער דאַרף אַנטלייען זיינעם אַ לייענער...

אַז דער חבר מענקעס האָט דערזען דעם מיסטער זעלינג האָט ער באַלד דערשמעקט, אַז ער איז ערשט געקומען קיין מעלבורן און ער האָט אים כהרף־עין אונטערגערוקט אַ ליידיקן

בלאַנקעט, כדי ער זאָל אים אויספּילן און ווערן אַ מיטגליד אין „התחיה״.

— ביכער וועט איר באַקומען אומזיסט... — האָט ער געזאָגט צום מיסטער זעלינג — סריבט נאָר אונטער דעם בלאַנקעט... איך וועל אייך שוין אויסקלויבן אַ גוט בוך... איך וועל אייך אויסבאָרגן אַ בוך פון שלום־עליכמען, וועט איר וויסן, אַזש איר לעבט אויף דער וועלט...

בשעת חבר מענקעס האָט מיט אַזאַ געשעפטסמעסיקן טראָג־אונטער דערלאַנגט דעם מיסטער זעלינג דעם בלאַנקעט, האָט ער זיך אַביסל דערשראָקן, נישט געוואָלט אים אין דער ערשטער רגע אונטערשרייבן, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר עפּעס אַ האַרבער געשעפטס־טראַנזאַקציע. אָבער שפּעטער אַביסל, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעלייענט דאָס פּאַפּיר, האָט ער עס אונטערגעשריבן.

דער חבר מענקעס האָט פון שטענדיק אָן געהאַט אַזאַ טבע צו דערלעדיקן אַלץ אין ביבליאָטעק מיט אַזאַ געשעפטסמעסיקן טאָן, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט געווען גאָר אַ וואַזשנער „ביזנעס״־מאַן. אין דער אמתן אָבער האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן קיין געשעפטן נישט געמאַכט. אין מעלבורן איז ער געוואָרן ביבליאָטעקאַר און גלייכצייטיק סעקרעטאַר פון „התחיה״, ווען די דאָזיקע אינסטיטוציע איז נאָך געווען אין די ווי־קעלעך און זיך געפונען אין אַ קליין שטיבל ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפן געסל. אין דעם קליינעם שטיבל האָט ער זיך געקאָכט טיי אויף אַן אַלטער נאַפט־מאַשינקע און געלעבט פון פּענעס. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אַ סך נישט געדאַרפט. די לאַנגע יאָרן תפיסה, וואָס ער איז אָפּגעזעסן ביים צאַר פאַר זיינע בונ־דישע חטאים, האָבן אים צוגעוווינט אָפּצוקומען מיט שהי׳ פהי׳, אַבי נאָר דעם מאָגן צו פאַרשטופּן. און פּונקט ווי ער האָט זיך געפירט, אַזוי האָט זיך געפירט דאָס ווייב זיינס, די חברטע רבקה, וואָס איז אָפּט צו אים געקומען נאָך דער אַרבעט אין ביבליאָטעק און זיך אַריינגעטאָן אין די ביכער. ווען דאָס פּאָרל האָט צווישן זיך גערעדט, האָט ער זי גערופן „חברטע רבקה״ און זי אים „חבר מענקעס״, ווי זיי וואָלטן נישט געווען מאַן־און־ווייב...

פון דעם גאז־אייוועלע, וואָס האָט געברענט אין ביבליאָטעק־זאַל, איז נישט געווען איבעריק וואָרעם און די מענטשן זענען דאָ געזעסן אין די פּאַלטנס. דער מעלבורנער פאַבריקאַנט האָט הערשן אונטערגעטראָגן אַ יידישע צייטונג. אין ראָזמאַר האָט ער זיכער נישט געהאַט קיין יידיש בלאַט! מיסטער זעלינג האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און זיך צו־געכאַפּט צו דער צייטונג, אַז ער האָט נישט באַמערקט, וואָס טוט זיך אַרום אים. בשעת ער האָט געלייענט די אַלע נייעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפינט זיך אויף די נאַלעווקעס, אויף דער גענשע און די אַלע יאָרן זיינע אין ראָזמאַר זענען מיטאַמאָל אויסגעמעקט געוואָרן. ער האָט נישט געהערט ווי ס'האָט זיך צעפּלאַקערט אַ ויכוח צווישן צוויי יידן, וואָס זענען דאָ געזעסן אין די קאַפּעליושן, פּונקט איינער קעגנאיבער דעם צווייטן. כאָטש די יידן זענען זיך פּאָליטיש געווען גרויסע שונאים, האָבן זיי זיך דווקא געזוכט און זיך ליב געהאַט אָפּט צו טרעפן, כדי זיך קענען אַריינזאָגן איינער דעם אַנדערן. דער ויכוח, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן־לאַנג, האָט זיך איצט ווייטער אַזוי צעפּלאַקערט, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן די אַנדערע יידן, וואָס זענען גע־זעסן ביים טיש און עס איז געוואָרן אַ גערודער, אַז מען האָט מער נישט געקענט לייענען.

מיסטער זעלינג איז אַלץ פאַרטאָן געווען אין דער צייטונג, אָבער פּלוצים האָבן זיך צו אים דערטראָגן אַזעלכע רייד, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט.

— אַז איר בענקט אַזוי שטאַרק נאָך ציון, וואָס־זשע זענט איר אַהערגעקומען?... — האָט מיסטער זעלינג דערהערט רייד, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק געהערט אין וואַרשע, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן עפּעס אַ פאַריין — ס'וואָלט געפּאַסט, אַז ס'האָט ווער געשיקט נאָך אייך!... ס'איז גרינג צו פּרעדיקן וואַסער און אַליין צו טרינקען ווייַן!...

— וואָס מיינט איר, כ'וועל טאַקע פאָרן קיין ארץ־ישראל!... אָבער איר קיין רוסלאַנד וועט נישט פאָרן! איר וועט הי מאַכן געלט, אויסנוצן דעם אַרבעטער און רעדן רעוואָלוציאָנערע פראַזן! דער באַטיושקאַ אייערער איז נאָך מער רוצח ווי דער

צאַר!... ער האָט שוין איינמאָל באַפרייט דעם אַרבעטער! פאַר־שיקט אים אין די תפיסות, קיין סיביר!...

כאָטש דעם חבר מענקעס האָט געשמאַרצט די צונג און ער האָט אַליין געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט געמישט און באַרואיקט די צעהיצטע געמיטער:

— זייט שטיל, חברים... — האָט ער געזאָגט — סטערט ניט!... מענטשן ווילן לייענען!... אַ דיסקוסיע דאַרף שטיין אויף אַ געהעריקער הויך! מען דאַרף ניט קיינעם אָנגרייפן פּער־זענלעך!...

ווען מיסטער זעלינג איז אַהיים געגאַנגען, איז ער שוין געווען זייער מיד און די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. ער האָט היינט געהאַט אַ שווערן טאָג און אפשר נישט געדאַרפט אַרויסגיין. מאָרגן גאַנץ פרי דאַרף ער זיך טרעפן מיטן שותּף. דער קאָפּ איז געווען ביי אים פול, איבערגעלאָדנט.

אויף דער גאַס איז דער נעפּל שיטערער געוואָרן, זיך אויפגעהויבן, ווי אַ פורהאַנג. ס'איז געוואָרן אַביסל ליכטיקער...

## קאַפּיטל דרייצן

# די פירמע „קאָנטינענטאַל פעשנס"

ווען אַלץ איז שוין געווען פיקס־און־פאַרטיק — די פאַב־ריק איז געווען איינגעשטעלט מיט צוויי לאַנגע שורות מאַשי־נען, די „שאָו־רום" איז געווען איינגעריכטעט מיט פּליושן־רויטע פאָטעלן און לאַנגע שפּיגלען און דער „אָפיס" איז געווען אויס־געשטאַט מיט אַ שרייב־מאַשין און פיל קליינע פּאָליצעס — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיסטער זעלינג האָט נישט שטאַרק געטראָפן מיטן שותף זיינעם, דעם מיסטער זיידנער.

די מחלוקתן האָבן זיך שוין אייגנטלעך געהאַט אָנגעהויבן באַלד פון אָנהויב, ווען דאָס שותפות איז נאָך געשטאַנען אויף הינערישע פיסלעך. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די שותפים זענען נישט קיין פּאָר. נישט איינמאָל האָט מיסטער זייד־נער געוואָרפן דעם מיסטער זעלינג דעם גט צו די פיס און ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז דאָס שותפות זאָל ווערן אויס. צום שלום האָט פיל צוגעהאָלפן מיסים זיידנער. זי האָט געוווסט ווי אַזוי אונטערצוקומען דעם מאַן, וואָס איז געווען אַן עקשן און אַ גרויס־האַלטער. אויב מיסים זעלינג האָט דעם מאַן פאַרגע־וואָרפן, אַז ער איז אַ באַרימער, איז מיסטער זיידנערס גאַנצע עובדא באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל זיך באַווייזן פאַר מענטשן. כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין געלט און געמוזט אָנקומען צו דער באַנק נאָך אַן „אָווערדראַפט", האָט ער געוואָלט אַלץ איינאָרדענען מיט גרויס פּאָמפּע און געלייגט דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן.

מיסים זיידנער האָט שוין גוט געקענט דעם מאַנס קאַפּריזן און אַלעמאָל, ווען ער האָט געוואָרפן דעם שותף דאָס פּעקל צו די פיס און איז אַנטלאָפן, איז זי אים נאָכגעלאָפן און זיך געבעטן ביי אים:

— נו, באַרואיק דיך, גאָלובטשיק... — האָט זי אים גע־גלעט איבער זיינע פּולע, ווי אויסגעשטאָפּטע אַקסלען — באַ־רואיק דיך... כ'ווייס, אַז דו ביסט גערעכט... אָבער וואָס קען מען מאַכן, גאָלובטשיק...

אונטער דעם ווייבס גלעטנדיקע הענט, איז זיין כעס צע־שמאָלצן געוואָרן, ווי שניי אונטער די שטראַלן פון דער זון. ער האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען און זיך צוריקגעקערט אין געשעפט אריין.

— איך טו עס בלויז פאַר דיר, גאָלובושקאַ... — האָט זיין רויט, אָנגעגאָסן־פול לבנה־פּנים זיך צעגאַנגען אין נחת פון דעם ווייבס געטריישאַפט — בלויז פאַר דיר טו איך דאָס!... זאָ וואַר איך לעב...

כאָטש מיסטער זיידנער האָט שוין געהאַט גענוג מפּלות אין זיין לעבן צוליב זיין עקשנות, האָט ער זיך אַלץ נישט גע־בראָכן און געמיינט שטענדיק, אַז ער איז דער גערעכטער. פון די אַלע מפּלות האָט ער זיך אָבער פיל נישט געמאַכט — בלויז דער סכסוך, וואָס ער האָט געהאַט מיטן אייגענעם זון, איז אים קיינמאָל נישט אַרויס פון קאָפּ און אין אים געיאָטערט, ווי אַ נישט־פאַרהיילטע וווּנד. דער סכסוך מיטן זון האָט ער געהאַט עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע און זיך באַזעצט אין פּערט. ער מיטן זון האָבן זיך דאָרט אויפגע־מאַכט אַ געשעפט — אָבער דאָס שותּפות האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער סוף איז געווען, אַז מיסטער זיידנער האָט געמוזט אַוועק פון פּערט, כאָטש ער איז געווען צוגעבונדן צום זון און דער עיקר צום אייניקל, וואָס איז ביים זון געבוירן געוואָרן און געברענגט דעם זיידן פיל נחת.

אַז אַן אייגענער זון, וואָס איז געווען ביי אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ, זאָל אים אַזוי ווידערשפּעניקן, אויף דעם האָט זיך מיסטער זיידנער נישט געריכט און דאָס האָט אים אויס מענטש געמאַכט. כאָטש מיסטער זיידנער איז געווען אַ שניידער, האָט ער אָבער אין וואַרשע געשפּילט די גרויסע ראָלע און געטראָגן פּאַריסן דעם קאָפּ. ער איז געווען זייער רייך און אויף דער קרו־לעווסקע געפירט אַ געשעפט, וווּ די גרעסטע דאַמעס, די ווייבער פון די גרויסע רוסישע סוחרים און פון די פּוילישע פּריצים

האָבן זיך אָנגעטאָן. שבת האָט ער געדאַוונט אין דער טלאָ־מאַצקער סינאַגאָגע און ער איז דאָרט געקומען אָנגעטאָן אין אַ צילינדער און אין אַ שוואַרצן עלעגאַנטן שלום־ראָק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פראַק. ער האָט גערעדט אַ דייטשמערישן יידיש, באַווירצט מיט רוסישע ווערטער. מען האָט געוווסט, אַז ער האָט אַן אָפענע האַנט און כלערליי חברות און געזעלשאַפטן זענען געקומען צו אים נעמען געלט. געגעבן האָט ער אָבער צומיינסטנס אויף ציוניסטישע צוועקן און ער האָט יעדעס יאָר געקויפט אַ שקל.

נאָך דעם ווי מיסטער זיידנער איז אָנגעקומען פון פערט קיין מעלבורן, האָט ער געפּרווט דאָס מזל אין פאַרשידענע „ביזנעס" — אָבער ס'איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט דווקא געוואָלט אויפשטעלן אַ געשעפט מיטן גרויסן פאַרנעם, ווי אַמאָל אין וואַרשע, אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ געוווינשאַפט זיך צופיל צו שפּיגלען אין אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער דאָ, אין דעם לאַנד פון „האַררי־אַפּ" גאָרנישט אויפגעטאָן. די אַנדערע „מעניופעקטשורערס", וואָס זענען אינגאַנצן קיין בעלי־מלאכות נישט געווען, זענען געשטיגן אַלעמאָל העכער, אָבער ער איז געבליבן ביי זיין מויל־מלאכה, אַז אַלע שניידערס אין מעלבורן זענען קאַליקעס און עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען מען וועט זיינס אַ שטיקל אַרבעט אָפּגילטן!...

אַז מיסטער זעלינג האָט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אַראָן זיידנער, האָט ער געגלייבט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אים גע־זאָגט, געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין. ער איז נתפּעל גע־וואָרן פון דער אַרבעט, וואָס יענער האָט אים געוויזן און זיך נישט צוגעהערט צו די יידן, וואָס זענען אים געקומען אָפּרעדן פון שותפות.

אָבער אַזוי גיך ווי ס'איז געוואָרן פון שותפות, האָט מיס־טער זעלינג געזען ווי ער איז אַריינגעפאַלן. ס'האָבן זיך אָנגע־הויבן די זעלבע סכסוכים, וואָס מיסטער זיידנער האָט געהאַט מיט די פריערדיקע שותפים. מיסטער זעלינג האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו וואַרטן, וואָרן ער האָט שוין אַריינגע־בראַכט אין געשעפט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאָרט אין ראָזמאַר. חוץ דעם האָט ער שטילערהייט געגלויבט

אין אַראָן זיידנערס גאָלדענע הענט. אויף אַזעלכע הענט וועט מען זיך מוזן דערקענען! ער האָט אַליין אָנגעהויבן צו פירן דאָס געשעפט און געזען אָפּצושפּאָרן יעדע פּענע. ס'וואָלט אָבער פון שותפות שוין פיל מאָל געוואָרן אויס, ווען נישט די מיסיס זיידנער, וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַריינגעלייגט אין שלום.

די מיסיס זיידנער איז געווען אַ „ביזנעס"־פרוי, געקומען אָפט אין געשעפט אַריין. אַלעמאָל, ווען מיסטער זעלינג האָט איר אויפגעוויזן, אַז די צייטן זענען שלעכט און די „ביזנעס" האַלטן שמאָל, האָט זי אים פאַרשטאַנען אויפן ווונק. אָבער וואָס איז געווען די פּעולה, אַז זי האָט געציטערט פאַרן מאַן און מען האָט געמוזט אַלץ רעדן הינטער מיסטער זיידנערס פּלייצעס...

דערווייל איז די פאַבריק געגאַנגען. די מאַשינען האָבן זיך געדרייט, אין „שאָו־רום" האָט די מאָדעלקע געמאָסטן די קאָסטיומען, די קליידער און ס'האָבן זיך געוויזן קונים. מיסטער זעלינג האָט געהאַט פיל קאָפּ־ברעכעניש צו פאַרשטופּן די לעכער, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל ערגעץ אַנדערש געוויזן. ער איז געלאָפן אין באַנק און אויסגעפּועלט אַ גרעסערן „אָווערדראַפט". די סחורות האָט ער געקויפט אויף לאַנגע טערמינען און אַז ס'איז געקומען צו צאָלן, האָט ער אָפּגעלייגט פון איינמאָל אויפן אַנדערן. אַז די סוחרים אויף דער פלינדערס־ליין האָבן געקוקט אויף דער שיינער, גרויסער שילד „קאָנטינענטל פעשנס", האָבן זיי ביטולדיק געצויגן מיט די אַקסלען און צווישן זיך געשמועסט, אַז אַראָן זיידנער וועט פאַרטכלעווען דאָס ביסל געלט, וואָס הערש זעלינג האָט געבּרענגט פון ראָזמאַר...

ווי אַלעמאָל, ווען ס'איז אים נישט געגאַנגען, האָט הערש זעלינג אויך דאַסמאָל נישט דערציילט דעם ווייב וועגן זיינע שלעכטע געשעפטן, וועגן די צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין פון שותף. ער האָט אַלץ געשטיקט אין זיך. ער האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג ביינאַכט, אָבער ער האָט זיך פאַר שיינדלען נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, כדי איר נישט אָנצוטאָן קיין עגמת־נפש. ווען שיינדל האָט באַמערקט, אַז ער קען ביינאַכט נישט שלאָפן און אים געפרעגט ווי ס'גייען די „ביזנעס", האָט ער געענטפערט:

— די ביזנעס זענען אָל־רייט... קאָנטינענטל פּעשנס האָט שוין אַ שם אין שטאָט...

די מיסיס זעלינג, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זוכן צרות, דאָרט ווו זיי זענען אפילו נישט געווען, האָט דאָס מאָל דווקא יאָ געגלייבט דעם מאַן. גאָרנישט לויט איר טבע איז זי צוגעשטאַנען צו הערשן, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט זיי זאָלן טוישן דאָס מעבל. דאָס ביסל גראַטעס, וואָס זיי האָבן גע־ברענגט פון ראָזמאַר, איז שוין אַלט און זי שעמט זיך אַריינצו־בעטן אַ מענטש אין שטוב. די שותפים זייערע וווינען אַזוי שיין און טאָמער וועט זי זיי פאַרבעטן צו זיך אין הויז, וועט זי נישט קענען ווייזן דאָס פּנים. די שותפטע האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיט איר אַרויסגיין באַשטעלן מעבל פאַרן אויפנאַם־צימער. ווען זי איז צופעליק אַריינגעפאַלן צו איר און געזען ווי זיי וווינען, האָט זי זיך אַזש פאַרקרומט. אויך האָט די שותפטע זיך געפרעגט, ווו זי שיקט די קינדער לערנען. איר טעכטערל, סוזען, גייט אין אַ „קאָלעדזש". אַ קינד דאַרף מען שיקן אין אַ גוטער שול... מען דאַרף זיך דעם ביסן פון מויל אָוועקנעמען און שיקן אַ קינד לערנען... חוץ אין דער גויאישער שול, גייט אויך סוזען אין אַ העברעאישער זונטיק־שול. זי האַלט, אַז ס'איז אַפילו צופיל פאַרן קינד, אָבער זי האָט געמוזט נאָכגעבן דעם מאַן, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, אַז ער וויל די טאָכטער זאָל קענען העברעאיש. ווען ער וואָלט מער אַכטונג געטאָן אויפן זון און אים געשיקט אין אַ יידישער גימנאַזיע אין וואַרשע, וואָלט ער זיכער נישט ווידערגעשפּעניקט דעם טאַטן. איצט מוז ער די פעלערן פאַרבעסערן...

ווען מיסטער זעלינג האָט די אַלע מעשיות דערהערט, איז ער זייער אויפגעקאָכט געוואָרן אויף מיסיס זיידנער, וואָרן זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די געשעפטן זענען נישט פויגלדיק.

— וואָס האָט זיך די מיסיס זיידנער אָנגעזעצט אויף אונז?!... — האָט ער זיך מיט כעס אָנגערופן — ווער האָט זי געבעטן, זי זאָל אַריינשטעקן די נאָז דאָרט ווו מען דאַרף נישט!...

— וואָסי, הערש... מיר זענען דאָך אָל־רייט!... — האָט שיינדל נישט פאַרשטאַנען דאָס פּלוצימדיקע אויפקאָכעניש פונם

מאַן, ווייל שטענדיק איז ער געווען דער, וואָס האָט נישט מורא געהאַט אויסצוגעבן געלט — פאַרוואָס זאָל זיך מיסים זיידנער צו אונז נישט מישן?... זי איז אונז אַ גוטער פריינד...

— מוחל!... מוחל!... כ'דאַרף נישט קיין גוטע פריינד!...

— האָט הערש אַ מרוק געטאָן.

ער האָט אָבער אָפּגעהאַקט, גאָרנישט מער געזאָגט, ווייל ער האָט באַמערקט ווי שיינדל הייבט זיך אָן פון אַלץ שטאַרק אי־בערצונעמען. און כאָטש ער האָט אין דער שטיל נאָך אַלץ געהאַט טענות צו מיסים זיידנער פאַרן מישן זיך צו זיי, האָט ער געגעבן דעם ווייב אַ טשעק, זי זאָל קענען איבערלאָזן אַן אַדערויף אויף נייע מעבל. בעת־מעשה האָט ער באַשלאָסן, אַז צו די קינדער וועט ער די מיסים זיידנער זיך נישט לאָזן אַריינ־מישן. די קינדער וועט ער אין קיין שום „קאָלעדזשעס" נישט פאַרשרייבן און ער וועט זיי ווייטער שיקן אין דער מלוכה־שול. פאַולין וועט בלייבן אַרבעטן אין געשעפט. זי וועט זיין אין „אָפיס" און אַז מען וועט דאַרפן, וועט זי אָנמעסטן אַ קליידל. מאָרי, וואָס האָט אַ גוטן קאָפּ און וויל זיך לערנען, וועט ווייטער גיין אין דער שול. ער וועט זען, אַז דאָס יינגל זאָל זיך צוגרייטן צו בר־מצווה. לעזלין האָט ער קיין שום בר־מצווה נישט גע־מאַכט, ווייל ער האָט נישט געקענט קיין יידיש אות. אַז לעזלי וועט נאָך אַביסל אונטערוואַקסן, וועט ער אים נישט שיקן מער אין דער שול און ער וועט אים אַריינגעמען אין די „ביז־נעס". ער זעט, אַז דאָס יינגל האָט אַ סמיקאַלקע צו „ביזנעס" און ער וועט זיך דערצו טויגן.

נאָך די אַלע טענות, וואָס דער מאַן האָט געהאַט צו איר, האָט מיסים זעלינג זיך געקווענקלט צו נעמען פון אים דעם טשעק אויף די מעבל. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווערט אַ גרויסע אויסברענגערין און זי טוט דערמיט עפּעס אַ גרויסע עוולה — אָבער דער חשק צו האָבן אין שטוב נייע מעבל האָט סוף־כל־סוף גובר געווען. דערצו האָט זי זיך שוין געהאַט אָפּ־גערעדט צו טרעפן אויפצומאָרגנס מיט מיסים זיידנער אין דער „סיטי" און עס האָט איר נישט געפּאַסט נישט צו האַלטן וואָרט.

אַן אויסגעפּוצטע אין עסיק־און־האָניק — מיט אַ וואָלקע

איבער דער שטאַרק אָנגעפּודערטער שפּיציקער פויגל־נאָז און מיט אַ גרויסן „פוקס" איבער די ברייטע אַקסלען, וואָס האָט זי נאָך נידעריקער און פולער געמאַכט — איז די מיסיס זיידנער אָנגעקומען פּונקט צו דער צייט אויפן אָפּגעשטימטן אָרט. זי האָט באַלד געזאָגט צו מיסיס זעלינג, אַז קיין סך צייט האָט זי נישט, ווייל „קאָנטינענטל פּעשנס" וואַרט אויף איר. ווען איז נאָך אַזוי גוט, ווי איר, דער מיסיס זעלינג, וואָס דאַרף זיך נישט מישן אין „ביזנעס"... אָבער אַזוי גיך ווי מיסיס זיידנער האָט זיך אָנגעהויבן צו לאָזן איבער די גרויסע וואָרן־הייזער, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי האָט נישט קיין צייט און מען האָט זי נישט געקענט מער פון דאָרט אַרויסשלעפּן. דער מיסיס זעלינג, וואָס האָט געלעבט יאָרן־לאַנג אין דער „קאַונטרי" און נישט געווען מער געוווינט צום גרויס־שטאָטישן הו־האַ, האָט זיך געמישט דער קאָפּ פון די אַלע שרייאיקע קאָלירן־עלעקטרישע רעקלאַמעס, פון די פיל מענטשן, פון די פאַרנדיקע שטיגן און ווינדעס — אָבער די באַגלייטערין אירע איז געשווומען אין דעם אַלעמען, ווי אַ פיש אין וואַסער. זי האָט געזוכט מציאות, געשפּאַנט פון איין וואָרן־הויז צום אַנדערן, אַז מיסיס זעלינג האָט זי נישט געקענט דעריאָגן און זיך אָפט פאַרלוירן צווישן געדיכטן עולם.

ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון מיטאָג, האָט מיסיס זיידנער פאַרבעטן די מיסיס זעלינג צו עסן מיט איר „לאַנטש". זי האָט געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט איר פאַרווערט פיל צו עסן, אָבער זי האָט גערוקט אויף ביידע באַקן. בעת זי האָט זיך שוין צו דער זעט אָנגעגעסן, האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אין דאָקטאָרס אָנזאָג און איבערגעלאָזט אַ פּעניצל ברויט אויפן טע־לער. זי האָט זיך געכאַפּט צום צאָלן, אָבער ס'האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי, אַז מיסיס זעלינג האָט געצאָלט פאַר ביידע...

נאָכן מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן ווידער דער שפּאַציר איבער די וואָרן־הייזער. ווען דער מאַן איז נישט געווען מיט איר, איז מיסיס זיידנער געווען שטאַרק באַרעדעווודיק, גערעדט פאַר פייער און וואַסער. זי האָט זיך געוווערטלט מיט די פאַר־קויפער, זיך אויסגעשמועסט מיט זיי. בשעת־מעשה האָט זי מיט אַ מבינישן בליק באַקוקט די מעבל, וואָס מען האָט איר

געוויזן, זיך געזעצט אויף די פּאַטעלן, כּדי אויסצופּרוּוון, צי די שפּרינגפעדערן זענען גענוג שטאַרק. אויך האָט זי מיט אַ פינגער געקלאַפּט אין מעבל און מיט איר שפּיציקער פויגל־נאָז געשמעקט צום האָלץ, ווי זי וואָלט וועלן דערגיין דעם ריח דערפון. אַז זי איז שוין מיט אַלץ פאַרטיק געווען, האָט זי זיך נישט געפּוילט און אַנידערגעקניט אויף דער פּאָדלאָגע, כּדי צו זען ווי דאָס מעבל איז אויסגעפּאַרטיקט פון אינעווייניק...

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין, האָט זי אָפּגעקליבן פּאַר שיינדלען מעבל, וואָס איז שיינדלען נישט געפעלן און זי האָט איר געהייסן דאָס מעבל קויפן.

— כ'בין שוין אַן אָפּגעבריטע... — האָט זי אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן — רעדט נישט קיין סך און טוט דאָס, וואָס מען הייסט אייך... ס'איז גרויסאַרטיקע „פערניטשער"... די לעצטע מאָדע... שפּאָרט אָפּ פון דער ווירטשאַפט, וועט איר אַליין קענען צאָלן די ראַטעס...

געקויפט דאָס מעבל און געהייסן עס אָפּשיקן אַהיים, איז די מיסיס זיידנער דווקא באַשטאַנען אויף דעם, אַז מיסיס זעלינג זאָל מיטגיין מיט איר אין געשעפט און דערציילן דעם מאַן, וואָס פאַראַ מציאות זי האָט געקויפט. אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען אין געשעפט און מיסיס זיידנער האָט אָנגעהויבן עפּעס הערשן צו דערציילן, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איר. ער האָט גראָד געהאַלטן אין פאַרפּאַקן עטלעכע מוסטערן, וואָס ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון שותּפס הענט, מחמת ער האָט זיך מיט זיי אַזוי געצאַצקעט, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט זיי. די „סעמפּלס" זענען געפעלן געוואָרן דעם מיסטער זעלינג און ער האָט געהאָפט צו באַקומען אויף זיי גרויסע באַשטעלונגען. ער האָט זיך טאַקע געאיילט זיי צו פאַרפּאַקן און געבן דעם „טרעוולער", וואָס האָט זיי צוגעזאָגט צו שיקן איבער גאַנץ אויסטראַליע.

נאָך דעם ווי מיסטער זיידנער האָט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט די מוסטערן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט זיין טעכטערל, סוזען, וואָס איז דאָ נישט ווייט געגאַנגען אין שול און אָפּט ביים טאַטן אָפּגעטרעטן, איידער זי איז געפאָרן אַהיים. סוזען איז געווען אָנגעטאָן אין איר גרינעם „קאָלעדזש"-

אוניפאָרם און אין דעםברייטן שטרויענעם הוט, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אירע זיידן-שוואַרצע, לייכט-געלאָקטע האָר און די טרויעריקע שוואַרצע אויגן. ווי נאָר דער פאָטער האָט דערזען דאָס טעכטערל, האָט ער אונטערגעשטעלט אַ באַק, זי זאָל אים אַ קוש טאָן און זי באַשיט מיט פראַגן:

— ווי איז דיר היינט צוגעגאַנגען אין דער שול, דאַרלינג...

— האָט ער נישט אַראָפּגענומען אַן אויג פון דער טאָכטער — האָסט געקענט די לעקציעס?... זעסט אויס צו זיין זייער מיד...

סוזען איז געווען דעם טאַטנס טעכטערל. זינט דער זון האָט דעם טאַטן אַזוי מביש געווען, האָט ער די גאַנצע פאָטער־לעכע ליבע אַרויפגעטאָן אויף דער טאָכטער. עס איז פאָרגע־קומען אַן אייביקע קאָנקורענץ צווישן טאַטע־מאַמע וועמען סו־זען האָט מער ליב. נאָכן געבורט פונם זון האָבן די עלטערן גע־מוזט זייער לאַנג וואַרטן אויפן אָנקומען פון דער טאָכטער און מען איז שוין געווען זיכער, אַז מיסיס זיידנער וועט מער קיין קינדער נישט האָבן. און אַז סוזען איז געקומען אויף דער וועלט, איז די שמחה געווען זייער גרויס. יעדער פון די על־טערן האָט געוואָלט געווונען סוזענס ליבע און זי שטאַרק צע־פּיעשטשעט. אָבער דאָס טעכטערל האָט ליבער געהאַט דעם טאַטן פון דער מאַמען און אַרויסגערופן ביי איר פיל קנאה, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין כעס...

חוץ סוזענען, זענען אין געשעפט אויך געווען מיסטער זעלינגס יינגלעך, לעזלי און מאַרי. בשעת זיי זענען געקומען פון דער שול און נישט געטראָפן די מאַמען אין דער היים, האָבן זיי זיך באַלד אָוועקגעלאָזט אין שטאָט אריין. זיי האָבן שוין פון לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן אַליין די שטאָט, כדי צו באַקוקן די שיינע וואַרן־הייזער, קינאָס און דאָס מוזעאום. נאָכן אַרומשלעפּן זיך פון איין וואַרן־הויז אין אַנדערן, נאָכן מאַקוקן די בילדער פאַר די קינאָס, האָבן זיי זיך געאיילט צום טאַטן אין געשעפט — און מיסטער זעלינג האָט געמוזט אַכ־טונג טאָן, זיי זאָלן נישט אריין אין פאַבריק צווישן די מאַשי־נען, וווּ זיי האָבן זיך דווקא געריסן ארייַנצוגיין. סוף־כל־סוף האָט דער פאָטער געפּועלט ביי זיי, זיי זאָלן בלייבן אין „אָפיס“. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף סוזענען, וואָס האָט זיך

געמאַכט שטאַרק פאַרנומען אינם שמועס מיטן פאָטער, ווען זי האָט זיי דערזען. אָבער ווען די יינגלעך האָבן אינגאַנצן נישט געקוקט אין איר זייט אַריין, האָט זי זיך, אַ בייזלעכע, אויסגעדרייט צו זיי און זיך מיט כעס אָנגערופן:

— העלאָ!... — האָט זי מיט אַ חוצפּהדיק קולעכל אויסגערופן — ווי איך זע באַגריסט מען זיך נישט אין ראָזמאַר מיט קיין מענטשן... יינגלעך גריסן זיך דאָרט נישט צו קיין מיידלעך!

אָפּגעזאָגט דעם פּזמון, האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די יינגלעך און ווייטער אָנגעהויבן שמועסן מיטן פאָטער.

פאַר די יינגלעך זענען אירע ווערטער אַזוי אומגעריכט געקומען, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיך פאַרשעמט. דער עיקר האָט זיך פאַרשעמט מאַרי. ער האָט נישט געהאַט קיין העזה אויפצוהייבן די אויגן און קוקן אין סוזענס זייט. לעזלי האָט אַ ביטולדיקן בליק געוואָרפן אויף סוזענען, זי פאַרגלייכט מיט דזשינען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ראָזמאַר. סוזען האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן זייער קאָמיש סיי אינם גרינעם שול־אוניפאָרם און סיי אינם גרויסן שול־הוט מיט די ברייטע ראַנדן. ס׳האָט אים אַ צופּ געטאָן די בענקשאַפט נאָך דזשינען, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי גוט צו אים.

בעת מיסיס זיידנער האָט דערזען ווי טאַטע־און־טאָכטער זענען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין זיך, האָט זי אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ צווישן זיי און אָנגעהויבן דערציילן דעם מאַן וועגן די מעבל, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט פאַר שיינדלען. אָבער דער מאַן האָט זי, ווי שטענדיק, נישט געלאָזט אויסרעדן, נישט געהאַט קיין קאָפּ צו אירע מעשיות.

— גאָלאָבושקאַ... — האָט ער צוקערדיק־זיס געזאָגט צו איר און זי דעליקאַט אָנגענומען ביים עלנבויגן — ספּאַסיבאָ...

און דאָס איז געווען גענוג, אַז אירע רייד זאָלן מיטאַמאָל איבערגעשניטן ווערן, ווי מיט אַ מעסער און זי זאָל נישט אויפמאַכן מער דאָס מויל.

דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן ווייטער געשמועסט און מיסטער זיידנער האָט געהייסן סוזענען צוגיין צום מיסטער

זעלינג און אים פּאַרקויפן בילעטן צום חנוכה־קאָנצערט אין דער יהודה־הלוי־שול, וואָס דאַרף פּאַרקומען צום אָפּשלוס פונם שול־יאָר.

— מעגסט אים זאָגן, אַז דו אַליין נעמסט אָנטייל אינם קאָנצערט... — האָט דער פֿאָטער געראָטן דער טאָכטער, ווי זיך נוהג צו זיין — עס וועט אים נישט פּאַסן אָפּצוזאָגן...

מיסטער זיידנער איז געווען איין אויפטוער אין דער וועלט ביים אַריינשטופּן יענעם אַ בילעט, ווען יענער האָט אפילו נישט אין זין געהאַט צו קויפן. זיין גאַנצע פרייע צייט נאָך די „ביז־נעס" האָט ער אַוועקגעגעבן דער יהודה־הלוי־שול, ווו מען האָט אים אָפּגעגעבן פיל כבוד. ער איז אין דער זונטיק־שול געווען פּרעזידענט, אָבער חוץ דעם האָט ער אויסגעפירט דאָרט אַלע „שוואַרצע אַרבעטן". ער האָט געזאַמלט געלט, איינגעאָרדנט „דראַואינג־רום־מיטינגס" און געשלאָגן רעקאָרד ביים פּאַרקויפן בילעטן צו אַלע אונטערנעמונגען. אַז ס'איז געשטאַנען אַ רעדל יידן און געשמועסט צווישן זיך און ס'איז פון ערגעץ אויסגע־וואַקסן מיסטער זיידנער און אָנגעהויבן צו שלעפּן בילעטן פון קעשענע, מורמלענדיק בעת־מעשה אויף דייטשמעריש „מיינע הערשאַפטן", — האָט זיך דאָס קרענצל יידן באַלד צעפאַלן, פּונקט ווי די הינער, ווען מ'וואַרפט צווישן זיי אַריין אַ שטיין...

בשעת סוזען איז צוגעקומען צום מיסטער זעלינג און אים פּאָרגעלייגט צו קויפן בילעטן אויפן חנוכה־קאָנצערט, האָט ער זיך פון אָנהייב געקווענקלט, געקלערט וועגן די שלעכטע גע־שעפטן, וועגן דעם שותף, וואָס טוט אים אָן צרות, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער די בילעטן געקויפט. אין ראַזמאַר האָט ער זיכער אַזעלכע קאָנצערטן נישט געזען און ער האָט טאַקע גע־וואָלט זיין אויף אַזאַ אונטערנעמונג אין מעלבורן...

נאָכן פּאַרקויפן מיסטער זעלינג די בילעטן, איז סוזען צו־געגאַנגען צו מאַרין און, פאַרבייגנדיק קאָקעטיש דאָס קעפּל אויף אַ זייט, האָט זי אים אַ שטיקל צייט אָנגעקוקט מיט אירע שוואַרצע טרויעריקע אויגן. דערנאָך האָט זי זיך ווי דערמאָנט אין עפּעס און צו אים געזאָגט, אַז זי גיט אים אַ מתנה איר בילעט, כדי ער זאָל זי קומען זען שפּילן אויפן קאָנצערט. בעת־

מעשה האָט זי געהאַלטן די האַנט אויסגעשטרעקט און געוואָלט מאַרין געבן דעם בילעט — אָבער מאַרי האָט זיך זייער פאַר־רויטלט און אים נישט געוואָלט נעמען. די מיסיס זעלינג איז שנעל אונטערגעקומען און, אַ צופרידענע, געמינטערט מאַרין:

— נעם דעם בילעט... און זאָג אַ שיינעם דאַנק... — האָט זי אים אונטערגעזאָגט — סוזען גיט דיר אַ מתנה...

אַנשטאָט צו דאַנקען, האָט מאַרי פאַרשלונגען־גיך אַ מורמל געטאָן עפּעס מיטן מויל, שנעל פאַרשטופּט דעם בילעט אין קע־שענע, ווי עפּעס אַ גנבה און מיט דער פּלייצע האַסטיק זיך אָפּגעקערט פון סוזענען.

סוזען איז געבליבן שטיין פאַרלוירן, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. 'די באַליידיקונג האָט זי געגעסן און אַ שטאַר־קער כעס איז זי באַפאַלן אויף מאַרין. זי האָט זיך אָבער באַ־הערשט און זיך געמאַכט, אַז עס האַרט איר נישט די גאַנצע מעשה. מיסטער זיידנער, וואָס האָט זיך צו דעם אַלע צוגע־קוקט, האָט אַרומגענומען די טאָכטער, זי צוגעדריקט צו זיך און איר איינגערוימט אויפן אויער, אַז מאַרי איז אַ נאַריש פּראָווינצער יינגל און ווייסט זיך נישט ווי אויפצופירן. ער האָט אַפילו געוואָלט אָנשרייען אויף מאַרין, וואָס האָט אַזוי מביש געווען זיין טאָכטער, אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דערמיט נאָך מער צעבלאָזן דאָס פייער צווישן אים און דעם שותּף.

בשעת אַלע זענען אַהיים געפאָרן נאָכן פאַרמאַכן די „ביז־נעס", האָט מיסיס זעלינג אינם אויטאָ געמוסרט מאַרין פאַר־וואָס ער האָט באַליידיקט סוזענען. זי האָט דערציילט דעם מאַן וועגן די נייע מעבל, וואָס זי האָט געקויפט. כאָטש די מעבל זענען איר אַליין אַזוי שטאַרק נישט געפעלן, האָט זי זיי זייער אָפּגעלויבט פאַר הערשן. אָבער הערש האָט זיך צו איר נישט צוגעהערט. דער קאָפּ איז אים פאַרנומען געווען מיט עפּעס אַנדערש. ער איז געזעסן ביים רעדל פון אויטאָמאָביל, נאָר ער האָט אַפילו נישט געזען ווו ער פאָרט. ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן די מוסטערן, וואָס זענען היינט אַוועק איבער אַלע שטאָטן אין אויסטראַליע. אפשר וועלן זיך די מוסטערן אָננעמען און ער וועט אויף זיי באַקומען גרויסע באַשטעלונגען. אַ ביסל

וואָלט דאָס אים אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע. מען קען אַלץ אויף זיין שותּף זאָגן — אָבער אַ שיין שטיקל אַרבעט גייט אַרויס פון זיינע הענט.

— פּאַרפאַלן... —· האָט הערש אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין — מען וועט ווידער מוזן אָנהייבן פון דאָס ניי!... זיך נאָכאַמאָל איינשפּאַנען אין וואָגן!...

— האָסט עפּעס געזאָגט, הערש?... — האָט מיסיס זעלינג געפרעגט דעם מאַן — וואָס רעדסטו עפּעס צו זיך אַליין?!...

— ניין... גאָרנישט... — האָט מיסטער זעלינג פאַרטאָן געענטפערט, זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום — כ׳האָב גאָר־נישט געזאָגט... וואָס טראַכסטו עפּעס אוים אויף מיר אַ בילבול, אַז כ׳רעד צו זיך אַליין!... דערווייל בין׳ך נאָך ביי די קלאָרע געדאַנקען...

מיסיס זעלינג איז אַנטשוויגן געוואָרן, גאָרנישט מער גע־זאָגט. זיי זענען שווייגנדיק ווייטער געפאָרן. הערש האָט גע־טראַכט ביי זיך, אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, ער זאָרגט זיך די לעצטע צייטן וועגן מאָרגן פיל מער פון שיינדלען. ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים אַן אומזיכערקייט, ווי ער וואָלט געטרעטן אויף אייז. כדי נישט אָנצושטעקן דאָס ווייב מיט זיין מורא, האָט ער פּלוצים הויך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳וועט זיין אָל־רייט, שיינדל... דו וועסט זען, אַז אַלץ וועט זיין אָל־רייט!...

## קאַפּיטל פערצן

# גיי צוריק אין דעם לאַנד, פונוואַנען דו קומסט!

פונקט ווי מיסטער זעלינג האָט זיך אין די ערשטע חדשים, נאָך זיין קומען פון ראָזמאַר, נישט געקענט צוגעוווינען צו מעלבורן, אַזוי האָבן זיך די ייִנגלעך זיינע — לעזלי און מאָרי — נישט געקענט אַזוי גיך צוגעוווינען צו דער גרויסער שטאָט.

באַלד אויף צומאָרגנס, ווען זיי זענען קיין מעלבורן אָנגעקומען, האָבן זיך די ייִנגלעך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן, כדי זיך צו באַקענען מיט דער גאַס, וווּ זיי וועלן וווינען און כדי זיך צו באַגעגענען מיט נייע חברים. אָבער נישט די לאַנגע גאַס מיט די צוויי שורות געדיכט־צוגערוקטע הייזלעך איז זיי געפעלן און נישט די חברים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַקענט. די ייִנגלעך האָט געצויגן צוריק אין דעם קליינעם שטעטל מיט די וועלדער און מיט די פיל ליידיקע פלעצער, וווּ מען האָט געקענט פראַנק־און־פריי אַרומלויפן מיט באָבן און דזשינען און זיך פרייען מיט גאָטס וועלט...

פיל צרות האָבן, סיי דער פאָטער און סיי די זין, געהאַט אויסצושטיין פון די שכנים זייערע, וואָס האָבן צו זיי אַלעמאָל בגנבה אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט פונם פּאַרקן און געוווּסט אַלץ, וואָס טוט זיך ביי זיי. הערשן זענען די שכנים דערגאַנגען די יאָרן סיי מיט דער גוטסקייט און סיי מיט דער שלעכטסקייט. אויב דער שכן, נאָעל מעטיוס, וואָס האָט געוווינט פון דער רעכטער זייט פון זיין הויז, איז געווען איבערגעטריבן גוט צו אים, איז דער שכן פון דער לינקער זייט, דזשעק לואיס, געווען צו אים שלעכט און שטילערהייט געבערענט אים די טריט...

דאָס גן־עדן מיטן גהנום האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אינ־דערפרי, ווען הערש זעלינג איז אַרויסגעפאָרן אינם אויטאָ פון בלעכערנעם גאַראַזש און זיך געלאָזט צוזאַמען מיט דער טאָכ־

טער אין געשעפט אריין. כאָטש ס'איז נאָך געווען זייער פרי, האָבן די שכנים אים שוין אָפּגעוואַרט. זיי האָבן זיך כלומרשט געפּאָרעט ביים בריוו־קעסטל, אַריינגעקוקט אין דער מאָרגן־ציימונג, וואָס איז געלעגן פאַר דער טיר, אָבער בעת־מעשה האָבן זיי מיט אַ שפּיץ־אויג אויפגעכאַפּט אַלץ, וואָס דער נייער שכן, דער ייד, האָט געטאָן. נאָעל מעטיום האָט הערשן אַקעגנגע־טראָגן אַ ברייטן „גוט־מאָרגן", געפרעגט אים, וואָס ער מאַכט און נישט פאַרגעסן צו זאָגן אויך אַ פּאָר ווערטער וועגן וועטער. דערפאַר האָט דזשעק לואיס בייז אַ מרוק געטאָן צו אים עפּעס צווישן די ציין, אַז מען האָט אים נישט געקענט פאַרשטיין. דאָס דאָזיקע מרוקען האָט הערשן אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ שעפל קאַלט וואַסער און איז אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג.

פיל צייט האָבן די שכנים געהאַט צו הערשן, ווען ער האָט זיך, אַ מידער, צוריקגעקערט פון די „ביזנעס". נאָעל מעטיום איז געשטאַנען פאַר די אייזערנע שטאַכעטן פון זיין פאַרקנדל און אויסגעקוקט די רגע, ווען דער נייער שכן וועט אַרויסקומען פון הויז. ער האָט הערשן באַלד גענומען אין דער אַרבעט אַריין און אים צוגערעדט ער זאָל אויסמאָלן דאָס הויז, באַאַרבעטן דעם גאָרטן, כדי ער זאָל קענען אין די רו־טעג געניסן פון דער נחלה, וואָס ער האָט געקויפט. ער, נאָעל מעטיום, האָט טאַקע זיך אַליין אַזוי געפירט, ווי ער האָט געראָטן דעם שכן. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומפּאָרען זיך ביי זיין הויז, געמאָלן עס איינמאָל און נאָכאַמאָל, געאַרבעט שטענדיק אין גערטנדל. אָבער אַז ס'איז געקומען דער „וויקענד" האָט ער, אַנשטאָט צו געניסן פון הויז, פריש דערביי געאַרבעט. ער איז אייביק אַרום־געגאַנגען אין די „אָוועראָלס", געקראָכן אויף לייטערס, אַרום־געגאַנגען אויפן דאַך, זיך געדראַפּעט אויף די ווענט. מיסטער מעטיום איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ באַנק און אַז ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער געטראָגן אַ פּעכלדיק־ווייס העמד און אַ פריש־געפּרעסטן אָנצוג. אָבער אַזוי גיך ווי ער איז פון דער באַנק צוריקגעקומען, איז ער אַריינגעקראָכן אין די „אָוועראָלס" און איז פון זיי אַרוים ערשט דעמאָלט, ווען ער איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. אַזוי ווי אין דער גאַס, ווו ער האָט געוווינט, האָבן זיך באַזעצט יידן, איטאַליענער און גריכן און

די אויסטראַלישע „ביזנעס"־לייט זענען פון דאַנען אַוועק אין די רייכע ווייטע קוואַרטאַלן, האָט ער געוואָלט זיין הויז אויס־פוצן אַזוי שיין, עס זאָל זיך נישט זיין דערמיט וואָס צו פאַר־שעמען. פון צווישן די אַלע נישט־געטינקעוועטע אַלטע הייז־לעך אויף דער גאַס האָט זיין הויז אַרויסגעשיינט, ווי אַ ליכטיק פּאַלאַצל...

פונקט ווי מיסטער מעטיום האָט אַליין אויסגעפּוצט זיין הויז, פונקט אַזוי האָט ער געוואָלט, אַז דער נייער שכן זאָל זיין הויז אויספּוצן. אָבער נישט בלויז מיטן אויספּוצן דאָס הויז האָט ער הערשן געהאַקט אין קאָפּ אַריין, נאָר ער איז אויך צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיך פאַרשרייבן אין אַ „באָו־לינג"־קלוב און מיטגיין מיט אים שבת־נאָכמיטאָג שפּילן „באולס". און בשעת ס'איז געקומען שבת־נאָכמיטאָג און מיס־טער מעטיום האָט זיך אויסגעסטראָצלט אין די ווייס־אויסגע־פּרעסטע הויזן, אין די ווייסע לאַטשן און אין דעם העלן שטרוי־ענעם הוט און מיט פיל העפלעכקייט אָנגעקלאַפּט אין דעם ניי־עם שכנס טיר, כדי אים צו רופן אין „באָולינג"־קלוב אַריין, האָט זיך מיסטער זעלינג פאַר אים אויסבאַהאַלטן.

נאָך מער ווי פאַר נאָעל מעטיום, האָט זיך הערש אויסבאַ־האַלטן פאַר דעם אַנדערן שכן, דזשעק לואיס. דזשעק האָט געאַרבעט אין אַ גאַרבעריי און פון אייביקן ווייקן די פעלן, האָט ער פאַרמאָגט אַ פּאָר רויט־אויסגעגעסענע הענט, וואָס זענען געווען ביי אים נאָך רויטער ווי דאָס שטענדיק צע־פלאַמטע און מאָגער־בייזע פּנים זיינס. חוץ מיט גאַרבעריי, האָט זיך אויך דזשעק פאַרנומען מיט האָדעווען הינט, וואָס ער פלעגט שיקן אויף וועט־געיעגן. צו דעם אייזערנעם פאַרקנדל פון זיין הייזל זענען שטענדיק געווען צוגעבונדן עטלעכע יאָג־הינט, וואָס זענען געווען פלאַטשיק און אויסגעדאַרט, ווי ברעט־לעך און האָבן פאַרמאָגט שפּיציק־לאַנגע מיילער און גרויסע טרויעריקע אויגן. כאָטש דזשעק לואיס האָט זיך אין די אָוונטן און אין די סוף־וואָך־טעג פאַרנומען זייער פיל מיט די יאָג־הינט זיינע און אָפּגעזעסן לאַנג אין די שענקען, האָט ער פונדעסט־וועגן צייט געהאַט פאַרבאַהאַלטענערהייט אַריבערצובליקן אַלע־מאָל צום נייעם שכן. בשעת ער איז געווען ניכטער, האָט ער זיך

געהאַלטן פֿונדערווייטנס פֿון הערשן. טאָמער איז ער אָבער געווען שיכור, האָט ער דווקא געזוכט אויף וועמען אויסצולאָזן דעם כעס. מיסטער זעלינג האָט באַמערקט ווי ער באַהאַלט זיך דעמאָלט אין אַלע פֿינצטערע ווינקלען, גלייך ער וואָלט זיך געגרייט אויף וועמען אָנצופֿאַלן.

שטענדיק, ווען מיסטער זעלינג האָט געזען, אַז מיסטער לואיס איז אונטער דער כּוסה, האָט ער אים אויסגעמיטן. אָבער דזשעק איז דעמאָלט אַרויסגעשוומען אומגעריכט אַלעמאָל פֿון אַן אַנדערן פֿינצטערן ווינקל און האָט זיך, שווייגנדיק, געלאָזט גיין נאָך הערשן. ער איז אים אַזוי שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, ביז ער איז אומגעריכט ערגעץ נעלם געוואָרן.

דאָס האָט זיך זייער אָפֿט איבערגעחזרט — ביז איינמאָל, אין אַ שבת־צונאַכטס, האָט דזשעק פּלוצים אָנגעהויבן צו הערשן צו רעדן. הערש איז דעמאָלט געגאַנגען איבער דער פֿינצטערלעכער גאַס איינער אַליין, געוואָלט אַריינגיין אין „התחיה". פֿון די קליינע הייזלעך האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג. דאָס האָבן די יידן, די איטאַליענער און די גריכן געזונגען זייערע לידער. זיי פֿלעגן די לידער זינגען צומיינסטנס דעמאָלט, ווען ס'זענען געקומען צו זיי די משפּחות מעבר־לים און זיי האָבן פֿאַר זיי איינגעאָרדנט אויפֿנאַם־„פּאַרטיס". די לידער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די הייזלעך, זענען געווען אָנגעפֿילט מיט בענקשאַפֿט נאָך די אַלטע היימען און האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן, זיך אויסגעמישט...

מיסטער זעלינג האָט געהערט טריט הינטער זיך, וואָס האָבן זיך הויל אָפּגעשלאָגן אין די שטיינער און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דזשעק לואיס גייט אים ווידער נאָך. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו איילן, וואָרן ער האָט געפֿילט, אַז דאָס מאָל וועט עס נישט אָפּגיין גלאַטיק. און מיטאַמאָל האָט ער דערהערט דעם מיסטער לואיס הייזעריק קול, וואָס האָט אים געפּרוווט דעריאָגן:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, שכן... — האָט אים דאָס קול אָן עקבער געטאָן אין דער פּלייצע — ס'פּאַסט אייך נישט מיט מיר צו רעדן! ס'שטייט אייך נישט אָן זיך אָפּצוגעבן מיט אַן אויסטראַלישן שכן?... מיט אַן אויסטראַליער?!...

מיסטער זעלינג האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און ער איז ווייטער געגאַנגען, ווי קיינמאָל גאָרנישט. אָבער דזשעק לואיס איז נישט אָפּגעשטאַנען, זיך באַמיט אויסצוגלייכן מיט הערשן און ער האָט פריש איבערגעחזרט:

— וואָס אַנטלויפט איר פון מיר, שכן?... איר מיינט, אַז איך בין שיכור? איר ווילט נישט רעדן מיט אַן אויסטראַליער!... ס'פּאַסט אייך נישט?... מיר, אויסטראַליער, זענען גוט צו די פרעמדע... מיר לאָזן אייך צו אונז אַריין... פאַרוואָס וואַרפט היטלער אַרויס די יידן?... ס'מוז זיין עפּעס אַ סיבה, פאַרוואָס מען האָט אומעטום די יידן פיינט!...

— כ'בעט אייך, מיסטער לואיס, גייט אַוועק פון מיר!... לאָזט מיך אָפּ!... — האָט ביי הערש זעלינג געציטערט דאָס קול, פול כעס און אויפרעגונג — טשעפּעט זיך אָפּ!...

— ווער טשעפּעט אייך!... מיר אויסטראַליער זענען גוטע מענטשן! מיר טשעפּען קיינעם נישט... כ'וויל זיך נאָר מיט אייך אַביסל אויסשמועסן... שור... אָבער איר, יידן, גרענעצט זיך אָפּ פון אונז! איר ווילט נאָר מאַכן דאָס געלט... דעטס אָל!... ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד? אַ יאָר, צוויי און איר האָט שוין אַ הויז, אַ ביזנעס, אַ קאַר... און וואָס האָב איך? איר ווילט אַלץ ביי אונז פאַרכאַפּן...

דזשעק לואיס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך אָנגעבויגן צו הערשן און עס האָט אַ שלאָג געטאָן פון אים דער ריח פון ביר. ער האָט זיך געגרייט נאָך אַ סך צו רעדן, אָבער הערש האָט נישט געוואָלט מער הערן פון אים קיין וואָרט און אים געטריבן פון זיך:

— גייט אַוועק!... — האָט ער אים געטריבן — גייט אַהיים שלאָפן!... איר זענט שיכור!... מאָרגן, אַז איר וועט זיך אויסניכטערן, וועלן מיר רעדן!...

אָבער אויפצומאָרגנס האָט דזשעק לואיס נישט אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג פון הויז און מען האָט אים אינגאַנצן נישט געזען. ערשט פאַרנאַכט, האָט ער זיך אומגעריכט געוויזן. ער איז געווען זייער שטיל, זיך געפּאָרעט מיט די יאָג־הינט זיינע און מען האָט לחלוטין נישט געקענט דערקענען אין אים, וואָס עס איז נעכטן ביינאַכט מיט אים פאָר־

געקומען. ער האָט זיך אַפילו באַגריסט צום מיסטער זעלינג, ווי עס וואָלט קיין זאַך צווישן זיי נישט געשען...

מיסטער זעלינג האָט זיך אָבער נאָך דער נעכטיקער נאַכט נישט געקענט בשום־אופן באַרואיקן, זיך אַרומגעדרייט אַ פאַר־זאָרגטער און נישט געקענט קומען צו זיך. די בושה האָט געפּרעסט אויף אים, אַראָפּגעדריקט זיינע אַקסלען, ווי אַ שווערע משא. ער איז שוין דאָ אַזויפיל יאָרן אין לאַנד און דאָס האָט ער נאָך נישט געהערט!... ס'קען זיין, אַז ער האָט נישט געטאָרט פאָלגן דאָס ווייב און נישט געדאַרפט קומען אַהער פון ראָזמאַר. אין דעם קליינעם שטעטל זענען די מענטשן גאַנץ אַנדערש!... טאָמער קלערן זיי אַפילו דאָס זעלבע, וואָס דזשעק לואיס, וועלן זיי דאָס אָפן קיינמאָל נישט אַרויסווייזן... אַזעלכעס האָט ער נאָר געהערט אין פּוילן!... אַבי מען זאָגט, אַז אין אויסטראַליע זענען די גויים אַנדערש ווי אין פּוילן... כאָטש מיסטער זעלינג האָט געוואָלט דערציילן דעם ווייב, וואָס ער האָט נעכטן ביי־נאַכט איבערגעלעבט, כדי איר צו ווייזן, אַז זיי האָבן נישט געדאַרפט אַוועק פון ראָזמאַר, האָט ער זיך איינגעהאַלטן און איר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אַלץ אַליין געדריקט אין זיך.

ערשט ביינאַכט, אַז מיסטער זעלינג איז געקומען אין „התחיה", כדי אַריינצוקוקן אין אַ בלאַט צייטונג, האָט ער דאָס שוין מער נישט געקענט דריקן אין זיך און זיך אַראָפּגע־רעדט פון האַרצן פאַר עטלעכע יידן. אָבער די יידן האָבן זיך צו אים נישט געוואָלט צוהערן און געזאָגט, אַז די גאַנצע מעשה איז בלויז אַן איינרעדעניש. אמת איז, אַז צוליבן קומען לעצטנס פון פיל יידישע עמיגראַנטן, האָבן עטלעכע שקצימלעך אַריינגע־וואָרפן שטיינער אין דער „התחיה" — אָבער זינט מען האָט וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי, איז געוואָרן שאַ־שטיל... מער האָט זיך דאָס נישט איבערגעחזרט... אין אויסטראַליע זענען נישטאָ קיין אַנטיסעמיטן! אויסטראַליע איז נישט פּוילן! מען דאַרף נישט אַלע גויים מאַכן פאַר שלעכטס!... דער היגער „יאָק" איז גוט...

מיסטער זעלינג האָט זיך געכאַפּט פאַרוואָס די יידן שפּאַרן זיך מיט אים; פאַרוואָס זיי פאַרשטעלן זיך אַליין די אויגן און

ווילן נישט זען דעם אמת. ער איז אַנטשווּיגן געוואָרן, מער גאָרנישט געזאָגט.

בעת ער איז שפּעטער אַהיים געגאַנגען, האָט ער אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערהערט אַ היימיש יידיש ליד, וואָס איז געקומען פון איינעם פון די קליינע הייזלעך אויף דער גאַס. מן־הסתּם קומט דאָרט פאָר אַ קבלת־פּנים פאַר אַ ניי־געקומענעם, וואָס וויל דאָ, אין אויסטראַליע, אָנהויבן אַ נײַ לעבן און פאַר־געסן פון דעם שלעכטס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין דער היים... ווייניק האָט ער, הערש, זיך אָנגעלייענט אין די יידישע צייטונגען אין „התחיה" וועגן דעם רשעות אין דייטש־לאַנד, וועגן די פּאָגראָמען אין פּוילן... וועגן פּשיטעק, מינסק־מאַזאָוויעצק... היטלער פּייניקט די יידן, טרייבט זיי אַרויס פון לאַנד!... אפשר זענען טאַקע די יידן אין דער „התחיה" גע־רעכט געווען, בשעת זיי זענען אויף אים אַרויף, אַז די נעכטיקע איבערלעבעניש זיינע איז געווען בלויז אַ בייז אויסטראַכטע־ניש. וואָס דאַרף מען די פּליטים פאַרמיאוסן דאָס לעבן באַלד ביי זייערע ערשטע טריט אינם נייעם לאַנד? זיי קומען אַהער מיט אַזויפיל האָפענונגען, אַז דאָ וועלן זיי שוין געפינען אַ מקום־מנוחה... און אפשר דאַרף מען דעם בלאָטער אויפרייסן, איידער עס ווערט צו שפּעט!...

מיסטער זעלינג האָט געוואָלט אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן — אָבער ס'איז אים, ווייזט אויס, נישט געווען באַ־שערט. דאָס מאָל איז די צרה געקומען נישט פון מיסטער לואיס, נייערט פון זיין זונדל, טאָמי, וואָס האָט זיך געפירט פּונקט ווי דער טאַטע. צווישן די יידן אין קאַרלטאָן האָט מען געשמועסט, אַז די שטיינער אין „התחיה" האָט אַריינגעוואָרפן נישט קיין אַנדערער, ווי טאָמי, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ חברה שקציםלעך. די זעלבע חברה האָט אויך אַריינגעוואָרפן שטיינער צו סאַראַן דער אלמנה אין רעסטאָראַן — און אויפן טראָטואַר אין דראַמאָנד־סטריט אָנגעצייכנט מיט קרייד עטלעכע האַקנקרייצן. די יידן האָבן די האַקנקרייצן באַלד אָפּגעמעקט, אַז קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן, אָבער זיי זע־נען פּונקט אויפן זעלבן אָרט פריש אויסגעוואַקסן...

אויף טאָמין איז גאָרנישט געווען צו דערקענען, וואָס פאַ־

ראַ אומרו עס שטעקט אין אים. אַז מען האָט געקוקט אויף אים, איז ער געווען זייער שטיל, נישט געקענט אויפמאַכן דאָס מויל. אָבער אַזוי שנעל מען האָט פון אים אַראָפּגענומען די אויגן, האָט ער זיך איבערגעאַנדערשט — נישט צו דערקענען. פון דעם שטילן כומיקל, וואָס האָט נישט געקענט קיין צוויי ציילן, איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַ טייוול. פון דער העלער הויט האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן שפּרינגען, טאַנצן און זיך געלאָזט לויפן איבער דער גאַס, ווי אַ בייזער ווינט. אַלץ, וואָס ער האָט אויפן וועג אָנגעטראָפן, האָט ער געמוזט אָנרירן, פאַר־טשעפּען.

בשעת לעזלי און מאָרי האָבן זיך אויפצומאַרגנס נאָך זייער אָנקומען קיין מעלבורן, אַרויסגעלאָזט אין גאַס, כדי זיך צו באַקענען מיט נייע חברים, האָבן זיי זיך דאָס ערשטע אָנגע־שטויסן אויף טאָמין. די יינגלעך האָבן זיך דערנענטערט צו זיך, זיך געדרייט איינער לעבן דעם אַנדערן, זיך באַשמעקט, ווי די הינטלעך — אָבער זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט. טאָ־מי איז אַרומגעפּאָרן אויף אַן אַלטן ראָווער און באַוויזן פאַרשיי־דענע קונצן. ער איז שנעל געפאָרן אין אַ קרייז, זיך אײנגאַנצן נישט צוגעהאַלטן מיט די הענט. אויך האָבן די ברידער זיך פאַרגעשטעלט מיט זייערע קונצן. דער עיקר לעזלי, וואָס האָט געקענט גיין אויף די הענט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די יינגלעך האָבן אָנ־געהויבן צו זיך צו רעדן. אָבער די פריינדשאַפט האָט זיך באַלד פון דער ערשטער רגע נישט געקלעפּט. ווען די ברידער האָבן געפונען אַנדערע חברים און האָבן נישט קיין גרויס אַכט געלייגט אויף טאָמין, האָט עס אים אָנגעהויבן שטאַרק צו פאַר־דריסן. וואָס מער די נייע חברים האָבן אים אויסגעמיטן, אַלץ מער האָט ער זיי פאַרפאָלגט, זיך דווקא געוואָלט מיט זיי חברן. אַזויווי מאָרי איז געגאַנגען מיט אים אין איין קלאַס און איז געווען אַ בעסערער שילער פון אים, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אים צו טשעפּען. ער האָט אונטערגעשיקט זיין חברה און באַ־פוילן מען זאָל אים אָפּטאָן אַלערליי שפּיצלעך. נישט איינמאָל האָט מאָרי געפונען צוגעשפּילעט צו דער פּלייצע פאַרשידענע

שטיקלעך פּאַפּיר, ווו ער איז געווען אָנגעצייכנט מיט לאַנגע אייזל־אויערן, אַ לאַנגער שנאָבל־נאָז און אַ דינעם האַלז, ווי ביי אַ גאָנער. טיילמאָל האָט מען צו זיין רעקל פון הינטן צוגעטשע־פּעט אַ שטריק, ווי אַ ווײדל. בעת מאָרי האָט באַמערקט ווי מען לאַכט פון אים אַף אויפן שול־הויף, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים שוין אָפּגעטאָן אַ פריש שטיקל. ער האָט זיך זייער פאַרשעמט און די גרויסע גרין־וואַסערדיקע אויגן האָבן געקוקט מיט געבעט אַרום זיך. ער איז זיך אָבער נישט גע־גאַנגען פאַרקלאָגן פאַרן לערער, נישט געגאַנגען מסרן אויף קיי־נעם. שטיל האָט ער זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל שול־הויף און אַראָפּגענומען פון זיך דאָס צוגעטשעפּעטע צעטל, ווו מען האָט פון אים חוזק געמאַכט.

ווען טאָמי האָט געזען, אַז ער קען מיט מאָרין גאָרנישט מאַכן און ער לאָזט זיך נישט אַריינציען אין אַ געשלעג, איז ער שוין מער נישט געגאַנגען מיט קיין שום הינטער־ווענקלעך און אָפּגעמאַכט ביי זיך אַליין זיך אַ נעם צו טאָן צום נייעם שול־חבר. ער איז אין איין שיינעם טאָג פּלוצים אויסגעוואַקסן פּנים־אל־פּנים מיט מאָרין און אים הויך אַ פרעג געטאָן, אַזוי אַז אַלע אויפן שול־הויף זאָלן הערן:

— הער נאַר, דו!... — האָט ער אַריינגערעדט מאָרין גלייך אין פּנים אַריין — פון וואַנען קומסטו?

— פון ראָזמאַר... — האָט מאָרי נישט פאַרשטאַנען וואָס טאָמי איז אויסן, ווייל טאָמי האָט גאַנץ גוט געוווסט פון וואַנען ער, מאָרי, קומט.

טאָמי האָט אַ נצחונדיקן שמייכל געטאָן צו זיך אַליין און זיין קרענקלעך־דיק, אויפגעשוואָלן פּנים האָט זיך געשמאָלצן פון נחת צוליבן גוטן איינפאַל, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין.

— נעווער מיינד ראָזמאַר... כ׳מיין נישט ראָזמאַר... — האָט ער ממשיך געווען און זיינע דין־אויפגעשטעלטע האָר אויפן קאָפּ זענען געשטאַנען שפּיציק, ווי די נאָדלען אין אַ קישעלע — פון וואַנען ביזטו געקומען קיין ראָזמאַר?... דו ביזט אַ פרעמ־

דער... אַ ייד!... דיינע עלטערן זענען יידן... פון וואַנען קומסטו אויף אַן אמת?...

— פון ראַזמאַר!... — האָט זיך מאַרי געהאַלטן ביי דאָס זייניקע און געפילט ווי אינעווייניק אין אים קאָכט עפּעס, וואָס וועט אַ ליאַדע מינוט אַרויסשיסן — פון ראַזמאַר קום איך... כ'בין דאָרט געבוירן... דו פאַרשטייסט!...

— דו ביזט אַ ייד... אַ פּוילישער ייד!... — האָבן זיך ביי טאָמין די נאָדל־האָר נאָך שפּיציקער אויפגעשטעלט — ווער דאַרף דיך דאָ ביי אונז?!... גיי צוריק אין דעם לאַנד, פון וואַנען דו קומסט!...

מאַרין האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטיקן און ער האָט דערפילט אַ טרוקנקייט אין האַלז. ער האָט זיך פּאַוואָליע אומגעקוקט אין אַלע זייטן, כדי געוווייער צו ווערן, צי אַלע האָבן דאָס דערהערט. ער איז געווען זיכער, אַז מען וועט זיך איינשטעלן פאַר אים — אָבער קיינער איז אים נישט צו־הילף געקומען, זיך נישט אָנגערופן מיט אַ וואָרט, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט. ביי טייל שול־חברים האָט מאַרי באַמערקט אַ צופרידן פּייערל אין די אויגן און ביי טייל אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט. דאָס רוב שול־חברים האָבן אַוועקגעקוקט ערגעץ און זיך געמאַכט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהערט און געזען.

בשעת מאַרי האָט זיך אָנגעטראָפן אויף די פאַרשלאָסן־קאַלטע פּנימער פון די חברים, האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ און אַלץ אַרום האָט זיך אים אויסגעמישט אין איין טונקעלן פלעק, וואָס האָט געטאַנצט פאַר זיין ראיה. ווי אין אַ נעפּל האָט ער פּלוצלינג דערזען לעזלים פּנים, וואָס איז געווען אָפּגערוקט אויף אַ זייט און פונדערווייטנס זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעמען. כדי נישט צו געבן צו דערקענען אין זיך, וואָס ביי אים טוט זיך, זענען מאַרים גרין־בלאַסע אויגן מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט שמייכל. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רוקן הינטערווייַלעכץ, כדי מען זאָל נישט באַמערקן, אַז ער גנבעט זיך אַרויס פון רעדל, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים. אָבער אַזוי גיך ווי ער איז אַרויס פון רעדל, איז ער שנעל צוגעלאָפן צו לעזלין און זיך אָנגעכאַפּט אין אים, ווי אַ טרינקענדיקער

כאַפּט זיך אָן אין אַ שפּענדל. אַ פאַרשעמטער, אַ באַליידיקטער, האָט ער זיך געטוליעט צו לעזלין און זיינע הענט האָבן זיך געביילט אין פויסטן.

— האָסטו געהערט, לעזלי ... — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן — האָסט געהערט, וואָס טאָמי האָט געזאָגט!... וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר?... פאַרוואָס האָט ער מיך באַליידיקט?...

מאָרי האָט לעזלין ניט אָפּגעלאָזט, זיך געקלאַמערט אין אים, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל פון אים נישט אַנטלויפן. אָבער לעזלי האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און געזאָגט צום ברודער, ער זאָל אים אָפּלאָזן.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! — האָט ער זיך געבייזערט — לאָז מיך אָפּ!... כ'האָב גאָרנישט געהערט... כ'ווייס פון גאָרנישט...

ווען מאָרי איז אהיים געקומען פון דער שול, האָט ער גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אריין. מיסיס זעלינג האָט אים געשטופּט דאָס עסן, אָבער ער האָט עס אוועקגערוקט פון זיך. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ווענט פון שטוב רוקן זיך אויף אים, ווילן אים דערשטיקן. ער האָט זיך אין אַנטועכץ אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער און דאָס פּנים פאַרגראָבן אין קישן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט עס צו באַווייזן פאַר מענטשן. ער האָט געפילט אַ גרויסן ווייטיק, וואָס האָט געפּרעסט ביים האַרץ. אַ צייט לאַנג איז ער אַזוי געלעגן אָן באַוועגונג, דערנאָך האָבן פון זיינע אויגן אָנגעהויבן טריפן טרערן, וואָס האָבן נאַס געמאַכט דאָס קישן. וואָס מער ער האָט געפילט די הילפלאָזיקייט, אַלץ שטאַרקער זענען די טרערן געגרונען. בשעת מען איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען, ווער ס'האָט אים ווי געטאָן, האָט ער עקשנותדיק געשוויגן. ס'האָבן נישט געהאָלפן די בעטנדיקע רייד פון דער מאַמען און דאָס בייזערן זיך פון טאַטן. כאַטש האַק און בראָק, האָט מען פון אים גאָרנישט געקענט אַרויסבאַקומען.

— עפּעס אַ משוגענער... — האָט פּאַולין אוועקגעמאַכט

מיט דער האַנט — וואָס דאַרף מען זיך ביי אים בעטן... שטענ־
דיק מאַכט ער אָן בלויז „טראָבל"!...

בעת מיסטער זעלינג האָט געזען, אַז ער קען מיט מאַרין גאָרנישט אויפטאָן, האָט ער זיך גענומען צו לעזלין. אָבער לעז־לי האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און מען האָט פון אים נישט געקענט קיין סך קליגער ווערן. ער האָט גערעדט מיט אָנצוהערענישן און די עטלעכע ווערטער, וואָס מען האָט אַרויס־געפרעגט פון אים, האָבן זיך עפּעס נישט געקלעפּט. מען האָט געזען, אַז ער וויל דווקא פאַרהוילן דעם עיקר. ערשט ווען מאַ־רי האָט זיך, נאָך אַ לאַנגן שווייגן, פּלוצים צעשריגן אויפן הויכן קול, אַז ער וועט צוריקפאָרן קיין ראָזמאַר און ער וועט דאָ מער קיין מינוט נישט בלייבן, האָט זיך מיסטער זעלינג גע־כאַפּט, וואָס דאָ איז געשען. דאָס זעלבע וואָס ער, הערש, האָט געהאַט צו טאָן מיט דזשעק לואיס, האָט מאָרי אפנים געהאַט צו טאָן מיט דזשעקס זונדל, טאָמי. ער טאָר נישט לאַנג באַלע־מוטשען און ער וועט זיך מוזן גיין פאַרקלאָגן פאַר די לערערס אין דער שול, וואָס לאָזן צו דעם צו.

— פאַרוואָס זאָלן די לערערס דערלאָזן, אַז מען זאָל אַזוי באַהאַנדלען די קינדער פון די ניי־געקומענע... און ער, הערש, איז שוין דווקא נישט קיין נייער אין לאַנד... ער איז אַן אַלטער תושב...

## קאַפּיטל פופצן

# נחת פון קינדער

מאַרי האָט געזאָלט בקרוב ווערן בר־מצווה און מיסטער זעלינג האָט אַלץ געטאָן, אַז דאָס יינגל זאָל קענען די ברכה, ווען מען וועט אים אויפרופן צום ספר און ער זאָל קענען זאָגן דעם „ספּיטש" בעת דער בר־מצווה־פייערונג. מיסטער זעלינג געדענקט גאַנץ גוט דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט לעזלין — דאָס יינגל האָט נישט געקענט קיין יידיש אות, ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה. ער האָט איצט נישט געוואָלט דעם פעלער איבערחזרן.

צו דער בר־מצווה האָט מאַרין צוגעגרייט דער זיידע, ר' ברוך־איטשע, וואָס האָט געלערנט מיט די עלטערע קינדער אין דער קאַרלטאָנער ישיבה. קיין מעלבורן זענען איצט אָפּט געקומען שיפן מיט יידן, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט דער קאַרלטאָנער ישיבה און נאָכן לימוד אין דער שול געשיקט די קינדער דאָרט לערנען. נאָך דעם טויט פונם ווייב, עליה־השלום, איז ר' ברוך־איטשע געוואָרן אַן אַנדערער מענטש און ער איז געווען פּונקט אַזוי צוגעלאָזן צו מענטשן, ווי ער איז אַמאָל געווען אינדערהיים אין וואַרשע. מאַרין האָט דער זיידע ליב באַקומען און ער האָט אַפילו פאַרקוקט אויף דעם, וואָס דאָס יינגל קען נישט, לאָ־עלינו, קיין צורה פון אַן אלף. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך סבלנות בעתן לערנען מיטן יינגל און אָפּט מאַרין געלויבט פאַר הערשן:

— ער האָט אַ גוט קעפּל, מרדכי־משה... — פלעגט ער זאָגן — ער האָט אַ גוטע תפיסה און אַ טייערן זכרון... און דער עיקר איז ער אַ וועלער...

הערש איז געווען זייער צופרידן, וואָס דער טאַטע זיינער איז באַשטאַנען צו לערנען מיט מאַרין, אָבער שיינדל איז דווקא

צו דעם נישט אַזוי שטאַרק צוגעפּאַלן. זי האָט גיכער געוואָלט, אַז צוגרייטן מאַרין צו בר־מצווה זאָל דער העברעאישער לערער ווייס. זי האָט זיך צוגעהערט צו די עצות פון סאשאַ פּאַפּעוו, וואָס איז געקומען צו זיי צו־גאַסט קיין מעלבורן און איר גע־זאָגט, אַז דער לערער ווייס פון דער יהודה־הלוי־שול האָט שוין נישט איין יינגל צוגעגרייט צו בר־מצווה און ער קען גענוי, מיט אַלע פּיטשעווקעס, די יידישע מנהגים אין אויסטראַליע.

דער סוף איז געווען, אַז מאַרי האָט זיך געלערנט ביי ביידע — סיי ביים זיידן און סיי ביים לערער ווייס. ער האָט אָבער אַ סך בעסער זיך ליב געהאַט צו לערנען ביים זיידן ווי ביי דעם העב־רעאישן לערער. דער לערער ווייס האָט געטראָגן גרויסע אַמע־ריקאַנער ברילן, וואָס פלעגן אים אַרומפאָרן אויף דער דאַרער און רויטער, ווי אָפּגעפרוירענער נאָז און האָבן אַזויפיל פּלאַץ פאַר־נומען אין זיין קליין פּנימל, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט: ער באַ־שטייט פון בלויז ברילן. חוץ די שווערע, טונקל־גערעמטע ברילן, האָט מען ביים לערער ווייס אויך אָנגעזען די לאַנגע און רויטע, ווי אָפּגעפרוירענע הענט, וואָס האָבן ביי אים אַרויס־געשטאַרט פון די אייביק אויסגעוואַקסענע אַרבל און האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר וועמען פאַר־ענטפערט. ער איז געווען זייער אַ העפלעכער, ווי דאָס רוב גאַ־ליציאַנער און ער האָט מורא געהאַט נישט בלויז פאַר די צעלאָ־זענע תלמידים זיינע, וואָס פלעגן זיך צו אים ווייניק צוהערן, נייערט אויך פאַר די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן צו אים געהאַט שטענדיקע טענות. מאַרי האָט ביים לערער ווייס נישט געקענט פאַרטראָגן די גרויסע, שווערע ברילן, די קנאָכיק־לאַנגע הענט און דער עיקר זיין מורא פאַר אַלץ און אַלעמען — און ער האָט ליבער געהאַט זיך צו לערנען ביים זיידן, ווי ביים לערער.

אויך האָט דער זיידע הנאה געהאַט צו לערנען מיטן איי־ניקל און ער האָט שוין אויסגעקוקט מאַרי זאָל צו אים קומען. ער האָט מיטגענומען דאָס יינגל צום דאווענען, געלערנט אים לייגן תפילין. בשעת מאַרי איז געשטאַנען לעבן זיידן און זיך צוגעהערט ווי די יידן דאווענען, האָט אים אַ מורא און אַ

בענקשאַפט אָנגענומען און ס'האָט אים זייער באַנג געטאָן, וואָס ער אַליין קען קוים צוזאַמענשטעלן די אותיות אין סידור. ער האָט מקנא געווען די יינגלעך אין דער ישיבה, וואָס קענען אַזוי שנעל דאַווענען און קענען זיך אויסשמועסן מיט גאָט. ער האָט דאָס געוואָלט וואָס גיכער באַווייזן.

ווען מאַרי איז איינמאָל אום שבת אַהיים געקומען פון זיידן, איז ער געגאַנגען דעם גאַנצן וועג צו־פוס, נישט געוואָלט נעמען קיין טראַמוויי. די עלטערן האָבן באַמערקט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פרום צו ווערן, זיך אויסגעהיטן צו טאָן אַן עבירה. און נישט בלויז האָט ער אַליין נישט געוואָלט באַגיין קיין עבי־רות, נאָר ער האָט אויך געהיטן די עלטערן זיי זאָלן קיין עבירות נישט באַגיין. ער האָט געהאַט טענות, וואָס די מאַמע מישט דאָס געשיר, קאָכט אום שבת און דער טאַטע פאָרט אום שבת אין אויטאָ צו די „ביזנעס". נישט איין מחלוקת איז צוליב דעם אויסגעקומען — און שיינדל האָט געהאַט טענות צום מאַן, וואָס ער לאָזט מאַרין לערנען ביים זיידן.

— דו ווייסט אַליין נישט אויף וועלכער וועלט דו ביזט...

— האָט מיסטער זעלינג געזאָגט צום ווייב — האָסט אַליין געוואָלט צוליב די קינדער קומען קיין מעלבורן!... וואָס־זשע האַרט דיך, אַז דאָס יינגל ווערט פרום... ער וועט נישט אויס־וואַקסן קיין רב, דער בנאַק דיינער!...

— וואָס וויצלסטו זיך?... נישט דאָס האָב איך געמיינט...

— האָט זיך די מיסיס זעלינג געחידושט, וואָס דער מאַן פאַר־שטייט זי נישט — מאַרי האָט אויסטערלישע איינפאַלן... כ'ווייס אַליין נישט וואָס פון דעם יינגל וועט ווערן... וואָס ער וועט אויסוואַקסן...

ווען לעזלי און פאַולין האָבן באַמערקט, אַז מאַרי וויל נישט פאָרן אין שבת און וויל נישט עסן קיין טרפות, האָבן זיי פון אים חוזק געמאַכט. גאָר שטאַרק האָט פון אים אָפּגעשפּעט פאַולין.

— יעדעס מאָל פאַלט אים עפּעס אַן אַנדער משוגעת אַריין אין קאָפּ! — האָט זי אָפּגעלאַכט פון מאַרין — עפּעס איז ביי

אים דאָרט לויז אין קאָפּ... בעליוו מי, מיר וועלן נאָך האָבן אַ ראַביי אין דער משפּחה...

בשעת זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי, ווי געוויינטלעך, אַריינגעקוקט אין שפּיגל און, אַ צופרידענע פון זיך, געוויקלט אירע בלאָנד־געפאַרבטע האָר אויף אַ פינגער און זיך געצופּט די האָר פון די ברעמען און אויף זייער אָרט מיט אַ טונקעלן שטיפט אָנגעצייכנט דינע האַלבע לבנות.

מאָרי איז נישט געבליבן שולדיק דער שוועסטער קיין ענט־פער. שוין נישט פון היינט אָן האָט ער די שוועסטער פיינט צוליב איר אייביקן פּוצן זיך, צוליב איר ליב האָבן בלויז זיך אַליין, און ער האָט זי איצט אָנגעקוקט מיט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, כדי זי נאָך פיינטער צו באַקומען. ער האָט איר אַ וואָרף געטאָן גלייך אין פּנים אַריין דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט איר געקענט זאָגן:

— כ'האָב דיך פיינט... איי העיט יו!...

מאָרי האָט זיך נישט געמאַכט, נישט פון לעזלין, נישט פון דער שוועסטער און זיך וויטער געטאָן זיינס. ער האָט זיך גע־גרייט צו דער בר־מצווה, געגאַנגען יעדן טאָג זיך לערנען צום זיידן. צו דער בר־מצווה האָט זיך נישט געגרייט בלויז מאָרי אַליין, אויך האָט זיך די מיסיס זעלינג געפּאָרעט צו דער בר־מצווה פונם זון מיט אַזאַ ציטער אין האַרצן, פּונקט ווי זי אַליין וואָלט זיך באַדאַרפן גיין לערנען צום לערער וויים און צום שוּוער. זי האָט געוואָלט, אַז אַלץ צו דער שמחה זאָל אַרויסקו־מען וואָס שענער און וואָס בעסער און די יידן אין מעלבורן זאָלן וועגן דעם רעדן אַ לאַנגע צייט. כאָטש מיסיס זעלינג איז געווען קאַרגער פונם מאַן און זיך נישט ליב געהאַט גרויס צו שטעלן, ווי ער, האָט זי אויף דער בר־מצווה פונם זון זיך גע־וואָלט לאָזן וואָס מער קאָסטן. נאָך אַ שטיק פּאַר דער שמחה האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די יידישע קראָמען אויף דער ליגאָן־סטריט, כדי צו באַשטעלן פיש, פלייש, געבעקס, וויין און זיסוואַרג. איז דאָס נישט אַ שמחה פון דעם מוזשיניק, וואָס זי האָט ליבער פון די אַנדערע קינדער? עפּעס איז איר מאָרי, מער פון די איבעריקע קינדער, איינגעבאַקן אין האַרצן...

בשעת מיסים זעלינג האָט זיך געדרייט איבער די יידישע קראָמען אויף דער לייגאָן־סטריט, האָט זי געדאַנקט דעם באַשעפער, וואָס זי איז אַרויס פון ראַזמאַר. אין ראַזמאַר וואָלט זי נישט געקענט פּראַווען אַ בר־מצווה פאַר מאַרין. האָט מען דאָך פאַר לעזלין אינגאַנצן קיין בר־מצווה נישט געמאַכט, און זי פילט זיך ביז היינט שולדיק פאַרן יינגל. דאָ, אין מעלבורן, זענען פאַראַנען יידישע קראָמען, וואָס שמעקן מיט די היימישע ריחות פון קאַשע, רייז, הערינג, ראַזשינקעס און צימערינג. אין די בעקערייען, ווו עס איז אויף די שויפענסטער אויסגעמאָלן אַ מגן־דוד, קען מען באַקומען היימיש־געבאַקן ברויט, לעקעכער און טאָרטן, וואָס האָבן דעם זעלבן טעם ווי אין וואַרשע. אין די יאַטקעס, ווו עס איז אויף דער שילד אויפגעצייכנט מיט גרויסע אותיות „כשר", שטייען יידן מיט בערד און מיט קאַפּעלעך אויף די קעפּ און זיי פאַרקויפן כשר־געשאָכטענע עופות און פלייש.

ווען מיסים זעלינג האָט זיך געדרייט איבער די יידישע קראָמען, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף די ווייבער, וואָס זענען ערשט אָנגעקומען קיין אויסטראַליע און האָבן נישט געקענט קיין וואָרט ענגליש. די ווייבער האָבן געאַרבעט אין פאַבריקן און האָבן בלויז געקענט דעם וועג אַהיים פון די געוועלבער און דעם וועג אין די „פעקטאָרים" אַריין. זיי האָבן זיך שיינדלען געפרעגט פאַרשידענע עצות און אַז זי האָט זיי געקענט מיט עפּעס אַרויסהעלפן, האָט זי זיך דערפילט חשוב אין די אייגענע אויגן און אַ צעפרידענער שמייכל האָט אַראָפּגעשיינט פון איר פּנים. עס האָט איר דערמאָנט אין די ערשטע צייטן, ווען זי איז קיין אויסטראַליע אָנגעקומען און זיך געפילט פונקט אַזוי הילפלאָז ווי די ווייבער...

וואָס האָט אָבער געהאָלפן שיינדלען דאָס דרייען זיך איבער די יידישע קראָמען, אַז הערש האָט סיי־ווי פון דעם אַלעמען נישט געהאַלטן און דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז זי זאָל זיך בעסער אַריבערכאַפּן צו די „קייטערס", מיסטער און מיסים זיס, און מיט זיי מושווה ווערן, זיי זאָלן אַלץ צוגרייטן צו דער בר־מצווה. דאָס וועט איינשפּאָרן פיל קאָפּ־ווייטיק און אַלץ וועט טאַקע זיין שענער צוגעגרייט. שיינדל האָט נישט געהאַט קיין

אַנדערע ברירה און זיך געמוזט אונטערגעבן, כאָטש זי האָט זיך געפילט געטראָפן. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן און נאָך דעם זעלבן אָוונט, וואָס זי האָט גערעדט מיטן מאַן, האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט צו די „קייטערס״.

דאָס פּאָר־פאָלק, מיסטער און מיסיס זיס, זענען געווען ביידע זייער דיק און קיילעכדיק און זיי האָבן זיך ביים גיין געקוילערט, ווי צוויי פּעסלעך. צוליב דיקקייט זענען זיי אַלע־מאָל געגאַנגען אָפּגעזונדערט פון זיך און דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז. מיסיס זיס איז געווען נאָך דיקער ·פונם מאַן און זי האָט געמוזט זיצן אויף צוויי בענקלעך, וואָס האָבן אונטער איר שווערער משא שטאַרק גע־קרעכצט. די טיר פאַר שיינדלען האָט אויפגעמאַכט מיסטער זיס און זי באַלד צוגעפירט צום ווייב, וואָס איז געזעסן אויס־געזעצט, ווי שטענדיק, אויף צוויי בענקלעך. זי איז געווען דער קאָפּ פון די „ביזנעס״ און זי האָט טאַקע באַלד מיט פיל קענ־טעניש אין סאַרווער־פאַך אָנגעהויבן אויסצורעכענען פאַר שיינדלען אַזויפיל מאכלים, וואָס זי קען אַלץ צוגרייטן, אַז שיינדל איז געבליבן צעמישט. מיסטער זיס, וואָס האָט גע־טראָגן אַ פּאַרפעצט קאָפּל אַזוי קונציק פאַרגראָבן אין די פאַר־איילעצטע האָר, אַז מען האָט עס קוים אָנגעזען, האָט צוגעבאָמ־קעט דעם ווייב צו יעדן וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט. מיסיס זיס האָט קונציק־שנעל געאַרבעט מיט אירע קורצע, פעטע הענטלעך, ווי זי וואָלט געהאַלטן עפּעס אין שטריקן און זיך אַליין פאַסמאַקעוועט מיט די מאכלים, וואָס זי האָט אויסגע־רעכנט. כדי צוצוגעבן חשיבות די אַלע אויסגערעכנטע שפּייזן, האָט זי שטענדיק צו זיי צוגעלייגט די ווערטער „אַ שטיקל״ און „אַביסל״ און בשעת־מעשה צוגעטראָגן צוויי פינגער צום מויל און אַ צמאָק געטאָן מיט די ליפּן פון גרויס אַנטציקונג.

— כ'על צוגרייטן אַ שטיקל פּוס, אַ „צוש״... — האָט זי הויך געצמאָקעט מיט די ליפּן — אַ שטיקעלע פיש... אַ ביסל געבראָטנס... אַ שטיקעלע מעגעלע... קניזשלעך... כ'זאָג איהנען, מיסיס זעלינג, זי האָבן זיך נישט וואָס צו „טראָבלען״... די מענטשן וועלן לעקן די פינגער... און אַלץ אויפן העכסטן גראַד

כשר... כ'פיר אַ יידישע קיך... כ'בין נישט ווי די אַנדערע „קיי־טערס"...

אַז מיסים זעלינג איז אַרויס פון די „קייטערס", איז זי נישט געווען אינגאַנצן צופרידן — אָבער זי האָט זיך פאַר הערשן נישט פאַרקלאָגט. דאָס מושווה־ווערן האָט זי סיי־ווי איבערגעלאָזט פאַר זיינעטוועגן, ווייל זי האָט מורא געהאַט צו דערהערן די סומע, וואָס מיסים זים וועט אויפזינגען. מילא וועט אַלץ נישט זיין צוגעגרייט, ווי זי וויל. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. דאָס וויכטיקסטע איז ווי מאָרי וועט זיך אויפפירן בעת דער בר־מצווה־פייערונג. וויאַזוי ער וועט זאָגן דעם „ספּיטש" און די ברכות, ווען מען וועט אים אויפרופן צום ספר. דאָס יינגל האָט דאָך ערשט נישט געקענט קיין יידיש אות... און אַז מאָרי וועט איר נישט אָנטאָן קיין בושה — דאָס איז זי זיכער געווען. מאָרי האָט זיך גאַנצע טעג געלערנט. דער זיידע האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה און ער האָט אים זייער געפאָלגט. זי האָט זיך פון דעם אַביסל געזאָרגט, וואָרן זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס יינגל זאָל ווערן צו פרום. דאָ, אין דער פרעמדר, וועט אים מיט דעם זיין זייער שווער... זי האָט אַלעמאָל געמינטערט מאָרין, ער זאָל אַרויסגיין אין גאַס זיך שפּילן מיט די חברים, אָבער ער איז געווען פאַרטאָן אין לערנען. דאָס צוגרייטן זיך צו בר־מצווה האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. עס איז געווען פאַר אים עפּעס אַ נייעס. דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מאָרי דאָ, אין מעלבורן, נאָך אַלץ נישט אויס־געזוכט קיין חברים און אויף זייער גאַס האָבן דווקא געוווינט עטלעכע יידישע יינגלעך אין זיין עלטער. זינט ער האָט געהאַט צו טאָן אין דער שול מיטן גויאישן שכנס יינגל, מיט טאָמין, קען ער צו זיך נישט קומען און די באַליידיקונג האַלט אים נאָך אַלץ אין איין עסן. אמת איז, אַז פון מאָרין איז שווער אַרויס־צוקריגן עפּעס אַ וואָרט — אָבער ער האָט זיך דאָך איינמאָל פאַר איר אַרויסגעכאַפּט.

— מאַם... — האָט ער זיך פאַר איר אַרויסגעכאַפּט און

געוואָלט באַלד צוריקכאַפּן די ווערטער — באָב איז נישט ווי טאָם!... ער איז נאָך אַלץ מיין בעסטער חבר...

און נישט בלויז האָט מאַרי געבענקט נאָך זיין חבר, אויך האָט לעזלי געבענקט נאָכן שיקסל, נאָך דזשינען. לעזלי איז שוין אַ גאַנצער סוחר, העלפט דעם טאַטן צו אין די „ביזנעס". הערש האָט אים אָפּגענומען פון דער שול, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָס יינגל לייגט נישט צו דעם קאָפּ צום לערנען — דער קאָפּ שטעקט אים מער אין מסחר, ווי אין לערנען. מיט פּאַר־לינען איז עפּעס אַנדערש. זי געדענקט שוין מער נישט אין ראָזמאַר — נישט אין ראָזמאַר און נישט אין אירע „באַי־פרענדס" פון דאָרטן. זי טרעפט זיך אַפילו זעלטן מיטן איטאַ־ליענער, מיט וועלכן זי איז אַרומגעגאַנגען באַלד נאָכדעם, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין מעלבורן. עס פירט זי איצט אָפּ אַהיים אַ יונגערמאַן, וואָס זעט אויס צו זיין אַן ענגלישער ייד, אַ היי־געבוירענער...

מיסיס זעלינג ווייסט נישט פאַרוואָס מאַרי מיידט אויס אַזוי שטאַרק סוזענען, זייער שותפס טעכטערל, וואָס וויל זיך דווקא מיט אים חברן. סוזען איז אַ ווויל קינד און שיינדלען האָט זיך דאָס האַרץ אַלעמאָל געפרייט, ווען זי האָט געזען די קינדער צוזאַמען. אָבער מאַרי מיידט אויס סוזענען און ער וויל קיינמאָל נישט אַריינגיין צו זייער שותף אין שטוב. אַז שיינדל האָט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער גייט נישט אַריין צו מיסטער זיידנער אין הויז, זענען זיינע גרין־וואַסערדיקע אויגן פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ להכעיסדיקער בייזקייט און ער האָט אויף איר אַ מרוק געטאָן:

— נישט דיינע „ביזנעס"... — האָט ער אויף איר מיט כעס אַ מרוק געטאָן — מיש זיך נישט צו מיר...

די מוטער איז גערעכט געווען, מאַרי האָט טאַקע אויס־געמיטן סוזענען באַלד פון דעמאָלט אָן, ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין דעם טאַטנס פאַבריק און זי האָט אים געגעבן אַ בילעט אויף דעם חנוכה־קאָנצערט. ער האָט אויף דעם קאָנצערט נישט געוואָלט גיין, כאָטש די עלטערן האָבן אים צו דעם געצווונגען. עפּעס האָט ער נישט געקענט פאַר־

טראָגן סוזענען פאַר איר דרייסטקייט, פאַר איר רעדן מיט אַזאַ פאַרריסן־זיכער קולעכל. זי האָט געוווסט, אַז זי איז שטאַרק אָפּגעציטערט ביי איר טאַטע־מאַמע און זי האָט זיך צוליב דעם כסדר פאַר זיי געפּיעשטשעט. דער עיקר האָט זי זיך געפּיעש־טשעט פאַר איר טאַטן און זי האָט עס געטאָן מיט דער כוונה אָנצוטאָן דער מאַמען עגמת־נפש. זי האָט כסדר געוואָלט דעם טאַטן מיט עפּעס אונטערקומען. און מאָרי האָט דעם מיסטער זיידנער נישט ליב געהאַט. ער געדענקט ווי ער האָט אים בייז אָנגעקוקט, ווען ער האָט נישט געוואָלט נעמען ביי דער טאָכטער דעם בילעט.

אויך איצט קוקט אים מיסטער זיידנער כסדר בייז אָן, ווען ער קומט צום טאַטן אין פאַבריק אַריין. סוזען וואַרט אים שוין דאָרטן אָפּ. זי טרעט אַלע טאָג אָפּ אין די „ביזנעס”, ווען זי קומט צוריק פון דער שול און אירע שוואַרצע טרויעריקע אויגן קוקן יעדעס מאָל צו דער טיר, טאָמער וועט זיך מאָרי באַווייזן. פון אָנהויב, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי זיך מיט מאָרין געוואָלט פּונקט אַזוי פירן, ווי זי האָט זיך געפירט מיט אירע טאַטע־מאַמע. זי האָט דווקא געוואָלט, ער זאָל זי אין אַלץ האָרכן. ווען זיי זענען טיילמאָל אַהיים געפאָרן צוזאַ־מען, האָט זי אויסגעקליבן דעם וועג וויאַזוי צו פאָרן און גע־וואָלט ער זאָל זי פאָלגן. אָבער אַז ער האָט זי נישט געפאָלגט, האָט זי אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פּיל און אים בלית־ברירה נאָכגעטאָן. זי האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז נאָכצוגעבן, כאָטש ס׳איז איר שווער אָנגעקומען, ווייל ס׳האָט אָנגערירט איר מיידלערישן שטאָלץ. בעת־מעשה האָט זי אַלעמאָל ווידער אויס־געפּרוווט איר כוח איבער אים, נישט געוואָלט בלייבן די פאַרשפּילטע.

אָבער מאָרי האָט זי סיי־ווי אויסגעמיטן, נישט געקענט ליידן איר פּיעשטשען זיך. חוץ דעם האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו איר, ווייל ער האָט זיך געגרייט צו דער בר־מצווה. ער האָט געזען ווי די מוטער זיינע איז זייער פאַרפאָרעט. וואָס נענטער ס׳האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון דער בר־מצווה, אַלץ מער פאַרפאָרעט איז זי געווען. זי האָט געהאַלטן אין איין איבער־

קוקן דאָס צעטל מיט די נעמען פון די באַקאַנטע, וואָס זי וועט פאַרבעטן אין שול צום אויפרופן און דערנאָך אין „מאָנאַש־האָל" אַריין. דאָס צעטל מיט די נעמען איז כסדר געוואַקסן, כאָטש זי האָט נאָך נישט געהאַט אַזויפיל באַקאַנטע אין מעלבורן. אויך זענען צו זיי אין שטוב אַריין אָפט געקומען די „קייטערס" און די מאַמע האָט מיט זיי זייער פיל גערעדט, אַנגעזאָגט יעדע זאַך צו עטלעכע מאָל.

די גאַנצע צייט פון גרייטן זיך צו דער בר־מצווה איז מאָרין דער גאַנצער ענין זייער געפעלן געוואָרן און ער איז געווען שטאָלץ מיט זיך. אָבער אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען ער האָט באַדאַרפט אויפגערופן ווערן צום ספר און באַדאַרפט זאָגן דעם „ספּיטש", האָט ער אָנגעהויבן מורא צו באַקומען. ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען און ער זאָל ווידער קענען זיין פריי. דער עיקר האָט זיך מאָרי געשראָקן פאַרן „ספּיטש", וואָס דער העברעאישער לערער וויים האָט אים אויסגעלערנט צו זאָגן פון אויסנווייניק אַזש אין דריי שפּראַכן: אין ענגליש, יידיש און העברעאיש. און ער האָט העברעאיש נישט געקענט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט נאָך דעם העברעאישן לערער...

בשעת ס'איז געקומען דער שבת און מען האָט מאָרין אויפגערופן צום ספר, האָט זיך אים אין קאָפּ אַלץ געמישט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט געדענקען דאָס אַלץ, וואָס דער זיידע האָט אים מיט אַזויפיל מי אויסגעלערנט. ווען ער איז געשטאַנען ביים ספר, מיטן שמאָלן טליתל, ווי אַ זיידן שאַליקל, פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען און ער האָט געזען די אַלע בליקן, וואָס זענען געקערט מיט אַזויפיל דערוואַרטונג צום אים, האָט ער נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז. צווישן די פרעמדע מענטשן האָט ער געזוכט דעם טאַטן, די מאַמען, דעם זיידן, וואָס האָט קוים באַוויליקט צו קומען אין דער קאַרלטאָנער שול, וואָרן ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל דאָס אייניקל אויפרופן אין דער ישיבה. אַז מאָרי האָט זיך אָנגעטראָפן מיטן גליקלעך־איבערגעשראָקענעם, שטאָלצן בליק פון דער מאַ־

מען, וואָס האָט אַרומגעפּלאָטערט פונם ראַביי אויף אים און פון אים אויפן ראַביי, איז ער אַביסל צו זיך געקומען.

צעמישט איז שוין אינגאַנצן מאַרי געווען, ווען ס'איז געווען די פייערונג אין דעם מאָנאַש־האָל. ס'זענען געקומען אַזויפיל מענטשן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען. די אַלע מענטשן האָבן גערעדט צו אים די זעלבע רייד. אַלע האָבן אים געברענגט די זעלבע מתנות, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט. דאָס איז געווען די יידישע געשיכטע אין ענגליש... כדי אויפצונעמען די געסט, זענען ביי דער טיר געשטאַנען: דער טאַטע, די מאַמע, פּאַולין און לעזלי. זיי אַלע זענען געווען זייער אויסגעפּוצט. ס'האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען פּאַולינס פריש־געפאַרבטע בלאָנדע האָר. די מאַמע האָט געטראָגן אַ טונקל־גרויען קאָסטיום און צירונג אויפן האַלז און אויף די הענט, וואָס האָט זיך געמיניעט מיט אַלערליי קאָלירן אין עלעקטרישן ליכט. אירע בלאָנד־באַזילבערטע האָר האָבן זיך איידל אָפּגעשלאָגן פון טונקעלן קאָסטיום. דער טאַטע האָט אויסגעזען זייער יום־טובדיק אינם שוואַרצן אָנצוג און שוואַרצן שלייפל.

כאָטש די מאַמע האָט געצוווּנגען מאַרין, ער זאָל זיך אויך שטעלן ביי דער טיר, כדי אָפּצוואַרטן די געסט, האָט ער זיך אַלעמאָל אוועקגעגנבעט אויף אַ זייט. אויך האָט ער נישט געוואָלט זאָגן די פּאָר ווערטער, וואָס די מאַמע האָט אים אונ־טערגעזאָגט און נישט געדאַנקט די געסט פאַר די שיינע מתנות. ער האָט נישט געדאַרפט האָבן אַזויפיל ביכער וועגן יידישער געשיכטע... די מאַמע האָט אים געלערנט צו זאָגן אַ ליגן און ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן. ער האָט שוין בכלל צופיל געפאָלגט די מאַמע — אָנגעטאָן דאָס ערשטע מאָל אַן אָנצוג מיט לאַנגע הויזן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע טייטלען אויף אים מיט די פינגער...

כאָטש מאַרי האָט גוט געקענט דעם „ספּיטש" אין דריי שפּראַכן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז אים אַרויסגע־פלויגן פון קאָפּ. בעת ער איז געזעסן אויבן־אָן ביים טיש, האָט ער זיך נישט גוט געפילט און דאָס ליבסטע וואָלט געווען פאַר אים, ווען ער קען ערגעץ אַנטלויפן פון דאַנען. לעבן מאַרין

אויבן־אָןביים טיש, אויף דער פאָדערשטער וואַנט, ווו ס'איז פון פאַרשידנקאָליריקע עלעקטרישע לעמפּלעך געווען אויסגע־צירט אַ גרויסער מגן־דוד, איז געזעסן די גאַנצע משפּחה. צווישן דער משפּחה איז געזעסן אויך דער רעווערענד, דער העברעאישער לערער און מיסטער פּאַפּעוו, וואָס איז צו דער שמחה געקומען פון יידישן „סעטלמענט". די מיסיס זעלינג איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט די גאַנצע משפּחה לעבן זיך. זי האָט איצט אַפילו נחת געהאַט פון פּאַולינען, וואָס האָט אַזוי שיין אויסגעזען און זיך געפירט ווי אַ גאַנצע דאַמע. דאָס פּנים ביי דער מיסיס זעלינג איז געווען זייער שטאַרק צעפלאַמט און זי האָט מיט פיל צופרידנקייט געמרוזשעט דאָס רעכטע אויג. ס'האַרץ האָט איר איצט נישט אונטערגעזאָגט קיין שום שלעכטס. ווען זי האָט אַ בליק געוואָרפן אויפן מיסטער פּאַפּעוו. האָט זי אויף אים רחמנות באַקומען. ס'האָט זיך איר געדאַכט. אַז ער פילט זיך איינזאַם. זי האָט זיך אויך שטאַרק מצער געווען פון דעם, וואָס די מאַמע אירע, עליה השלום, האָט נישט דערלעבט צו דער שמחה, און זי האָט מיט אַ טיכעלע אָנגעהויבן ווישן די טרערן. די מאַמע וואָלט געהאַט איצט אַ סך נחת...

איידער דער רעווערענד האָט געמאַכט די „המוציא", האָט ער זיך אין ענגליש און אין יידיש געווענדט צום עולם:

— דזשענטלמען, קאַווער דהי העדס, פּליז... ביטע, טוט אָן די היט, דזשענטלמען...

צווישן עולם איז געוואָרן אַ גערודער. טייל מענער האָבן אָנגעטאָן די קאַפּעליושן און טייל האָבן געכאַפּט די סערוועט־לעך פון טיש און צוגעדעקט מיט זיי די קעפּ. צווישן די סוח־רים, מיט וועלכע מיסטער זעלינג האָט געהאַנדלט, זענען אויך געזעסן די צוויי גויאישע „מענעדזשערס" פון דער באַנק, ווו ער האָט געהאַט אַן „אָווערדראַפט" און אָפּט געבאָרגט געלט. אויך זיי האָבן צוגעדעקט מיט די סערוועטלעך די קעפּ, און מיסטער זיידנער, הערשס שותף, האָט געהאַט מיט זיי אַ שווער שטיקל אַרבעט, ווייל ער האָט זיי כסדר געמוזט אויפקלערן די יידישע דינים און מנהגים. זיין פול־אויסגעשטאָפּטע פּלייצע האָט זיך חניפהדיק געבויגן פאַר די קאַלטע פּנימער פון די באַנק־

„מענעדזשערס" און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— באַר־מיצוואַ איז באַר־מיצוואַ... נו, גיי זעץ איבער דאָס וואָרט אין ענגליש... ביי יידן, אַז אַ „באָי" ווערט בר־מצווה, איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע עבירות... יו אַנדערסטענד?...

בעת דער סעודה האָט ר' ברוך־איטשע נישט געוואָלט גאָרנישט טועם זיין, בלויז פאַרזוכט אַ שטיקל חלה, כדי ער זאָל אויך האָבן עפּעס נהנה געווען פון דער סעודת־מצווה. ס'האָט אַפילו נישט געהאָלפן דאָס, וואָס מיסיס זיס האָט מיט אַ שווערן קרעכץ זיך אויפגעהויבן פון די צוויי שטולן, ווו זי איז געזעסן, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף די אויסטראַלישע קעלנערינס, און איז צוגעקומען צו ר' ברוך־איטשען און אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז דאָ גלאַט כשר. דאָס גאַנצע עסן, וואָס די שיקסלעך, אין די ווייסע שירצלעך און מיט די ווייסע טשעפּיקעס אויף די קעפּ, האָבן אים צוגעטראָגן, איז געבליבן שטיין נישט אָנגע־רירט.

— כ'פיל זיך נישט מיט אַלעמען, נישט פאַר אייך גע־דאַכט... — האָט ר' ברוך־איטשע געזאָגט, נישט געוואָלט מביש זיין די מיסיס זיס.

נאָכן בענטשן, בעת מען האָט ווידער, לויטן באַפעל פונם רעווערענד, אָנגעטאָן די קאַפּעליושן און די סערוועטלעך אויף די קעפּ, האָט מען אין זאַל גענומען שרייען און פּאַטשן היי־מישלעך אין די טישן:

— אָרדער, פּליז... דער רעווערענד גייט עפּעס זאָגן...

מיט זיינע שאַרפע, קלוגע אייגעלעך האָט דער רעווערענד דורכגענומען דעם גאַנצן עולם, כדי ער זאָל וויסן, וואָס ער האָט צו זאָגן. ער האָט זיין יידישן „ספּיטש" באַווירצט מיט פיל ענגלישע און העברעאישע פּסוקים און אויך אינזינען גע־האַט צו מאַכן עטלעכע הלצהלעך, כדי אויסצונעמען ביים עולם. דער העברעאישער לערער האָט אָפּגעקנאַקט זיין העברעאישע דרשה מיט אַזויפיל התלהבות, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט עפּעס אַ ליד פון אויסנווייניק. כאָטש קיינער האָט אים כמעט נישט פאַרשטאַנען, האָבן פונדעסטוועגן אַלע געלעקט די פינגער פון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט. אַז ס'איז געקומען די ריי

אויף מיסטער זעלינג, וואָס איז בטבע געווען אביסל אַ שעמעוו־דיקער, האָט ער עפּעס שנעל געמורמלט מיטן מויל און פון גרויס איבערגענומענקייט אָפּט פאַרגעסן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

נאָך די אַלע רעדעס האָט מען זיך אַרומגעזעצט. אַז מען האָט פאַרגעסן אינם זיידן, און דער גאַנצער עולם איז דווקא באַשטאַ־נען דערויף, ר' ברוך־איטשע זאָל עפּעס זאָגן. ס'האָבן זיך דער־הערט שטימען פון אַלע זייטן: — ר' ברוך־איטשע!... ווו איז ערגעץ דער זיידע?... וואָס האָט מען פאַרגעסן אין זיידן...

צום סאַמע סוף האָט מאַרי געהאַלטן זיין „ספּיטש" אין דריי שפּראַכן: אין ענגליש, יידיש און העברעאיש.

— כ'דאַנק מיינע עלטערן פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַר מיר ביז איצט געטאָן... כ'דאַנק זיי פאַרן דערציען מיך פאַר אַ ייד... כ'דאַנק דעם זיידן פאַרן צוגרייטן מיך צו בר־מצווה... כ'דאַנק דעם העברעאישן לערער, מיסטער ווייס, פאַרן לערנען מיט מיר... כ'דאַנק די געסט פאַרן קומען...

זיר האָט געהאַט אַזויפיל „דאַנקען" צו זאָגן. אַז ער האָט געמיינט, ער וועט עפּעס פאַרגעסן — אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום.

פּאַטש מאַרי האָט פון אָנהויב געבעטן, אַז אַלץ זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, האָט אים פונדעסטוועגן באַנג געטאָן, וואָס אַלע האָבן זיך געקליבן אַהיים גיין און ער איז מער נישט אַזוי וויכטיק געווען, ווי פריער. בעתן אַהיים גיין, איז פּלוצים לעבן אים אויסגעוואַקסן סוזען. זי האָט געטראָגן אַ ניי ראָזע באַל־קלייד און אינם געדרענג, ווען קיינער האָט זי נישט געזען, האָט זי זיך געהאַט אָנגעשמינקט בגנבה די ליפּן. זי האָט מאַרין געפרעגט, צי ס'געפעלט אים און ווען ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו זעסט אויס קאָמיש אין די לאַנגע הויזן... דו ביזט נאָך אַ „בייבי" און ווילסט זיך מאַכן פאַר אַ גאַנצן מענטש...

זי איז אַוועק פון אים, זיך אויסגעמישט צווישן עולם.

## קאַפּיטל זעכצן

# דער לערער ווייס האָט זיך צעבונטעוועט

סוזען איז צו מאַרין צוגעשטאַנען און אַריינגערעדט אין אים אַזוי לאַנג מיט איר חוצפּהדיק־פּאַריסן קולעכל, אַז ער זאָל קומען צו דעם חנוכה־קאָנצערט אין דער יהודה־הלוי־שול צום אָפּשלום פונם לערן־יאָר, אַז ער האָט זיך דאָסמאָל נישט גע־קענט מער אַרויסדרייען פון איר און איר צוגעזאָגט צו קומען.

— דאָ האָסטו אַן אומזיסטן בילעט... — האָבן סוזענס טרויעריק־שוואַרצע אויגן זיך געחנדלט — כ'בין נייגעריק צו וויסן, צי וועסט מיך דערקענען אויף דער בינע...

כאָטש מאַרי האָט צוגעזאָגט סוזענען צו קומען אויף דעם קאָנצערט, האָט ער זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן פונדער־ווייטנס פון איר. ער האָט אַפילו אויסגעמיטן צו קומען צום טאַטן אין די „ביזנעס", כדי זיך מיט איר נישט צו באַגעגענען. דאָס האָט זי זייער באַליידיקט און זי האָט אַלץ געטאָן, ער זאָל זי באַמערקן. בשעת זי האָט זיך מיט אים באַגעגנט, האָט זי אים דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן דער שול, ווו זי איז געגאַנגען, געוויזן אים די ביכער, וואָס זי האָט געלייענט און זיך באַרימט אַפילו פאַר אים מיט איר רויטן האַנט־בייטל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט געלט. אַז מאַרי איז פון דעם אַלעמען נישט נתפּעל געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן אויף אים אויסצוקלערן פאַרשידענע נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות. זי האָט אויף אים געמסרט, אַז ער לאַכט אָפּ פון איר, אַז ער שלאָגט זי — און אַז דער פאָטער זיינער האָט אויף אים געשריגן און אים מכבד געווען מיט אַ קלאַפּ, האָט זיך אין אירע אויגן באַוויזן אַ צופרידן־נקמהדיק פייערל.

איינמאָל, אין אַ פרילינגדיקן פאַרנאַכט, ווען זיי ביידע, סוזען און מאַרי, זענען געווען ביי די עלטערן אין געשעפט, האָט

זיך פּלוצים דערהערט אַ געוואַלד, וואָס האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. מען האָט אָנגעהויבן צו לויפן פון איין שטוב אין דער אַנדערער און מיטאַמאָל אַנטדעקט, אַז די געוואַלדן קומען פון דעם לאַגער, ווו עס ליגן די נאָך נישט־צעשניטענע באַלעמס סחורה. צוזאַמען מיט די געוואַלדן, איז פון דער שטוב געקומען אַ קלאַפּן אין דער טיר.

— דער, דעדי!... — האָט מען פון יענער זייט טיר דערהערט סוזענס קול — מאַרי האָט מיך פאַרשלאָסן און ער לאָזט מיך נישט אַרויס!...

צו מאַרין זענען דעמאָלט צוגעלאָפן, סיי דער טאַטע און סיי דער שותף זיינער, מיסטער זיידנער און באַפוילן, ער זאָל שוין אַרויסלייגן דעם שליסל פון דער טיר,* כדי מען זאָל סוזענען קענען אַרויסלאָזן פון דער געפענגעניש. אָבער מאַרי האָט פון גאָרנישט געוווּסט צו זאָגן. ער האָט געטענהט, אַז ער האָט נישט קיין שום שליסל און ער האָט סוזענען נישט פאַרשלאָסן אינם לאַגער. אַז מען האָט אים נישט געגלויבט און אַדורכגענישטערט זיינע קעשענעס, האָט מען ביי אים דעם שליסל נישט געפונען. דאָס האָט אָבער נישט איינגעשטילט דעם מיסטער זיידנער, און זיין כעס אויף מאַרין, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל מביש געווען זיין אָפּגעציטערט טעכטערל, איז געוואַקסן. ער האָט אָנגעהויבן אויף מאַרין אַזוי שטאַרק צו שרייען, אַז דאָס בחורל, וואָס איז גאָט די נשמה געווען שולדיק, איז פון שרעק זייער בלייך געוואָרן. בעת מיסטער זעלינג האָט דאָס באַמערקט, האָט ער אויף דעם זון רחמנות באַקומען און זיך פאַר אים איינגעשטעלט. ס'האָט אים זייער באַרירט, וואָס אַ פרעמדער נעמט זיך דאָס רעכט אַזוי צו שרייען אויף זיין קינד.

— פונדעסטוועגן דאַרפט איר נישט מאַכן אַזעלכע קולות, מיסטער זיידנער... דערווייל האָט נאָך מאַרי קיינעם נישט גע־הרגעט... און דעם שליסל האָט מען ביי אים נישט געפונען... — האָט מיסטער זעלינג זיך אָנגערופן מיט כלומרשטער רואיקייט.

— ער האָט אים ערגעץ באַהאַלטן, דעם שליסל... — האָט מיסטער זיידנער נישט פאַרשפּעטיקט מיט קיין ענטפער.

— ווי האָט ער אים באַהאַלטן? אַכיבע ער האָט אים איינ־געשלונגען־...

— נו, מען קען זיך אויף אייער תכשיט פאַרלאָזן!... ער איז אַ גראָסער שפּיץ־בוב...

מען האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט רופן דעם מעכאַניק פון פאַבריק, ער זאָל די טיר אויפרייסן. סוזען איז פון סחורה־לאַגער ארויסגעקומען מיט אַן אומשולדיק פּנימל און מיט אַ נצחונדיקן פלעמל אין אירע גרויסע טרויעריקע אויגן. ווען דער פאָטער האָט זי מיט אַ סך צערטלעכקייט צו־געטוליעט צו זיך, איז פלוצים פון איר קעשענע אַרויסגעפאַלן דער שליסל און עס איז באַלד פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט זיך אַליין פאַרשלאָסן און האָט אויף מאָרין געמאַכט אַ בלבול. דאָס האָט אָבער איר פאָטער נישט אָראָפּגעשלאָגן פון וועג און ער האָט זיך נישט געפילט געפּלעפט. דווקא דער־פאַר, וואָס ער האָט שוין אויף קלאָר געוווסט, אַז די טאָכטער איז אין אַלץ שולדיק, האָט ער זיך פאַר איר כבוד אָנגענומען. ס'איז אַ פריש געקריג אויסגעבראָכן צווישן די שותפים און מי־יודע ווו עס וואָלט דערפירט, ווען נישט די מיסיס זיידנער, וואָס האָט דאָס פייער אָפּגעלאָשן. זי האָט דעם מאַן אָוועקגערופן אין אַ זייט און אים איינגענומען.

— באַרואיק זיך, גאָלובטשיק... — האָט זי זיך ביי אים געבעטן און אים געגלעט מיט פיל ליבשאַפט איבער די אויסגעשטאָפּט־ברייטע פּלייצעס — באַרואיק זיך... דו ביזט גערעכט... אוודאי ביזטו גערעכט...

מאָרי איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס דער פאָטער האָט זיך זיין עוולה אָנגענומען און ער האָט געקוקט צו אים מיט אויגן, פול דאַנק. סוזענען האָט ער נאָך מער, ווי פריער, אויס־געמיטן — אָבער אויף דעם חנוכה־קאָנצערט אין דער יהודה־הלוי־שול איז ער פונדעסטוועגן געקומען. סוזען האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און זיך אַזוי שטאַרק ביי אים געבעטן, ער זאָל איר אַלץ מוחל זיין און קומען צום קאָנצערט, אַז ער האָט איר נישט געקענט אָפּזאָגן. זי האָט אים נאָכאַנאַנד געפרעגט, פאַר־

וואָס ער מיידט זי אויס און וואָס ער האָט צו איר — און עס איז אים שווער געווען דערויף צו ענטפערן.

דער חנוכה־קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין אַ זונטיק־נאָכמיטאָג און דאָס געסל, ווו עס האָט זיך געפונען די יהודה־הלוי־שול, איז פול געווען מיט אויטאָס פון די אַלע טאַטעס, וואָס האָבן געברענגט די קינדער צום קאָנצערט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אָנגעקוואָלן מיט שמעקנדיקע, אָנהויב־זומערדיקע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין חלל. אַ לינדער ווינט האָט ביי די שיטער־צעזייטעביימער פון ביידע זייטן גאַס מיט צערטלעכקייט געגלעט די יונגע בלעטער־קרוינען, וואָס האָבן געוואָרפן אַ ציטערדיק־ווייכן שאָטן אויף די זוניק־באַגילדטע טראָטואַרן. פון די אויפגעפראַלטע טירן אין די קליינע הייזלעך, ווו עס האָבן געוווינט די איטאַליענער, איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכט רעדן און ס'איז אויסגעקומען ווי די מענטשן וואָלטן זיך אינעווייניק געקריגט. די איטאַליענישע ווייבער, אָפּגע־ברענטע און שוואַרץ־האָריקע, אין ווינטערדיקע קליידער און שאַלן, ווו עס האָבן זיך געבראָכן די זון־שטראַלן, זענען אַלע־מאָל בהלהדיק אַרויסגעלאָפן פון די הייזלעך און אָנגעהויבן עפּעס הויך צו שרייען אויף די קינדער, וואָס זענען אַזוי פאַר־שפּילט געווען, אַז זיי האָבן נישט געזען די אָנקומענדיקע אויטאָס. די גיכע איטאַליענישע רייד פון די מאַמעס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן ליאַרמען פון די קינדער. פריש־געקומענע ייִדן, וואָס זענען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַראָפּ פון דער שיף, האָבן גרופּעסווייז געשפּרייזט אויפן טראָטואַר און זיך געזאַמלט אין רעדלעך. זייערע פּלייצעס זענען געווען איינגע־הויקערט און פאַרדאַגהט — פול מיט זאָרג פאַר דעם מאָרגן אין דעם נייעם לאַנד. בשעת די ניי־געקומענע ייִדן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף די ייִדן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייערע קינדער פאַר דער יהודה־הלוי־שול, זענען זיי צו זיי צוגעקומען און עס איז באַלד אַוועק אַ שמועס וועגן פּרנסה, וועגן אַרבעט און וועגן איינאָרדענען זיך אין נייעם לאַנד...

אַלע זונטיק קומען זיי צופאָרן, די טאַטעס מיט די קינדער, פון אַלע עקן שטאָט אין דעם געסל אין קאַרלטאָן, ווו עס געפינען

זיך די יידישע שולן. דאָס געסל ווערט פאַרטויבט פונם טראַ־מייטערן פון די אויטאָס, וואָס שטעלן זיך אויס אין צוויי לאַנגע שורות לעבן טראָטואַר. בעת די קינדער גייען אַריין זיך לערנען אין די שולן, וואַרטן אויף זיי די טאַטעס לעבן זייערע אויטאָס און זיי שמועסן וועגן געשעפטן. מען דערציילט זיך ווער ס'מאַכט גרויסע „ביזנעס" און ווען ס'גייט, לאַ־עלינו, מיט דער פוטער אַראָפּ... אַזוי ווי די יהודה־הלוי־שול איז נישט ווייט פון דער אברהם רייזען־שול, קומען די יידן, וואָס וואַרטן פאַר דיביידע שולן, זיך צוזאַמען און דעמאָלט רעדט מען דער עיקר וועגן פּאָליטיק. צו דער אברהם רייזען־שול קומט פון אַ ווייט שטעטל יעדן זונטיק־אינדערפרי אַ ייד, וואָס ברענגט זיין טעכ־טערל צום לערנען. ווערן אַלע פון דעם אַזוי שטאַרק נתפּעל, אַז מען האַלט דעם ייד כּסדר אין איין באַקוקן. יעדעס מאָל קומט ווער אַנדערש צו אים צו און פרעגט אים פּונקט דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אים ערשט מיט אַ מינוט צוריק געפרעגט:

— וויפיל מייל, זאָגט איר, איז פון אייך קיין מעלבורן?...

— הונדערט דרייסיק...

— אָווא... אָווא... הונדערט דרייסיק מייל אַהערצוועגס און הונדערט־דרייסיק מייל צוריקצוועגס... ס'איז אַ קימא־לן צווייהונדערט־זעכציק מייל... אַ כּוח פון אַ ייד! ס'דערמאָנט שוין באַלד די אַמאָליקע ישובניקעס, וואָס זענען געקומען פון ווי ווייט צו הערן אַ יידיש וואָרט...

דעם היינטיקן זונטיק, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער חנוכּה־קאָנצערט צום אָפּשלוס פונם לערן־יאָר אין דער יהודה־הלוי־שול, זענען די מאַמעס פון די שילער אַריין אינעווייניק אין זאַל, כּדי אָנצוקוקן פון די קינדער בעתן פאָרשטעלן — אָבער די טאַטעס האָבן זיך דווקא נישט געאיילט אַזוי שנעל אַריינצו־גיין. עס האָט זיי געצויגן צו בלייבן אַביסל לענגער איז דרויסן, כּדי זיך אָנצוטרעפן מיט באַקאַנטע און כאַפּן מיט זיי אַ שמועס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קאָפּ אויסצוזיצן אַ גאַנצן קאָנצערט. דער מיסטער צעבער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן פּאָליטיקער, מחמת ער האָט שטענדיק געוווסט אַלע נייעס אין דער וועלט און האָט די מלוכות געגעבן הינטער די פּלייצעס

פארשידענע עצות, האט געהאט גרויסע טענות צו פוילן, וואס האט פארכאפט א שטיק טשעכאסלאוואקיע אקוראט דעמאלט, ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אין אן עת־צרה.

— פאליאק־גנב... — האט מיסטער צעבער גערעדט צו פוילן — וואס ביזטו אזא לאבוז!... וואס קריכסטו אריין יענעם אין גרגרת, ווען יענער האלט זיך אין שטיקן! ביזט געווארן א גאנצער פאן־בראט מיט היטלערן... שפילסט זיך מיט פייער... היטלער קען דיר אויך דערציילן יענע מעשה!...

בשעת די יידן האבן דאס דערהערט, האבן זיי זיך אוועק־געשארט פון מיסטער צעבער, זיך נישט געוואלט מער צו אים צוהערן. יעדעס מאל קומט ער צוגיין מיט זיינע מעשיות און האט ליב אויף יענעם אנצוווארפן א מורא. אין פוילן זענען דא א סך יידן. וואס וועט זיין מיט די יידן, ווען היטלער זאל, חלילה, אנפאלן אויף פוילן.

— אט בעבעט ער!... ער ווייסט דען אליין, וואס ער בע־בעט!... בייסט אייך אפ די צונג!... — האט אוועקגעמאכט מיט דער האנט דעם מיסטער צעבערס נביאות דער מיסטער קליין, וואס האט נאך אלץ נישט „געגליכן" אויסטראליע און האט ליב געהאט כסדר איבערצוחזרן, אז ער וועט זיך אומקערן צוריק קיין פוילן.

— סטראשעט נישט די גענז!... מיר זענען שוין אויסגע־סטראשעט!... — איז אויך ארויף אויף מיסטער צעבער דער מיסטער סויבל, א דאר שמאל יידל, א וויצלער, וואס האט א טבע געהאט צוצווינקען צו יעדן ווארט, וואס ער האט ארויס־געזאגט, מיט זיינע קליינע שיקלדיקע אייגעלעך, ווי ער וואלט געזאגט בלויז חכמות.

מיסטער סויבל האט נישט באוויזן צו ענדיקן זיינע רייד, ווארן ס'האט זיך פלוצים באוויזן אראן זיידנער, דער פרעזידענט פון דער יהודה־הלוי־שול, אן אויסגעפוצטער צום יום־טוב אין א שווארצן אויסגעפאסטן אנצוג. אין לאץ פון דעם פרעזידענט האט געשטעקט א בלום. אין איין האנט האט ער געהאלטן הענטשקעס און אין דער אנדערער א שטאק מיט א ביינערן הענטל.

ווען מיסטער סויבל האָט דערזען דעם פּרעזידענט, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום קרענצל יידן און אויסגערופן:

— מאַכט אַ ווארע!... מאַכט אַ ווארע!... — האָט ער גע־נומען דעם מיסטער זיידנער אויפן צימבל און, ווי זיין שטייגער איז געווען, קלוגעטשקע געקוועטשט די קליינע שיקלדיקע אויי־געלעך — וועלקאַם... וועלקאַם, הער פּרעזידענט...

מיסטער זיידנער האָט אים אָבער נישט געענטפערט, נישט געקענט פאַרטראָגן זיינע חכמות. שוין נישט פון היינט אָן האָט ער פיינט דעם לץ און ער ווייסט קיינמאָל נישט, צי ער באַדאַרף זיך באַליידיקן פון זיינע חכמות, צי נישט. אַז בכלל האָט אַראָן זיידנער פיינט, ווען מען מאַכט זיך צו נאַר. ער איז צוליב דעם געגאַנגען זייער אָנגעבלאָזן און נישט געקוקט אין וויצלערס זייט אַריין. מיסטער סויבל האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— זי זענען, קיין עין־הרע, איין פּובליקום?... — האָט ער נאָכגעמאַכט אַראָן זיידנערס דייטש רעדן און זיך אַזש געריבן די הענט פאַר פרייד, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין זיכער אָנפּוצן דעם פּרעזידענט — און דאָס איז אַלץ צוליב אייך... מ'שמועסט, אַז דאָס יאָר האָט איר געשלאָגן רע־קאָרד און פאַרקויפט מער בילעטן, ווי אַלע יאָרן... איר זענט אַ „ריעל מעדזשישן”... איר „אַטראַקט” יעדן מיט אייער „פּער־סאָנאַליטי”...

כאָטש מיסטער זיידנער האָט אַלץ נישט געהאַט קיין צו־טרוי צו דעם דאָזיקן לץ, האָבן די שבחים פונדעסטוועגן געטאָן זייערס און אויף זיין ערנסט פּנים האָט זיך אַרויסגעפּרעסט אַ קליין שמייכעלע, וואָס ער האָט דווקא געוואָלט אויסבאַהאַלטן. דעם מיסטער זיידנער האָט נישט געפּאַסט זיך צו לאַנג צו פאַר־האַלטן צווישן דעם קרענצל יידן און ער איז אַריין אין דער שול. פאַרן אַריינגיין האָט ער זיך אָנגערופן:

— קומטץ אַריין מיינע הערשאַפטן... פּאַזשאַלויסטאַ... שטייט נישט אינדרויסן!...

נאָר די יידן האָבן אים נישט געהאָרכט און ווייטער גע־בליבן אינדרויסן, כדי צו געניסן פון אַביסל פרישע לופט. אַ גאַנצע וואָך איז מען פאַרקאָפּעט אין די פאַבריקן און מען קען

נישט ארויסשטעקן דעם קאָפּ... בשעת ס'איז אדורכגעגאַנגען מיסטער זעלינג מיט זיין פרוי און זייער בחורל, מאַרי, האָט מען זיי באַלד גענומען באַארבעטן:

— ער האָט ווילע יינגלעך, דער ראַזמאַרער... — האָט געזאָגט מיסטער מאַרקוס, וואָס איז געווען הערש זעלינגס אַ קאָנקורענט, געוועז אויך אין די „שמאַטעס" — לעזלי איז פייער־פלאַם... ער וועט באַלד איבערנעמען דעם טאַטנס „ביז־נעס"... אויך מאַרי איז אַ גוט יינגל... שטענדיק אַביסל צע־טראָגן, אָבער ער איז אָל־רייט... נאָר פונם טעכטערל ווען די עלטערן, נעבעך, האָבן צו זינגען און צו זאָגן! מען זעט זי שוין, די „ביוטי", ווייטער אַרומפּאָרן מיטן איטאַליענער אין דער „קאַר"!... ס'זעט אויס, אַז זי האָט שוין אָוועקגעשטעלט דעם ענגלישן יונגנמאַן... און מיט די איטאַליענער הייב נישט אָן!... זיי זענען ווילע מענטשן, אָבער האָבן זיך פיינט צו לאָזן שפּייען אין דער קאַשע... זיי קענען אַריינשטעכן אַ מעסער אויך... די יאַיקלעך רופן זיי „דייגאָס" און האָבן פאַר זיי מורא...

ס'איז אפנים נישט באַשערט געווען די יידן צופיל צו גע־ניסן פון דער פרישער לופט און צו שטיין צו לאַנג אינדרויסן פאַר דער שול, וואָרן פון אינעווייניק האָבן זיך פלוצים דער־הערט קולות. ווען די יידן זענען אַריין אין זאַל, האָבן זיי דערהערט ווי ס'האָבן זיך שטאַרק צעוואָרטלט דער פּרעזידענט פון דער שול, מיסטער זיידנער, מיטן העברעאישן לערער וויים. דאָס איבערוואָרטלען זיך האָט זיך אָנגעהויבן צוליב דעם, וואָס זיידנערס טעכטערל, סוזען, איז באַלד ווי זי האָט אָפּגעשפּילט איר ראָל אינם איינאַקטער, וואָס דער לערער וויים האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט, אַראָפּ פון דער בינע אינם גרים און זיך צוגעזעצט צו מאַרין, כדי אים צו פרעגן ווי ס'איז אים געפעלן איר שפּילן. ווען דער לערער איז צו איר צוגעגאַנ־גען און איר געזאָגט, אַז איר אָרט איז הינטער די קוליסן, האָט זי זיך אפילו אויף אים נישט אומגעקוקט און ווי קיינמאָל נאָר־נישט ווייטער געטאָן אירם. דאָס האָט דעם העברעאישן לערער, וואָס האָט אַזויפיל מי אַריינגעלייגט אין קאָנצערט, אַזוי אויפ־געקאָכט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אויף איר צו שרייען אויפן הויכן קול. ער האָט זיך אפילו נישט געמאַכט פון דעם, וואָס

מיסטער זיידנער איז צו אים צוגעקומען און זיך אָנגענומען פאַר דער טאָכטער:

— אַ קינד... וואָס ווייסט זי?... — האָט מיסטער זיידנער, ווי שטענדיק, געגעבן גערעכט דער טאָכטער — ס'קינד האָט זיך געוואָלט צעשטרייען... מאַכן זי קיין טומל!...

אָבער דער לערער ווייס, וואָס האָט פאַרמאָגט תמיד אַזויפיל העפלעכקייט און געקראָכן ממש די עלטערן און די שילער אונטער די נעגל, איז דאָס מאָל פּלוצים אַרויס פון די כּלים און זיך שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן:

— עך האָב שוין גענוג!... כ'האָב שוין גענוג געשוויגן!...

— האָבן זיינע גרויסע אַמעריקאַנער ברילן ביי אים רציחהדיק געטאַנצט אויף דער רויטער נאָז און די לאַנגע רויט־אָפּגעפרוירענע הענט האָבן זיך גענומען גיך דרייען, ווי די פליגל ביי אַ ווינט־מיל — עס וועט גאָרנישט העלפן! די קינדער וועלן זיך שוין גאָרנישט אויסלערנען... אומזיסט מיין גאַנצע מי! דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע... די קינדער וועלן אויסוואַקסן פונקט ווי די עלטערן! פונקט אַזעלכע — — — — אַלרייטניקעס!...

— וואָס?... וואָס האָבן זי געזאָגט?... באַליידיקן זי נישט קיינעם! — איז מיסטער זיידנער אַרויף אויפן לערער — איר האָט נישט קיין רעכט צו באַליידיקן מענטשן, וואָס גיבן אייך פּרנסה... איר זענט נישט איין העברעאישער לערער אין שטאָט!...

— עבן... עבן... נעמט אייך צו אַן אַנדערן לערער... מיר וועלן זען ווי לאַנג ער וועט פון אייך אויסהאַלטן! עך האָב שוין גענוג! ס'קומט אויס, אַז איר האָט מיר געגעבן עפּעס אַ נדבה... ווייניק האָב'ך אַריינגעאַרעט אין אייערע קינדער?! אין די פאַרשטאָפּטע קעפּ... ווו איז דער דאַנק?...

— גייט!... גייט שוין פון דאַנען!... — איז מיסטער זיידנער אויפגעשפּרונגען.

— גוט... כ'וועל גיין... שוין וועל עך גיין! ס'איז שוין די העכסטע צייט, כ'זאָל זיך אויסזוכן אַן אַנדער שטיקל ברויט...

דער לערער ווייס האָט געכאַפּט דעם קאַפּעליוש, זיך גע־ריסן צו דער טיר. אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט גיין, ביי

דער טיר אים איינגעהאַלטן. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען וויפיל געזונט דאָס אַלץ האָט אים געקאָסט. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מען האָט אים איבערגערעדט ער זאָל זיך אומ־קערן. די גאַנצע מראה איז אים אַוועק פון פּנים. די ברילן זענען אים פאַרלאָפן, אַז ער האָט גאָרנישט מער געזען. ער איז געפאַלן הינטער זיך און מען האָט אים געמוזט אונטעררוקן אַ שטול, ער זאָל זיך צוזעצן אַביסל. כאָטש ס׳האָט אים שוין אָנגעהויבן באַנג צו טאָן דאָס גאַנצע עסק און ער האָט געוואָלט אַרויסרופן צו זיך רחמנות, האָט אינעווייניק אין אים נאָך אַלץ געברענט דער כעס. ער האָט נישט געקענט ליידן, וואָס די קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און אים אָנגעקוקט מיט אַזויפיל נייגעריקייט, ווי זיי וואָלטן אים צום ערשטן מאָל געזען. ער האָט געהערט ווי דער טומל פון די קינדער איז גע־שטיגן העכער און העכער. ס׳האָט גערוישט, ווי אין אַ בינ־שטאָק. אָן אַ שום עול זענען די קינדער געשפּרונגען אַרום די עלטערן, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג אויסגעקוקט אויף אַזאַ מינוט, און זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג אינם פרייען דרויסן. מען האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט דעם קאָנ־צערט איבעררייסן אויף אַ האַלבער שעה. ערשט שפּעטער, ווען דער טומל האָט זיך איינגעשטילט און מען האָט די קינדער אין די היסטאָרישע קאָסטיומען, געמאַכט פון קאָלירן פּאַפּיר, צוריק־געבראַנגט הינטער די קוליסן, האָט מען ווייטער ממשיך געווען.

לכתחילה האָט זיך סוזען נישט איבערגענומען מיט דער גאַנצער מעשה. פאַרקערט, עס האָט איר אַפילו הנאה געטאָן, וואָס דער לערער האָט זיך פּלוצים אַזוי צעקאָכט — אָבער בשעת זי האָט געזען, אַז ס׳גייט אַריין אין די הויכע גדולות, האָט זי אָנגעהויבן מורא צו באַקומען און ס׳האָבן זיך ביי איר די הענט געטרייסלט. זי האָט אַפילו געהאַט חרטה, וואָס זי האָט צו דעם אַלעמען צוגעפירט. חוץ דעם האָט זי באַמערקט ווי מאַרי האָט אויף איר שטאַרק פאַראיבל. עס האָט איר מיטאַמאָל אָנגענומען אַ רחמנות אויפן לערער, וואָס איז גע־זעסן אַזאַ בלאַסער און זי האָט אים שיער נישט געוואָלט גיין איבערבעטן.

נאָכן קאָנצערט האָט מאַרי נישט געוואָלט אַרויסגיין מיט

סוזענען צוזאַמען, געווען אויף איר ברוגז. ער האָט נישט אויסגערעדט צו איר אַ וואָרט. אָבער זי איז אים נאָכגעגאַנגען און אים געצווונגען, ער זאָל צו איר רעדן. זי האָט זיך אָנגע־הויבן פאַר אים צו פאַרענטפערן, אַז עס איז נישט איר שולד, וואָס עס איז צו דעם אַלעמען געקומען — זי איז גאָרנישט אויסן געווען. זי אַליין האָט איצט אויף אַלץ חרטה און זי האָט רחמנות אויפן לערער.

— גלייב מיר, מאַרי... — האָט זי אים אומעטיק אָנגע־קוקט מיט אירע שוואַרצע גרויסע אויגן — בעליוו מי... גלייבסט מיר, אַז ס'איז אַזוי?... כ'ווייס, אַז עס שטעקט עפּעס אין מיר אַ טייוול... און דער טאַטע איז אַ „פּאַני מען"... ער האָט מיך צופיל ליב... דעט'ס אַל...

סוזען האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו לאַכן פון אייגענעם פאָטער, אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד אויף אים. כדי צו גע־פינען חן אין מאַרים אויגן, האָט זי געהאַלטן אין איין איבער־חזרן, אַז דער לערער ווייס איז אַלעמאָל אַזאַ גוטער און זי קען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איז אויף אים היינט געקומען.

— כ'האָב אַליין נישט איבעריק ליב דעם לערער ווייס...

— האָט מאַרי פאַמעלעך אויסגעדרייט דעם הויכן יינגלישן האַלז צו סוזענען — אָבער די „פּליי", וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען זייער שיין... די מכבייער זענען געווען גרויסע העלדן!... אמתע „היראָס"... דו האָסט אַלץ געשטערט!...

— סאָרי... — האָט סוזען אָנגעכאַפּט מאַרין פאַר אַ האַנט

— כ'וועל דאָס קיינמאָל מער נישט טאָן!... זיי מיר מוחל... דער טאַטע איז אין אַלץ שולדיק...

— ס'איז נישט שיין צו לייגן די שולד אויף אַן אַנדערן... כאָטש דיין טאַטן האָב איך פיינט... ער האָט אומעטום ליב צו שפּילן דעם באַלעבאָס! כ'האָב פיינט „באָסעס"...

— כ'האָב אויך פיינט „באָסעס"....

— לאָז מיך אָפּ!... — האָט זיך מאַרי פּלוצים אויסגע־דרייט פון סוזענען, זיך אויסגעמישט צווישן עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרלאָזן די שול.

אויף דער גאַס איז דער עולם געוואַקסן. מען האָט גערעדט

וועגן קאָנצערט און וועגן לערער וויים. אַ טייל פון עולם האָט געהאַלטן, אַז דער לערער איז גערעכט געווען און אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז ער האָט שלעכט געטאָן. מיסטער זיידנער זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער וועט דעם לערער וויים אָפּזאָגן. די מיסים זייד־נער האָט געגלייבט סוזענען פאַר איר שיין שפּילן, אָבער סוזען האָט זיך צו איר נישט צוגעהערט און געזוכט מאַרין. מיט וואָס האָט זי זיך אַזוינס פאַרזינדיקט? זי האָט זיך בלויז פאַר מאַרין געוואָלט באַווייזן מיט איר שפּילן. וואָס איז פון דעם אַלעמען אַרויסגעקומען? מאַרי איז נאָך מער בייז אויף איר, ווי פריער. ער איז פון איר אַנטלאָפן.

סוזען האָט אַרומגעזוכט מאַרין צווישן עולם און אַז זי האָט אים געפונען, איז זי נישט באַלד צוגעקומען צו אים. זי האָט צוגעוואַרט אַביסל, געטראַכט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן עפּעס אין קאָפּ אַריין און זי האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן פון דעם גוטן איינפאַל. זי האָט זיך שנעל דער־נענטערט צום שול־פּאַרקן און זיך אַליין אַ קלאַפּ געטאָן אין פּוס ביי די אייזערנע שטאַכעטן. דאָס האָט איר נאָר אַביסל וויי געטאָן, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ זיך צו געבן אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווי זי האָט געוואָלט. פונדעסטוועגן האָט זי אָנגעהויבן צו הינקען און אַזוי הינקענדיקערהייט איז זי צוגע־קומען צו מאַרין. אָבער ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז דער פוס טוט איר וויי.

— כ'האָב מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין פוס, מאַרי... — האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר אים — דו זעסט גאָרנישט... זעסט נישט, אַז כ'הינק?...

ערשט איצט האָט מאַרי אַ קוק געטאָן אויף איר, דערזען, אַז זי הינקט — אָבער ער האָט זיך פון דעם שטאַרק נישט אי־בערגענומען. דאָס האָט איר זייער פאַרקלעמט ביים האַרצן און זי האָט אים איינגערוימט אויפן אויער, אַז זי וועט זיך נע־מען דאָס לעבן, אויב ער וועט זיך מיט איר נישט איבערבעטן.

— כ'וועל מיך אַריינוואַרפן אין דער יאָרע... וועסט זען, מאַרי... — האָט זי אים געשעפּטשעט אויפן אויער — וועסט זען, אַז כ'זאָג אמת...

— וואָס גייט דאָס מיך אָן... טו וואָס דו ווילסט...

— דו וועסט זיין אין דעם שולדיק... כ'וועל איבערלאָזן אַ בריוול, אַז דו ביזט אין מיין טויט שולדיק... גוד־באַי, מאַרי... וועסט מיך שוין קיינמאָל מער נישט זען!

זי איז אַוועק פון אים. לכתחילה האָט ער זי געלאָזט גיין, זיך נישט געמאַכט פון אירע וואָרעניש. אָבער מיטאַמאָל איז אים אַ פּחד באַפאַלן. אפשר וועט זי זיך טאַקע אריינוואַרפן אין טייך און ער וועט זיין אין דעם שולדיק, ווייל ער האָט זי נישט צוריקגעהאַלטן! ער האָט שוין געזען, ווי מען נעמט זי אַרויס פון וואַסער. די נאַסע האָר קלעבן צום פּנים... איר קערפּער איז געשוואָלן און בלוי, כמעט שוואַרץ... ער האָט זי גערופן, זי זאָל זיך אומקערן, און אַז זי האָט נישט געוואָלט, איז ער איר נאָכגעלאָפן און זיך אָנגעהויבן מיט איר צו אַמפּערן. אָבער זי איז געווען איינגעשפּאַרט און אים נישט געוואָלט צוליב טאָן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך זייער געבעטן ביי איר און זיך מיט איר אַ שפּאַר שטיקל צייט געאַמפּערט, איז זי ווייכער געוואָרן און זי האָט מיטאַמאָל פאַרפלאָכטן אירע הענט אַרום זיין האַלז און זיך גענומען חנדלען:

— זעסט, אַז דו האָסט מורא, כ'זאָל מיר נישט עפּעס שלעכטס טאָן... — האָט זי זיך געחנדלט — מיין לעבן איז פונדעסטוועגן ביי דיר טייער...

— שור, ס'איז טייער... — האָט ער אַ גלעט געטאָן אירע זיידן־ווייכע, שוואַרץ־געלאָקטע האָר און פּלוצים זיך ווי דער־מאָנט אין עפּעס און שנעל צוריקגעכאַפּט די האַנט.

זיי זענען צוזאַמען צוריקגעגאַנגען. פאַר דער שול איז זיך דער עולם נאָך אַלץ נישט צעגאַנגען. בשעת די טאַטעס האָבן אַריינגענומען די קינדער אין די אויטאָס, האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז ביי די מאַשינען זענען די גומענע רעדער געווען געפּלאַצט.

— כ'האָב אַ „פלעט טייר"... — האָט מיסטער סויבל אַרויסגעשריגן פון זיין אויטאָ.

— איך אויך!... — האָט זיך פאַרקלאָגט מיסטער מאַר־קוס — ווער האָט געטאָן דאָס שטיקל אַרבעט? מען האָט אונז

אָפּגעטאָן אויף טערקיש!... געמאַכט לעבער מיט אַ נאָגל אין די רעדער!

און נישט בלויז ביים מיסטער סויבל און מיסטער מארקוס זענען די אָפּאָנעס געווען געפּלאַצט, נאָר כמעט מיט אַלע אויטאָס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין געסל אין צוויי לאַנגע שורות, האָט זיך דאָסזעלבע געטראָפן. בעת די אויטאָס האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן, האָבן זיי זיך פארפּלאָנטערט אין אַ קנויל און מיטן טראָמייטערן פארהילכט די גאַס. פּונקט ווי אַ סטאַדע הילפלאָזע, צעפּלאָשעטע בהמות, האָבן די אויטאָס געשריגן, גערעוועט...

מאָרי האָט מיטאַמאָל באַמערקט ווי הינטער אַ הויז האָט זיך בגנבה געשאַרט טאָמי מיט זיין „גענג" — מיט זיינע חברים. מאָרי האָט זיך באַלד געכאַפּט וועמענס שטיקל ארבעט דאָס איז געווען. נישט קיין אַנדערער האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, נאָר טאָמי און זיינע חברים....

קאַפּיטל זיבעצן

# באָמבעס איבער וואַרשע

געקומען איז עס אומגעריכט. אין אַ ווינטיקן פֿאַרנאַכט, בשעת מיסטער זעלינג האָט זיך אומגעקערט אַהיים פֿון די „ביזנעס", האָט ער פּלוצים דערהערט ווי די ציַיטונגס־יינגלעך רייסן זיך איבער די מעלבורנער טריב־פֿאַרעגנטע גאַסן אויף קולי־קולות:

— דייטשע עראָפּלאַנען איבער פּוילן!... לופֿט־וואָפֿע באָמ־באַרדירט וואַרשע!...

ווען מיסטער זעלינג האָט דערהערט דאָס וואָרט „וואַרשע" דאָ אינמיטן מעלבורן, אויף דער קאָלינס־סטריט, האָט עס אָפּ־געקלונגען אין זיינע אויערן אַזוי היימיש. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז צו דעם דאָזיקן וואָרט זענען צוגעאַנגען נאָך ווערטער, וואָס זענען שוין גאָרנישט היימיש געווען און האָבן אים אינגאַנצן אויפגעטרייסלט. אפֿנים אַז אין דער ערשטער רגע האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט און אַז די מלחמה, וואָס איז די לעצטע וואָכן „געהאָנגען אויף אַ האָר", איז אויסגעבראָכן. כאָטש מען האָט די לעצטע עטלעכע טעג געשמאַק גערעדט וועגן קריג, איז די נייעס פֿונדעסטוועגן גע־קומען אומגעריכט...

הערש איז אַרויס פֿון אויטאָ און זיך געלאָזט גיך לויפֿן אַראָפּ מיט דער קאָלינס־סטריט, ווו עס זענען געשטאַנען די ציַיטונגס־יינגלעך. אַ שאַרפֿער, שניידיקער ווינט האָט אים אַרומגעכאַפּט, געריסן אים די פּאָלעס פֿון מאַנטל, אַרומגענומען אים דאָ פֿון פֿאָרנט און דאָ פֿון הינטן, געשטופּט אים מיט אימפּעט ביי דער פּלייצע. פּלוצים האָט דער ווינט אַראָפּגעריסן ביי אים דעם קאַפּעליוש פֿון קאָפּ און אים אַוועקגעקוילערט אין

אַ רינשטאָק. הערש האָט אין דער ערשטער רגע נישט געוווּסט, צי ער זאָל לויפֿן נאָכן קאַפּעליוש, צי ער זאָל לויפֿן קויפֿן די צייטונג. די גאַסן זענען געווען האַלב־פּוסט. דאָס געגייעריי אין די קינאָס און טעאַטערס האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. די קאָלירקע לעמפּלעך פֿון די קינאָ־רעקלאַמעס, וואָס ברענען געוויינטלעך אַזוי ליכטיק, זענען געווען צוגעטונקלט און האָבן געקוקט מיט אַ פֿאַרווישטן בליק, ווי זיי וואָלטן געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. דער שטאָטראַט־זייגער איז געווען פֿאַרהויכט, ווי איבערגעצויגן מיט אַ בעלמע...

אַז הערש האָט געקויפֿט אַ צייטונג, האָט ער זי גיך אַ כאַפּ געטאָן אין דער האַנט און ער האָט אויפֿאַמאָל געוואָלט אַדורכלייענען אַלע קעפּלעך. אָבער ס'האָט זיך אים פֿאַרהאַקט דער אָטעם און ער האָט אינגאַנצן נישט געקענט לייענען. די אותיות זענען אים געשפּרונגען אין די אויגן, ווי שוואַרצע פֿלעקן און מיטאַמאָל איז די גאַנצע צייטונג געוואָרן איין שוואַרצער גרויסער פֿלעק.

— וואָס וועט זיין מיט זיינע ברידער... מיט זיינע שוועס־טער?... מיט דער גאַנצער משפּחה... גוט, וואָס ער האָט כאָטש אַריבערגענומען דעם טאַטן אַהער... אמת, ער האָט געהאַט פֿון אים צרות... אָבער די צרות האָט מען שוין לאַנג פֿאַרגעסן...

מיסטער זעלינג איז געגאַנגען איבער די מעלבורנער גאַסן, ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דעם אויטאָ שטיין אין דער קאָלינס־סטריט. זיינע אויגן האָבן געקלעפּט צו דער צייטונג. ער האָט נישט געוווּסט, ווו ער גייט. אויף די גאַסן איז געווען גליטשיק און ער האָט זיך שיער נישט אויסגעצויגן אויפֿן טראָטואַר. דער ווינט האָט געריסן ביי אים די צייטונג פֿון דער האַנט, געפּאַטשט מיט איר איבער זיין פּנים. פּלוצים איז איבער דער פּוסטער גאַס אָנגעלאָפֿן פֿון ערגעץ אַן אויסגעריסן שטיק פּאַפּיר, צוגעפּאַלן צו זיינע פֿיס און זיך גענומען צו אים לאַש־טשען, ווי אַ היימלאָזע קאַץ. באַלד האָט זיך דאָס פּאַפּיר צוריק אָפּגעריסן פֿון אים און איז ערגעץ אַוועק. אויפֿן הימל האָבן די צעפּליקט־נאַסע וואָלקנס זיך בהלהדיק געיאָגט, ווי צעקלאַפּטע אייז־קריעס. ס'האָט אָנגעהויבן אין דער קרום צו שפּריצן אַ

רעגן און די צייטונג, וואָס מיסטער זעלינג האָט געהאַלטן אין האַנט, איז געוואָרן נאַס. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן און גענומען שטופּן די צייטונג אין דער קעשענע אַריין. ער האָט זיך נישט געכאַפּט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. צי האָט ער געוואָלט די צייטונג פאַרהיטן פאַרן רעגן, צי האָט ער געוואָלט פאַר זיך אַליין פאַרהוילן די שרעקלעכע נייעס... דער עיקר האָט ער געוואָלט אַלץ פאַרהיטן פאַרן ווייב. זאָל זי דער־פון אַזוי שנעל נישט געוווירער ווערן... וואָס וועט זי צו דעם זאָגן?!...

הערש האָט זיך געשטעלט אונטער אַ דאַך. דער רעגן האָט באַלד אויפגעהערט. עס איז געוואָרן קאַלט. די קעלט איז אים אַריין אין די ביינער, אים אינגאַנצן אַדורכגענומען. בעת ער איז געשטאַנען אונטערן דאַך, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אַ געפיל פון זיכערקייט. גוט, וואָס ער איז דאָ אין מעלבורן... דאָ וועט אים קיינער נישט טשעפּען... ער איז דאָ באַשיצט... כאָטש ער האָט די דאָזיקע געדאַנקען געטריבן פון זיך, געוווסט, אַז עס איז מיאוס אַזוי צו טראַכטן, האָט אים דאָך דאָס געפיל פון זיכערקייט נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן אינזינען צו האָבן די געשעפטן, די סחורה, וואָס שווימט אויפן וואַסער און דאַרף אין עטלעכע וואָכן אָנקומען אין מעלבורנער פּאָרט... צי האָט ער גענוג פאַרזיכערט די סחורה? טאָמער וועט מיט איר עפּעס געשען...

בשעת מיסטער זעלינג איז אַהיים געקומען, איז ער געווען זיכער, אַז ס׳ווייב ווייסט נאָך פון גאָרנישט, נאָר זי האָט שוין פון אַלץ געוווסט. זי האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן דער משפּחה, וואָס געפינט זיך אין וואַרשע און זי האָט געהאַט טענות צו זיך, פאַרוואָס זי האָט אַלעמען נישט אַראָפּגענומען צו זיך קיין אויסטראַליע.

— וואָס וועט זיין מיט באַשען?... מיט יעקבן!... מיט פּאָלען!... — האָט זי אָנגעהויבן אויסצורעכענען די נעמען פון אירע אַלע שוועסטער און ברידער און פון זייערע קינדער — כ׳בין אין אַלץ שולדיק... איך וועל מיך שוין קיינמאָל פון די זינד נישט קענען אויסקויפן!...

הערש האָט זי געגומען בּארואיקן, איינגעמען מיט גוטן, און אַז דאָס איז נישט געגאַנגען, האָט ער אויפגעהויבן אויף איר דאָס קול, געפּרוווט מיט בייזן:

— וואָס באַווייַנסטו עפּעס די מענטשן?... — האָט ער זיך שטאַרק געבּייזערט — ס'איז אַ גרויסע זינד!... דו באַוויינסט די מענטשן, פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין געווען טויט... טאָמער וועט זיך ענגלאַנד אָננעמען פאַר פּוילן, וועט זיך די מלחמה ענדיקן אין געציילטע טעג!...

ענגלאַנד האָט זיך טאַקע אָנגענומען פאַר פּוילן, אָבער די מלחמה האָט זיך נישט געענדיקט אין געציילטע טעג. נישט ענגלאַנד און נישט פראַנקרייך האָבן געשיקט הילף קיין פּוילן און דאָס דייטשע מיליטער האָט אַרומגענומען דאָס לאַנד פון אַ סך זייטן, ווי מיט אַן אייזערנער צוואַנג. אין די צייטונגען האָט מען כּסדר געזען די דייטשע טאַנקען, וואָס האָבן זיך געגרוקט פאָרויס, ווי גרויסע אייזערנע טשערעפּאַכעס. מען האָט געלייענט וועגן די פּליטים, וואָס שלעפּן זיך, פאַרחושכטע און פאַרוואָרלאָזטע, איבער די וועגן. שטעט זענען חרוב געוואָרן, אַוועק מיטן פייער. כאָטש פּוילן האָט כּסדר פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיך אַנטקעגנשטעלן איר גרעסטן שונא, דעם פאַרשאָלטע־נעם „פּרוס", איז זי בּלויז געבּליבּן ביי די שיינע הבטחות. אויך האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען אַ שטיק פּוילן און אין אַ גאָר קורצער צייט איז דאָס לאַנד געווען אין דייטשע און רוסישע הענט. בּלויז דאָס אַרומגערינגלטע וואַרשע האָט זיך פאַרטיי־דיקט, זיך נישט געוואָלט אונטערגעבּן.

יעדן טאָג האָט מיסטער זעלינג געגוי געלייענט די צייַ־טונגען, נאָכגעקוקט אויף די מאַפּעס די אַלע שוואַרצע געדרייטע ליניעס, וואָס האָבן זיך, ווי שוואַרצע שלאַנגען, געגרוקט איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך און געוויזן וואָס פאַרא שטח דער דייטש האָט פריש פאַרכאַפּט ביי פּוילן. די נעמען פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען אָנגעצייכנט אויף די מאַפּעס אין די צייטונגען, האָבן דאָ, אין דעם ווייטן אויסטראַליע, אַזוי היימיש אָפּגעקלונגען אין די אויערן. זיי האָבן געברענגט מיט זיך דעם ריח פון בּתי־מדרשים, פון יידישע

געוועלבער און סטראַגאַנעס, פון שבתים און וואָכעדיקע טעג. אין זכרון זענען אויפגעשווומען פוילישע יידן אין בערד און קאַפּאָטעס, יידן קורץ־געקליידטע. וואָס איז מיט דעם אַלעמען געוואָרן? די שטחים, וואָס דער דייטש האָט אָפּגעריסן, זענען געווען שוואַרץ פאַרמעקט אין די צייטונגען און דאָס ווייסע שטיקל אָרט פון דעם נאָך פרייען פוילן, איז כסדר קלענער און קלענער געוואָרן און זיך לסוף פאַרוואַנדלט אין אַ קליין פּינטעלע...

די צייטונגען האָט נישט בלויז הערש געלייענט, נייערט שיינדל איז איצט אויך געוואָרן אַ שטענדיקע לייענערין פון די צייטונגען און זיך שטאַרק מתעסק געווען מיט פּאָליטיק. זי האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דאָס בלאַט פון די הענט, געשלונגען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די זעלבע נייעסן, ווי זי וואָלט וועלן אַרויספּרעסן פון זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר זיין צום האַרצן. און נישט בלויז האָט זי געלייענט און שטודירט דאָס בלאַט, נאָר זי האָט זיך אויך כסדר צוגעהערט צום ראַדיאָ, נישט אָפּגעטרעטן פון קעסטל נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. הערש האָט זי געמוזט טרייבן, זי זאָל זיך גיין לייגן שלאָפן...

שיינדלס האָפענונגען זענען אָבער געווען אומזיסט און די ידיעות זענען אַלעמאָל מער ביטער געווען. אין די צייטונגען האָט מען כסדר געזען בילדער פון דייטשע מאַרשירנדיקע חילות, אין אייזערנע טיף־אַראָפּגערוקטע העלמען, מיט די באַשטיוולטע פיס געשטרעקט אין דער הויך, גרייט צו פאַרכאַפּן נייע לענדער. מען האָט געזען היטלערס ווילד אויפגעריסן מויל, וואָס האָט היסטעריש געשריגן צו דער וועלט, אַז ער וועט זי שליידערן צו זיינע פיס, ער וועט זי פאַרשלינגען. אַז מען האָט געקוקט אויף די גלייכע שורות העלמען, אויף די באַשטיוולטע פיס פון די דייטשע יונקערס, וואָס האָבן געדראָט צו צעטרעטן דעם גאַנצן ערד־קיילעך, האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין מענטשן מאַרשירן דאָ, נאָר געטשן פון שטאָל, פון אייזן. כאָטש מען האָט זיך געריכט, אַז די דייטשן וועלן באַלד נעמען פייניקן די יידן אין די פאַרנומענע לענדער, איז דאָס פון סאַמע אָנהויב נישט געווען

אזוי. ערשט שפּעטער זענען געקומען די ביטערע ידיעות — ידיעות, וואָס מען האָט מיטן קלאָרן שכל נישט געקענט באַנעמען...

פון אויסטראַליע האָבן אָנגעהויבן אָפּצוגיין שיפן מיט זעלנער מעבר־לים. איידער די זעלנער זענען אַרויף אויף די שיפן, האָבן זיי מאַרשירט איבער די הויפּט־גאַסן פון דער שטאָט. בעת די דעפילאַדעס האָט די פּאָליציי אָפּגעשלאָסן די גאַסן און די שטאָט־באַוועגונג איז געוואָרן אָפּגעשטעלט. קינד־און־קייט האָט זיך צוגעקוקט ווי עס מאַרשירן די אויסטראַלישע „דיגערס" אין די גרויסע, ברייט־ראַנדיקע קאַפּעליושן, אין די אויסגעפּאַסטע מונדירן, ענג־אַרומגעשנאַלט מיט ברייטע, ווייסע פּאַסקעס, ווו עס האָבן זיך געבאָמבלט די פּאַטראָנען־טאַשן און באַגנעטן. אויף די לופּעס פון די ביקסן איז געווען צעהאָנגען די זון, וואָס האָט זיך געוויגט ווי אויף אַ צעכוואַליעט וואַסער. בעתן מאַרש האָבן די סאָלדאַטן ריטמיש באַוועגט מיט די הענט צום טאַקט פון די לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען און אויך צו דער מוזיק פון דעם מיליטער־אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּאַנט אין שפּיץ פון דער דעפילאַדע.

— ראָל אוט דהי בע־ערל... — האָט זיך אומעטיק געטראָגן דאָס מיליטערישע געזאַנג, כאָטש עס האָט דווקא דערמאָנט וועגן ביר און שיכרות.

אויף די באַלקאָנען, אויף די פענסטער און אַפילו אויף די דעכער פון די הייזער זענען געהאָנגען די צוקוקער, וואָס האָבן געפּאָכעט מיט די הענט, מיט די טיכלעך צו דער מאַרשירנדיקער אַרמיי. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט ווער אַראָפּפאַלן פון אַ באַלקאָן, פון אַ דאַך. פאַר די שענקען זענען געשטאַנען מענער מיט גלעזער ביר אין די הענט און וואַקלענדיק זיך שיכורערהייט געטרונקען צום געזונט פון די סאָלדאַטן. פאַר די געשעפטן און פאַבריקן האָבן זיך געשטופּט די פאַרקויפערינס און פאַבריקס־מיידלעך און האָבן געשיקט אָן אויפהער לופט־קושן צו די זעלנער און זיי באַשיט מיט בלומען. אַלץ האָט געיובלט, געשריגן, געזונגען און געמאַכט קולות. בלויז אין אַ ווינקל, אין דער זייט פון אַלעמען, האָט מען

געקענט באַמערקן אַ פרוי, וואָס האָט זיך מיט אַ טיכל בגנבה געווישט די טרערן פון די אויגן, צי אַ יונג מיידל, וואָס האָט דווקא געפּרוווט דורך טרערן שמייכלען. כאָטש זיי האָבן גע־האַט אַ נאָענטן שייכות צו דעם אַלעמען, וואָס האָט זיך געטאָן אויף דער גאַס, זענען זיי געשטאַנען אין דער זייט, ווי זיי וואָלטן געווען איבעריק...

איינמאָל בעת מיסטער זעלינג איז געשטאַנען אויף דער גאַס און זיך צוגעקוקט צו די מאַרשירנדיקע זעלנער, האָט ער געפילט ווי עס נעמט אים אָן ווער ביי דער פּלייצע, בייגט זיך איין צו אים און קוקט אים אַריין אין פּנים.

— כ'האָב נישט געהאַט קיין טעות... דאָס זענט איר טאַקע, מיסטער זעלינג... האַו אַר יו... דאָס בין איך, דיק דער טראַק־דרייווער פון ראָזמאַר... וואָס, איר דערקענט מיך נישט?... ס'איז נאָך נישט אַוועק אַזויפיל צייט, איר זאָלט מיך האָבן פאַרגעסן!

— אוודאי דערקען איך אייך! וואָס הייסט כ'דערקען אייך נישט, מיסטער רעלי... עס איז באמת אַן אָנגענעמע איבעראַ־שונג... ס'איז גוט צו טרעפן אַן אַלטן באַקאַנטן... נאָך דערצו פון ראָזמאַר! — האָט הערש זיך דערפרייט מיט דיקן, פאַריסן צו אים דעם קאָפּ און געשטעקט אים די האַנט.

דיק האָט מיט זיין גרויסער, ברעטערדיק־האַרטער דלאָניע אָנגענומען הערשס האַנט און אַ צופרידענער פון דער פּלוצים־דיקער באַגעגעניש עטלעכע מאָל מיט איר אַ שאָקל געגעבן.

— וואָס טוט איר עפּעס אין מעלבורן? — האָט הערש אַ פרעג געטאָן נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעטרעטן אַביסל די ערשטע פרייד פון טרעפן זיך — קומט אַביסל אַוועק אויף אַ זייט... מען הערט קוים, וואָס מ'רעדט...

— באַדאַרפט עפּעס באַזאָרגן פאַרן טאַרטאַק... מיר אַר־בעטן איצט בלויז פאַר דער אַרמיי... וואָס זאָגט איר נישט צו דער מלחמה? עטלעכע יינגלעך פון ראָזמאַר האָבן מאַרשירט אין דער דעפּילאַדע. צי האָט איר דערקענט בראַיענען פון טאַרטאַק?...

הערש האָט נישט אָפּגעלאָזט דיקן און אים פאַרבעטן אַהיים, ער זאָל עסן ביי אים אָוונט־ברויט. מיסיס זעלינג וועט

זיך זייער פרייען, ווען זי וועט אים דערזען. אויך וועלן זיך די קינדער פרייען. לעזלי, מאַרי, פּאולין...

מיסטער זעלינג איז גערעכט געווען. ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט דיקן אויף דער שוועל פון הויז, האָבן זיך אַלע מיט אים זייער ארומגעכאַפּט. שיינדל האָט זיך בלויז אַביסל גע־זאָרגט, וואָרן זי האָט נישט געוווסט, צי עס וועט אים שמעקן דאָס יידישע עסן.

— דאָ, אין מעלבורן — האָט זי זיך באַרימט — קען מען קויפן יידישע מאכלים... כ׳ווייס אָבער נישט ווי עס וועט אייך שמעקן... די מיסים רעלי איז אַ גוטע קעכין. כ׳קען זיך צו איר נישט גלייכן...

— עס וועט זיין אָל־רייט! — האָט זיך אויף דיקס שטענדיק־שווייגנדיק פּנים צעגאָסן מיטאַמאָל אַ ברייטער שמייכל — כ׳האָב זיך דערצויגן אויפן דאָרף... אַ דאָרפס־מענטש האָט נישט אַזאַ איידל מעגעלע, ווי אַ שטאָטישער... הע... הע...

— איר קענט נאָך נישט מיין ווייב? — האָט הערש אריינגעשטעקט זיין נאָז — זי האָט זיך ליב צו זאָרגן... זי וועט שטענדיק געפינען עפּעס וועגן וואָס זיך צו זאָרגן!

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. דיק, דער שווייגער, וואָס האָט אין ראָזמאַר נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל, האָט דאָ אין מעלבורן, ביי הערש זעלינג אין הויז, איינגענומען פּלוצים פלוידער־וואַסער און זיין שטומע צונג האָט זיך אים אויפגע־בונדן. ער האָט געלויבט די יידישע מאכלים. אַ שאָד בלויז וואָס אין ראָזמאַר האָט ער נישט פאַרזוכט די מאכלים, וואָס מיסים זעלינג האָט געקאָכט... דיק האָט צוגערופן צו זיך נענ־טער לעזלין און מאַרין און געזאָגט, אַז די יינגלעך זענען שטאַרק אונטערגעוואַקסן. דער עיקר מאַרי. בעת ער האָט געקוקט אויף לעזלין, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין דזשינען און זיך אָנגערופן, אַז אויך דאָס מיידל איז זייער אונטערגעוואַקסן. ווען ער, לעזלי, זעט היינט דזשינען, וואָלט ער זי נישט דערקענט. זי איז שוין אַ גאַנצע פרײלין. נאָכדעם ווי לעזלי איז אוועק פון ראָזמאַר, האָט זי זייער געבענקט נאָך אים. זי האָט קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט, אָבער מען האָט געזען, אַז דאָס

מיידל לײדט... זי אַרבעט איצט ביי אַ שניידערין אין שטעטל און איר איינציקער באַגער איז צו פֿאָרן קיין מעלבורן און אויסלערנען זיך צושניידן. אַ „דעזײנערין" — זאָגט זי — האָט גרויסע „ווערידזשעס", פֿאַרדינט אַ סך געלט. ווער ווייסט, צי זי וויל פֿאָרן קיין מעלבורן אויסלערנען זיך בלויז צושניידן, צי עס ציט זי עפּעס אַנדערש אַהער...

בשעת לעזלי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך געשעמט צו קוקן סיי דיקן, סיי די עלטערן אין פּנים אַריין. מיסים זעלינג האָט זיך פֿאַר דיקס רייד זייער דער־שראָקן. ווי גליקלעך וואָלט זי געווען, ווען ער וואָלט דאָס אַלץ נישט דערציילט. לעזלי האָט שוין אין שיקסל פֿאַרגעסן. ער גייט אַרום מיט יידישע מיידלעך און דאָס האַרץ וואַקסט איר פֿאַר פֿרייד. צו וואָס האָט הערש געדאַרפֿט ברענגען דיקן אין שטוב אַריין? ער איז טאַקע אַ גוטער „יאָק" — אָבער מען האָט אים דאָ באַדאַרפֿן, ווי אַ לאָך אין קאָפּ... וואָס וועט זיין, ווען דזשין וועט טאַקע קומען קיין מעלבורן און אויפֿזוכן לעזלין?... שיינדל האָט פֿאַרשנדיק אָנגעקוקט לעזלין, געוואָלט דערגיין, צי ער האָט נאָך ליב דזשינען. דער מאַמעס און דעם זונס בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן און האָבן זיך פֿאַרשטאַ־נען. כדי אָפּצוווענדן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש, איז מיסים זעלינג פּלוצלינג אַריינגעשפּרונגען דיקן אין די רייד:

— און וואָס מאַכט עפּעס ראָן דער גאָלד־גרעבער?... — האָט זי, אָן אומרואיקע, געפֿרעגט, ווי דאָס וואָלט איר איצט באמת זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען — צי גייט ער נאָך אין „בוש" זוכן גאָלד?... ער איז געווען זייער קראַנק...

— ראָן איז שוין געשטאָרבן... פּור פֿעלאָו... אַ גוטע נשמה געווען... דאָס הייזל האָט ער אָפּגעשריבן פֿאַר די אַבאָרידזשינס... — האָט דיק נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס די מיסים זעלינג איז אים מיטאַמאָל אַריין אין די רייד — נאָך דעם טויט האָט מען ביי אים געפֿונען די צוואה... אַ פּאָר טעג האָט מען גאָרנישט גע־ווּסט, אַז ער האָט די נשמה אויסגעהויכט... די שוואַרצע קינדער האָבן דערפֿון נישט דערציילט... פֿאַר זיי טאַקע האָט ער אָפּגע־שריבן דאָס הייזל... נאָך זיין טויט זענען געקומען קרובים פֿון

וועסט אויסטראַליע און זיך גענומען לאַדענען וועגן דער ירושה...

דער שמועס האָט זיך אומגעריכט אָפּגעהאַקט. עס איז שוין געווען נאָכן עסן. מאַרי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפרעגט דיק דעם „טראַק־דרייווער", צי באַב האָט אים מיטגעשיקט גרוסן. דיק האָט פון דער פראַגע צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן.

— אוודאי, האָט ער דיך געהייסן גריסן... ער האָט בלויז נישט געוווּסט אויף זיכער, צי איך וועל דיך טרעפן... ער איז אַ גוטער מעכאַניק „סנאַאי" — האָט דיק, פונקט ווי די אַנדערע, גערופן דעם זון „סנאַאי" — נאָר ער וועט אויך לאַנג נישט איינזיצן אין ראַזמאַר... ס'ציט אים אין דער גרויסער שטאָט!... ער האָט נישט קיין זיץ־פלייש! אַז ס'גאַנצע יונגוואַרג אין ראַז־מאַר קען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט... ס'זענען אַוועק די צייטן, ווען מען איז געזעסן אין דער „קאַונטרי"! אַ פּאָר יינגלעך זענען אַוועק צו מיליטער און די אַנדערע ווילן זיך אויך לאַנג נישט אויפהאַלטן אין שטעטל! כ'האָב היינט בראַיענען געזען אין מאַרש אין דער „סיטי"... אַ ליאַדע טאָג שיקט מען אים אָפּ מיט דער שיף זיך שלאָגן קעגן שונא!

ווען פּאָולין האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך געגעבן אַ הייב פון אָרט און צוגעפאַלן צו דיקן, ער זאָל איר זאָגן, ווו זי קען טרעפן בראַיענען. זי וויל זיך מיט אים געזעגענען, איי־דער ער פאָרט אַוועק אויפן פראָנט. כאָטש די מוטער האָט אָפּגעהאַלטן פּאָולינען, זי זאָל נישט לויפן, האָט זי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איר און איז באַלד אַוועק.

פּאָולין האָט פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר מיט אַ טראַסק און אין שטוב האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטאָן די געמיטלעכקייט. די שוואַרצע פליגל פון דער מלחמה האָבן אַ שאַרך געטאָן אין חלל, אַרומגענומען יעדן מיט שרעק. דיק האָט דערציילט, אַז ער האָט געדינט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען געמיינט, עס וועלן שוין מער נישט זיין קיין מלחמות אויף דער וועלט... מען האָט שוין געהאַט געגוגט! נאָר עס איז אַלעמאָל פאַראַן אַן אונטערוואַקסנ־

דיקע יוגנט, וואָס ווייסט פון גאָרנישט... וואָס געדענקט גאָר־
נישט... און צו דעם־אַ יונגוואַרג רעדן שטענדיק יענע לייט,
וואָס העצן צו מלחמות! אָבער דאָס מאָל איז עפּעס אַנדערש!
היטלער וויל אַלץ פאַרכאַפּן! וויל פאַרפעסטיקן די גאַנצע
וועלט!... ביז אַהער האָט מען אים געגוג געלאָזט!... איצט דאַרף
מען אים פאַרטיק מאַכן! מען דאַרף אים אָפּווישן, איידער עס
וועט זיין צו שפּעט!...

— מיר יידן האָבן מיט היטלערן אַ באַזונדערן חשבון!...
— האָט הערש געזאָגט.

— כ׳ווייס... וואָס האָבן די דייטשן זיך אָנגעזעצט אויפן
פאָלק פון דער בייבל? כ׳האָב געלייענט אין די צייטונגען, וואָס
די דייטשן טוען מיט די יידן אין פּוילן!... — האָט דיקס קול
זיך מיטאַמאָל נישט זיכער אַ וואַקל געטאָן, ווייל ער האָט נישט
געוווסט צי דאַרף ער דערפון רעדן אין דער שטוב פון זיינע יידי־
שע באַקאַנטע, צי נישט.

— איך וועל גיין קעמפן אין דער אַרמיי! שלאָגן די דייטשן
פאַר די צרות, וואָס ער טוט אָן יידן! שלאָגן זיך פאַר אויסטראַ־
ליע! — האָט מאָרי זיך אָנגעצונדן און גענומען פאָכען מיט אַ
שטאַרק־צוזאַמענגעדריקטן קולאַק.

— אָטאָסטו ווער ס׳וויל גיין אין דער מלחמה אריין! וואַרט
צו ביז וועסט אונטערוואַקסן... — האָט מיסיס זעלינג זיך דער־
פילט אומזיכער — ביז דו וועסט קענען האַלטן אַ ביקס אין דער
האַנט, וועט שוין מער קיין היטלער נישט זיין אויף דער וועלט!

— באָב האָט שוין אויך חשק זיך צו גיין שלאָגן... דאָס
יונגוואַרג האָט דאָס ליב! צי געדענקט איר, מיסיס זעלינג, ווי
די חברים, באָב און מאָרי, זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין
„בוש״?... דאָס יונגוואַרג ווייסט נאָך נישט וואָס מלחמה איז!

דיק האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין. ער האָט זיך גענומען
איילן, ווייל ער דאַרף זיך נאָך היינט ביינאַכט אומקערן אַהיים.
הערש האָט דיקן באַגלייט אינעם אויטאָ אין שטאָט אריין. בעת
ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעקערט אין שטוב, איז, ווי פון
אונטער דער ערד, פּלוצים אויסגעוואַקסן לעבן אים דזשעק
לואיס, דער שכן זיינער, וואָס האָט ביי אַ לעדערן פאַסיקל גע־

פירט עטלעכע יאָג־הינט. דזשעק איז געווען שיכור. ער האָט זיך ערשט נישט לאַנג אומגעקערט פון שענק, ווו ער האָט גע־טראָפן זיינע „בוקים", ביי וועלכע ער פלעגט שטעלן אויף די פערדלעך. דזשעקס הינט האָבן זיך גענומען דרייען אַרום הערשן, געשמעקט צו זיינע מלבושים און אָנגעקוקט אים מיט די גרויסע טרויעריקע, ווי שולדיקע אויגן, וואָס האָבן אינם טונקעלן גאַסן־ליכט אויסגעזען נאָך טרויעריקער. אפנים אַז די „בוקים" האָבן דזשעקן היינט נישט קיין פריילעכע בשורות אָנגעזאָגט און ער האָט פאַרשפּילט אין די פערדלעך. ער האָט גענומען אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צום מיסטער זעלינג.

— געזען דעם מאַרש אין שטאָט?... — האָט ער שטיל גע־שעפּטשעט הערשן אויפן אויער — אונזערע יינגלעך גייען זיך שלאָגן פאַר אייך!... פאַר די יידן!... ווער האָט אָנגעמאַכט די מלחמה מיט די דייטשן? איר יידן!... היטלער האָט נישט צו קיינעם, בלויז צו אייך! איצט מוזן מיר זיך פאַר אייך שלאָגן!...

הערש האָט אים נישט געענטפערט, געפילט ווי גרויסע טראָפּנס שווייס שטעלן זיך אים אויפן שטערן, אויפן פּנים. ער האָט זיך געוואָלט אַדורכשלאָגן דעם וועג אין דער פינצטער־לעכער גאַס, ווו דזשעק האָט אים אָנגעכאַפּט — אָבער דער שכן האָט אים נישט געלאָזט, זיך געשטעלט האַרט פאַר אים, ער זאָל נישט קענען דורכגיין. האָט אים הערש מיט כעס אַ שטופּ געטאָן, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף זיינע פיס, שיער נישט אומגעפאַלן. די דערשראָקענע הינט האָבן בהלהדיק גענומען טאַנצן אַרום באַלעבאָס, זיך געריסן צו הערשן. בשעת הערש איז שוין געשטאַנען אין דער טיר פון הויז, האָט ער געזען ווי דזשעק וואַקלט זיך נאָך אַלץ אויף זיינע שיכורע פיס, שטרעקט די הענט פאַר זיך, ווי צום באָקסן און שרייט אים נאָך:

— לאָמיר האָבן אַ „פייט"... לאָמיר זיך באָקסן! — האָט הערש געהערט דעם שכנס שיכורע קול — אָבער דו וועסט עס נישט טאָן! דו ביזט אַ פּחדן... אַלע יידן זענען פּחדנים!... איר האָט ליב, אַז אַנדערע זאָלן זיך פאַר אייך שלאָגן און איר זאָלט מאַכן דאָס געלט!...

אַז מיסטער זעלינג איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז ער געוועזן געל, ווי וואַקס און הענט־און־פּיס האָבן ביי אים געציטערט פון אויפרעגונג און כעס. ער איז שנעל אַריין אין באָדצימער, זיך אָרומגעוואַשן, גענומען אַ טרונק וואַסער, כדי שיינדל זאָל גאָרנישט אויף אים דערקענען.

אַ פּאָר וואָכן נאָך דער מעשה האָט מיסטער זעלינג נישט געקענט צו זיך קומען, געזען כסדר דעם שכנס פּנים, וואָס האָט געשעפּטשעט צו אים די בייזע רייד. עס איז אים טיילמאָל אַזאַ כעס באַפאַלן אויפן שכן, אַז ער האָט אים געוואָלט גיין אויסזוכן און זיך מיט אים שלאָגן. ער האָט געפילט, אַז נאָר דערמאָלט, ווען ער וועט אים אַראָפּלאָזן עטלעכע פּעטש, וועט ער זיך אַביסל באַרואיקן און אַראָפּטרייסלען די בושה פון זיך. ער האָט זיך דערמאָלט געשטעלט וואַרטן פאַר זיין הויז, אָבער דזשעק האָט זיך, ווייזט אויס, פאַר אים געהיטן, ווייל ער האָט אים איינערגעץ נישט געקענט אָנפּאַקן...

בעת הערש איז געווען אין דער היים, האָט ער נישט געדענקט אַזוי שטאַרק אין דעם שכנס רייד. דערפאַר האָט ער זיי אַלעמאָל געדענקט, ווען ער איז געווען אין געשעפט. די „ביזנעס" האָבן זיך דווקא שטאַרק פאַרבעסערט און ער האָט געזען, אַז ער קריכט אַרויס פון די חובות, אין וועלכע ער האָט געשטעקט ביז איבערן האַלז. די באַשטעלטע סחורות, וואָס זענען געווען אויפן וואַסער בעתן אויסברעכן פון דער מלחמה, זענען בשלום אָנגעקומען צו די אויסטראַלישע ברעגעס און זייער פּרייז האָט זיך שטאַרק געהויבן. מחמת דעם וואָס קיין אויסטראַליע האָט מען מער נישט געקענט ברענגען קיין סחורות מעבר־לים, ווי אַמאָל, האָבן די סחורות כסדר געהאַלטן אין איין שטייגן. אויך איז שווער געווען צו באַקומען אויסטראַלישע אויסאַרבעטונגען, ווייל זיי זענען דאָס רוב געגאַנגען פאַרן מיליטער. די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך דעם ענגלישן שטעמפּל, האָט מען פאַרצוקערט. עס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז הערש איז געראַכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז זיין שותף, דער מיסטער זיידנער, האָט גאָלדענע הענט. אין דער מלחמה־צייט איז נישט געווען קיין מניעה, וואָס

דער שותּף קען נישט נאָכקומען דעם „האַרי־אַפּ" און זיינס אַ שטיקל אַרבעט האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן. מענטשן האָבן גוט פאַרדינט און מען האָט זיין אַרבעט געריסן פון די הענט און געצאָלט יעדן פּרייז.

מיסטער זעלינג האָט געזען, אַז ער שטעלט זיך צוריק אויף די פיס, אָבער דאָס איז אים עפּעס נישט איינגעגאַנגען. דאָס געלט איז נישט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז דאָס עשירות קומט צו אים אַקוראַט דעמאָלט, ווען אין פּוילן גייען אָפּ די יידן אין בלוט און די אַלע אַרמייען, וואָס קעמפן קעגן היטלערן, האַלטן אין איין פאַרשפּילן. ער האָט כּסדר געזען פאַר זיך די משפּחה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פּוילן... וואָס איז גע־וואָרן מיט זיינע ברידער און שוועסטער?... וואָס איז געוואָרן מיט זיינע אַלע באַקאַנטע?... היטלער האָט זיי אַלע אַריינגע־זעצט אין די געטאָס, האָט זיי געשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן!... זאָל זיין אמת דאָס אַלץ, וואָס די צייטונגען שרייבן? זאָל אמת זיין דאָס אַלץ, וואָס ער הערט פון די עטלעכע פּליטים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן על־פּי־נס פון גיהנום און האָבן זיך געראַטעוועט קיין אויסטראַליע?! עפּעס לאָזט זיך דאָס נישט מיטן קלאָרן שכל פאַרשטיין! און אַז דאָס אַלץ זאָל זיין וואָר, וואָס איז ער עפּעס דער אויסדערוויילטער?... וואָס איז ער עפּעס ניצול געוואָרן, ווען די יידן אין פּוילן קומען אום?!

הערש האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן ביי־נאַכט, זיך געדרייט אויפן געלעגער. ער האָט זיך געהיטן נישט אויפצווועקן דאָס ווייב. אָבער שיינדל איז סיי־ווי נישט גע־שלאָפן, געלעגן גאַנצע שעהן מיט אָפענע אויגן. טאָמער איז זי איינגעדרימלט, האָט זי געהאַט שווערע חלומות און איז באַגאָסן געוואָרן מיט שוויים. אַז זי האָט זיך איבערגעוועקט פון די חלומות, האָט זי נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זי איז. זי האָט זיך געריבן די אויגן, כּדי זיך איבערצוציייגן, אַז זי געפינט זיך ביי זיך אין שטוב, אַז זי ליגט ביי זיך אין בעט. מיט די הענט האָט זי געטאַפּט דאָס שכנותדיקע בעט, און בעת זי האָט דערפילט, אַז דער מאַן ליגט דאָרט, איז איר פון דעם

אביסל לייכטער געוואָרן. אַט ערשט איז זי געווען אין אַנדערער וועלט, געשטעקט אין אַ גיהנום, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד... זי האָט געזען די ווייך־פּולכנע הענטלעך פון די קינדער פון איר ברודער יעקב, פון איר שוועסטער באַשע... די קינדערישע הענטלעך האָבן זיך געשטרעקט צו איר, גערופן צו איר נאָך הילף... זי האָט זיך געריסן צו די הענטלעך, גע־וואָלט זיי אָנכאַפּן, אָבער מען האָט זי געשטויסן מיט קאָלבעס פון ביקסן, זי געטריבן איבער וועגן, ווו זי איז אַלעמאָל אין אַן אַנדער גרוב אַריינגעפאַלן. פּלוצים איז זי געשטאַנען איבער אַ קבר, ווו מען האָט זי געזאָלט באַגראָבן... אין אירע אויערן האָבן אָפּגעקלונגען די הירזשענדיקע געלעכטערס פון די דייטשע סאָלדאַטן... מען האָט געשווירן איר קאָפּ מיט אַ מענערישער מאַשינקע, געריסן די הויט, אַז בלוט איז גערונען. מיטאַמאָל האָט זי געזען לעבן זיך איר מאַמען. דאָס האָט איר זייער גע־חידושט, ווייל זי האָט געדענקט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן... אַנשטאָט זיך צו דערפרייען, האָט זי זיך דערפון זייער דערשראָקן און אָנגעהויבן הויך צו שרייען...

בעת זי איז אויפגעקומען, האָט זי הערש איינגענומען, גע־טרייסט. ער האָט צוליב איר געמוזט אויף זיין ביז אינדערפרי. אַז ער איז דעם אַנדערן טאָג געקומען אין געשעפט, איז ער גע־ווען מיד און דער קאָפּ האָט אים געהאַקט. אין געשעפט איז געווען אַ סך אַרבעט. כאָטש די פאַבריק האָט געאַרבעט „אָווער־טיים", האָט מען די קונים נישט געקענט געבן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אַ האַלבע פאַבריק האָט געאַרבעט פאַר דער אַרמיי. ביי דעם האָט מען טאַקע נישט גוט פאַרדינט. דער־פאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גרויסער ריווח ביי די דאַמען־מלבושים. די פּרייזן זענען כסדר געגאַנגען אַרויף. און כאָטש ס'איז געווען אַ פּרייז־קאָנטראָל, האָט מען געפונען פאָרטלען ווי אַזוי צו לייזן מיט אַ גוטן פאַרדינסט. מען האָט זיך אַן עצה געגעבן...

„קאָנטינענטאַל פעשנס" איז געוואַקסן און האָט אין אויס־טראַליע באַקומען אַ שם...

## קאַפּיטל אַכצן

# אין די טעג פון דער מלחמה

פּאַולין האָט אַ לעצטן קוק געטאָן אין שפּיגל, פאַראַכטן דאָס היטעלע אויפן קאָפּ, אַ פּודער געטאָן דאָס נעזל און צוגע־שמירט אַביסל שטאַרקער די ליפּן מיט רויטער שמינקע. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערוקט פון שפּיגל, זיך נאָך באַטראַכט אַ רגע מיט אַ מבינישן בליק און, אַ צופרידענע פון זיך, אַרויסגעלאָזט זיך אינדרויסן.

זי האָט זיך באַשטעלט אויף היינט אינאָוונט מיט פיליפּ דייוויס, וואָס האָט שוין געטראָגן אַ מיליטערישן מונדיר און געזאָלט בקרוב אַוועק מעבר־לים. ער האָט באַקומען עטלעכע טעג אורלויב און געקומען קיין מעלבורן פון מיליטערישן „קעמפּ". אָבער פּאַולין האָט נישט געגאַרט זיך צו זען מיט פיליפּן, וואָס איז שוין פאַרעכנט געוועזן פאַר איר חתן. כאָטש זי האָט לכתחילה, ווען פיליפּ האָט אָנגעטאָן דעם מיליטערישן מונדיר, זיך זייער געגרויסט דערמיט, איז זי מיט דער צייט צו דעם צוגעוווינט געוואָרן און זיך מער מיט דעם נישט איבער־גענומען. אַנשטאָט דעם מיליטערישן אוניפאָרם, האָט זי צוריק געזען פיליפּס לאַנגן און דאַרן גוף, זיין לאַנג און דאַר פּנים מיט די שוואַרצע ערלעכע אויגן, ווי ביי אַ געטרייען הונט. דער ברייט־טער אויסטראַליש־מיליטערישער הוט האָט זיך אַזוי לעפּיש גע־וויגט אויף פיליפּס קאָפּ. חוץ דעם האָט זי אין שטאָט געזען אַזויפיל מיליטערישע מונדירן. זי האָט זיך אַפילו אָנגעטראָפן אויף אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, אויף יידישע „באָיס" פון ניו־יאָרק — פון די בראָנקס, פון ברוקלין — און אויך פון לאָס־אַנדזשעלעס. כדי צו ווייזן, אַז זיי זענען יידן, האָבן די יינגלעך אַרויסגענומען אַלעמאָל די קליינע מגן־דודלעך, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויפן האַלז און גערעדט אַ פּאָר ווערטער אין אַ צע־

בראַכענעם יידיש. די „באָים" פון לאָס־אַנדזשעלעס האָבן געדווּסט צו דערציילן פאַרשידענע מעשיות וועגן די פילם־„סטאַרס" אין האָליווּד, וואָס זיי קענען פּערזענלעך...

פיליפּ איז געווען אַזוי אַנדערש פון די אַלע בחורים. ער איז געווען שטענדיק ערנסט און ווען ער האָט זי לעצטנס געטראָפן, האָט ער איר איבערגעחזרט זיינע מוסר־רייד און איר איבערגעגעבן די בשורה־טובה, אַז זיינע עלטערן, די רייכע און פרומע ענגלישע יידן, זענען שוין מיט מזל מסכים אויפן שידוך. זיי ווילן, ער זאָל זיין באַשערטע ברענגען צו זיך אין שטוב אַריין, כדי זיי זאָלן זיך מיט איר באַקענען. תחילת, ווען פּאולין האָט זיך מיט פיליפּן באַקענט אין אַ טאַנץ־זאַל, איז די עלטערן נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט אַ טאָכטער פון אַ פּוילישן ייד, וואָס איז אַ פרעמדער אין לאַנד... זיי האָבן זיך געבלאָזן און זיך נישט געוואָלט אַפילו צוהערן צו די געבעטן פון זייער בן־יחיד, וואָס איז געווען אין פּאולינען פאַרליבט ביז איבער די אויערן. זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט זען פּאולינען ביי זיך אין דער היים. איצט, ווען זיי האָבן שוין קוים מיט לייד באַשטאַנען זיך צו באַגעגענען מיט זייער זונס מיידל, איז פּאולין מער דערצו נישט אַזוי שטאַרק צוגעפאַלן.

בשעת פיליפּ איז געקומען אויף אורלויב אויף עטלעכע טעג און פּאולינען דערציילט וועגן די אַלע שיינע מעבל, וואָס ער וועט אַריינשטעלן צו זיי אין דירה, וועגן דעם אויטאָ, וואָס ער וועט קויפן צו זייער חתונה, נאָכדעם ווען ער וועט זיך אומקערן פון דער מלחמה, — האָט זי זיך צו זיינע רייד קוים צוגעהערט. זי האָט שוין די אַלע מעשיות געקענט פון אויסנווייניק און ס'איז איר נמאס געוואָרן זיך צו זיי צוצוהערן. ווען זי איז מיט פיליפּן געגאַנגען טאַנצן אין אַ נאַכט־לאָקאַל, האָט זי פון איר טיש אַלעמאָל געכאַפּט אַ בליק צו די אַמעריקאַנער זעלנער, אויף וועלכע דער מונדיר איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן. זיי האָבן מיט אַזויפיל קאָקעטעריע געטראָגן די קליינע „שיפעלעך" אויפן קאָפּ. זי האָט אַלעמאָל פאַרגלייכט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן מיט פיליפּן. אויף זיין לאַנגן און דאַרן גוף איז דער מונדיר אַרומגעשווומען, געלעגן זייער אומגעלומפּערט. די אַמעריקאַנער זעלנער, וואָס זענען געקומען קיין אויסטראַליע צו באַ־

שיצן דאָס לאַנד אין פֿאַל פֿון אַ יאַפּאַנישער אינוואַזיע, האָט מען אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. מען האָט געמאַכט „פּאַר־טיס” פֿאַר זייערטוועגן אין די רייכסטע הייזער און די אויס־טראַלישע מיידלעך, וואָס זייערע חתנים זענען אַוועק קעמפֿן אויף יענער זייט ים, זענען מיט זיי אַרומגעגאַנגען. אויך אין די יידישע הייזער האָט מען אויפֿגענומען די אַמעריקאַנער „באָיס”, וואָס האָבן קוים געדענקט אַ פּאָר ווערטער יידיש און נאָכאַנאַנד גערעדט וועגן „זייער אַמעריקע”. און פּאָולין האָט אַריבערגע־קוקט צו די אַמעריקאַנער „באָיס”, ליב געהאַט צו הערן זייער ברייטן פּאַנפֿעוואַטן ענגליש, וואָס איז געווען אַנדערש צום ענגליש אין אויסטראַליע. טאַקע דערפֿאַר, ווייל פֿיליפּן האָט דאָס פֿאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין, האָט זי כסדר אַריבערגערעדט צו די טישלעך, וווּ עס זענען געזעסן די „באָיס” און אַלעמאָל הויך אַרויסגעלאַכט, מען זאָל זיך אויף איר אומקוקן. זי האָט דאָס געטאָן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז מען קען פֿיליפּן אַ ליאַדע טאָג אַוועקשיקן אויפֿן פֿראָנט און זי וועט בלייבן אָן אים. זי האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן פֿי־ליפּס איבערגעגעבנקייט, זיין ציטערן איבער איר. דער עיקר האָט זי פֿיינט געהאַט זיינע שוואַרצע ערלעכע אויגן, וואָס האָבן זי אָנגעקוקט מיט דער געטריישאַפֿט פֿון אַ הונט. זיין גליבן אין איר, האָט זי אַרויסגעבערענגט פֿון די כלים. זי האָט דווקא געוואָלט, ער זאָל איר נישט אַזויפֿיל גלייבן...

פֿיליפּס געטריישאַפֿט איז פּאָולינען נישט געווען צו דער האַנט און טיילמאָל האָט איר דאָס האַרץ וויי געטאָן צוליב רחמנות אויף אים. אָבער ביי דעם אַלעמען, האָט זי זיך פֿונ־דעסטוועגן נישט געקענט אָפּזאָגן און זיך געטראָפֿן מיטן איטאַ־ליענישן שכן, זשוזעפּע סקיפּאַנאָ, וואָס איז איר אַלעמאָל נאָכ־געגאַנגען. נישט איינמאָל האָט איר זשוזעפּע געוואָרנט, אַז טאָמער וועט זי נישט איבעררייסן מיט פֿיליפּן, וועט ער אים אַראָפּרוימען פֿון וועג. זי האָט זיך מחמת דעם איינגערעדט, אַז זי טרעפֿט זיך מיט דעם איטאַליענער בלויז דערפֿאַר, ער זאָל נישט אָפּטאָן פֿיליפּן קיין שלעכטס... זשוזעפּע איז געווען פּונקט דער היפּוך פֿון פֿיליפּן. פּונקט ווי פֿיליפּ איז געווען אויסגע־רעכנט־קאַלט, אַזוי איז זשוזעפּע געווען אַ שטיק פֿייער. ער

האָט שטענדיק געזונגען, געטאַנצט. פּונקט ווי פיליפּ איז געווען שפּאַרזאַם, איז זשוזעפּע געווען ברייט, געקענט זיך לאָזן קאָסטן ביז צו דער לעצטער פּעני...

בשעת פּאולין איז אַרויס פון שטוב, כדי זיך צו טרעפן מיט פיליפּן, האָט זי באַמערקט ווי עס האָט זי אָפּגעוואַרט זשוזעפּע. ער איז געזעסן אין זיין אויטאָ, עטלעכע הייזער אָפּגערוקט פון זייער הויז און געוואַרט אויף איר. אַז פּאולין האָט אים דערזען, האָט זי זיך געוואָלט צוריק אומקערן אַהיים, אָבער איידער וואָס־ווען, איז שוין דער איטאַליענישער שכן גע־ווען לעבן איר און זי מיט געוואַלט אַריינגענומען אין אויטאָ.

ווען דער אויטאָ האָט האַסטיק און מיט געפּילדער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, האָט זשוזעפּע בייז אַ מרוק געטאָן צו פּאַר־לינען אין זיין פּליסיקן ענגליש, וואָס ער האָט נאָך אַלס יונגער בחור אויפגעכאַפּט אין גאַס:

— ער וואַרט שוין אויף דיר, דיין פיליפּ... כ׳האָב אים געזען אָנקומען...

פּאולין האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט. זי האָט שטאַרק געסאַפּעט. נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך פון דער איבעראַשונג, וואָס זי האָט געהאַט צוליב זשוזעפּעס אַריינ־שלעפּן זי אין אויטאָ. אירע ליפּן האָבן זיך איינגעצויגן און זיך בייז געשלענגלט פון אויפרעגונג און כעס.

— וואָס ענפערסטו גאָרנישט?! וואָס שוויגסטו?... — איז זשוזעפּע צו איר צוגעשטאַנען.

זי האָט ווייטער עקשנותדיק געשוויגן, זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. אָבער פּלוצים האָט זי אויסגעשאָסן — אויסגעשאָסן אַקוראַט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך שוין אינגאַנצן נישט געריכט דערויף.

— הערסט דזשאָ... — האָט זי אים גערופן אויף ענגליש, פּונקט ווי מען האָט אים גערופן אין גאַס — טאָמער וועסטו באַלד נישט אָפּשטעלן דעם אויטאָ און מיך אַרויסלאָזן, וועל איך רופן פּאָליציי!... דו האָסט נישט קיין שום רעכט צו מיר... כ׳האָב דיר גאָרנישט צוגעזאָגט! כ׳האָב זיך באַשטעלט מיט פיליפּן!...

ער האָט קיין גרויס אַכט נישט געלייגט אויף אירע רייד,

ווייטער געטריבן דעם אויטאָ. אַ בלאָסער, גיפּטיק־דינער שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן אויף זיין אָפּגעברענט, גרינלעך־אַליוו פּנים. מיט אַ שפּיץ־אויג האָט ער אויפגעכאַפּט דאָס פּנים אין שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען קעגנאיבער אים. ער איז זיך אַליין געפעלן. ס'זענען אים געפעלן זיינע געדיכטע, פעך־שוואַרצע לאָקן, די דין־געשניצטע באַקן־בערדלעך, וואָס האָבן, ווי צוויי שאַרפע שווערדלעך, באַצירט דאָס שמאָלע גרינלעך־אַליווע פּנים. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער געפעלט די מיידלעך און זיי קאָנען זיך נישט אָקעגנשטעלן דעם סאַמעטן־ווייכן בליק פון זיינע שוואַרצע אויגן. כדי איינצו־נעמען פּאַולינען, האָט ער זי געפּרוווט אַרומנעמען — אָבער זי האָט מיט צאָרן אָפּגעשטופּט זיין האַנט. ער האָט שנעל געטריבן די מאַשין, געוווּסט אַז פּאַולין האָט דאָס ליב. בעתן אַריינדרייען פון איין געסל אין אַנדערן האָט דער אויטאָ זיך אַלעמאָל האַסטיק־בייז אַ גליטש געטאָן, זיך שיער נישט אי־בערגעדרייט.

די גאַנצע צייט פון וועג האָבן זיי מער נישט גערעדט צו זיך, נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט. פּאַולין האָט מער גאָר־נישט געפּרוווט צו זאָגן, געזען אַז דזשאָ איז בייז. שטענדיק ווען ער איז אין כעס, לאָזט ער אַזוי ווילד לויפן די מאַשין, אַז זי באַקומט אַזש מורא. זיי האָבן אַ גרויסן כעס אין זיך די איטאַליענער. בעת זיי זענען גוט, קאָן מען מיט זיי אַלץ מאַכן, נאָר טאָמער צינדן זיי זיך אָן — איז אַלץ אויס. פּאַולין האָט באַמערקט, אַז די לעצטע צייטן האָט זיך דזשאָ שטאַרק געביטן, ער איז מער נישט דערזעלבער, וואָס פריער. ער פאַלט אָפּט אַריין אין אַ רציחה. כאָטש ער וויל אַרויסווייזן זיכערקייט אין זיך, איז עס שוין מער נישט דאָס, וואָס איז געווען אַמאָל.

פּאַולין איז גערעכט געווען. דזשאָ האָט מער נישט פאַר־מאָגט די אַמאָליקע זיכערקייט. דאָס האָט זיך גענומען צוליב דעם, וואָס אַלע בחורים אין זיינע יאָרן זענען אַוועק צו מילי־טער און ער האָט קיין זעלנער נישט געקאָנט ווערן, ווייל ער איז געווען אַן איטאַליענער. און נישט בלויז האָט ער נישט געקאָנט ווערן קיין זעלנער, נאָר ער האָט זיך געמוזט גיין מעלדן אָפּט צו דער פּאָליציי. עפּעס ווי אויף צו־להכעיס אים, האָט

זיך איטאַליע אין דער מלחמה נישט פאַרבונדן מיט ענגלאַנד, נאָר זיך געשטעלט אויפן פיינטלעכן צד... ער איז אַפילו געווען זיכער, אַז פּאולין וויל זיך מחמת דעם מיט אים נישט טרעפן. זי האָט אים שוין דאָס געגעבן אָנצוגעהערן. פון פאַרדרוס האָט ער זיך אַלעמאָל מער אַריינגעלאָזט אין פאַרשידענע פאַרדריי־טע מסחרימלעך, זיך געטראָפן מיט די „בוקים", וואָס זענען געשטאַנען אַלע שבת־נאָכמיטאָג אַרום די שענקען און געזוכט זייערע קונים, זיי זאָלן שטעלן אויף די פערדלעך. ער איז אויך געווען אַ „סליפּינג־פּאַרטנער" צו אַן איטאַליענישן שניידער אויף דער ראַסעל־סטריט — און מען האָט אים שטענדיק געטראָפן, אַן אויסגעפּוצטן, אין די איטאַליענישע און גריכישע קאַפע־הייזער. אָבער ער האָט איצט אָנגעהויבן צוריק צו בענקען צו דער צוקער־פּלאַנטאַציע אין קווינסלענד, ווו ער האָט געאַרבעט מיט זיינעם אַ פעטער, וואָס האָט אים אַראָפּגענומען קיין אויס־טראַליע. ער איז דעם האַרעפּאַשנעם פעטער זיינעם זייער דאַנק־באַר געווען פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אים. ער האָט זיך אָבער אויף דער צוקער־פּלאַנטאַציע לאַנג נישט געקענט איינהאַלטן. ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיטן פעטער צוזאַ־מען אונטער די הייסע קווינסלענדער הימלען, ביז ער האָט זיך אין איין שיינעם טאָג אַרומגעזען, אַז ער האָט שוין גענוג געלט אָפּגעשפּאָרט און ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן.

בשעת ער איז געקומען קיין מעלבורן, האָט ער געוואָלט ברענגען צו זיך די מוטער, די אלמנה און אַז זי האָט נישט געוואָלט קומען, האָט ער אַראָפּגעברענגט זיין יינגערע שוועסטער. ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט אָפּגעזאָגט פונם פּלאַן אַראָפּצו־נעמען די מאַמען צו זיך. אינצווישן איז די שוועסטער קראַנק געוואָרן, באַשלודיקט אויסטראַליע אין איר קרענק. יעדן טאָג האָט זי געוויינט און געקלאָגט, אַז זי וויל צוריק אַהיים פאָרן. אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט ער שוין די מוטער נישט געקענט ברענגען און די שוועסטער האָט נישט געקענט צוריק־פאָרן. פון טאָג צו טאָג איז דאָס מיידל געוואָרן בייזער, נישט געלאָזט אים אַרויסגיין פון שטוב און ביינאַכט האָט ער זיך געמוזט אַרויסגנבענען, אַז זי זאָל נישט באַמערקן. טאָמער איז זי ביינאַכט אויפגעקומען פון שלאָף און ער איז נישט געווען

אינדערהיים, האָט זי שוין מער נישט צוגעטאָן קיין אויג, אַראָפּ־געקראָכן פון געלעגער און זיך געזעצט וואַרטן אויף אים. ער האָט נישט געטאָרט ברענגען צו זיך אין שטוב אַריין קיין מיידל — זי האָט אים געוואָלט האָבן אינגאַנצן פאַר זיך. אַז ער האָט זיך געקליבן אויף אַ „דענס", האָט זי געמוזט מיט אים מיטגיין. זי האָט זיך דעמאָלט לאַנג געקעמט אירע צעלאָזטע גאָלדיק־פּאַליענדיקע האָר פאַרן שפּיגל און אָנגעטאָן דאָס לאַנגע ווייסע באַל־קלייד, וואָס האָט פאַרשטעלט אירע קראַנקע, אָנגעדראָלן־אויסגעקרומטע פיס. בשעת זי איז געזעסן אין טאַנץ־זאַל, האָט זי נאָכאַנאַנד אַליין געצערטלט אירע גאָלדענע לאָקן, וואָס האָבן אַרומגענומען אירע אַקסלען, ווי אַ גאָלדענע שאַל, און געצווונגען דעם ברודער ער זאָל מיט איר טאַנצן, כאָטש אירע קראַנקע, האַלב־געליימטע פיס האָבן זיך קוים געקענט רירן. ווען זי האָט אים געזען טאַנצן מיט וועמען אַנדערש, זענען באַלד אירע טונקל־בלויע אויגן פאַרצויגן געוואָרן מיט טרויער און זי האָט מיט נערוועז־גיכע פינגער אָנגעהויבן צו רייסן אירע שיינע לאָקן, ווי זי וואָלט צו זיי וועלן אויסלאָזן איר ביטער האַרץ.

— כ'וויל אַהיים גיין!... — האָט זי געמאַכט קולות — כ'וויל אַהיים גיין!...

אויך אויף פּאָלינען איז די שוועסטער געווען בייז און ער האָט זי נישט געטאָרט פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. היינט האָט ער אוודאי נישט געהאַט געגוג קוראַזש צו פאַרבעטן פּאָלינען צו זיך, ווייל ער האָט געוווסט, אַז זי וועט אים אָפּזאָגן. זי האָט אים אפילו אָפּגעזאָגט צו גיין אין קינאָ. האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן און איז געפאָרן מיט איר אויפן „ביטש" צום ים. אין שטאָט איז געווען דעמפּיק, אָבער פון ים איז געקומען אַ קילבלעך ווינטל, וואָס האָט קוים געקעמט די גרינע כוואַליעס. כאָטש ביים ברעג האָבן די וואַסערן מיט שוימיק־ווייסע מיילער געלעקט די סקאַלעס און דעם זאַמד, איז דער ים געווען רויק, זיך פלאַך געשטרעקט, ווי אַ גרינער שפּיגל. בשעת דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט לענג־אויס דעם ים־ברעג, האָט נאָך די זון, אַן אָנגעדראָלן־רויטע, געגליט אויפן הימל, ווי אַ צעברענטע וואונד — אָבער מיטאַמאָל איז זי אַריין אין וואַסער, ווי צו

לינדערן דעם ווייטיק. לאַנגע רויטע פּאַסן האָבן פאַרהילט דעם האָריזאָנט, ווי ברענענדיקע צויטן פון אַ פוירהאַנג. ס'איז געוואָרן פינצטערלעך. אַ מילכיק־גרויער נעפּל האָט פאַרהויכט דעם גרינעם ים־שפּיגל.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געזעסן שווייגנדיק און גע־קוקט אויפן ים, וואָס האָט אונטערן צודעק פון מילכיק־לייכטן נעפּל, קוים געוועלבט די וואַסערן, ווי ער וואָלט זיך אַליין איינגעוויגט צום שלאָף. ענג־אַרומגענומענע פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אויפן זאַמדיקן ברעג. צומיינסטנס זענען דאָס געווען זעלנער מיט זייערע מיידלעך. אין אויסגעלאַשענע אויטאָס האָבן זיך פאַרליבטע געקושט. עס האָט אָפּגעקלונגען דאָס ברייטע אַמעריקאַנער ענגליש. פון דער האַלבער פינצטערניש האָט זיך פּלוצים אַ קייקל געטאָן אַ געלעכטער, וואָס האָט אָנ־שטאָט פרייד, אָנגעוואָרפן אַ פּחד...

דזשאָ האָט ווידער געפּרוווט פּאָולינען אַרומנעמען — אָבער זי האָט נאָכאַמאָל אָפּגעשטופּט זיין האַנט. דאָסמאָל האָט זי עס געטאָן מיט עקל. זי האָט פיינט געהאַט, ווען ער לויפט איר צופיל נאָך. די ערשטע צייטן, בעת זי האָט אים באַגעגנט און ער איז נאָך געווען אַזוי זיכער ביי זיך, האָט זי נישט גע־קענט ביישטיין דעם פאַרבענקטן קוק אין זיינע אויגן. היינט קען זי אָט דעם פאַרבענקטן קוק נישט פאַרטראָגן.

דזשאָ האָט באַמערקט דעם עקל, וואָס פּאָולין האָט אַרויס־געוויזן, בעת ער האָט זי אַרומגענומען. דאָס האָט אים אַזוי באַליידיקט און צערייצט, אַז ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און זי צוגעדריקט צו זיך, ווי מיט צוואַנגען. זי האָט אַרויסגעשריגן פון ווייטיק.

— לאָז אָפּ!... וואָס ווילסטו פון מיר! — האָט זי זיך געריסן פון זיינע הענט.

בעת זי האָט געזען, אַז איר געשריי העלפט נישט און ער דריקט זי נאָך שטאַרקער צו זיך צו, האָט זי זיך ביי אים בלית־ברירה אָנגעהויבן צו בעטן:

— נישט דאָ אין דער „קאַר"... דאָ וועסטו מיך נישט אָנרירן!...

— נאָר ווו?... ווו ווילסטו פאָרן מיט מיר?... — האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, פול מיט דערוואַרטונג.

— כ׳וויל פאָרן צוריק!... כ׳וועל פאָרן צו דיר אַהיים...

ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר און אויסגעדרייט דעם אויטאָ אויפן וועג אַהיים. ער איז געווען אויסגעשעפּט־מיד. די באַליידיקונג האָט אים געגעבערט. כדי גאָרנישט צו געבן צו דערקענען אין זיך, האָט ער געקוקט גלייך פאַר זיך, נישט אַ בליק געטאָן אין פּאַולינס זייט. אויפן ים איז דער נעפּל שיטע־רער געוואָרן. עס האָבן זיך דייטלעך געזען די איבערגעדרייטע שיפלעך, וואָס זענען געלעגן אויפן זאַמד, ווי גרויסע אַרויסגע־וואָרפן־טויטע פיש. אין וואַסער זענען אַרומגעגאַנגען פישערס, מיט פאַרקאַשערטע הויזן איבער די קניען און זיי האָבן פאַר־וואָרפן נעצן אויף צו כאַפּן פיש איבער נאַכט. זיי האָבן מיט באַטעריעס באַלויכטן דאָס וואַסער און עס האָט אויסגעזען ווי אויפן ים וואָלטן געלויכטן קליינע ליכטלעך. פון וויטן האָט געבלינצלט אַ רויטער ים־לאַמטערן. די ליכטער פון דער שטאָט האָבן זיך אויסגעבויגן אַרום ים־איינגוס, ווי אַ האַלב־פאַרמאַכ־טער אָרעם, אויסגעשטיקט פון ליכטנדיק־ווייסע פּערל...

דאָס ערשטע מאָל, זינט פּאַולין האָט זיך געטראָפן מיט דזשאָען, האָט זיך באַזעצט אין איר אַ מורא. זאָל דאָס זיין צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך נישט באַגעגנט מיט פיליפּן? זי האָט זיך מיט אים נישט געזעגנט און מאָרגן באַלד אינדערפרי דאַרף ער צוריקפאָרן אין די באַראַקן. אַ ליאַדע טאָג קען מען אים אַוועקשיקן אויפן פראָנט! דזשאָ האָט זי געהאַלטן ביים וואָרט און אַזוי גיך ווי זיי זענען פאַרפאָרן אין זייער גאַס, איז ער צו איר צוגעשטאַנען זי זאָל צו אים אַריינגיין. און כאָטש זי האָט אויפן גאַנצן וועג אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט זיך אין דער לעצטער מינוט אַרויסדרייען — איז זי פונדעסטוועגן געגאַנגען. זי האָט זיך געשראָקן פאַר אים, ער האָט אַזוי שטאַרק געגלייבט אין איר צוזאָג...

בשעת דזשאָ האָט אויפגעמאַכט די טיר פון הויז און זיי זענען אַריין אין שמאָלן פינצטערלעכן קאָרידאָר, האָט זיך באַלד באַוויזן טערעסאַ, דזשאָס שוועסטער. אירע האָר זענען

געווען צעלאָזט און אויף איר אַנטבלויזטן האַלז האָט געלויכטן אַ גאָלדענער צלם. זי איז געווען גוט אויפגעלייגט, געהאַט בלויז אַ טענה צום ברודער, וואָס ער איז נישט געקומען צו דער צייט עסן. איצט וועט זי מוזן די „טי" צוזוואַרעמען. אָבער אַזוי גיך ווי טערעסאַ האָט דערזען פּאַולינען, האָט זיך איר פּנים באַדעקט מיט צאָרן און זי האָט מיט די אויגן געזוכט אַ בענקל, כדי זיך אַוועקצוזעצן, אַז די אַריינגעקומענע זאָל נישט באַמערקן אירע האַלב־געליימטע פיס. זי האָט נישט געענטפערט אויף פּאַולינס „העלאָ", זיך געמאַכט, אַז זי זעט זי נישט און גערעדט צום ברודער אויף אַזאַ אופן, ווי קיינער, חוץ זיי, וואָלט נישט געווען אין שטוב. זי האָט גערעדט וועגן דאָקטאָר, וואָס איז געווען ביי איר נאָכמיטאָג און דזשאָ איז מיט אים שפּעטער אַרויסגע־גאַנגען. כאָטש זי האָט אַליין מער נישט געגלויבט, אַז זי וועט ווען עס איז געזונט ווערן, האָט זי אויסגעפרעגט דעם ברודער, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט. זי האָט דווקא גערעדט בלויז ענגליש, אַז פּאַולין זאָל פאַרשטיין און זאָל זען, אַז ס'איז איר גאָרנישט. פּונקט ווי וועגן עפּעס אַ לייכטער פאַרקילונג, וואָס וועט באַלד אַריבערגיין, האָט זי גערעדט וועגן איר קרענק.

— אַז כ'וועל געזונט ווערן, וועסטו מיט מיר אַרויסגיין, דזשאָ?... וועסט מיט מיר טאַנצן?... — האָט זי געפרעגט דעם ברודער.

— דעמאָלט וועסטו מיך נישט דאַרפן... אַנדערע וועלן דיר נאָכלויפן... אַזאַ שיין מיידל, ווי דו ביזט!... — האָט דזשאָ אַריינגעקוקט אין אָפּבלאַקירטן שפּיגל, אַ גלעט געטאָן די האָר און זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינעם פון די אָפּגעריבענע פאָטעלן, וואָס זענען געשטאַנען צעשטעלט אין די ווינקעלעך פון „לאונטש־רום".

— כ'וועל נאָר מיט דיר טאַנצן! — האָט זיך טערעסאַ גע־פּיעשטשעט — נאָר מיט דיר! דיך האָב איך ליב...

זי האָט זיך געגרייט צו גיין ליגן שלאָפן, געבעטן אין דער שטיל צו דער הייליקער מוטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן לייסטל איבערן „פּייער־פּליים". אָבער אינמיטן געבעט, בשעת זי האָט באַמערקט ווי דער ברודער פאַרבעט פּאַולינען צום עסן,

האָט זי אַוועקגעשאַרט פון איר דעם טעלער און אָנגעהויבן זיך צו בייזערן:

— וואָס האָט דיר דער דאָקטאָר געזאָגט, זשוזעפּע?... כ׳וויל וויסן דעם אמת!... — האָבן אירע טונקל־בלויע אויגן אַ בליאַסק געטאָן מיט דער קאַלטקייט פון שטאָל — דו טאָרסט גאָרנישט פאַר מיר פאַרהוילן! ער האָט דיר זיכער געזאָגט, אַז כ׳וועל שוין בלייבן אַ קאַליקע מיין גאַנץ לעבן!...

— בארואיק דיך, טערעסאַ... — האָט דזשאָ אָנגענומען די שוועסטער זייער פּאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט געווען פון גלאָז און זי געפּרוווט אַריינפירן צו זיך אין שטוב.

— כ׳וויל נישט שטאַרבן, זשוזעפּע... כ׳וויל נישט בלייבן אַ קריפּל מיין גאַנץ לעבן! כ׳וויל נישט!... — האָט טערעסאַ געיאָמערט — לאָמיר פאָרן צוריק אַהיים! קיין איטאַליע!... דאָרט וועל איך געזונט ווערן... כ׳וויל נישט שטאַרבן... כ׳בין נאָך אַזוי יונג...

דזשאָ האָט די שוועסטער אַריינגעלייגט אין בעט, זי צו־געדעקט, איינגערוימט איר אין אויער די זיסטע רייד, כדי זי צו באַרואיקן. אַ צייט לאַנג איז טערעסאַ טאַקע געלעגן רואיק און פון איר שטוב האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך. אָבער צו־לאַנג האָט זי נישט געקענט ליגן שטיל און בעת אירע אויפגע־שפּיצטע אויערן האָבן פון דער צווייטער שטוב געהערט אַ היים און אָפּגעהאַקט שושקען, האָט זי זיך אָנגעהויבן דרייען אויפן געלעגער און זי איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אין דער טיר אין בלויזן נאַכט־העמד.

— וואַי־וויאַ!... אַרויס פון דאַנען!... — האָט זי געטייטלט צו פּאַולינען און דער גאָלדענער צלם האָט בייז געטאַנצט אויף איר האַלז — דו קענסט נאָך ווערן פּונקט ווי איך... כ׳בין אויך אַמאָל שיין געווען, ווי דו... דו ביזט אַזוי געזונט...

דזשאָ האָט נאָכאַמאָל, פול רחמנות, אַריינגעפירט די שוועס־טער צו זיך אין שטוב און זי געצוווּנגען אַריינצוגיין אין בעט. טערעסאַ האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק צעכליפּעט און ער האָט לאַנג אין איר אַריינגערעדט, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פּאַולין מוז זיין זייער באַליידיקט און מוז זיין אין כעס אויף אים. ווען ער איז אַרויס פון דער שוועסטער, האָט ער טאַקע

פאולינען שוין נישט געטראָפן. ער איז געלאָפן איבער אַלע צימערן, זי גערופן, אָבער זי איז מער אין הויז נישט געווען. ס'איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער צאָרן אויף דער שוועסטער, אויף זיך אַליין און ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און איז אַרויס־געלאָפן אין גאַס זוכן פאולינען. שנעל, ווי אַ ווינט, האָט ער זיך געיאָגט איבער דער גאַס, געשריגן, אַז מענטשן האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט — אָבער פאולינען האָט ער אינערגעץ נישט געפונען.

פאולין איז שוין געווען ווייט פון דזשאָס הויז. זי האָט זיך געדרייט פון איין געסל אין אַנדערן, אַז דזשאָ זאָל זי נישט קענען אויסזוכן. זי איז אַזוי שנעל געלאָפן, אַז זי האָט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. די האָר זענען געווען ביי איר צעשויבערט און דאָס פּנים אָנגעדראָלן, ווי עס וואָלט זי ווער געשלאָגן. זי האָט נישט געוווסט, וווּ זי לויפט. און עס האָט זי זייער געחידושט, ווען איר ברודער, מאָרי, האָט זי פּלוצים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט. לכתחילה האָט זי מאָרין נישט דער־קענט. און אַז זי האָט אים שוין יאָ דערקענט, האָט זי נישט געוווסט, וואָס ער וויל פון איר. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז מאָרי פרעגט זי, צי זי האָט זיך געזעגן מיט פיליפּן. דאָס ערשטע מאָל זינט מאָרי קען די שוועסטער, האָט ער באַמערקט ביי איר אַ שעמעוודיקייט און ער האָט איר גלייך געקוקט אין פּנים אַריין, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון איר. ס'האָט אים הנאה געטאָן צו זען די שוועס־טער אין אַזאַ מעמד...

— קוק נישט אַזוי אויף מיר!... — האָט פאולין מיטאַמאָל אויסגעשריגן — וואָס האָסטו דאָס געזען אויף מיר?...

מאָרי האָט זיך נישט געמאַכט פון פאולינס געשריי, ווייטער געקוקט איר גלייך אין פּנים אַריין און אָנגעהויבן צו שטאַמלען, אַז פיליפּ פאָרט אינגיכן אַוועק אויפן פראָנט, אַז ער האָט זי געזוכט אַ גאַנצן אָוונט און זי אינערגעץ נישט געקענט געפינען. ער האָט געוואַרט אויף איר אינדרויסן פאַר זייער הויז און די מאַמע האָט אים דערנאָך אַריינגערופן אין שטוב.

— דערצייל שוין, דערצייל!... וואָס ציסטו אַלץ אויס אַזוי

לאנג!... — האָט פּאולין זיך אָנגעצונדן און אַ טרייסל געטאָן מאַרין, ווי זי וואָלט וועלן פון אים ארויסשאָקלען וואָס גיכער די רייד.

— פיליפּ איז אַ גוטער... עי גוד באָי... — האָט מאַרי פּלוצים אַ מורמל געטאָן ווי צו זיך אַליין — גייט זיך שלאָגן מיטן דייטש!...

— ווער פרעגט דיך, צי ער איז גוט, צי נישט... קוק אים נאָר אָן... אַ גאַנצער מענטש געוואָרן, דער ברודער מיינער!... — האָט פּאולין פאַרשטאַנען דעם שטאָך, זיך מיטאַמאָל כעסדיק אָפּגעקערט פון מאַרין און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי מוז געפינען פיליפּן, אַפילו ווען עס וועט איר אויסקומען צו גיין צו זיינע עלטערן אין שטוב אריין.

מאַרי איז געבליבן אַליין, נאָכגעקוקט דער שוועסטער, זיך דערמאָנט דאָס אַלץ, וואָס סוזען האָט אים בסוד דערציילט וועגן איר. כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט צוהערן צו סוזענען, האָט זי אים פונדעסטוועגן דערציילט, אַז פּאולין פאָרט ארום אין איטאַליעניש שכנס אויטאָ און זי ליבט זיך מיט אים. נישט איינמאָל האָט זי אים שוין געשלעפּט, כדי צו ווייזן ווי פּאולין זיצט אין דזשאָס אויטאָ און זיי קושן זיך. מיט סוזענען פלעגט זיך מאַרי טרעפן אין טאַטנס „ביזנעס" און זיי זענען צוזאַמען אַהיים געפאָרן. סוזען האָט מאַרין געזאָגט, אַז לאַנג וועט זיי נישט אויסקומען צו פאָרן צוזאַמען אַהיים, ווייל זי ציט זיך איבער בקרוב קיין עלוווד. דאָס הויז, וואָס זיי האָבן געקויפט, שטייט אין אַ שיינער און רייכער גאַס. די מאַמע לויפט שוין ארום וואָכן־לאַנג איבער די געשעפטן אין דער „סיטי" און באַשטעלט מעבל פאַרן הויז. מאַרי האָט זיך געחברט מיט סוזענען, ווייל זי האָט געבעטן ביי איר פאָטער, ער זאָל נישט אָפּזאָגן פון דער שול דעם העברעאישן לערער וויים, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צעקריגט מיט אים.

מאַרי איז איצט געגאַנגען פון יידן. זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך דער זיידע פאַרמאַכט ביי זיך אין שטוב און ער איז נישט פון דאָרט ארויס. ער איז בלויז פון דאָרט ארויס, ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען מיט מנין, אָדער ער איז געגאַנגען אין דער קאַרלטאָנער ישיבה לערנען מיט יידן

שיעור. ער האָט זיך אַליין געפּייניקט. ער האָט געפאַסט תעניתים און איז געשלאָפן אויף אַ הוילער באַנק, צוגעדעקט מיט אַן אַלטן מלבוש. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט ער געלערנט, אָפּגעריכט חצות און ערשט דערנאָך האָט ער זיך צוגעלעגט אַביסל. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַזוי לאַנג אָפּקומען פאַר זיינע זינד און בעטן דעם אייבערשטן, ביז ער וועט זיך מרחם זיין און בטל מאַכן די גזירה אויף די פּוילישע יידן, קעגן וועלכע עס איז אויפגעשטאַנען אַ פרישער עמלק...

— געוואַלד, רבונו של עולם... — פלעגט דער זיידע אויפ־הויבן די אויגן צום הימל — אתה בחרתנו מכל העמים... האָסט אונז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער... און אין פּוילן זענען נאָך געווען צען צדיקים... פּוילן איז נישט סדום, ווו די מענטשן זענען געווען רעים וחטאים לה׳ מאד!... אַז דו וועסט נישט העלפן דיינע קינדער, ווער וועט דאָס טאָן?...

מאָרי האָט געזען, אַז פונם כסדרדיקן פאַסטן, פונם שלאָפן אויף דער הוילער באַנק, איז דער זיידע געוואָרן נאָך מער אויס־געדאַרט ווי ער איז געווען. די הויט פון פּנים, וואָס האָט פאַר־צויגן די אַרויסשטאַרנדיק־שאַרפעביינער, איז געוואָרן ביי אים דורכזיכטיק און בלוילעך־געל, ווי אויסגעריבענער פּאַרמעט. די גרייז־גרויע באָרד האָט זיך פאַרדעקט מיט אַ טונקלקייט, ווי זי וואָלט געווען פאַרשטויבט. די שוואַרצע אויגן האָבן זיך נאָך טיפער פאַרבאַהאַלטן אין די לעכער, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן מער אָנקוקן די זינדיקע וועלט. ער האָט איצט כסדר דערמאָנט דינהן, עליה־השלום, דאָס צווייטע ווייב זיינס, וואָס האָט גע־מוזט זיין אַ צדקנית... דער השם יתברך האָט זי צוגענומען צו זיך פאַרן חורבן, כדי זי זאָל זיך פאַרשפּאָרן צוצוקוקן צו די אַלע צרות, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט אויף די יידישע קעפּ...

אין דער ישיבה האָט דער זיידע ווייניק מיט די תלמידים געלערנט. מען האָט צוגענומען אויף זיין אָרט אַ יינגערן פון אים, אַ ייד, אַ בן־תורה, וואָס איז באַלד געוואָרן ראש־ישיבה. דער ייד איז געווען אי צו גאָט און אי צו לייט, אַריינגעצויגן מער תלמידים צום לערנען. אַזוי ווי די עדה יידן אַרום דער ישיבה איז געוואַקסן, האָט מען גענדאַרפט האָבן אַן אייגענעם חזן־שוחט און אַראָפּגעבראַכט ר׳ פייוול שוחט פונם יידישן

„סעטלמענט״, ווארן דארטן האט ער נישט געהאט וואס צו טאן...

מארי איז איצט געגאנגען פונם זיידן. ער האט אים גע־טראגן עסן — אבער דער זיידע האט זיך צום עסן נישט צו־גערירט, נישט געוואלט גארנישט טועם זיין. מארי האט געהאט דעם זיידן צו פרעגן פארשידענע קשיות, אבער אז ער האט זיך אנגעטראפן מיט אים פנים־אל־פנים, האט ער מיטאמאל אנגע־ווירן די דרייסטקייט און אלץ איז אים ארויסגעפלויגן פון קאפ. מחמת דעם, וואס ער האט אלעמאל אנגעטראפן דעם זיידן אין אזא אויסטערלישן מעמד, האט ער נישט געהאט קיין הארץ אים עפעס צו פרעגן און ער האט עס אפגעלייגט אויף א צווייט מאל...

בשעת מארי איז געגאנגען אהיים, האט ער נאך א טראכט געטאן וועגן דער שוועסטער. ס׳האט זיך אים זייער געגלוסט צו וויסן, צי פאולין איז געגאנגען אפזוכן פיליפן, וואס האט געווארט אויף איר א גאנצן אוונט, צי נישט...

## קאַפּיטל ניינצן

# לויט אַלע כּללים פון באָקס

כּאָטש לעזלי האָט שוין לאַנג איבערגעריסן דאָס לערנען און ער איז מיט אַ סך מער חשק געגאַנגען אין טאַטנס „ביזנעס", ווי ער איז געגאַנגען אין שול, האָט ער פונדעסטוועגן מקנא געווען דעם ייִנגערן ברודער זיינעם, מאָרין, וואָס האָט זיך גוט געלערנט. מאָרי האָט געוווּנען אַ „סקאָלאַרשיפּ" און געהאַלטן אין מאַכן „אינטערמידיעט". לעזלין האָט דעם ברודערס דערפאָלג אין לערנען ווײ געטאָן, אָבער ער האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן, קיינמאָל גאָרנישט געגעבן אין זיך צו דערקענען. פאַרקערט, ער האָט אָפט אָפּגעחוזקט פון ברודער און זיך באַרימט פאַר אים מיט זיינע אויפטוען אין געשעפט. ער האָט זיך געפירט מעשה גרויסער סוחר, דער קאָפּ איז אים שטענדיק געווען פאַרנומען מיט „ביזנעס" און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פולע קעשענעס געלט. ער האָט זיך געפּוצט, זיך באַשטעלט אַנצוגן ביי די בעסטע שניידערס און פיל אַכט געלייגט, אַז די אַנצוגן זאָלן גוט ליגן אויף זיין נישט־הויכער, אָבער שטאַרקער פיגור. די קראַוואַטלעך האָט ער לאַנג געקליבן זיי זאָלן פּאַסן צו די אַנצוגן. אויך מיט דעם פּוצן זיך האָט ער געוואָלט איבערשטייגן דעם ברודער, וואָס האָט נישט אַכטונג געטאָן אויף זיך און איז געווען אָפּגעלאָזן.

שטענדיק, ווען מען איז אַריינגעקומען אין „אָפיס" פון „קאָנטינענטאַל פעשנס", האָט מען אָנגעטראָפן לעזלין אַ שטאַרק פאַרטוענעם. אָדער ער איז געזעסן איבער די בייכיקע בוכהאַלטעריע־ביכער; אָדער ער האָט געפּאַסט אַ מלבוש אויף אַ מאָדעלקע; אַז נישט איז ער סתם פאַריאַכמערט געלאָפן אהין־און־צוריק איבערן וואָרן־הויז און פאַבריק. ער האָט זיך ליב געהאַט צו מאַכן מער פאַרנומען ווי ער איז געווען אין דער

אמתן און האָט די סוחרים, וואָס זענען געקומען אים זען, גע־לאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. כאָטש ער האָט זיך מיט חברים געפּירט ברייט, געטיילט פּאַפּיראָסן אויף רעכטס און לינקס און ליב געהאַט צו שטעלן אַ טרונק, האָט פונדעסטוועגן דער קאָפּ ביי אים קלאָר געאַרבעט, אַז דאָס אַלץ זאָל אים צופיל נישט קאָסטן. אַז עס האָבן צו אים געקלונגען מיידלעך, איז ער שטענ־דיק צוגעקומען צום טעלעפאָן מיטן זעלבן פּזמון:

— כ׳בין זייער „ביזי״... כ׳האָב נישט קיין צייט אָפּצועסט־מען... דאַרלינג... בייבי...

אָבער בעת־מעשה האָט ער נענטער צוגערוקט דעם שטול צום טעלעפאָן, אַרויפגעלייגט די פיס אויף אַ צווייטער שטול און אָפּגערעדט מיט די מיידלעך אַ לאַנגע צייט.

אין דזשינען האָט שוין לעזלי כמעט מער נישט געדענקט און זיך בלויז פון צייט צו צייט דערמאָנט וועגן איר. זי איז שטענדיק געווען אַזוי גוט צו אים און ער איז נייגעריק געווען צו וויסן ווי זי זעט היינט אויס. אָט איז געווען מיט אַ צייט צוריק דיק דער „טראַק־דרייווער״ ביי זיי אין הויז און האָט געבראַנגט אַ גרוס פון דזשינען, געגעבן אָנצוזעהערן, אַז זי בענקט נאָך אים און וויל קומען קיין מעלבורן... ווען זי קומט טאַקע קיין מעלבורן, וואָלט זי געקאָנט אַרבעטן ביי זיי אין די „ביזנעס״...

מיסטער זעלינג האָט זיך צוגעקוקט צו דעם זונס אויפ־פירעכץ און כאָטש נישט איין זאַך איז אים ביי אים נישט געפעלן, האָט ער פונדעסטוועגן געקוקט דורך די פינגער און געמאַכט אַ שווייג. דער זון האָט זיך געטוינגט צום מסחר. דער עיקר האָט מיסטער זעלינג מורא געהאַט, אַז דער שותף זיינער, מיסטער זיידנער, זאָל נישט האָבן עפּעס קעגן לעזלין. אָבער דער מיסטער זיידנער האָט דווקא געלעקט די פינגער פון לעזלין און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען ביי אים רעכט. מיס־טער זיידנער האָט ליב געהאַט פּאָמפּע, רעקלאַמע און אַז לעזלי האָט אים מיט דעם צוגעטראָפן, האָט ער שוין אַלץ פאַר ליב גענומען. חוץ דעם האָט זיך מיסטער זיידנער געהאַלטן אין אַריינציען אין דעם שיינעם הויז אין עלווּוד און ער איז אָפּט אַרומגעגאַנגען מיטן ווייב איבער די געשעפטן, כדי איינצוקויפן

פרישע מעבל, בילדער און צאַצקעס אין די רייכע און גרויסע שטובן. כאָטש דאָס ווייב האָט עס אַליין געקענט מאַכן, האָט זי אים דווקא געשלעפּט מיט זיך און ער האָט זיך נישט גוט געפילט, וואָס ער מוז זיך אַלעמאָל אַראָפּכאַפּן פון פאַבריק.

לעזלי איז מיט דער צייט געוואָרן אַזאַ גרויסער אויפטוער אין „קאָנטינענטאַל פעשנס", אַז מ'האָט מורא געהאַט מען וועט זיך אָן אים קיין עצה נישט קאָנען געבן, ווען ער וועט גיין צו מי־ליטער. בעת לעזלי האָט געזען, אַז סיי דער טאַטע, סיי מיסטער זיידנער האַלטן פון אים אַזוי שטאַרק, האָט ער זיך פון דעם אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט זיי אויפגעהערט צו פרעגן עצות, געטאָן אַלץ אויף דער אייגענער האַנט.

לעזלי איז פון זיך אַליין געווען זייער צופרידן און ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מאָרי מאַכט זיך נישט זען זיינע אַלע אויפטועכצן. ער האָט מחמת דעם געוואָלט מאָרין וואָס שטאַר־קער ווי טאָן און אָפּט אָפּגעחוזקט פון זיין פרומקייט. לעזלי האָט שוין געפירט דעם טאַטנס אויטאָ און ווען ס'איז געקומען שבת האָט ער דווקא פאַרבעטן דעם ברודער אין אויטאָ אויף אַ „דרייוו". ער האָט אים אויך פאַרבעטן שבת אין קינאָ און אים מכבד געווען מיט טריפות. געטאָן האָט ער עס דעמאָלט ווען זיי זענען געווען צווישן מיידלעך און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאָרי וועט זיך קווענקלען אים אָפּצוזאָגן, ווייל ער וועט נישט וועלן מען זאָל פון אים אָפּלאַכן...

צוליב די אַלע שפּיצלעך, וואָס לעזלי האָט אים אָפּגעטאָן, איז מאָרים אייביקע שנאה צום ברודער קיינמאָל נישט אָפּגע־קילט געוואָרן. כאָטש ער האָט נישט געוווסט ווי זיך אַרויסצו־דרייען פון לעזלין, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געוואָלט אָנ־נעמען זיינע אַלע פאַרבעטעכצער, וואָס זענען אים אויסן געווען בלויז צו דערנידעריקן. אַנשטאָט צו גיין מיטן ברודער, האָט זיך מאָרי בעסער אַריינגעכאַפּט צום זיידן. ער האָט אין זינען געהאַט דעם זיידן עפּעס צו פרעגן און ער האָט נישט געקענט רוען, ביז ער וועט דאָס נישט טאָן.

נאָך די תעניתים אין די וואָכן־טעג, האָט דער זיידע שבת געגעסן. אָבער פונם פאַסטן אין די וואָכן־טעג, איז דער מאָגן ביי אים איינגעשרומפּן געוואָרן, אַז ער האָט קוים עפּעס געקאָנט

נעמען אין מויל אריין און די מאכלים זענען געבליבן שטיין כמעט נישט אנגערירט. כאטש דעם זיידנס שטוב איז געווען ליידיק, האט א שבתדיקע מנוחהדיקייט אראפגעשטראלט פון די פוסטע ווענט. דער זיידע האט פארבעטן מארין מיטצועסן. ער האט געזונגען זמירות און הויך געבענטשט. געטאן אלץ, כדי אויפצוהאלטן דעם עונג־שבת. נאכן עסן האט ער מכבד געווען דאס אייניקל מיט שבת־אויבסט. צוליב שבת האט דער זיידע געטראגן דעם יום־טובדיקן כאלאט. די באָרד האט פאר־לוירן דעם וואכעדיק־שטויביקן קאליר און באקומען צוריק דעם העלן גלאנץ פון אויסגעפוצט זילבער.

מארי איז געגאנגען מיטן זיידן צו שלוש־סעודות אין דער קארלטאנער ישיבה, געזעסן לעבן אים די גאנצע צייט אין דער בין־השמשותדיקער פינצטערניש און זיך צוגעהערט צו זיין בעטנדיק קול, וואס האט זיך געהויבן און געפאלן. טיילמאל האט ער געפילט ווי דער זיידע וויינט. זיין קול האט זיך דענס־מאל אויסגעצויגן מיט אזא בענקשאפט צו די הויכן, אז עס האט מארין אנגענומען א פחד. ער האט געפילט, אז גאט איז דא אינם שולעכל און הערט זיך איין אין זיידנס געבעט; הערט זיך איין אינם שטילן געזאנג פון די יידן. בעת ער איז געגאנגען מיטן זיידן צוריק פון מעריב און ער האט געהערט דעם זיידנס איינזאמע, פארקלערט־שארנדיקע טריט אויף די שטיינער, האט ער זיך אים נאכגעשלעפט פון הינטן און גע־טראכט פארוואס פייניקט היטלער די יידן מער פון אלע אנדערע פעלקער. איינמאל האט זיך מארי נישט געקענט מער איינ־האלטן און געפרעגט דעם זיידן:

— גרענדפא... זיידע... — האט מארים קול נישט דרייסט געבלאנדזשעט אין פינצטערן חלל.

אבער דער זיידע איז געווען פארטאן אין אן אנדערער וועלט און האט נישט געהערט, אז מארי רופט אים.

— זיידע... — האט מארי נאכאמאל שטיל און נישט־זיכער איבערגעחזרט.

— הא?... וואס?... — האט זיך דערהערט ר׳ ברוך־איטשעס מבולבלדיק־דערשראקן קול, ווי ער וואלט אויפגעקומען פון א חלום.

— זיידע... — האָט מאָרי זיך אָנגענומען מיט כוח און מיטאַמאָל אַרויסגעשטופּט פון זיך די רייד ווי ער וואָלט פון זיי וועלן וואָס גיכער פּטור ווערן — פאַרוואָס לאָזט גאָט אויס־הרגענען אַזויפיל יידן אין יוראָפּ... פאַרוואָס... דו זאָגסט דאָך, אַז די יידן אין פּוילן זענען גוט און פרום... אַזויפיל יידן ווערן אויסגעהרגעט... קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר זיי... פאַרוואָס נעמט זיך נישט גאָט אָן פאַר די יידן...

ר' ברוך־איטשע האָט עפּעס ווי נישט דערהערט, וואָס דאָס אייניקל האָט געזאָגט און אַז ער האָט אויפאַמאָל באַנומען, וואָס מאָרי פרעגט אים, האָט ער אויך באַלד נישט געענטפערט. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט אַרויסגעבראַנגט פון זיך:

— מרדכי־משה... — האָט ער שווער אָפּגעקרעכצט, אָבער באַלד גענומען רעדן מיט אַ שטרענג קול — אַזעלכע זאַכן טאָר מען נישט פרעגן! הערסט, מרדכי־משה... ווער פאַרשטייט דעם אויבערשטנס וועגן... זיינע דרכים זענען פאַרן בן־אדם פאַר־הוילן... שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם! פאַרשידענע שונאים האָבן אונז שוין גע־וואָלט פאַרטיליקן און דער השם יתברך האָט אונז אויסגעלייזט פון זייערע הענט!...

דער זיידע האָט זיך אויסגעשטרעקט, געבליבן שטיין אַ הויי־בער, אַ גלייכער. דערנאָך איז דער זיידע אַריין צו זיך אין שטוב און מאָרי איז געבליבן שטיין אַליין אינדרויסן. ער איז געגאַנגען איבער די קאַרלטאָנער טונקל־באַלויכטענע געסלעך, געקלערט וועגן דעם, וואָס דער זיידע האָט אים ערשט געזאָגט. פון זיינע מחשבות האָבן אים אויפגעוועקט געלעכטערס און גע־שרייען. ער האָט באַמערקט ווי ביי די מילך־באַרן און צוקערל־געוועלבער שטייען מיידלעך מיט יינגלעך און זיפּן מיט שטרויען לעמאָניאַדע און אַנדערע „סאָפט־דרינקס". צומיינסטנס האָט מען געזען מיידלעך, די בחורים זענען געווען ביי מיליטער. צווישן דעם יונגוואַרג זענען געווען אַ סך איטאַליענער. דאָס יונגוואַרג איז געווען אויסגעפּוצט, זיך געקליבן צו גיין אין קינאָ.

— העלאָ, מאָרי... — האָט מאָרי פּלוצים דערהערט אַ קול הינטער זיך, ווען ער איז שוין געשטאַנען לעבן זייער שטוב.

בשעת ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען סוזענען מיט נאָך צוויי מיידלעך: די הויכע עלים און די קליינע שערלי. מאָרי האָט די מיידלעך געקענט פון דער יהודה־הלוי־שול.

— העלאָ... — האָט מאָרי עפּעס ווי נישט גערן געענטפערט.

— גוט, מאָרי, וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן... כ׳בין געגאַנגען צו דיר אַהיים... מיר וועלן גיין אין קינאָ... ס׳שפּילט אַ שיינער פילם... — האָט סוזען זיך צוגעטוליעט צו מאָרין און אים אָנגענומען אונטערן אָרעם, ווי זי וואָלט זיך שוין געקליבן מיט אים אין וועג אַריין — עלים און שערלי גייען מיט די עלטערן זען אַ „דזשואיש פליי" אין דער „התחיה"... מען זאָגט, אַז עס איז אַ שיינע זאַך אָבער כ׳פיל נישט צו גיין מיט זיי היינט ביינאַכט... ווען כ׳טרעף נישט דיך, וואָלט איך אַליין געמוזט גיין אין קינאָ... כ׳האָב דיך אומעטום אַרומגעזוכט...

בעת סוזען האָט אָנגענומען מאָרין אונטערן אָרעם, האָבן שערלי און עלים זיך אָנגעקוקט מיט אַ גנביש, אַלץ־ווייסעריש קוקעלע און זיך אַ ציפּ געטאָן הינטנאַרום ביי די קליידלעך. דערנאָך האָבן זיי אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

דאָס געלעכטער איז נאָכגעגאַנגען מאָרין און סוזענען נאָך אַ שפּאָר שטיקל צייט נאָכדעם ווי זיי זענען פון די חברטעס אוועק. אין די אויגן פון די חברטעס האָט מאָרי נישט געוואָלט אָפּזאָגן סוזענען צו גיין אין קינאָ, אָבער ווען זיי זענען אַליין געבליבן, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט און ער וויל אַהיים גיין. חוץ דעם האָט ער נישט קיין געלט אויף אַ קינאָ.

— די אַנדערע וואָך ציען מיר זיך אַריבער אין דעם נייעם הויז אין עלווּוד... כ׳וויל מיר זאָלן היינט ביינאַכט זיך געזעגענען... — האָט סוזען זיך געבעטן ביי מאָרין — מאַכן אַ שטיקל אָפּשיידס־„פּאַרטי"... אַז כ׳וועל וווינען אין עלווּוד, וועלן מיר זיך שוין נישט קענען אַזוי אָפט טרעפן... וואָס פאַרא פילם ווילסטו זען?... ס׳שפּילט אַ שיינע „לאַוו־סטאָרי"...

— כ׳האָב ליב אַ „קאַו־באָי"־פילם! — האָט זיך מאָרי איינגעשפּאַרט.

— און איך האָב בעסער ליב צו זען אַ פילם מיט אַ „שטאַר־קער ליבע"... אָבער אַז דו ווילסט דווקא זען אַ „קאָו־באָי־פיקטשער", וועל איך זיך נישט אַקעגנשטעלן... וועסט קומען צו אונדז אויפן חנוכת־הבית?... מען האָט צו אייך אַרויסגעשיקט אַן איינלאַדונג. כ'האָב אַליין די איינלאַדונגען אויסגעשריבן...

— כ'ווייס נאָך נישט... כ'וועל זען...

— צי האָט פּאָולין זיך געזען מיט פיליפּן דעמאָלט ביי־נאַכט? כ'האָב געהערט, אַז פיליפּ איז אַוועק מיט זיין קאָמ־פּאַניע אויף דער מלחמה...

—דאַכט זיך, אַז זי האָט אים געזען... כ'קען דיר אויף זיכער נישט זאָגן... כ'האָב געמיינט, אַז קענסט האַלטן אַ סוד!... וואָס שטעקסטו אומעטום אַריין די נאָז? וואָס ביזטו אַזאַ „סטיקי־נאָוז"?...

— ס'איז נישט אמת! כ'בין גאָרנישט אַזוי נייגעריק ווי דו מיינסט, — האָט סוזענס קול אָפּגעקלונגען באַליידיקט און טראָציק — כ'ווייס אָבער באַשטימט, אַז פּאָולין פירט ווייטער אַ ליבע מיט דזשאָ דעם איטאַליענער... כ'מיין, אַז דאָס איז נישט שיין פון איר זייט, אין דער צייט, ווען איר חתן איז אויף דער מלחמה...

זיי זענען אַריין אין קינאָ, געגאַנגען זען אַ „קאָו־באָי"־פילם ווי מאָרי האָט געוואָלט. כאָטש סוזען האָט געזאָגט, אַז זי איז אינטערעסירט בלויז אין אַ פילם מיט אַ „שטאַרקער ליבע", האָט זי פונדעסטוועגן זייער הנאה געהאַט פון דעם „קאָו־באָי"־בילד, פול מיט אַוואַנטורעס און געשלעגן. זי האָט אַלעמאָל הויך אויסגעשריגן און מיט איבערגעטריבענער מורא זיך געטו־ליעט צו מאָרין און כסדר אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

מאָרי האָט אָבער נישט באַמערקט ווי סוזען כאַפּט אים אַלעמאָל אָן ביי דער האַנט, ער איז זייער אַריינגעטאָן געווען אין פילם. ער האָט אַפילו אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז סוזען זיצט לעבן אים, ווייל ס'האָט געשפּילט דער אַרטיסט, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער האָט זייער געוואָלט אויסזען פּונקט ווי דער אַר־טיסט, נישט איינמאָל אים שוין געפּרוווט נאָכמאַכן, געחלומט צו זיין פּונקט אַזוי העלדיש ווי ער. ווען ער וואָלט זיך געקענט שלאָגן אַזוי גוט, ווי דער אַרטיסט, וואָלט לעזלי געהאַט פאַר אים

מורא און ער וואָלט געקענט אַנלערנען טאָמין, זייער שכן. ער זאָל זיך אויפהערן צו אים צו טשעפּען. ער האָט אים געזען, טאָמין, אַריינגיין אין קינאָ צוזאַמען מיט זיינע חברים. די חברה איז לעבן אים נאָענט פאַרבייגעגאַנגען, זיך מיט אַ כוונה אָנגעשטויסן אין אים. דאָס האַרץ זאָגט מאַרין, אַז טאָמי וועט אים נאָך היינט ביינאַכט פאַרטשעפּען. ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער פאַרמאָגט די כוחות, ווי דער באַליבטער אַרטיסט זיי־נער — ער וואָלט דעמאָלט טאָמין זיכער אָנגעלערנט. שוין נישט איינמאָל האָט ער ביי זיך אין שטוב אויפגעהאָנגען אַן אויסגע־שטאָפּט קישעלע און מיט די פויסטן אַריינגעהאַקט דערין, כדי זיך אויסצולערנען באָקסן...

מאַרי האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אינם בילד אויפן עקראַן, אַז ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ער איז אַליין דער העלד אינם פילם. ער האָט אינגאַנצן נישט געוווסט, וואָס טוט זיך אַרום אים. און אַז ער האָט פּלוצים דערפילט סוזענס ליפּן אויף זיין פּנים, האָט ער לכתחילה נישט געוווסט וואָס דאָ איז געשען. ס'איז געשען אַזוי שנעל, אַז איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו טאָן, האָט סוזען צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון אים, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט. ער האָט נישט געוואָלט דערפון טראַכטן, זיך איינגערעדט, אַז עס איז בלויז געווען אַן אויס־דאַכטעניש — אָבער ער האָט כסדר געפילט סוזענס ליפּן אויף זיינע. כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ס'איז אַן עבירה, האָט ער עפּעס געפילט אַ שטאָלצקייט אין זיך. אמת איז, אַז ער האָט סוזענען נישט איבעריק ליב געהאַט, אָבער איר קוש האָט פונ־דעסטוועגן מיט אַזאַ אָנגענעמער פייכטקייט געגלעט אים די ליפּן. ביז איצט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געפילט קיין קוש פון אַ מיידל. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט אים די מאַמע אָפט געקושט, אָבער דאָס קאָן דאָך נישט פאַררעכנט זיין פאַר אַ קוש פון אַ מיידל. סוזענס קוש האָט אים כסדר געברענט אויף די ליפּן און ער האָט אים געוואָלט איינהאַלטן, נישט גע־וואָלט אַזוי גיך פאַרלירן.

בשעת זיי זענען אַרויס פון קינאָ, האָבן די ליכטער אינ־דרויסן געשטאָכן אין די אויגן און די מענטשן זענען געטרעטן ווי אין אַ חלום. די גאַס האָט אויסגעזען פאַרענדערט — אַנ־

דערש ווי אַלעמאָל. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק. דערנאָך האָט סוזען אָנגענומען מאַרין לייכט פאַרן אָרעם. אין דער זעל־בער צייט ווי ער האָט דערשפּירט איר אָרעם אין זיינעם, האָט ער דערפילט טאָמין מיט זיינע חברים הינטער זיך. סוזען האָט אים מיטאַמאָל געפרעגט:

— האָסט מיך ליב, מאַרי?...

— כ׳ווייס נישט... ס׳איז מיר שווער דערויף צו ענטפערן...

— וואָס הייסט דאָס... כ׳פאַרשטיי נישט...

—כ׳האָב דיך ליב... — האָט מאַרי געענטפערט מיט גלייכ־גילטיקייט.

— דו זאָגסט עס בלויז אויף אָפּצוקומען... כדי פון מיר פּטור צו ווערן...

— כ׳קען דיר נאָך נישט זאָגן אויף זיכער, צי כ׳האָב דיך ליב... כ׳האָב מיר נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון... לאָז מיך צו־רו...

פּלוצים האָט מאַרי דערזען ווי סוזען האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער ערד. איידער מאַרי האָט נאָך באַמערקט טאָמין פאַר זיך, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס האָט ווער פון זיין חברה אונטערגעשטעלט סוזענען אַ פוס. בעת ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער געזען, אַז ער איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און טאָמי רוקט זיך זייטיק צו אים. ס׳איז געווען פינצטער אַרום, ווייל טאָמי האָט ליב געהאַט זיך צו שטופּן אין פינצטערע ווינקלען.

— פאַרוואָס באַפאַלסטו אַן אומשולדיק מיידל?... — האָט מאַרי געפילט אין דער פינצטערניש דאָס שטעכיקע געלעכטער אויף טאָמיס פעט פּנים — פאַרוואָס האָסטו אומגעוואָרפן דאָס אומשולדיקע קינד? האָסט געמיינט, אַז קיינער זעט נישט! וואַרט, מען וועט דיך באַלד אויסלערנען ווי זיך אומצוגיין מיט אַ דאַמע!...

— ווער האָט אומגעוואָרפן דאָס מיידל?... אי־י־ך? — האָט מאַרי זיך געכאַפּט, אַז מען מאַכט אויף אים אַ בלבול און דאָס געפיל פון גערעכטיקייט האָט אים ווי אַ קנויל, גע־שטיקט אין האַלז — כ׳וועל אויף זיך נישט לאָזן אויסטראַכטן ליגנס!...

— ווער זאָגט ליגנט?... — האָט זיך טאָמי אַזוי נאָענט צוגערוקט צו מאָרין, אַז ער האָט געשפּירט דעם באַריר פון זיינע שטעכיקע האָר — אַז וועסט דיך נישט מודה זיין באַלד אויפן אָרט, וועל איך דיר געבן אַ לעקציע, אַז וועסט האָבן צו געדענקען! וועסט שוין דעמאָלט וויסן, אַז מען דאַרף זאָגן דעם אמת!...

— כ'האָב נישט מורא פאַר דיין לעקציע... כ'קען צוריקגעבן!... — האָט מאָרין פונדעסטוועגן די שרעק אַ גרים געטאָן אין בויך.

— קום אַוועק!... וועסט דיר נישט קיין עצה געבן קעגן אַלע! — איז סוזען צוגעפאַלן צו מאָרין און זי האָט זיך איינגעקלעמט אין אים און אים מיט כוח געשלעפּט פון דאַנען.

—שאַט אַפּ!... שווייג! מיש זיך נישט!... — האָט טאָמי אַוועקגעריסן סוזענען פון מאָרין — ער האָט באַליידיקט אַ דאַמע און ער מוז באַקומען זיין גאָב!... יעס סער... און דו שריי נישט! מענטשן וועלן זיך נאָך צוזאַמענקומען... באַז אַפּ, סיסטער...

— לאָז זי אָפּ! — האָט מאָרי אַ געשריי געטאָן — אַז וועסט זי נישט אָפּלאָזן, וועל איך דיר דערלאַנגען!

— זע נאָר, ווער ס'גייט מיר דערלאַנגען!... סמאַרט באָי!...

— האָט טאָמיס שפּיציקע געלעכטערל זיך אַ קייקל געטאָן, זיך פאַרגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער — דו פּחדן!... יעלאָו דזשו!

— פּחדן!... — האָט ווער אַנדערש פון דער חברה אונטערגעכאַפּט.

— פּחדן!... פּחדן!... פּחדן!... — האָט מאָרי געהערט ווי אַלע האָבן צו אים אין אַ כאָר געשריגן — אַלע יידן זענען פּחדנים!...

פּלוצים האָט טאָמי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו זיינע חברים, ס'זאָל בלייבן שטיל — און ס'איז געוואָרן שטיל.

— פאַרוואָס גייסטו זיך נישט שלאָגן אין דער מלחמה, אַז ביזט אַזאַ העלד? סמאַרט באָי... — האָט טאָמי זיך מיטאַמאָל געוואָנדן צו מאָרין.

— אַז כ'וועל נאָר אויסערוואַקסן, וועל איך זיך גיין שלאָגן... און פאַרוואָס גייסטו נישט?... — האָט מאָרי געזאָגט.

— יעלאו דזשו!... יו יעלאו!... יעלאו!... יעלאו!... — האָבן זיך פריש דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

— ביזט פונקט אַזאַ פּחדן ווי ליטל פּעט מייק אין די פּיקטשערס...

מאַרי האָט זיך דערפּילט זייער הילפלאָז. די באַליידיקונ־גען, וואָס מען האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַריין, האָבן אים זייער געבריט, טיף ווי געטאָן. דער ווייטיק איז זיך צעגאַנ־גען אין אַלע אברים. כדי צו לינדערן אַביסל דעם ווייטיק, האָט מאַרי מיטאַמאָל גענומען וואַרפן זיינע הענט דאָרט אַהין, פון וואַנען עס האָבן זיך געשיט אויף אים די באַליידיקונגען. אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען וואַרפן זיינע הענט, האָט ער געשפּירט ווי פויסטן — גרויסע און קליינע, האַרטע און ווייכע — באַדעקן זיין פּנים, זיין גאַנצן גוף. ער האָט דערהערט טויזנט געשריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אים ווי פון זייער ווייט. גרויסע פאַרביקע פלעקן האָבן גענומען שפּרינגען פאַר זיינע אויגן. ער האָט געפילט, אַז דאָס מגן־דוד'ל, וואָס מיסטער פּאָפּעוו האָט אים געגעבן אַ מתנה, האָט זיך אָפּגעריסן פונעם קייטעלע אויפן האַלז און איז ערגעץ אַראָפּגעפאַלן. ס'האָט אים זייער באַנג געטאָן, וואָס דאָס מגן־דוד'ל איז פאַרלוירן גע־וואָרן. מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט זיין אייגן וואַרעם בלוט, וואָס האָט געטריפט פון דער אויבערשטער ליפּ. ער האָט דאָס בלוט אָפּגעלעקט מיט דער צונג — אָבער ער האָט עס נישט גע־קענט אָפּשטעלן.

בשעת מאַרי האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די פיס, האָט זיך ווער פון דער חברה אָנגערופן מיט אַ קלוגעריש שמייכעלע:

— ס'איז נישט ריכטיק מיר זאָלן אַלע גיין קעגן איינעם!... לאָמיר אויסקלייבן איינעם פון אונז, וואָס זאָל זיך שלאָגן מיט מאַרין. און זאָלן זיי „פייטן" לויט אַלע כללים פון באָקס...

פון דער חברה האָט זיך אַרויסגערוקט טאָמי און ער האָט איינגעלאַדן מאַרין צום באָקסן. מאַרי איז אָבער געווען אויס־געשעפּט, אַז ער איז קוים געשטאַנען אויף די פיס. פונדעסט־וועגן איז ער נישט אָפּגעשטאַנען, געשטרעקט פאַרויס די פויסטן און זיך געשטעלט אין אַזאַ פּאָזע, פונקט ווי די באָקסערס פאַרן

מעטש. בשעת־מעשה האָט ער מיט דער צונג געלעקט דאָס בלוט פון דער אויבערשטער ליפּ. סוזען האָט אים ווידער־אַמאָל אָנגעכאַפּט, געריסן אים פון דאַנען, געמאַכט קולות.

— שאַט אַפּ, קיד!... — האָט טאָמי צו איר אַ געשריי געטאָן — האַלט ס'מויל! וועסט אויפוועקן די מענטשן! קיפּ אוט בייבי! איך בין אַ „ספּאָרט”... ביי מיר איז איינער קעגן איינעם... לויט אַלע כללים פון באָקס...

ווען מאָרי האָט דערפילט טאָמיס פויסטן אויפן פּנים, האָט ער זיך אַ קורטש געטאָן, געפאַלן הינטערוויילעכץ — אָבער ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך אַלעמאָל צוריק אויסגעגלייכט און זיך גערוקט גלייך אויף טאָמין. ער האָט געביילט די פויסטן, זיי געשיקט דאָרט־אַהין, וווּ טאָמי איז אַרומגעשפּרונגען. אָבער טאָמיס קלעפּ האָבן אים געטראָפן און זיינע האָבן טאָמין ווייניק געטראָפן. טאָמי האָט זיי אָפּגעשטויסן מיטן אָרעם. מאָרי איז אַלץ נישט אָפּגעשטאַנען. נאָך יעדן באַקומענעם קלאַפּ, האָט ער זיך דווקא גערוקט פאָרויס. ער האָט מער נישט געוווסט, וואָס טוט זיך מיט אים, נישט געפילט מער קיין ווייטיק. די אויבערשטע ליפּ איז געווען ביי אים געשפּאָלטן און דאָס בלוט האָט פון דאָרט געטריפט אין גרויסע וואַרעמע טראָפּן. פּלוצים האָט זיך ערגעץ אויפגעמאַכט אַ טיר און ס'איז ווער פון דאָרט אַרויסגעקומען, זיך איינגעהערט אין סוזענס געשריי און זיך דערנענטערט צום אָרט פון געשלעג. ס'איז געווען דער שכן, מיסטער מעטיוס, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין בלויזן שלאָף־ראָק. אַז טאָמי און זיינע חברים האָבן דערזען דעם מיסטער מעטיוס, זענען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. אין איין מינוט זענען זיי ערגעץ נעלם געוואָרן, אַז ס'איז נישט געווען צו דערקענען, אַז זיי זענען ערשט דאָ געווען...

באַלד נאָך מיסטער מעטיוס איז אַרויסגעקומען די מיסיס מעטיוס. איר לאַנגער שלאָף־ראָק האָט געקערט דעם טראָטואַר. אין אירע העל־געפאַרבטע שיטערע האָר, ווי ביי אַ ליאַלקע, האָבן געשטעקט פיל בלעכערנע רערלעך, מיט וועלכע זי האָט איבער נאַכט אָפּגעלייגט די האָר. דאָס קליינע און דאַרע פּנימל האָט געגלאַנצט פון די זאַלבן, וואָס האָבן באַדאַרפן אויסגלייכן די

קנייטשן און די קישעלעך אונטער די אויגן. מיסטער און מיסיס מעטיום האָבן געצוווּנגען מאָרין, ער זאָל אַריינגיין צו זיי אין שטוב. ער מוז זיך אַרומוואַשן; אין אַזאַ מעמד טאָר ער נישט אַהיים גיין. אויך האָט סוזען מאָרין צוגערעדט ער זאָל אַריין צו די שכנים אין הויז.

בשעת מאָרי איז געלעגן אויפֿן בעט און מען האָט אים צוגעלייגט קאָמפּרעסן צום פּנים, צו דער צעשפּאָלטענער ליפּ, כדי דאָס געשווילעכץ זאָל אַראָפּ, האָט די מיסיס מעטיום גע־גאָסן וואַסער פֿון אַ טשייניק אין דער וואַרעם־פּלאַש אַריין, מיט וועלכער זי האָט זיך נישט צעשיידט סיי ווינטער, סיי זומער און זי האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ביי גאָט... — האָט זי אַלעמאָל קוים אַ בליק געטאָן צו מאָרין, ווייל זי האָט נישט געקענט קוקן אויף קיין בלוט — וואָס זיי האָבן פֿון אים געמאַכט!... דזשי... פֿור קיד! באַנדיטן!... וואַנדאַלן!... און דאָס רופֿט מען קינדער! די „פּיקטשערס" מאַכן פֿון זיי אַ תּל... אַזוי זעט אויס דאָס היינטיקע יונגוואַרג! אַז זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי זיין אמתע רויבער!...

זי האָט אָפּגעהאַקט, געענדיקט דאָס גיסן וואַסער פֿון טשיי־ניק אין דער וואַרעם־פּלאַש. סוף־כּל־סוף האָט זי זיך באַצוווּנגען און צוגעקומען צו מאָרין, כדי צוצוהעלפֿן דעם מאַן און סוזענען, וואָס האָבן זיך אַרום אים געפּאָרעט. פֿון שטענדיק אָן האָט זי געהאַט אַ ווייך האַרץ, געהאַט רחמנות אויף די איטאַליענישע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. זי האָט זיי געטיילט ביסקעטס, כאָטש זי האָט זיך אַביסל געמיאוסט פֿון זיי און זיך צו זיי באַצויגן, ווי צו היימלאָזע חיהלעך. בעת זי האָט געקוקט אויף מאָרין האָט זי ווידער אָנגעהויבן:

— גאָש... ווי ער זעט אויס!... — האָט זי געשלוקעכצט און דאָס קוויטשיקע קולעכל, ווי ביי אַ יונג מיידעלע, איז געווען ביי איר זייער דערשראָקן — און די פֿרעמדע זענען דווקא ווילע קינדער! קלינג שוין אָן צו דער פּאָליציי, נאָעל! — האָט זי זיך געוואָנדן צום מאַן — מען דאַרף צו דעם אַ סוף מאַכן. איידער עס וועט זיין צו שפּעט! מ'וועט באַלד נישט קענען די גאַס דורכגיין! דאָס האָט זיכער געטאָן טאָמי לואיס! ער מאַכט אָן בושות אַזאַ פֿריי לאַנד, ווי ס'איז אויסטראַליע! אויס־

טראַליע איז אַ „פרי קאָונטרי"!... יעדער האָט דאָ אַ רעכט צי לעבן!...

— מען דאַרף נישט קיין פּאָליציי!... — האָט מאָרי זיך אַ ריס געטאָן פון בעט — ס'איז נישט געווען טאָמי... כ'וועל מיר אַליין אַן עצה געבן!...

— האָרך אים נישט און קלינג אָן נאָך פּאָליציי, נאָעל!...

— האָט מיסיס מעטיוס באַפוילן דעם מאַן — אַז דו וועסט נישט קלינגען, וועל איך אַליין קלינגען! מען דאַרף אַזאַ „באָי" אָנלערנען! די פרעמדע קינדער זענען גוט... טשעפּען נישט קיינעם! אַז מען וועט אַזאַ יונג באַצייטנס נישט אָנלערנען, וועט ער נאָך הרגענען מענטשן! ער האָט אַרום זיך אַ גאַנצע „גענג"... ער איז שוין מער נישט קיין קינד... דאַרף פאַרשטיין!...

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אַ באַגעגעניש פֿון אַלטע חברים

אַקוראַט דעמאָלט, ווען מיסטער און מיסיס זעלינג האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגיין פֿון שטוב צו אַן „אַפּיל"־אָוונט פֿון יידישן „הילפֿס־פֿאָנד", האָט זיך דער טעלעפֿאָן צעקלונגען. הערש האָט פּונקט געענדיקט אויסבינדן דעם קראַוואַט און געהאַלטן אין פֿאַרקעמען זיינע געדיכטע גרויע האָר, וואָס האָבן זיך מיט אַן איידעלן זילבער אָפּגעטיילט פֿון טונקל־אָפּגעברענטן פּנים. ער איז שפּעט געקומען פֿון געשעפֿט, קוים באַוויזן עפּעס אָפּצוכאַפּן און זיך גענומען אין איילעניש איבערטאָן. שיינדל האָט זיך באַוויזן אָנצוטאָן פֿאַרן מאַן און געוואַרט אויף אים. בעת זי איז צוגעקומען צום טעלעפֿאָן און אַראָפּגענומען דאָס טרייבל, האָט איר קיינער נישט געענטפֿערט. אָבער ווי נאָר זי האָט צוריקגעלייגט דאָס טרייבל, האָט זיך דער טעלעפֿאָן ווידער צעקלונגען. דאָס מאָל האָט זי דערהערט אַ שטיל פֿרויען־קול, וואָס האָט זיך געפֿרעגט אויף לעזלין. זי האָט געענטפֿערט, אַז לעזלי איז נישטאָ אין דער היים, ער איז ביי מיליטער. אָבער אַזוי גיך ווי שיינדל האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָט איר עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. דאָס קול אינם טעלעפֿאָן איז איר געווען קענטלעך. זי וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס קול איז געווען דזשינס פֿון ראָזמאַר. דזשין איז שוין מער נישט קיין קליין שיקסל, זי מוז שוין זיין אַ גאַנצע פֿריילין — אָבער זי האָט זי פֿונדעסטוועגן באַלד דערקענט. ווען דיק דער „טראַק־דרייווער" איז געווען ביי זיי אין שטוב אין מעלבורן, האָט ער געזאָגט, אַז דזשין קלויבט זיך אַהער צו קומען. נאַ־דיר ווייטער אַזאַ מעשה... נאָך דאָס האָט איר געפֿעלט... וויפֿיק צרות האָט זי אָן דזשינען!...

אַז מיסיס זעלינג איז אַוועק פֿונם טעלעפֿאָן, איז זי געווען

זייער פאַרדאַגהט און דער מאַן האָט באַלד אין איר דערקענט, אַז עפּעס איז געשען.

— ווער האָט „געריננגען", שיינדל? — האָט ער זי געפרעגט — וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט?...

— כ'ווייס... — האָט שיינדל נישט געוואָלט אויסזאָגן וואָס זי טראַכט — כ'ווייס אַליין נישט... עפּעס האָט זיך אַ מיידל געפרעגט אויף לעזלין... כ'בין נישט מחויב צו וויסן ווער דאָס איז! וויניק מיידלעך פרעגן זיך אויף לעזלין...

אין דעם זאָג „כ'בין נישט מחויב צו וויסן ווער דאָס איז", האָט הערש דערקענט, אַז דאָס ווייב ווייסט ווער ס'האָט געקלונגען און ער האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— עפּעס זע איך, אַז דו ווייסט יאָ ווער דאָס מיידל איז, אָבער ווילסט מיר נישט אויסזאָגן... נו מילא, אַז ווילסט נישט, איז נישט!

— ניין, כ'ווייס טקע נישט! דאָס מאָל האָסטו מיך נישט אָנגעטראָפן... ווועסט נישט קענען אויף מיר זאָגן, אַז כ'טראַכט מיר אויס נישט-געשטויגענע, נישט-געפלויגענע מעשיות... — האָט זיך שיינדלס קינדעריש-קיילעכדיקע גאָמבע פאַרצויגן מיט עקשנות און זי האָט מיט ערנסט געמרוזשעט דאָס רעכטע אויג.

זיי זענען אַרויס פון שטוב און אַריין אינעם אויטאָ. אויף דעם גאַנצן וועג צום „אַפּיל"-אָוונט פון דער יידישער „וועלפעיר-סאָסייטי", וואָס ווערט איינגעאָרדנט אינעם הויז פון מיסטער זיידנער, האָט שיינדל געקלערט וועגן דעם פרויען-קול אינעם טעלעפאָן. און וואָס מער זי האָט אַריינגעטראַכט אין דעם, אַלץ זיכערער איז זי געוואָרן, אַז דאָס איז טאַקע געווען דזשין. זי האָט איר באַדאַרפט צו זאָגן, אַז לעזלי איז נישטאָ הי, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן. ער איז מעבר-לים אויף דער מלחמה. פאַר דעם געדאַנק האָט זי זיך דערשראָקן און געטראַכט, אַז ס'איז שוין פיל בעסער, וואָס זי האָט דאָס נישט געזאָגט. אַזעלכע ליגנס טאָר מען נישט זאָגן...

זי געדענקט גאַנץ גוט דעם טאָג, ווען לעזלי איז געקומען אין שטוב אַריין, אָנגעטאָן אינעם בלויען פּילאָט-אוניפאָרם. ס'איז פונקט דענצמאָל געווען „מאַדערס-דעי". כאָטש זי האָט געוווסט, אַז לעזלי איז אין דער „איייר-פאָרס", האָט זי זיך פונ-

דעסטוועגן דערשראָקן, ווען זי האָט אים מיטאַמאָל דערזען דאָס ערשטע מאָל אינם מונדיר. בעתן אַריינקומען, האָט איר לעזלי געגעבן אַ קוש און איר איבערגעגעבן די מתנה, וואָס ער האָט איר געבראַנגט צו „מאַדערס־דעי". אַז ער האָט באַמערקט טרערן אין אירע אויגן, האָט ער זי אַרומגענומען און זי געטרייסט:

— זאָרג זיך נישט, מאַם... — האָט ער זי געגלעט איבער דער פּלייצע — ס'וועט מיר גאָרנישט געשען... האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן...

זי האָט זיך געלאָזט טרייסטן און בשעת־מעשה האָט זי נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאָרין, וואָס איז נישט געווען אין קיין מונדיר. זי האָט מיט אַזויפיל ליבע געקוקט צו מאָרין, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן איר בליק און אַוועקגעדרייט פון איר דעם קאָפּ.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט ער זי בייז געפרעגט — כ'בין מער נישט קיין „בייבי"... כ'וועל אויך גיין אין דער אַרמיי!...

ס'איז שוין געווען דעמאָלט לאַנג נאָכדעם, ווען די מלחמה האָט באַדראָט די אויסטראַלישע ברעגעס און די יאַפּאַנער האָבן באָמבאַרדירט דאַרווין און באַשאָסן פון אַן אונטערוואַסער־שיף דעם סידנעיער פּאָרט. אין מעלבורן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן „בלעקאוט". די לאָמפּן פון דער שטאָט האָבן געברענט טונקל און די פענסטער פון די הייזער זענען געווען פאַרשטעלט, מען זאָל נישט אַדורכזען קיין ליכט. די פאָרשטעט־געסלעך זענען איינגעוויקלט געווען אין פינצטערניש. מחמת דעם וואָס מען האָט נישט געקאָנט באַקומען גענוג לעבנס־מיטלען און מלבושים, זענען אויסגעטיילט געוואָרן קופּאָנען. הערש איז געווען אַן „איר־רייד־וואָרדן" און ער האָט צוזאַמען מיט די שכנים, נאָעל מעטיום און דזשעק לואיס, געהיטן ביי דער נאַכט די גאַסן. זיי האָבן אַכטונג געטאָן, צי די פענסטער פון די הייזער זענען גוט פאַרשטעלט און צי ס'באַווייזן זיך נישט אויף די נאַכטיקע הימלען עראָפּלאַנען פונם שונא. לאַנגע ווייסע סנאָפּעס ליכט האָבן אַלעמאָל דורכגעשניטן די נאַכטיקע הימלען, זיך באַהאַפּטן, געקרייצט, ערגעץ אַנטלאָפן און זיך באַלד ווידער באַ־

וויזן. ווי מעכטיקע ווייסע אָרעמס האָבן זיך די פּראָזשעקטאָרן געשטרעקט אויף די הימלען, געזוכט די עראָפּלאַנען פונם שונא, כדי מען זאָל באַצייטנס מיט סירענעס קענען אָנזאָגן די איינ־וווינער, אַז מען דאַרף זיך גיין באַהאַלטן אין די קעלערן און אָקאָפּעס. דזשעק לואיס האָט זיך געשעמט פאַר הערשן, נישט געקוקט אים אין די אויגן אַריין, אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט אים פנים־אל־פנים. זינט נאָעל מעטיום האָט אָנגעקלונגען צו דער פּאָליציי אין שייכות מיט טאַמיס אָנפאַל אויף מאַרין, האָט דזשעק לואיס מיטן זון אויסגעמיטן מיסטער זעלינגס הויז און דזשעק האָט געקוקט קרום אויף נאָעלן, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַזאַ „מיאוס שטיקל אַרבעט" אַן אייגענעם...

בשעת שיינדל איז מיט הערשן געפאָרן אויפן „אַפּיל"־אָוונט צו מיסטער זיידנער, זענען פונקט אויפן הימל געלאָפן גרויסע פּאַסן ליכט, וואָס האָבן זיך, ווי לאַנגע ווייסע בריקן, געשטרעקט פון איין עק הימל צום צווייטן און געזוכט די פיינט־לעכע עראָפּלאַנען. אויף יענער זייט ים האָבן שוין די דייטשע אַרמייען אָנגעהויבן צוריקצוגיין פון רוסלאַנד און די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. מען האָט שוין געוווּסט, אַז אין די רוסישע און פּוילישע שטעט און שטעטלעך זענען נישט איבערגעבליבן קיין יידן. בלויז אין טייל באַפרייטע אַרבעטס־לאַגערן זענען געבליבן הייפלעך יידן — יידן אויסגעפייניקטע און אויסגעמאָגערטע, בלויז הויט און ביין — וואָס האָבן אויסגעזען, ווי מתים. פאַר די הייפלעך געראַטעוועטע יידן האָט דער „הילפּס־פאָנד" געזאַמלט געלט און מלבושים.

אַז מיסטער און מיסיס זעלינג זענען אָנגעקומען צו מיס־טער זיידנער אין הויז, איז שוין דאָ געווען אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט. מען איז געזעסן און געשטאַנען אין אַלע שטובן און אפילו אין קאָרידאָר. פון ענגשאַפט איז שווער געווען דורכ־צוגיין. דער רויך פון די פּאַפּיראָסן האָט פאַרשטעלט דאָס ליכט פון די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן מיט אַ גרויען וואָלקן. מיסטער זיידנער, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ שוואַרצן אַנצוג, איז געשטאַ־נען אין קאָרידאָר און האָט אַליין אויפגעמאַכט פאַר יעדן די טיר. עס איז שוין אפילו דאָ געווען דער פּרעזידענט פונם „הילפּס־פאָנד", מיסטער ברייט, וואָס איז אַליין בכבודו ובעצמו

געקומען, כדי צו עפענען דעם אָוונט. כאָטש מיסטער ברייט איז געווען אַ גרויסער גביר, האָט ער ליב געהאַט מיט יעדן צו לעבן גוט און צו קלאַפּן יעדן איינעם איבער דער פּלייצע. לציִם האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט ליב צו לעבן מיט אַלעמען גוט, ווייל ער האָט סכנות נפשות מורא פאַר שונאים... כאָטש מען האָט דעם פּרעזידענט פון „הילפּס־פאָנד" אָפּגעגעבן גרויס כבוד, האָט ער זיך דווקא געהאַלטן באַשיידן. ווען מ'האָט גע־זאָלט עפענען דעם „אַפּיל", האָט מען אים אַרומגעזוכט אין אַלע שטובן און מען האָט אים קוים מיט צרות געפונען אין אַ ווינקל צווישן אַ רעדל יידן, פאַרקאָכט אין אַ שמועס.

מיסטער ברייט האָט ליב געהאַט מיטצונעמען אומעטום דעם אייביקן אונטערהעלפער זיינעם, דעם געשווירענעם „הילפּס־פאָנד"־מענטש, בערל זאַקס, וואָס איז זייער באַליבט געווען צווישן די יידן. מען האָט געשמועסט, אַז ער טראָגט אַליין אויס אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע אַרבעט פאַרן „הילפּס־פאָנד". ער אַליין נעמט צונויף די מלבושים צום אוועקשיקן, רופט די ווייבער, זיי זאָלן די מלבושים סאָרטירן און ער קלויבט אויף אייגענער האַנט אַ סך געלט.

דעם פּרעזידענט, מיסטער ברייט, וואָס האָט געהאַלטן זיין „ספּיטש" אויף ענגליש, כדי צוצוגעבן זיינע רייד חשיבות און ווערדע, האָט מען נאָך געלאָזט דאָס פאַרגעניגן באַקומען. אָבער אַז מיסטער זיידנער האָט אויך געוואָלט רעדן ענגליש און אַרויסגעזאָגט בלויז די ערשטע פּאָר ווערטער:

— ליידים און דזשענטלמען...

האָבן זיך געהערט קולות צווישן עולם:

— יידיש! מאַמע־לשון... נישטאָ דאָ קיין יאהודים! די קדושים אין פּוילן זענען אויסגעגאַנגען מיט יידיש אויף די ליפּן!...

צומייסטנס פון אַלע האָט געמאַכט קולות דער ביבליאָטע־קאַר פון דער „התחיה", דער חבר מענקעס, וואָס האָט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען נישט געלאָזט רעדן קיין אַנדער לשון, נאָר יידיש.

פון בערל זאַקסעס ווערטער האָבן זיך אַלע שטאַרק איבער־גענומען, כאָטש ער האָט דווקא נישט גערעדט קיין סך.

— יידן!... — האָט ער, ווי שטענדיק, גערעדט מיט האַרץ

— וואָס דאַרף איך דאָ אַ סך מאריך זיין! וואָס דאַרף׳ך דאָ אַ סך ברייען! כ׳בין אַ פּראָסטער עמך... מען דאַרף געבן, יידן! כ׳קען מער נישט רעדן, וואָרן די רייד טוען מיר וויי! יידן, כ׳קען זיך אויף ענק פאַרלאָזן... עץ האָט יידישע הערצער! גיטץ וואָס מער! גיטץ איבער די כוחות! עס האָט דאָך געקענט זיין, אַז עץ זאָלטץ זיין דאָרט... יידן, גיטץ ס׳זאָל ענק ווי טאָן!

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן די ער־שטע געלטער. מען האָט געמאָלדן, אַז פון יידישן „סעטלמענט" האָט מיסטער פּאָפּעוו צוגעשיקט געלט, וואָס ער האָט דאָרט גע־קליבן און מען האָט אים דערפאַר איבערגעשיקט אַ דאַנק.

בעת מיסיס זעלינג האָט דערהערט דעם נאָמען „פּאָפּעוו", האָט זי זיך אין דער ערשטער רגע נישט געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט. ערשט שפּעטער האָט זי באַנומען, אַז סאַשאַ פּאָפּעוו האָט צוגעשיקט געלט פון „סעטלמענט" און זי איז זייער שטאָלץ גע־ווען דערמיט, ווי זי וואָלט דאָס געלט אַליין געגעבן... ער איז אַ גרויסער עקשן, סאַשאַ. כמעט אַלע יידן פאַרלאָזן דאָס דאַרף מיט דער שווערער אַרבעט און קומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין — אָבער ער וויל בשום־אופן נישט. בעת ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען ביי זיי, האָט זי מיט אים גערעדט וועגן קו־מען קיין מעלבורן, נאָר ער וויל דערפון נישט הערן און גערעדנקען. באַלד נאָך סאַשאַ פּאָפּעוו, האָט שיינדל דערהערט אויסרופן איר מאַנס נאָמען און זי האָט זיך געגנוי צוגעהערט וויפיל ער גיט.

מיסטער זעלינג האָט זיך די גאַנצע צייט געקווענקלט. כאָטש ער האָט שוין אין געדאַנק געהאַט אַלץ כמעט אָפּגע־מאַכט, יעדעס מאָל צום באַשטימטן געלט צוגעגעבן נאָך אַ צע־נערל, געפּרווט פאַרטאָפּלען די סומע. אַראָפּגענומען פון איר, האָט ער צום סאַמע סוף געגעבן דאָס, וואָס האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט, כדי איבערצושטייגן אַנדערע...

נאָך מיסטער זעלינג האָט מען אויסגערופן די נעמען פון אַנדערע יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין „אַפּיל". צווישן עולם אין די הינטערשטע רייען האָט מען זיך דערווייל געשושקעט, געשאַצט די פאַרמעגנס פון די געבערס.

— ער וואָלט זיך נישט איבערגעהויבן, ווען ער גיט מער, דער מיסטער קליין... — האָט מיסטער סויבל, דער וויצלער, גע־

קוועטשט צווידייטיק זיינע שיקלדיקע קליינע אייגעלעך — איי, וואָס ער קרעכצט נאָך אַלץ?... מילא, אַז אַ ייד האָט הנאה פון קרעכצן, דאַרף מען אים די הנאה נישט צונעמען! קרעכצנדיקער־הייט האָט ער זיך געקויפט איין הייזל... נאָך איינס...

— ווייזט אויס, אַז פון אויסטראַליע וועט מיסטער קליין שוין נישט אַוועקפאָרן,... — האָט כלאחר־יד אַריינגעוואָרפן מיס־טער צעבער — ער האָט אַ לאַנגע האַנט צו נעמען, אָבער צום געבן האָט ער אַ קורץ הענטעלע...

חוץ דעם, וואָס מען האָט אין די הינטערשטע רייען אָפּ־טאַקסירט יעדן איינעם וויפל ער וואָלט באַדאַרפט געבן, האָט מען אויך מיטן בליק געוואַנדערט איבער די רייכע שטובן פון מיסטער זיידנערס הויז, באַקוקט די שיינע מאָדערנע מעבל, די אַלע פיגורלעך און צאַצקעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף די געזימסן לעבן די שפּיגלען און קאַמינען. מיסטער קליין, וואָס איז שוין געווען אַ מבין אויף הייזער, האָט איינגערוימט דעם שכן זיינעם אויפן אויער:

— אַ שיין הויז!... אַ גרויסאַרטיק הויז... ווען נישט די מלחמה, וואָלט אַזאַ לאַ־יצלח ווי אַראָן זיידנער געבליבן אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס...

בעת דער העברעאישער לערער ווייס, וואָס האָט זיך שוין געהאַט איבערגעבעטן מיט מיסטער זיידנער, האָט געמאָלדן וויפל געלט ס'איז געזאַמלט געוואָרן, האָט דער עולם לייכטער אָפּגעאָטעמט. יעדער איינער האָט געפילט ווי ער וואָלט אָפּ־געטאָן אַ חוב און ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עפּעס אַ משא. די אויסגערעכנטע סומע האָט אָנגעפילט אַלעמען מיט שטאָלץ און ס'האָבן זיך אַ שיט געטאָן אַפּלאָדיסמענטן...

נאָכן „אַפּיל" האָט מען געגעסן „סאַפּער" און שפּעטער האָט מען זיך געזעצט שפּילן קאָרטן. אויך פון די קאָרטן איז געגאַנ־גען דאָס געלט אויפן „אַפּיל". בעת מען האָט געשפּילט קאָרטן, איז די מיסיס זיידנער אַרומגעגאַנגען מיט אַ בעזימל און געקערט די אַלע קרישקעלעך, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן בעתן עסן אויף די טעפּיכער. זי האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט, אַז זי האָט נישט באַמערקט ווי זי ליגט אויף דער פּאָדלאָגע און פּלאָנטערט זיך

צווישן די פּיס. אַז דער מאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן, האָט זי זיך געבעטן ביי אים:

— גאָלובטשיק... — האָט זי זיך געבעטן — וואָס אַרט עס דיך, אַז כ׳רוים מיר צו דאָס הויז? אין אויסטראַליע זענען נישטאָ קיין דינסטן. דאַכט זיך, אַז כ׳שטער נישט קיינעם!

צוריקצווועגס, ווען הערש מיט שיינדלען זענען געפאָרן אַהיים פונם „אַפּיל״, האָבן אויפן הימל נאָך שלעפעריק־מיד געבלאָנדזשעט די לאַנגע ווייסע ליכט־בענדער, וואָס האָבן געזוכט די עראָפּלאַנען פונם שונא. הערש איז געווען זייער מיד, די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן באַמערקט, אַז שיינדל זיצט זייער אַ פאַרזאָרגטע. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז איר פאַרזאָרגטקייט מוז נאָך זיכער האָבן אַ שייכות צו דעם טעלעפאָן־געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט פאַרן אַרויסגיין פון שטוב. זי האַלט זיך איין, וויל נישט ברעכן איר עקשנות, וויל אַלץ נישט זאָגן ווער ס׳האָט געקלונגען — אָבער ווי אַלעמאָל וועט זי צו לאַנג דעם סוד נישט קאָנען האַלטן אין זיך. וואָס מער ער וועט זיין גלייכגילטיק, אַלץ מער חשק וועט זי האָבן צו רעדן. און דאָס מאָל האָט עס ביי איר טאַקע לאַנג נישט געדויערט און זי האָט זיך פּלוצים אָנגערופן:

— אַנו טרעף הערש, ווער ס׳האָט פריער געקלונגען... — האָט זי מכלומרשט אַ רואיקע געזאָגט — איי בעט יו, אַז דו וועסט נישט טרעפן... דזשין פון ראָזמאַר! זי איז שוין אפּנים דאָ אין מעלבורן! געדענקסט וואָס דיק דער „טראַק־דרייווער״ האָט געזאָגט, ווען ער איז געווען ביי אונז אין הויז? ער האָט געזאָגט, אַז דזשין וויל קומען קיין מעלבורן זיך לערנען „דעזיינען״... איצט איז זי געקומען! צו מיינע אַלע צרות האָט מיר נאָך דאָס געפעלט!...

— וואָס דיר קען אַלץ איינפאַלן! — האָט הערש אויסגעשטעלט אויפן ווייב אַ פּאָר אויגן, שיער נישט אָפּגעלאָזט דאָס רעדל פונם אויטאָמאָביל — כ׳האָב נישט קיין כוח צו דיר, שיינדל... האָסט שטענדיק ליב אויסצוזוכן „טראָבל״. ביזט געבוירן געוואָרן דערצו! ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן!

—כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז וועסט פון מיר אָפּלאַכן... — האָט זיך שיינדל פאַרלוירן און איז געבליבן זיצן, אַ פאַרשעמטע.

מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט, נישט געוואָלט דער מאַן זאָל ווייטער פון איר אָפּחוזקן. זי האָט אָבער געוווסט, אַז זי איז גערעכט. זי האָט דאָס מיט איר מאַמיש האַרץ געפילט. און שיינדל איז טאַקע גערעכט געווען, ווייל אויפצומאָרגנס האָט דאָס זעלבע קול פון נעכטן נאָכאַמאָל געקלונגען און דעם זעלבן אָוונט איז זיך לעזלי געגאַנגען זען מיט דזשינען. לעזלי איז דעם טאָג ווייניק געווען אין די באַראַקן, געווען מער אין דער היים און אין די „ביזנעס". בעת ער האָט פאַרנאַכט גע־נומען פוצן זיין בלויען לופט־פליער־אוניפאָרם און איז געשטאַ־נען אַ לאַנגע צייט אין שפּיגל, האָט שיינדל שוין אויף זיכער געפילט, אַז ער קלויבט זיך צו זען מיט דזשינען.

שיינדל האָט לעזלען כסדר בגנבה נאָכגעקוקט, באַמערקט זיין יעדע באַוועגונג. און אַז ער איז מיט אַלץ פאַרטיק געוואָרן און מיט אַ צופרידן־ווילערישער מינע זיך געקליבן אַרויסצו־גיין, האָט זי אים אין דער טיר פאַרהאַלטן:

— וווּ גייסטו, לעזלי?... — האָט זי זיך געשטעלט האַרט פאַר אים, פאַרשטעלט אים דעם וועג.

— כ'קום באַלד צוריק, מאָם... — האָט ער געזאָגט און כדי פון איר פּטור צו ווערן, האָט ער זי אויף דער גיך אַרומ־גענומען, אַזוי אַז זי האָט מיטאַמאָל דערפילט דעם מענעריש־האַרבן ריח פון זיין מונדיר און פון די פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט גערייכערט.

לעזלי איז אַרויס פון שטוב און אינם „ביזנעס־פּאָרד" זיך געלאָזט פאָרן צו דזשינען. בשעת דזשין האָט אים היינט אָנ־געקלונגען און געזאָגט, אַז זי איז שוין דאָ, צוזאַמען מיט איר ברודער באָב, עטלעכע וואָכן אין מעלבורן, האָט ער זי קוים דערקענט. ער האָט זיך צוליב דעם געשעמט אַביסל און נישט געוווסט וואָס ער וועט איר זאָגן בעתן באַגעגענען. ער האָט שוין אין קאָפּ געמאַכט פאַרשידענע פּלענער וואָס איר צו זאָגן. ער איז געווען אַזוי אויפגערעגט צוליב דעם אַלעמען, אַז ער איז שיער נישט אַריינגעפאָרן אויפן וועג אין אַן אַנדערן אויטאָ. לעזלי האָט געוווסט, אַז ער וועט אויף דזשינען מאַכן אַ גרויסן איינדרוק. סיי דער אויטאָ, וואָס ער פירט אַליין און סיי דער מונדיר פון אַ לופט־פליער וועלן שטאַרק אויסנעמען אין אירע

אויגן... ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי זי זעט אויס. זי האָט געמוזט אַ סך אונטערוואַקסן. אַמאָל איז זי געווען אַ שיינע... פּלוצלונג איז אים איינגעפאַלן, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ער זאָל זיך פון מיטן וועג צוריק אומקערן. וואָס דאַרף ער זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ פּראָווינצער מיידל? מי־יודע ווי זי זעט היינט אויס? ווייניק מיידלעך האָט ער? ער גייט אַפילו אַרום מיט נישט־יידישע מיידלעך. אָבער ער איז נאָך קיינמאָל מיט אַ מיידל נישט געווען נאָענט און מיט דזשינען וועט ער דאָס לייכט קענען באַווייזן. זי איז אים שטענדיק אַזוי נאָכגעלאָפן. ער איז אַ זעלנער און אַ זעלנער קען זיך אַלץ דערלויבן... אָבער וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך אין דזשינען פאַרליבן?... דעמאָלט וועט ער זי מוזן מאַכן פאַר אַ „מענערזשע־רעס” אין געשעפט, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל. ער וועט אויך נישט קענען מער אַרומגיין מיט אַנדערע מיידלעך. אפשר איז טאַקע בעסער באַצייטנס זיך אָפּצוקערן פון דעם אַלעמען, איידער עס וועט זיין צו שפּעט...

בעת לעזלי איז פאַרפאָרן צום „באָרדינג”־הויז, ווו דזשין איז איינגעשטאַנען מיט באָבן, האָט ער אוועקגעוואָרפן דאָס לעצטע שטיקל פון אַ פּאַפּיראָס, גלייך געמאַכט אויף זיך דעם מונדיר און אויף אַ זייט אַראָפּגערוקט דאָס „שיפּל” אויפן קאָפּ. איידער ער האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר, האָט ער פאַרויכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס. אַז די באַלעבאָסטע פון גאַסט־הויז איז מיט גיכע לופטיקע טריטלעך צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער מיט פיל וויכטיקייט זיך געפרעגט אויף מיס רעלי. ער האָט דערנאָך אומזיכער געטרעטן אין לאַנגן פינסטערלעכן קאָרידאָר, ווו פון ביידע זייטן האָבן געגלאָצט אויף אים די טירן, פול מיט פאַר־שלאָסענעם סוד. פון הינטער די טירן האָט זיך פּלוצים דער־הערט אַ פאַרשטיקט פרויאיש געלעכטער, און אויסגעצויגן גע־וויין פון אַ קינד, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. לעזלי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט אויף דזשינען קוקן פון אויבן אַראָפּ און ער וועט זי באַהאַנדלען ווי אַ פּראָווינצער מיידל. ער וועט טאָן מיט איר, וואָס נאָר ס׳וועט זיך אים גלוסטן, אַזוי אַז ער וועט זיך דערנאָך קענען באַרימען פאַר זיינע חברים מיט זיין בריהשקייט. אָבער אַזוי גיך ווי דזשין האָט אים אַריינ־

געבעטן צו זיך אין שטוב מיט אַזאַ איידל קול און ער האָט דערזען פאַר זיך אַ הויך שלאַנק און שיין מיידל מיט העל־בלאָנדע, קורץ־געשוירענע האָר, אָנגעטאָן אין אַ מאָדערן, עלע־גאַנט קלייד, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז ער האָט אַרויסגעשטאַמלט די צוויי ווערטער:

— העלאָ, דזשין...

דאָס שטיבל, וווּ דזשין האָט געוווינט, איז פּונקט ווי אין אַלע בילוקע „באָרדינג"־הייזער, געווען אָרעם אויסמעבלירט. אַ שאַפע מיט אַן אָפּגעריבענעם שפּיגל, אַ בעט, אַ טישל מיט איין שטול — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל. אָבער אין טונקעלן ליכט האָט דזשינס פאַריסענע פּנים מיטן דינעם פאַרי־סענעם נעזל געלויכטן מיט אַ זילבערנעם שימער. קיין צעפּ האָט זי מער נישט געהאַט און די קורץ־געשוירענע האָר זענען געווען גלאַטיק אָפּגעצויגן און פאַרלייגט הינטער די קליינע לענגלעכע אויערן. די זילבערן־גרויע אויגן האָבן געקוקט גלייך אויף אים מיט אַזויפיל חידוש, בעת די פולע, אַביסל אויפגעבלאָ־זענע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט:

— העלאָ, לעזלי...

ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, אַ קוש געבן, ווי מען גיט אַ קוש אַ „גערל־פרענד", וואָס מען האָט לאַנג נישט געזען. אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג דרייסטקייט אין זיך דאָס צו טאָן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט דזשינען דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווי זי וואָלט זיך פאַר אים ערשט היינט דאָס ערשטע מאָל אַנטפּלעקט.

זי איז געזעסן אויפן בעטל און ער איז געזעסן אויף דער שטול און ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ווערטער וואָס איר צו זאָגן. ער האָט באַמערקט ווי הינטער איר קלייד האָבן אַביסל צו גיך געאָטעמט אירע קליינע ברוסטן. כאָטש ער האָט זיך געוואָלט פירן היימיש און צורוקן די שטול צום בעט, איז ער נישט געווען דרייסט דאָס צו מאַכן. ערשט ווען זי אַליין האָט אים געהייסן צורוקן נענטער די שטול, האָט ער ווי אויסגע־פירט איר באַפעל. אַנשטאָט ער זאָל עפּעס רעדן, האָט זי גע־רעדט פאַר אים. אירע פולע ליפּן האָבן זיך אַלעמאָל געעפנט אין אַ ברייטן שמייכל און באַוויזן די חנוודיקע, אַ טראָפּעלע צעשיטע

פארפל־ציין. מיט א געלעכטער האט זי אים דערמאנט אין דעם, וואס ער האט איר צוגעזאגט בעתן געזעגענען זיך, איידער ער איז אוועק פון ראזמאר קיין מעלבורן. זי איז דעמאלט געווען אזוי נאריש, אז זי האט זיך נישט געוואלט מיט אים געזעגענען און ער האט זי געמוזט לאנג ארומזוכן...

— האסט זיך אפגעשוירן די צעפ... — האט ער פלוצים זיך אנגערופן.

— שוין לאנג ווי כ'האב די צעפ אפגעשוירן... באלד ווי דו ביזט אוועק... צי פאסט מיר נישט אן די צעפ?

— אוודאי פאסט דיר... זעסט נאך שענער אויס אן די צעפ...

— כ'זע, אז אין מעלבורן האסטו זיך אויסגעלערנט זאגן קאמפלימענטן... און דו זעסט שיין אויס אין מונדיר... דו ביזט אין דער „איר־פארס"... כ'וואלט נישט וועלן זאלסט אוועק אין דער מלחמה... כ'האב קיינעם נישט אין מעלבורן... כ'וועל מוזן בלייבן אליין...

— דערווייל שיקט מען מיך נאך נישט אוועק. אז מען וועט מיך שיקן, וועל איך גיין! — האט לעזלי געזאגט מיט שטאלץ.

ער האט מיטאמאל באקומען מער קוראזש און דזשין האט אים מער נישט אויסגעזען אזוי פרעמד, ווי פריער. ער האט אפילו פלוצים דערפילט צו איר אזא היימישקייט, ווי ער וואלט מיט איר קיינמאל נישט צעשיידט געווען. ס'האבן זיך אין אים צוריק פארגנבעט די אלע פלענער, וואס ער האט זיך גע־מאכט אויפן וועג אהער. ער האט זיך אנגענומען מיט דרייסט־קייט, זיך אוועקגעזעצט לעבן דזשינען אויפן בעט און זי אנ־געהויבן ווילד צו קושן אין מויל, איבערן פנים און האלז. ער האט געמיינט, אז זי וועט זיך ווערן — אבער זי האט זיך נישט געווערט. בשעת ער האט זי געקושט, האט זי געזאגט צו אים מיט א שטיל פארפרעסט קול:

— כ'האב שטארק געבענקט נאך דיר, לעזי... די גאנצע צייט האב איך אין דיר געדענקט. כ'האב מער נישט געקענט אויסהאלטן אין ראזמאר! דא, אין מעלבורן, וועל איך ארבעטן אין א פאבריק... ביינאכט וועל איך זיך לערנען „דעזיינען"...

— וועסט קענען אַרבעטן ביי אונז... ביי מיר... זעסט, אַז כ'האָלט מיין צוזאָג! — האָט לעזלים געטאָקט־שיינע פּנים אַ ווונק געטאָן צו איר באַרימעריש און ער האָט מיט אַ קוש פאַר־מאַכט איר דאָס מויל, נישט געלאָזט זי ווייטער רעדן.

ער האָט זי ווידער ווילד געקושט, אַראָפּגעוואָרפן די שיך, אויסגעטאָן דאָס רעקל און זיך געלייגט לעבן איר אויפן בעט. דערנאָך איז ער אַראָפּ פון בעט, אויסגעלאָשן די עלעקטרי און פאַרזיכטיק־שטיל פאַרשלאָסן די טיר. בעת ער האָט זיך אויס־געשטרעקט צוריק אויפן געלעגער, האָט ער דערפילט, אַז דזשין ליגט הארט ביי דער וואַנט, אַזוי, אַז פאַר אים איז געבליבן דאָס גאַנצע בעט. אַז ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, האָט זי מיט אירע לאַנגע אָרעמס אַרומגענומען זיין האַלז און לייכט געגלעט אים איבערן פּנים, איבער די האָר. זי האָט אים געלאָזט פירן די הענט איבער איר לייב אונטערן קלייד אויפן בלויזן העמד. זי האָט זיך אינגאַנצן נישט אַקעגנגעשטעלט. דאָס האָט אים געחידושט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיך אַקעגנ־ שטעלן. ער איז צוגעווינט געווען, אַז מיידלעך זאָלן זיך ווערן. און אַז זי האָט זיך נישט געווערט, געווען צו אים אַזוי נאָכגיביק, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט ווי ער הייבט אָן צו ציטערן איי־ בערן גאַנצן לייב. כדי זיך צו באַרואיקן, האָט ער זיך אָפּגעע־ רוקט פון איר. ער איז געבליבן ליגן אַ שטיקל צייט שטיל און אָן באַוועגונג און דערנאָך זיך אָנגערופן מיט אַ שטיל קול אין דער פינצטערניש:

— דזשין, דאַכט זיך, אַז די „לענדליידי״ הערט זיך אונ־טער... זי קען דיך נאָך אָפּזאָגן פון דער דירה... זי האָט זיכער באַמערקט, אַז די עלעקטרי איז אויסגעלאָשן...

— ס'מאַכט נישט אויס... דאָז'נט מעטער... — האָט דזשין געשעפּטשעט.

— וואָס וועט זיין, אַז באָב וועט קומען?... כ'וועל צוריק אָנצינדן דאָס ליכט...

— גוט... טו וואָס דו ווילסט... באָב איז געגאַנגען ברענגען מאָרין...

בעת ער האָט אויפגעדרייט צוריק די עלעקטרי, האָט ער באַמערקט ווי דזשין מרוזשעט שטאַרק די אויגן אינם ליכט.

זי זעט אַזוי שיין אויס מיט די צעפּלאָשעטע האָר און מיטן פאַררויטלטן פּנים. שנעל דרייט זי זיך אויס צו דער וואַנט. עס זעט אויס, אַז זי שעמט זיך און איז פון אים אביסל באַליידיקט. ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך אויפגעפירט אַזוי נאַריש ווי אַ יונג בחורל, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אליין מיט אַ מיידל. ער וועט זיך אַלץ אָפּנעמען, ווען ער וועט דאָס צווייטע מאָל זיין מיט איר צוזאַמען. ער האָט זיך געפילט אביסל געפאַלן, אָבער ער האָט זיך באמת אין אַלץ וואָס שנעלער צו פאַרגעסן.

ס'איז אָבער גוט געווען, וואָס ער האָט באַצייטנס אַנגעצונדן דאָס ליכט. בעת דזשין איז געגאַנגען אין קיך, כדי צו ברענגען טיי, האָט זי באַמערקט, אַז ביי באָבן אין שטוב, ווו ער וווינט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע בחורים, זיצט ווער, וואָס איז ענלעך צו מאַרין. אַז זי איז אַריין צו באָבן, האָט זי מאַרין באַלד דערקענט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זי האָט דערזען, אַז ער איז אַ סך אונטערגעוואַקסן — ער איז פיל העכער פון לעזלין.

— העלאָ, דזשין... — האָט ער שעמעוודיק זיך אָנגערופן.

— העלאָ, מאַרי... — האָט זי געענטפערט און אַוועקגעשטעלט די טאַץ מיט דער טיי אויפן טישל — כ'האָב דיך באַלד נישט דערקענט... ביזט אַזוי הויך אויפגעוואַקסן...

— און דו ביזט אַזוי שיין געוואָרן... — האָבן זיך ביי מאַרין אַרויסגעכאַפּט די ווערטער און ער האָט זיך נאָך מער פאַרשעמט.

— קומטץ אריין צו מיר, באָים! — האָט דזשין פאַרבעטן צו זיך — ביי מיר איז דאָ לעזלי... דאַכט זיך, אַז דו קענסט אים, מאַרי?... — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— אָל־רייט, מיר וועלן באַלד אריינקומען... — האָט באָב אַ קעם געטאָן מיט דער האַנט זיינע נאָך אַלץ וויים־בלאָנדע האָר, וואָס קיין שום אייל קאָן זיי נישט טונקעלער מאַכן און אַנגעוויזן אויף אַן אָנגעהויבן פלעשל ביר אויפן טיש — כ'וועל אריינגעמען אַ פּאָר פלעשלעך. מיר וועלן באַגיסן אונזער באַגעגעניש!

בשעת זיי זענען אַלע פיר געזעסן ביי דזשינען אין שטוב,

האָט זי אַראָפּגענומען דאָס געשטריקט־וואָלענע מיצל פון טשיי־ניק, וואָס האָלט די וואַרעמקייט און אָנגעגאָסן פאַר יעדן אַ „קאָפּ אָף טי״ און מכבד געווען מיט ביסקעטס. שפּעטער האָט באָב געגאָסן דאָס ביר מיט בריהשקייט, ס׳זאָל זיך נישט אָנזאַמלען צופיל שוים אויפן גלעזל. דזשין האָט גערעדט מיט לעזלין און באָב איז ווייטער פאַרטאָן געווען אין אַ שמועס מיט מאָרין. די חברים האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיך. באָב האָט געפילט, אַז לעזלי קוקט אַראָפּ צו אים, מחמת דעם, וואָס ער איז אין אַ מונדיר. באָב האָט מאָרין דערציילט, אַז באַלד ווי ער איז נאָר אָנגעקומען קיין מעלבורן, האָט ער זיך געמאָלדן פרייוויליק צו די זעלנער — אָבער מען האָט אים נישט געוואָלט אָננעמען, ווייל ער איז צו יונג, געהייסן אים קומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. אויך האָט מאָרי גע־זאָגט, אַז „ער האָט נישט געהאַט קיין מזל מיט דער אַרמיי״. מען האָט אים נישט געוואָלט אָננעמען פאַר אַ זעלנער ביז ער וועט נישט מאַכן „מעטריקולעישן״...

— כ׳וועל לאַנג אין מעלבורן נישט פאַרבלייבן! אַז כ׳האָב זיך שוין אַרויסגעלאָזט פון דער היים, וועל איך ווייטער פאָרן...
— האָט באָב, מעשה גרויסער טרינקער, זיך אָנגעגאָסן אַ פרישׂ גלעזל ביר און גערעדט כּלאחר־יד, ווי נישט דאָס איז ער אויסן — כ׳וועל זיך אַ לאָז טאָן איבער אויסטראַליע! פאָרן קיין קווינסלענד... קיין דאַרווין... מיין ברויט וועל איך מיר אומעטום פאַרדינען און זען דאָס לאַנד!

באָב האָט אָפּגעהאַקט, פון דער זייט אַ בליק געטאָן אויף מאָרין, כּדי צו זען וואָס פאַראַ איינדרוק זיינע רייד מאַכן אויף אים און באַלד מוסיף געווען:

— הערסט, מאָרי... כ׳האָב געמאַכט אַ דערפינדונג צו אויטאָס... ס׳גייט אַ גאַנג... כ׳וועל עס מוזן פּאַטענטירן... כ׳זוך אַביסל געלט...

— כ׳וועל דיר קענען געלט שאַפן... — האָט זיך מאָרי אַרויסגעכאַפּט און באַלד רויט געוואָרן, ווייל ער האָט נישט געוווסט, וווּ ער וועט דאָס געלט קריגן.

— אָל־רייט... דאַרפסט זיך אָבער נישט „באָדערן״... אַז

וועסט קענען, וועסטו שאַפן... גיב מיר דיין גלאָז, וועל איך דיר אַריינגיסן ביר...

— ניין, אַ דאַנק... כ'טרינק נישט מער... — האָט מאָרי זיך נישט געלאָזט מער אָנפילן דאָס גלאָז.

אויך האָט דזשין מער נישט געטרונקען. די טרינקערס זענען בלויז געווען באָב און לעזלי, וואָס האָט געטרונקען מיט געמאַכטער זעלנערישער הפקרות.

— טשירס... לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונזער זיג... פאַרן זיג פון דער אויסטראַלישער אַרמיי! — האָט באָב אויסגערופן.

בשעת באָב און לעזלי האָבן זיך אַרומגענומען שיכורלעך און פאַרצויגן דאָס באַקאַנטע מיליטערישע לידל „ראָל אוט דהי בערל", האָט די באַלעבאָסטע פון גאַסט־הויז אָנגעקלאַפּט בייז אין דער טיר:

— שטילער! מאַכטש נישט קיין קולות... מענטשן שלאָפן שוין!

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# פּליטים

די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג, געוואָיעט לאַנג און פאַרבענקט אינם בלויען, זוניק־גאָלדענעם פרימאָרגן, ווי זי וואָלט זיך באַלד וועלן צוריק־קערן צו די מרחקים, פונוואַנען זי קומט. דאָס אומעטיק־פאַרבענקטע וואָיען פון דער שיף האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די צעוואָרפענע בינטלעך יידן, וואָס זענען געשטאַנען ביים פּאָרט און אָפּגעוואַרט די ערשטע פּלי־טים, וואָס זענען נאָך דער מלחמה געקומען פון יענער זייט ים.

חוץ קרובים און באַקאַנטע, זענען צו דער שיף געקומען אָפּוואַרטן די פּליטים, דער קאָמיטעט פון דער „וועלפעיר־סאָסייטי". ס'האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט דער פּרעזידענט פון „הילפס־סאָנד", מיסטער ברייט און זיין אייביקער אונטערהעל־פער, בערל זאַקס, וואָס איז געווען רויט און דעריאַכמערט, פול מיט דערוואַרטונג זיך צו באַגעגענען מיט די ערשטע יידן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די דייטשע רוצחים... אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער ווייסער שיף, איינגעוועבט אין די גאָלדענע זון־שטראַלן, וואָס האָט זיך אַזוי פּאַוואָליע גע־גליטשט אויפן גלאַטיק־רואיקן ים־שפּיגל, ווי זי וואָלט געשטאַ־נען אויף איין אָרט. ס'האָט זיך עפּעס נישט געגלייבט, אַז אָט די פרידלעך־רואיקע שיף, וואָס זעט אויס ווי אַ ווייסער גרויסער פויגל, זאָל טראָגן אין איר אינגעווייד דאָס ביסל געראַטעוועטע יידן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די שבעה־מדורי־גיהנום...

בשעת די שיף איז שוין געווען אַזוי נאָענט פון ברעג, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן באַקאַנטע, לאַנג־נישט־געזעענע פּנימער, זענען מיט אַמאָל אויסגעבראָכן יללות און געשרייען, וואָס האָבן געשפּאָלטן דעם זוניק־בלויען חלל. מען האָט געלאַכט און געוויינט. מען האָט זיך געפרייט מיט די איינ־

ציקע איבערגעבליבענע פון די גרויסע משפחות און מען האָט געטרויערט אויף די טויטע, מיט וועלכע מען וועט זיך שוין קיינמאָל מער נישט זען.

אָפּצוואָרטן די ערשטע פּליטים פון אייראָפּע, זענען גע־קומען אויך הערש זעלינג מיטן ווייב און עס איז מיט זיי מיט־געקומען מאָרי, וואָס האָט געוואָלט גיין צו דער שיף. אויך זענען דאָ געוועזן אַראָן זיידנער מיט זיין ווייב און טאָכטער.

שיינדל האָט שוין געוווּסט, אַז פון איר גאַנצער משפּחה איז קיינער נישט געבליבן. זי האָט שוין געלייענט אין די צייַ־טונגען, אַז עס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן די יידישע גאַסן און געסלעך אין וואַרשע. דאָרט, וווּ ס׳זענען אַמאָל געוועזן די נאַלעווקעס, גענשע, פראַנטשישקאַנער, געפינט זיך היינט אַ באַרג מיט ציגל און גרוז. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד זענען די יידישע הייזער אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. פון צווישן די ציגל און אַש שטאַרן איינזאַם אַרויס שטיקלעך אייזן, בלעך, אַ נאָמען פון אַ גאַס, אַ נומער פון אַ הויז. איבערן גאַנצן שטח פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע, שפּרייט זיך אַ בית־הקברות־דיקע שטילקייט. אויפן בית־הקברות זעט מען אַרומ־בלאָנדזשען פּאָליאַקן, וואָס זוכן אונטער די פאַרשיטע קברים יידיש האָב־און־גוטס...

בעת שיינדל האָט געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען, האָט זי דערהערט דאָס פאַרשטיקטע געשריי פון אירע נאָענטע, וואָס איז געקומען פון די פאַרשיטע קברים. זי האָט אַלץ נישט געקענט גלייבן, אַז פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע איז מער נישט געבליבן ווי אַ באַרג אַש — און זי האָט כסדר געהאַט שטיין פאַר די אויגן די נאַלעווקעס, וווּ זי האָט יאָרן־לאַנג געלעבט. זי האָט דערזען די נאַלעווקעס אָנגעפּילט מיט יידן, וואָס לויפן אינדערפרי צום דאַווענען, וואָס זענען פאַרטאָן אין האַנדל־וואַנדל. זי האָט געזען די יידישע גלעזער אויף די הייף, וואָס שרייען: „שאָבן, שאָבן"; די בלאַכאַזשעס, וואָס רופן: „צו פאַראַכטן, צו פאַרלייטן"; די פישערקעס, וואָס מאַכן קולות: „וואַבאַ, לעבעדיקס, לעבעדיקס". די אַלע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט, זיך איבערגעשטיגן איינס דאָס אַנדערע און זענען מיטאַמאָל געבליבן שטיל. ס׳איז געקומען דער שבת און אויף

די הייף האָבן זיך געטראָגן די זינגענדיקע קולות פון דער חברה ביקור־חולים:

— גוט־שבת, יידעלעך... גוט־שבת... חברה ביקור־חולים איז דאָ... וואַרפט אַראָפּ, געט אַראָפּ... חלה... ברויט...

די אַלע קולות זענען מיטאַמאָל דערשטיקט געוואָרן אונ־טער אַ באַרג אַש און אין שיינדלס אויערן האָט געוויישט אַ בית־עולמדיקע טויטע שטילקייט. פון דער שטילקייט איז אויפגע־שטיגן דאָס געשריי פון די פּליטים אויף דער שיף. די פּליטים זענען מן־הסתם אויפגעשטאַנען תחית־המתים... זי האָט דערזען אַ קליין מיידעלע, וואָס אַ מאַמישע האַנט האָט געטריי געפירט. די מאַמען האָט זי נישט באַמערקט, זי האָט בלויז געזען דאָס טעכטערל און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס מיידעלע איז אַ קינד פון איר ברודער יעקב. אָבער ווי קען דאָס מעגלעך זיין? דאָס קינד וואָלט דאָך שוין איצט זיכער געווען אַ גאַנצע פרויילין. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געקענט באַפרייען פונם געפיל, אַז דאָס מיידעלע איז איר ברודער יעקבס קינד. פון איר גאַנצער משפחה אין פּוילן איז קיינער נישט איבער־געבליבן און זי האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט נאָך וועמען צו האָבן פון דער משפחה אויף דער וועלט... זי פילט, אַז פון איר הייבט זיך אָן אַ פרישער דור — אָבער ווו וועט דער דור גיין, ווען ס'איז נישטאָ מער דאָס יידישע פּוילן? זי געדענקט גוט, וואָס זי האָט צוגעזאָגט גאָט מיט יאָרן צוריק אין דער פינסטערער נאַכט אין ראַזמאַר, ווען זי האָט זיך אַליין געשלעפּט אין גרויסע יסורים אין שפּיטאָל אַריין און געמיינט, אַז אָט וועט זי פאַרלירן מאָרין אין מיטן גאַס פון דער פרעמדער שטאָט. עס זעט אויס, אַז מאָרי וועט גיין אין גוטע וועגן. אָבער וואָס וועט זיין מיט לעזלין, וואָס פירט זיך אַרום צוריק מיט דזשינען זינט ער איז צוריקגעקומען פון מיליטער און צווינגט דעם פאָטער, אַז דאָס שיקסל זאָל אַרבעטן ביי זיי אין געשעפט?... וואָס וועט זיין מיט פּאולינען, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען מיטן איטאַליענער, ווען איר פיליפּ איז געווען אויף דער מלחמה? פיליפּ איז אַריינגעפאַלן צו די יאַפּאַנער אין געפאַנגענשאַפט און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ צוריק!... ווער ווייסט, צי דאָס ייִנגל לעבט נאָך?... דאָס מיידל

ווערט עלטער און לאָזט זיך גאָרנישט זאָגן. מען זעט זי נאָך אַלץ אַרומגיין מיטן איטאַליענער...

מיסים זעלינג האָט געוואָלט צוגיין צום מיידעלע, וואָס האָט איר דערמאָנט דאָס קינד פון איר ברודער יעקב, געוואָלט דערצו רעדן, געוואָלט זען די מאַמען — אָבער זי האָט דאָס קינד מער נישט געפונען. עס איז צוזאַמען מיט דער מוטער פאַרשוווּנדן ערגעץ צווישן עולם.

ביים פּאָרט איז געווען אַ גרויס גערודער און מיסים זעלינג האָט נישט געקענט געפינען הערשן און מאַרין, וואָס זענען ערשט לעבן איר געשטאַנען. מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט ווי הערש שטופּט זיך פאַרפאָרטעטרהייט צווישן אַ קרענצל ניי־געקומענע יידן און ער שלעפּט וואַליזעס, קוישן, פּעק. זי האָט אויך געוואָלט עפּעס צוהעלפן, נאָר זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי קאָן טאָן. פּלוצים האָט זיך דערהערט בערל זאַקס׳ס קול, וואָס האָט גערעדט אין יידיש דורך אַ טרובע צו די געקומענע יידן:

— מיינע טייערע ברידער און שוועסטער! — האָט זיין קול גדונערט — יעך גיב ענק איבער אַ ברוכים הבאים אין נאָמען פונם גאַנצן יידישן ישוב! זאָרגט ענק נישט!... עץ זענט צווישן אייגענע... צווישן יידן! דאָ וועט ענק גאָרנישט פעלן! מען וועט אַלץ טאָן, עץ זאָלט פאַרגעסן אין אייערע יסורים און פּיין! ס׳עט זיין אָל־רייט, יידן!

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט בערל זאַקס מיט זיינע גרויסע הענט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די פּליטים און זיי געהאַלזט און געקושט. דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט מיסטער ברייט געהאָלפן די ניי־געקומענע יידן ביי דער צאָל־קאָנטראָל און זיי אַריינגעזעצט אין די אויטאָס, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט.

מען איז געפאָרן צום הויז פונם „הילפס־פאָנד”, אָבער אויפן וועג איז מען אָפּגעטרעטן אין דער „התחיה”, ווו מען האָט געמאַכט אַ קבלת־פּנים פאַר די פּליטים. איבער דער גאַנ־צער לענג פונם טעאַטער־זאַל אין דער „התחיה” זענען געווען אויסגעשטעלט וויים־געדעקטע טישן מיט כל־טוב. צווישן די טעלער מיט לעקעך און קוכן, אויסטראַלישע „סענדוויטשעס”, היימיש־געמאַכטע מאַרינירטע שטיקלעך הערינג און פיק פיש,

באצירט מיט רונדיקע פעניצלעך מייערן, האבן רויט זיך גע־צונדן די פלעשער וויין. דער חבר מענקעס, דער ביבליאטעקאר פון דער „התחיה", וואס איז קיינמאל נישט עלטער געווארן, איז פול מיט יינגלישן ברען ארומגעלאפן צווישן די געדעקטע טישן און האט מיט א סך העפלעכקייט פארבעטן די פליטים צום זיצן. און שפעטער, ווען אלע זענען שוין געווען אויסגעזעצט, האט דער חבר מענקעס, נאך די „ספיטשעס" פון מיסטער ברייט און פונם פרעזידענט פון דער „התחיה", אליין געהאלטן א שטיקל דרשה. קודם־כל האט ער מיט גרויס איבערגענומענקייט באַ־גריסט די ניי־געקומענע אויף דער אויסטראלישער ערד, ווו עס וועט זיי גארנישט פעלן, ווו מען וועט זיי באזארגן מיט א דאך איבערן קאפ און מיט ברויט צום עסן. דערנאך האט ער זיי גערעדט צום געוויסן, זיי זאלן נישט פארגעסן אין זייער נייער היים דאס יידישעווארט...

— וואס קען מען טאן ... מען דארף טאקע דאס סטיקל ברויט... — האט ער גערעדט אין זיין ליטווישן יידיש — דער קאמף פארן ברויט אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג איז א סווערער!... און אם אין קמח אין תורה... אבער דאס יידישע בוך קען אומעטום ווערן א פריינד... אן גייסט איז דאס לעבן וואכעדיק און גרוי!...

די ניי־געקומענע, אביסל נישט־דרייסטע, וואס האבן נאך נישט געוואוסט ווי זיך נוהג צו זיין אינם נייעם לאנד, ווי זיך צו פירן מיט די פריש־באקענטע יידן, האבן געקוקט דעם חבר מענקעס גלייך אין מויל אריין און צוגעשאקלט מיטן קאפ צו יעדן ווארט. אפילו די, וואס האבן גערעדט צווישן זיך פויליש און נישט פארשטאנען קיין יידיש, האבן אויך צוגעבאמקעט מיטן קאפ...

די מיסים זעלינג, וואס איז געזעסן לעבן דעם מאן ביים טיש, האט נישט אראפגעלאזט אן אויג פון די פליטים. ביי דער שיף זענען זיי געווען זייער צערודערט, פול מיט מורא און אומצוטרוי, אבער דא זענען זיי צוביסלעך געקומען צו זיך. זי האט בשום־אופן נישט געקענט גלייבן, אז די אלע מענטשן זענען דורכגעגאנגען אזויפיל צרות און לייד און האבן כסדר געקוקט דעם טויט אין די אויגן...

אינם הויז פונם „הילפס־פאָנד", האָט מיסים זעלינג מיטאָ־מאָל דערזען צוריק דאָס מיידעלע, וואָס האָט איר דערמאָנט דאָס טעכטערל פון איר ברודער יעקב. זי האָט שוין איצט אכטונג געטאָן זי זאָל אויך זען די מוטער פונם קינד. א הויכע, א פולע, מיט א קאָפּ קורץ־געשוירענע קאַשטאַן־ברוינע האָר, ווו עס האָט זיך געזילבערט א גרויער פאַס, איז די מוטער גע־שטאַנען לעבן מיידעלע און עפּעס אין איר אַריינגערעדט. די טונקל־גראַנאַטענע אויגן האָט זי בעת־מעשה אי מיט גוטסקייט און אי מיט שטרענגקייט געהאַלטן אָנגעשטעלט אויפן טעכטערל און מען האָט געזען, אַז זי זאָגט איר עפּעס אָן. בעת די ניי־געקומענע האָט עפּעס אָנגעוויזן מיט די הענט — אביסל צו גרויסע פאַר אַ פרוי — האָט שיינדל מיטאַמאָל דערזען אַן אויסטאַטואירטן נומער, וואָס האָט פון דער העלער איידעלער ווייסקייט זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן. דער אויסטאַטואירטער לאַגער־נומער, וועגן וועלכן שיינדל האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט און ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געזען, האָט ביי איר פאַר־שטאַרט דאָס בלוט. זי האָט געוואָלט צוגיין צו דער פרוי, מיט איר עפּעס רעדן, אָבער דאָס לשון איז ביי איר געוואָרן אָפּגע־נומען. מיטאַמאָל האָט זי דערזען, אַז מאַרי שטייט לעבן דער פרוי, נעמט אָן איר געפּעק, וואָס מען האָט ערשט אויסגעלאָדנט פונם לאַסט־אויטאָ און טראָגט עס אַרויף אויף די שטיגן. די ניי־געקומענע לאָזט זיך נאָך אים נאָכגיין.

מאַרי האָט נישט געוווּסט, ווו אַריינצוטראָגן די וואַליזעס. ער איז געווען זיכער, אַז די ניי־געקומענע וועט האָבן אַ שטוב פאַר זיך, אָבער איר בעט איז געשטאַנען צווישן נאָך בעטלעך, ווו עס האָבן געזאָלט שלאָפן עטלעכע פרויען. צוליב דוחק אין פּלאַץ האָט מען געמוזט לייגן די פרויען און די מענער באַזונדער. אין דער שטוב זענען שוין געשטאַנען פיל וואַליזעס און מאַרי האָט נישט געוווּסט, ווו איר געפּעק צו שטעלן.

— שטעלט דאָ אַנידער די וואַליזעס... זיי זענען שווער...

— האָט מאַרי פּלוצים דערהערט אַ העפלעך און שטרענגלעך קול — איר האָט זיך געמוזט זייער אָנמוטשען ביים שלעפּן די וואַליזעס אויף די שטיגן...

זי האָט גערעדט צו אים יידיש, כאָטש עס איז איר אַזוי

ליכט נישט אָנגעקומען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר אין דער שפּראַך וועט זי זיך קענען מיט אים פאַרשטענדיקן. קיין ענג־ליש האָט זי נישט געקענט — געקענט בלויז אַ פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף דער שיף. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אָנגערופן צו אים אויך אויף ענגליש:

— טענקיו... טענקיו וועדי מאַטש...

מאַרי האָט איר עפּעס געענטפערט, גערעדט אויך אין יידיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט ביים זיידן, אָבער זי האָט קוים געקאָנט הערן וואָס ער רעדט. זיין קול איז פאַרשלונגען געוואָרן פונם געשריי פון די ווייבער, מענער און קינדער, וואָס זענען געקומען אַרויף מיט די שטיגן און אָנגעפילט דאָס צימער. זי האָט אַריבערגעשריגן די מענטשן:

— מיין נאָמען איז לאָניאַ וואַלד... און ווי איז אייער נאָמען?...

— מאַרי... מאַרי זעלינג...

מחמת דעם וואָס עס איז געווען שווער צו רעדן, זענען זיי געשטאַנען איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן און געשוויגן. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אין אַ גרויען אָנצוג, וואָס איז נאַכלעסיק געהאָנגען אויף זיין דאַרן גוף, מיט אַן אויפגעשפּילעטן קאָלנער, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט דער יינגלעריש־לאַנגער האַלז, איז מאַרי געשטאַנען קעגנאיבער לאָניאַן און זיינע גרין־וואַסערדיקע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון איר. כאָטש זי איז געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס, זיך געוואָלט אויפּפּאַקן און אַרויסנעמען די נויטיקע זאַכן צום אַרומוואַשן זיך, האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט געפילט מאַרים אויגן אויף זיך און זי האָט מיט די איידל־ווייסע, אַביסל צו גרויסע הענט, גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס בלוזקעלע, דאָס קלייד. אָבער אַז מאַרי האָט נאָך אַלץ נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט אַביסל פון זיינע אַראָפּגעלאָזטע בלאָנדע האָר, האָט זי זיך אַ טראָפּעלע פאַרלוירן. עס האָט זי אַפילו אַ בעס אָנגענומען אויפן יינגל, וואָס האָט געהאַט די העזה אויף איר אַזוי צו קוקן. ער איז נאָך, ווייזט אויס, זייער אַ יונגער, אָבער ער פאַרמאָגט עפּעס אין בליק, וואָס ציט צו זיך צו. און ער זעט דווקא אויס צו זיין אַ גוטער, אַ שטילער, וואָס־זשע קוקט

ער אַזוי אויף איר? זי איז זיכער פיל עלטער פון אים, זי וואָלט, דאַכט זיך, געקענט זיין מאַמע זיין. אין דייטשלאַנד, אין די לאַגערן נאָך דער באַפרייאונג, זענען איר די יונגעלייט נאָכגעלאָפן, געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, אָבער זי האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און גערעדנקטען. זי האָט נישט געוואָלט איר טויטן מאַן פאַראַטן... צו גרויס איז איר ליבע געווען צו אים, אַז זי זאָל אַזוי גיך אין אים פאַרגעסן. חוץ דעם האָט זי נישט געוואָלט, אַז דאָס טעכטערל אירס, וואָס איז געווען באַהאַלטן מיט איר אין אַ בונקער און שפּעטער ביי אירם אַ פּוילישער שול־חברטע, זאָל באַקומען אַ שטיף־פאָטער.

בשעת דאָס בחורל איז געשטאַנען לעבן איר, גאָרנישט געזאָגט און נישט געוווסט, צי זאָל ער אַוועקגיין, צי זאָל ער נאָך בלייבן, האָט זי מיטאַמאָל אַ כעס דערפילט צו אים. עס האָט זי פאַרדראָסן, וואָס איר קינד און זי האָבן געמוזט דורכ־גיין דאָס גאַנצע גיהנום, בעת ער איז דאָ געזעסן אין באַקוועמ־לעכקייט. זי האָט זיך טאַקע מער נישט אומגעקוקט אויף אים ווי ער וואָלט לעבן איר נישט געשטאַנען און גענומען אויפ־שליסן די וואַליזעס. בעת ער האָט איר געוואָלט צוהעלפן, האָט זי נישט געלאָזט.

— אַ דאַנק... מען דאַרף נישט... כ׳וועל מיר אַליין אַן עצה געבן... — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנטשלאָסן קול און זיך פון אים אויסגעדרייט.

מאָרי איז נאָך אַ שטיקל צייט געשטאַנען לעבן איר, גע־קוקט אַוועק אויף אַ זייט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט שיין ער זאָל אַריינקוקן אין אירע וואַליזעס און ביס־לעכווייז האָט ער זיך גענומען דערווייטערן פון איר און זיך שטופּן צווישן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער. בעתן אַרויסגיין האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף סוזענען, וואָס האָט אים אַרומגעזוכט.

— ווו ביזטו געווען, מאָרי?... — האָט זי אים געפרעגט
— כ׳האָב דיך געזען אַרויפגיין מיט די וואַליזעס... שפּעטער ביזטו פאַרשוווּנדן און כ׳האָב דיך נישט געזען... כ׳האָב דיר אַ סך צו זאָגן... כ׳וויל זאָלסט זונטיק קומען צו אַ זיצונג פון

„הבונים”... ס'איז אַ ווײַכטיקע זיצונג און דו דאַרפסט זײַן דערבײַ...

— גוט, כ'וועל קומען... — האָט מאַרי געזאָגט, אַבי פּטור צו ווערן פון סוזענען, זיך געוואָלט נאָך אומקוקן אויף צוריק, כדי צו זען, וואָס די נײַ־געקומענע טוט, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

לאַניאַ וואַלד האָט געפילט, אַז מאַרי האָט זיך פון איר דערווײַטערט און עס האָט איר מיטאַמאָל באַנג געטאָן, וואָס זי האָט דאָס בחורל באַליידיקט. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, געזוכט מאַרין צווישן עולם, אָבער זי האָט אים מער נישט געזען. זי האָט זיך גענומען צוריק צו אירע וואַליזעס, אויסגעגלייכט דאָס ביסל מלבושים, וואָס האָט געהערט צו איר און צום קינד. דערנאָך האָט זי גערופן דאָס טעכטערל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט די אַנדערע קינדער אויף די שטיגן און אַריין אין באָד־צימער, וואָס איז געווען פול מיט פרויען און קינדער. אַז זי איז אַראָפּ אין עס־צימער, ווו מען האָט געגרייט מיטאָג פאַר די פּליטים, איז זי מיטן טעכטערל געווען אַרומגעוואַשן און אָפּגעפרישט. אירע קאַשטאַן־ברוינע קורץ־געשוירענע האָר מיטן זילבערנעם פּאַס אינמיטן, זענען געווען פייכט. אינם קינדס בלאָנד קעפּעלע האָט געפלאַטערט אַ נײַע קאָקאַרדע, ווי אַ זוניקער שמעטערלינג.

נאָכן עסן האָבן זיך די פּליטים גענומען זאַמלען אין רעדלעך און געשמועסט צווישן זיך. אויף דער שיף האָט מען זיך גענוג אָנגערעדט וועגן דעם הויז, ווו מען וועט ווינען. טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אין די לאַגערן געחלומט וועגן אַ שענערן ברוך־הבא... זיי האָבן אַזויפיל געליטן און זיי האָבן זיך געריכט, אַז מען וועט זיי אַביסל בעסער אויפנעמען... בשעת זיי זענען געווען אין די לאַגערן און אויסגעגאַנגען פאַר הונגער צען מאָל אין טאָג און עס האָט זיי כסדר געדראָט מען זאָל זיי שיקן אין אויוון אַריין, זענען די יידן אין מעלבורן געזעסן אין זייערע היימען און האָבן פון די אַלע צרות נישט געוווּסט... טייל האָבן געזאָגט, אַז די יידן אין אויסטראַליע זענען נישט שולדיק, וואָס זיי זענען דאָ געווען בעתן חורבן.

צי וואָלט שוין בעסער געווען, ווען זיי וואָלטן אויך געווען אין די לאַגערן? צו וועמען וואָלט מען געהאַט צו קומען? די מעל־בורנער יידן האָבן אַריבערגענומען די פּליטים, צוגעגרייט פאַר זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ און זיי האָבן זיכער אויך געזאָרגט וועגן אַ שטיקל פּרנסה...

אין עס־צימער האָט זיך לאַניאַ אָנגעטראָפן אויפן פאַן יאַבלאָנקאַ, וואָס האָט גערעדט בלויז פּויליש און זיך שוין אַפילו אויסגעלערנט פון אַ ווערטער־בוך צו רעדן אַביסל ענגליש. ער האָט געזאָגט צו די יידן, אַז אַנשטאָט צו רעדן דברים־בטלים, זאָלן זיי בעסער אַרויסגיין אין גאַס, כדי אַ קוק צו טאָן אויף דער שטאָט. כדי צו באַווייזן זיין בריהשקייט, האָט פאַן יאַבלאָנקאַ צוזאַמענגענומען עטלעכע יידן און מיט זיי אַרויס פאַרן הויז. ער איז אַריין אין אַ פּאָר געשעפטן און זיך באַ־רימט, אַז די קרעמער פאַרשטייען זיין ענגליש. און כאָטש די קרעמער האָבן אים אַריינגערוקט פּונקט דאָס קאַפּוירע, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז די קינדערישע בעקעלעך האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו גלאַנצן. ער האָט זיך געבעטן ביי לאַניאַן, זי זאָל זיך אויפזעצן מיט אים אויף אַ טראַמוויי, כדי זיך אַביסל דורכצופאָרן שפּאַצירן. לאַניאַ האָט איבערגעלאָזט דאָס טעכטערל זיך שפּילן מיט די אַנדערע קינדער און זיך געלאָזט פון אים צורעדן. ער האָט געקויפט צוויי בילעטן, לאַנג געטוישט דאָס געלט און זייער לאַנג גערעדט עפּעס צום קאָנדוקטאָר און דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען געפאָרן און געפאָרן און נישט געוווּסט מער דעם וועג צוריק...

בעת זיי זענען קוים מיט לייד געקומען צוריק אין הויז, איז שוין דאָ געווען דער חבר מענקעס, דער ביבליאָטעקאַר פון „התחיה", וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע אָרעמס און אין אַ קייבערל פּעק מיט ביכער. ער האָט די ביכער געטראָגן פּונקט אויף דעם זעלבן שטייגער ווי אַ בעקער טראָגט פריש־געבאַקענע ברייטלעך. ביים חבר מענקעס האָבן די גלעזלעך פון זיין צוויקער יום־טובדיק געשיינט אויף זיין נישט־ראַזירט פּנים. ער האָט גערעדט מיטן אויפזעער פונם הויז, זיך אויסגעפרעגט ביי אים, צי מיט די פּליטים זענען נישט אָנגעקומען זיינע פּאַרטיי־חברים,

בונדיסטן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַר די ניי־געקומענע געברענגט יידישע ביכער צום לייענען. כאָטש דער חבר מענקעס איז ווייט נישט געווען קיין „ביזנעס”־מאַן, האָט ער ווי אַלעמאָל געערדט אין אַ געשעפטסמעסיקן טאָן און אויסגערופן צו די יידן:

— כ'האָב אייך געברענגט יידישן ביכער צום לייענען!... איר דאַרפט נאָר ווערן מיטגלידער פון דער „התחיה” וועט איר באַקומען געבאָרגט די ביכער אומזיסט... און דאָס ערשטע יאָר וועט מען ביי אייך אינגאַנצן נישט נעמען קיין מיטגליד־אָפּצאָל. די „התחיה” איז אומפאַרטייאיש!... אין דער „התחיה” קען יעדער ייד געפינען זיין אָרט!... איך מיין, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען?...

מחמת דעם וואָס לאָניאַ האָט זיך נישט אומגעקערט אַהיים אין צייט, איז דאָס טעכטערל אַנטשלאָפן געוואָרן אין אָנטועכץ, זיצנדיקערהייט אויף אַ בענקל. זי האָט אויף דעם קינד שטאַרק רחמנות באַקומען. נישט איינמאָל איז שוין איר קינד אויסגע־קומען צו שלאָפן אַפילו שטייענדיקערהייט. דאָס איז געווען אין אַ בונקער און אין אַנדערע באַהעלטענישן. דאָס נע־ונד־לעבן האָט אַלץ אויסגעלערנט. איר טעכטערל, וואָס איז שוין געווען אויסדרעסירט, ווי אַ חיהלע, האָט באַנומען די סכנה און האָט אַלץ אויפגענומען באהבה, ווי זי וואָלט אויף עפּעס בעסערס נישט פאַרדינט. אָבער פאַרוואָס האָט דאָס קינד געדאַרפט זיך איצט פּייניקן, ווען דאָס איז אינגאַנצן נישט נויטיק געווען? זי האָט זיך געפילט שולדיק קעגן דעם טעכטערל, זיך געפילט שולדיק פאַר איר טויטן מאַן, וואָס האָט דאָס קינד זייער ליב געהאַט און נישט איינמאָל אַרומגעטראָגן עס אויף די הענט און איינגעוויגט צום שלאָפן.

לאָניאַ האָט אויסגעטאָן די טאָכטער, זי באַלייגט מיט קושן. דאָס מיידעלע איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך גע־לאָזט אין שלאָף אויסטאָן און קושן פון דער מוטער. און לאָניאַ האָט געדענקט יענע נאַכט, ווען דאָס מיידעלע איז נאָך געווען גאָר פּיצל און אויפגעקומען אַלעמאָל פון שלאָף מיט אַ געוויין צוליב די דונערן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער וואַרשע. דער מאַן האָט אַלעמאָל אַרויסגענומען דאָס קינד פון בעטעלע און עס אויף די הענט איינגעוויגט צוריק צום שלאָף. די גאַנצע

נאָכט זענען זיי געווען אויף, נישט צוגעטאָן קיין אויג אויף אַ רגע, און דער מאַן אירער, דאָוויד, האָט זיך געישובט, צי זאָל ער האָרכן דעם ראַדיאָ און אַוועק פון וואַרשע מיט די אַנדערע יונגעלייט, צי נישט. ער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין דאָס ווייב מיטן קינד. אָבער זי האָט אים גע־צוווּנגען דערצו, געהייסן אים טאָן, ווי עס האָבן געטאָן די שכנים זייערע. און ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג, איז דאָוויד אַוועק. זי האָט אים ממש אַרויסגעשטופּט פון שטוב. אָבער אַזוי גיך ווי ער איז אַוועק, האָט איר אָנגענומען אַזאַ בענק־שאַפט נאָך אים, אַז עס האָט איר זייער באַנג געטאָן, וואָס זי האָט אים געהייסן גיין. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט אים מער נישט זען. זי האָט נישט געדענקט אַפילו. אַז די דייטשן שטייען הינטער וואַרשע, נישט געדענקט אין קינד און בלויז אינזינען געהאַט דאָווידן. עס האָט זיך איר נאָכאַנאַנד געבאָמבלט אין קאָפּ ווי זי האָט זיך מיט דאָווידן דאָס ערשטע מאָל געטראָפן. ער איז איר באַלד געפעלן געוואָרן מיט זיין אַנדערשקייט. ער איז געווען גאָר אַנדערש פון די יונגעלייט, וואָס זי האָט געקענט. עפּעס אַזאַ פרישקייט האָט געשלאָגן פון אים. ער איז געקומען פון לובלין שטודירן קיין וואַרשע און עפּעס אַזאַ געזונטקייט האָט געשפּראָצט פון אים, וואָס איז נישט געווען בנמצא ביי די וואַרשעווער בחורים. בעת זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן אויף קראָקעווער־פּאָרשטאָט, אויף נייר־וועלט און ער האָט גערעדט צו איר, האָט זי אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט גע־זאָגט. זיינע רייד זענען געווען אַזוי ניי פאַר איר, גאָרנישט ענלעך צו די רייד פון די אַנדערע סטודענטן, וואָס זי האָט באַ־געגנט אויפן אוניווערזיטעט. באַזונדערס איז איר געפעלן, ווען ער האָט גערעדט וועגן טשייקאָווסקין, וואָס זי האָט זייער ליב געהאַט. ער האָט אַרויסגעבראַנגט דאָס, וואָס זי האָט געפילט, אָבער נישט געקענט אַרויסברענגען אַזוי שיין און פּשוט ווי ער. בשעת זי איז שפּעטער געוואָרן, אַז ער געהערט צו אַ לינקן סטודענטן־קעמערל, האָט די סודותדיקייט, וואָס האָט אים אַרומגעהילט, איר נאָך מער צוגעצויגן צו אים...

דעם טאָג, ווען דאָוויד איז אַוועק, האָט לאַניאַן געשטיקט

אין די פיר ווענט פון איר שטוב. זי האָט אַרומגעפּלאָנטערט פון איין ווינקל צום אַנדערן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל, וואָס פּאַטשט מיט די פליגל אין די פרעמדע ווענט און זוכט אַ וועג אַרויס אויף דער פריי. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן קינד, געפילט דערצו אַ שנאה, ווען עס האָט געמאָנט עסן. בעת מען איז זיך געלאָפן באַהאַלטן אין די קעלערן און דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו וויינען און זי צו רייסן ביים קלייד צוליב מורא, האָט זי עס קוים אויף די הענט גענומען און זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די שכנים, וואָס זענען אַראָפּ אין די באַהעלטענישן.

פונם מאַן איז אָנגעקומען צו איר בלויז איין קאַרטל, וואָס ער האָט איר געשריבן פון ביאַליסטאָק. דערנאָך האָט זי שוין מער פון אים נישט געהערט, ער איז פאַרשוואונדן, ווי אַ שטיין אין וואַסער. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער באַ־פרייאונג אין אַ דייטשן לאַגער, האָט איר וועמ דערציילט, אַז ער האָט דאַווידן באַגעגנט אין רוסלאַנד. אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעשליסענער, אַן אַנטווישטער אין אַלץ און אַלעמען, האָט ער געבעטלט אויף די גאַסן פון די רוסישע שטעט, נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט לאַנג געזעסן אין תפיסה. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן, מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן, ביז ער איז, אַן איינזאַמער און אַ פאַרלאָזטער, אויסגעגאַנגען ערגעץ אין אַ שפּיטאָל...

בשעת לאַניאַ האָט איצט געלייגט דאָס טעכטערל שלאָפן, האָט זי געפילט ווי די אויגן קלעבן זיך איר שטאַרק פון מידקייט און זי האָט זיך אַליין אַרונטערגעגליטשט אונטערן קאָץ — אָבער זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. כאָטש עס איז אַוועק פון איר די מורא, וואָס האָט זי באַגלייט די לעצטע יאָרן, האָט די שטוב, ווו זי איז געלעגן, זי געשראָקן מיט דער פרעמדקייט. אין די לאַגערן, ווו זי איז געשלאָפן אויף אַ האַרטן פּריטש, אויף דער גאָלער ערד, האָט איר נישט געאַרט דאָס שנאָרכן פון אירע שכנטעס, אָבער דאָ האָט זי נישט גע־קענט פאַרטראָגן דעם קלענסטן שאָרך, וואָס איז געקומען פון אַ שכנותדיקן בעטל.

אויפצומאָרגנס זענען אין דעם הויז פון הילפספאָנד גע־

קומען פיל מעלבורנער יידן, כדי אָפּצוגעבן „שלום־עליכם" די נײַ־געקומענע. מ'האָט זיך דאָ געדרייט אויף און אָפּ, ווי אויף אַ וואָקזאַל. אָבער לאָניאַ האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם, געזעסן אין אַ ווינקל און אַרײַנגעקוקט אין אַ בוך, וואָס דער חבר מענקעס האָט געבראַכט. דאַוויד האָט זי אויסגעלערנט צו לייענען יידיש און דאָס איז איר איצט צו־נוץ געקומען. בעתן לייענען האָט זי געפילט ווי עס האָט זיך ווער געדרייט אַרום איר. זי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, אָבער זי האָט זיך געכאַפּט, אַז עס דרייט זיך, נישט־דרייסט, אַרום איר דאָס בחורל מאַרי, וואָס זי האָט נעכטן באַקענט. זי האָט באַמערקט, אַז ער שפּילט זיך מיט איר טעכטערל. מיטאַמאָל האָט מאַרי זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און זי געפרעגט, צי דאָס מיידעלע איז אירס.

— וואָס?... וואָס האָט איר געזאָגט?... — האָט זי אויפגעהויבן אויף מאַרין די אויגן און אים נישט געענטפערט באַלד אויף דעם, וואָס ער האָט זי געפרעגט.

מאַרי האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט, זיך פאַרלוירן און זיך פאַוואָליע פון איר אָוועקגעשאַרט. עס האָט איר מיטאַמאָל אָנגענומען אַ שטאַרקער כעס אויף זיך אַליין. פאַרוואָס האָט זי פאַרלייקנט איר קינד, פאַרוואָס האָט זי נישט געענטפערט באַלד אויפן אָרט, אַז דאָס מיידעלע איז אירס?... אפשר זי האָט זיך געוואָלט יונגער מאַכן אין דעם בחורס אויגן!... ווי האָט זי דאָס געקענט טאָן?!... געדענקט זי דאָך מיט סאַראַ מי און מאַטערניש זי האָט דאָס טעכטערל אַרויסגעטראָגן פון די אַלע געפאַרן, וואָס האָבן דערויף געלויערט. אין בונקער, ווען דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין פון גרויסע יסורים, האָט מען זי מיטן עופהלע געדראָט אַרויסצוואַרפן אינדרויסן. אַז נישט האָט מען דאָס קראַנקע עופהלע געוואָלט אומברענגען. זי האָט דעמאָלט מיט דער האַנט פאַרשטעלט ביים קינד דאָס מויל, אַבי מען זאָל נישט דערהערן דאָס געוויין אינדרויסן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס אויסגעדאַרטע נפשל וועט בלייבן אונטער אירע הענט, געפילט ווי עס פאַרקייכט זיך, בלייבט אָן אָטעם — אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט און די הענט פון קינדס מויל נישט אָוועקגענומען. בשעת־

מעשה האָבן אירע אויגן ווילד געבלאָנדזשעט איבער די יידן אין בונקער, וואָס האָבן זי געצוווּנגען צו טאָן אַזאַ אכזריות קעגן אַן אייגן קינד — און די אויגן האָבן געשריגן: „מערדערס, באַנדיטן!" און אין אַ צייט אַרום, ווען די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער, האָט זי זיך באַוויזן נאָך אַוועקצוכאַפּן און דורך אַ לאָך אין דער געטאָ־מויער זיך אַרויסצוגנבענען, כדי צו ברענגען דאָס טעכטערל צו אירס אַ פּוילישער שול־חברטע, וואָס האָט דאָס קינד גענומען צו זיך. ווען זי איז אַוועק אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, האָט שוין דאָס געטאָ געברענט. נאָך דער באַפרייאונג, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע, כדי אָפּצונעמען דאָס קינד, האָט עס שוין געהייסן „יאַנקאַ" און געטראָגן אַ צלמל אויפן האַלז. אָבער יאַנקאַ האָט די מאַמען דערקענט, זיך זייער דערפרייט מיט איר און באַלד צו איר צוריקגעגאַנגען.

פאַרוואָס־זשע האָט זי איצט אַזוי פאַרשעמט יאַנקאַן, וואָס איז שוין ביים פּוילישן נאָמען געבליבן און וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שיקסל צוליב די אַש־בלאָנדע האָר און בלוי־גרינע אויגן... פאַרוואָס האָט זי נישט געענטפערט מאָרין דאָס, וואָס ער האָט זי געפרעגט?... זי האָט זיך דאָס בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרגעבן.

לאָניאַ האָט געלייענט דאָס בוך — אָבער דער קאָפּ איז איר נישט געווען דערביי. זי האָט כסדר געקלערט וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זי מיט דער קליינער יאַנקאַן אין דעם נייעם לאַנד. די ערשטע צייטן נאָך דער באַפרייאונג אין דייטשלאַנד, האָט מען זיך מיט די קאַצעטלער זייער געפרייט, זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט זיי, נאָר שפּעטער האָט מען וועגן זיי אָנגעהויבן צו פאַרגעסן. וואָס־זשע וועט זיין דאָ, ווען די ערשטע פריידיקע קבלת־פּנים־טעג וועלן אַריבערגיין? וואָס דערוואַרט זי מיטן קינד אין דעם נייעם לאַנד?...

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# אויפגעכאַוועט שונאים ביי זיך אין שטוב

לעזלי האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אַז דזשין זאָל אַר־בעטן ביי זיי אין געשעפט. זי האָט אַ שיינע פיגור און זי וועט קענען אַרבעטן ווי אַ מאָדעלקע. אַז אַ קונה וועט זען אַ קלייד, אָנגעמאָסטן אויף איר, וועט ער עס באַלד צוכאַפּן. חוץ דעם האָט דזשין אַזאַ גוטן געשמאַק, קלערט אוים אַזעלכע שיינע פאַסענער, אַז זי וועט זיין אַ ברכה פאַר די „ביזנעס". דאָס געשעפט האַלט אין איין וואַקסן, נאָך דער מלחמה האָט זיך דאָס לייזעכץ פאַרגרעסערט און דער געשמאַק פון מיסטער זייד־נער איז שוין אַביסל צו אַלט־מאָדיש. אויך זענען די מאָדעלן פון דער אַלטער „דעזיינערין" נישט לויטן פאַרלאַנג פון דער היינטיקער צייט. די „ביזנעס" דאַרפן האָבן ניי בלוט, יונגע, פרישע כוחות!

כאָטש דעם מיסטער זיידנער האָבן לעזלים רייד באַליידיקט, וואָרן ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז ער האָט דעם בעסטן געשמאַק אין מעלבורן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט איינגע־שפּאַרט, ווי ס'איז אַלעמאָל געווען זיין טבע און ער האָט נאָכ־געגעבן לעזלין. זינט לעזלי איז צוריקגעקומען פון מיליטער, איז ער נאָך מער פאַריסן געוואָרן, ווי ער איז געווען געוויינטלעך און דווקא באַשטאַנען דערויף, מען זאָל אים אין אַלץ פאָלגן. ער איז איצט אָפט אַרויסגעגאַנגען אויף „לאַנטש" מיט זיינע חברים — יונגע „ביזנעס"־לייט פּונקט ווי ער — און ער האָט זיך פאַר זיי באַוויזן סאַראַ אויפטוער ער איז. מיסטער זיידנער האָט שטילערהייט אין זיך געקלערט, אַז ס'אַרט אים נישט ער זאָל זיך אַליין אַביסל אָפּרוען. זאָל דער יונגער שנעק באַווייזן, וואָס ער קען. אַבי די „ביזנעס" גייען באַרג־אַרויף און זיי מאַכן „אָל־רייט". ער ווערט נישט יינגער און ס'איז שוין די

העכסטע צייט ער זאָל נישט דאַרפֿן מער אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, ווי אַמאָל. ער וועט איצט צייט האָבן זיך מער אָפּ־צוגעבן מיט דער יהודה־הלווי־שול און מיטן „הילפֿס־פֿאָנד". מען זאָגט אויף אים, אַז ער שניידט זיך צו ווערן וויצע־פּרעזידענט ביי די ציוניסטן אין וויקטאָריאַ און כדי ראוי צו זיין דערצו, דאַרף מען עפּעס באַווייזן. קיין ארץ־ישראל שמוגלט אַריין די „בריחה" יידן פֿון דער שארית־הפּליטה. די „הגנה" דאַרף האָבן געווער. צו דעם אַלעמען מוז מען האָבן געלט — און ער איז אַ גרויסער אויפֿטוער, וואָס שייך שאַפֿן געלט.

מיסטער זיידנער האָט נישט געשפּאָרט די כוחות. אַזויווי ער האָט איצט נישט געאַרבעט מער אַזוי שטאַרק אין געשעפֿט, האָט ער געהאַט פֿיל מער צייט און ער איז אינמיטן העלן טאָג, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ טונקעלן אָנצוג און מיט אַ בלום אין לאַץ, אַריינגעקומען אין „הילפֿס־פֿאָנד" און אין אָפֿיס פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ביינאַכט איז ער כסדר געגאַנגען אויף זיצונגען. דאָס ווייב האָט געוווסט, אַז ער האָט אַ הויכן בלוט־דרוק און די דאָקטוירים האָבן אים פֿאַרוואַרט זיך צופֿיל אָנצושטרענגען און זי האָט אים געהיטן, נישט געלאָזט אים ביינאַכט אַרויסגיין. בשעת זי האָט געזען, אַז ער נעמט זיך צופֿיל היצן, אויפֿרעגן, האָט זי אים געשטערט, אַריינגעפֿאַרן אים אין די רייד און אַליין געפּרוווט עפּעס זאָגן. האָט ער זי, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגערירט לייכט און דעליקאַט ביים עלנבויגן און זיך אָנגערופֿן:

— גאָלאָבושקאַ... טייערינקע... דאַנקע שען...

מער האָט ער נישט געזאָגט, אָבער זי האָט אים שוין פֿאַרשטאַנען און אירע רייד זענען מיטאַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן.

דעם מיסטער זיידנער האָט דווקא נישט געאַרט, וואָס דזשין אַרבעט ביי זיי אין די „ביזנעס", אָבער דעם שותּף זיינעם, דעם מיסטער זעלינג, האָט די מעשה זייער באַרירט און ער האָט אַ בייז האַרץ געטראָגן אויפֿן זון זינט ער האָט דאָס שיקסל אַריינגעפֿירט אין פֿאַבריק. חוץ דעם וואָס ער האָט אַליין נישט געוואָלט, אַז דזשין זאָל אַרבעטן ביי זיי, האָט ער פֿאַר־שטאַנען ווי שיינדל וועט זיך פֿון דעם איבערנעמען, ווען זי וועט

דאָס געוויינט ווערן און אַלעמאָל איז ער אַרויס מיט אַ פרישער טענה צו לעזלין.

—ניין, דאָס וועסטו נישט אויספירן!... — האָט ער זיך געהיצט, געכעסט — דאָס וועסטו נישט פועלן!... נישט גענוג וואָס דו שלעפּסט זיך אַרום מיט דער שיקסע, גייסטו זי נאָך אַריינפירן צו מיר אין פאַבריק!... וועסט זי נאָך ברענגען אין שטוב אַריין אויך!... דזשין וועט דאָ נישט בלייבן! הערסט, וואָס כ'זאָג דיר!... כ'בין נישט צופרידן פון איר אַרבעט... כ'וויל נישט צאָלן אומזיסט קיין געלט!

— הערסט, פּאָפּ... אַז דזשין וועט פון דאַנען גיין, וועל איך אויך גיין!... — האָט לעזלי געענטפערט קורץ און מיט פיל גלייכגילטיקייט און אַפילו נישט אויסגערדרייט דעם קאָפּ צום פאָטער.

— גיי!... גיי שוין פון דאַנען!... — האָט דער פאָטער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זיך נאָענט אַ רוק געטאָן צום זון — דו וועסט מיך נישט סטראַשען! כ'קען מיך אָן דיר באַגיין!... דו שמעלצסט מיר נישט די גריץ... דו ברענגסט מיר נישט די גאַנצע פרנסה אין שטוב אַריין!...

— שור, כ'וועל גיין!... שור... מאָרגן וויל איך שוין דאָ נישט זיין! כ'קען איצט נישט רעדן מיט דזשינען... זי וועט נישט וויסן, וואָס דאָ איז געשען...

אָבער ביז מאָרגן, האָט זיך סיי דעם פאָטערס און סיי דעם זונס געמיט אַביסל אָפּגעקילט און זיי האָבן זיך געמאַכט פאַר־געסן אין דעם גאַנצן מחלוקת. לעזלי איז געקומען אין די „ביזנעס", ווי קיינמאָל גאָרנישט און אויך האָט דזשין דאָ ווייטער געאַרבעט.

דאָס האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז מיסיס זעלינג איז פון אַלץ געווויער געוואָרן און זי האָט איבער דעם נישט געקאָנט אַזוי לייכט אַריבערגיין. זי האָט געהאַט טענות נישט בלויז צום מאַן און צו לעזלין, נאָר זי האָט זיך אויך אָנגעזעצט אויף פּאָולינען און מאָרין, ווי זיי וואָלטן געווען אין דעם אַלעמען שולדיק. אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש די קינדער זענען צווישן זיך געווען אַלעמאָל קידער־ווידער, האָבן זיי דאָס מאָל געמאַכט יד־אחת.

— פאַרוואָס זאָל דזשין נישט אַרבעטן אין די ביזנעס?...

זי איז אַ גוטע מאָדעלקע... — האָט מאָרי זיך איינגעשטעלט פאַר לעזלין און פּאָלין האָט אונטערגעכאַפּט זיינע רייד, צוגעשאָקלט אים מיטן קאָפּ — לעזלי קען דזשינען פון ראָזמאַר... ער זאָגט, אַז זי מאַכט אַזעלכע שיינע זאַכן!...

מיסיס זעלינג האָט געפילט, אַז אַלע זענען קעגן איר, זי איז אַרומגערינגלט פון קינדער, וואָס זענען איר שונאים. זי האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו קיינעם און ווייטער זיך געהאַלטן ביי ס'איריקע.

— אויפגעכאָוועט שונאים ביי זיך אין שטוב!... — האָט זי כסדר איבערגעחזרט — פאַר וועמען אַרבעט דער טאַטע, אַז נישט פאַר אייך? און איר ווילט דאָס אַלץ מיט די אייגענע הענט צעברעכן!... כ'האָב דעמאָלט ביינאַכט באַלד דערקענט, אַז דזשין קלינגט... דער טאַטע האָט מיר נישט געוואָלט גלייבן! ער זאָגט, אַז כ'האָב ליב צו מאַכן „טראָבל"... כ'וויל נישט, אַז לעזלי זאָל אַרומגיין מיט דזשינען! פעלן יידישע מיידלעך אין מעלבורן?!...

— דעט'ס רייט... די מאַמע ווייסט, וואָס זי זאָגט! — האָט לעזלי, מכלומרשט קאַלט און רואיק, זיך אַריינגעמישט — נאָר מיין פוס וועט מער נישט איבערטרעטן „קאָנטינענטל פעשנס"!...

אָבער דאָס איז בלויז געווען געזאָגט — לעזלי איז געקומען אַרבעטן אין געשעפט. ווי ס'איז אַלעמאָל געווען זיין שטייגער, האָט ער זיך אַזוי גיך נישט אָפּגעזאָגט פון זאַכן, וואָס ער האָט ליב געהאַט — און ער האָט זייער ליב געהאַט צו פילן, אַז ער איז דער דעה־זאָגער אין „קאָנטינענטל פעשנס". טאָמער האָט ער געדאַרפט שטעלן עפּעס אין קאָן, האָט ער פון זיין שטאָלצ־קייט באַלד פאַרבויגן. אויך האָבן די עלטערן אַביסל פאַרבויגן, ווען זיי האָבן געזען, אַז לעזלי נעמט נישט ערנסט זיינע וואָרנונ־גען — און דזשין איז ווייטער געבליבן אַרבעטן אין געשעפט.

מיסטער זעלינג האָט אויסגעמיטן דזשינען, נישט אויסגע־רעדט צו איר אַ וואָרט, געגומען אין איר נקמה פאַר די מעשים פונם זון. טאָמער האָט דזשין צו אים עפּעס געזאָגט, האָט ער אויף איר בייז אַ מרוק געטאָן, כאָטש ער האָט זיך אַליין גע־פרעגט, צי איז בלויז דאָס שיקסל שולדיק אין דעם אַלעמען.

ווי אויף להכעיס איז דזשין געווען איבערגעגעבן דער ארבעט מיט ליב און לעבן און מען האט צו איר גאַרנישט געקענט האָבן. זי האט געהאט גאָלדענע הענט; אַלץ, וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט געקענט מאַכן. בשעת ער האט טיילמאָל בגנבה און זייטיק אַ קוק געטאָן צו איר, האט ער געזען ווי עס ארבעטן שנעל און פלינק אירע איידעלע, לאַנגע פינגער. אַז זי מעסט אָן אַ מלבוש, שמעקט עס פון איר אַראָפּ און די קונים מאַכן דערויף גרויסע באַשטעלונגען. און זי האט טאַקע אַ גוטן גע־שמאַק, טראַכט אוים שיינע פאַסונען. אירע פאַסונען גייען אין די הונדערטער.

נישט איינמאָל האט שוין מיסטער זעלינג באַמערקט, אַז דזשין פילט זיך אין עפּעס שולדיק. זי זעט, אַז מען מיידט זי אויס און זי דרייט זיך דאָ אַרום, ווי זי וואָלט געווען איבעריק. איינמאָל איז דזשין נישט־דרייסט צוגעקומען צו אים און אים געוויזן אַ בריוו, וואָס זי האט באַקומען פון אירע טאַטע־מאַמע. זי האט מיט אַזויפיל צוגעלאָזנקייט געבעטן איבערצולייענען דעם בריוו. ער וועט דאָרט אַליין לייענען דעם גרוס, וואָס איר פאָטער, דיק דער „טראַק־דרייווער" שיקט צו אים פון ראַזמאַר. אין איר קול האט זיך געגעסט עפּעס אַ קרובהשקייט, אַז עס האט אים צוגעדריקט ביים האַרצן און ער האט איר נישט געקענט אָפּזאָגן. ער האט אָבער שנעל איבערגעלייענט דעם גרוס און איר דעם בריוו צוריק געשטעקט אין דער האַנט אַריין, כדי איר צו ווייזן, אַז די גאַנצע מעשה ליגט אים אין דער לינקער פּיאַטע.

מיסטער זעלינג האט באַמערקט די באַציאונג פון לעזלין צו דזשינען. כאָטש דאָס האט אים הנאה געטאָן, ווייל ער האט געזען, אַז דער זון נעמט דזשינען נישט אַזוי ערנסט, האט עס אים אויך פונדעסטוועגן טיילמאָל אַביסל באַאַרירט. ער האט מחמת דעם געהאַט צו זיך אַליין אַ טענה, אָבער ער האט זיך נישט געקאָנט העלפן. ער האט דזשינען געקענט פון קינד־ווייז אָן און ער האט זיך נישט געקאָנט באַציען צו איר ווי אינגאַנצן צו אַ פרעמדער...

לעזלי איז אַלעמאָל ארויסגעגאַנגען עסן „לאַנטש" מיט זיינע חברים, יונגע „ביזנעס"־לייט — זין פון יידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים. די רעסטאָראַנדלעך און קאַפעהייזער אויף דער

פלינדערס־ליין זענען שטענדיק אין דער מיטאָג־שעה פול געווען
מיט אַט די דאָזיקע רייכע זינדלעך, וואָס האָבן מיט זייערע
באַרימערייען געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן. מען
האָט דאָ געקענט אַרומשוויצן אויף וואָס די וועלט שטייט,
מאַכן אייגלעך צו די קעלנערינס און בעת־מעשה בריהש מישן
די נעמען פון די גרעסטע פירמעס אין אויסטראַליע, פונקט ווי
מען טאַלירט אַ פעשל קאָרטן, ווען מען טרעפט זיך אין אָוונט.
יעדער איינער פון דער חברה האָט געוויזן זיינע פעאיקייטן אין
מסחר, דערציילט ווי ער האָט פאַרוקט דעם אמתן באָול אַ
„באיער" פון אַ גרויסער פירמע, וואָס איז געווען המן־קלוג און
געוואָלט אָפּרופן די באַשטעלונג. די אַלע מעשיות זענען געווען זיי־
ער ענלעך צו זיך, זיך שטענדיק געדרייט אַרום גרויסע „אָרדערס"
און געלט־סומעס — אָבער די יונגעלייט האָבן דאָס נישט באַ־
מערקט און דערפון אָנגעקוואָלן. טאָמער האָט מען נישט גע־
רעדט וועגן מסחר, האָט מען גערעדט וועגן „פערדלעך", וועגן
„חג־הסוסים" און יעדער האָט געוויזן וואָס פאַראַ קנאַקער ער
איז — ער ווייסט אָנצוטרעפן אויף וועלכן „פערדל" צו שטעלן.
גערעדט האָט מען בלויז ענגליש, טיילמאָל אַריינגעוואָרפן אַ
יידיש ווערטל, ווי עס טוען די גויים, ווען זיי רעדן מיט יידן.
אַז דזשין האָט גענומען אַרבעטן אין „קאָנטינענטל פעשנס",
האָט מען צווייַדייטיק אונטערגעוונקען צו לעזלין מיט די אויגן
און אים געפרעגט ווו ער האָט געפּאַקט די „סחורה"...

בשעת לעזלי איז געגאַנגען עסן מיט די חברים, האָט ער
דזשינען קיינמאָל נישט מיטגענומען און כאָטש אירע חברטעס,
די שיינע און אויסגעסטראָצלטע מאָדעלקעס, האָבן זי גערופן
מיט זייערע אויסגעצויגן־צעפּיעשטשעטע שטימעלעך, זי זאָל גיין
מיט זיי עסן, האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט זיך אָנגעגאָסן טיי,
אויפגעמאַכט איר פּעקעלע עסן און בעת זי האָט גענומען קייען,
האָט זי אַריינגעקוקט אין אַ מאָדע־זשורנאַל. ערשט ווען זי
האָט אָפּגעגעסן, איז זי געגאַנגען זען, ווו לעזלי איז.

מיסטער זעלינג האָט דאָס אַלץ באַמערקט. כאָטש ס'האָט
אים הנאה געטאָן, וואָס לעזלי קוקט זיך ווייניק אום אויף
דזשינען, האָט אים פונדעסטוועגן טיילמאָל אַ רחמנות אָנגענו־
מען אויף איר. אָבער דער רחמנות איז שנעל איבערגעגאַנגען אין

אַ כעס, ווען ער איז איינמאָל אַהיים געקומען און געטראָפֿן דזשינען ביי זיך אין שטוב. ער האָט זיך דענצמאָל אינגאַנצן אָפּגעקערט פֿון איר, נישט געקוקט אין איר זייט אַריין. ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצוטרעפֿן מיט שיינדלס בליק, וואָרן זי איז געווען אַזוי צערודערט, אַז זי האָט נישט געוווסט, וואָס זי טוט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעדרודלטע, אַ בייזע, און די בלאַסע באַקן האָבן ביי איר שטאַרק געפֿלאַמט, ווי עס וואָלט איר ווער דערלאַנגט פּעטש. אָבער דאָס איז געווען בלויז פֿון אָנהויב, ווען דזשין איז געקומען צו זיי אין הויז. בעת דזשין איז געקומען צו זיי נאָך מערערע מאָל און זי האָט שיינדלען צוגעהאָלפֿן אין דער שטוב־אַרבעט, געהאָלפֿן איר וואַשן דאָס געפֿעס, איז דווקא שיינדל צו איר ווייכער געוואָרן. זי האָט דזשינען פֿאַרגלייכט צו אירע קינדער, וואָס האָבן איר קיינמאָל אין גאָרנישט צוגעהאָלפֿן. ווען זי האָט געקוקט אויף דזשינען, האָט זיך איר מיטאַמאָל געגומען דאַכטן, אַז דזשין איז אַ יידיש קינד, איז איר שנור. אָבער זי האָט זיך פֿון דעם באַלד אָפּגעשאָקלט. דזשין וויל זיך בלויז מיט איר כלומרשטער גוטסקייט אַריינגנבענען צו איר אין האַרץ... עס וועט אייביק בלייבן אַ „זיי" און אַן „אונז"... אַ גוי און אַ ייד!... היטלער האָט מיט זיינע רציחות אויף יידן באַוויזן, אַז עס מוז שוין אויף אייביק זיין אַ מחיצה צווישן „זיי" און „אונז"! די רציחות וועט מען שוין קיינמאָל מער נישט מוחל זיין!...

איינמאָל, אין אַ זונטיק־נאָכמיטאָג, ווען דזשין איז אַרויס־געגאַנגען צוזאַמען מיט לעזלין פֿון מיסטער זעליגס הויז, האָט זי זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און זיך צו אים אָנגערופֿן:

— דאַרלינג... פֿאַרוואָס האָבן דיינע עלטערן מיך אַזוי פֿיינט?... — האָט זי אָנגעשטעלט אויף לעזלין אירע זילבערן־גרויע אויגן און דאָס דין־פּאַריסענע פּנים — זאָג מיר, פֿאַרוואָס?..

— ווייל דו ביזט נישט קיין יידישע!... זיי ווילן, כ'זאָל אַרויסגיין מיט אַ יידיש מיידל... יידן האָבן נישט חתונה מיט קיין נישט־יידן... — האָט לעזלי נישט אַזוי שנעל געענטפֿערט, זיך נישט געריכט, אַז דזשין זאָל אים דאָס מיטאַמאָל פֿרעגן.

— מיין מאַמע איז אַ קאַטאָליק און דער טאַטע אַ פּראָטעס־

טאַנט... מען האָט פאַרוואָרט דער מאַמען חתונה צו האָבן מיט אַ פּראָטעסטאַנט... אָבער זי האָט חתונה געהאַט, כאָטש איר פאָטער האָט זי אַ צייט נישט געלאָזט אויף די אויגן! דאָס איז אַלץ אַ נאַרישקייט... רעליגיעס דאַרפן זיין אויף דעם, אַז מענטשן זאָלן זיך ליב האָבן און נישט פיינט האָבן!... רעליגיעס דאַרפן צוזאַמענפירן מענטשן און נישט זיי דערווייטערן... — זענען דזשינס אויגן פאַרלאָפן מיט פייכטקייט און דאָס איידל־שמאָלע פּנים האָט לייכט געציטערט, זיך איבערגענומען פון אירע אייגענע ווערטער.

— און וואָס האָבן די דייטשן געטאָן?! זיי האָבן זיכער נישט געוואָלט צוזאַמענפירן מענטשן... — האָט לעזלי זיך געחידושט, וואָס ער לאָזט זיך פון דזשינען אַריינציען אין דעם דאָזיקן שמועס.

— מיר אויסטראַליער זענען נישט קיין דייטשן... ביי אונז וועט קיינמאָל קיין היטלער נישט זיין! קיינמאָל נישט!... כ׳קען דיר שווערן!...

זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ איבערצייגונג, מיט אַזויפיל אויפריכטיקייט און איבערגענומענקייט, ווי זי וואָלט אַליין געהאַט איבער אויסטראַליע צו זאָגן און ווי ס׳וואָלטן געווען אָפּהענגיק פון איר אַלע מעשים פונם לאַנד.

— נעם זיך נישט אַזוי שטאַרק איבער... טעיק איט איזי...

— האָבן לעזלים פינגער זיך אַ גליטש געטאָן איבער דזשינס שמאָלער טאַליע און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און מיט די ליפּן געבלאָנדזשעט איבער איר פּנים — כ׳האָב דיך ליב... דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קען דיר זאָגן...

— און איך קען מער אָן דיר נישט זיין... כ׳האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר, ווען דו ביזט אַוועק פון ראָזמאַר... כ׳קאָן מיר נישט פאָרשטעלן ווי כ׳וועל אויסהאַלטן אָן דיר, לעזלי... לעז... דאַרלינג... — האָט דזשין פאַרפלאָכטן די הענט אַרום לעזלים האַלז און מיט צוגעמאַכטע אויגן געזוכט זיין מויל.

דזשין איז ווייטער געקומען צו הערש זעלינג אין שטוב, געהאָלפן שיינדלען וואַשן דאָס געפעס, געהאָלפן איר אין דער שטוב־אַרבעט. אין געשעפט האָט זי געאַרבעט נאָך מיט מער איבערגעגעבנקייט, ווי פריער. אָבער נישט געגוג, וואָס דזשין

האָט זיך אַריינבאַקומען צו הערש זעלינג אין הויז, האָט זיך נאָך אַפּנים געוואָלט אַריינקריגן איר ברודער באָב, וואָס איז זייער אָפּט אַרויפגעקומען צו דער שוועסטער. כאָטש באָב איז געווען זייער אַ גוטער אויטאָ־מעכאַניק, געהאַט אַ גוטן „דזשאָב", איז ער אָפט געקומען צו דער שוועסטער נאָך געלט. און הערש זעלינג האָט געזען ווי דזשין רויטלט זיך אַלעמאָל ווען ער בעט ביי איר געלט — אָבער זי מאַכט אויף בשתיקה דעם בייטל און גיט אים. באָב האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַ דערפינדונג ביי אויטאָמאָבילן און ער דאַרף כסדר האָבן געלט. ער האָט נישט קיין זיץ־פלייש, ס'יאָגט אים. צי ס'וועט אים געלינגען מיט דער דערפינדונג, צי נישט, וויל ער אויסמעסטן אויסטראַליע אין דער לענג און אין דער ברייט.

מיסטער זעלינג האָט געפילט, אַז דזשין גיט דעם ברודער נישט גערן דאָס געלט און אָפּטמאָל, אַז ער קומט צו איר, מאַכט זי זיך אים נישט זען. ווי קיינמאָל גאַרנישט, איז זי פאַר־טאָן אין דער אַרבעט און אירע לאַנגע פינגער אַרבעטן שנעל, אָבער אַן אַ ספּעציעלער אָנשטרענגונג, אַז ס'איז אַ חידוש ווי ס'ווערן געבוירן ביי איר אַזעלכע שיינע „סעמפּלס". מיסטער זעלינג קלערט ביי זיך, אַז ס'איז רעכט, וואָס זי מאַכט זיך דעם ברודער נישט זען. זי אַרבעט צו שווער, אַז זי זאָל זיך וואַרפן מיטן געלט...

און ס'האָט טאַקע דעם מיסטער זעלינג שטאַרק אויפגע־קאָכט, ווען מאַרי האָט פּלוצים ביי אים געוואָלט באָרגן געלט פאַר באָבן. געשען איז דאָס דעמאָלט, ווען הערש איז שפּעט אין אָוונט אַרויסגעקומען פונם „הילפס־פאָנד"־הויז, וווּ ס'האָבן געוויינט די פריש־געקומענע פּליטים. אומגערעכט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף מאַרין, וואָס האָט שוין אַפּנים דאָ אַ לאַנגע צייט געוואַרט אויף דער גאַס, ווייל דאָס פּנים איז ביי אים גע־ווען צעשמיסן פונם ווינט. תחילת האָט זיך הערשן געדאַכט, אַז דער זון וואַרט אויף אים, אָבער אַז מאַרי האָט אָנגעהויבן עפּעס פּאַרלעגן צו שטאַמלען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. מיטאַמאָל איז הערשן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צי וואַרט נישט אַמאָל מאַרי דאָ אָפּ די פריש־געקומענע לאָניאַ וואַלד? ער געדענקט, אַז בשעת מען האָט אָפּגעוואַרט די פּלי־

טים, האָט זיך מאַרי מיט דער פרוי זייער שטאַרק פאַרנומען. עפּעס פאַרנאַכלעסיקט ער לעצטנס דאָס לערנען און ער פאַר־שווינדט ערגעץ אַלע נאַכט. הערש האָט אָבער שנעל אין דעם חשד פאַרגעסן, ווען ער האָט געזען ווי סוזען, זיין שותּפס טאָכ־טער, איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן און געפרעגט מאַרין, פאַר־וואָס ער איז נישט געקומען צו דער לעצטער זיצונג פון „הבו־נים". מאַרי האָט איר עפּעס געענטפערט און זיי האָבן זיך דערנאָך לאַנג געשושקעט צווישן זיך. הערש האָט באַמערקט, אַז סוזען איז אויף מאַרין אין כּעס און ער פּרוּווט זיך פאַר איר פאַרענטפערן.

מיסטער זעלינג האָט אָפּגעפירט סוזענען אינם אויטאָ צו אַ טראַמוויי, וואָס איז געפאָרן קיין על־ווד. בעת ער איז דער־נאָך מיט מאַרין געפאָרן אַהיים, האָט מאַרי אים פאַרגעלייגט, ער זאָל באָרגן באָבן געלט.

— וואָס הייסט, כ'וועל מיר נישט, דיר נישט גיין באָרגן דעם שגץ געלט?!... ס'איז אַזוי גרינג געלט צו פאַרדינען?... דו האָסט שוין אַמאָל פאַרדינט אַליין אַ פּעני, זאָלסט קענען אָפּ־שאַצן דעם ווערט פון געלט?!... — איז מיסטער זעלינג ארויפ־געפאָרן אויפן זון.

— באָב וועט מאַכן מיט זיין דערפינדונג אַ גרויסן סוק־צעס... — האָבן מאַרים אויגן געקוקט נישט־זיכער און מיט געבעט אויפן פאָטער — וועסט זען, אַז וועסט נאָך פאַרדינען דערביי... ס'איז אַ גוטער „אינוועסטמענט"... און באָב איז קראַנט...

— כ'האָב שוין געזען קראַנטערע מענטשן ווי דיין באָב... און כ'האָב בעסערע „אינוועסטמענטס", ווו צו באַגראָבן מיין געלט... עפּעס משוגענע איינפאַלן האָבן מיינע קינדער!...

— באָרג־זשע מיר דאָס געלט!... — איז מאַרי נישט אָפּ־געשטאַנען — כ'וועל עס דיר אָפּגעבן... אויף די זומער־וואַקאַציעס וועל איך צוזאַמען מיט די חברים פון אוניווערזיטעט ארויספאָרן אַרבעטן אַלס קעלנער אין די בערג... כ'וועל מאַכן אַביסל געלט... שור...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! כ'האָב געמיינט, אַז ביזט

קליגער... — האָט דער פּאָטער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט מאָרים בקשה און איז האַסטיק אַרויס פון אויטאָ.

מאָרי איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט, נאָכגעטראַכט, וואָס ער וועט מאָרגן זאָגן באָבן. אייגנטלעך, האָט ער זיך אַליין פאָרגעשלאָגן צו באָרגן באָבן דאָס געלט. סאַראַ פּנים וועט ער איצט האָבן אין חברים אויגן? ער האָט געהאַט שטאַרק פאַריבל אויפן פּאָטער, נישט געקאָנט אים מוחל זיין די אַלע רייד זיינע, וואָס זענען געווען אי ווילעריש און אי פּחדניש. כדי צו פאַרדעקן זיין פּחדנות און שעמעוודיקייט, איז דער פּאָטער איבערגעגאַנגען צו וויל־יונגערישקייט. ער האָט דאָס אַלעמאָל פיינט געהאַט ביים טאַטן.

שפּעטער אַביסל, ווען מיסטער זעלינג איז אַרויסגעקומען פון שטוב, כדי אַריינצושטעלן דעם אויטאָמאָביל אין גאַראַזש, האָט ער נאָך אַלץ געטראָפן מאָרין זיצן אויף זיין פריערדיק אָרט. ווען מאָרי האָט דערזען דעם פּאָטער, איז ער אַרויס פון אויטאָ, בייז פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר.

מיסטער זעלינג האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר, אָנגעצונדן די לאָמפּן און ער האָט מיטאַמאָל דערזען אין די סנאָפּעם ליכט, וואָס דער אויטאָ האָט געוואָרפן פאַר זיך, דזשאָ דעם איטאַליענער. ס׳איז געווען אַ ווינטיקע קאַלטלעכע נאַכט. אויפן הימל האָבן אַרומגעפויזעט גרויסע וואָלקנס, וואָס דער ווינט האָט געריסן און געשליידערט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. די לאַמטערנס אין דער גאַס האָבן געברענט זייער טונקל און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט וועט זיי באַלד אינגאַנצן אויסלעשן. כאָטש די הייזלעך אין דער פינסטערלעכער גאַס זענען געשטאַנען איינגעקורטשעט־קליין, האָבן זיך די וואָלקנס פאַרטשעפּעט אין זייערע קרומע, שפּיציקע דעכער און קוימענס. דזשאָ האָט זיך אַרומגעדרייט פאַר מיסטער זעלינגס הויז מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און מיט די הענט אין די קעשענעס. מען האָט באַלד געקאָנט דערקענען, אַז ער איז אויפגערעגט, צערודערט.

בשעת מיסטער זעלינג איז מיט אַ צו־גרויסן רעש אַריינגעפאָרן מיטן אויטאָ אין גאַראַזש, האָט ער געטראַכט וועגן מאָרין און זיינע אויסטערלישע גענג; געטראַכט וועגן דזשאָען דעם איטאַליענער. וואָס דרייט זיך עפּעס דער שגץ פאַר זיין

הויז? פּאולין איז אין שטוב, גרייט זיך צו לייגן שלאָפן. עפּעס פילט ער, אַז דאָס אַרומדרייען זיך פון איטאַליענער אין דער שפּעטער שעה, זאָגט נישט אָן קיין גוטס. מיסטער זעלינג האָט געוואָלט דורך דעם הינטער־טיר׳ל אַריינגיין אין הויף, כדי זיך נישט צו טרעפן מיט דעם איטאַליענער — אָבער עפּעס אַ כוח האָט אים דווקא געשטויסן אַרויסצוגיין אין גאַס. כאָטש ער האָט מורא געהאַט פאַר דער באַגעגעניש מיטן איטאַליענער, האָט ער נישט געקאָנט איינצוימען די נייגעריקייט און שוין געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט אים צו זאָגן. וואָס עס דאַרף געשען, זאָל שוין געשען. און בעת הערש האָט צוגערוקט די טירן פון גאַראַזש, וואָס האָבן צו־הויך געסקריפּעט און זיך געקליבן אַריינצוגיין אין הויז, האָט ער געפילט ווי ס׳האָט אים אַ פּאַטש געטאָן אַ רעגן אין איין באַק און ווי ס׳האָט זיך צו אים צוגעשאַרט דזשאָ דער איטאַליענער.

— האו דו יו דו, מיסטער זעלינג... — האָט דזשאָ זיך באַגריסט און זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו זיין זייער רואיק.

אָבער ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און באַלד מוסיף געווען:

— צי ווייסט איר, מיסטער זעלינג, אַז פיליפּ קומט צו פאָרן פון דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט?!... פּאולין האָט עס אייך נישט געזאָגט?...

— פּאולין האָט מיר גאָרנישט געזאָגט... ס׳איז זייער גוט, אַז דער בחור האָט זיך אָפּגעזוכט! מען האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער נישט צוריק־קומען... — האָט זיך מיסטער זעלינג זייער דערפרייט מיט דער גוטער בשורה.

אָבער דזשאָ האָט אים נישט געלאָזט באַקומען די גוטע בשורה. ער האָט זיך מיטאַמאָל גענומען שטאַרק טרייסלען און נישט געקענט מער איינהאַלטן די פריערדיק־געמאַכטע רואיקייט.

— פּאולין האָט עס מיר ערשט געזאָגט!... — האָבן די רייד גענומען פלייצן פון זיין מויל אָן אַ שום סדר און זין — זי ווייסט, וואָס זי רעדט!... זי וויל פון מיר פּטור ווערן!... אָבער פּאולין איז מיינע! כ׳וועל מיר זי קיינמאָל נישט לאָזן צונעמען... קיינמאָל נישט!...

— וואָס הייסט... איר האָט געקויפט מיין טאָכטער? —

האָט מיסטער זעלינג זיך געמאַכט אַ האַרץ און זיך אַ וויצל גע־טאָן, כדי אַלץ צו מאַכן לייכטער, אָבער דער וויץ איז אים גע־בליבן שטיין אין דער קעל, ווי אַ האַרטער ביין, נישט געקאָנט אַריין און נישט אַרויס.

זיי זענען געשטאַנען אין רעגן, וואָס האָט דאָ אויפגעהערט און דאָ ווידער אַ שמיץ געטאָן איבער זייערע פּנימער; אַ קלונג געטאָן אויף די שויבן און לאָמפּן אויף דער גאַס. און פּונקט ווי דער רעגן, וואָס האָט אויפגעהערט און ווידער אַ פּלייץ געטאָן, אַזוי זענען געווען דזשאָס היציקע רייד, וואָס האָבן דאָ זיך אָפּגעשטעלט און דאָ זיך ווידער גענומען שיטן פון זיין מויל.

— פּאַולין איז מיינע!... מיינע!... — האָט ער געמאַכט קולות, זיך געזעצט מיט דער פויסט אין האַרץ — כ'וועל זי מיר נישט לאָזן פון קיינעם צונעמען! כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן! נעמען נקמה אין פיליפּן... מיסטער זעלינג, איר דאַרפט איבעררעדן מיט אייער טאָכטער וועגן מיר!... זי וועט ביי מיר אַלץ האָבן... כ'וועל זי וויקלען אין זייד!... צי האָב איך באַוועלט מיין שוועסטער? זי פאָרט צוריק אַהיים קיין איטאַליע... זי זאָגט, אַז דער אויסטראַלישער קלימאַט האָט זי געמאַכט פאַר אַ קריפּל... אייער טאָכטער וועט ביי מיר אַרומגיין אין גאָלד!... איר מוזט זען, זי זאָל בלייבן מיינע...

דזשאָ איז אינגאַנצן ווילד געוואָרן, דאָס אַליוו־גרינלעכע פּנים האָט מער נישט פאַרמאָגט קיין טראָפּן בלוט און אין די סאַמעטן־שוואַרצע אויגן האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ קרום, שגעונ־דיק־דין פייערל. ער האָט מיט אַ פאַרקוועטשטער פויסט געצו־מען העמערן אין אַ ציגלנער מויער, אַז בלוט איז גערונען און די האַנט איז געוואָרן באַדעקט מיט וווּנדן. ער האָט געשריגן, אַז די ווייטיקן, וואָס ער פילט איצט, זענען אַ שפּילעכל קעגן די ליידן, וואָס ער טראָגט אין האַרץ...

מיסטער זעלינג האָט זיך דערשראָקן, אים איינגענומען, באַרואיקט — אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. איז ער נאָך גע־שטאַנען אַ שטיקל צייט, האָט זיך געוויקט אין רעגן, דערנאָך זיך שטיל אָפּגערוקט פון דזשאָען און מיט אַ שווער געמיט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# אין „הבונים‟־קעמפּ

מיסטער זעלינג האָט נישט דערציילט דעם ווייב, וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן מיט דזשאָ דעם איטאַליענער. כאָטש די דאָזיקע איבערלעבעניש האָט זיך שווער געלייגט אויף אים, אָנגעפּולט אים מיט פּחד וועגן דעם גורל פון דער טאָכטער און איר חתן, פּיליפּ, האָט ער, ווי אַלעמאָל אין אַן עת־צרה, אַלץ געדריקט אין זיך און פאַרן ווייב זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין וואָרט. ער האָט זייער געוואָלט וויסן, צי דאָס איז נישט בלויז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס דזשאָ האָט אים געזאָגט, אַז פּיליפּ קערט זיך אום פון דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט. מען איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס יינגל וועט קיינמאָל מער נישט צוריק־קומען. מיסטער זעלינג האָט נאָכגעפאָרשט פּאַולי־נען, געוואָלט אַראָפּלייענען עפּעס פון איר פּנים — אָבער ס'איז גאָרנישט געווען אין איר צו דערקענען. זי האָט זיך בלויז גע־היטן אַרויסצוגיין ביינאַכט פון שטוב און כאָטש דזשאָ האָט אויף איר געוואָרט פאַרן הויז, איז זי צו אים נישט אַרויס. דאָס האָט הערשן געפרייט און גלייכצייטיק אָנגעפילט מיט זאָרג. מי־יודע וואָס דער שגץ קען אַלץ אָפּטאָן!

הערש זעלינג האָט נאָכגעפאָרשט די טאָכטער, נאָכגעקוקט איר יעדן טריט, ביז ער איז צוגעקומען צו איר און זי געפרעגט, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז פּיליפּ האָט זיך אָפּגעזוכט און ער קומט צוריק פון געפאַנגענשאַפט.

— יעס... — האָט פּאַולין גלייכגילטיק געענטפערט און, ווי איר טבע איז, באַקוקט אין שפּיגל דאָס אָנגעשמינקטע פּנים און דעם שיינעם פּולן האַלז — ער דאַרף איינגיכן קומען...

מיסטער זעלינג האָט אָבער באַמערקט, אַז פּאַולינס גלייכ־גילטיקייט איז דאָסמאָל אַ געמאַכטע און אַז זי איז זייער צע־

טראָגן. ער האָט גאַנץ גוט געזען דעם באַהאַלטענעם צוק פון פּאָולינס שיינעם האַלז, ווען ער האָט זי געפרעגט וועגן פיליפּן.

כאָטש הערש האָט זיך געהיטן פאַרן ווייב, זיך נישט אַרויסגעכאַפּט פאַר איר מיט קיין וואָרט, האָט זי שוין דערקענט אין אים, אַז עפּעס איז געשען. זי האָט אים שוין גוט געקענט. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער פאַר איר אַזוי אויסבאַהאַלטן ווי אַמאָל. מימים זעלינג האָט געוואָלט טרעפן פאַרוואָס דער מאַן איז אַזוי צערודערט. די מדאה פון פּנים איז ביי אים שוואַרץ און די באַקן איינגעפאַלן. זאָל דאָס זיין עפּעס אַן עגמת־נפש אין געשעפט? צי נעמט ער זיך איבער אַזוי שטאַרק פון דעם, וואָס דזשין קומט שוין איצט כסדר צו זיי אין שטוב אַריין? אָדער איז דאָס צוליב דזשאָ דעם איטאַליענער, וואָס טרעט לעצטנס נישט אָפּ זייער הויז?... עפּעס האָט שיינדל באַמערקט, אַז פּאָולין האָט אָנגעטאָן צוריק דאָס רינגל, וואָס פיליפּ האָט איר געגעבן, איידער ער איז אַוועק אויף דער מלחמה... עס זעט אויס, אַז הערש נעמט זיך איבער פון אַלץ פּונקט אַזוי שטאַרק ווי זי, נאָר ער ווייזט עס נישט אַרויס...

מימים זעלינג זעט שוין איצט באַשיינפּערלעך, אַז זי האָט גאָרנישט פיל אויפגעטאָן מיט דעם, וואָס זי האָט געצוווּנגען דעם מאַן, זיי זאָלן זיך אַריבערציען קיין מעלבורן, ס׳האָט זיך דאָס פיל נישט געענדערט. זי איז געווען זיכער, אַז די קינדער וועלן דאָ בעסער ווערן — אָבער זי האָט געמאַכט אַ טעות. ס׳קאָן זיין, אַז זיי האָבן באַלד נישט געטאָרט זיך באַזעצן אין ראָזמאַר. איצט איז שוין צו שפּעט... זי איז דאָ כמעט אַזוי איינזאַם, ווי זי איז געווען אין ראָזמאַר. און אפשר וואָלטן זיי איצט באַדאַרפן אַוועק פון קאַרלטאָן, וואָרן אַ סך יידן האָבן זיך פון דאַנען אַוועקגעצויגן. זיי זענען אַוועק אויף דער צווייטער זייט יאַראַ, וווּ עס וווינען די רייכע יאַהודים. כאָטש די יאַהודים שטייט נאָך אַלץ נישט אָן זיך צו מישן מיט די פּוילישע יידן, לויפן די פּוילישע יידן זיי דווקא נאָך... קאַרלטאָן ווערט ליידיק פון יידן און עס קומען דאָ אַלעמאָל מער אָן די איטאַליענער. ס׳קאָן זיין, אַז זיי וואָלטן זיך אויך באַדאַרפן אַרויסציען פון קאַרלטאָן... אָבער צי וועט דאָס עפּעס העלפן?

צו די אַלע צרות איז נאָך צוגעקומען דאָס עגמת־נפש מיט

מאַרין, וואָס האָט זיך פּלוצים אויפגעהערט צו לערנען. ער האָט שטודירט אויף דאָקטאָר, אָבער אַלעמאָל ווען ער איז געקומען אַהיים פון אוניווערזיטעט, איז ער געווען אוים מענטש. צי לײַדט ער נישט אַמאָל דאָרט, ווײַל ער איז אַ ייד? צי האָט ער זיך דאָרטן נישט אָנגעטראָפן מיט אַן אַנדערן טאָמין? ער איז אַרײַנגעראָטן אין טאַטן, זאָגט גאָרנישט אוים. זי ווייסט זיכער, אַז ער האָט נישט ליב צו זײַן אין פּראַסעקטאָריום. ער קלאָגט זיך אויף דעם אוויר דאָרטן און ער האָט זיך נישט איינמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז ער קאָן נישט צוגיין און שנײַדן אַ מענטש־לעכן גוף... ס'דאַכט זיך אים, אַז ער שנײַדט אַ לעבעדיקן מענטש... איינמאָל האָט ער באַמערקט אַ פאַרגליווערטן שמייכל בײַ אַ טויטן גוף און דער שמייכל איז אים אַלעמאָל נאָכגעגאַנ־גען... שיינדל ווייסט, אַז דאָס וועט בײַ אים אַריבערגיין. מען האָט איר געזאָגט, אַז אַ טייל סטודענטן, וואָס שטודירן מעדיצין, לעבן דאָס זעלבע איבער. אָבער מאָרי איז אַזוי אַנדערש פון אַלע...

אָט האָבן זיי ערשט נעכטן געהאַט פיל עגמת־נפש צוליב מאָרין, ווײַל ער מישט זיך אין פרעמדע עסקים. בשעת זי איז נעכטן געווען אין שטאָט און אָפּגעטרעטן ביים מאַן אין געשעפט, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף זייערם אַ שכן, אויך אַ „מעניג־פעקטשורער", וואָס איז געקומען זיך קריגן מיט הערשן, בכן מאָרי האָט געהאַט צו אים אַ טענה, אַז ער צאָלט נישט גענוג די ניי־געקומענע, לאַניאַ וואַלד, וואָס אַרבעט בײַ אים אַלס „פינישערין". דעם שכן האָט דאָס אַרויסגעבראַכט פון די כלים און ער איז דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז הערש זאָל די ניי־געקומענע צונעמען צו דער אַרבעט. לאַניאַ וואַלד האָט קיינמאָל אין דער האַנט קיין נאָדל נישט געהאַלטן און ער צאָלט איר גענוג! טאָמער האָט ווער אַ רעכט צו קומען צו אים מיט אַ טענה — איז עס בלויז דער „הילפּס־פאָנד", אָדער די וואַרשע־ווער „לאַנדסמאַנשאַפט"...

די דאָזיקע מעשה האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל מהומה אין דעם הויז, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע יידישע פאַבריקן און וווּ עס האָבן געאַרבעט די ניי־געקומענע יידן. זיי האָבן זיך נאָך דער אַרבעט געקליבן אויף די טרעפּ און דער פאַן יאַבלאָנקאַ

האָט זיך געהיצט מער פון אַלע, זיך אָפּגערעכנט מיט די אַלט־געזעסענע יידן, וואָס האָבן אים נישט געוואָלט צוהעלפן ביים מאַכן זיך אַ פאַבריקל און געהייסן אים פריער גיין אַרבעטן צו יענעם.

— זיי האָבן טאַקע שטאַרק געליטן, די מעלבורנער יידן, ווען מיר זענען געווען ביי היטלערן!... — האָט ער געוואָרפן זיינע שטעכווערטלעך אויף פויליש — זיי האָבן נישט געהאַט קיין שמאַלץ־הערינג... נאָר שמאַלץ־הערינג האָט זיי געפעלט... מען האָט נישט געקענט אימפּאָרטירן גענוג דעליקאַטעסן פון אויסלאַנד... טאַק יעסט...

— ראַציאַ... — האָט מען אים צוגעבאָמקעט צו זיינע רייד — וואָס האָט מען אונז דאָ געהאָלפן?... מען פירט אונז נאָר ווייזן די רייכע פּאַלאַצן! מען דערציילט אונז, אַז אויף די פּאַלאַצן האָט מען געאַרבעט יאָרן־לאַנג... און מיר מוזן אויך אַזוי לאַנג אַרבעטן, כדי צו עפּעס צוצוקומען...

אַזעלכע טענות האָבן הערשן זייער באַרירט און שיינדל האָט געפילט, אַז ער קען נישט ביינאַכט שלאָפן. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. בעת ער הערט, אַז אויך זי, שיינדל, שלאָפט נישט, ליגט ער שטיל, כדי גאָרנישט צו געבן צו דערקענען אין זיך. אָבער שיינדל פילט, אַז עס גייען אַוועק גאַנצע שעהן און ער טוט נישט צו קיין אויג. און שיינדל, וואָס האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו זוכן טרייסט ביי יענעם, האָט זיך פּלוצים אַליין געפינען אין דער בחינה פון אַ טרייסטערין. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי הערשן האָט זיך שוין דער קרוג מיט די צרות איבערגעפולט און עס שטיקט אים ביז דערוואָרגן צו ווערן. פאַרזיכטיק, כדי אים נישט וויי צו טאָן, האָט זי אַריבערגערעדט צו אים. זי האָט אָנגעהויבן מיט האַלבע, נישט־דערזאָגטע ווערטער, ער זאָל זיך אַליין אָנשטויסן, וואָס זי מיינט.

— דאַרפסט זיך פונדעסטוועגן נישט אַזוי שטאַרק נעמען דאָס אַלץ צום האַרץ... הערסט, הערש... — האָט זי שטיל גערעדט — וואָס מענטשן זאָגן אַלץ. טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז די מענטשן זענען אַזויפיל דורכגעגאַנגען. זיי זענען אָנגעווייטיקט...

תחילת האָט זיך הערש געמאַכט שלאָפן, גאָרנישט געענט־פערט, אָבער אַז זי האָט נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער אים גע־מינטערט, האָט ער זיך אָנגערופן צו איר מיט כעס:

— וואָס האָט ער זיך צו אַלץ צו מישן, דער בנאָק דיינער!... וואָס איז זיין עסק? וואָס דאַרף ער זיך דאָס אַליין איינשטעלן פאַר דער לאָניאַ וואַלד?... זי קען זיך איר שטעטל אַליין באַשטיין...

— כ׳זע הערש, אַז נישט בלויז פון דעם האָסטו עגמת־נפש... דו האָסט נאָך אַנדערע „טראָבלס", וואָס באַהאַלטסט אויס פון מיר...

— לאָז מיך געמאַך!... כ׳האָב נישט קיין שום אַנדערע „טראָבלס"... וואָס מוזטו אַלץ וויסן! גענוג איז, אַז איך וויים!

— וואָס איז הערש... וואָס דאַרפסטו פאַר מיר אויסבאַ־האַלטן?

— גאָרנישט... לאָז מיך אָפּ! דאַרפסט נישט אַלץ וויסן... כ׳מיין, אַז דו האָסט געהערט, אַז פיליפּ קומט צוריק פון געפאַנ־גענשאַפט?

— איז דאָך גוט!... וואָס־זשע איז זיך דאָ פון דעם אי־בערצונעמען?

— ביזט גערעכט... וואָס איז זיך טאַקע דאָ פון דעם אי־בערצונעמען?!...

מיסיס זעלינג האָט אָבער געפילט, אַז הערש נעמט זיך פון דעם יאָ איבער. זיי ביידע וויסן דעם אמת און ווילן איצט נישט דערמאָנען דזשאָ דעם איטאַליענער. די מיסיס זעלינג איז געבליבן שטיל און זי האָט נאָכגעטראַכט פאַרוואָס די אַלע צרות האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זיי, אויף אַזאַ קליינער משפּחה, ווי זיי זענען... עפּעס האָט זיך אַלץ אָנגעזאַמלט אויפאיינמאָל און עס איז נישט מעגלעך פון דעם אַלעמען אַרויסצוקריכן. זי האָט אָפּגעמאַכט מער נישט דעם מאַן צו מאַטערן — אָבער מיטאַמאָל האָט זי אין דער פינסטערניש דערהערט זיין קול:

— כ׳וואָלט נאָר וועלן זייער שטאַרק וויסן פאַרוואָס מאַרי שטעלט זיך דאָס איין אַזוי שטאַרק פאַר דער ניי־געקומענער?... וואָס האָט ער מיט איר פאַר אַ שייכות? די מעשה איז נישט גלאַטיק... כ׳האָב שוין באַמערקט, אַז מאַרי וואַרט אָפּ די לאָניאַ

פאַרן הויז פונם „הילפּס־פאָנד"... זי איז פיל עלטער פון אים... איז שוין אַ מאַמע פון אַ קינד...

די מיסיס זעלינג האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פון דעם קלערן, מורא געהאַט פאַר די געדאַנקען — אָבער זי האָט שוין אויך באַמערקט, אַז מאָרי פאַרנעמט זיך עפּעס צופיל מיט דער ניי־געקומענער. און מאָרי איז אַן עקשן. ער האַלט אין איין רעדן וועגן די פּליטים, וועגן די אַלע צרות און פּיין, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען... די אַלע פּייניקונגען קענען זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן, קענען די יידן אומעטום טרעפן — אָבער נישט אין זייער אייגן לאַנד... צווישן די דאָזיקע רייד האָט מאָרי איינמאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל. כאָטש די מיסיס זעלינג האָט באַשלאָסן דעם מאַן מער נישט צו מוטשען, האָט זי זיך פונדעסטוועגן נישט איינגעהאַלטן און אים געענטפערט:

— כ'האָב אויך באַמערקט, אַז מאָרי גיט זיך אָפּ מיט לאָניאַ וואַלד... כ'האָב דיר שטענדיק געזאָגט, אַז ער האָט משונה־דיקע געדאַנק... און צי ווייסטו, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט? ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל... ער וועט נישט ענדיקן דאָס שטודירן!

— זאָל ער פאָרן!... — האָבן זיך דעם מיסטער זעלינג געקלאַפּט די אויגן פון מידקייט און ער האָט געוואָלט אָפּהאַקן דעם שמועס — האָסט דאָך אַליין צו דעם צוגעברענגט און איצט האָסטו חרטה! וויניק האָסטו געבראָיעט, ווען מיר זענען געווען אין ראַזמאַר? האָסט נאָר אויסגעקוקט, אַז סאַשאַ פּאָפּעוו זאָל קומען צו אונז און רעדן מיט די קינדער... דו ביזט פון גאָרנישט צופרידן! ביזט ווי יענער קראַנקער... ווו מען זאָל אים נישט לייגן, טוט אים וויי. מיר יידן ווילן טאַנצן אויף צוויי חתונות... זיין מיט איין פוס דאָ און מיט איין פוס אין ארץ־ישראל! די יידן אין ארץ־ישראל פאָדערן איצט דאָס לאַנד ביי די ענגלענדער... די „הגנה" דאַרף האָבן געלט... דער „אירגון צבאי לאומי" טוט אָן געברענטע צרות די ענגלענדער...

די מיסיס זעלינג האָט נישט פאַרשטאַנען אַ טייל ווער־טער, וואָס דער מאַן האָט איר געזאָגט און ס'האָט איר נישט געפּאַסט אים צו פרעגן דעם מיין פון זיי. זי האָט אַמאָל געקענט

פיל מער פון הערשן — אָבער היינט פּאַרשטייט ער מער פון איר. כאָטש דאָס האָט איר אַביסל פּאַרדראָסן, האָט עס איר דאָך הנאה געטאָן. שיינדל האָט באַמערקט, אַז הערש ווערט אַנטדרימלט און זי איז געלעגן זייער שטיל, כדי אים נישט איבערצוּוועקן. זי האָט געשפּירט, אַז אויך זי ווערט אַנטדרימלט. דער שלאָף האָט סוף־כּל־סוף גובר געווען די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך ביי איר געקנוילט אין קאָפּ. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַזאַ לייכטקייט אינם גאַנצן קערפּער, ווי עס וואָלט זי ווער געטראָגן אויף די הענט און עס איז איר אַזוי גוט געווען זיך איינצוהערן ווי דער שלאָף וויגט זי איין אין זיינע זאַרגלאָזע אָרעמס.

בשעת זי האָט זיך דעם אַנדערן טאָג אויפגעכאַפּט מיט אַ געפיל, אַז זי האָט נישט דערענדיקט עפּעס אַ וויכטיקן שמועס, אַז זי האָט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך פאַרשלאָפן, איז שוין געווען שפּעט בייטאָג און הערש איז שוין לאַנג אַוועק אין די „ביזנעס". גאַרנישט ווי איר טבע, איז זי נאָך געבליבן אַ שטיקל צייט אין בעט, זיך נישט געהאַט קיין כּוח אויפצוהייבן. זי האָט געהערט, אַז מאָרי איז נאָך דאָ אין דער היים און זי האָט אים גערופן צו זיך — אָבער ער האָט זיך געמאַכט זי נישט הערן. ס'דאַכט זיך איר כּסדר, אַז מאָרי איז נאָך אַ קליין יינגל, כאָטש זי ווייסט, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער. עס האָט זי מיטאַמאָל אָנגענומען אַ פּחד, ווייל זי האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם, אַז מאָרי קען נאָך טאַקע אין איין שיינעם טאָג אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. מיט וועמען וועט זי דאָ איבערבלייבן? מיט לעזלין, וואָס וועט נאָך אַמאָל חתונה האָבן מיט דזשינען? מיט פּאַולינען, וואָס גייט אַרום מיטן איטאַליענער? וואָס וועט זיין מיט זייער הויז? נאָך וואָס האָבן זיי זיך דאָ די אַלע יאָרן אַזוי שווער געמוטשעט? ס'איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו שרייבן צו סאַשאַ פּאָפּעוו אין יידישן „סעטלמענט", אַז ער זאָל קומען קיין מעלבורן און איבעררעדן מיט מאָרין, ער זאָל נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל ביז ער וועט נישט ענדיקן דאָס שטודירן. וואָס דאַרף ער עפּעס זיין פון די ערשטע? אָבער אַז זי האָט זיך געזעצט שרייבן דעם בריוו, האָט זי געזען, אַז זי מאַכט זיך צו נאַר און זי האָט אים צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך.

מאַרי האָט באַמערקט אין וואָס פאַראַ מעמד די מוטער גע־פינט זיך און עס האָט איר ווי הנאה געטאָן זי צו פייניקן. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט וועגן דעם, אַז ער וועט אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווי ער וואָלט זיך מיט דער מאַמען וועלן רייצן. האָט זי אים דאָך אַליין צוגעפירט דערצו, אַז ער זאָל טראַכטן, ווי ער טראַכט — אָבער איצט האָט זי, זעט אויס, חרטה. זי וויל אַפילו נישט, אַז ער זאָל פאָרן אין „הבונים־קעמפּ", בשעת ער האָט איר דאָס יאָר געזאָגט, אַז ער וועט פאָרן, פונקט ווי די פריערדיקע יאָרן, אין „הבונים־קעמפּ", האָט זי זיך אַקעגנגעשטעלט און אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויל נישט פאָרן מיט די סטודענטן, ווי ער האָט באַשלאָסן. אָבער ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום באַדערפעניש צו פאָרן מיט די סטודענטן אין די בערג צו אַרבעטן ווי אַ קעלנער, ווייל ער האָט שוין דאָס געלט מער נישט באַדאַרפט. פון באָבס דערפינדונג איז גאָרנישט געוואָרן און ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין בריזבעין.

בשעת ס'איז געקומען די צייט פון די „קריסטמעס־האָלידייס" און די פאַבריקן האָבן זיך געשלאָסן און די תושבים פון דער שטאָט האָבן זיך געקליבן אין די בערג, צום ים, האָט זיך אויך די מיסיס זעלינג מיטן מאַן געגרייט אַרויסצופאָרן אויף זומער־וווינונג. זיי זענען געפאָרן אַליין, וואָרן די קינדער האָבן נישט געוואָלט מיט זיי פאָרן. די מיסיס זעלינג האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס יאָר וועט זי נישט פאָרן באַזוכן מאָרין אין „הבונים־קעמפּ", ווי זי האָט זיך נוהג געווען אין די פריערדיקע יאָרן, אָבער אַז עס האָט זיך דערנענטערט דער זונטיק, ווען די עלטערן האָבן געקענט באַזוכן די קינדער, האָט זי זיך נישט קיין אָרט געפונען און זי האָט געמינטערט הערשן, זיי זאָלן פאָרן זען מאָרין. זי איז אַפילו באַשטאַנען דערויף, זיי זאָלן אָפּטרעטן אין דער היים און מיטנעמען פאַר מאָרין עטלעכע לייכטע העמדער, ווייל ס'זענען אָנגעקומען גרויסע היצן.

מיסטער זעלינג האָט נישט געהאַט קיין ברירה און גע־פאָלגט דעם ווייב. זיי זענען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, ווען ס'איז נאָך נישט געווען אַזוי היים און זיך געקליבן אין וועג אַריין. בעת זיי זענען אָנגעקומען צו זיך אין שטוב, האָבן זיי

באַמערקט, ווי דער שכן זייערער, דזשעק לואיס, קוקט בגנבה אַפּיר פון הינטער זיין פאַרקנדל, כּדי צו זען נאָך וואָס זיי זענען געקומען אַהיים. דזשעק לואיס האָט זיך געפּאָרעט מיט זיינע יאַג־הינט און כּאָטש ער איז שוין מיט דעם יידישן שכן געווען גוט, זינט ער איז מיט אים געווען אין דער מלחמה־צייט אַן „אייר־וואָרדן", האָט ער געמרוקעט צו זיך, אַז דער ייד זיצט זיך אויף זומער־וווינונג, בעת ער, דער אויסטראַליער, מוז זיצן אין אַזאַ היץ אין דער שטאָט...

אַז זיי זענען אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט, האָט מיסטער זעלינג אויפן וועג אָנגעטראָפן נאָך אויטאָס פון יידישע עלטערן, וואָס זענען געפאָרן באַזוכן די קינדער אין קעמפּ. נאָך אַ שטיק פאָרן לאַגער זענען שוין געשטאַנען יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, אָנגעטאָן אין די בלויע „הבונים"־מונדירן און אָנגעוויזן די אויטאָס דעם וועג ווו צו פאָרן.

אויפן טויער פון לאַגער איז פון נאָדל־צווייגלעך געווען געמאַכט אַ גרויסער מגן־דוד און יידישע אותיות האָבן באַגריסט די אָנגעקומענע מיט אַ „ברוכים הבאים". אַזיווי מען האָט זיך געריכט אויף די עלטערן, זענען די ייִנגערע לאַגער־קינדער, די „גיבורים", געשטאַנען פאָרן טויער און זיי אָפּגעוואַרט. עס איז געווען אַ גרויסע חמימה. אַלץ איז געווען צעגליט פון דער היץ. די אויטאָס זענען געווען אַזוי אָנגעהיצט, אַז עס איז נישט געווען מעגלעך זיך צו זיי צוצורירן. אַ ווייסער צעשרפהטער שטויב איז געדיכט געלעגן אויף די שיטערע, אויסגעטריקנט־לאַנגע גראָזן, וואָס האָבן זיך פאַרשמאַכט געטוליעט צו דער ערד, אויף דעם געפלאַכטן־הילצערנעם, הויכן טויער מיטן מגן־דוד אויפן סאַמע שפּיץ און אויף די בלויע מונדירן פון די לאַגער־ קינדער. פון צופיל שטויב, וואָס איז געהאָנגען אין חלל, איז נישט מעגלעך געווען צו זען דאָס פייער פון דער זון און די קייטן בערג, וואָס האָבן, ווי מידע קעמלען, געהויערט אַרום, זענען געווען פאַרשוווּמען, אַז מען האָט זיי קוים אַרויסגעזען.

אַז די עלטערן האָבן דערזען די קינדער, וואָס זענען געווען שוואַרץ־אָפּגעברענט פון דער זון און זענען געווען אַביסל געענדערט, אַז ס'איז זיי אין ערשטן אויגנבליק נישט געווען צו דערקענען, האָבן זיי מיט באַדויער געשאָקלט מיט די קעפּ.

— זע נאָר ווי דאָס זעט אויס!... נישט געוואַשן! שמוציק...

— האָבן די עלטערן געגעדט צווישן זיך — עפּעס אַזאַ רויקייט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זיי...

— כ'האָב מיין אייגן ייִנגל נישט דערקענט... אַז ער וויל זיך אַפילו נישט לאָזן אַ קוש טאָן... ס'פּאַסט אים נישט... — האָט זיך אָנגערופן מיסטער צעבער.

בשעת די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען מיט די עלטערן, כדי זיי צו ווייזן דאָס עס־צימער, די געצעלטן, דאָס וואַש־הויז, איז זיי גאָרנישט געפעלן און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס יונגוואַרג איז אַזוי שטאָלץ און צופרידן. אַז אַלץ איז דאָ ברודיק. סיי דאָס עס־צימער, סיי די געצעלטן, וווּ די קינדער שלאָפן און סיי די שיסלען, אין וועלכע זיי עסן...

— אין דער היים, איז פּאַר מיין טעכטערל דאָס ווייכסטע בעט האַרט און דאָ שלאָפט זי אויף דער גאָלער ערד און זי שרייט ס'איז אָל־רייט... — האָט מיסטער סויבל, דער ליץ, צו־געוווּנקען מיט זיינע שיקלדיקע אייגעלעך.

— זע נאָר די בודע, וווּ זיי עסן! ס'איז אַ בודע פּאַר הינט... נישטאָ קיין „טעיבל"... קיין „טשער"... גאָלדענע קינ־דער... פּאַר זיי איז אַלץ רעכט! — האָט זיך דערשראָקן אַרומ־געטראָגן מיסטער קליין.

— שאַ... מאַכטץ נישט קיין געוואַלדעס! — האָט מיסטער סויבל איינגעהאַלטן דעם מיסטער קליין — לויפט נישט! ס'איז אַ טייערער „האָלידיי"־פּלאַץ... מיינער פּעלט נישט אין דער היים פון קיין פויגל־מילך, אָבער זי וויל פון גאָרנישט פאַרזוכן... און זע נאָר ווי זי שלינגט דאָ דאָס ביסל יושקע. רוקט ווי אַ פערדל!

נאָכן מיטאָג האָבן זיך איבערן גאַנצן קעמפּ, וווּ עס האָבן זיך מיד געטוליעט די געצעלטן צו זיך, ווי די שעפּסן, וואָס באַ־האַלטן זיך אויס פּאַר דער זון, געטראָגן קייקלענדיקע פייפעררייען. דאָס האָט מען גערופן די לאַגער־קינדער, זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין גלייכע שורות אויפן זאַמל־פּלאַץ. עס האָבן זיך אויסגע־שטעלט די „גבורים", צופים", און די „שומרים" לויט דער ריי. אויפן גאַנצן פּלאַץ איז געוואָרן זייער שטיל. אין דער שטיל־קייט האָט זיך געהערט דאָס לייכטע פּלאַטערן פון דער בלוי־

ווייסער לאַגער־פּאַן, וואָס מען האָט אַרויפגעצויגן אין דער הויך. דער ראש־המחנה — אַ יונגט־שליח פון ישראל — האָט סאַלו־טירט צו דער פאַן, אָפּגענומען דעם ראַפּאָרט און גערעדט אין העברעאיש און ענגליש צו די קינדער און עלטערן. מען האָט געזונגען די „התקווה", דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָגראַם.

מיסים זעלינג האָט דערזען מאַרין. ער איז געשטאַנען לעבן דעם ראש־המחנה. ער איז געווען זייער פּאַרטנער. בעת זי האָט זיך ביים אָנקומען מיט אים הערפּרייט, האָט ער קוים גערעדט צו איר. ער האָט געהאַט פּאַראיבל, וואָס די עלטערן זענען גע־קומען. אויך איז סוזען נישט געווען איבעריק צופרידן מיטן קומען פון אירע עלטערן. בעת די מיסים זיידנער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום פּראָגראַם, האָט זי שיער נישט געחלשט פון דער היץ. זי איז געשטאַנען לעבן איר מאַן, וואָס האָט גע־טראָגן דעם שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ און אין דער גרויסער היץ דווקא נישט געוואָלט אויסטאָן דאָס רעקל. די מיסים זיידנער איז נישט געווען צופרידן פון אַ סך טעמים. ערשטנס, האָט מען געבעטן איר מאַן, אַז ער זאָל נאָכן פּראָגראַם מאַכן דעם „אַפּיל" און זאַמלען געלט פאַרן „הבונים־קעמפּ" און זי האָט דאָס נישט געוואָלט. צווייטנס, האָט דער מאַן געפירט דעם אויטאָ אַהער און דער דאָקטאָר האָט דאָס אים פאַרווערט. און דריטנס האָט זי בכלל נישט געוואָלט די טאָכטער זאָל אַהער פאָרן און נישט מסכים געווען מיטן מאַן, וואָס האָט אַרויפגעפירט סוזענען אויף אַזעלכע וועגן!... דערצו האָבן זי די פליגן זייער געפּייניקט, ווי זיי וואָלטן זיך אין איר פאַר עפּעס נוקם געווען. די פליגן, וואָס האַלטן דאָ אין איין בייסן, זענען אַ ריינע קרענק! אויף קיינעם האָבן זיי זיך אַזוי נישט אָנגעזעצט, ווי אויף דער מיסים זייד־נער. זיי האָבן זי אַזוי באַלאַגערט, אַז איר פּלייצע איז שוואַרץ געווען פון זיי. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט מיט אַ צווייגל זיך כסדר געשמיסן — די פליגן זענען פון איר נישט אָפּגעטרעטן. צוליב דעם אַנשיקעניש האָט זי אַלעמאָל געמוזט אַראָפּשטעלן איר גרויסן לעדערנעם בייטל אויף דער ערד און און דאָס האָט זי אָנגעפּילט מיט שרעק. לאַנגע צינגער האָבן געשמועסט, אַז אין דעם בייטל האָט זי ליגן אירע אַלע ברי־

ליאַנטן, איר גאַנצן צירונג, וואָס זי פּירט אומעטום מיט זיך מיט, וואָרן זי האָט דאָס מורא איבערצולאָזן אין דער היים, טאָמער וועט מען זי באַגנבענען...

פּונקט ווי מיסיס זיידנער האָט זיך ווייניק צוגעקוקט צום פּראָגראַם, נישט געהאַט פון גאָרנישט קיין הנאה, אַזוי האָט זיך דער מאַן אירער מיט אַלץ געפרייט און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דעם יונגוואַרג, וואָס האָט באַוויזן פאַרשיידענע קונצן — געקלעטערט אויףביימער, געשפּרונגען, געמאַכט אַלער־ליי גימנאַסטישע איבונגען. צומיינסטנס האָט ער אָנגעקוואָלן פון די צוויי בחורים, וואָס האָבן אין אַ פאַרמעסט זיך געשטעלט צעהאַקן אַ קלאָץ האָלץ. פּונקט ווי געניטע „בוש"־מענער האָבן זיי מיט די שאַרפע העק שנעל־שנעל געאַרבעט, אַז די שפּענער זענען געפלויגן אין אַלע זייטן. אויך האָט מיסטער זיידנער שטאַרק אָנגעקוואָלן, ווען צוויי גרופּעס יונגוואַרג האָבן געמאַכט אַ פאַרמעסט צווישן זיך, ווער פון זיי וועט פריער אויפ־שטעלן די געצעלטן צום שלאָפן.

בשעת מיסטער סויבל, וואָס האָט אַלעמאָל ליב געהאַט אָנ־צוציען דעם מיסטער זיידנער, האָט געזען ווי ער קוועלט אַזוי שטאַרק אָן פון אַלץ און אַלעמען, האָט ער זיך צוגערוקט צו אים און אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— האַ, וואָס זאָגט איר נישט צו אונזערע „באָים" און „גערלס"... — האָט ער זיך געווישט דעם שוויים פון פּנים און צוגעוווּנקען מיט די שיקלדיקע אויגעלעך — זיי אַרבעטן בעסער ווי די „יאָיקלעך"... פּונקט ווי די געבוירענע פּויערים! איר שעפּט נחת פון אייער טאָכטער, האַ?... אַז ס'איז איר גאָרנישט היים! און פון מיר רינען טייכן שוויים...

די עלטערן האָבן געשעפּט נחת פון די קינדער, אָבער ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון פאָרן אַהיים און ס'האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן קאַלט ווערן. אויפן הימל האָבן פּלוצים אָנגעהויבן זיך צו זאַמלען גרויסע וואָלקנס און פאַרדעקט די ערד מיט אַ שאָטן. אין דער גרויסער היץ האָט זיך אַריינגעריסן אַ קילבלעך ווינטל, וואָס האָט אַ שים־אַרויף געטאָן דעם שטויב אין דער לופטן און בייכיק אָנגעבלאָזן די געצעלטן, וואָס האָבן געפלאַטערט ווי זעגלען אין אַ שטורעם. בליצן האָבן מיט בלאַנ־

קע שפּיזן זיך אַריינגעשטאָכן אין דעם פּאַרוואָלקנטן הימל, געבליבן שטעקן צווישן די כמאַרעס. אַ דונער האָט זיך טויב אַ קייקל געטאָן ערגעץ פון יענער זייט בערג. באַלד האָט אַזאַ קנאַל געטאָן, ווי די בערג וואָלטן אויפגעריסן געוואָרן. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאָס־רעגן, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם קעמפּ מיט וואַסער. דינע ריטשקעלעך זענען גערונען פון די בערג, זיך באַהאָפּטן, זיך געזאַמלט אין טייכלעך...

די עלטערן האָבן געטאָפּטשעט אינם וואַסער, געזוכט די קינדער, געוואָלט זיי מיטנעמען אַהיים, נישט געוואָלט זיי איבערלאָזן אַליין אינם שטורעם — אָבער די קינדער האָבן נישט געוואָלט דערפון הערן און גערעדט. אינם גאָס־רעגן האָבן זיי געאַרבעט ביי די געצעלטן, געגראָבן ראָוועס אַרום זיי, כדי דאָס וואַסער זאָל זיי נישט פאַרשווענקען און זאָל קענען אָפּפליסן אין דעם טאָל.

מיסים זעלענג האָט אַרומגעזוכט מאָרין און זי האָט אים קוים מיט לייד געטראָפן ביי זיך אין געצעלט. ער איז געווען פיטש־נאַס פון רעגן. ער איז, צוזאַמען מיט סוזענען, אַרומגעלאָפן פון איין ביידל צום אַנדערן, זיי באַפעסטיקט פאַרן שטורעם. ווען מיסים זעלינג איז אַריין צו אים, האָט ער אין דער האַנט געהאַלטן זיינע תפילין, וואָס ער האָט פאַרשטעקט אינם רוק־זאַק, זיי זאָלן נישט באַנעצט ווערן. אַז שיינדל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אים פאָרגעלייגט, ער זאָל מיט זיי מיטפאָרן, האָט ער אַפילו נישט געהערט וואָס זי זאָגט.

ווען דער לעצטער אויטאָ איז אַוועקגעפאָרן פון קעמפּ, האָט זיך שוין לאַנג אַראָפּגעלאָזט די נאַכט. פונקט ווי דער שטורעם איז אומגעריכט אָנגעקומען, אַזוי אומגעריכט איז ער אַוועק. דער רעגן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אויפן לויטער־בלויען הימל איז אַרויס דער אויסגעשייערט־זילבערנער האָרן פון דער לבנה, זיך אַ שפּיגל געטאָן אין די קאַלוזשעס וואַסער, וואָס זענען געפלאָסן אַראָפּ אינם טאָל. אַ געדיכטע פאַרע איז אויפגעשטיגן פון דער נאָך אַלץ נישט־אָפּגעקילטער ערד...

בשעת מאָרי האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין געלעגער אויף דער ערד, האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ער איז געווען אין כעס אויף זיך פאַרוואָס ער איז

מיט די עלטערן נישט מיטגעפאָרן. צוליב זיין עקשנות צו טאָן דער מאַמען להכעיס, וועט ער לאַניאַן אַזוי שנעל נישט זען און ס'האָט אָנגענומען אים אַ באַגער זי צו זען נאָך די היינטיקע נאַכט. די בענקשאַפט נאָך איר האָט אים געפּרעסט, זייער ווי געטאָן, כאָטש ס'איז געווען עפּעס אַן אָנגענעמער ווייטיק. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען ווי יינגלעריש ער האָט זיך אויפגעפירט, ווען ער האָט זי דאָס לעצטע מאָל געזען. אַלעמאָל, ווען ער האָט זי אָפּגעוואַרט נאָך דער אַרבעט און געוואָלט צוגיין צו איר, האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און דער אָטעם איז אים געווען פאַרשפּאַרט. בעת ער איז צוגעקומען צו איר, האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, ווי דאָס לשון וואָלט אים אָפּגענומען געוואָרן. אַז זי האָט דאָס באַמערקט, האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן, געפרעגט אים עפּעס און דאָס האָט געמאַכט ביי אים דעם איינדרוק ווי אַ מאַמע וואָלט אָנגענומען איר פאַרבלאָנדזשעט קינד און עס אַרויסגעפירט אויף אַ וועג. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט זי געטראָפן, האָט ער זיין פאַרלוירנקייט געוואָלט פאַרדעקן מיט געמאַכטער דרייסט־קייט און זי פּלוצים אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענט און ער האָט געפילט איר חוזקדיקן בליק אויף זיך. ער קען נאָך אַלץ זיך נישט באַפרייען פון זיין יינגלערישקייט, כאָטש ער שטודירט מעדיצין און ער איז, חוץ דעם ראש־המחנה, דער וויכטיקסטער מדריך אינם קעמפּ. ס'דאַכט זיך אים, אַז מען באַהאַנדלט אים נאָך אַלץ ווי אַ יינגל און ער האָט זיך מחמת דעם פיינט. ער האָט צוליב דעם אויך טענות צו דער מוטער, ווייל ער איז זיכער, אַז זי איז אין דעם אַלעמען שולדיק. אָבער ס'האָט אים איצט זייער באַנג געטאָן, וואָס ער האָט די מאַמען אַזוי שלעכט באַ־האַנדלט פאַרן אַוועקפאָרן. ער ווייס, אַז די מוטער האָט צרות. נאָר וויפל מאָל ער באַשליסט די מאַמען מער נישט ווייז צו טאָן, קען ער דאָס נישט פועלן ביי זיך. ער ליידט נישט, ווען די מאַמע איז אַזוי גוט צו אים. ערהאָט דעמאָלט אינגאַנצן נישט קיין געדולד צו איר און ער איז זי באַלד אין עפּעס חושד...

מאָרי האָט געמיינט, אַז ער וועט אין קעמפּ פאַרגעסן אין לאַניאַן — אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות. בשעת די עלטערן זענען אַוועקגעפאָרן, האָט אים די בענקשאַפט צו איר נאָך שטאַר־

קער אַרומגענומען. ער האָט נישט געקענט צוטאָן קיין אויג. כדי קיינעם נישט אויפצוּוועקן, האָט ער זיך שטילערהייט אָנגעטאָן און איז אַרויס אינדרויסן. נאָכן רעגן איז נישט געוואָרן קילער און די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. די קאַלוּזשעס וואַסער זע־נען אָפּגעפּאַלן, כמעט ווי אויסגעטריקנט געוואָרן. מאָרי האָט זיך געלאָזט גיין צום „בוש", געקראָכן אויף די בערג, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין אַ זילבערנעם געוועב. די ערד איז געווען פייכט און ער האָט זיך עטלעכע מאָל שיִער נישט אויסגעגליטשט. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די אויסגעקרומט־דינע עקאַליפּטוס־ביימער, ווי צווישן געדיכטע שטריק. טיילמאָל האָט ער אַרומגעכאַפּט אַ שטאַם פון אַ בוים און די טראָפּנס רעגן האָבן אָפּגעקילט זיין הייסן גוף. ער האָט געפילט, אַז ער איז דאָ אַליין מיט גאָט און ער האָט אין דער שטיל תפילה געטאָן. בעתן קלעטערן אויף די בערג האָט ער פון שלאָף אויפגעוועקט פייגל. ס'איז אים גוט געווען צו גיין איצט אַליין אין דער נאַכט און צו קלערן וועגן לאָניאַן. אָפּטמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז לאָניאַ געפינט זיך לעבן אים און זי קלעטערט מיט אים צוזאַמען אויף די בערג. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען, אַז דאָס איז בלויז אַ חלום.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון די בערג, אַ מידער און אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. קוקו־באַראַס האָבן זיך צעשריגן, זייער קייקלענדיק געלעכטער האָט זיך געטראָגן אין די בערג. דאָס מאָרגן־ליכט האָט זיך געגאָסן פון הימל, אָבער די בערג האָבן געוואָרפן שאָטנס אויף דער ערד. פּלוצים האָט ער דערהערט ווי עס רופט אים ווער. ער האָט דערקענט סוזענס קול...

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# פּאַולינס חתונה

פיליפּ איז צוריקגעקומען פון דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט אַזוי אויסגעמאַגערט, ווי ער וואָלט געקומען פון יענער וועלט. צוליב דער מאַגערקייט האָט ער אויסגעזען אויסטערליש לאַנג און דין, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט אים אין דער געפאַנגענשאַפט אויסגעצויגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך אַ ליאַדע מינוט איבערברעכן אין צווייען. די שוואַרצע אויגן, ווי ביי אַ געטרייען הונט, זענען ביי אים טיף אַריינגעפאַלן אין לאַנג־אויסגעצויגענעם פּנים, אַז מען האָט זיי קוים אַרויסגעזען. די גאָמבע איז געווען זייער שפּיציק און דאָס מויל האָט קרענקלעך געציטערט ביים רעדן, ווי ער וואָלט געליטן פון אַן אייביקער קעלט.

בשעת מען האָט פיליפּן אויסגעפרעגט, וואָס ער האָט אין דער געפאַנגענשאַפט געליטן, האָט ער נישט ליב געהאַט אויף דעם צו ענטפערן, גלייך די זכרונות וואָלטן אים פריש ווייטיק פאַרשאַפט. מען האָט בלויז געקענט פון אים אַרויסציען די פּאָר ווערטער, אַז מען האָט אים אין דער געפאַנגענשאַפט געפייניקט און מען האָט אים אַמאָל, שוין ביים סוף פונם קריג, אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז דערנאָך אַ לאַנגע צייט געלעגן אין שפּיטאָל.

ווען פיליפּ איז פונם לויז־אַרומפאַרנדיקן מונדיר אַריין אין אַ ציווילן אַנצוג, האָט ער אַזוי קאָמיש אויסגעזען, אַז פּאַולין האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און הויך אַרויסגעלאַכט. ביי זיין גאַנצער דאַרקייט, איז דער אַנצוג געווען אויסגעוואַקסן אויף אים. פּאַולין איז שוין כסדר געקומען צו פיליפּן אַהיים און זי האָט זיך אָפט באַגעגנט מיט זיינע עלטערן. כאָטש מען האָט פיליפּן באַלד נאָך זיין צוריק־קער איבערגעגעבן ווי פּאַולין האָט

זיך אויפגעפירט, האָט ער אין דעם נישט געוואָלט גלייבן. בשעת מען איז געקומען צו אים און אָנגעהויבן אויסצירעדן אויף פּאולינען, האָט ער מיט מיליטערישער דיסציפּלין גע־שוויגן, נישט איבערגעהאַקט מיט קיין וואָרט די רכילות־טרעגער און צום סוף אומגעדולדיק־בייז געזאָגט, אַז ער גלייבט נישט אין דעם אַלעמען. אויך האָט ער דרך־ארצדיק אויסגעהערט דאָס אַלץ, וואָס די מוטער האָט אים געהאַט צו דערציילן, אָבער נאָכן אויסהערן זי, האָט ער זי לייכט אַרומגענומען, געגעבן איר אַ קוש און איר געזאָגט, אַז זי זאָל נישט גלויבן דאָס, וואָס בייזוויליקע מיילער טראָגן איר צו. זאָלן זיי זיך נישט מישן אין יענעמס געשעפטן! פיליפּ האָט שוין אויסגעקוקט די מי־נוט, ער זאָל זיך צוריק זען מיט פּאולינען. נאָך די אַלע שווערע איבערלעבענישן, האָט ער געבענקט נאָך אַ היימיש ווינקל, נאָך אַ וואַרעמער נעסט, וווּ ער זאָל קענען אָנשפּאַרן דעם קאָפּ און פילן די צערטלעכקייט פון אַ פרויאישער האַנט. און פּאולין האָט אים, בעת זייער באַגעגעניש, אַזויפיל ליבשאַפט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט געוואָלט פון גאָרנישט טראַכטן און אַלע חשדים געהאַלטן אָפּגערוקט פון זיך. ער איז מחמת דעם געווען זייער דאַנקבאַר דעם אייביק־צוריקגעהאַלטענעם און שטרענגלעכן פאָ־טער זיינעם, וואָס האָט אים גאָרנישט דערציילט און איז אַרומ־געגאַנגען און געשוויגן. ער האָט אָבער אַרויסגעפילט ביים פאָטער די איינגעהאַלטענע וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרויסגע־שטראַלט פון אים צום צוריק־געפונענעם זון. ער האָט אַזוי ליב געהאַט דעם טאַטנס מענעריש־קלוגע שווייגן; ער האָט דאָס זייער אָפּגעשאַצט ביי אים...

נישט לאַנג נאָך פיליפּס קומען, ווי מען וואָלט זיך עפּעס זייער געאיילט, איז פאָרגעקומען די „ענגיידזשמענט". אין „דזשואיש וויקלי ניוס" איז געווען געמאָלדן, אַז צוליב דער פאַרלאָבונג פון זייער טאָכטער פּאולין מיט פיליפּ דייווויס, וועלן מיסטער און מיסיס זעלינג זיין זונטיק נאָכמיטאָג „עט האום" און אויפנעמען זייערע קרובים און פריינד. מיסיס זעלינג האָט זיך בלויז געזאָרגט, וואָס איר הויז איז נישט גענוג שיין און זי איז אַפילו מקנא געווען אירע שותפים, וואָס האָבן אַ מאָ־דערן הויז אין אַזאַ רייכן „סאַבערב" ווי עלוווד. זי האָט אָבער

געפּועלט ביי הערשן, ער זאָל לאָזן אַריינשטעלן אין שטוב מאַ־דערנע מעבל און לאָזן לייגן נייע טעפּיכער פון וואַנט צו וואַנט. זי האָט אויך געקויפט זילבערן באַשטעק און אַן עכטן כינעזישן סערוויס.

שיינדל האָט געדאַנקט דעם באַשעפער, וואָס פּאולין איז כּמעט געקומען צו אַ תּכלית — דווקא פּאולין — אויף דעם האָט זי זיך צומווינציקסטנס געריכט. ס'איז אָבער שיינדלען נישט באַשערט געווען זיך צו פרייען, ווי זי וואָלט זיך באַדאַרפן פרייען. מאַרי האָט נישט געוואָלט זיין אויף דער „ענגיידזש־מענט־פּאַרטי", געזאָגט, אַז ער האָט אַ „נשף" מיט די חברים פונקט דעם זעלבן טאָג — און זי האָט געזען, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. זי האָט געפילט, ווי מאַרי קוקט זי אָן פון אויבן־אַראָפּ מיט זיינע גרין־וואַסערדיקע אויגן און ער שפּעט פון איר אָפּ, מחמת זי וויל אַלץ אַזוי פאַרשטעלן, פאַרלאַטען... מאַרי האָט קיינמאָל פּאולינען נישט ליב געהאַט. אויך האָט שיינדל געהאַט פיל עגמת־נפש דערפון, וואָס לעזלי האָט זיך אַריינשפּאַ־צירט אויף דער שמחה צוזאַמען מיט דזשינען און זי האָט באַ־מערקט ווי די געסט האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שושקען. צומייסטנס האָט זיך געשושקעט מיסיס זיידנער און זי האָט יעדן באַזונדער געשעפּטשעט עפּעס אַ סוד אויפן אויער. באַלד האָבן אַלע אויגן גענומען בגנבה קוקן צו דעם ווינקל, וווּ עס איז געזעסן דזשין. און אַז דזשין האָט געהאָלפן שיינדלען, גענומען זיך פּאָרען און דערלאַנגען כּיבוד, האָט מען איר פאַרבאַהאַל־טענערהייט נאָכגעקוקט, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון איר. שיינדל איז כּמעט געווען צופרידן, וואָס דער שווער איז נישט געקומען צו דער שמחה. כּמעט דער זון האָט אים אַליין פאַר־בעטן, איז דער אַלטער נישט געקומען. עפּעס האָט זיך דאָ אַלץ נישט געקלעפּט. די מחותנים, מיסטער און מיסיס דייוויס, האָבן זיך געפילט פרעמד צווישן די פּוילישע יידן און אַפילו שיינדל האָט זיי אַליין כּסדר אונטערגעטראָגן כּיבוד, איז פון זיי די שטייפקייט נישט אַוועק.

צומייסטנס פון אַלע האָט זיך פּאולין נישט געפילט מיט אַלעמען און דאָס האָט זיך אויף יעדן איבערגעטראָגן. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס פּאולין האָט כּסדר געקלעפּט צו די שטייפ־

לעכע מחותנים, וואָס זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אַלעמאָל אין פּיליפּן און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן מיט אַ פאַרליבטן בליק. אויך האָט איר וויניק געהאָלפן דאָס אַרויסלאָכן אַלעמאָל מיט איר קינסטלעך־געמאַכט קוויטשיק געלעכטערל, כדי זיך צו־צוגעבן קוראַזש. מען האָט באַלד געקענט דערקענען, אַז זי איז זייער צעטראָגן און איז מיט די געדאַנקען ערגעץ אַנדערש. מען האָט עס געקאָנט אַרויספילן אין דעם פּיינפולן, שרעקעוודיקן צוק פון איר שיינעם, פולן האַלז, וואָס האָט זיך לעצטנס ביי איר זייער אָפט איבערגעחזרט. און פּאַולין האָט געהאַט וואָס צו זיין צעטראָגן. דזשאָ איז איר די לעצטע טעג כסדר נאָכגע־גאַנגען, ער האָט געבעטלט ביי איר ליבע. ער איז געוואָרן זייער אָפּגעלאָזן, אַרומגעגאַנגען נישט ראַזירט, מיט אַ שוואַרץ בערשטל אויף די איינגעפאַלענע באַקן. אָבער דווקא דערפאַר, וואָס דזשאָ האָט אַזוי נעבעכדיק אויסגעזען און געבעטלט איר ליבע, האָט זי אים נאָך פיינטער באַקומען און ס׳האָט איר הנאה פאַר־שאַפט אים ווייי צו טאָן. אַז ער האָט זי געפּרוווט אָנרירן, האָט זי זיך מיט שרעק אָפּגערוקט פון אים. ער האָט איר כסדר דער־מאָנט יענע צייטן, ווען זי איז אַזוי שטאַרק געווען פאַרליבט אין אים, אַז בלויז פון זיין קוק איז זי געוואָרן פאַרציטערט. דזשאָ האָט איר דערציילט, אַז זיין שוועסטער איז צוריקגעפאָרן קיין איטאַליע, ווו זי האָפט זיך אויסצוהיילן אירע קראַנקע פיס. כדי צו שאַפן די הוצאות פאַר דער שוועסטער, האָט ער געמוזט פאַרקויפן דעם אויטאָ. אָבער אַזוי שנעל ווען זי, פּאַולין, וועט צוריק־קומען צו אים, וועט ער האָבן דעם קאָפּ זיך צוריק אַרויפ־צואַרבעטן און ער וועט זיך קויפן אַ נייעם אויטאָ. ער האָט פּאַולינען געוואָרנט, אַז טאָמער וועט זי נישט קומען צוריק צו אים, וועט ער זיך נוקם זיין אין איר. דעמאָלט וועט ער לינדערן אַביסל דעם ווייטיק...

פּאַולין האָט מיט איר מורא אָנגעשטעקט די געסט אויף דער „ענגיידזשמענט־פּאַרטי״, אַז גאָרנישט האָט זיך דאָ געקלעפּט — און אַז אַלץ איז שוין געווען געענדיקט. האָט מיסיס זעלינג פרייער אָפּגעטעמט. זי האָט אָבער נישט געהאַט מער קיין פרייען קאָפּ, נישט געהאַט מער קיין צייט, ווי אַמאָל, ווייל באַלד נאָך די תנאים האָט מען אָפּגערעדט דעם זמן פון דער חתונה

און זי איז פריש געווען פאַרפאָרעט. פונקט ווי מען האָט גע־אײלט מיט די תנאים, האָט מען געאײלט מיט דער חתונה. צומיינסטנס האָט געאײלט פאַולין. אָבער ס'האָט זיך נישט געמאַכט אַלץ אַזוי שנעל, ווי פאַולין האָט געוואָלט. מען האָט באַדאַרפט אַ צייט פריער באַשטעלן די סינאַגאָגע, באַשטעלן אַ פאַסיקן לאָקאַל, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן.

פאַולין איז פון פיליפּן מער נישט אָפּגעטרעטן, כסדר געקלעפּט צו אים, נישט געגאַנגען אָן אים אַ טריט. טאָמער האָט זי אים אַ טאָג נישט געזען, האָט זי באַלד אויפצומאָרגנס אָנגעקלונגען צו אים אין די „ריעל עסטייט איידזשענטס", וווּ ער האָט צוגעהאָלפן דעם פאָטער אין דער אַרבעט.

— דאַרלינג... — האָט זי זיך געפּיעשטשעט פאַר אים — ווו ביזטו? פאַרוואָס קומסטו נישט צו מיר? כ'בענק זייער נאָך דיר... קום שוין צופאָרן...

כאָטש אַלע האָבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף פאַולינס חתונה, האָט קיינער זיך נישט אַזוי שטאַרק געגרייט צו דער חתונה ווי דזשין. ס'איז אויסגעקומען ווי עס וואָלט נישט געווען פאַולינס חתונה, נאָר איר אייגענע. אַלע אירע מיידלערישע חלומות האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם, אויסגעפילט די בענקשאַפט נאָך איר אייגענער חתונה. זי האָט אָבער גאָרנישט געגעבן צו דערקענען אין זיך, לעזלין גאָרנישט דערציילט. לעזלי איז געווען זייער גוט צו איר, אַרויסגענומען זי אַלעמאָל אין אַנדערע נאַכט־לאָקאַלן, געגעבן איר אַ „גוד טיים". אין די נאַכט־לאָקאַלן זענען זיי נישט געגאַנגען אַליין. זיי זענען אַלעמאָל געווען אין דער געזעלשאַפט פון לעזלים חברים, יונגע „ביזנעס"־לייט, פונקט ווי ער. זי האָט גאַנץ גוט באַמערקט ווי די מיידלעך פון אַט די יונגעלייט טראָגן שוין „ענגיידזשמענט"־רינגלעך, וואָס די חתנים האָבן זיי געקויפט. בעת די מיידלעך האָבן איר די רינגלעך געוויזן, זיך גערימט מיט די גרויסע „שטיינער", האָט זי געפילט ווי זי האָט זיי אָנגעהויבן מקנא צו זיין. עס איז איר אינגאַנצן מער נישט איינגעגאַנגען אַפילו דער מעבלירטער „פלעט", וואָס לעזלי האָט פאַר אירעטוועגן געדונגען. דאָס איז נישט געווען איר באַגער. צו עפּעס אַנדערש האָט זי געבענקט. זי האָט געוואָלט האָבן אַ מאַן, אַ

קינד, געוואַלט זיין שטענדיק מיט זיי צוזאַמען. און אַז לעזלי איז געקומען צו איר אין „פלעט”, געבליבן ביי איר שלאָפן, האָט זי געפילט ווי אויפצומאַרגנס האָט ער זיך גענומען איילן אַהיים צו גיין און זי איז ווידער געבליבן אַליין. אַלעמאָל ווען לעזלי איז געבליבן ביי איר שלאָפן, האָט זי זיך אויפצומאָרגנס אינדערפרי אויפגעהויבן מיט אַ שרעק און זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ גנבה. דאָס זעלבע האָט זי אויך באַמערקט ביי לעזלין. זי איז צוליב דעם געווען אָפּט זייער אומעטיק און פאַרקלערט. אָבער אַז לעזלי האָט זי גע־פרעגט וואָס מיט איר איז געשען, האָט באַלד אַ שמייכל אויפ־געלויכטן אין אירע זילבערן־גרויע אויגן און באַשיינט דאָס איידעלע דין־פּאַריסענע פּנים.

— ס'איז מיר גאָרנישט, דאַרלינג... — האָט זי זיך נאָענט צוגעטוליעט צו לעזלין — כ'האָב זיך בלויז אַביסל פאַרקלערט... דעט'ס אָל... ווי נאַריש איך בין...

איינמאָל, בעת זיי זענען געווען אין דעם נאַכט־לאָקאַל ביי העם פריש־געקומענעם ייד, מיסטער בלום, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז ער וועט אין מעלבורן נאָך מאַכן אַזאַ קאַבאַרעט, וואָס וועט זיין שענער ווי אין פּאַריז, האָט לעזלי באַמערקט, אַז דזשין איז נאָך מער אומעטיק ווי זי איז לעצטנס געווען און זי ווילט זיך אינגאַנצן נישט. אַז ער האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי איז אַזוי אומעטיק, האָט זי אים דאָסמאָל נישט געענטפערט. לעזלי האָט אָבער באַלד אין אַלץ פאַרגעסן. ער איז געווען גראָד זייער גוט אויפגעלייגט און זיך געוויצלט מיטן מיסטער בלום, העם איינגנטימער פון נאַכט־לאָקאַל, וואָס איז כסדר צוגעקומען צו זיי און געפרעגט ווי ס'שמעקן זיי די מאכלים.

— מאַרוועלעס... אַזעלכע שפּייזן האָב'ך נאָך אין אויס־טראַליע נישט געגעסן... אַן אמתע קאָנטינענטל קיך... — האָט לעזלי, אַביסל אַ בגילופינדיקער, געלאַכט און אָנגעוויזן אויף די „קען־קען־גערלס”, וואָס זענען געווען אויסגעמאָלן אויף די ווענט מיט די הויך־פאַרשאַרצטע קליידער און הויך־אויפגעהוי־בענע פיס — אָבער ווו האָט איר געפּאַקט די מיידעלעך?... זיי אימפּאָרטירט פון פּאַריז? פון „מאָלען־רוזש”?...

— יאָ, מן־הסתם... — איז מיסטער בלום פאַרמוטשט גע־

שטאַנען, אַ קלײנער און אַ דיקלעכער אין זײַן ענגן סמאָקינג און פּלוצים איז ער שנעל אַװעק פֿון לשולין און צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער טישל, כּדי דאָרט צו פֿרעגן װי ס׳האָבן געשמעקט די מאכלים.

דער אָרקעסטער האָט צוריק אָנגעהויבן צו שפּילן. די מוזיקאַנטן — דאָס רוב איטאַליענער — אין לױזע, ברײטע בלוזעס און אין הויבע, שטרויענע מעקסיקאַנער קאַפּעליושן, װי היטלען צוקער, האָבן געשפּילט אַ זיד־אַמעריקאַנישן טאַנגאָ, װאָס האָט דעם פּאַרשיכורטן, האַלב־פֿינסטערן הלל אײַנגעװיגט אין אומעטיק־פֿאַרבענקטע טענער.

לעזלי האָט מיט דזשינען געטאַנצט. אויך האָבן זײַנע חברים מיט איר געטאַנצט. אָבער סײַ לעזלי און סײַ די חברים האָבן באַמערקט, אַז דזשין טאַנצט נישט גערן — קוים זי באַװעגט זיך. בעת מען האָט געשפּילט אַ פּאָקסטראָט און לעזלי האָט געװאָלט טאַנצן אַ „קוויק־סטעפּ״ און אָנגעהויבן דזשינען צו װאַרפֿן און צו דרייען, איז זי אים נאָכגעגאַנגען װי אין אַ חלום און דאָס האָט אים שטאַרק אויפֿגעבראַכט.

— װאָס רירסטו זיך װי אַ ליאַלקע?... װאָט׳ס דהע מעטער?... אַז דו װילסט נישט טאַנצן, איז נישט! טו מיר נישט קיין טובה... ס׳פֿעלן נישט קיין מיידלעך! — האָט זיך לעזלי געבייזערט און איז צוריקגעגאַנגען מיט דזשינען צום טישל.

— כ׳װיל טאַקע נישט טאַנצן! — האָט דזשין געענטפֿערט פּלוצים מיט טראַציקייט און איבער איר פּנים איז אַדורך אַ שאָטן צוליב דעם, װאָס לעזלי האָט גערעדט צו איר אַזױ גראָב.

— װאָס־זשע װילסטו טאָן? װילסט קוקן װי אַנדערע טאַנצן?... — איז לעזלי אַרויס מיט אַ פֿרישער טענה, אָבער ער האָט שוין גערעדט שטיל, נישט געװאָלט, אַז די חברים זאָלן באַמערקן װי דזשין איז צו אים חוצפּהדיק.

— כ׳װיל קוקן...

— לאָמיר אַהיים גיין!

— גוט... לאָמיר גיין!...

לעזלי האָט זיך געזעגנט מיט די חברים, אויסגעקלערט אַ תּירוץ, אַז דזשין פֿילט זיך נישט גוט. בשעת זײ זענען אַרויס פֿון לאָקאַל, איז זײ נאָכגעלאָפֿן, אַ פּאַרסאַפּעטער, מיסטער בלום

און געפרעגט, צי ס'איז זיי עפּעס נישט געפעלן. אויף דער אַנדערער זייט טיר, האָט נאָך לעזלי געהערט די טענער פון דער מוזיק, וואָס זענען ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען אין זיינע אויערן. ער איז געווען שטאַרק אין כעס אויף דזשינען, ווייל צוליב איר גייט ער אַהיים אַזוי פרי און ס'האָט אים מיטאַמאָל אָנגע־כאַפּט אַ חשק צוריק אַריינצוגיין אין לאָקאַל.

לעזלי האָט אָפּגעפירט דזשינען אַהיים, זיך אַפילו רעכט מיט איר נישט געזעגנט און אַוועק. אין מוח האָט אים אַ פּיק געטאָן אַ געדאַנקעלע, אַז ער זאָל אַליין צוריקפאָרן אין נאַכט־לאָקאַל — אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן.

אַז לעזלי איז אַוועק, האָט דזשין צוריק אויסגעלאָשן די עלעקטרי, געבליבן זיצן אין מאַנטל ביי אַ שפּיץ טיש, גלייך זי וואָלט אַליין געווען אַ גאַסט ביי זיך אין שטוב. ס'איז איר אַזוי גוט געווען צו זיצן אין דער פינסטער און צו פילן ווי די טרערן וואַשן אירע באַקן. נאָר מיטאַמאָל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי זיצט אַליין אין דער פינסטערניש אין דעם מעמד, ווי זי איז איצט, און זי האָט צוריק אָנגעצונדן די עלעקטרי...

לעזלי איז צו דזשינען אין „פלעט" ווייטער געקומען כמעט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, אָבער ער האָט ווייניק גערעדט צו איר, ווי ער וואָלט געווען מיט איר ברוגז. בעת ער האָט אויפ־געשלאָסן די טיר, האָט ער אַלעמאָל באַמערקט, אַז דזשין פאַר־דעקט עפּעס פאַר אים, באַהאַלט עפּעס אויס. ער דערקענט עס אין אירע אויגן, וואָס קוקן אים אַזוי גלייך אָן און אין די הענט, וואָס זענען זייער שטייף, ווי זיי וואָלטן ערשט אָפּגעטאָן עפּעס אַ גנבה.

ס'איז געווען אַ זונטיק־אינדערפרי, ווען לעזלי איז צו דזשינען געקומען און זי האָט מער פאַר אים גאָרנישט אויס־באַהאַלטן. בשעת ער האָט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין דער טיר, האָט ער נישט געהערט מער קיין שום שאָרך אין צי־מער און דזשין איז אים נישט אַקעגנגעקומען, ווי געוויינטלעך. זי איז געזעסן פאַרזונקען אין אַ פאָטעל און אירע לאַנגע פינגער האָבן עפּעס געשטריקט. אַז זי האָט איבערגעריסן דאָס שטריקן, איז זי צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און אַרויסגענומען פון דאָרט

פארשידענע געשטריקטע לײבלעך, קלײדלעך, שיכלעך און אװעקגעלײגט דאָס אַלץ פאַר אים.

— איז עס נישט זיס?... איז עס נישט שײן? איזנ׳ט איט סװיט?... דאָס איז אַלץ פאַר אונזער קינד... פאַר אונזער בײבי... איז דאָס נישט װוּנדערבאַר, לעזלי, װאָס כ׳גײ האָבן אַ קינד! קוק נאָר אָן די אַלע שײנע זאַכן, דאַרלינג... זאָג, צי ביזטו נישט גליקלעך? — האָט איר קול געציטערט מיט װאַרעמקײט, נישט אַזױ װײט צו אים, װי צו די אַלע געשטריקטע קינדערישע זאַכן.

לעזלי האָט נישט געקענט זאָגן, אַז ער איז גליקלעך. פאַרקערט, ער האָט זיך דערפילט אַפילו זײער אומגליקלעך. ער האָט שטאַר געקוקט אויף די אַלע זאַכן, װאָס זענען געװען אויסגעשטעלט פאַר אים, װי אין אַ שױ־פענסטער פון אַ קינדערגעשעפט און ער איז געװען אַזױ צעמישט, אַז ער האָט נישט געקענט אויפמאַכן דאָס מױל. לעזלים בליק האָט געקלעפּט אויף די קינדהערישע מלבושים, אָבער ער האָט זײ קוים געזען. ער האָט אויף אַ רגע געפילט װי אַ פרייד געמישט מיט שטאָלץ שפּאַרט אין אים, אָבער באַלד באַזעצט זיך אין אים אַ שרעק און אַ טרויער, װאָס פאַרטױבט די פרייד. נאָך דאָס האָט אים געפעלט... עס איז געקומען אַזױ פּלוצים... װאָס האָט דזשין אים ביז איצט גאָרנישט געזאָגט? װאָס װעט איצט זײן? די אַלע געדאַנקען זענען שנעל געלאָפן אין זײן מוח. לעזלי האָט זיך געצװוּנגען צו קוקן אויף די קינדערישע זאַכן, אָבער אַנשטאָט זײ זאָלן אַרױסרופן בײ אים אַ געפיל פון ליבע, האָבן זײ אַרױסגערופן בײ אים אַ געפיל פון װידערװילן און שנאה. ער האָט דאָך מיט דזשינען נישט חתונה געהאַט. װי קאָן ער עס טאָן? זי איז דאָך נישט קײן ײדישע...

דזשין האָט זיך יעדן טאָג מער אָנגעהויבן מיט די קינדערישע זאַכן צו פאַרנעמען און זי האָט לעזלין אינגאַנצן נישט געזען. בשעת ער האָט געקוקט װי זי שטריקט די קינדערישע קלײדעלעך, לײבעלעך, האָט ער זיך דערפילט איבעריק און נישט אײנמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט אַ באַגער זײ אַרױסצורײסן פון אירע הענט און זײ ערגעץ אַװעקװאַרפן. כאָטש מען האָט נאָך אויף דזשינען גאָרנישט אָנגעזען, האָט זי זיך אַזױ געפירט װי זי װאָלט שױן געװען אין די הױכע חדשים. בשעת זי איז

אהיים געקומען נאָך דער אַרבעט, האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ ברייט לויז קליידל, ווי עס טראָגן ווייבער, וואָס זענען שוין אויף דער צייט. דזשין האָט באַמערקט ווי דאָס רעגט אויף לעזלין און זי האָט צו אים געזאָגט:

— ביזט אייעפּרזיכטיק, דאַרלינג?... ביזט אייפּערזיכטיק אויפן אייגענעם קינד?...

— גוט, כ'בין אייפּערזיכטיק! — האָט לעזלי אַ ברום געטאָן און ער האָט געפילט, אַז אירע רייד זענען אמת.

איינמאָל האָט דזשין אַפילו זיך צוגעטשעפּעט צו אים מיט אַ טענה, אַז ער וויל נישט זי זאָל האָבן דאָס קינד, ווייל ער האָט מורא פאַר די עלטערן און זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזעדט מיט אים אָפן וועגן חתונה האָבן. נאָכדעם איז זי נישט געקומען עטלעכע טעג אין געשעפט.

בשעת לעזלי איז געווען אין געשעפט, האָט ער געפילט ווי דער פאָטער דרייט זיך אַרום אים און עס פּאַסט אים נישט צו פרעגן פאַרוואָס דזשין איז נישט געקומען צו דער אַרבעט. דעם אמת געזאָגט וואָלט דער פאָטער זיך געדאַרפט פרייען, וואָס דזשין איז נישטאָ, אָבער מען האָט זיך אָן איר נישט געקענט מער באַגיין. לעזלי האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן, דווקא געוואָלט דעם פאָטער צווינגען צו פרעגן. בעת ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן פאָטערס בליק, האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען און זיי זענען דווקא געבליבן ביי דער עקשנות, זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק.

אַז דזשין איז דערנאָך געקומען צוריק צו דער אַרבעט, האָבן די שותפים — סיי דער פאָטער און סיי מיסטער זיידנער — פרייער אָפּגעאָטעמט. לעזלי האָט גאַנץ גוט באַמערקט ווי מען האָט זיך צו דזשינען גאָר אַנדערש באַצויגן ווי ביז אַהער און מען האָט אַרום איר אַרומגעטאַנצט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון פּאַולינס חתונה און דער פאָטער איז אָפּט אינמיטן טאָג אַוועק פון די „ביזנעס" און ער איז געווען צופרידן, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. פּאַולין האָט געאיילט מיט דער חתונה, און דער פאָטער איז מחמת דעם געווען פאַרנומען אין מיטן טאָג.

מיסטער זעלינג איז איצט אָפּט געקומען צו זיין מחותן, דעם מיסטער דייוויס, אין שטוב אַריין. דעם מחותנס הויז איז

געוועזן אַלט און גרויס און איז געשטאַנען אין אַ רייכער, שטילער גאַס. צוליב די גרויסע רוישנדיקע ביימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, האָט עס דערמאָנט אין אַ פּריצישן פּאַלאַץ. אויך האָבן די שמאָלע, אַלט־מאָדישע פענסטער און די גרויסע פּוסטע שטובן דערמאָנט אַן אַלט־פּרענקישן פּאַלאַץ. כאָטש דאָס הויז איז געווען יוסט און איינגעפּונדעוועט, האָט זיך הערשן געדאַכט, אַז אַלץ פאַלט דאָ איין. די טיר האָט פאַר הערשן געעפנט די מיסיס דייוויס אַליין און באַלד האָט איר פּנים זיך צעשפּרייט אין אַ ברייטן העפלעכן שמייכל, וואָס איז די אותו רגע צוריק פאַרשוווּנדן און דאָס פּנים איז צוריק געוואָרן פאַרגליווערט און קאַלט, ווי אַ שטיין. די מיסיס דייוויס האָט דעם גאַסט אַריינגעפירט אין מאַנס קאַבינעט, ס׳זאָל הייסן, אַז ער איז בלויז געקומען צוליב געשעפט... זי האָט אַריינגעברענגט טיי און ביסקעטס און געבעטן צו וואַרטן אויפן מאַן. בעת־מעשה האָט זי זיך אַליין אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם מחותן און אים אָנגעקוקט מיט פאַרגליטשטע אויגן פון אַ פיש.

אַז מיסטער דייוויס, אַ הויכער און אַ זיכערער אין זיך, איז אַריינגעקומען, האָט מען גערעדט וועגן דער חתונה. מען האָט באַשטימט די סינאַגאָגע און דעם זאַל, גערעדט וועגן אַרויסשיקן איינלאַדונגען. מיסטער דייוויס האָט געוואָלט, אַז די חופּה זאָל פאָרקומען אין דער סינאַגאָגע, ווו ער איז אַ מיטגליד און זיין ראַביי זאָל געבן חופּה־קדושין.

אַלעמאָל, אַז מיסטער זעלינג האָט זיך שוין געאיילט אַהיים, האָט אים מיסטער דייוויס איינגעהאַלטן ביי דער טיר און אים געפרעגט שטענדיק דאָס זעלבן, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געדענקט דעם מחותנס ענטפער.

— מיסטער זעלינג... — האָט ער זיך געוואָנדן צו אים — קענט איר מיר אפשר זאָגן פאַרוואָס רעדט מיסטער מענקעס פון דער ...... — האָט ער נישט געדענקט דעם נאָמען — דעט׳ס רייט, „התחיה", אויף אַלע זיצונגען פון באָרד־אָף־דעפּיוטיס דווקא יידיש?!.... מען פאַרשטייט נישט וואָס ער רעדט!... און וואָס שרייט ער כסדר מען זאָל דעמאָקראַטיזירן די קהילה... כ׳בין אַ גוטער ייד... מיין גאָטזעליגער פאָטער האָט הי אויפגעבויט די ערשטע סינאַגאָגע... כ׳גיב געלט אויף „פּאַלעסטיין"... אָבער כ׳פאַרשטיי נישט וואָס די פּוילישע יידן האָבן זיך צוגע־

טשעפּעט צו דער קהילה... און וואָס ווילן זיי דווקא דאָרטן רעדן יידיש?!...

ווען מיסטער זעלינג האָט אים געענטפערט, אַז די פּוי־לישע יידן האָבן אַ רעכט צו זיין פּאַרטרעטן אין דער קהילה, פּונקט ווי די ענגלישע יידן, האָט ער אים פון העפלעכקייט־וועגן געגעבן געזעגנט, אָבער אין קאָפּ איז עס אים נישט געקראָכן.

דעם טאָג פון דער חתונה, ווען מיסטער און מיסיס זעלינג האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן יום־טובדיק און די כלה איז געשטאַנען אין ווייסן ווּאַלן און געוואַרט מיט גרויס אומגע־דולד, אַז מען זאָל פאָרן אין סינאַגאָגע, האָט מען זיך ארומגעזען, אַז מאָרי איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַרטיק מיט זיין אָנטאָן. ווי קיינמאָל גאָרנישט, איז ער געזעסן ביי זיך אין צימער, אַרומגע־רינגלט פון זיינע ביכער און ער האָט זיך געלערנט. ערשט אין דער לעצטער רגע, ווען דער אויטאָ איז שוין אָנגעקומען און גע־וואַרט אויף דער כלה, האָט זיך מאָרי גענומען אָנטאָן. בעת ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט די מאַמע פּלוצים באַמערקט, אַז ער האָט זיך נישט אָנגעטאָן יום־טובדיק, נאָר געטראָגן זיין וואָכע־דיקן אנצוג.

פאַר דער סינאַגאָגע האָבן שוין געוואַרט אַ סך אויטאָס, וואָס זענען געפאָרן אַהין־און־צוריק און האָבן געזוכט אַן אָרט וווּ זיך צו שטעלן. מען האָט נישט געזען קיין מענטש, נאָר אויטאָס. ערשט אינעווייניק, אין דער גרויסער סינאַגאָגע, האָט מען באַמערקט ווי עס טוליען זיך איינזאַם צו די בענק עטלעכע אויסגעפּוצטע בינטלעך מענטשן. בעת חתן־כלה, צוזאַמען מיט די אונטערפירערס, זענען געשטאַנען אונטער דער חופּה, האָט מאָרי דערזען, אַז די מאַמע איז שטאַרק צעטראָגן. זי ווישט זיך מיט אַ טיכל די אויגן, הערט זיך שטאַרק איין צום קול פונם ראַביי, וואָס טראָגט זיך פייערלעך איבער דער גאַנצער סינאַ־גאָגע, אָבער פונדעסטוועגן זעט מאָרי, אַז די מאַמע איז נישט צופרידן און איז עפּעס זייער אויפגערעגט. מאָרי איז געשטאַ־נען לעבן זיידן, וואָס האָט זיך דאָ נישט געפילט מיט אַלעמען און ער האָט נישט געוואָלט מער נאָכטראַכטן וועגן דער מאַמען, זיך געצווּונגען אין איר צו פאַרגעסן. מאָרי איז געווען פאַר־נומען מיטן זיידן, וואָס האָט זיך דאָ געפילט פרעמד, ווי דאָס אַלץ וואָלט צו אים קיין שום שייכות נישט געהאַט.

נאָך דער חופּה אין דער סינאַגאָגע, האָט דער זיידע נישט געוואָלט פאָרן צום פּרינצעס־האָטעל צום חתונה־„דינער" און מאַרי האָט אים געמוזט אָפּפירן אַהיים. ער האָט זיך קוים געקענט דורכשטופּן מיטן זיידן צווישן די פיל אויטאָס, וואָס האָבן זיך אין אַ לאַנגער שורה געלאָזט פאָרן נאָך דעם אויס־דעקאָרירטן אויטאָ, ווו ס'זענען געזעסן חתן־כלה. אַז מאַרי האָט אָפּגעפירט דעם זיידן אַהיים, האָט ער נישט אינזינען געהאַט זיך אומצוקערן אויף דער חתונה, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש טאַטע־מאַמע און קעגן זיין ווילן איז ער געקומען אַהער.

מאַרי האָט געבלאָנדזשעט איבער די רייכע, גרויסע, העל־באַלויכטענע זאַלן פון האָטעל, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף דעם זאַל, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער חתונה־מאָלצייט. ער האָט דאָ זיך אָנגעשטויסן אויף חתן־כלה און אויף די מחותנים פון חתנס און כלהס צד, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די טונקל־רויטע טעפּיכער אין צוויי גלייכע שורות און זיך באַ־גריסט מיט די חתונה־געסט. די כלה האָט פון הינטערן וועלאָן אויסגעשטעלט איין באַק, דערנאָך די צווייטע, זיך געקושט מיט די געסט און בשעת־מעשה צוגענומען די חתונה־מתנות, וואָס מען האָט איר אַריינגעשטעקט אין דער האַנט. אַז אירע הענט האָבן שוין געהאַט צופיל מתנות צו האַלטן, האָט זיי ווער ביי איר צוגענומען, כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר פרישע מתנות.

נאָכדעם ווי דער עולם האָט אויסגעטרונקען צוביסלעך משקה ביים קאָקטייל־באַר, האָט מען זיך געזעצט צום טיש, ווו די טישטעכער און אויפגעטורעמטע סערוועטלעך זענען געווען שטייף, ווי בלעך און ווייס, ווי פריש־געפאַלענער שניי. יעדער האָט געהאַט זיין אָנגעצייכנט אָרט ביים טיש. לעבן באַשטעק זענען געלעגן ווייסע וויזיט־קאַרטלעך מיט די נעמען פון די געסט. ס'האָט שוין ווער געזאָרגט דערפאַר, עס זאָלן נישט זיצן צוזאַמען די יאהודים מיט די פּוילישע יידן.

פּלוצים האָט זיך מאַרי געכאַפּט פאַרוואָס די מאַמע איז נאָך אין דער סינאַגאָגע געווען אַזוי צעוודערט. אויבן־אָן ביים טיש, לעבן חתן־כלה און די מחותנים, איז געזעסן לעזלי מיט דזשינען. די מאַמע האָט אַלעמאָל אַ דערשראָקן־פאַרבאַהאַלטע־נעם בליק געוואָרפן דאָרט־אַהין, ווו ס'איז געזעסן דזשין...

צווישן די געסט האָט אויך מאָרי מיטאמאָל באמערקט די צוויי באַנק־„מענערזשערס", וואָס זענען געווען ביי זיין בר־מצווה. לעבן זיי איז געזעסן מיסטער און מיסיס זיידנער מיט סוזענען, און מיסטער זיידנער האָט, פּונקט ווי אויף זיין בר־מצווה, געמוזט אויפקלערן די גויים, וואָס עס באַטייטן די אַלע חתונה־מנהגים. מאָרי האָט געזען, אַז מיסטער זיידנער האָט הנאה פון דעם, וואָס דווקא אים איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די אַרבעט.

כדי צו פאַרהיטן מען זאָל נישט עסן קיין טריפות, האָבן די קעלנערס, אין לאַנגע, גלאַנציק־שוואַרצע פראַקן, דערלאַנגט צום טיש בלויז פיש און סאַלאַט. אַזוי־ווי דאָס עסן האָט זיך זייער לאַנג געצויגן, האָט די אָנגעצויגענע, פייערלעכע שטילקייט ביסלעכווייז אָפּגעלאָזט און די געסט האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט איינצלנע ווערטער. די אויסגעפּוצטע ווייבער האָבן מיט זייטיקע בליקעלעך באַקוקט איינע ביי דער אַנדערער די שטעטער און גערעדט וועגן מאָדעס און די מענער האָבן גערעדט וועגן די קומענדיקע פערד־געיעגן...

נאָך פאַרן בענטשן האָט מיסטער זיידנער דורכגעפירט דעם „אַפּיל". די מחותנים זענען שוין פריער דורכגעקומען צווישן זיך, אַז האַלב פונם געלט זאָל גיין פאַר ארץ־ישראל און האַלב פאַר דער „וועלפעיר־סאָסייטי".

נאָכדעם ווי דער ראַביי האָט אין זיין „ספּיטש" שטאַרק געלויבט דעם פאָטער פון חתן און דער עיקר זיין זיידן, וואָס האָט פיל געהאָלפן ביים אויפבויען דאָ הי די ערשטע גרויסע סינאַגאָגע, האָבן שוין אַלע שפּעטער איבערגעחזרט זיינע רייד. מען האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן דעם אייגענעם יחוס פונם חתן, וואָס איז געווען אַ זעלנער אין דער מלחמה און געקעמפט פאַרן אויסטראַלישן פאָטערלאַנד.

מאָרי האָט באמערקט, אַז זיין פאָטער זיצט בלאַס. ער איז באַליידיקט, ווייל מען האָט אים וויניק דערמאָנט אין די „ספּיטשעס". אָבער מיטאמאָל האָט זיך ווער אויפגעשטעלט און גערעדט וועגן די פאַרדינסטן פונם מיסטער זעלינג פאַר דער היגער יידישער געזעלשאַפט און ביים פאָטער האָבן די אויגן אָנגעהויבן צוריק לעבעדיק צו גלאַנצן.

צום סאַמע סוף האָט אויף די אַלע שבחים געדאַנקט דער

חתן. ער איז געווען זייער גערירט און אלעמאל מיט פייכטע פארליבטע אויגן געקוקט צו דער כלה. פאולין האט באַמערקט, אַז דאָס מויל האָט נאָך אַלץ ביי אים קרענקלעך געציטערט, פונקט ווי אין די ערשטע טעג, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט.

בעת מען האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן, האָט צום ערשטן געטאַנצט אַליין דאָס נייע פּאָר — פיליפּ מיט פאולינען. זיי האָבן געטאַנצט אַ וואַלס און זייערע חברים און חברטעס זענען געשטאַנען אַרום אין אַ קרייז און זיי אַפּלאָדירט. פּאַוילין האָט זיך שטאַרק געטוליעט צו פיליפּן, אָבער אירע אויגן האָבן נאָכאַנאַנד געבלאָנדזשעט אויף דער טיר, אויף די שויבן, ווו עס איז בלוי געשטאַנען די נאַכט. זי האָט זיך געשראָקן, אַז עס וועט זיך דאָ אַ ליאַדע מינוט אויפּפּראַלן די טיר און עס וועט זיך דאָ ווער אַריינרייסן...

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

# אין די בערג

מאַרי איז אַרויסגעקומען פון דער באַן־סטאַציע, זיך אַרומגעקוקט איבער דער זונטיקדיק־ליידיקער גאַס. ס'איז געווען זייער פרי און די שטאָט איז נאָך געשמאַק געשלאָפן. דאָ און דאָרט זענען אַרויסגעשוווּמען איינציקע פאַרבייגייער און ס'האָט זיך מאַרין געדאַכט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד. דאָס זענען געווען מן־הסתם שפּעטע אַהיים־גייער פון אַ הוליאַנקע, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז באַגינען. איבער די נישט־צוגעקערטע גאַסן האָט זיך געבלייבט דאָס מאָרגן־ליכט, וואָס איז נאָך געווען פאַרוועבט מיט שטיקער נעפּל. איין זייט הימל האָט געפלאַמט, ווי אַ פּנים, וואָס רויטלט זיך בלויז אַ העלפט. ס'איז געווען פרימאָרגנדיק־קיל. אין מאַרים אויערן איז נאָך געשטאַנען דאָס פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון און דאָס געקלאַפּעריי פון די באַנען, וואָס האָבן געטוישט די רעלסן.

מאַרי האָט ערשט צו דער באַן אָפּגעפירט זיין חבר באָב, וואָס איז געפאָרן קיין בריזבעין און ער האָט געשפּירט אין זיך אַן אומעט. באָב האָט נישט געוואָלט מער הי פאַרבלייבן, ס'האָט אים געצויגן זיך צו לאָזן איבער אויסטראַליע. ער וועט אומעטום באַקומען אַרבעט, פאַרדינען אומעטום זיין שטיקל ברויט. מאַרי זעט נאָך באָבס העלן קאָפּ אין פענסטער פון וואַגאָן, בעת זייער געזעגענען זיך. זייער געזעגענען זיך איז געווען אַנדערש פונם געזעגענען זיך פון די איבעריקע מענטשן אויף דער באַן־סטאַציע. ס'האָט זיך מאַרין געדאַכט, אַז באָב האָט אויף אים פאַראיבל, ווייל ער האָט אים נישט געבאָרגט דאָס געלט. אמת איז, אַז ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן, אָבער מאַרי האָט זיך צוליב דעם שלעכט געפילט און ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן דעם חבר אין פּנים אַריין. ער איז געווען זיכער, אַז באָב ווייסט וועגן זייערע גוטע „ביזנעס" און ער איז

אים חושד, אַז דאָס געלט האָט אים קאַליע געמאַכט. באָב האָט טאַקע דאָס געלט מער נישט באַדאַרפֿן, ווייל פֿון זיין דערפֿינ־דונג איז גאָרנישט געוואָרן — אָבער מסתמא לייגט ער אַרויף די שולד אויף אים. אויך מוז באָב האָבן צו אים טענות וואָס לעזלי האָט נישט חתונה מיט דזשינען. באָב האָט דאָס טאַקע קיינמאָל נישט דערמאָנט, אָבער ס׳מוז אים זיכער באַרירן.

די גאַנצע צייט, וואָס באָב איז געווען אין מעלבורן, פֿלעגן זיי זיך טרעפֿן און זיי זענען געווען גוטע חברים, אָבער לעצטנס האָט זיך אָפּטמאָל געשפּירט, אַז זיי האָבן נישט אַזאַ גרויסן אינטערעס איינער פֿאַרן אַנדערן, ווי זיי האָבן געהאַט יינגל־ווייז. אַז באָב האָט מאָרין דערקלערט זיין דערפֿינדונג, געצייכנט אויף פּאַפּיר פֿאַרשידענע שרייפֿעלעך, רעדלעך, ספּרענזשינעס, געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם, אַז ער האָט גאָרנישט מער געזען — האָט בלויז מאָרי פֿון העפֿלעכקייט־וועגן זיך געמאַכט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. נאָכן דורכפֿאַל, האָט באָב זיין דערפֿינדונג אַלץ נישט געהאַלטן פֿאַר פֿאַרשפּילט, געהאַט נייע איינפֿאַלן. מאָרי האָט ווידער געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען באָבן נישט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען פֿאַרנומען אין „הבונים", זיך געלערנט אויף דאָקטאָר און אויך האָט סוזען אים פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. לעצטנס האָט ער זיך אויך געטראָפֿן מיט לאָניאַ וואַלד.

ווען מאָרי האָט אַמאָל באָבן געזאָגט, אַז ער קלערט צו פֿאָרן קיין „פּאַלעסטיין", האָט באָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס ציט אים אַהין. זאָל ער בעסער זיך לאָזן מיט אים איבער אויסטראַליע... וויניק זאַכן איז דאָ צו זען? האָט ער שוין געזען אויסטראַליע, וואָס ער דאַרף ערגעץ אַנדערש פֿאָרן? מאָרי האָט אים דעמאָלט עפּעס לאַנג אויפֿגעקלערט — אָבער עס איז באָבן נישט אַריין אין קאָפּ. וואָס פֿעלט אים אין אויסטראַליע? בכן ער האָט זיך אַמאָל געשלאָגן מיט יינגלעך אויף דער גאַס — וועמען טרעפֿט דאָס נישט? ער קלערט צופֿיל אין אַלץ אַריין, מאַכט באַלד פֿון אַלץ אַ גאַנץ וועזן! די אויסטראַליער זענען נישט אַזוי! זיי נעמען אַלץ אויף לייכט... ס׳קען זיין, אַז יידן זענען אַנדערש, גריבלען זיך אין אַלץ, ווי ער, מאָרי... ס׳דערמאָנט

זיך אים די חורבה, ווו ער האָט אַמאָל באַהאַלטן מאָרין און זיי האָבן זיך צעווערטלט וועגן יעזוסן...

בשעת באָב האָט אים דאָס אַלץ געזאָגט, איז מאָרין געקור־מען אויפן רעיון דער טאָג, ווען זיי זענען אַוועק פון ראָזמאַר און באָבס פאָטער, דיק דער „טראַק־דרייווער", האָט ביים געזעגענען זיך געפרעגט זיין טאַטן, וואָס ער אַנטלויפט פון ראָזמאַר. וואָס איז, מען באַהאַנדלט אים דאָ שלעכט? מען באַציט זיך דאָך צו אים, ווי צו אַן אייגענעם...

ס'איז אָבער דאָך געקומען צו אַ שטיקל נישט פאַרשטיין זיך צווישן אים און באָבן, ווען באָב האָט אים פלוצים אַמאָל געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין, וואָס זיין שוועסטער גייט אַרום מיטן „דייגאָ", אין דער צייט ווען איר חתן איז אַוועק זיך שלאָגן פאַר אויסטראַליע. דאָס זידל־וואָרט „דייגאָ" אין זיין חברס מויל, האָט מאָרין אָנגעפילט מיט אַ ציטער און ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפגערוקט פון חבר. מ'האָט אים דערמאָנט די אַלע זידל־ווערטער, מיט וועלכע מען רופט די יידן. באָב האָט אָבער נישט באַמערקט, וואָס אין מאָרין קומט פאָר, זיך איינגאַנצן נישט געפילט שולדיק, ווי גאָרנישט וואָלט געשען.

ווען מאָרי איז געשטאַנען ביים צוג, איז דאָס אַלץ אויפגע־שוואומען אין זיין זכרון און ער האָט נישט באַמערקט ווי דער צוג האָט מיטאַמאָל גערירט פון אָרט. ערשט ווען די באַן האָט אָנגעהויבן צו פאָרן און ער האָט דערזען דעם חברס העלן קאָפ אין פענסטער, האָט ער זיך פלוצים געכאַפט, אַז ער האָט זיך מיט באָבן נישט געזעגנט און ער האָט אָנגעכאַפט זיין אויס־געשטרעקטע האַנט און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן. דערנאָך איז ער אַ שטיקל צייט נאָכגעלאָפן דעם אַוועקגייענדיקן צוג מיטן חברס קאָפ אין פענסטער, ווי מען לויפט נאָך אַ געליבטע, וואָס פאָרט אַוועק. ער האָט עפעס געשריגן, זיך מיטאַמאָל געכאַפט, אַז ער האָט נישט געזאָגט באָבן דאָס, וואָס ער האָט אים געהאַט צו זאָגן. אַז דער צוג איז פאַרשוווּנדן, האָט ער דערפילט אַ הוילקייט אין זיך, וואָס האָט אים געפרעסט און איז איבערגעגאַנגען אין אַן אומעט.

בעת מאָרי איז אַרויס פון דער באַן־סטאַציע און האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין אויטאָ, האָט ער נאָך אַלץ שטאַרק געפילט

דעם אומעט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אים. אַז ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויפֿן אויטאָ, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס זיינע עלטערן טוען אַלץ לעצטנס, כדי ער זאָל נישט איבעררייסן דאָס לערנען. זיי האַלטן אים אין איין אונ־טערקויפֿן. אַט האָט אים דער פֿאָטער געגעבן זיין אויטאָ צום פֿאָרן און עס אַרט אים נישט, וואָס ער מוז טיילמאָל אַליין פֿאָרן מיטן טראַמוויי. אָבער מאָרי ווייסט נישט, צי ער וועט ווייטער שטודירן אויף דאָקטאָר. ער זעט כסדר דעם מת אין פּראָסעקטאָריום. ער זעט די האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן, וואָס ווינקען צו אים מיט אַזאַ אָפּשפּעטעריש געלעכטערל, גלייך זיי וואָלטן אים געזאָגט, אַז אויף יעדן מענטש וואַרט דער זעלבער סוף. טיילמאָל קוקן צו אים די אויגן מיט אַ טענה. דעמאָלט דאַכט זיך אים, אַז דער מת לעבט און ער האָט פֿאַראיבל אויף אים, וואָס ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו שניידן פֿון אים שטיקער... מאָרי ווייסט נישט, צי ער וועט ווייטער שטודירן אויף דאָקטאָר. ער וואָלט גערן זיך געוואָלט לערנען עפּעס אַנדערש.

מאָרי האָט נישט געוווסט, צי זאָל ער פֿאָרן אַהיים, צי זאָל ער גלייך פֿאָרן אָפּוואַרטן לאַניאַן. זי האָט שוין מער נישט געוווינט אין הילפּס־פֿאַנד־הויז, נאָר אין אַ דירה אין קאַרלטאָן. מאָרי האָט נאָך געהאַט אַ ביסל צייט. שטענדיק, ווען ער האָט בלויז געטראַכט וועגן לאַניאַן, איז אים דער אָטעם פֿאַרשפּאַרט געוואָרן און ער האָט דערפֿילט אַ הוילקייט אין מאָגן, פּונקט ווי ער וואָלט שוין געשטאַנען מיט איר פּנים־אל־פּנים. ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס לאַניאַ לאָזט אים נישט קומען צו זיך אין שטוב אַריין און ער מוז זי אַלעמאָל אָפּוואַרטן אויף דער גאַס. צי האָט זי מורא מען זאָל אויף איר שלעכטס נישט רעדן, צי וויל זי אים נישט ווייזן, אַז זי איז שוין אַ מוטער פֿון אַ קינד...

מאָרי האָט זיך באַשטעלט אויף היינט אינדערפֿרי מיט לאַניאַן און זיי האָבן געזאָלט אַרויספֿאָרן אין די בערג. זי איז שוין געווען אַ צייט לאַנג אין לאַנד און זי האָט נאָך ווייניק געזען די „קאַונטרי“. זיי האָבן געזאָלט פֿאָרן באַלד באַגינען, אָבער ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מאָרי האָט געדאַרפֿט

אַפּפּירן באָבן צו דער באַן און ער האָט זיך געמוזט מיט לאַניאַן באַשטעלן אויף שפּעטער. ער האָט נאָך געהאַט אַביסל צייט, אָבער פונדעסטוועגן איז ער אינדערהיים נישט אָפּגעטרעטן און זיך געלאָזט פאָרן גלייך צו לאַניאַן. ער האָט געוואָלט וואַרטן אויף איר אין אויטאָ — אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו זיצן אויף איין אָרט און זיך געדרייט אויפן טראָטואַר אויף און אָפּ. יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך ערגעץ אויפגעמאַכט אַ טיר, האָט ער דערפילט אַ ציטער און דאָס בלוט האָט אים אָנגעהויבן גיך צו לויפן. ער האָט באַלד אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט, וווּ ס'האָט זיך געהערט דער קרעכץ פון דער טיר און די יינגלערישע בלאָנדע האָר האָבן זיך אים צעשיט אויפן שטערן. כדי צו פאַרטרייבן די צייט האָבן זיינע לאַנגע פיס אויפגעזוכט ערגעץ אַ שטיין און ער האָט אים אָנגעהויבן צו קאָפּען. ס'האָט זיך אים דערמאָנט די פאַרזשאַווערטע פושקע, וואָס ער האָט געקאָפּעט יינגל־ווייז, ווען די חברים האָבן אים אָפּגעשטויסן. דעמאָלט האָט ער די פושקע מכלומרשט צוליב אַ צופאַל, אַ שטויס געטאָן אין דער ריכטונג פון די אַבאָרידזשין־קינדער און ס'איז אַוועק אַ שפּיל. אָבער איצט האָט ער זיך נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן און געוואָלט, אַז לאַניאַ זאָל שוין סוף־כל־סוף אַרויסקומען. עס וואָלט נאָך אפשר צייט געווען צו פאָרן אינם יידישן „סעטלמענט" צו סאַשאַ פּאָפּעוו, כדי מיט אים איבערצורעדן, ער זאָל איבערנעמען די אָנפירערשאַפט אין דער „הכשרה", וואָס איז נישט ווייט פון דעם „סעטלמענט". סוזען איז נישט איינמאָל צוגעשטאַנען צו אים, זיי זאָלן פאָרן צום מיסטער פּאָפּעוו און איבעררעדן מיט אים מכוח דעם. כדי אים אונטערצוקומען, איז סוזען געקומען צו אים אַלעמאָל מיט נייע איינפאַלן און זי האָט זיך אַריינגעטאָן זייער שטאַרק אין דער אַרבעט פון „הבונים". זי האָט געוווּסט, אַז מיט דעם קען זי אויף אים האָבן אַ השפּעה. בשעת מאָרי האָט געטראַכט וועגן סוזענען, האָט ער זיך אויך אינאיינוועגס דערמאָנט אין איר מוטער, וואָס זוכט שוין, ווי מיט ליכט, אַ חתן פאַר אירעטוועגן — און אַ שמייכל האָט קרומלעך זיך באַזעצט אויף זיין פּנים. מאָרי ווייסט, אַז פונם יידישן „סעטלמענט"

איז כמעט גאַרנישט געבליבן, די יידן ציען זיך אַוועק אין דער שטאָט און סאַשאַ פּאַפּעוו געהערט צו די לעצטע געציילטע עקשנים, וואָס ווילן דאָס דאָרף נישט פאַרלאָזן. סאַשאַ פּאַפּעוו וואָלט מיט זיינע אַנווייזונגען פיל צוגעהאָלפן אין דער „הכשרה". ווען לאַניאַ קומט שוין אַרויס, וואָלטן זיי נאָך באַוויזן אפשר צו פאַרן אינם „סעטלמענט".

מאַרי האָט זיך נאָך אַלץ געשפּילט מיטן שטיין, געשטויסן אים לייכט מיט איין פוס, ווי אַ פוטבאָל, אָבער פּלוצים האָט ער דערפילט אַ בליק אויף זיך, וואָס איז געקומען פון גאַר נאָענט. ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען לאַניאַ וואַלד, וואָס איז געשטאַנען אַזוי האַרט לעבן אים, אַז זי האָט אים אָנגערירט מיט די קעמל־האָר פון איר מאַנטל, אין וועלכן זי איז געווען איינגעהילט. דאָס איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַז ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו דערפילן דעם צאַפּל אין זיך, וואָס ער דערפילט אַלעמאָל, ווען ער באַגעגנט זיך מיט לאַניאַן. דער צאַפּל איז געקומען צו אים ערשט שפּעטער. ער האָט נישט באַוויזן אויפצומאַכן דאָס מויל, ווי לאַניאַ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו אים מיט אַ דינעם שפּליטער חוזק פאַרבאָרגן אין אירע גראַנאַטענע אויגן:

— געפּאַקט דאָס יינגל ביים שפּילן זיך... — האָט זי אים מיט אַ פינגער פון אירע אַביסל צו־גרויסע הענט וואָרנדיק־לייכט געפּירט פאַרן פּנים.

— יאָ, געטאָן עס, כדי צו דערהרגענען די צייט... — האָט מאַרי איבערגעזעצט דעם ענגלישן זאָג אויף יידיש — כ'האָב זיך דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן... דעמאָלט האָב איך זיך אויך ליב געהאַט אַזוי צו שפּילן...

זיי האָבן זיך אויף אַ רגע גלייך אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן מיט די בליקן.

פונדעסטוועגן איז מאַרי נישט צופרידן געווען, וואָס לאַניאַ האָט אים אַ שטאָך געטאָן און ער האָט געזוכט איר צוריק צו ענטפערן מיט עפּעס, וואָס זאָל איר אויך ווי טאָן. ער האָט זיך שוין נישט איינמאָל געכאַפּט, אַז זי באַהאַלט אויס דאָס טעכטערל פאַר אים און ס'האָט זיך אים איצט זייער געגלוסט זי צו פרעגן פאַרוואָס זי האָט דאָס קינד נישט מיטגענומען מיט

זיך. אַזאַ שפּאַציר וואָלט זיכער גוט געווען פאַרן קינד. דער געדאַנק איז אים בלויז אויף אַ רגע געקומען אין קאָפּ און ער האָט אים באַלד פאַרשטויסן.

לאָניאַ האָט נישט געוואָלט פאָרן צו ווייט, נישט געוואָלט פאָרן אינם „סעטלמענט" צו די יידישע פאַרמער, ווייל אַזאַ אויספלוג וועט זי מיד מאַכן. מאָרגן גאַנץ פרי דאַרף זי זיך אויפהייבן צו דער אַרבעט. זיי זענען געפאָרן אין די בערג. בעת זיי זענען אַרום הינטער דער שטאָט, האָט לאָניאַ אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אויפגעשפּילעט אַביסל די ענג־פאַרמאַכטע בלוזקע אַרום האַלז. כאָטש מאָרי האָט געטריבן דעם אויטאָ, האָט ער פונדעסטוועגן באַמערקט, אַז די עלעגאַנט־אויסגעפּאַסטע הויזן, וואָס זי האָט געטראָגן, האָבן צוגעגעבן אַ רייץ איר גלייכע און אַביסל פולבלעכע פיגור. עס האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעשניטן אירע שטאַרקע און פולע פיס. מאָרי האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען טראָגן הויזן און כאָטש ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'פּאַסט נישט פאַר איר, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געקענט זיך איינהאַלטן און אַלעמאָל זייטיק זי אָנגעקוקט. ער האָט דערזען ווי זי פאַריכט זיך די האָר, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַזוי עזותדיק אַריינגעשניטן דער זילבערנער פּאַס, וואָס איז זיכער געקומען פון פיל לײדן. בשעת זי האָט מיט די פינגער פאַרנומען אירע האָר, האָבן זיך אַנטפּלעקט אירע פולע, בלענדנדיק־ווייסע אָרעמס און ער האָט דערזען דעם בלויען אויסטאַטואירטן לאַגער־נומער, וואָס איז געווען אַביסל צעפלאָסן, ווי אַ געשריפטע אויף אַ לעש־פּאַפּיר. יעדעס מאָל, אַז ער האָט באַמערקט דעם אַביסל צעפלאָסענעם בלוילעכן לאַגער־נומער אויף איר בלענדנדיק־ווייסן אָרעם, זענען אים באַלד אויפן זינען געקומען די אַלע גרויסע פּיינען, וואָס זי האָט געמוזט דורכגיין און אַ פּראָטעסט האָט אים אַ שטיק געטאָן אין האַלז. פונדעסטוועגן אָבער האָט אים דער לאַגער־נומער אויף איר ווייסן אָרעם אָנגעפילט מיט אומרו, ווי דער נומער וואָלט אויך צושטייער געגעבן עפּעס צו איר פרוויאַישקייט. ס'האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען אַ חשק אָפּצומעקן די טינט פון איר האַנט, אַז ס'זאָל איר אַזש ווי טאָן.

דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט איבערן אַספאַלט, געקומען

נענטער צו די בערג, וואָס האָבן זיך געריוויכערט אין אַ בלויליכן נעפּל. אויפן אַספּאַלט האָט מאַרי אַלעמאָל דערזען קאַלוזשעס וואַסער, וואָס האָבן זיך לייכט געראָנצלט. נאָר אַז ער איז צו־געקומען נענטער, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס איז געווען דאָס ציטערנדיקע זילבער פון דער זון, וואָס איז געפלאָסן אויפן וועג. כאָטש זיי האָבן צווישן זיך ווייניק גערעדט, האָט אין מאַרים אויערן כסדר אָפּגעקלונגען לאַניאַס אַנטשלאָסן־זיכער קול מיט דער שאַרפער „ריש". ער איז איצט געווען זיכער, אַז די שאַרפע „ריש" האָט אים באַלד פון אָנהויב אַזוי צוגעצויגן צו איר...

ווען דער אויטאָ האָט זיך גענומען דרייען אויף דעם זילבערן־ווייסן באַנד פון דעם וועג, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט די בערג, איז די זון שוין געשטאַנען איבער די הויכע עקאַליפּטוס־קרוינען. די בערג האָבן זיך געהילט אין אַ גאָלדענעם שפּינ־וועבס. דער „בוש" איז דאָ געווען געדיכט און די פיל פאַרפלאָכטענעביימער־שטאַמען האָבן זיך געוויקלט, ווי ווייס־פאַרפלאָנטערטע אָדערן. אַזוי ווי ס'איז נאָך געווען ווייט צו זומער, זענען די בלעטער געווען זאַפטיק־פריש און זענען שטייף געהאַנגען, ווי זילבערן־געליישטע בלעכלעך. צווישן די בערג האָבן זיך געגעסט קליינע קאַליריק־געפאַרבטע הייזלעך, ווי פאַרגעסענע שפּילצייג, וואָס אַ קינדעריש הענטל האָט צעזייעט. אַז לאַניאַ האָט אַראָפּגעקוקט פון די בערג, האָט זי מיטאַמאָל באַמערקט ווי הויך זיי זענען. דער טאָל איז געווען אַזוי נידעריק, אַז זי האָט אים כמעט נישט געזען. זי האָט בלויז געזען אַ בלויען חלל, וואָס האָט זיך געוויגט פאַר איר ראיה. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די וועלט שווימט אין אַ בלויען גלאָזיקן ים, וואָס איז איינגעוועבט אינם גאָלד פון דער זון.

— דאָ אין די בערג זעט מען גאָטס האַנט... — האָט מאַרי מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן — וואָס זאָגט איר צו די שיינקייטן פון דער אויסטראַלישער „קאַונטרי"?... איז ביי אייך אין פּוילן אויך אַזוי שיין?... די מאַמע זאָגט, אַז אין פּוילן איז נאָך שענער... כ'קען עס נישט גלויבן... מיר איז דאָס אַלץ נאָענט... כ'בין דאָ געבוירן געוואָרן...

— יאָ, ס'איז באמת זייער שיין... גוט, וואָס איר האָט

מיך אהער גענומען. כ'האָב שוין נישט איינמאָל באַמערקט, אַז איר זענט אַביסל פרום, מאָרי... איז עס אמת?...

— ס'איז אמת... — האָט מאָרי נישט באַלד געענטפערט — יינגלווייז בין איך געווען גאָר פרום... דער זיידע האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע השפעה... ער איז אַן ערלעכער מענטש... האָט נישט ליב קיין פשרות... קען זיך נישט צופּאַסן צום לעבן...

— דאָ אין די בערג זעט מען גאָט... אָבער אין די געטאָס, אין די לאַגערן האָט מען גאָט נישט געזען... ער האָט זיך באַהאַלטן... דאָרטן האָט מען אים זייער געדאַרפט האָבן!...

מאָרי האָט נישט געענטפערט, זיך פאַרטראַכט. מיטאַמאָל האָט ער געהערט ווי לאָניאַ טוט אַ זאָג מיט אַ טראָפּעלע חוזק אין איר זיכער קול:

— און צו פאָרן מיט מיר אַליין אין אַן אויטאָ, איז נישט קיין זינד?...

— ניין... נישט קיין זינד... — האָט מאָרי זיך אַביסל געוואַקלט, אָבער באַלד אַנטשלאָסן געענטפערט — דאָס איז אינגאַנצן קיין זינד נישט...

לאָניאַ האָט געהערט ווי מאָרי ענטפערט אַזוי אַנטשלאָסן, דורכגענומען אים מיט אירע גראַנאַטענע אויגן. זי האָט מיטאַמאָל געפרעגט זיך אַליין פון וואַנען זי קומט אַהער. פון וואַנען קומט זי צו פאָרן אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ יונגן בחור? זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, זיך דערפילט שולדיק, ווייל זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם קוק פון מאָרים מוטער, בעת זי האָט זיך מיט איר געטראָפן. דער בליק פון מאָרים מוטער האָט געפרעגט ביי איר ווו זי האָט גענומען דאָס רעכט אויף איר קינד. מאָרי איז נאָך זייער יונג און זי האָט נישט קיין רעכט אים צוצונעמען פון איר. מאָרי איז נאָך אין די יאָרן, ווען אַ זון געהערט צו דער מוטער און נישט צו אַ פרוי, וואָס איז נאָך דערצו פיל עלטער פון אים... איינמאָל, בעת לאָניאַ האָט זיך געטראָפן מיט מיסים זעלינג, האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז יענע בלאָנדזשעט מיט איר בליק איבער אירע הענט, איבער איר האַלז, איבער איר קערפּער. און לאָניאַ האָט דעמאָלט געפילט אַזוי קלאָר, אַז מיסים זעלינג איז זי מקנא. זי איז מקנא אירע

הענט, איר קערפּער, וואָס מאָרי האָט ליב. און דער מאַמעס הענט האָבן אים דאָך אַרומגעטראָגן, האָבן אים געקאָרמעט... לאָניאַ געדענקט ווי זי האָט דעמאָלט פאַרשטעקט אירע הענט פון דער מוטערס אויגן און ווען זי קען, וואָלט זי זיך איינגאַנצן באַהאַלטן, אַבי נישט צו ווערן באַטראַכט פון דעם קנאַהדיקן מאַמישן בליק...

— אָט איז אַ גאַסט־הויז, וווּ מיר וועלן זיך קענען אָפּשטעלן און האָבן „לאַנטש". דאָס איז זייער אַ שיינער פּלאַץ... — האָט מאָרי איבערגעריסן לאָניאַס מחשבות און ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ ווייס־געפאַרבט הייזל, וואָס איז, ווי אַ טויבנשלאַק, געהאָנגען צווישן די בערג — דאָס גאַסט־הויז געהערט צו אַ דייטשן ייִד. ווען קיין געסט זענען דאָ נישטאָ, איז דאָ זייער רואיק...

אַז זיי זענען צוגעפאָרן צום ווייס־געפאַרבטן פאַרקנדל, וואָס האָט אַרומגעצוימט דאָס גאַסט־הויז, האָבן זיי באַמערקט אַ שילד, וווּ עס איז געווען אָנגעצייכנט „ליזע — קאָנטינענטאַל גאַסט־הויז". מאָרי האָט געקענט דאָס אָרט. „ליזע" האָט דאָס גאַסט־הויז געהייסן נאָך דעם אייגנטימערס ווייב, וואָס איז פאַרפּייניקט געוואָרן פון די נאַציס. דער באַלעבאָס פון גאַסט־הויז איז אין בערלין געווען אַ באַרימטער רעכטס־אַנוואַלט. אַז ער איז אַהער געקומען, האָט ער זיך געכאַפּט צו אַלערליי פּרנסות, אַבי צו פאַרדינען אויף ברויט. מיט אַ קאַרג יאָר צוריק האָט ער זיך געמאַכט דאָס גאַסט־הויז, וואָס די טעכטער האָבן אָנגעפירט מיט פיל פּינקטלעכקייט. בעת די משפּחה איז נאָך געווען אין מעלבורן, האָבן די טעכטער געהערט צו „הבונים" און מאָרי האָט זיי דאָרט באַגעגנט. אַז ער האָט זיי איצט געטראָפן אין גאַסט־הויז, האָט ער באַמערקט ווי זיי האָבן זיך זייער געענדערט. בעתן דערלאַנגען צום טיש, האָבן זיי העפלעך געשמייכלט צו די געסט מיט זייערע איידעלע, שטילע פּנימער, אָבער שפּעטער זענען זיי אינגאַנצן ערגעץ נעלם געוואָרן. זיי האָבן אין אַ ווייטן חדר געקעכלט דעם קראַנקן פאָטער, אָפּגעהיטן ער זאָל עפּעס אָפּעסן און האָבן זיין נאָכמיטאָג־שלאָף.

דאָס גאַסט־הויז איז איצט פאַרן זומער־סעזאָן געווען פּוסט און בלויז ווייטע עכאָס פון דעם טומל אין די „האָלידייס", בעת

די דייטשע יידן זענען דאָ איינגעשטאַנען, האָבן אַרומגעבלאָנ־דזשעט אויף דער ליידיקער וועראַנדע און אין די אויסגעליידיק־טע שטובן...

באַלד נאָכן „לאַנטש" האָט מאָרי מיט לאָניאַן זיך אַרויס־געלאָזט אינדרויסן, געבלאָנדזשעט איבער די פּוסטע וועגן, געקראָכן אויף די בערג. זיי זענען געגאַנגען אַזוי נאָענט צוגע־רוקט צו זיך, אַז זייערע הענט האָבן זיך כסדר באַרירט. אַלעמאָל אַז מאָרי האָט דערלאַנגט לאָניאַן אַ האַנט, כדי איר צו העלפן אויף די בערג און ער האָט דערפילט איר אַביסל צו־גרויסע דלאָניע אין זיינער, האָט ביי אים דאָס בלוט אָנגעהויבן האַסטי־קער צו לויפן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער נאַכט אין „הבונים"־לאַגער, בעת ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די בערג און געחלומט, אַז לאָניאַ איז לעבן אים. איצט איז דער חלום געוואָרן וואָר. ער פילט כסדר דעם באַריר פון לאָניאַס אַקסלען, פון אירע אָרעמס, פון אירע הענט.

ווען זיי זענען אַרויף אויף דער הענג־בריק, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער אַ טאָל, האָבן זיי דערזען אַ סך יאַשטשערקעס, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אויף פעלזן און זיך געוואַרעמט אין דער זון. די גאַנצע צייט וואָס זיי זענען געשטאַנען אויף דעם בריקל און געקוקט אויף די יאַשטשערקעס, האָבן זיך די חיהלעך נישט גערירט פון אָרט, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגע־שטאָפּט. צוליב די געפלעקטע, זילבערן־גרויע און ברוינע פעלזן, האָבן די יאַשטשערקעס אויסגעזען פונקט ווי די שטיינער, אויף וועלכע זיי זענען געשטאַנען. מיטאַמאָל האָט זיך איין יאַשטשערקע אַ שנעלן דריי געטאָן, גלייך זי וואָלט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט פון אַן אייביקן שלאָף און איז פאַרשוווּנדן אין אַ הייל צווישן די פעלזן. נאָך איר האָבן אַלע יאַשטשערקעס גענומען שנעל לויפן און ס'איז אויסגעקומען ווי די שטיינער וואָלטן פּלוצלינג באַקומען לעבן און זיך אָנגעהויבן גיך קוילערן...

— פאַר וועמען האָבן זיך די יאַשטשערקעס דערשראָקן?...

— האָט לאָניאַ געפרעגט — די גאַנצע צייט האָבן זיי אונדז אָנגעקוקט און מיטאַמאָל זענען זיי זיך צעלאָפן! כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס דאָס האָט מיך דערמאָנט אין פונקט אַזאַ שיינעם זוניקן טאָג ווי היינט... ס'איז געווען אַ טאָג, אַ מתנה פון גאָט...

און ס׳איז געווען אין לאַגער... עטלעכע פרויען זענען געשטאַנען אינדרויסן, געוואַרעמט דאָס ביסל ביינער אין דער זון... מיטאָ־מאָל האָט איינע גענומען אין טויט־שרעק לויפן... און אַלע זענען איר באַלד אין גרויס בהלה נאָכגעלאָפן...

כאָטש מאַרי האָט זי קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן דעם, כדי איר נישט ווי צו טאָן, האָט זי אים איצט אַליין דערציילט וועגן אירע טעג אין וואַרשעווער געטאָ און אין לאַגער, וועגן איר מאַן, וואָס איז אַוועק קיין רוסלאַנד און זיך דאָרט אַנטוישט אין זיין גלויבן.

— אין אוניווערזיטעט זענען פאַרהאַנען גענוג „לינקע" צווישן די סטודענטן... אַפילו צווישן יידן... — האָט מאַרי זיך אָנגערופן — כ׳מיין אָבער, אַז יידן דאַרפן פריער פון אַלע האָבן אַן אייגן לאַנד, ווי ס׳האָבן אַנדערע פעלקער...ן אַ לאַנד קענען ווידער קומען שחיטות אויף יידן... ס׳קען זיך איבערחזרן דאָס־זעלבע וואָס איז געווען...

— כ׳בין שוין אַזוי מיד פון אַלע אידעען... — האָט לאַניאַ אָנגעקוקט מאַרין — כ׳ווייס אַליין, נישט וואָס מיט מיר איז... כ׳וואָלט זיך שוין וועלן אָפּרוען אַביסל. כ׳האָב געמיינט, אַז אין אויסטראַליע וועל איך געפינען די רו...

ס׳האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן די נאַכט. איבערן וואַלד האָט דער הימל געפלאַקערט. בעת זיי האָבן ן אַראָפּגעקוקט פון די בערג, האָבן זיי דערזען דעם וועג, וואָס האָט זיך געצייכנט ווי אַ דינע ווירע. דער אויטאָ האָט אויסגעזען ווי אַ קליין פינטל. עס איז געוואָרן קילבלעך. אויפן טיף־בלויען הימל האָבן זיך די ערשטע שטערן געצונדן מיט אַ קאַלט גרינלעך פייער. מיטאָ־מאָל איז מאַרי צוגעפאַלן צו לאַניאַס הענט און זיי גענומען הייס קושן.

— אַ דאַנק דיר פאַרן שיינעם טאָג, וואָס מיר האָבן פאַר־ברענגט צוזאַמען... — האָט ער געזאָגט צו איר „דו" — אַ דאַנק...

בשעת מאַרי האָט געקושט אירע הענט, האָט זיך לאַניאַס לייב געקורטשעט פון פיין און אירע פינגער האָבן זיך געצויגן פון גלוסטיקן באַגער אַריינצופאָרן אים אין זיינע בלאָנדע יינגלישע האָר. זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן און ס׳האָט נישט

געפעלט קיין סך זי זאָל דאָס טאָן — אָבער זי האָט זיך באַהערשט און דאָס נישט געטאָן.

אויפן הימל האָבן זיך די שטערן כסדר געמערט און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך געהערט זייער דינער זילבערנער געקלאַנג...

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# דער ברית אין שפּיטאָל

דזשין האָט זיך איצט געהיטן מיט איר שוואַנגערשאַפט. פּונקט ווי אין די ערשטע חדשים פון איר טראָגן, האָט זי זיך פאַר קיינע נישט געהיטן, געוואָלט אַפילו מען זאָל באַמערקן, אַז זי טראָגט, אַזוי האָט זי איצט נישט געוואָלט מען זאָל אויף איר עפּעס אָנזען. ווי געוויינטלעך איז זי יעדן טאָג געקומען צו דער אַרבעט, זיך איצט געפילט אַ סך בעסער ווי אין די ערשטע חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט. בשעת זי האָט זיך אויפגע־הויבן אין דער פרי, האָט זי מער נישט געפילט דעם שווינדל אין קאָפּ און מער נישט אָפּגעגעבן דאָס עסן. ביי דער אַרבעט האָט זי צום ערשטן מאָל דערפילט ווי דאָס קינד באַוועגט זיך, טוט איר אַ שטויס אין בויך. דעמאָלט האָט זי זיך פאַרשעמט אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווייל זי האָט געמיינט, אַז אַלע אַרום איר האָבן דאָס באַמערקט. אָבער קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, מען האָט נישט חושד געווען אַפילו, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדן. איר דינע פיגור איז געבליבן כמעט ווי נישט געענדערט און די ברייטלעכע קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן, האָבן זייער געניט צוגעדעקט די פולקייט אַרום איר שמאָלער טאַליע. בלויז דאָס מבינישע אויג פון אַ קינדלעריין וואָלט געקענט עפּעס ביי איר באַמערקן.

קיינער האָט טאַקע נישט חושד געווען דזשינען, אַז זי טראָגט, נישט געזען קיין שום ענדערונג ביי איר, בלויז דער מיסים זעלינגס וואַכע אויגן האָבן עפּעס יאָ חושד געווען און אָנגעהויבן איר נאָכצוקוקן.

לעזלי איז שוין מער אין דער היים נישט געשלאָפן, גענעכ־טיקט ביי דזשינען אין „פלעט", ווייל ער האָט זי נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין. ביסלעכווייז האָט ער זיך איינגאַנצן צו איר

אריינגעצויגן. אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען דזשינס הייסער קערפּער האָט זיך געצויגן צו אים און אים באַגערט, האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט. בשעת זי האָט אים אינמיטן דער נאַכט געוועקט, געוואָלט אים ווייזן ווי דאָס נפשל ביי איר אין בויך באַוועגט זיך, האָט ער זיך נישט געוואָלט צורירן צו איר אָנגעבלאָזן־וואַרעמען בויך. ער האָט זיך אָנגעהויבן פון איר צו מיאוסן און אין דער זעלבער צייט זיך מורא געהאַט צו איר צוצורירן, טאָמער וועט ער נאָך עפּעס שלעכטס טאָן דעם נפשל ביי איר אין בויך. טיילמאָל בלויז האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שטאָלצקייט און ס'האָט געשפּאַרט אין אים אַ פרייד צוליב דעם וואָס ער וועט ווערן אַ טאַטע. דזשין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט לעזלין איז געשען און זיין באַציונג צו איר, האָט איר ווי געטאָן און דערנידעריקט. זי איז געלעגן לעבן לעזלין מיט אָפענע אויגן און, אָן איינזאַמע, געוויינט אין דער נאַכט. דזשינס געוויין האָט אויפגעוועקט לעזלין און עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זי איינגענומען. און אַז זי האָט זיך קוים מיט לייד באַרואיקט, זענען זיי דערנאָךביידע שטיל לעבן זיך געלעגן. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען וואַך. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָבן זיי מיטאַמאָל דערפילט, אַז זיי זענען נישט אַליין, עס איז דאָ מיט זיי נאָך ווער, וואָס איז זיי ביידע טייער...

די מיסיס זעלינג האָט נאָכגעקוקט דזשינען, געזען ווי זי אַרבעט שווער אין געשעפט. נאָר וואָס שווערער דזשין האָט געאַרבעט, אַלץ מער איז זי געווען זיכער, אַז זי האָט נישט קיין טעות און דזשין איז אין אַנדערע אומשטענדן. דערצו האָט דזשינס פיגור אָנגעהויבן דיקער צו ווערן און די לויזע קליידער האָבן נישט געקענט מער פאַרשטעלן די פולע רונדיקייט פון די היפטן און פון בויך. שיינדלען האָט נישט געאַרט, וואָס דזשין אַרבעט שווער. ס'האָט איר הנאה געטאָן, ווען זי האָט באַמערקט ווי ס'האָבן זיך באַזעצט פאַרעלעך שוויים אויף דזשינס שטערן. ס'האָט זיך אַפילו צו איר אַריינגעכאַפּט אַ געדאַנקעלע, וואָס האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז די אָנגעשטרענגטע אַרבעט וועט דזשינען זיכער קיין גוטס נישט טאָן. זי האָט אָבער דאָס געדאַנ־קעלע באַלד פאַרטריבן פון זיך.

שוין נישט איינמאָל האָט מיסים זעלינג געוואָלט פרעגן לעזלין, וואָס ער קומט נישט אַהיים שלאָפן, וואָס ער האָט זיך אַרויס־געצויגן פון שטוב — אָבער זי האָט דאָס אָפגעלייגט אַלעמאָל אויף אַביסל שפּעטער. זי האָט זיך געשראָקן אים עפּעס צו פרעגן, וואָרן זי האָט מורא געהאַט פאַרן אמת. ס'האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. אַזוי לאַנג זי האָט נישט געפרעגט, האָט זי נאָך אַלץ געהאַט אַ שטיקל האָפענונג. עס איז איר גוט געווען מיט דעם, וואָס זי קען זיך אַליין אָפּנאַרן. זי האָט דאָך געזען, אַז אויך הערש נאַרט זיך אַליין אָפּ און שטעלט נישט צופיל קשיות. עס איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עפּעס אַ נס, וואָס קאָן זי אויסלייזן אין דער לעצטער מינוט.

אויב מיסים זעלינג איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, וואָס לעזלי קומט נישט אַהיים שלאָפן, איז מאָרי דערפון געווען צופרידן. ס'האָט אים שוין נישט פון היינט געאַרט דעם ברודערס באַציונג צו דזשינען. איינמאָל, בעת ער האָט לעזלין געפרעגט, צי קלערט ער חתונה צו האָבן מיט דזשינען, איז דער ברודער אויף אים אַרויפגעפאָרן:

— וואָס מישסטו זיך צו מיר?־ נישט דיינע ביזנעס!... — האָט זיך לעזלים געטאָקט־שיינע פּנים אָנגעגאָסן מיט כעס — איך מיש זיך אויך נישט אין דיינע געשעפטן!

— דו דאַרפסט מיט דזשינען נישט אַרויסגיין מער, אַז האָסט נישט אין זין מיט איר חתונה צו האָבן... פאַרוואָס גייסטו מיט איר אַרויס?...

— ווייל ס'איז מיר גוט אַזוי... ווייל ס'איז מיר אַזוי באַקוועם!... אַנדערסטענד?!

— וואָס־זשע רעכנסטו זיך נישט מיט אירע געפילן? זי האָט דיך ליב!

— שאַט אַפּ! ס'איז נישט דיין עסק!... דו ביזט דאָך פרום... ביזט אַזאַ הייסער ייד... וואָס־זשע ווילסטו כ'זאָל חתונה האָבן מיט אַ שיקסע?... — האָט לעזלי צוגעהאַלטן מאָרין מיט זיין פרומקייט און זיך אויף אַזאַ אופן אַ וויצל געטאָן וועגן דזשינען, אַז ס'האָט מאָרין אויפגעקאָכט.

— מען דאַרף זיין אַ מענטש!... — האָט מאָרי פּלוצים אַ

געשריי געטאָן — אַז ווילסט נישט חתונה האָבן מיט דזשינען, איז אָל־רייט!... אָבער דו דאַרפסט איר דאָס זאָגן... דו דאַרפסט האַנדלען מענטשלעך...

— און ווי אַזוי האַנדלסטו מיט דער, ווי הייסט זי דאָרט, לאָניאַ וואַלד?... זי קען דאָך זיין דיין מאַמע... — האָט לעזלי מיטאַמאָל, פול מיט גיפטיקן חוזק, אַ לאַך געטאָן דעם ברודער גלייך אין פּנים אַריין — ליוו מי אַלאָן! דו קוק בעסער נאָך דיינע ביזנעס!

— שאַט אַפּ!... — איז מאָרי אויפגעשפּרונגען — באַליידיק נישט קיינעם!...

ס'האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז מאָרי זאָל זיך וואַרפן אויף לעזלין. ביידע ברידער זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, זיך אָנגעקוקט מיט האַס. די אייביקע שנאה, וואָס זיין ברודער האָט געפילט צום צווייטן, האָט אויפגעפלאַקערט, אָנגעשרויפט די צעהיצטע געמיטער.

נאָך דעם געקריג מיט מאָרין, האָט לעזלי געוואָלט אין אַלץ פאַרגעסן, ווי זיין טבע איז געווען, זיך נישט געוואָלט צולאָזן קיין עגמת־נפש. אָבער מאָרים ווערטער זענען אים כסדר נאָכגעגאַנגען. ער האָט געזען, אַז ער וועט זיך שוין מער נישט קענען אַזוי ווייטער פירן, ווי ער האָט זיך געפירט ביז איצט. ער וועט נישט קענען אַלץ אַזוי לאָזן הענגען אין דער לופטן. לעזלי האָט געפילט ווי ס'וואַקסט אויף אים אַ יאָך און דאָס האָט אים אַריינגעטריבן אין אַ שטאַרקן כעס. ס'איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ מחשבה ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער קאָן פּטור ווערן פון דזשינען, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. און איינמאָל, בעתן אַהיים פאָרן פון די „ביזנעס", האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן צו דזשינען, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, זיי זאָלן זיך גיין רעגיסטרירן, דורכפירן אַ ציווילע חתונה. די עלטערן וועלן טאַקע פון דעם נישט זיין צופרידן — אָבער ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. כאָטש דזשין האָט לעצטנס נישט דערמאָנט וועגן קיין חתונה, האָט זי שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם, אַז לעזלי זאָל איר דאָס פאָרלייגן און אירע זילבערן־גרויע אויגן האָבן זיך צעפינקלט פון שטילן גליק. דעם אמת געזאָגט וואָלט דזשין געוואָרן אַ יידישע, ווען לעזלי פאַרלאַנגט

דאָס פֿון איר, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז די מאַמע וואָלט זי באַוויינט און זי האָט פֿיינט געהאַט צו זען טרערן אין דער מוטערס אויגן. אפֿנים אַז לעזלי האָט דאָס פֿאַרשטאַנען און זי איז אים דערפֿאַר געווען דאַנקבאַר.

נאָכן רעגיסטרירן האָט זיך דזשין געפֿילט מער זיכער און די מורא האָט זיך פֿון איר אָפּגעטאָן. בשעת זי איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט זי זיך מער נישט געשאַרט אין די ווינקלען. עס האָט איר מער נישט געאַרט, טאָמער וועט מען דערקענען, אַז זי טראָגט. זי האָט באַמערקט ווי די מיסיס זעלינג קוקט זי נאָך אַלץ אָן מיט אַ פֿאַרדעכטיקן בליק און דאָס האָט זי זייער באַליידיקט. זי האָט געוואָלט מיט דער מיסיס זעלינג רעדן, זיך אַראָפּרעדן פֿאַר איר פֿון האַרץ, ווייל זי האָט געפֿילט צו איר אַ נאָענטקייט, ווי צו אַ מאַמען — אָבער שיינדל האָט איר נישט געגעבן דערצו קיין געלעגנהייט. דזשין האָט געזוכט דער מיסיס זעלינגס בליק, אָבער אַלעמאָל, ווען זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט שיינדל זי אַזוי קאַלט אָנגעקוקט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין העזה אויפֿצומאַכן דאָס מויל.

דזשין איז דעמאָלט זייער שטאַרק פֿאַרנומען געווען אין די „ביזנעס”. ס'איז געווען אַקוראַט פֿאַרן סעזאָן און זי האָט געמוזט אין אַ גאָר קורצער צייט צוגרייטן נייע מאָדעלן. דאָס האָט געפֿאָדערט אַ סך קאָפּ־ברעכעניש. די מאָדעלן, וואָס זי האָט געמאַכט, האָבן זייער נושא־חן געווען סיי ביים מיסטער זעלינג און סיי ביים שותּף, וואָס איז געווען אַ גרויסער מפֿונק און זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פֿאַרן גרעסטן פֿאַכמאַן אין דער בראַנזשע. בעת מיסיס זעלינג איז נאָכן איינקויפֿן אין דער „סיטי” אָפּגעטרעטן אין געשעפֿט, האָט זי באַמערקט ווי דזשין אַרבעט זייער שווער. זי נעמט אַרויס באַלעמס סחורה פֿון די פּאָליצעס און לויפֿט כּסדר אַרום דעם לאַנגן צושנייד־טיש, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער פֿאַבריק. און געשען איז עס דעמאָלט, ווען דזשין האָט נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן פֿון אונטערן טיש אַ באַלעם סחורה. דער שווייס איז גערונען איבער איר בלאַס פּנים. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אירע בלייכע הענט האָבן געצויגן דאָס פֿאַרעקשנטע שטיק סחורה. דעמאָלט האָט דער מיסיס זעלינג אַזאַ רחמנות אָנגענומען אויף

דזשינען, אַז זי איז צו איר צוגעקומען און אַפּירגעשלעפּט פאַר איר דאָס שטיק סחורה פון אונטערן טיש.

— רו זיך אביסל אָפּ... — האָט שיינדל שנעל אַ זאָג געטאָן — דו טאָרסט זיך נישט צופיל אָנשטרענגען... ס'איז נישט געזונט פאַר דיר.

דערנאָך האָט שיינדל אונטערגערוקט דזשינען אַ שטול און זיך געהייסן איר אַוועקזעצן:

— זעץ זיך צו אביסל... — האָט זי איר געגעבן עצות, ווי עס גיט עצות אַ מאַמע אירס אַ שוואַנגערע טאָכטער — ס'איז נישט גוט כסדר צו שטיין אויף די פיס...

נאָכדעם ווי שיינדל האָט דאָס געזאָגט, האָט זי מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט און זיך מער נישט אָנגערופן צו דזשינען מיט קיין וואָרט. זי האָט שפּעטער אַלץ דערציילט הערשן און כסדר געזוכט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט לעזלין. אָבער לעזלי האָט שוין באַמערקט, אַז די מאַמע וויל מיט אים רעדן און אַלעמאָל, ווען זי האָט זיך, אַ פאַרזאָרגטע, דערנענטערט צו אים, האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט. ער האָט זיך געמאַכט שטאַרק פאַרנומען און אָפּטמאָל איז ער פון דער מאַמען אַוועק, אַקוראַט דעמאָלט ווען זי האָט זיך צוזאַמענגענומען און די רייד זענען שוין געווען ביי איר אויף דער צונג. שיינדל איז לעזלין אַזוי לאַנג נאָכגעגאַנגען, ביז זי האָט אים סוף־כל־סוף אָנגעכאַפּט. אַז לעזלי האָט געזען, אַז ער האָט שוין מער נישט קיין שום עצה, איז ער, אָנשטאָט אויסצוהערן דער מאַמען, אַרויסגעפאָרן אויף איר דער ערשטער:

— כ'וויס, מאַם, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן!... — האָט ער שנעל געמאָלן די ווערטער, ווי ער וואָלט וועלן פון זיי וואָס־גיכער פּטור ווערן — כ'וויס אַלץ!... אָבער ס'זענען איבעריק דיינע רייד! ס'וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן... כ'האָב שוין חתונה געהאַט מיט דזשינען... מיר האָבן זיך רעגיסטרירט... וואָס ווילסטו פון מיר, מאַם!... ליוו מי אַלאָן! הערסט?... גאָר־נישט וועט דיר העלפן! גאָרנישט!...

ער האָט אויפגעהויבן דאָס קול, אָנגעהויבן צו שרייען אויף דער מוטער. בעת ער האָט געזען, אַז די מוטער ענטפערט נישט, שטייט אַ שטילע, ווי זי וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען, האָט ער נאָך העכער אָנגעהויבן צו שרייען:

— מיר וועלן בקרוב האָבן אַ קינד! הערסט מאַם, וואָס כ'זאָג דיר... און לאָז מיך געמאַך! זאָג מיר גאָרנישט... ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן... גיי אַוועק פון מיר!...

זי איז אַוועקגעגאַנגען, גאָרנישט געזאָגט, ווי זי וואָלט שוין אַליין זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אירע רייד וועלן דאָ גאָרנישט מער העלפן. זי האָט געפילט ווי די פיס ברעכן זיך איר אונטער, נאָך אַ רגע און זי וועט אומפאַלן. אָבער זי איז נישט אומגע־פאַלן. זי האָט איצט געזוכט ווידער אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט דזשינען, כדי זי זאָל דערלויבן, אַז דאָס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן, זאָל זיין יידיש. זי האָט דערצו צו־הילף גענומען דעם מאַן, און בעת זיי האָבן גערעדט מיט דזשינען, האָט זי באַלד מסכים געווען דערויף. אַז עס וועט זיין אַ יינגל, וועט זי עס לאָזן מל זיין... בעת זי האָט דאָס צוגעזאָגט, האָט זיך דזשין פון דעם אַליין אַזוי איבערגענומען, אַז זי האָט געפילט ווי טרערן פילן אָן אירע אויגן. זי איז מיט זיך אַליין שטאָלץ געווען — שטאָלץ געווען, וואָס זי קאָן שוער־און־שוויגער מיט עפּעס אָפּדאַנקען און גליקלעך מאַכן...

בשעת דזשין איז שוין געווען אויף דער צייט, האָט זי זיך נאָך אַלץ גוט געפילט און איז מיט לעזלין אומעטום מיטגעפאָרן. דעם לעצטן זונטיק פאַרן געבוירן, איז זי געווען ביי דער שוויגער אין הויז. אין שטוב איז קיינער נישט געווען, חוץ זי און די שוויגער. לעזלי האָט איבערגעלאָזט דזשינען און איז געפאָרן צו זיינע פריינד מאַכן אַ קערטל. ער האָט צוגעזאָגט זיך צו זוימען מער נישט ווי אַ שעה — נאָר ס'זענען אַוועק עטלעכע שעה און ער האָט זיך אַלץ נישט געוויזן. דזשינען האָבן אָנגע־כאַפּט שטאַרקע ווייען. זי איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ שוויים, וואָס האָט זיך געפּערלט אויף איר שטערן, אויף די איינגעפאַ־לענע באַקן. דאָס פאַרשפּיצטע פּנים איז געוואָרן נאָך שפּיציקער און גרויסע געלבלעך־בלאַסע פלעקן האָבן פול געמאַכט די הויט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין טראָפּן בלוט. די אויגן האָבן שטאַר געקוקט פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן נישט געזען אַרום זיך די וועלט. דזשין האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו שרייען, אָבער אַ פאַרשטיקטער דינער יאָמער האָט אויפגעריסן דאָס פאַרפרעסטע מויל. די הענט האָבן זיך פון ווייטיק געקוירטשעט

און האָבן, ווי שאַרפֿע צווענגלעך, געצופּט דאָס געוואַנד פֿונם פֿאַטעל, ווו זי איז געזעסן.

שיינדל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל, אָנגעקלונגען צו לעזלין, ער זאָל די אותו־רגע קומען, אָבער זיין קול אין טעלעפֿאָן איז געקומען ווי פֿון עפּעס אַ ווייטן קעלער:

— כ׳ענדיק שוין די „גיים"... כ׳קום שוין צו פֿאָרן!... — האָט זיך געהערט זיין פֿאַרטאָן קול אין טעלעפֿאָן — מיר ענדיקן שוין די פּאַרטי...

אָבער ער איז אַזוי גיך נישט געקומען. דזשינס פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער און די געלבלעכע פֿלעקן נאָך געדיכטער. די לאַנגע ציטערנדיקע פֿינגער האָבן נאָך מיט מער עקשנות, ווי פֿריער, געריסן דעם אָנלען פֿון פֿאָטעל.

— קלינג אָן נאָך אַ „טעקסי", מאַדהער, פּליז... — האָט דזשין שיינדלען גערופֿן „מוטער" — כ׳וועל אַליין פֿאָרן אין שפּיטאָל...

— וועסט אַליין נישט פֿאָרן!... כ׳וועל פֿאָרן מיט דיר... — האָט מיסים זעלינג געזאָגט און בעת־מעשה געטראַכט, אַז ס׳איז איר שוין אַזוי באַשערט, זי זאָל צו דעם אַלעם, וואָס זי האָט די לעצטע צייטן אַדורכגעלעבט, מוזן נאָך פֿירן דזשינען אין שפּיטאָל.

די „טעקסי" איז באַלד געקומען. בעת דער פֿאַריאַכמעטער שאָפֿער איז אַריין אין שטוב, האָט ער אַ שנעלן בליק געטאָן אויף דזשינען, אויף איר בויך און ער האָט אַלץ־ווייסעריש אַ שמייכל געגעבן צו זיך אַליין. ער איז אויפֿן גאַנצן וועג צום שפּיטאָל זייער פֿאָוואָליע געפֿאָרן, ווי דער וועג וואָלט געווען פֿון גלאָז.

בעת שיינדל איז מיט דזשינען געזעסן אין אויטאָ, האָט זי זיך דערמאָנט ווי זי איז מיט יאָרן צוריק, ווען מאָרי איז געבוירן געוואָרן, געגאַנגען אַליין בײנאַכט אין ראָזמאַר אין שפּיטאָל אַריין און זי איז צופֿרידן געווען, וואָס זי קען איצט וועמען העלפֿן. אַ פֿרייד האָט געפֿלייצט אין איר צוליב דעם וואָס זי וועט באַלד ווערן אַ באָבע פֿון איר ערשטן אייניקל. נאָר די פֿרייד איז באַלד אויסגערונען, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס אייניקל וועט אַרויסקומען פֿון אַ גוי. אפֿשר וואָלט גלייכער געווען, ווען דאָס אייניקל ווערט נישט געבוירן. פֿונדעסטוועגן

האָט זי כסדר, פול מיט רחמנות, געגלעט דזשינען איבער איר בלאַס פּנים, איבער די ציטערנדיקע הענט און זי געפּרוווט איינעמען. זי האָט געדענקט ווי די קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל אין ראָזמאַר האָט געקניט און געבעטן פאַר איר, ווען זי איז שווער געגאַנגען צו קינד.

— באַרואיק דיך... — האָט שיינדל זייער פּאָרזיכטיק געגלעט דזשינען — ס׳וועט באַלד איבערגיין. וועסט באַלד אַלץ איבערקומען. אַלע פרויען מוזן דאָס אדורכגיין...

דזשין האָט געבוירן אַ ייִנגל. אין איר פרייד האָט זי פאַרגעבן לעזלין, וואָס ער איז נישט געקומען צו דער צייט זי פירן אין שפּיטאָל אריין. דער ברית איז פּונקט צו די אַכט טעג פאַרגעקומען אין שפּיטאָל. צום ברית זענען געקומען מיסטער און מיסיס רעלי פון ראָזמאַר. די מיסיס רעלי האָט געלאַכט און געוויינט. זי האָט זיך געפריידט מיטן אייניקל, נאָר זי האָט זיך אַלעמאָל מיט ביטערניש דערמאָנט, אַז דאָס אייניקל וועט זיין אַ ייִד. די שטראָף איז זיכער איבער איר געקומען, מחמת זי האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ קאַטאָליק!... דיק דער „טראַק־דרייווער" האָט געטרייסט דאָס ווייב, זיך שטיל געבייזערט אויף איר הלמאי זי שטערט די שמחה. ייִד, נישט־ייִד — דאָס איז נישט אַלץ!... ס׳זענען דאָ גוטע יידן און שלעכטע אויסטראַליער... דער עיקר דאַרף מען זיין אַ מענטש!... גוטס און שלעכטס איז דאָ אין יעדן פאָלק...

חוץ דיק דעם „טראַק־דרייווער" און זיין ווייב, זענען אויך צום ברית געקומען פיליפּס עלטערן — מיסטער און מיסיס דייווויס. כאָטש הערש האָט נישט פאַרבעטן דעם שותּף זיינעם אויפן ברית, איז ער פונדעסטוועגן נישט־געבעטענערהייט געקומען מיטן ווייב און טאָכטער. אין מיסטער זיידנערס קאָפּ האָט זיך פאַרגנבעט אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף פאַרשעמען אביסל דעם שותּף זיינעם. דער עיקר האָט וועגן דעם געטראַכט די מיסיס זיידנער. זי האָט געוואָלט נקמה נעמען אין די שותּפים צוליב דער טאָכטער אירער, וואָס האָט איר אָנגעטאָן געברענטע צרות. זינט מאָרי האָט זיך געטראָפן מיט לאָניאַ וואָלד, האָט סוזען אויסגעלאָזט דעם כעס אויף די עלטערן. זי האָט אָנגע־בראָיעט מחלוקתן צווישן טאַטע־מאַמע, דאָ געהאַלטן דעם

פאַטערס צד, דאָ דער מוטערס. ס׳איז נישט מעגלעך געווען זי איינצונעמען.

בשעת מיסטער זיידנער איז אַרומגעגאַנגען איבער די לאַנגע ווייסע שפּיטאָל־קאָרידאָרן און געזוכט דאָס צימער, וווּ דער ברית האָט געזאָלט פאָרקומען, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף פיליפן און פאַולינען. פאַולין האָט זיך געטוליעט צו פיליפן, נישט אָפּגעלאָזט אים אויף אַ רגע, ווי זי וואָלט געווען צו אים צוגעוואַקסן. זי האָט איצט יעדן טאָג געהאַט טעלעפאָנען פון דזשאָען, וואָס האָט מיט אַזאַ ווייך־ציטערנדיקער שטימע זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל זיך צו אים צוריקקערן. בעת זי האָט דערהערט זיין קול, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים דערלויבן זי צו זען בלויז אויף עטלעכע מינוט, האָט זי באַהערשט מיטאַמאָל אַזאַ בענקשאַפט, אַז זי איז גרייט געווען אים צו גיין זען. זי האָט אָבער באַלד אַוועק־געוואָרפן דאָס טרייבל און אים אינגאַנצן נישט געענטפערט. דעמאָלט האָט דזשאָ אָנגעהויבן צו איר צו טעלעפאָנירן אינמיטן דער נאַכט, כדי זי אויפצוּוועקן פון שלאָף. ער האָט טיילמאָל שפּעט ביינאַכט געקלונגען צו פיליפן. אָבער פיליפּ האָט וועגן דעם אינגאַנצן מיט איר נישט גערעדט און זי האָט אים מורא געהאַט עפּעס צו פרעגן. אָפּטמאָל, ווען זי האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל, האָט ווער געמאַכט אַזעלכע אויסטערלישע קולות אין טעלעפאָן, אַז זי איז דערציטערט געוואָרן. זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס מוז זיין דזשאָ.

ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין שטוב, וווּ עס האָט געזאָלט זיין דער ברית, האָט אַ קראַנקן־שוועסטער אַריינ־געבראַכט דאָס קינד, וואָס איז געווען זייער רויט און איז געשלאָפן מיט שטאַרק־פאַרפּרעסטע אייגלעך. מיט דער קראַנקן־שוועסטער איז אַריינגעקומען לעזלי, וואָס האָט געזאָגט, אַז דזשין פילט זיך גוט. ס׳האָט זיך דאָ שוין אַרומגעדרייט דער יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט געזאָלט מל זיין דאָס קינד. ער האָט געטראָגן אַ זיידן קאַפּל, וואָס איז געזעסן פרעמדעלך אויף זיין גאָלן קאָפּ. אַלעמאָל האָט ער זיך פריש גענומען פאָרען ביי זיינע דאָקטאָרישע מכשירים, ווי ער וואָלט זיך נישט געפילט היימיש מיט דער אַרבעט, וואָס ער גייט טאָן. ער האָט

געפּרעפּלט עפּעס מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך איינגעחזרט די ברכה, וואָס ער וועט זאָגן...

דער זיידע, מיסטער זעלינג, איז געווען סנדק. דאָס קוואַטערשאַפט האָט מען געגעבן מיסטער און מיסיס דייוויס. בשעת מיסטער זעלינג האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף דער שויס, איז ער געזעסן אַזוי שטייף, ווי ער וואָלט וועלן מאַכן אַ מחיצה צווישן זיך און דעם קינד. אַז דער דאָקטאָר האָט מל געווען דאָס קינד, האָט עס לכתחילה נישט געוויינט. ערשט שפּעטער איז זיך דאָס קינד פאַרגאַנגען אין אַ געוויין, ווי עס וואָלט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין ווייטיק. דערהערט דאָס קינד וויינען, האָט די מיסיס רעלי באַקומען רויטע אויגן און זיך האָט זיך צעהעשעט.

— מאַזעל־טאָוו... — האָט געווונטשן מיסטער דייוויס.

מיסטער זעלינג האָט אַליין צוגעטראָגן זיינע נייע מחותנים וויין צום טרינקען. כאָטש ער האָט איצט, נאָכן מל זיין דאָס קינד, נישט געפילט מער צו זיי אַזאַ פרעמדקייט, ווי ער האָט געפילט פריער, האָט ער זיך אַלץ געהאַלטן אַביסל אָפּגערוקט פון זיי, ווי ער וואָלט געווען מיט זיי ברוגז. די ביידע מחותנתטעס האָבן געוואָלט צו זיך שמייכלען—נאָר ס׳איז אַרויס אַ דינער, האַלבער שמייכל, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן אויפן פּנים. כאָטש יאָרן־לאַנג נאָך דער חתונה האָט מיסיס רעלי נישט געדענקט אין איר קאַטוילישקייט, האָט זי איצט כסדר אין דעם געדענקט. זי האָט זיך אַליין געטרייסט מיט דעם, וואָס יידישע „באָיס” זענען גוטע פּרנסה־געבער, טרינקען נישט, באַהאַנדלען גוט די ווייבער...

נאָכן ברית, ווען אַלע זענען שוין געווען אין שפּיטאָל־קאָרידאָר, האָט מאַרי באַמערקט ווי סוזען מיידט אים נאָכאַנאַנד אויס. ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין, נאָר זי האָט זיך אויסגעדרייט פון אים. מאַרי האָט געוואָלט אַהיים גיין מיט סוזענען, אָבער אַז ער האָט געזען, אַז זי וויל נישט מיט אים רעדן, איז ער אַליין גיך אַוועק, זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם.

בעתן אַרויסגיין פון שפּיטאָל־טויער האָט זיך מיסטער זעלינג געסודעט מיטן ווייב און זיי האָבן פאַרבעטן די פרישע מחותנים צו זיך אַהיים אויף מיטאָג. דיק דער „טראַק־דרייווער”

האָט אַ סך ביר געטרונקען, אָנגעפולט אַלעמאָל אַ גלאָז פאַר הערשן, נישט געהערט דאָס ווייב. וואָס האָט אים געמוסרט ער זאָל נישט טרינקען. שוין אביסל בגילופין, האָט ער כסדר גע־מורמלט וועגן דעם, אַז ס׳איז נישטאָ קיין חילוק צווישן יידן און אויסטראַליער... דער עיקר דאַרף מען זיין אַ מענטש... ער האָט כסדר געזוכט הערשס האַנט און זי שטאַרק געדריקט אין זיין גרויסער ברעטערדיקער דלאָניע.

באַלד נאָכן עסן איז דיק מיטן ווייב צוריק אַהיים געפאָרן קיין ראָזמאַר.

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

# ווייבער

שוין נישט איינמאָל איז מיסים זעלינג געשטאַנען פאַרן הויז, ווו ס'האָט געוווינט לאַניאַ וואַלד און זי האָט געהאַטן אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי אָנצוקלינגען אין איר טיר — אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זי חרטה באַקומען און שטיל זיך אָוועקגעגנבעט פון הויז. בשעת זי איז שוין אַ היפּש שטיקל יועגס אַפּגעגאַנגען, האָט זי זיך פּאַרזיטיק אומגעקוקט, וואָרן ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלע האָבן זי געזען און ווייסן געגוי נאָך וואָס זי איז אַהער געקומען. ס'האָט זיך איר אַפילו אויסגעוויזן, אַז לאַניאַ האָט זי באַמערקט און גייט איר נאָך. אָבער קיינער האָט זי נישט געזען און קיינער איז איר נישט נאָכגעגאַנגען. די גאַס איז געווען ליידיק. ס'האָט זיך איר פּלוצים געגומען דאַכטן, אַז די קליינע הייזלעך לענג־אויס דער גאַס, שפּעטן פון איר אָפּ...

מיסים זעלינג האָט זיך דערווייטערט פון לאַניאַס הויז, אָבער וואָס ווייטער זי איז געגאַנגען, אַלץ מער האָט זי גענומען עסן די חרטה פאַרוואָס זי האָט טאַקע נישט אָנגעקלונגען אין לאַניאַס טיר און זי האָט נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט איר דאָס, וואָס זי האָט זיך געקליבן איר צו זאָגן. בשעת זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען פאַר אַ „באַרבער־שאָפּ", האָט זי זיך נישט־ווילנדיק אויף אַ רגע אָנגע־קוקט און געזען, אַז איר קאָפּ איז שוין כמעט גרוי. אַז זי איז געגאַנגען זיך זען מיט לאַניאַן, האָט זי זיך אויסגעפּוצט, געוואָלט אַז מאָרים מאַמע זאָל אויסזען שיין אין לאַניאַס אויגן. דעמאָלט האָט זי גאָרנישט באַמערקט, אַז אירע האָר זענען שוין אַזוי גרוי און אַז די אַמאָליקע בלאָנדקייט איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. ווי די יאָרן זענען דאָס אַזוי שנעל אַוועק. אין אויסטראַליע ווערט מען שנעל אַלט... דאָס לעבן איז דאָ גרוי — איין טאָג איז

ענלעך צום צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. זי האָט שטענדיק געהאַט טענות צום מאַן, וואָס זי איז געקומען אַהער. אָבער איצט קאָן זי שוין מער גאָרנישט טאָן. ס'איז נישטאָ צו וועמען מער צוריקצופאָרן... אַלע זענען דאָרט אויף יענער זייט ים אומגעקומען... איר מאַמע איז דאָ הי געשטאָרבן. איצט בלייבט נאָר איבער ארץ־ישראל... וואָס־זשע איז זי קעגן דעם, אַז מאָרי זאָל פאָרן אַהין? אַליין וואָלט זי געפאָרן, אָבער זי האָט מורא, אַז מאָרי זאָל פאָרן. און אפשר וועלן זיי נאָך אַלע זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל? יידן האָבן אַזויפיל געליטן... דאַרפן האָבן אַן אייגן ווינקל... נאָר פאַרוואָס זיצט נאָך אַלץ מיסטער פּאָפּעוו דאָ הי? ער רעדט אַזויפיל וועגן ארץ־ישראל — אָבער ער זיצט דאָ הי אויף דער פאַרם. בעת ער איז לעצטנס געווען ביי זיי אין מעלבורן, האָט זי באַמערקט, אַז אויך ער איז היפּשלעך עלטער געוואָרן. ער האָט נאָך אַלץ אַזאַ יינגלישן געשטעל — אָבער די יאָרן האָבן זיך אַרויפגעלייגט אויף אים. איצט געפינט ער זיך אויף דער „הכשרה", לערנט דאָרט די בחורים און מיידלעך ווי צו אַרבעטן אין פעלד. מאָרי האָט אים ליב, רעדט אָפט וועגן אים.

איינמאָל, בעת מיסים זעלינג איז געגאַנגען איבער דער גאַס, ווו לאַניאַ וואָלד האָט געוווינט, האָט זי מיטאַמאָל דערזען לאַניאַן. זי איז געגאַנגען פון דער אַרבעט און איז איר געקומען גלייך אין פּנים אַריין. שיינדל האָט דערפילט ווי דאָס בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ און ס'האָט זיך איר אין דער רגע אויסגעוויזן, אַז לאַניאַ ווייסט שוין נאָך וואָס זי איז אַהער געקומען. אַנשטאָט זיך אָפּצושטעלן מיט לאַניאַן, איז זי שנעל לעבן איר פאַרבייגעגאַנגען. לאַניאַ האָט אפנים באַמערקט, וואָס אין איר קומט פאָר, אַ ברייטן שמייכל געטאָן און זיך צו איר באַגריסט:

— העלאָ, מיסיס זעלינג...

שיינדל האָט פאַרשנעלערט אירע טריט, נישט באַמערקט אַפילו, אַז יענע האָט זיך געוואָלט מיט איר אָפּשטעלן און ערשט שפּעטער, ווען לאַניאַ איז שוין געווען אַ שטיק פון איר, האָט זי געענטפערט:

— העלאָ...

בעת שיינדל האָט אַרויסגעזאָגט דעם „העלאָ", האָט זי זיך זייער פאַרשעמט, וואָרן זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט גערעדט צו זיך אַליין. און זי האָט שוין אין קאָפּ געהאַט אַלץ פּאַרטיק, געננוי געוווּסט, וואָס זי וועט לאַניאַן זאָגן. זי וועט איר געבן אָנצוזוגעהערן, אַז מאָרי איז נישט פאַר איר... ער איז נאָך אַ יונגער בחור און זי דאַרף נישט מיט אים אַרויסגיין. אייגנטלעך האָט שוין מאָרי אַ כלה און דאָס איז סוזען... זי, לאַניאַ, האָט זיך געשטעלט צווישן אים און סוזענען...

מיסים זעלינג האָט שוין דאָס אַלץ געהאַט פּאַרטיק אין קאָפּ, אָבער אַז זי האָט זיך מיט לאַניאַן ווידער געטראָפן און יענע האָט זי אָפּגעשטעלט, געפרעגט וואָס זי מאַכט, האָט זי נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן. זי האָט שולדיק גע־שמייכלט און איין אויג האָט זיך ביי איר צוגעמרוזשעט, אי מיט ערנסט און אי מיט חן. זי האָט אַליין געוואָלט פאַרווישן די ערנסטקייט. אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט לאַניאַן זאָגן, איז איר מיטאַמאָל אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. אפנים אַז לאַניאַ פילט זיך נישט שולדיק. שיינדל האָט מיטאַמאָל געדענקט ווי שטאַרק לאַניאַס טעכטערל האָט איר דערמאָנט איר ברודער יעקבס קינד. אָבער יעקבס טעכטערל וואָלט שוין איצט פיל עלטער געווען... אפשר באַלד אַזוי אַלט ווי לאַניאַ...

בשעת שיינדל איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט לאַניאַן, האָט זי געזען פאַר זיך אַ פרוי, וואָס האָט אַ סך געליטן. ווען לאַניאַ איז געווען אין די לאַגערן, איז זי זיך געזעסן דאָ הי אין באַקוועמלעכקייט. וואָס־זשע פאַר אַ רעכט האָט זי איר עפּעס צו זאָגן, זיך אַריינמישן אין איר לעבן... זי האָט סדר געזען דעם לאַגער־נומער אויף לאַניאַס האַנט. כאָטש זי האָט אָוועקגעדרייט דעם בליק, נישט געוואָלט זען דעם נומער, האָט זי אים כסדר געזען. מ'האָט מענטשן געשטעמפּלט ווי בהמות. אויך האָט שיינדל זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז לאַניאַ פילט זיך עפּעס שולדיק. אפנים אַז צוליב דער שולד האָט זי זיך מיט איר אָפּגעשטעלט. זי וויל זיך אויסשמועסן מיט איר, וויל זיך פאַר איר פאַרענט־פערן. אַלעמאָל ווען זי, שיינדל, האָט געקוקט צו לאַניאַן, האָט יענע זיך איינגעקורטשעט, ווי זי וואָלט וועלן באַהאַלטן די שיינ־קייט אירע, וואָס געפעלט איר זון.

א שטיקל צייט זענען ביידע ווייבער געגאַנגען שווייגנדיק לעבן זיך. ס'האָט אויסגעזען ווי יעדע איינע פון זיי וואָלט געוואַרט, אַז די אַנדערע זאָל אָנהויבן צו רעדן. בלויז מיט די בליקן האָבן זיי זיך געפּאַרשט. די מינוטן האָבן זיך לאַנג געצויגן. מיטאַמאָל האָט זיך לאַניאַ אָנגערופן:

— איר וועט אפשר אַריינגיין צו מיר אויף אַ גלעזל טיי, מיסיס זעלינג...

— ניין... אַ דאַנק... — האָט מיסיס זעלינג שנעל אַ זאָג געטאָן — כ'דאַרף אַהיים גיין צוגרייטן „טי" פאַר מיסטער זעלינג... פאַר מאַרין...

בעת מיסיס זעלינג האָט פּלוצים דערמאָנט מאַרים נאָמען, האָבן זיך די בליקן פון די ביידע ווייבער מיטאַמאָל גיך באַגעגנט. אין דער רגע זענען אַלע פאַרפּלאָנטערטקייטן געוואָרן אויפגע־בונדן און זיי האָבן זיך צוריק ווי פיינט באַקומען. שיינדל האָט שטילערהייט געפּאָדערט ביי לאַניאַן איר זון און לאַניאַ האָט פאַראיבל געהאַט אויף שיינדלען, וואָס זי קומט זיך מיט איר אויסטענהן.

מיסיס זעלינג האָט נישט אָנגענומען לאַניאַס איינלאַדונג און זי איז צו איר נישט געגאַנגען. זי האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט פון לאַניאַן און אַ זאָג געטאָן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן... איך אייל זיך זייער. אַ צווייט מאָל וועל איך צו אייך אַריינגיין... גוד־באַי...

מיסיס זעלינג איז געגאַנגען שנעל אַהיים, כדי צוצוגרייטן דאָס עסן פאַרן מאַן און פאַר מאַרין. ס'האָט איר מיטאַמאָל אָנגעהויבן באַנג טאָן, וואָס זי האָט מיט לאַניאַן וועגן גאָרנישט גערעדט, געלאָזט אַלץ ווי ס'איז געווען און זי האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט. בשעת זי האָט אַריינגעקוקט אין מאַרים שטוב, האָט זי אים דאָרט נישט געטראָפן. אין אַלע ווינקעלעך זענען געלעגן צעוואָרפן זיינע ביכער. צווישן די ביכער האָט זיך גע־וואַלגערט אַ שאַרבן. אַ טייל ביכער זענען געווען אָפן און זי איז געווען זיכער, אַז מאַרי איז דאָ אין דער היים. זי האָט אים טאַקע געפונען שטיין און הויף און זיך שפּילן מיט דער קאַץ. ער האָט אַ טבע געהאַט אינמיטן לערנען אַרויסצוגיין אַלעמאָל אינדרויסן, אָדער אַריינצוגיין אין דער קיך נאָך אַ טרונק וואַסער.

בשעת ער איז געווען אויף דער פרישער לופט, איז אים דאָס לערנען בעסער אַריין אין קאָפּ. דאָס שטודירן אויף דאָקטאָר איז אים שוין נישט אַזוי שווער אָנגעקומען, ווי אין די ערשטע צייטן, ווען ער איז אַהיים געקומען און געזאָגט, אַז ער וועט איבעררייסן דאָס לערנען, ווייל ער קאָן נישט אַריינגיין צווישן די מתים אין פּראָסעקטאָריום. ער האָט זיך שוין מער נישט אַזוי שטאַרק געקלאָגט אויפן הארבן זויערן ריח פון פאָרמאַלין, מיט וועלכן די מתים זענען געווען דורכגעזאַפּט. כאָטש שיינדל האָט געשטויסן מאָרין ער זאָל זיצן ביי זיך אין שטוב און לערנען, האָט זי אַליין מורא געהאַט צו קוקן אויפן שאַרבן, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין שטוב.

אַזויווי הערש איז נישט געקומען אין דער צייט צום עסן, האָט מאָרי געוואָלט אַוועקגיין נישט־געגעסענערהייט און זי האָט קוים געפּועלט ביי אים, ער זאָל עפּעס איבערכאַפּן. זי איז געווען זיכער, אַז ער גייט צו לאָניאַ וואַלד און ס'האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט נישט אָנגענומען לאָניאַס פאַרבעטעכץ און איז צו איר נישט אַריין. זי וואָלט דאָרט מאָרין געטראָפן און דעמאָלט וואָלט שוין לאָניאַ נישט געקאָנט געפינען קיין שום תירוצים. ווי נאַריש זי האָט געהאַנדלט, וואָס זי האָט לאָניאַן גאָרנישט געזאָגט. מען זעט דאָך בפירוש, אַז צוליב איר קען זיך דאָס יינגל נישט לערנען און מי־יודע וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען...

עס זעט אויס, אַז צוליב לאָניאַן און מאָרין איז די שותפטע זייערע אויף איר אָנגעשטויסן און נישט איינמאָל האָט זי דאָס שוין אַרויסגעוויזן. אַזויווי די שותפטע איז נישט קיין שעמעוו־דיקע, האָט זי איר פּראָסט און פשוט געזאָגט, אַז זי מוז היטן מאָרין, ער זאָל נישט אַרויסגיין מיט לאָניאַ וואַלד. פון וואַנען קומט אַזאַ יונגער בחור צו דער ניי־געקומענער, וואָס איז שוין אַ מאַמע פון אַ טאָכטער... קיין פינגער אין מויל האָט מען נישט געדאַרפט שיינדלען לייגן, כדי זי זאָל זיך כאַפּן, וואָס די מיסיס זיידנער איז אויסן געווען. עס האָט איר אַפילו פאַרדראָסן, וואָס מענטשן פאַרמאָגן נישט קיין פּיצל בושה און רעדן אַזוי אָפן וועגן זאַכן, וואָס דאַרפן בלייבן פאַרשלאָסן צווישן די פיר ווענט פון דער אייגענער משפחה. אָט ערשט נישט לאַנג צוריק, איז דעם

מיסטער זיידנער נישט אַנגעשטאַנען מאַרי. און די מיסיס זייד־נער אַליין האָט אַלעמאָל אונטערגעקרעכצט, אַז צוליב מאַרין לויפֿט סוזען כּסדר אין „הבונים“, האָט אויפֿגעגעבן דאָס לערנען און שלעפּט זיך אַרום ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין מיט בּלעריי חברים און חברטעס. ווען נישט מאַרי, וואָלט זי שוין פֿון לאַנג געפֿונען אַ חתן פֿאַר סוזענען...

די שותּפֿטע האָט איינמאָל פֿאַרבעטן שיינדלען צו זיך אין הויז קיין עלווּוד, כּדי איר צו ווייזן ווי דאָס טעכטערל טוט איר אָן גרויסע צרות. און דאָס איז אַלץ צוליב מאַרין. זי ווייסט נישט וויאַזוי מען טוט זיך מיט דער טאָכטער אַן עצה. זי זעט, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך צוליב מאַרין אָבער טאָמער זאָגט זי סוזענען, אַז זי זאָל אין מאַרין פֿאַרגעסן, ווערט זי שטאַרק אין כּעס און מאַכט קולות, אַז די מוטער זאָל זיך צו איר נישט מישן. זי האָט מאַרין אַפֿילו נישט אין זינען. שוין אַ פּאָר טעג ווי סוזען האָט זיך פֿאַרשלאָסן ביי זיך אין שטוב און וויל נישט פֿון דאָרט אַרויס. קיין עסן לאָזט זי צו זיך נישט אַריין. די מיסיס זיידנער איז געווען אויס מענטש. זי איז מאָגערער גע־וואָרן, דאָס פֿלייש איז איר לויז נאָכגעהאָנגען. זי האָט מחמת דעם קאָמיש אויסגעזען, ווייל ס'האָט זיך געדאַכט ווי ס'וואָלט זי ווער מיט אַ האַק אָרומגעטעסעט. אויך איז איר פּנים געוואָרן אויף אַ העלפֿט קלענער און עס האָט זיך נאָך גרעסער אָנגעזען איר לאַנגע פֿויגל־נאָז. זי האָט זיך פֿאַרקלאָגט, אַז צוליבן טעכטערל האָט זיך ביים מאַן דער הויכער בלוט־דרוק אַ סך פֿאַרערגערט. ער נעמט זיך פֿון אַלץ שטאַרק איבער. די טאָכ־טער איז מער נישט אַזוי צוגעבונדן צו אים, האַלט אָפּט דער מוטערס צד און ער קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן.

בעת שיינדל איז געקומען צו דער מיסיס זיידנער אין הויז, האָט זי באַמערקט, אַז די שטובן זענען דאָ נישט געווען מער אַזוי צוגערוימט, ווי שטענדיק. לצים פֿלעגן אייביק נאָכמאַכן ווי די מיסיס זיידנער גייט יעדן איינעם נאָך, וואָס קומט צו איר אַריין, מיט אַ בעזימל אין דער האַנט, כּדי צו פֿאַרקערן די קרישקעס, וואָס ער וועט אַראָפּלאָזן. איצט זענען די טעפּיכער געווען ברודיק און אָפּגעלאָזן. אויף די מעבל און זשיראַנדאָלן איז געלעגן שטויב. בלויז די טאָרבע מיט די בריליאַנטן און

צירונג, וואָס מיסים זיידנער פלעגט אומעטום מיט זיך טראָגן, כדי מען זאָל זי נישט באַגנבענען, האָט זי פונדעסטוועגן אין זינען געהאַט צו האַלטן לעבן איר זייט.

באַלד ווי שיינדל איז איבערגעטרעטן די שוועל פון דער שותּפטעס הויז, האָט זי איר אָנגעוויזן אויף דער ברוגז־פאַרמאַכטער טיר פון סוזענס צימער. זי האָט אַ פינגער צוגעטראָגן צום מויל און דאָס האָט געהייסן, אַז שיינדל זאָל הויך נישט רעדן. די שותּפטע האָט לאַנג אין שיינדלען אריינגעשושקעט, זי מכבד געווען מיט טיי און אַלעמאָל מיט אַ וווּנק אויף דער ברוגז־שטומער טיר אָנגעוויזן, ווי אויף יענער זייט וואָלט ווער געלעגן מסוכן־קראַנק. זי איז צוגעשטאַנען צו שיינדלען, זי זאָל מיט סוזענען רעדן, אַז זי זאָל זיך מאָרין אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. מאָרי איז נישט פאַר איר, ער איז זי נישט ווערט... זי האָט פאַרלאַנגט, אַז שיינדל זאָל רעדן אויף איר אייגענעם זון...

בשעת די ביידע ווייבער זענען געווען פאַרטאָן אין שמועס און זיך גאָרנישט געריכט, האָט זיך די טיר מיטאַמאָל אויפגעמאַכט פון סוזענס שטוב און זי איז פון דאָרט אַרויס, ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי נישט וועגן איר וואָלטן זיך די ווייבער כסדר געסודעט. די ווייבער האָבן זיך אַביסל דערשראָקן. סוזען איז געווען פריש צוגעפּודערט און די ליפּן זענען געווען ביי איר ליכט אָנגעשמינקט. מען וואָלט אויף איר גאָרנישט דערקענט, ווען נישט די אויגן, די שוואַרצע טרויעריקע אויגן, וואָס זענען געווען אַביסל אונטערגעשוואָלן פון וויינען. ווען זי איז דורכגעגאַנגען די שטוב, האָט זי געמאַכט אַ פרומע, אומשולדיקע מינע און זיך אָנגערופן מיט אַ זיס, שטיל קול, ווי זי וואָלט נישט געקענט קיין צוויי ציילן:

— העלאָ, מיסים זעלינג... האַו אַר יו...

דערנאָך האָט זי מוסיף געווען, זיך אומגעריכט געפרעגט אויף מאָרין, כדי צו ווייזן, אַז די מוטער האָט אומזיסט גערופן אַהער די מיסים זעלינג.

— ווו איז מאָרי?... פאַרוואָס איז ער נישט מיטגעקומען?...

דאָס מאַכן זיך אַזוי כּלאַ־יודע האָט אויפגעבראַכט די מוטער און זי איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען.

— וואָס פרעגסטו זיך אויף מאָרין?... — איז די מוטער

ארוים מיט לשון — וואָס פאַרא שייכות האָסטו מיט אים?... ער איז נישט פאַר דיר... ער איז דיך נישט ווערט!...

אַז סוזען האָט דערהערט דער מוטערס דיבורים אין דער קעגנווארט פון מיסים זעלינג, האָט זי זיך זייער פאַרלוירן און זי האָט פון חרפּה נישט געוווסט ווו אַהינצוטאָן דאָס פּנים. עס האָט זי געוווּנדערט, וואָס די מיסים זעלינג נעמט זיך נישט אָן די עוולה פון איר אייגענעם זון און זי האָט געפרעגט די מוטער מיט אַ געמאַכט פאַרחידושט־דעליקאַט קול:

— ווי אַזוי רעדסטו, מאַם?... וואָט'ס דהע מעטער וויט יו!... וואָס האָסטו צו מאַרין?!... וואָס פאַרא רעכט האָסטו אים צו באַליידיקן?!... באַרואיק זיך, מאַם!...

זי איז שטיל געבליבן, מער גאָרנישט געזאָגט, אינגאַנצן נישט געקוקט אין דער מיסים זעלינגס זייט. זי האָט זיך נאָך אַ שטיקל צייט געפּאַרעט אין שטוב, כדי צו שטערן די ווייבער דאָס רעדן. דערנאָך האָט זי צוגעקעמט אַביסל די לענגלעכע שוואַרץ־געלאָקטע האָר אין שפּיגל, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ לייכט מענטעלע און אַרומגעגורט ענג אַרום דער שמאָלער טאַליע דעם פּאַסיק. פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו דער מיסים זעלינג:

— אַ גוטע נאַכט, מיסים זעלינג... ווען וועט איר ווידער צו אונז קומען?...

אויף דער גאַס איז געווען פינסטערלעך, די לאָמפּן זענען נאָך נישט געווען אָנגעצונדן. דער בין־השמשות האָט אַרומגעבעט די גאַסן, די הייזער מיט אַ מאַטן פּערלדיק־קאַלטן שיין, וואָס האָט זיך שטיל און מנוחהדיק געגאָסן. נאָך דער שווערער איבערלעבעניש אין שטוב, האָט סוזען אויף דער גאַס לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ שטילער קרעכץ האָט זיך פון איר אָפּגעריסן. זי האָט אַליין נישט געקענט פאַרגעסן ווי די מוטער האָט אַזוי פּראַסט גערעדט אין מיסים זעלינגס אויגן. זי האָט צוריק דערפילט דעם וויטיק, וואָס האָט זיך אין איר שוין אַ צייט לאַנג פאַרקליבן. דער וויטיק האָט זי טיילמאָל אָפּגעלאָזט, אָבער ער איז אַלעמאָל צוריק געקומען. איצט איז ער געקומען צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך אַזוי נאָענט אָנגעטראָפן אויף מאָרים מאַמען. ווי שטאַרק זי האָט מקנא געווען מאָרים מוטער, וואָס

זי קאָן מאַרין זען אַלעמאָל, ווען זי וויל. זי האָט היינט נישט געוואָלט אַרויס פון שטוב — אָבער אַז זי איז אַרויס, האָט זי געוואָלט גיין אין מאָנאַש־האָל אויפן רעפעראַט פון מיסטער פּאָפּעוו, וואָס איז געקומען פון דער „הכשרה־פאַרם". מיסטער פּאָפּעוו האָט געזאָלט רעדן וועגן א. ד. גאָרדאָן און זיין איינפלוס אויף די חלוצים. סוזען האָט געוווּסט, אַז מאַרי וועט קומען צום רעפעראַט און כאָטש זי האָט זיך נישט געוואָלט מיט אים טרעפן, האָט זי זיך דאָך נישט געקענט באַהערשן און זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַ טראַמוויי, וואָס האָט געפירט קיין קאַרלטאָן אין מאָנאַש־האָל.

בשעת סוזען איז געקומען אין מאָנאַש־האָל, איז דער זאַל שוין געווען פול מיט יונגוואַרג. מען האָט גערעדט, געשריגן, זיך געשפּאַרט, געריי כערט פּאַפּיראָסן, כאָטש אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ וואָרנונג מיט גרויסע אותיות, אַז רייכערן איז פאַרבאָטן. אויפן סופיט זענען געהאָנגען אָפּבלאַקירטע קאָליריק־פּאַפּירענע קייטן און סטענגעס, וואָס זענען דאָ פאַרבליבן פון עפּעס אַ שמחה. דאָס יונגוואַרג האָט זיך דאָ צעשפּרייט, געזעסן ברייט אויף די הילצערנע בענק, די פיס געשטרעקט פאַר זיך. סוזען האָט זיך באַגריסט מיט די חברים און זיך באַלד געלאָזט צו דער הויכער עלים און קליינער שערלי, וואָס האָבן זי גערופן צו זיך. זי האָט זיי אַלעמאָל פאַרטרויט אַלע סודות, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו איר און מאַרין, זיך אַראָפּגערעדט פאַר זיי פון האַרץ. בעת סוזען האָט זיך דערנענטערט צו אירע חברטעס, האָט זי די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, כדי זיי זאָלן זיך נישט אָנטרעפן אויף מאַרין. כאָטש זי האָט אים נישט געזען, איז זי געווען זיכער, אַז ער געפינט זיך אין זאַל. ווען סוזען האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט זי זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און מיט די אויגן שנעל און בגנבה אַ לויף געטאָן איבערן זאַל און אַז זי האָט זיך אָנגעטראָפן אויף מאַרים בלאָנדן קאָפּ, האָט זי אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן לייב. זי האָט מער געפילט, ווי געזען, אַז מאַרי רעדט צו זיין נייעם חבר עליק גרינבערג פון דער „הכשרה", וואָס האָט זיך פאַרלאָזט אַ בערדל און איז געקומען שטענדיק אין שטאָט אין גומענע שטיוול און אין אַ צעבראָכטען דיקן סוועטער, כדי צו ווייזן, אַז ער איז אַ

פראַסטער פאַרם־אַרבעטער. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער שרייבט לידער. און אפשר טאַקע צוליב דעם האָט שטענדיק געשטעקט צווישן זיין בערדל אַן אויסגעבויגן־קרום ליולקעלע, פונקט אַזעלכעס ווי עס רייכערן מאַטראָזן און פישערס. מאַרי האָט זיך מיט עליקן געחברט — נאָך באָבס אָוועקפאָרן איז ער געווען זיין בעסטער חבר. די מאַמעס פון די בחורים און מיידלעך אין „הבונים" האָבן עליקן נישט געליטן צוליב זיינע משונהדיקע גענג. ער האָט געהאַט אַלעמאָל אויף זיינע חברים אַ גרויסע השפעה און אַלע האָבן אים געוואָלט נאָכמאַכן. סוזען ווייסט נישט פאַרוואָס — אָבער זי האָט עליקן נישט איבעריק ליב געהאַט. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיינע שפּיציק־שאַרפע אייגעלעך שפּיזן זי אַדורך און ווייסן אַלץ, וואָס טוט זיך ביי איר אינעווייניק. אויך האָט סוזען עליקן נישט ליב געהאַט צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרנומען אַ סך צייט ביי מאַרין, ווען ער איז געקומען פון דער „הכשרה" אין שטאָט אַריין.

סוזען האָט געפילט, אַז מאַרי איז גוט אויפגעלייגט. ער איז זיכער ערשט נישט לאַנג צוריק געווען ביי לאַניאַ וואַלד. זי האָט געזען אויף מאַרים שלאַנקן האַלז דעם באַריר פון לאַניאַס הענט. ס'איז גוט וואָס לאַניאַ איז נישט געקומען אַהער מיט מאַרין — זי האָט זיך איינגעשפּאַרט די רחמנותדיקע בליקן פון די חברים. ווי זי האָט נישט געוואָלט דערפון טראַכטן, זיך געוואָלט בעסער איינהערן צו מיסטער פּאָפּעוו, וואָס האָט גערעדט וועגן א. ד. גאָרדאָן און זיין געזאַנג צו אַרבעט, האָט זי כסדר אין זינען געהאַט לאַניאַן מיט מאַרין. זי האָט אַזוי דייטלעך געזען ווי לאַניאַ נעמט אַרום מאַרין און זי טוליעט אין אירע גרויסע הענט זיין בלאָנדן קאָפּ. דאָס טראַכטן האָט איר אַ סך פּיין פאַרשאַפט — אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן און כסדר דערפון געטראַכט. בלויז פון מאָל צו מאָל זענען צו אירע אויערן צוגעקומען די ווערטער פון מיסטער פּאָפּעוו, וואָס האָט מיט פיל פייער גערעדט וועגן דעם אידעאַליסטישן לעבן פון דעם גרויסן חלוץ, וועלכער האָט מיט זיין ריין און דערהויבן פירן זיך געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אַנדערע. זי האָט זיך זייער געוואָלט צוהערן צו די דאָזיקע רייד, אָבער אַלעמאָל האָט זי צוריק דערזען לאַניאַן, וואָס טוליעט צו זיך מאַרים בלאָנדן קאָפּ.

סוזען האָט אויפגעכאַפּט שטיקלעך פונם רעפעראַט און מיטאַמאָל האָט זי דערפילט ווי אירע הענט שפּילן זיך מיט דעם מגן־דודל, וואָס טאַם און זיינע חברים האָבן אַראָפּגעריסן פון מאַרין בעתן געשלעג ביינאַכט. זי האָט דעמאָלט אויפגעקליבן דאָס מגן־דודל און עס נישט צוריק־געגעבן מאַרין, נאָר עס באַהאַלטן ביי זיך. היינט ביינאַכט וועט זי עס צוריק אָפּגעבן מאַרין. אַז זי האָט דערפון בלויז געטראַכט, איז איר ווייטיק גרעסער געוואָרן און האָט פאַרשפּאַרט ביי איר דעם אָטעם. זי איז געווען זיכער, אַז זי גייט שוין אויף אייביק מיט אים אױ־בערייסן. טיף אין זיך האָט זי דאָך געגלייבט, אַז סוף־כל־סוף וועט נאָך מאַרי זיין אירער. בשעתן געשלעג דעמאָלט ביינאַכט, האָט זי דערשפּירט זיין בלוט אויף אירע הענט און זי האָט דעמאָלט דערפילט, אַז ער וועט געהערן צו איר...

ביים סוף פון רעפעראַט, האָט סוזען באַמערקט ווי ס׳האָט זיך בגנבה אַריינגעשאַרט אין זאַל דער לערער וויים פון דער יהודה־הלוי־שול. אַזויווי די דיקע אַמעריקאַנער ברילן זענען אים פאַרהויכט געוואָרן, האָט ער זיי שנעל אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע און זיך אויסגעמישט צווישן עולם, מען זאָל נישט זען, אַז ער איז אַזוי שפּעט געקומען. באַלד נאָך אים, איז אָנגעקומען דער חבר מענקעס, וואָס האָט געענדיקט זיין אַרבעט אין „התחיה". ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן עטלעכע יוגנט־לעכע פון „בונד". דער רעפעראַט האָט זיך געענדיקט און סאַשאַ פּאָפּעוו איז געזעסן אויף דער בינע און זיך געווישט דעם שוויים פון פּנים מיט זיינע מאָזאָליעדיקע, אויסגעפּראַצעוועטע הענט פון אַ פּאַרמער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן פראַגן. ס׳איז אויסגעבראָכן מיטאַמאָל אַ דיסקוסיע, צי דאַרף מען אויסטראַליע, ווו מען טשעפּעט נישט קיין יידן, אָנרופן אַ גלות. עליק, וואָס האָט געפירט דעם פּאַרזיץ, האָט געקלאַפּט אין טיש, באַרואיקט די צעהיצטע געמיטער. סוזען האָט פּלוצים דערזען ווי מאַרי האָט זיך צעהיצט, דערמאָנט עפּעס וועגן טאָמין מיט זיינע חברים. דאָס איז געווען ביי אים אַן אויסנאַם, געוויינטלעך פלעגט ער זיך נישט היצן. ס׳איז געפאַלן אַ באַשלודיקונג קעגן סאַשאַ פּאָפּעוו. אַ קול האָט איבערגעשריגן אַנדערע:

— נאָך וואָס זענט איר געקומען קיין אויסטראַליע פון

ארץ־ישראל, מיסטער פּאַפּעוו?... — האָט דאָס קול זיך הויך געריסן — וואָס זיצט איר דאָ? אַז איר רעדט אַזוי שיין, דאַרפט איר אַליין זיין אַביישפּיל מיט אייער האַנדלונג!... אַז איר לעבט אַליין דאָ הי, טאָרט איר נישט אָנרופן אויסטראַליע אַ גלות!...

עליק איז געשטאַנען אויף דער בינע און ער האָט שטאַרק געפּיפּקעט זיין אויסגעבויגן ליולקעלע, וואָס האָט אים געשטעקט צווישן בערדל. ער האָט מיט זיינע שפּיציק־שאַרפע אייגעלעך דורכגעבויערט דעם עולם און אַ צייט לאַנג עקשנותדיק געשוויגן. מען האָט געמיינט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל אין זאַל. נאָר מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— שקט!... אָרדער, פּליז! קיין שום צווישנרופן! פּאַלט נישט אָן פּערזענלעך! די דיסקוסיע איז נאָך דעם רעדנער גע־שלאָסן!... כ׳וועל קיינעם מער נישט געבן דאָס וואָרט!...

ווען דער עולם האָט זיך געקליבן צו גיין, האָט זיך סוזען אַרויסגעשאַרט פון זאַל צוזאַמען מיט דער הויכער עלים און דער קליינער שערלי. זי האָט געוואָלט אויסמיידן מאָרין. נאָר אין געדראַנג איז זי פּלוצים געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים מיט אים און איר האַנט האָט זיך אָן איר ווילן אַ גליטש געטאָן און אַריינגעשטופּט אים דאָס מגן־דודל אין קעשענע.

— ווו האָסטו עס גענומען?... האָסט עס געפונען, סוזען?...

— האָט מאָרי געפרעגט — אַ דאַנק... ווו איילסטו זיך אַזוי?... כ׳האָב די „קאַר" און כ׳וועל דיר געבן אַ „ליפט"... כ׳וועל דיך אהיים פירן...

— ניין!... אַ דאַנק... מען דאַרף נישט!... — האָט סוזען געענטפערט און כאָטש זי האָט געוואָלט בלייבן לעבן מאָרין, האָט זי זיך דאָך געלאָזט אַוועקשלעפּן פון עולם, וואָס האָט געשטראָמט אַרויס פון זאַל.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

# נקמה

אָפּגענומען דעם טעלעפֿאָן האָט מאָרי. ער איז גראָד געווען אַליין אין הויז, געזעסן ביי זיך אין שטוב — אָבער ער האָט זיך נישט געלערנט. ס'איז שוין צוגעפֿאַלן דער בין־השמשות, וואָס האָט זיך אומעטיק געטוליעט צו די ווינקלען און האָט אַרומגענומען די שטוב מיט בלויע שאָטנס. אַ לעצט פּאַסיקל זון האָט רויט באַפֿאַרבט אַ שפּיץ שויב און פֿאַרן אַוועקגיין זיך געזעגנט מיט מאָרין.

מאָרי איז געווען פֿויל אָנצוצינדן די עלעקטרי. ס'האָט זיך אים אויך נישט געגלוסט ווייטער צו לערנען. ס'איז אים געווען גוט צו זיצן און גאָרנישט צו טאָן. ער האָט געטראַכט וועגן לאַניאַן, וועגן סוזענען, וואָס איז מיט אים ברוגז. אין שטוב איז אַלץ געווען אָנגעוואָרפֿן, די ביכער האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן בעט, אויפֿן שרייב־טיש — און מאָרי האָט פּלוצים רחמנות באַקומען אויף דער מאַמען, וואָס קומט דאָ יעדן אינדערפֿרי צוראַמען. בעת ער האָט געקוקט אויפֿן שאַרבן, וואָס האָט זיך געל געבליכט אינם אָוונט־ליכט, האָט ער געטראַכט צו וועמען דער שאַרבן האָט אַמאָל געקענט געהערן. דער דאָזיקער שאַרבן, וואָס וואַלגערט זיך איצט ביי אים אין שטוב, האָט זיכער אַמאָל געטראַכט, געליבט, געהאַסט.

דער טעלעפֿאָן האָט זיך צעקלונגען, אויפֿגעהערט אויף אַ רגע און זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן צו רייסן נאָך מיט מער אימפּעט און האַסטיקייט ווי פֿריער. מאָרי איז געווען פֿויל צוצוגיין צום טעלעפֿאָן. אפשר קלינגט לאַניאַ? אפשר סוזען? וואָס אים קען אַלץ איינפֿאַלן. לאַניאַ וועט קיינמאָל נישט קלינגען צו אים אין שטוב אַריין און סוזען איז מיט אים ברוגז. און אפשר איז דאָס דער טאַטע, די מאַמע? דער טאַטע איז נאָך

זיכער אין די „ביזנעס" און די מאַמע איז ביי דזשינען. זי פרייט זיך איצט מיטן אייניקל, פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז דזשין איז נישט קיין יידישע טאָכטער.

פּאוואָליע און נישט־גערן איז מאָרי געגאַנגען צום טעלעפאָן, די עלעקטרי האָט ער אַלץ נישט אָנגעצונדן. זע נאָר ווי דער טעלעפאָן רייסט זיך! יענער האָט אפנים נישט קיין צייט... פאַרן אויפהייבן דאָס טרייבל איז מאָרין נאָך אויפן רעיון געקור־מען דער טאַטע, וואָס וויל פאַרקויפן דאָס הויז, ווייל זיך אַריבער־ציען קיין עלוווד, דאָרט ווו עס וווינט דער שותף זיינער. די יידן אַנטלויפן פון קאַרלטאָן, ציען זיך אַריבער אין די רייכע קוואַרטאַלן. זיי ווילן דווקא איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן... דער טאַטע איז אויך אַזוי. איצט וועט דער זיידע בלייבן אינגאַנצן אַליין...

— העלאָ... — האָט מאָרי נישט־ניחאדיק און פויל אויפ־געהויבן דאָס טרייבל.

פון אָנהייב האָט ער דאָס קול, וואָס האָט אַריינגערעדט אינם טעלעפאָן, אינגאַנצן נישט דערקענט. דאָס קול איז געווען איבערגעשראָקן־שטיל און ס'האָט זיך אַלעמאָל פאַרהאַלטן, ווי אָנצונעמען פרישע כוחות. דאָס קול האָט אויך נישט גערעדט צו דער זאַך, זיך כסדר פאַרהוסט — און מאָרי האָט אינגאַנצן נישט געוווסט וואָס מען וויל פון אים האָבן. אָבער מיטאַמאָל האָט מאָרי דערקענט פיליפּס שטים און ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען, וואָס דאָ איז געשען. פיליפּ איז געווען שווער צו רעדן, אָבער ער האָט מאָרין סוף־כל־סוף איבערגעגעבן, אַז ס'איז עפּעס געשען מיט פּאָולינען. ער קאָן נישט זאָגן אַלץ דורכן טעלעפאָן. אַז מאָרי איז געוואָרן באַזאָרגט און דווקא געוואָלט וויסן וואָס איז געשען, האָט פיליפּ קוים אַרויסגעפּרעסט פון זיך, אַז מען האָט פּאָולינען געפונען אַ פאַרוווּנדעטע אין גאַס און דער אַמבולאַנס האָט זי געבראַנגט אין שטאָטישן שפּיטאָל. מער זאָל מאָרי נישט פרעגן קיין קשיות און קומען אין שפּיטאָל אַריין! גוט איז, וואָס די עלטערן זענען נישטאָ אין שטוב... זאָל ער, מאָרי, דערווייל די עלטערן גאָרנישט דער־ציילן און קומען גלייך צו פאָרן!...

מאָרי האָט געוואָלט אָנקלינגען צו לעזלין, אָבער ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן סוד און איז אַליין גיזפאָרן אין שפּיטאָל

אַריין. ער איז באַלד געגאַנגען אינם אָפּטייל, ווו מען ברענגט צו פירן אין די אַמבולאַנסן די קראַנקע פון גאַס. דאָרט אינם וואַרט־זאַל, האָט ער געטראָפן פיליפּן. פונקט ווי פיליפּס קול איז אינם טעלעפאָן געווען איבערגעשראָקן, אַזוי איז עס דאָ, אינם וואַרט־זאַל געווען רואיק. פיליפּ האָט שוין איצט מיט אַלע פּרטים דערציילט מאָרין, אַז עס האָט ווער זיין ווייב פאַרווונדעט אין גאַס... מען האָט זי געשטאָכן... ווער עס האָט דאָס געטאָן, ווייסט מען נישט... מאָרי האָט אָבער דערקענט, אַז פיליפּ ווייסט גאַנץ גוט ווער ס'האָט דאָס געקענט טאָן, נאָר ער זאָגט נישט אויס...

צו פאַולינען האָט מען נישט אַריינגעלאָזט און פיליפּ מיט מאָרין זענען געזעסן אין וואַרט־זאַל. זיי זענען דאָ געזעסן צוזאַמען מיט נאָך מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל זיי צו וויסן געבן וועגן גורל פון זייערע קרובים און באַקאַנטע. ס'רוב זענען דאָס געווען אָרעמע מענטשן, מיט שוואַרץ־צעאַקערטע פּנימער און אָדערדיק־אויסגעהאָרעוועטע הענט. אַ קינד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דער מאַמעס קלייד, האָט זיך פון שרעק שטאַרק צעוויינט. אַז ס'איז געוואָרן שטיל, האָט מען דייטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פונם קיילעכדיקן וואַנט־זייגער, וואָס איז געהאַנגען פונקט אַקעגנאיבער דער טיר. אַלעמענס בליקן זענען דעמאָלט געווען געווענדט צום זייגער, גלייך ער וואָלט זיי געקענט געבן עפּעס אַ באַשייד וועגן גורל פון זייערע קראַנקע. אין דער אַרומיקער שפּיטאָל־שטילקייט האָט זיך דאָס גיין פונם זייגער אָפּגעשלאָגן מיט דער זעלבער אומרואיקייט ווי די טריט ביינאַכט פון אַ פאַרשפּעטיקטן פאַרבייגייער. לאַנג איז אָבער נישט געווען שטיל. די שטילקייט איז אַלעמאָל איבערגעריסן געוואָרן פונם פּלוצימדיקן אויפּראַלן פון דער טיר, בעת מען האָט וועמען פריש אַריינגעבראַכט אויף אַ טראָג־בעטל. צו דעם מענטש אויפן טראָג־ברעטל האָבן זיך באַלד צוגעלאָזט די קראַנקן־שוועסטער. אַ יונגערמאַן, וואָס איז געלעגן אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט געווען טויט, האָט זיך פּלוצים יאָמערדיק צעקרעכצט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, וואָס איז אינגאַנצן איינגעטונקען אין בלוט געווען, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ רויטע הענטשקע.

מאַרי האָט באַמערקט ווי צווישן די אַריינגעברענגטע פאַרוווּנדעטע האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע סטודענטן פון אוניווערזיטעט, וואָס מען האָט אַהערגעשיקט צו פּראַקטיצירן. דאָס זענען געווען יונגע צוציקעס, וואָס האָבן זיך געמאַכט זייער יויכטיק און אַרומפּאַראַדירט אין די ווייסע פאַרטוכער און מיט די דאָקטאָרישע טרייבלעך אָנגעהאָנגען אויפן האַלז. זיי האָבן געהאַט גענוג צייט און אָפט געפלירטעוועט מיט די יונגע קראַנקן־שוועסטער. מאַרי האָט געטראַכט פון דעם ווי די דאָזיקע בחורים נעמען אויף זייער אַרבעט. פיל ווערן דאָקטוירים בלויז צוליב דעם, ווייל די עלטערן שטופּן זיי דערצו און נישט צוליב עפּעס אַן אינעווייניקסטן דראַנג. איינעם פון די סטודענטן האָט מאַרי גוט געקענט פון אוניווערזיטעט און זיך געוואָנדן צו אים, ער זאָל געוויוויר ווערן, וואָס פּאַולין מאַכט. דער סטודענט איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער קען מאַרין העלפן און איז באַלד אַריין צו פּאַולינען. ער האָט זיך לאַנג נישט געזוימט און איז צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער:

— דער פּאַציענט איז אָל־רייט... שלאָפט... מען האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט די וווּנד אויפן האַלז... ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו זאָרגן... אַלץ איז אין אָרדנונג... מאָרגן אינדערפרי וועט מען שוין קענען אַלץ גענוי וויסן...

פון דעם ענטפער איז פיליפ נישט געווען זייער צופרידן, אָבער ער האָט קיין סך נישט געפרעגט און איז אַהיים געגאַנגען. ער האָט קיינעם גאָרנישט דערציילט — נישט דערציילט זיינע עלטערן, נישט פּאַולינס. אויך האָט מאָרי גאָרנישט דערציילט די עלטערן, נישט געוואָלט זיי אָנטאָן קיין עגמת־נפש. אָבער זיי זענען פון אַלץ אַליין געוויער געוואָרן. מיסיס זעלינג האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז איר שוין, אומשטיינסגעזאָגט, געווען אַ שטיקל צייט גוט און זי האָט געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך אויף איר. בעת זי איז געקומען צו פּאַולינען אין שפּיטאָל אַריין, האָט מען זי צו איר נישט אַריינגעלאָזט, וואָרן זי איז נישט געקומען אין דער וויזיט־שעה, ווען מען קען זען די קראַנקע. זי האָט געמוזט וואַרטן אַ לאַנגע צייט אין קאָרידאָר. פון קאָרידאָר האָט זי טיילמאָל געזען די טאָכטער און טרערן זענען איר געראָנען איבער די באַקן, וואָס זענען איר זייער

איינגעפאַלן. גוט איז, וואָס הערש זיצט נישט מיט איר די גאַנצע צייט. ס'קען זיין, אַז ער איז אַוועק, וואָרן ער האָט נישט געקענט ביישטיין די בושה... אין אַזעלכע פאַלן קאָן אַמאָל אַ פרוי זיין שטאַרקער פונם מאַן... און זי פאַרמאָגט טאַקע אייזערנע כוחות, אַז זי קען דאָס אַלץ איבערטראָגן... עס אַרט איר שוין אפילו נישט וואָס מענטשן וועלן רעדן. ווייניק באַרעדט מען זיי שוין אין שטאָט?

אויך האָט פּאַולין געזען די מוטער. זי האָט פון איר בעט באַמערקט ווי די מוטער זיצט אין קאָרידאָר און זי האָט זיך געמאַכט שלאָפן. זי האָט געוווּסט, אַז עס וועט איר שווער זיין צו קוקן די מוטער גלייך אין די אויגן אַריין. זי האָט זיך געפילט זייער הילפלאָז און נישט געוואָלט, אַז עס זאָל זי ווער זען אין אַזאַ מעמד. אפילו נישט די מאַמע, ווייל אויך מיט איר האָט זי געהאַט פאַרשידענע חשבונות. זי האָט אויך נישט געוואָלט זען פיליפן — אָבער אים וועט זי דאָך מוזן זען און אויסטראַכטן עפּעס אַ גוטן תירוץ פאַר אים. אָבער וואָס טראַכט מען אוים — דאָס האָט זי נאָך נישט געוווּסט. זי האָט זיך איצט אַליין פיינט געהאַט, געפילט צו זיך אַן עקל. כסדר האָט זי זיך דערמאָנט ווי מען האָט זי געפונען ליגן אַ פאַרבלו־טיקטע אויף דער גאַס. זי איז געווען אַזוי נעבעכדיק, די מלבו־שים זענען געווען ביי איר פאַרשמירט און צעקנאָדערט. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון זיך אַליין צו מיאוסן. ווי אַ מענטש קאָן דאָס מיטאַמאָל אַזוי אַראָפּפאַלן... באַלד ווי זי איז געקומען צום באַ־וווסטזיין, האָט זי, צוזאַמען מיט אַ רחמנות אויף זיך אַליין, געפילט צו זיך אַ ווידערווילן. איצט קען זי נישט פאַרטראָגן די באַנדאַזשן אויפן האַלז, וואָס מאַכן זי מיאוס. עס באַפאַלט זי כסדר אַ מורא, צי זי וועט נישט אַמאָל ווערן אַ קאַליקע אויף אייביק, צי די וווּנד פונם מעסער וועט נישט אויף שטענדיק פאַרשפּעטן איר שיינעם האַלז. זי האָט זיך נאָכאַנאַנד געבעטן ביי דער קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל איר דערלאַנגען אַ שפּיגעלע און אַז זי האָט זיך דערזען, האָט זי זיך איינגענורעט אינם קישעלע און זיך צעוויינט. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר די באַנדאַזשן אויפן האַלז, פאַר דער בלאַסקייט פון איר פּנים

און פאר דער קאַלירלאַזיקייט פון אירע אויגן, וואָס זענען געווען זייער פאַרווישט, אָן שום לעבן.

פאולין איז געלעגן איינגענורעט אינם קישעלע און זי האָט האַלב געדרימלט. זי האָט נאָכאַנאַנד געזען טערעסאַן, דזשאָס שוועסטער — געזען אירע גאָלדענע צעלאָזטע האָר, אירע בלויע אויגן און דעם גאָלדענעם צלם, וואָס האָט מיט כעס געטאַנצט אויף איר האַלז. זי האָט כסדר געהערט טערעסאַס ווערטער, וואָס זי האָט איר געוואָרפן מיט יאָרן צוריק אין פּנים אַריין: „דו ביזט אַזוי געזונט... אַזוי געזונט"...

פאולין איז אויפגעקומען פון האַלבן דרימל מיט אַ שרעק און זי האָט ווידער גענומען רופן צו זיך די קראַנקן־שוועסטער. דאָסמאָל האָט זי די שוועסטער געבעטן, זי זאָל איר דערלאַנגען פודער און שמינקע, כדי זי זאָל זיך אַביסל צו־רעכט מאַכן. אויך האָט זי געבעטן אַביסל רוזש, כדי אָנצופאַרבן אַ טראָפּעלע די באַקן. זי האָט זיך פאַרקעמט די העלע בלאָנד־געפאַרבטע האָר. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט זי דערפילט, אַז זי איז זייער אויסגעמאַטערט און אַז די ווונד אויפן האַלז האָט איר אָנגעהויבן צוריק שטאַרק וויי צו טאָן. עס האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז די ווונד האָט אָנגעהויבן ווידער צו בלוטיקן און זי האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט איר נישט געוואָלט לאָזן זיך אָנשמינקען. אינדערפרי האָט זי זיך פונדעסטוועגן נישט פאַרגעשטעלט, עס זאָל זיין מיט איר אַזוי שלעכט. בשעת עס איז געקומען דער דאָקטאָר, האָט זי אים כסדר געפּאָרשט, געמאַכט צו אים פאַרשידענע חנדלעך און באַוואָרפן אים מיט פראַגן:

— צי וועל איך זיין אָל־רייט, דאָקטאָר?... צי וועט בלייבן אַ צייכן פונם שניט... צי וועט דער האַלז זיין פונקט ווי פריער?...

אָך, ווי זי האָט אים איצט פיינט געהאַט דזשאָען! אַ שטאַרקער כעס איז איר באַפאַלן אויף אים. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס עס איז געקומען אויף איר אַ מינוט פון שוואַכקייט און זי האָט זיך געלאָזט פון אים צורעדן און זיך נעגאַנגען מיט אים זען. ער האָט זי אַזוי געבעטן, אַזוי געחלשט. דורכן טעלעפאָן האָט זיין קול געקלונגען אַזוי ווייך, אַזוי פאַר־בענקט; ער האָט געשעפּטשעט צו איר אַזעלכע הייסע רייד, פול

מיט באַגער, אַז זי האָט מיטאַמאָל דערזען דעם אַמאָליקן דזשאָ און זי האָט זיך פאַרלוירן. סוף־כּל־סוף האָט זי שוין געהאַט גענוג פיליפּן. זי האָט שוין געהאַט גענוג זיין לאַנגע גאָמבע, זיין ציטערן מיטן מויל בעתן רעדן, וואָס איז אים געבליבן פון דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט. דזשאָ האָט זי געוואָלט זען בלויז נאָך איינמאָל און בלויז אויף עטלעכע מינוט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי נישט אָנרירן. בשעת זי איז געקומען אים זען, האָט ער געטאַנצט פון שמחה און איז געווען אַזוי צופרידן און גליקלעך. זי האָט געזען פאַר זיך דעם דזשאָ פון יענע צייטן, ווען זי האָט זיך מיט אים נאָר וואָס באַקענט. ער האָט זי געהאַלזט און געקושט, געווען זייער דאַנקבאַר, וואָס זי איז געקומען צו אים, אַז זי האָט זיך געלאָזט איבערעדן פון אים און פאַרבליבן מיט אים אַ גאַנצן אָוונט. און ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן, אַז אַט די זעלבע הענט, וואָס האָבן זי מיט אַ טאָג פריער אַזוי געצערטלט, וועלן מיט אַ טאָג שפּעטער קענען איר אַזוי ווי טאָן!... זי האָט זיך לכתחילה נישט געטאָרט טרעפן מיט דזשאָען, ווייל באַלד נאָך דעם האָט ער זיך ווידער אָנגעזעצט אויף איר און זיך געוואָלט מיט איר באַשטעלן... און אַז זי האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער גענומען אין איר נקמה אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן. ער האָט זי דעם אַנדערן טאָג אָפּגעוואַרט אינדרויסן און זי באַפאַלן. פון אָנהייב האָט זי אינגאַנצן נישט געוווּסט, וואָס עס איז מיט איר געשען, נישט געפילט קיין ווייטיק און ערשט ווען זי האָט דערשפּירט דעם שאַרפן ברי פון מעסער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דזשאָ איז זי איבערגעפאַלן. בעת ער איז פון איר אַוועק, האָט זי נאָך געהערט ווי ער שרייט, אַז ער וועט אַליין גיין צו דער פּאָליציי און זיך אויסגעבן... אָך, ווי זי האָט איצט דזשאָען פיינט, זי וואָלט אים געקענט אָפּטאָן דאָס ערגסטע! וואָס וועט איצט זיין מיט פיליפּן? צי וועט ער איר מוחל זיין? וואָס וואָלט איר דזשאָ געקאָנט געבן? ביי פיליפּן האָט זי אַלץ, וואָס זי וויל. אַ רייכע דירה, אַ שיינעם אויטאָ און געלט אויף קליידער וויפיל איר האַרץ גלוסט...

בשעת די מוטער איז אַריינגעקומען זען פּאַולינען, האָט זי זיך געמאַכט שלאָפן, נישט געוואָלט זי זען. דורך אַ שפּעלטל פון

אויג האָט זי אויפגעכאַפּט דער מוטערס בליק, וואָס איז געווען פול מיט זאָרג. זי האָט אָבער באַמערקט אויך פאָרוואורף אין דער מוטערס בליק און דאָס האָט זי נישט געקענט ליידן. אַז פּאולין האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זי אַ שטיקל צייט געשוויגן און ערשט דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער:

— קוק נישט אַזוי אויף מיר, מאַם! האָב נישט אויף מיר קיין רחמנות! כ'וויל נישט הערן פון דיר קיין שום פאָר־וואורפן!... דאָס, וואָס איז געשען, איז געשען און דיינע רייד וועלן גאָרנישט העלפן!...

— וואָס רעדסטו, פּאולין? ווער איז דיר געקומען מאַכן פאָרוואורפן?... — האָט שיינדל זיך צוזאַמענגענומען און געענט־פערט דער טאָכטער — ס'איז מיר בלויז נעבעך זייער ביטער, וואָס כ'מוז מיך צו דעם צוקוקן... ווי אַזוי פילסטו, פּאולין?... ס'טוט דיר וויי?... וואָס טוט דיר וויי?...

— גאָרנישט... גאָרנישט טוט מיר וויי! — האָט פּאולין זיך געבייזערט און געפּרוווט אַרויפרוקן אַביסל העכער דעם קאָפּ אויפן קישעלע.

בשעת די מוטער האָט איר געוואָלט צוהעלפן, זיך אויפ־געהויבן פון שטול און איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, האָט זי איר נישט געלאָזט גאָרנישט טאָן.

— דאָנט וואָרי... — האָט זי געזאָגט — דו דאַרפסט מיר גאָרנישט העלפן...

פּאולין איז געווען אומרואיק. זי האָט כסדר געקוקט צו דער טיר, ווו עס זענען אַריינגעקומען די געסט מבקר־חולה זיין די קראַנקע. זי האָט געזוכט פּיליפּן, אָבער זי האָט אים נישט געזען. פּאולין האָט געוואָלט פרעגן די מוטער פאַרוואָס פּיליפּ איז נישט געקומען — אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט געפרעגט. אַז ס'איז אַוועק אַ צייט און פּיליפּ האָט זיך אַלץ נישט געוויזן, איז איר באַפאַלן אַ שרעק און זי האָט זיך מיט־אַמאָל אָנגעהויבן ביי דער מוטער צו בעטן:

— זאָג מיר, מאַם... — האָט זי אַריינגעקוקט דער מאַמען פאַרשנדיק אין די אויגן אַריין — זאָג מיר, צי וועל איך בלייבן אַ קאַליקע... צי וועט דער האַלז זיין צוריק אָל־רייט?...

— דו וועסט זיין אָל־רייט... אוודאי וועסט זיין אָל־רייט!...

— האָט שיינדל אַליין נישט געוווסט פון וואַנען ס'האָבן זיך צו איר אַזויפיל כוחות גענומען — דו מוזט זיך אָבער פאַר־האַלטן רואיק... פאַרגעס וועגן אַלץ...

— פון וואַנען ווייסטו, מאַם, אַז כ'וועל זיין אַל־רייט... ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? זאָג מיר דעם אמת, מאַם!

טרערן זענען געקומען פּאַולינען אין די אויגן און זי האָט זיך הויך צעוויינט. אָבער מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט ווי פיליפּ מיט איר פאָטער זענען אַריין אין זאַל און זי האָט אָנגע־הויבן ווישן די טרערן פון די אויגן. זי האָט אויף דער גיך אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע און צוגעפּודערט די רויט־צעצונדענע פלעקן אויף די באַקן.

בשעת פיליפּ מיטן פאָטער זענען צוגעקומען צו איר בעט, האָט יעדער פון זיי עפּעס אַ מורמל געטאָן ווי צו זיך אַליין און נישט געקוקט אין איר זייט אַריין. זיי זענען דערנאָך געשטאַנען אַרום איר בעט און די גאַנצע צייט געשוויגן. ערשט ווען דאָס שפּיטאָל־גלעקל האָט זיך צעקלונגען און צו־וויסן געגעבן, אַז די וויזיט־צייט האָט זיך געענדיקט, האָט פיליפּ זיך עפּעס אָנגערופן צו פּאַולינען. ער איז צופרידן געווען, וואָס ער קען שוין גיין. ווען אַלע זענען אַוועק, האָט פּאַולין געהאַט פאַראיבל אויף טאַטע־מאַמע, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין שכל און נישט איבערגעלאָזט זי מיט פיליפּן אַליין. ביים אַוועקגיין האָט זי צו אים אויסגעשטרעקט דאָס מויל און ער האָט איר מיט קאַלטע ליפּן קוים אַ קוש געטאָן.

פיליפּס קאַלטן קוש האָט זי דערנאָך געפילט אַ לאַנגע צייט אויף די ליפּן. זי האָט אים געפילט אַ גאַנצע נאַכט, בעת זי איז געלעגן אויפן בעט און האַלב געשלאָפן און האַלב אויף געווען. קעגנאַיבער איר אויפן דיל האָט זי געזען אַ ווייסן קאַלטן ליכט־פלעק, וואָס האָט פיבערדיק געציטערט. אַרום איז געווען פינס־טער, די קראַנקע זענען געשלאָפן, בלויז דער ווייסער, קאַלטער פלעק האָט זיך געוואָרפן אויף דער פאָדלאָגע, ווי אַ פיש אין אַ נעץ. מיטאַמאָל איז דער פלעק ערגעץ פאַרשוווּנדן און זי האָט געפילט ווי איר בעט האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופט און מען האָט זי ערגעץ אַוועקגעטראָגן. זי האָט שוין מער נישט געוווסט, וווּ זי געפינט זיך, נישט געדענקט, אַז זי

איז קראַנק. דאָ איז זי געווען איינגעטונקען אין אַ חשכות און דאָ האָבן זיך געררוקט אויף איר ווייסע קאַלטע פייערן. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט דעם אַנדערן טאָג באַגינען, האָט זי זיך זייער געחידושט, אַז זי געפינט זיך אין שפּיטאָל, נישט דערקענט די קראַנקע, וואָס זענען אַרום איר געלעגן...

פאַרנאַכט, ווען פיליפּ איז צו איר געקומען, האָט זי געהאַט צו אים טענות פאַרוואָס ער לאָזט זי ליגן צוזאַמען מיט אַלע קראַנקע אויפן זאַל — זי וויל ליגן אין אַ באַזונדערער שטוב. די קראַנקע מיט זייערע אַלע מעשיות וועלן זי משוגע מאַכן! פיליפּ האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן פאַר איר, וואָס ער וועט נאָר קענען. ער האָט געקוקט אויף איר פון דער זייט, נישט געקענט איר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. בעת ער איז געקומען פון דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט און מען האָט אים אויף איר צוגעטראָגן דאָס ערגסטע, האָט ער נישט געוואָלט אין דעם גלייבן, זיך אָפּגעקערט פון די רכילות-טרייבער. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער האָט אויף איר דעם מינדסטן חשד. איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, אַז זי האָט געהאַט צו טאָן מיטן איטאַליענער די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אַוועק. אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַהער געפילט צו איר, האָט זיך ביי אים מיט־אַמאָל אויסגעלאָשן. אָבער ער האָט אויך איצט פאַר קיינעם גאָרנישט געוואָלט אַרויסווייזן — אפילו נישט פאַר די אייגענע עלטערן. בעת די עלטערן האָבן אים עפּעס געפרעגט, געפאָרשט, האָט ער געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט. מען האָט נישט געקאָנט דערקענען, וואָס ביי אים אינעווייניק טוט זיך.

פיליפּ האָט געקוקט זייטיק אויף זיין ווייב, בשום אופן נישט געקענט איר קוקן אין די אויגן אַריין. פּאַולין האָט נישט געקענט אויפכאַפּן זיין בליק. די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט ער געשוויגן, נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל.

— כ'וויים נישט פאַרוואָס ער איז מיך באַפאַלן! כ'וויים נישט פאַרוואָס! — האָט זיך פּאַולין אָנגערופן צו פיליפּן, גע־וואָלט הערן וואָס ער וועט זאָגן.

פיליפּ האָט געשוויגן, גאָרנישט געזאָגט.

— כ'וויים נישט וואָס ער האָט געהאַט צו מיר?! אַזאַ

אויסוווּרף! וואָס האָב איך אים געטאָן?... — האָט פּאָולין נישט דערמאָנט דזשאָס נאָמען, ווי זי וואָלט זיך פון נאָמען געמיאוסט, אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן ווייסט וועמען זי מיינט.

פיליפּ האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? גלייבסט מיר נישט?... — האָט זיך פּאָולין געבעטן ביים מאַן — גלייב מיר, אַז כ׳בין אין גאָרנישט שולדיק, פיליפּ דאַרלינג...

אָבער פיליפּ האָט ווייטער געשוויגן, נישט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט זיך בלויז אביסל געשעמט, ווייל דאָס ווייב האָט גערעדט הויך און ס׳האָט זיך אים גדאַכט, אַז די קראַנקע הערן זיך צו איר אונטער.

— דער דאָקטאָר האָט מיר היינט אינדערפרי געזאָגט, אַז מען וועט גאָרנישט דערקענען... דער האַלז וועט זיין אָל־רייט. ס׳וועט נישט בלייבן אפילו קיין צייכן... כ׳האָף, אַז וועסט מיר קויפן אַ קייטעלע אויפן האַלז, פיליפּ... — האָט זיך פּאָולין געחנדלט — דאָס קייטעלע וועט אַלץ פאַרשטעלן... שפּעטער וועט מען דאָס קייטעלע אויך נישט דאַרפן... וועסט זען, אַז אַלץ וועט זיין צוריק גוט. מיר וועלן זיין גליקלעך! האָבן קינדער... כ׳וועל אכטונג טאָן די קינדער זאָלן זיין פרום און דיינע עלטערן זאָלן זיין צופרידן...

פיליפּ האָט כסדר געשוויגן, נישט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט זיך בלויז פּאַרזיכטיק און פאַרשעמט אומגעקוקט דאָ אויף לינקס און דאָ אויף רעכטס, כדי צו זען, צי מען הערט זיך נישט אונטער צו דעם ווייבס רייד.

— ענטפער מיר, פיליפּ! ענטפער! וואָס שווייגסטו? דיין שווייגן וועט מיך משוגע מאַכן!... דו הערסט? כ׳וועל משוגע ווערן! — האָט שוין פּאָולין אויפגעהויבן דאָס קול און זיך הויך און אָן שום בושה צעשריגן — ענטפער מיר! דו הערסט!...

אָבער פיליפּ האָט ווייטער נישט געענטפערט, עקשנותדיק געשוויגן. ער האָט זיך שטילערהייט אויפגעהויבן פון שטול, זיך אַוועקגעשאַרט פון ווייב, כדי מען זאָל נישט ווּיסן, אַז דאָס שרייען האָט מיט אים עפּעס אַ שייכות. פון בושה און אויפרעגונג האָט זיין לאַנגער און דאַרער גוף שטיל געציטערט. ערשט ווען פּאָולין האָט זיך אביסל באַרואיקט און אירע קאַלטע,

בלויע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך מיד און אויסגעשעפּט, האָט ער זיך צוריק צו איר דערנענטערט. ער איז געטרעטן אַרום איר אויף די שפּיץ־פינגער, ווי איינער וואָס האָט מורא אויפצו־וועקן וועמען פון שלאָף. פּאולין איז געלעגן שטיל און ער האָט פון דער זייט געקוקט אויף איר, ווי מען קוקט אויף אַ פרעמדער פרוי. ער האָט באַמערקט איר אָנגעפּודערט און אָנגעשמינקט פּנים און כאָטש דער באַנדאַזש אויפן האַלז, האָט זי מיאוס געמאַכט, האָט ער זי איצט באַגערט. נישט געקוקט אויף דער שנאה און ווידערווילן, וואָס ער האָט צו איר איצט געטראָגן, וואָלט ער זיך צוגעלייגט צו איר און זי באַצווינגען, כדי צו פילן, אַז זי איז אינגאַנצן זיינע. ביז איצט איז זי דאָך קיינמאָל אינגאַנצן זיינע נישט געווען.

בעת דאָס גלעקל האָט זיך צעקלונגען און אָנגעזאָגט די באַזוכער, אַז ס'איז צייט צו גיין, האָט זיך פיליפּ שנעל אויפ־געהויבן פון שטול. פּאולין האָט אויסגעשטרעקט צו אים דאָס מויל און ער האָט איר אַ קוש געטאָן מיט קאַלטע, געפרוירענע ליפּן.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# פרילינגדיקע ווינטן

געווען איז דאָס אין אַן אינדערפרי, ווען מיסטער זעלינג איז געפאָרן מיטן טראַמוויי אין געשעפט אַריין. ער האָט דעם אויטאָ נישט גענומען, געמוזט אים איבערלאָזן מאַרין. דער טראַמוויי איז געווען פול־געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זענען געפאָרן צו דער אַרבעט. ס׳איז געווען שווער צו געפינען אַ ליידיק אָרט און פיל מענטשן זענען געשטאַנען. מיסטער זעלינג האָט נאָך נישט געהאַט געלייענט די מאָרגן־צייטונג און מיט אַ שפּיץ־אויג בגנבה אַריינגעבליקט אין דעם שכנס בלאַט, געוואָלט זען וואָס עס הערט זיך נייעס אויף דער וועלט. מיטאַמאָל האָט ער דערזען, אַז אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג איז מיט גרויסע אותיות געווען געדרוקט עפּעס וועגן יידן. אַז ער האָט דאָס באַמערקט, האָט ער שנעל אוועקגעכאַפּט די אויגן פון דער צייטונג. ער האָט נישט ליב, אַז די צייטונגען שרייבן וועגן יידן — נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס! זאָל מען לאָזן די יידן צו־רו! בעת ער האָט שפּעטער צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און בגנבה אַ בליק געטאָן ארום זיך, האָט ער געזען, אַז אין אַלע צייטונגען, וואָס די מענטשן האַלטן אין לייענען, איז געשריבן וועגן יידן. יידישע טעראָריסטן אין פּאַלעסטינע האָבן געשמיסן אַן ענגלישן מיליטער־מאַן, אַן אָפיציר. מיסטער זעלינג האָט זיך מיטאַמאָל איינגעקורטשעט, ווי ער וואָלט וועלן וואָס ווייניקער אָרט פאַרנעמען, ווי ער וואָלט וועלן מען זאָל אים איבגאַנצן נישט אָנזען. ער איז זיכער געווען, אַז אַלע ווייסן שוין, ער איז אַ ייד און טייטלען אויף אים מיט די פינגער. מ׳וועט אים באַלד אָננעמען ביים קאַרק און אַרויסוואַרפן פון טראַמוויי. מיסטער זעלינג האָט אַפילו געהאַט טענות צו די יידן אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן אַזוי מביש געווען אַן ענגלישן

אַפּיציר. אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין אַריינגעזאָגט: יידישע אונטערערדישע קעמפער האָבן זיך מן־הסתם נוקם געווען אין די ענגלענדער, יידן אין ארץ־ישראל קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג, ווילן אַראָפּוואַרפן דעם פרעמדן יאָך פון זיך, האָסטו אַ רעכט זיי עפּעס צו זאָגן? האָסטו אַ רעכט זיי צו זאָגן דעות?! דו האָסט דאָ מער מורא, ווי זיי דאָרטן, וואָס שטעלן איין זייער לעבן נישט נאָר פאַר זיך, נייערט אויך פאַר דיר... פּחדן, וואָס דו ביזט! יידן אין גלות האָבן שטענדיק מורא!...

מיסטער זעלינג האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָלט זען, צי מען קוקט אויף אים. אָבער קיינער האָט אים אַפילו נישט איין זינען געהאַט און ער האָט זיך גענומען צוהערן, וואָס די צוויי שכנים קעגנאיבער אים, האָבן צווישן זיך גערעדט. ער האָט אויפגעכאַפּט, אַז זייער שמועס האָט אַ שייכות צו דער נייעס וועגן די יידן, וואָס איז געווען געדרוקט אין צייטונג. איין אויסטראַליער, וואָס דער שלאָף איז אים נאָך געלעגן אין די ווינקלען פון די אויגן, האָט געהאַלטן, אַז די יידן זענען חוצפּה־דיק און צאָלן אָפּ מיט שלעכטס פאַר דעם גוטן, וואָס ענגלאַנד טוט מיט זיי. דער צווייטער אויסטראַליער, אַ דיקלעכער, מיט אַ רויט־אָנגעגאָסן פנים, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן.

— יידן דאַרפן צוריקבאַקומען זייער לאַנד... — האָט ער געטענהט — זיי האָבן גענוג געליטן אין דער מלחמה! אַ סך פון זיי זענען פאַרפּייניקט געוואָרן... יידן דאַרפן באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַרשקלאַפטע פעלקער! שור... און לאָמיר זען, וואָס די יידן וועלן אין אייגענעם לאַנד אויפטאָן!

— רייט! — האָט זיך אין שמועס אַריינגעמישט אַ היי־זעריקלעך, טרוקן קול — די יידן דאַרפן צוריקבאַקומען פּאַלעס־טיין! און לאָמיר זען, צי זיי וועלן זיך קענען אַליין אַן עצה געבן!

בשעת הערש זעלינג האָט געהערט די דאָזיקע רייד, איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן און ער האָט פאַראיבל געהאַט אויף זיך אַליין פאַר זיינע פריערדיקע מחשבות, פאַר זיין פּחדנות. יידישע בחורים שטעלן איין דאָס לעבן און ער האָט נאָך טענות צו זיי!

אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. אין די צייטונגען האָבן זיך אָפּטער אָנגעהויבן צו ווייזן ידיעות וועגן

נקמה־אַקטן אין ארץ־ישראל קעגן די ענגלענדער. יידן אין ארץ־ישראל האָבן געפאָדערט, אַז ענגלאַנד זאָל האַלטן זייער הבטחה און אַרויס פון זייער לאַנד.

הערש זעלינג איז שוין צוגעוווינט געוואָרן צו די נייעסן און זיי האָבן אים מער נישט געאַרט. פאַרקערט, זיי האָבן אים אַפילו אָנגעפילט מיט שטאָלץ. דערפאַר האָט זיך מיט זיי שטאַרק איבערגענומען דער מחותן זיינער, מיסטער דייוויס, וואָס האָט צו אים אַלעמאָל געקלונגען אין טעלעפאָן. מיסטער דייוויס, דער ענגלישער ייד, וואָס האָט זיך שטענדיק אַזוי שטאַרק געהאַלטן אין די ראַמען, איז געווען אָנגעצויגן אויף זיין מחותן צוליב פּאָולינען און ער האָט זיך כסדר צו אים געזוכט. עס איז אויסגעקומען ווי די שולד פון די געשעענישן אין ארץ־ישראל, וואָלט ער אַרויפגעוואָרפן אויף זיין מחותן.

— כ׳גיב געלט אויף פּאַלעסטיין! — האָט ער אַריינגערעדט אין טעלעפאָן — אָבער דאָס איז מער נישט איבערצוטראָגן, וואָס די יידן טוען אָפּ די ענגלענדער! די ענגלענדער האָבן בלויז גוטס געטאָן די יידן און זיי דאַרפן זיי מיט עפּעס אָפּדינען. צוו סוף פאַלן גאָר די יידן אָן אויף די ענגלענדער! ס׳איז אַ סקאַנדאַל! כ׳גיב מער נישט קיין פּעני אויף פּאַלעסטיין. די ענגלענדער באַשיצן דאָס לאַנד פון די אַראַבער. ווען זיי וועלן אַרויס פון פּאַלעסטיין, וועלן די אַראַבער צעטרעטן דאָס לאַנד! שאָקינג!

געהערט די רייד, האָט עס הערשן געקאָסט געזונט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן, זיך נישט געוואָלט צעקריגן מיטן מחותן. ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז אַ שאָד יעדעס וואָרט, ער וועט קיינמאָל דעם מחותן נישט איבערשפּאַרן. מיט ענגלישער העפלעכקייט וועט מיסטער דייוויס געבן אים אפשר גערעכט — נאָר אין זיך וועט ער זיך האַלטן ביים אַלטן. חוץ דעם האָט הערש פאַרשטאַנען, אַז מיסטער דייוויס איז אָנגעשטויסן אויף אים צוליב זיין טאָכטער. זינט דער מעשה מיט פּאָולינען, האָט מיסטער זעלינג אויסגעמיטן דעם מחותן, נישט געקענט אים קוקן אין די אויגן אַריין. ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך פון דעם אַלעמען אַרויסקומען? פיליפּ האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט, ער רעדט נישט אַרויס צו פּאָולינען אַ וואָרט. ער האָט

טאַקע דאָס ווייב צוריק אַהיים גענומען — אָבער ער באַצייט זיך צו איר ווי צו עפּעס אַ חפץ, וואָס באַלאַנגט צו אים און ער קען זיך דערפון נישט אָפּזאָגן. ער באַהאַנדלט דאָס ווייב אויפן זעלבן שטייגער ווי אַן אָפּיציר אַ זעלנער, וואָס האָט זיך אין עפּעס פאַרזינדיקט. און פּאַולין שווייגט, טוט וואָס דער מאַן הייסט.

אויב דער מחותן זיינער, מיסטער דייוויס, האָט געהאַט טענות צו הערש זעלינג מחמת דעם וואָס די יידן באַציִען זיך שלעכט צו די ענגלענדער אין ארץ־ישראל, ווי ער וואָלט געוועזן דער שולדיקער אין דעם, האָט דער גויאישער מחותן זיינער, דיק דער „טראַק־דרייווער" זיך דווקא אָנגענומען פאַר די יידן און זיי געגעבן גערעכט. דיק איז איצט אָפּט געקומען מיט זיין „טראַק" קיין מעלבורן און ער איז טיילמאָל אַריינגעפאַלן צו הערש זעלינג אין הויז. בשעת די יו־ען האָט באַשטימט צו געבן די יידן „פּאַלעסטיין", איז דיק געווען דערפון זייער צופרידן.

— כ'בין שטאָלץ דערמיט, וואָס אונזערס אַן אַרבעטער־פירער, אַן „אָזי", האָט אַזוי מוטיק געהאַנדלט לגבי די יידן... — האָט דער אייביקער שווייגער באַקומען לשון — די אַרבעטער זענען אַלעמאָל גרייט יענעם צו העלפן... זיי זענען אַליין די באַעוולטע און נעמען זיך אָן פאַר אַנדערע באַעוולטע... שטרעקן אויס אַ ברידערלעכע האַנט!... כ'בין שטאָלץ פון אונזער אויס־טראַלישן „לייבאָר־לידער"... ער איז אַן אמתער „אָזי"... אַ גוטער ברודער!

די האַנדלונג פון דעם אויסטראַלישן אַרבעטער־פירער אין חער יו־ען האָט נישט בלויז אָנגעפילט דיק דעם „טראַק־דרייווער" מיט שטאָלץ, נאָר אויך די יידן אין מעלבורן. עס האָט זיך די יידן געדאַכט ווי זיי אַליין וואָלטן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש. זיי האָבן זיך געפילט ווי נאָענטע מחותנים צו דער שמחה נישט בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען יידן, נאָר ווייל זיי זענען טאַקע אויסטראַלישע יידן... די פרייד איז געווען גרויס און מען האָט וועגן דעם גערעדט בייטאָג און ביינאַכט. מ'האָט שוין געוואַרט אויף דעם טאָג, אַז ענגלאַנד זאָל פאַרלאָזן דאָס יידישע לאַנד...

אין דער „התחיה" האָבן זיך יידן געשפּאַרט און מען האָט דווקא געוואָלט וויסן, צי ענגלאַנד וועט טאַקע פאַרלאָזן ארץ־ישראל און אוועק מיט גוטן, צי נישט. אין ביבליאָטעק־זאַל זענען די געשרייען געווען אַזוי הויך, אַז מען האָט נישט געקענט אײַנגאַנצן לייענען. דער חבר מענקעס איז אַרומגעלאָפן און זיך געבעטן ביי די יידן:

— מענטשן ווילן לייענען... סטערט ניט! גייט אַרויס פון זאַל, וועט איר קענען שרייען וויפיל איר וועט נאָר וועלן...

אָבער מען האָט זיך ווייניק צוגעהערט צו אים און געטאָן וואָס מען האָט געוואָלט. מיסטער צעבער, דער פּאָליטיקער, האָט געשריגן, אַז מיסטער בן־גוריון איז אַ גרויסער קאָפּ! דער מיסטער סויבל האָט זיך פון דעם אַלעמען אַזוי שטאַרק איבער־גענומען, אַז ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן ביבליאָטעק־זאַל און פרום פאַרקוועטשט זיינע שיקלדיקע אייגעלעך:

— כ'דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס כ'האָב דערלעבט צו דער דאָזיקער גרויסער שעה!... צו דער דאָזיקער גרויסער געשעע־ניש!... — האָט זיך פון אים מיטאַמאָל אָפּגעטאָן דער ליץ און זיין פּנים האָט געשיינט פון נחת און גליק — ס'איז אַ גרויסע זכיה, וואָס מיר איז דאָס אויסגעקומען צו איבערלעבן! וואָס דאָס איז געשען אין מיין דור! צוויי טויזנט יאָר וואַרטן מיר שוין אויף דעם נס... און אין מיין צייט איז דער נס מקוים געוואָרן!

— לאָמיר זיך צעקושן, יידן! — האָבן אַ פּאָר הענט זיך אויסגעשטרעקט און אַרומגענומען דעם מיסטער סויבלס האַלז.

— מען דאַרף מאַכן אַ שהחיינו... — האָט מיסטער צעבער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!... אַזויפיל יידן זענען אומגעקומען... איצט דאַרפן מיר אָנהייבן אַ ניי לעבן!

אין דער „התחיה" האָט מען נישט בלויז זיך וועגן דעם געשפּאַרט, נאָר מען האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו שפּאַרן וועגן „קיום און המשך" — צי וועלן די יידן, וואָס וועלן ווייטער לעבן אין אויסטראַליע, בלייבן ביי יידישקייט, צי וועלן זיי פאַרשוואונקט ווערן פון די גויאישע שכנים...

בײַ די דאָזיקע אָוונטן, װאָס זענען אָפּט פֿאָרגעקומען אין „התחיה", איז געװען דער גאַנצער דעה־זאָגער דער חבר מענקעס. ער האָט גערעדט װעגן דעם ייִדישן לשון, װעגן דער ייִדישער ליטעראַטור און זײער השפּעה אױפֿן היגן ייִדישן לעבן. ייִדיש איז אַ פֿעסטונג קעגן אַסימילאַציע און מען דאַרף צװינגען די קינדער צו רעדן ייִדיש! ייִדיש איז הײַנט אַ לשון־קודש. די קדושים אין די געטאָס, אין די טױט־לאַגערן האָבן זײערע לעצטע װערטער אַרױסגעשריגן אין ייִדיש! די אבות האָבן אָפּגעהיטן לשון־קודש אַזױפֿיל הונדערטער יאָרן, פֿאַרװאָס זאָלן די איצטיקע דורות דאָס נישט קענען באַװײַזן מיט ייִדיש?!...

מען האָט אָבער דעם חבר מענקעס נישט געלאָזט באַקומען זײַנע רײד און אים געשטעלט פֿאַרשידענע קשיות. אַלעמאָל, בעת ער איז געשטאַנען אױף דער בינע און ער האָט געמײנט, אַז ער האָט שױן דעם עולם אױף זײַן צד, האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט דער מיסטער קלײן, װאָס האָט אַ טבע געהאַט צו זיצן אין די סאַמע הינטערשטע רײען און דװקא ליב געהאַט מען זאָל אים הערן איבערן גאַנצן זאַל. מיסטער קלײן האָט אין די ערשטע צײַטן, װען ער איז געקומען קײן אױסטראַליע, נישט „געגליכן" דאָס לאַנד און מען האָט אים דערפֿאַר נישט איבעריק ליב געהאַט. מחמת דעם האָט ער נאָכאַנאַנד געזוכט עפּעס אַ געלעגנהײט נושא־חן צו זײַן בײַם עולם. אַז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ געדאַנק, װאָס האָט זיך אים אױסגעװיזן צו זײַן ריכטיק, האָט ער געװאָלט, אַז אַלע זאָלן זיך צו אים צוהערן. ער האָט צומײנסטנס געשטערט דעם חבר מענקעס.

— און װאָס־זשע טוט מען, אַז די קינדער װילן נישט אַרױסרעדן קײן ייִדיש װאָרט! — האָט ער זיך מיט פֿיל עקשנות אָנגעזעצט אױפֿן חבר מענקעס — אַז מען רעדט צו די קינדער ייִדיש, ענטפֿערן זײ ענגליש!

— מיר דאַרפֿן נישט דערױף קוקן, װאָס די קינדער ענטפֿערן ענגליש! — האָט חבר מענקעס אַראָפּגעשריגן פֿון דער בינע — מיר דאַרפֿן צו זײ רעדן אַזױ לאַנג ייִדיש, ביז זײ װעלן ענטפֿערן ייִדיש! זײ װעלן סוף־כל־סוף מיד װערן און זיך אונטערגעבן!

— און פֿאַרװאָס רעדן די קינדער פֿון דער אברהם רײזען־שול ייִדיש? װײַל מען פֿלעגט דאָרט די ליבע צו ייִדיש... צו דער

שפּראַך פון די עלטערן... — האָט ווער אינם זאָל צוגעהאָלפן דעם חבר מענקעס.

מיסטער קליין האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געוווסט, אַז ער האָט אַ גוטע קאָרט אין דער האַנט און ער האָט זי נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. ער האָט געפילט, אַז עס איז לייכט איצט צו געווינען דעם עולם אויף זיין צד.

— און וואָס וועט זיין, אַז די קינדער וועלן שוין קענען אַ פּאָר ווערטער יידיש?... — האָט ער ווייטער געשטערט דעם חבר מענקעס — בלויז מיט דער שפּראַך קען מען קיין קינד נישט צובינדן צו זיך! גיט זיך אַ קוק אַרום וויפיל יונגוואַרג ס׳איז דאָ אין האָל... אונזערע אַלע „דיסקאַשנס" אינטערעסירן זיי ווי די פּאַראַיאַריקע בלאָטע. די יוגנט קומט נישט אויף אַלע אונזערע אונטערנעמונגען. זיי ווילן זיך מיט אונז נישט „באָדערן"... זיי האַלטן, אַז זיי זענען קליגער פון אונז... און אפשר זענען זיי גערעכט... מיר זענען אין קיין „קאָלעדזשעס" נישט געגאַנגען!

— דאָס מאָל איז מיסטער קליין גערעכט!... — האָט זיך אַריינגעמישט מיסטער צעבער דער פּאָליטיקער — אָבער וואָס האָט ער זיך נישט פאַרשריבן צום וואָרט? מען דאַרף זיך פאַרשרייבן צום וואָרט, אַז מען וויל רעדן... מיר האָבן טאַקע מער נישט געטאָן, נאָר געשיקט אונזערע קינדער אין די „קאָלעדזשעס". וואָס האָבן מיר געטאָן, אַז מיר זאָלן די יוגנט צובינדן צו זיך? גאָרנישט! אונזערע אבות האָבן צוגעבונדן די דורות צו זיך מיט רעליגיע. די פרומע יידן אין דער קאַרלטאָנער ישיבה טוען דאָס זעלבע... אַ קינד דאַרף האָבן עפּעס, וואָס זאָל אים צוציען... אַ יידישע מלוכה איז עפּעס אַנדערש!

— אָרדער פּליז! אָרדער! — האָט מיטן גלעקל אָנגעהויבן צו קלינגען דער פאָרזיצער פון אָוונט — קיינער האָט זיך נישט פאַרשריבן צום וואָרט און אַלע רעדן אינאיינעם. קען מען קיינעם נישט הערן! לאָזט פריינד מענקעס ענדיקן. דערנאָך וועט מען זיך קענען פאַרשרייבן צום וואָרט. פּליז, פריינד מענקעס, זעצט פאָר...

דער חבר מענקעס האָט ממשיך געווען. ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס די עלטערן שיקן נישט די קינדער אין די שולן,

ווו מען לערנט יידיש, יידישע ליטעראַטור. די קינדער דאַרפֿן זיך באַקענען מיט יידישער געשיכטע... מיט דער געשיכטע פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט... וואָס ווייסט די יוגנט וועגן זייערע עלטערן, די פּוילישע יידן, וועגן דעם הערלעכן קאַפּיטל, וואָס זיי האָבן אַריינגעשריבן אין די בלעטער פֿון דער יידישער געשיכטע? וואָס ווייסט די יוגנט וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד? די ערשטע צייטן, ווען דער עמיגראַנט איז געקומען אַהער, האָט ער געזוכט נאָר געלט צו מאַכן. שפּעטער האָט ער זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי זיך צוצופּאַסן צו דער נייער סביבה.

— ס'איז נישט אמת! — האָט זיך ווידער דערהערט דעם מיסטער קליינס קול — ס'איז נישט אונזער שולד, וואָס די קינדער גייען אַוועק פֿון אונז... בלויז מיט געשיכטע קען מען די קינדער נישט צובינדן צו זיך!... זיי קענען נישט לעבן בלויז מיט דער „פּאַסט"!

— און וואָס טוען די ציוניסטן פֿאַר דער דערציאונג פֿונם קינד?!... — האָט ווער פֿון עולם זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט — זיי שפּייזן עם בלויז מיט ארץ־ישראל... אָבער די קינדער פֿאָרן נישט קיין ארץ־ישראל... און אַז זיי ווילן שוין יאָ פֿאָרן, לאָזן נישט די עלטערן! אויף אַלע זייערע אונטערנעמונגען רעדן די היגע ציונים נישט העברעאיש, נישט יידיש, נאָר ענגליש... אַז זיי וועלן זיך ווייטער אַזוי פֿירן, וועלן זיי באַלד נישט האָבן צו וועמען צו רעדן!

— אָרדער פּליז! מאַכטש נישט קיין טומל... אַז איר ווילט רעדן, פֿאַרשרייבטש זיך צום וואָרט! — האָט דאָס גלעקל אין פֿאָרזיצערס הענט זיך געריסן, געוואָלט איינשטילן דעם צעהיצטן עולם.

מיטאַמאָל האָט דער טומל אויפֿן זאַל זיך אַביסל איינגעשטילט און פּונקט ווי אויף עפּעס אַ באַפֿעל, האָבן פֿיל קעפּ זיך אָנגעהויבן אומצוקוקן צו דער טיר, כדי צו זען ווער ס'איז אַריינגעקומען. אינם זאַל איז אַריין מיסטער זיידנער. מחמת דעם וואָס אַראָן זיידנער איז שוין געווען אַ גאַנצער מאַכער ביי די ציוניסטן, האָט זיין אַריינקומען אַרויסגערופֿן אויפֿמערקזאַמקייט. מיסטער זיידנער האָט ליב געהאַט מען זאָל אים

אָנזען און ער איז באַלד געגאַנגען זיך זעצן אין דער ערשטער ריי. ווי שטענדיק איז ער געווען אויסגעפּוצט. ער האָט געטראָגן אַן עלעגאַנט־אויסגעפּאסטן אָנצוג און אַ בלום האָט ביי אים געשטעקט אין לאַץ. מיסטער זעלינג, וואָס איז געזעסן אין די הינטערשטע רייען, האָט באַלד געהערט ווי מען האָט זיך וועגן זיין שותּף אָנגעהויבן צו סודען.

— אומעטום שטופּט ער זיך, דער כבוד־זוכער... — האָט מיסטער קליין אַריינגעשושקעט זיין שכן אין אויער — ווו מען זייעט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער! ער איז אַ מאַכער ביי די ציוניסטן, אין דער יהודה־הלוי־שול, אין הילפס־פאַנד... און ווען ער האָט דערשנאַפּט, אַז אין דער „התחיה" קען מען אויך אָפּלעקן אביסל כבוד, קומט ער אויך דאָ צו רייטן!...

— וואָס־זשע איז? איר פאַרגינט אים נישט?... נעווער מיינד... — האָט מיסטער קליין באַקומען אַן אָפּשניט — מיסטער זיידנער טוט אַרבעט, קומט אים דער כבוד! טוט אויך אַרבעט, וועט איר אויכעט האָבן כבוד! נעווער מיינד! איר האָט שטענדיק ליב זיך צו יענעם צו טשעפּען... צו זוכן ביי אַלץ אַ פּעלער! אַ נאַטור פון אַ מענטש...

— און איך זאָג אייך, אַז אַראָן זיידנער טוט אַלץ בלויז פאַר כבוד!

— זאָל זיין פאַר כבוד! און וואָס טוט איר פאַר כבוד? נעווער מיינד... ווען איר טשעפּעט זיך צו נאַטאַנזאָנען איז עפּעס אַנדערש! ער איז, זעט איר, בלויז אַ כבוד־זוכער... ווער ס'האָט די מאה, דער האָט די דעה... ער גייט נאָר דאָרט אַהין, ווו ער קען האָבן גאַנצע בערג מיט כבוד... ווו ער קען ווערן פּאָרזיצער... אוים פּאָרזיצער, אוים טוער!... נעווער מיינד...

מיסטער זעלינג איז אָפט געקומען צו די דאָזיקע אָוונטן אין „התחיה", האָט זיך צוגעהערט צו די רעדעס, צו די ויכוחים, כאָטש ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגערופן מיט אַ וואָרט. אמת איז, אַז די אַלע פראַגן זענען אים אָנגעגאַנגען, האָבן אים באַרירט, אָבער ער איז אַלץ געווען אביסל שעמעוודיק און ער האָט בשום־אופן נישט געקענט פועלן ביי זיך אַוועקצושטעלן זיך אַזוי פראַנק־און־פריי רעדן, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן. טיילמאָל איז אויך שיינדל געקומען מיט העַרשן אין „התחיה"

און אויך זי איז געזעסן שטיל, זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, כאָטש די אַלע רייד, וואָס מען האָט דאָ גערעדט, זענען איר שטאַרק אָנגעגאַנגען און עס האָט זי נישט איינמאָל אָנגענומען אַ באַגער אויך עפּעס צו זאָגן.

איינמאָל האָט מיסטער זעלינג באַמערקט ווי דאָס ווייב דרייט זיך זייער אומגעדולדיק אויף דער שטול און פּלוצים הייבט זי זיך אויף פון אָרט און נעמט עפּעס זאָגן. מיסטער זעלינג האָט זיך דעמאָלט זייער דערשראָקן, וואָרן ער האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס ווייב גייט רעדן. ער האָט אַזוי געציטערט, ווי ער אַליין וואָלט געהאַלטן דעם „ספּיטש". אָבער מיסיס זעלינג האָט זיך דווקא נישט געשראָקן, פּאַוואָליע געזוכט די ווערטער און אָנגעהויבן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. זי האָט גערעדט וועגן ארץ־ישראל, וואָס יידן האָבן צוריק־באַקומען, וועגן די יידן, וואָס קלערן אַהין צו פאָרן. זי איז אָבער באַלד צוגעקומען צו די היינטיקע קינדער, גערעדט וועגן דעם וואָס מען דאַרף אַלץ טאָן, כדי צובינדן די קינדער צו זיך. זי האָט געענדיקט מיט דעם, אַז ווען מען גיט איר איבער אויף אַ שטיקל צייט די פירונג פון דער וועלט, וואָלט זי געוווסט וואָס צו טאָן, כדי אַלע זאָלן זיין צופרידן און עס זאָל זיין יושר אויף דער וועלט... ווען מען הערט זיך צו איר צו, וואָלט זי שוין געוווסט וואָס צו טאָן...

מיסיס זעלינג האָט גערעדט אַזוי פּשוט, מיט אַזויפיל האַרץ, אַז מענטשן האָבן איר געקוקט גלייך אין מויל אריין. בלויז טייל האָבן פאַרבאָרגן געשמייכלט צו זיך אַליין, געמאַכט חוזק פון איר, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן. אַז מיסיס זעלינג האָט געענדיקט, האָט דער מאַן לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיך דערפילט צוריק פריי, ווי ער וואָלט צוריקגעקומען פון אַ גרויסער סכנה. בשעת דאָס ווייב האָט געענדיקט, איז הערשן פונדעסטוועגן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צי ס'וואָלט נישט געווען אַ יושר צו ברענגען זיינע קינדער אַהער, זיי זאָלן זיך צו דעם אַלעמען צוהערן. אָבער וועמען קען ער ברענגען? לעזלין? פּאָולינען? אַביבע מאָרין. אָבער ער איז אַזוי „ביזי" מיט זיינע געשעפטן. גראָד אים וואָלט דאָס אינטערעסירט.

הערש האָט זיך אַמאָל אונטערגעהערט ווי מאָרי האָט

אריינגעזאָגט פּאַולינען, בעת זי האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער נעמט זיך אַזוי שטאַרק איבער מיט די יידן פון די געטאָס, פון די לאַגערן. ס'איז אַ בושה צו געהערן צו אַ פאָלק, וואָס מען האַלט אין איין פּייניקן און וואָס קען זיך נישט ווערן. מאַרי האָט זי דעמאָלט אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וויל איר אַפילו נישט ענטפערן.

— כ'האָב דיך פיינט!... — האָט ער סוף־כל־סוף זיך אָנגערופן — כ'קען נישט הערן דיין קול! יו סעלפיש קריאַטשור...

ס'זעט אויס, אַז מאַרי וועט נישט ענדיקן דאָס שטודירן, ער וועט אַוועק קיין ארץ־ישראל. ער האָט טענות פאַרוואָס די עלטערן זענען קעגן דעם, אַז די קינדער זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַז די עלטערן ווילן אַליין נישט פאָרן, זאָלן זיי כאָטש די קינדער לאָזן פאָרן. פונקט ווי דיק דער „טראַק־דרייווער", איז ער אויך געווען שטאָלץ מיט דעם וואָס אַן אויסטראַלישער ארבעטער־פירער האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט, אַז מען זאָל געבן די יידן „פּאַלעסטיין".

נאָך די אָוונטן אין „התחיה", ווען הערש איז מיטן ווייב אַהיים געגאַנגען, האָט ער זי געוואָלט מיט עפּעס אויפמונטערן און ער האָט איר דערציילט וועגן דעם שיינעם הויז אין עלוווד, וואָס ער גייט בויען. ער זאָרגט זיך בלויז וועגן דעם, וואָס ער וועט אַזוי ווייט וווינען פון טאַטן. דער טאַטע וועט נישט וועלן אַוועק נישט פון קאַרלטאָן, נישט פון דער ישיבה. אַז הערש האָט געזען, אַז די אַלע רייד ווירקן נישט זייער אויפן ווייב, האָט ער צום סוף מוסיף געווען:

— ס'זעט אויס, שיינדל, אַז מיר וועלן האָבן אַן אייגענע מלוכה...

— יאָ, הערש... — האָט זי געענטפערט — אָבער נאָך וואָס דאַרפן מיר אַזאַ גרויס הויז? ווער וועט וווינען אין הויז? דזיאָד ז'באַבאָן...

קאַפּיטל דרייסיק

# אומרו

מיסים זיידנער האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף מאָרין, נישט געקענט פאַרגעסן די עוולה, וואָס ער האָט געטאָן איר טאָכטער. זי האָט באַשולדיקט מאָרין, אַז צוליב אים איז סוזען אַוועק אויף „הכשרה”. כאָטש סוזען האָט דאָס פאַרלייקנט, האָט זי גאַנץ גוט געזען, אַז דאָס מיידל גייט אויס נאָך מאָרין און אַז מען זאָל זיך אַזוי וואַרפן מיט איר קינד — מיט דעם האָט זי נישט געקענט שלום מאַכן. אויך האָט מיסטער זיידנער נישט געקענט פאַרגעסן די עוולה, וואָס מאָרי האָט געטאָן זיין טאָכ־טער, אָבער ער האָט נישט פאַראַרבעט אַזעלכע מעשים ווי דאָס ווייב. זינט ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער ביי די ציוניסטן, האָט ער געהאַלטן שטאַרק פאַסאָן און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער זיך אַ סך מאָל איבערגעלייגט, צי דאָס פּאַסט פאַר אַ מענטש פון אַזאַ מדרגה, ווי ער איז. ער האָט זיך שוין מער נישט אויפגעקאָכט אַזוי שנעל ווי אַמאָל. מחמת דעם איז ער געווען אין אַ קלעם און ער האָט נישט געקענט באַשולדיקן מאָרין אין די אַלע חטאים, וואָס דאָס ווייב האָט אים באַשולדיקט.

אַ בייזע, אַן אומרואיקע, פול מיט זאָרג וועגן גורל פון דער טאָכטער, האָט זיך די מיסיס זיידנער אַרומגעטראָגן אין עלוווד פון איין יידישן שכן צום אַנדערן און זי האָט אויסגערעדט אויף מאָרין אסור לדבר. זי איז געגאַנגען שפּילן קאָרטן אינמיטן טאָג צו די שכנות, האָט זיך אַליין פאַרבעטן אויף „לאַנטש” — און אַלץ דערפאַר זי זאָל קענען רעדן אויף מאָרין און זי זאָל זיך פאַר די שכנות אַראָפּרעדן פון האַרץ. די טעג זענען גראָד געווען שיינע און לויטערע. אין עלוווד האָבן די פאַרפּוצטע, פריש־געמאָלענע הייזלעך געדרימלט אין דער זון. די גערטנדלעך

פאַר די הייזלעך האָבן מיט די גרינע קורץ־געשניטענע גראָז־טעפּיכער און מיט די קאָליריקע בלומען־בייטן אָנגעשטעקט מיט רואיקייט. קיין מענטש האָט מען נישט געזען אין גאַס. די מענער זענען געווען אין די „ביזנעס" און די ווייבער זענען אין שטוב פאַרנומען געווען מיט דער באַלעבאַטישקייט. דער ים ביים סוף פון די געסלעך איז געווען פונקט אַזוי טיף־בלוי ווי דער הימל. אויפן קרישטאָל־בלויען ים־שפּיגל האָט די זון געצעטערט, קרום געפאַלן אויפן וואַסער, ווי אַ גאָלדענער וואַסער־פאַל. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי מנוחהדיק און זיך אַדורכגעזען ווי אונטער אַ זוניקער שויב. בלויז די שפּאַנענדיקע ברייטע געשטאַלט פון דער מיסיס זיידנער, אָנגעטאָן אין אַ ווינטערדיקן קאָסטיום, מיט אַ „פוקס" אָנגעהאָנגען אויפן האַלז, האָט געשטערט די אַרומיקע מנוחהדיקייט. ווען מיסיס זיידנער האָט געשפּאַנט אויף דער גאַס, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אָפיציר, וואָס גייט אַליין אויסקעמפן עפּעס אַ שלאַכט. מיט אַ ירגזון האָט זי אויפגעמאַכט און צוריק פאַרקלאַפּט די אייזערנע טירלעך ביי די שכנישע פאַרקנס, ווי זיי וואָלטן אין עפּעס שולדיק געווען.

בשעת די מיסיס זיידנער איז אַריינגעקומען צו אירע שכנטעס, האָט זי תחילת מכלומרשט גערעדט וועגן וועטער, וועגן קאָרטן — אָבער באַלד איז זי אַריבער אויף מאַרין.

— אַז ער איז נישט קיין לייט, דער „באָי", יו נאָו! — האָט זי געשטופּט די שכנטעס אין פּנים אַריין די שפּיציקע פויגל־נאָז אירע — ר'וועט אַזוי ענדיקן אויף דאָקטאָר ווי מיר וועט דאָ האָר אויסוואַקסן. — האָט זי אָנגעוויזן אויף איר האַנט — מען קען אים נישט פאַרגלייכן צו די אַנדערע „באָיס" אין זיין עלטער!

זי האָט נישט דערמאָנט מאַרים נאָמען, ווי זי וואָלט זיכער געווען, אַז אַלע ווייסן שוין וועמען זי מיינט. זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, אַליין געהאַלטן אין איין רעדן:

— ווו האָט ער אַ קאָפּ צום לערנען, אַז גאַנצע טעג און נעכט זעט מען אים מיט דער ניי־געקומענער! זי איז טאָפּלט אַלט פון אים... ווי קומט אַזאַ יונגער שנעק צו איר? זי האָט דאָך שוין אַ טאָכטער אין סוזענס עלטער! ער איז נישט ווערט מען זאָל אים אַריינלאָזן אין אַ יידישער שטוב...

אויף אַ רגע האָט זי זיך אָפּגערוט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און באַלד ווידער אָנגעהויבן:

— אַז ער וויל פֿאָרן קיין „פּאַלעסטיין", זאָ ער פֿאָרן! אָבער וואָס האָט ער צו די אַנדערע קינדער? מיין סוזען פּייניקט זיך שוין אויף דער „הכשרה" וואָכן־לאַנג... דאָס מיידל שלאָפֿט אויף דער גאָלער ערד... אָבער ער זיצט זיך נאָך אַלץ דאָ, אין מעלבורן!

מיסטער זיידנער האָט זיך שוין אַמאָל אונטערגעהערט ווי דאָס ווייב רעדט אוים אויף מאָרין און ער האָט זיך נישט אָנגערופֿן קיין וואָרט. פּאַרקערט, ס'האָט אים אַפילו הנאה געטאָן און ער האָט אין דער שטיל דערפֿון אַליין אָנגעקוואָלן. אָבער אַז דאָס ווייב האָט אָנגעהויבן אַריינצומישן „פּאַלעס־טיין", די „הכשרה", איז ער געוואָרן בייז און ער האָט זי באַלד אָפּגעשטעלט.

— טייערע... דיער... — האָט ער זי, ווי זיין שטייגער, אָנגענומען ביים עלנבויגן — וואָס רעדסטו? רעד נישט קיין דומהייטן!

ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט מיט טענות קעגן זיך, קעגן די ציוניסטן, אַז זיי ווילן שיקן קיין ארץ־ישראל די קינדער פֿון אַנדערע, אָבער די אייגענע קינדער ווערן זיי קיינמאָל נישט שיקן. אַ בעל־דרשן, וואָס רעדט שיינע רייד, דאַרף נישט דרשנען בלויז פֿאַר יענעם... ס'איז לייכט מיט פֿרעמדע הענט פֿייער צו שאַרן...

ס'האָט זיך דעמאָלט פּונקט אָנגערוקט די צייט, ווען די ענגלענדער האָבן פֿאַרלאָזט ארץ־ישראל און די יידן האָבן איבערגענומען דאָס לאַנד. די יידן אין מעלבורן האָבן זיך מיט דער ידיעה שטאַרק געפֿרייט, כסדר זיך צוגעהערט צו די נייעסן אין ראַדיאָ, גינשטערט אין די צייטונגען. מען האָט גערעדט וועגן דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש אין שטוב און אין גאַס, אין אַלע לאָקאַלן און ביי אַלע „פּאַרטים" און באַגעגענישן. אין די שולן און סינאַגאָגעס האָט מען אָפּגעריכט תפילות. מען האָט געדאַנקט דעם באַשעפֿער, וואָס מ'האָט דערלעבט צו דעם דאָזיקן גרויסן טאָג. יידן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און געקושט. איצט וועט מען זיין מיט לייטן גליך און האָבן אַן

אייגענע מלוכה! דאָס יידישע פאָלק וועט שוין מער נישט זיין הפקר אויף דער וועלט און יידיש בלוט וועט זיך נישט גיסן אומזיסט און אומנישט! מען וועט נישט זיין מער קיין אומזיסטע קרבנות און זיך לאָזן שעכטן ווי די לעמער... צוויי טויזנט יאָר האָט מען געוואַרט אויף דעם נס, און איצט איז דער נס געקומען!... יידן האָבן געמאַכט אַ „שהחיינו". ווייבער האָבן פון פרייד געוויינט, זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און געזאָגט, אַז ס'זענען געקומען משיחס צייטן... דער גלות האָט זיך שוין געענדיקט! יידן ווערן אויסגעלייזט... די שמחה איז אָבער פאַרשטערט געוואָרן מחמת דעם, וואָס די אַראַבער זענען באַפאַלן דאָס לאַנד און גאַנץ ארץ ישראל איז געשטאַנען אין קאַמף קעגן די שונאים. די יידן אין מעלבורן זענען געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט.

גאָר שטאַרק זענען געוואָרן באַזאָרגט די ציוניסטן און ס'האָט זיך גערודערט אין בית הערצל, סיי ביי די עלטערע מיטגלידער און סיי ביי דער יוגנט. די טירן האָבן נישט גערוט. מען איז געקומען און געגאַנגען. ס'זענען כסדר פאָרגעקומען מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. מ'האָט געפּאָדערט ביי די יידן אין מעלבורן, זיי זאָלן געבן געלט. יידן אין דער יידישער מדינה שטעלן איין דאָס לעבן! מען גיט דאָך פאַר דער אייגענער מלוכה!... אויך האָט די יוגנט נישט גערוט. מען האָט זיך געהיצט, אַז מען דאַרף שוין פאָרן אין דער יידישער מדינה, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

בעת די מלחמת השחרור האָט זיך צעפלאַקערט, האָבן זיך די מיינונגען צווישן די יידן אין מעלבורן אָנגעהויבן שפּאַלטן און די „יאהודים" האָבן געטענהט, אַז עס וואָלט פיל גלייכער געווען, ווען די ענגלענדער פאַרלאָזן נישט „פּאַלעסטיין". ווען „פּאַלעסטיין" וואָלט געבליבן אונטער ענגלאַנד, אַ שטייגער ווי אויסטראַליע, וואָלטן די אַראַבער קיינמאָל נישט באַפאַלן דאָס לאַנד. מיסטער זיידנער האָט אַמאָל געהערט ווי דעם שותפס מחותן, דער מיסטער דייווים, קלינגט צום שותף אין געשעפט אַריין און וויל אים איבערווייזן, אַז ער איז גערעכט געווען, בעת ער האָט געזאָגט, אַז די יידן האָבן נישט געטאָרט אַזוי מיאוס באַהאַנדלען די ענגלענדער. זיי האָבן זיי נישט געטאָרט פון

לאַנד אַרויסשטופּן. וואָס וועט איצט זיין, ווען די אַראַבער וועלן איינגעמען דאָס לאַנד...

כאָטש מיסטער זיידנער האָט אויך נישט געקענט פאַרגעסן די עוולה, וואָס מאַרי האָט געטאָן זיין טאָכטער, האָט ער דאָס נישט אַרויסגעוויזן אַזוי אָפן, ווי דאָס ווייב. די צייטן זענען איצט געווען אומרואיקע, פול אָנגעלאָדנט מיט גורלדיקייט פאַר יידן, פול אָנגעלאָדנט מיט געשעענישן — יעדער טאָג האָט געקענט ברענגען עפּעס נייעס! פונדעסטוועגן, ווען מיסטער זיידנער האָט באַמערקט ווי מאַרי וואַרט אָפּ אויף דער פלינדערס־ליין לאַניאַ וואַלד נאָך דער אַרבעט אין פאַבריק, האָט עס אים באַרירט.

אַלע פאַרנאַכט, ווען די פאַבריקס־מיידלעך האָבן פאַרלאָזט די שניידער־פאַבריקן נאָך דער אַרבעט, איז אויף דער פלינדערס־ליין געווען זייער טומלדיק און רעשיק. מיט אַ געקוויטשעריי און מיט געלעכטערס האָבן זיך די מיידלעך געאיילט וואָס גיכער אַרויסצוקומען פון די פינסטערע פאַבריקס־געביידעס אויף דער פרישער לופט. אַז זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פונדאַסניי שטאַרק צו יאָגן, ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס גיכער אַוועק פון דעם אָרט, וווּ זיי זענען פאַרשפּאַרט געווען במשך פון גאַנצן טאָג. כמעט פון אַלע הייזער אויף דער פלינדערס־ליין האָבן זיך אַרויסגעשיט די מיידלעך, געפלאָסן גרופּעס־ווייז. באַלד האָבן זיך אַלע גרופּעס צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטראָם פון מיידלערישע גופים, וואָס האָט זיך גיך באַוועגט, געפאַליעט. אַז דער שטראָם איז צוגעקומען צום עק פון דער גאַס, איז ער זיך צעפאַלן און די מיידלעך זענען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען פון דער שטאָט.

צווישן די פאַבריקס־מיידלעך אויף דער פלינדערס־ליין האָט זיך געשטופּט מאַרי. ס'האָט זיך באַזעצט אין אים אַ גרויסע אומרואיקייט. ער האָט יעדעס מאָל מיט פיל אומגע־דולד אַ קוק געטאָן צום טויער, וווּ לאַניאַ האָט געזאָלט אַרויס־קומען. אַז ער האָט זי סוף־כל־סוף דערזען, האָט ער זיך זייער דערפרייט און איז שנעל צוגעלאָפן צו איר.

— העלאָ... — האָט ער צו איר געזאָגט — כ'זע, אַז

האָסט היינט שווער געאַרבעט, זעסט אויס צו זיין מיד...
— אוודאי בין איך מיד. אין אויסטראַליע צאָלט מען נישט אומזיסט קיין געלט... אין אויסטראַליע אַרבעט מען שווער... — האָט זי מיט אַ געלעכטער און מיט צווידייטיקייט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „אויסטראַליע" — אַז אַ יידישער „באָס" נעמט צו אַ ניי־געקומענע צו דער אַרבעט, טוט ער איר אַ גאַנצע טובה...
— מיר וועלן גיין עפּעס אָפּעסן, לאַניאַ... אפשר אַריינגיין צו די כינעזער? ס'שמעקט דיר אַ כינעזיש מיטאָג? אָדער ווילסטו אַריינגיין צום גריק אויף דער ראַסעל־סטריט?... ער מאַכט גוטע פיש... — האָט מאָרי זיך דערמאָנט, אַז ער עסט נישט קיין פלייש אין אַ גויאישער רעסטאָראַציע — ביים גריק עסן פיל סטודענטן...
— ווי קום איך צו סטודענטן? שוין לאַנג פאַרגעסן יענע גוטע צייטן... כ'בין היינט אַ נייטאָרין אין אַ פאַבריק... כ'וויל עפּעס גיין קויפן, מאָרי. כ'האָב מורא, אַז נאָכן עסן וועלן שוין זיין די געשעפטן געשלאָסן... כ'האָב קיינמאָל נישט קיין צייט עפּעס צו קויפן.
— גוט, גיי פריער קויפן... כ'וועל מיט דיר מיטגיין. וואָס ווילסטו קויפן, אויב כ'מעג וויסן?
— עפּעס אַ נאַרישקייט! וואָס אַ פרוי קען איינפאַלן... כ'וועל דיר דערווייל נישט זאָגן... וועסט שפּעטער אַליין זען. כ'האָב עס געזען אין פענסטער און כ'קען עפּעס נישט רוען, ביז כ'וועל עס נישט האָבן. כ'ווייס, אַז וועסט לאַכן פון מיר...

זיי זענען אַרוים אויף דער סוואָנסטאָן־סיטריט. די גאַס איז געווען פול־אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך גע־איילט אין אַלע ריכטונגען, באַלאַגערט די טראַמווייען, די געשעפטן. לאַנגע שורות מיט אויטאָס האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַס, צוליב ענגשאַפט נישט געקענט פאָרן. אַלע מאָל איז אַן אַנדערער טראַמוויי געבליבן שטעקן צווישן די אויטאָס און קופּעס מענטשן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט שוין קיינ־מאָל נישט אַרויס פון דעם פּלאָנטער. צום מיינסטן איז געווען דאָס געדרענג דאָרט, ווו עס האָבן זיך געקרייצט די גאַסן, לעבן די רויטע און גרינע לאָמפּן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, ווען מען

דאַרף שטיין בלייבן און ווען מען קאָן גיין. אויך איז געווען גרויס דאָס געדרענג לעבן דער באַן־סטאַציע, פון וואַנען עס זענען געגאַנגען די באַנען אין די פאָרשטעט. דער פּאָליציאַנט האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די פיל מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געשטופּט ווי די שאָף. אַ סך אַרבעטער זענען נאָך דער אַרבעט אָפּגעטרעטן אין די ביר־שענקען, וואָס זענען געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט טרינקערס, אַז מען איז אַזש געשטאַנען אויף דער גאַס.

אין דעם וואַרן־הויז, וווּ לאַניאַ האָט געזוען אין שויפענסטער דאָס באַגערטע זיידענע קאָפּ־טיכל, האָבן זיך שוין די פאַרקויפערינס געאײַלט אַ היים צו גיין און געמאַכט די קאַסע. זיי האָבן בייזלעך געקוקט אויף די אַלע שפּעטע קונים. לאַניאַ האָט באַלד דערקענט דאָס זיידענע קאָפּ־טיכל, אויף וועלכן זי האָט אַן אויג געוואָרפן. ס'איז געווען אַ זיידן טיכל, אימפּאָרטירט פון איטאַליע. די אַלע קווייטן, די בוקעטן בלומען, וואָס זענען געווען דערויף אויסגעמאָלן, האָבן פאַרמאַגט אַזעלכע שטילע, אָבער דאָך בונטע פאַרבן.

בעת לאַניאַ האָט אָנגעמאָסטן דאָס טיכל אויפן קאָפּ, איז די פאַרקויפערין באַלד אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז זי האָט זיך אָנגערופן מיט דין־פאַרשנירלטע ליפּעלעך און מיט פיל געמאַכטער דעליקאַטקייט, ווי עס רעדן געוויינטלעך די פאַרקויפערינס אין די גרויסע וואַרן־הייזער:

— לאַוולי... ביוטיפול!

זי האָט גערעדט זייער פּאַוואָליע צו לאַניאַן, ווי מען רעדט צו אַ פּיצל קינד, ווייל זי האָט באַלד דערשמעקט, אַז זי איז אַ ניי־געקומענע, וואָס איז ערשט נאָך דער מלחמה געקומען אין לאַנד אַריין.

— לאַוולי! ס'פּאַסט דיר זייער שיין... — האָט מאָרי איבערגעחזרט די רייד פון דער פאַרקויפערין.

כאָטש לאַניאַ האָט בשום־אופן נישט צוגעלאָזט דערצו און איז אפילו פון דעם געווען באַליידיקט, האָט מאָרי דווקא געוואָלט באַצאָלן. אַז ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין דער קעשענע, איז ער מיטאַמאָל זייער רויט געוואָרן, ווייל ער האָט נישט געדענקט, צי ער האָט גענוג געלט. ס'איז קיינמאָל נישט געווען

זיין טבע צו שפּאָרן. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז ער וועט האָבן געגוג געלט צו באַצאָלן און ער איז געוואָרן צוריק האַפּערדיק.

אַז די פּאַרקויפערין האָט אים מיט אַ געמאַכט זיס שמייכעלע דערלאַנגט דאָס עלעגאַנט־פּאַרבונדענע פּעקעלע און זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן, האָט זיך אים זייער געגלוסט אַרויסצונעמען די מתנה און אָנטאָן לאַניאַן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט און אַז ער האָט קיינעם נישט געזען אָנקומען, האָט ער דאָס געטאָן. לאַניאַ האָט זייער שיין אויסגעזען אינם טיכל, די פּאַרבן זענען איר געווען צום פּנים. ערשט איצט האָט ער דאָס באַמערקט. ער האָט דערפילט, אַז אָן איר וועט ער נישט קענען לעבן — ער איז גרייט פאַר איר אַלץ צו טאָן. מאָרי איז געשטאַנען זייער נאָענט צוגערוקט צו לאַניאַן און איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון איר פּנים, פון איר האַלז, פון איר לייב. ער האָט זי אַרומגענומען און זיין גוף צוגעטוליעט צו אירן. זי איז געשטאַנען איינגעפּרעסט אין זיינע אָרעמס און דאָס פיבערדיק־צעפלאַמטע פּנים אָנגעלענט אויף זיינע ציטערנדיקע אַקסלען. כאָטש זי האָט געהערט טריט אויף די שטיגן, האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט.

בשעת זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, זענען זיי אַריין צום גריך עפּעס אָפּעסן און געפאָרן אין טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אינם אוניווערזיטעט־בנין. מאָרי האָט געהאַט פריער געקויפט די בילעטן און איר געזאָגט וועגן דעם אין דער לעצטער מינוט. לאַניאַן איז נאָך שווער געווען צו פאַרשטיין דאָס אַלץ, וואָס מען רעדט אויף דער סצענע און ער האָט איר געמוזט אויפקלערן. ער האָט איר כסדר געשעפּטשעט אויפן אויער. אין זאַל איז געווען פינסטער און בלויז פון דער בינע האָט זיך געזיפּט אַ קאַרג ליכט. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און צוגעצויגן צו זיך. איבער איר גוף איז אַדורך אַ דראָבנער ציטער — אָבער זי האָט איר האַנט מיט אַן אַנטשלאָסענער באַוועגונג אַרויסגענומען פון זיינער. ווען זי האָט באַמערקט, אַז דאָס האָט אים שטאַרק באַליידיקט, האָט זי אַליין אָנגענומען זיין האַנט מיט איר דלאָניע, וואָס איז אַביסל צו גרויס פאַר אַ פרוי. זי האָט זיין האַנט שטאַרק געדריקט און געהאַלטן

לעבן זיך. זיין האַנט איז געווען פאַרפרעסט ווי אין אַ געפענגעניש.

ווען ער האָט זי נאָכן טעאַטער אַ היים באַגלייט און געוואָלט אַריינגיין צו איר אין שטוב, האָט זי אים נישט דערלויבט. זי האָט זיך אויך נישט געוואָלט באַשטעלן מיט אים אויף מאָרגן אָוונט, כאָטש ער האָט זיך זייער געבעטן ביי איר. זי איז כסדר באַשטאַנען דערויף, זיי זאָלן זיך טרעפן ערשט אין „וויקענד". זי איז מיד פון דער אַרבעט. אַז עס וועט זיין זונטיק שיין, וועלן זיי פאָרן צום ים.

— מיר מוזן זיך טרעפן אַביסל זעלטענער, מאַרי... — האָט זי צו אים געזאָגט — דאָס וועט זיין בעסער פאַר דיר... בעסער פאַר אונז ביידע...

— אָבער פאַרוואָס? — האָט מאַרי נישט פאַרשטאַנען — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך טרעפן זעלטענער? פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט באַשטעלן אויף מאָרגן?...

— ניין, מיר וועלן וואַרטן אויפן „וויקענד"... כ'בין מיד, מאַרי... כ'בין נישט אַליין... כ'האָב נאָך וועגן וועמען צו זאָרגן! כ'קען נישט טראַכטן בלויז וועגן זיך אַליין...

— כ'וועל נעמען די זאָרגן אויך אויף מיר! — האָט מאַרי זיך געכאַפּט, וואָס לאַניאַ מיינט.

— וואָס דיר פעלט אַלץ איין!...

זי האָט פאַרמאַכט די טיר. שפּעטע עטלעכע מינוט איז זי געבליבן שטיין אָנגעלענט אָן דער טיר און זיך איינגעהערט, וואָס מאַרי טוט פון יענער זייט. ווען זי האָט דערהערט זיינע טריט אויפן טראָטואַר, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון איר הויז, האָט זי לייכטער אָפּגעאָטעמט. עס האָט איר איצט זייער באַנג געטאָן, וואָס זי האָט מאַרין אָוועקגעשיקט. זי האָט זיך אומגעקוקט אויף דער שטוב. דאָס ליכט האָט געברענט, ווייל איר טעכטערל, יאַנקאַ, האָט מורא געהאַט אין דער פינסטער צו שלאָפן. נאָך די אַלע צרות, וואָס דאָס קינד האָט דורכגע־מאַכט אין געטאָ און אין בונקער, האָט עס זיך פלוצים דאָ אָנגעהויבן זייער צו שרעקן. דאָס געוויסן האָט לאַניאַן שטאַרק געפּייניקט, וואָס זי קוקט זיך אַזוי ווייניק אום אויפן קינד.

אַנשטאָט זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר קינד, שלעפּט זי זיך אַרום מיט אַזאַ יונגן בחור, וואָס איז נישט פאַר איר...

אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט איבערצוּוועקן דאָס טעכטערל, איז לאָניאַ אַריין אין דעם ענגן קיכל פון איר קליינער דירה און זי האָט צוגעגרייט פרישטיק פאַר יאַנקאַן און פאַר זיך. זי האָט געמאַכט צוויי קליינע פּעקלעך און זיי געלאָזט ליגן אויפן קיך־טישל. יאַנקאַ גייט אינדערפרי אַליין אין דער שול און קומט אַליין צוריק, ווען זי איז נאָך נישטאָ פון דער אַרבעט. בעת דאָס טעכטערל קומט צוריק פון דער שול, מאַכט זי אירע לעקציעס און גייט אַרויס זיך שפּילן מיט די קינדער אויף דער גאַס. די טעג, ווען לאָניאַ טרעפט זיך מיט מאַרין און קומט אַהיים שפּעט, וואַרעמט זיך יאַנקאַ אַליין צו דאָס עסן, וואָס די מאַמע לאָזט שטיין אויף דעם גאַז־קיכל. שפּעטער לייגט זי זיך אַליין שלאָפן. יאַנקאַ איז זייער זעלבסטשטענדיק, כאָטש זי האָט מורא צו שלאָפן אין דער פינסטער. פאַרוואָס זאָל זיך דאָס קינד אַזוי פייניקן? ווייניק האָט זי זיך שוין אָנגעליטן אין איר יונג לעבן? און זי, די מוטער, איז דאָך אַליין אין דעם שולדיק, וואָס דאָס קינד איז שטענדיק אַזוי איינזאַם און זעט אַזוי ווייניק די מאַמען...

לאָניאַן האָט אַזאַ רחמנות אָנגענומען אויף דער טאָכטער, אַז זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן איר בעט, זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און פּלוצים אָנגעהויבן צו קושן איר האַנט און געבעטן זי זאָל איר אַלץ מוחל זיין. מער וועט זי זיך אַזוי נישט פירן. פון היינט אָן וועט זי זיך נישט רירן אַ טריט אָנם טעכטערל; זי וועט זי אומעטום מיטנעמען מיט זיך!... בשעת לאָניאַ האָט געקושט דאָס אויסגעוואַרעמטע הענטל פון איר טאָכטער, האָבן איר טרערן געוואָרגן אין האַלז, אָנגעפילט אירע אויגן. פּלוצים האָט זיך לאָניאַ צעוויינט. די טאָכטער האָט אין שלאָף דערפילט, אַז די מאַמע שטייט לעבן איר און געפרעגט:

— דאָס ביזטו, מאַמאַ?...

דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און ווייטער געשלאָפן.

אַז לאָניאַ האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי זיך דערמאָנט אין מאַרין. זי האָט שטאַרק רחמנות באַקומען אויף אים. פּונקט

ווי זי האָט רחמנות געהאַט אויף דער טאָכטער, אַזוי האָט זי רחמנות געהאַט אויף מאָרין. דאָס ייִנגל מאַטערט זיך. שוין נישט איינמאָל האָט זי געהאַט דאָס געפיל ווי מאָרי וואָלט איר זון געווען. זי האָט אים באַגערט צו האָבן ליבן זיך און גלעטן און קושן, ווי אַן אייגענעם זון. זי האָט דאָך געהאַט בלויז אַ טאָכטער און טיילמאָל איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ בענקשאַפט נאָך אַ זון. גאַנץ אָפט, ווען זי פלעגט צערטלען יאַנקאַן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי צערטלט מאָרין. זי פילט צו אים אַזאַ נאָענטקייט, ווי זי וואָלט אים אַליין אויפגעצויגן. אָבער באַלד האָט זיך לאָניאַ צוריקגעכאַפּט. זי איז נאָך ווייט נישט אַזוי אַלט, זי זאָל האָבן אַ זון אין דעם עלטער, וואָס מאָרי.

כאָטש מאָרי האָט עטלעכע מאָל געקלונגען צו איר צו דער אַרבעט, זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל זיך מיט אים באַשטעלן, האָט לאָניאַ זיך נישט געוואָלט פאַרן „וויקענד" מיט אים טרעפן. זי איז געווען אַפילו בייז, וואָס מאָרי קלינגט צו איר אינמיטן דער אַרבעט. אַז מען האָט זי פון אָפיס גערופן צום טעלעפאָן, האָט די גאַנצע פאַבריק געהערט. בעת זי איז צום טעלעפאָן געגאַנגען, האָט זי געמוזט דורכגיין די גאַנצע לענג פון דעם פאַבריק-זאַל און זי האָט געפילט אויף זיך די נייגעריקע בליקן פון אַלע מיידלעך. כאָטש זיי האָבן נישט געוווסט ווער ס'רופט זי צום טעלעפאָן, האָט זיך לאָניאַן געדאַכט, אַז אַלע ווייסן איר סוד. כדי נישט אַרויסצוווייזן קיין פאַרלוירנקייט, האָט זי געשפּרייזט מיט אַ שטאָלצן זיכערן טריט. אַז זי איז אַריינגעקומען אין אָפיס, האָט זי באַמערקט דעם בייזלעכן בליק פון „באָס", וואָס האָט פיינט געהאַט, אַז מען שטערט איר אין דער אַרבעט. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, זיך געוואָלט אויספיינערן אין מאָרים אויגן.

לאָניאַ האָט אויסגעלאָזט צו מאָרין דעם כעס, זיך נישט געוואָלט מיט אים באַגעגענען פריער ווי זונטיק. אין מיטן דער וואָך האָט מאָרי לאָניאַן נישט געזען און קוים זיך דערוואַרט דער „וויקענד" זאָל קומען און זיי זאָלן זיך טרעפן. במשך פון דער וואָך האָט מאָרי זייער געבענקט נאָך לאָניאַן, נישט איינמאָל אינאָוונט צוגעפאָרן צו איר הויז און געזען ווי אינעווייניק לייכט זיך. ער האָט באַמערקט לאָניאַן דורכן פענסטער, געזען ווי זי

פאָרעט זיך אַרום אין שטוב און מקנא געווען אַלץ, וואָס זי רירט אָן. אָבער ער איז צוריק אַוועק און צו לאָניאַן איז ער נישט אַריין. ער האָט געבלאָנדזשעט איבער גאַסן און געסלעך, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַז ער איז שפּעט ביינאַכט געקומען אַהיים, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען. ער האָט געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ער וועקט אויף די עלטערן. ס'האָט אים געטריבן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. טיילמאָל האָט ער זיך אינמיטן דער נאַכט אויפגעריסן פון בעט און אַרומ אינדרויסן. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויפן „וויקענד", ווען לאָניאַ וועט זיך טרעפן מיט אים און איינמאָל איז ער אינמיטן דער וואָך אַוועק אויף דער „הכשרה", ווו ס'זענען געווען זיינע חברים. ער וועט שוין אויף דער „הכשרה" פאַרבלייבן, נישט קומען צוריק קיין מעלבורן, ביז ער וועט אַוועק קיין ישראל. ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויף זונטיק וועט ער זיכער קיין מעלבורן נישט קומען. ער וועט לאָניאַן לאָזן וואַרטן אויף זיך.

מאָרי האָט טאַקע אַלץ אָפּגעמאַכט ביי זיך, אויסגעאַרבעט מיט אַלע פּרטים — אָבער ער האָט אויף דער „הכשרה" לאַנג נישט געקענט איינזיצן. בשעת ער איז געקומען צו פאָרן, האָבן זיך די חברים און חברות שטאַרק דערפרייט מיט אים, געמיינט, אַז ער וועט שוין פאַרבלייבן. באַלד ווי מאָרי איז אָנגעקומען, האָט ער זיך גלייך אָנגעטראָפן מיט סוזענען, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קיך. אַלע זענען געווען אין פעלד ביי דער אַרבעט און ער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. ס'איז אויסגעקומען ווי סוזען וואָלט זיך געריכט אויף אים און אים אָפּגעוואַרט. אָבער זי איז געווען שטאָך־ברוגז מיט אים, נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין. ער האָט אויפגעכאַפּט די פרייד ביי איר, נאָר גלייכצייטיק האָט ער באַמערקט, אַז מיט זיין קומען דעקט ער אויף נאָך נישט קיין פאַרהיילטע ווונד. בשעת די חברים און חברות קערן זיך אום פון דער אַרבעט און באַגעגענען אים, קוקן זיי אָן סוזענען מיט אַזעלכע רחמנותדיקע אויגן, ווו ס'נעסטן זיך אויך ברעקלעך הנאה. די רחמנותדיקע בליקן טוען סוזענען זייער וויי. אַפילו מיסטער פּאַפּעוו, וואָס איז געקומען

דאָ לערנען מיט די בחורים און מיידלעך ווי אַזוי צו אַרבעטן אין פעלד, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט דערווירטשאַפט, קוקט מיט רחמנותדיקע בליקן אויף סוזענען און שוין נישט איינמאָל האָט ער זיך געקליבן מיט מאָרין צו רעדן, אָבער מאָרי האָט דאָס אַלעמאָל אויסגעמיטן.

מאָרי האָט געברענגט מיט זיך אַן אמרו אויף דער „הכשרה". ער איז אָפט אַרומגעגאַנגען מיט עליקן, מיט ערנסטן, דעם סדרן־העבודה און זיי האָבן געשמועסט. זיי זענען געגאַנגען איבער די גערטנער, איבער די פעלדער; געגאַנגען באַקוקן די קי, די הינער. די בלאָטע איז געווען גרויס און מאָרי האָט געטראָגן אַ פּאָר גומענע שטיוול. ערנסט, דער סדרן העבודה, האָט געוויזן מאָרין דעם אַלטן טראַקטאָר, וואָס מען האָט ערשט געהאַט געקויפט און מען האָט געדאַרפט זיין אַ מומחה, כדי אים צו לאָזן אין גאַנג. ערנסט איז געווען אַ בלאָנדער און אַ הויכער. ער האָט געהאַלטן מער פון אַרבעט ווי פון רעדן. ער איז נאָך אַ שטיק פאַר דער מלחמה געקומען מיט זיין מוטער, די אלמנה, פון לייפּציג קיין אויסטראַליע. זיין מוטער איז געווען שטאָלץ מיט איר „אַרישן אויסזען", זיך גע־פירט פונקט ווי אַ דייטשקע און נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געהרגעט איר מאַן, האָט זי זיך אינגאַנצן מיט קיין יידן נישט געוואָלט אָפּגעבן און נישט געווען צופרידן מיט דעם, וואָס דער זון האָט געטאָן.

ווי זיך אומצוגיין מיטן אַלטן טראַקטאָר, האָט ערנסטן אויסגעלערנט דער אויסטראַלישער שכן, דזשימי וווד, וואָס האָט געהאַט זיין פאַרם אין שכנות מיט דער „הכשרה" און געפילט פאַר זיין חוב צו קומען יעדן טאָג זען, וואָס די „באָיס" און די „גערלס" מאַכן. מיסטער וווד איז שוין געווען אַלט און גרוי און איינגעבויגן פון רעוומאַטיזם, אָבער ער האָט אָנגעזאָגט די יונגע חברה, זיי זאָלן אים רופן בלויז ביים ערשטן נאָמען:

— רוף מיך דזשימי... דאָס איז גענוג... — האָט ער געזאָגט צו יעדן באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך מיט דער חברה געטראָפן.

ער איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פון דעם, וואָס פאַרמעגלעכע קינדער פון דער שטאָט קומען זיך לערנען פאַרם־אַרבעט, כדי

צו ווערן פאַרמער און דערנאָך פאָרן אַרבעטן קיין ישראל, אַז ער איז כסדר געקומען צווייזן און לערנען די בחורים און מיידלעך און זיי גערופן נישט אַנדערש, נאָר „מיינע קינדער". ער האָט פיל צוגעהאָלפן סאַשאַ פּאַפּעוו, געגעבן אים פאַרשידענע עצות. צומיינסטנס פון אַלע האָט ער אָבער ליב געהאַט ערנסטן, וואָס האָט אים געהאָרכט מער פון אַלע און אויסגעפירט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. דזשימי האָט געהאַט שוין אויסגעגעבענע קינדער, וואָס זענען ביי אים אין דער פאַרם נישט געבליבן און אַז ער האָט געגעבן אַנווייזונגען די חברה אין דער „הכשרה", האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער לערנט זיינע אייגענע קינדער.

עליק איז געווען פונקט דער היפּוך פון ערנסטן. אַז ער האָט מאָרין געוויזן די ווירטשאַפט, האָט ער גערעדט צו אים אויף אַזאַ אופן, ווי אַלץ וואָלט געהערט צו אים און ווי ער וואָלט דאָ אַלץ איינער אַליין אויפגעשטעלט. פונקט ווי אַ שטאָלצער האָן צווישן הינער, האָט זיך עליק אַרומגעדרייט צווישן די מיידלעך, וואָס האָבן אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין. מען האָט אים ליב געהאַט נאָכצומאַכן. אַז אַ בחור האָט זיך עטלעכע טעג נישט ראַזירט, האָט מען באַלד געהאַט אַ חשד, אַז ער וויל זיך פאַרלאָזן אַ בערדל, פונקט ווי עליק.. עליק האָט געפּיפּקעט זיין אויסגעצויגן ליולקעלע, וואָס האָט אים געשטעקט צווישן בערדל, זיך געשפּילט מיטן צעבראַסטעט־ברייטן סוועטער און ער האָט אַלעמאָל אָנגעוויזן מאָרין אויף די פעלדער, אויף די גערטנער.

— זעסט, מאָרי... — האָבן זיינע הענט געצייכנט גרויסע קרייזן אין דער לופטן — דאָס אויבסט פון די ביימער איז קליין און ווערעמדיק... אויך איז דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער געווען מאָגער... גאָרנישט געראָטן... מיר האָבן נישט גענוג מכשירים. עס פעלן אונז אַ סך זאַכן, מאָרי. אָבער מיר וועלן „מענעדזשן"! מיר'ן זיך אַן עצה געבן! מיר וועלן דורכקעמפן!... אָט האָבן מיר געקויפט אַ טראַקטאָר. ער איז טאַקע נישט גוט... אָבער ערנסט קען אים „הענדלען"... מיסטער ווד איז אַ גרויסע הילף פאַר אונז... דאָס זעלבע איז מיסטער פּאַפּעוו...

עליק האָט ליב געהאַט טומל; ליב געהאַט מען זאָל אים אָנזען און זיך צו אים צוהערן. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט

באַנעמען מאַרין, וואָס האָט זיך פּיינט געהאַט צו שטופּן, וואָס האָט פּיינט געהאַט מען זאָל אים אָנזען.

אָבער דאָס מאָל האָט מאַרי זיך פּלוצים אָנגעצונדן און געזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט זיין אין מעלבורן, וועט ער גיין רעדן וועגן דעם, וואָס מען קוקט זיך נישט אום אויף דער „הכשרה". מען לאָזט דאָ איבער די בחורים און בחורות אויף זייער אייגענעם באַראָט. ישראל איז איצט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ מלחמה! קיין ישראל קומען איצט פּליטים פון אַלע לענדער. און ישראל דאַרף אויך עולים פון ענגלאַנד, אויסטראַליע. ווער וועט קומען אויף „הכשרה" פון די רייכע שטובן, אַז דאָ וועט זיין אַלץ אַזוי אָפּגעלאָזן?!...

מאַרי איז געווען פול מיט פּלענער. ביינאַכט פלעגן זיי זיך אַלע טרעפן ביי עליקן אין שטיבל, וווּ ס'האָט טונקל געברענט אַ נאַפט־לאָמפּ. אין די אַנדערע ביידלעך איז געווען פינסטער און מען איז שוין דאָרט געשלאָפן. בלויז ביי עליקן אין שטיבל איז מען געזעסן אויף דעם צעוואָרפענעם הילצערנעם בעטל, אויף דער האַלב־צעבראָכענער איינציקער שטול און אַפילו אויף דעם טישל און מען האָט גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. חוץ מאַרין און עליקן, איז דאָ אויך געווען סאַשאַ פּאָפּעוו און ערנסט. אַרום האָט שטיל גערוישט די אויסטראַלישע פינסטערע נאַכט. הינט האָבן ערגעץ ווייט געבילט. קליינע פייערלעך האָבן אויפן האָריזאָנט אויפגעטויכט און זיך באַלד אויסגעלאָשן. דער אויסטראַלישער הימל, באַשפּרענקלט מיט איינציקע שיטער־צעוואָרפענע שטערן, האָט באַדעקט די עטלעכע שלאָפנדיק־צוגעטוליעטע ביידלעך אויף דער „הכשרה".

מאַרי איז געבליבן אין דער „הכשרה" אַ פּאָר טעג. געווען זיכער, אַז ער וועט דאָ שוין בלייבן, אָבער אַז ס'איז געקומען זונטיק, איז ער פּלוצים אַוועק. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען. דעמאָלט וועט ער שוין נישט זיין קיין דרויסנדיקער און ער וועט האָבן וועגן אַלץ אַ רעכט צו רעדן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

# דער שמועס צווישן מוטער און זון

לאַניאַ האָט זיך מיט מאָרין געטראָפן בלויז אין די רו־טעג — שבת און זונטיק. צומיינסטנס זונטיק. זי האָט געהאַלטן וואָרט און אינמיטן דער וואָך זיך נישט געוואָלט מיט אים טרעפן. מאָרי האָט זיך גענומען צוריק פלייסיק צום לערנען, ביז שפּעט ביינאַכט איז ער אויף געווען איבער די ביכער. אָפטמאָל איז ער געבליבן פאַרשלאָסן ביי זיך אין שטוב עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און קיינעם נישט געוואָלט זען. ער האָט אויפ־געשלאָסן די טיר בלויז דעמאָלט, ווען די מוטער האָט אים אַריינדערלאַנגט דאָס עסן. די פּראָפעסאָרן אויפן אוניווערזיטעט זענען געווען מיט אים זייער צופרידן און גערופן צו זיך מיסטער זעלינג, כדי אים צו פרעגן, פאַרוואָס מאָרי האָט ביז אַהער אַזוי פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען. ס'איז אַ גרויסער שאָד, אַז ער זאָל איבערייסן דאָס שטודירן.

ס'איז שוין געווען זומער, ווען לאַניאַ האָט זיך באַגעגנט מיט מאָרין זונטיק באַלד אינדערפרי און זיי זענען געפאָרן צום ים. באַלד אינדערפרי איז געווען היים. דער טאָג האָט זיך אויסגעשיילט פון בלוילעכן נעפּל, זיך געטובלט אין אַ ים פון גאָלד. ווי אַ גרויסע גאָלדענע קויל, האָט די שטאָט זיך געצונדן אין דער זון, געלויכטן מיט אַן אַ שיעור פייערלעך.

מאָרי איז מיט לאַניאַן געפאָרן זיך באָדן צו דער סט. קילדאַ „ביטש". לאַניאַ האָט נישט געוואָלט גיין מיט מאָרין דאָרט, ווו זי האָט זיך געקאָנט אָנטרעפן אויף אירע באַקאַנטע און אויסגעזוכט אַן אָרט אַביסל ווייטער פון דעם גאַנצן טומל. ס'האָט געבלאָזן אַ הייסער ווינט און דער ים איז געווען אומ־רואיק, זיך געוואָרפן, געשליידערט, ווי אַ ריזיקער פיש. די וואַסערן האָבן אויפגעשטעלט גלעזערנע טורעמלעך — איין

טורעם העכער פון אנדערן — וואָס זענען זיך באַלד צעפּאַלן אויף גלאָזיקן שטויב. לאַנגע קייטן פון צעשוימט־ווייסע וואַסער־בערג זענען געדיכט אָנגעוואַקסן אויפן ים, אָוועקגעריסן שטיקער פון דער יבשה. צעשויבערטע כוואַליעס האָבן מיט צעפליגלט־ווייסע גריוועס זיך געיאָגט אַלעמאָל צום ברעג, פאַרצוקט איינס דאָס אַנדערע, אַנטלאָפן צוריק און באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן און זיך מיט אימפעט געגומען יאָגן. דער הייסער ווינט האָט זיך געשפּילט מיטן זילבערן־ווייסן זאַמד, אים געהויבן אין דער לופטן און מיט שטעכיקע נאָדלען געבריט די פאַרברוינטע לייבער, וואָס זענען געשטאַנען, אָדער געלעגן אויפן ברעג ים.

לאַניאַ איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און דער אויס־געפּאַסט־העלער באָד־קאָסטיום האָט נאָך שטאַרקער אונטער־געשטראָכן דאָס גאָלדיק־אָפּגעברענטע לייב. אירע גראַנאַטענע אויגן האָבן צוליבן האָניק־קאָלירענעם פּנים אויסגעזען העלער און האָבן זיך ליכטיק געצונדן. לאַניאַ מיט מאָרין זענען צו־מיינסטנס געלעגן אויפן זאַמד. דעמאָלט האָט זיי דער הייסער ווינט ווייניק אָנגערירט. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, נישט געוואָלט צעשטערן די רו, וואָס איז געפּלאָסן אין זיי. שטיל און רואיק זענען זיי געלעגן און געפילט ווי די זון באַקט זייערע גופים. טיילמאָל האָט זיך לאַניאַ מיט אייל באַשמירט דאָס לייב, כדי זיך צופיל נישט צו פאַרברענען. אַז ס'איז געקומען צו דער פּלייצע, האָט זי זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. מאָרי האָט איר געוואָלט אַרויסהעלפן. זי האָט אים קוים באַוויליקט דאָס צו טאָן. אַז ער האָט זיך מיט די פינגער צוגע־רירט צו אירע אויסגערונדיקטע, גלייכע אַקסלען און דערנאָך זיי אַראָפּגעגליטשט אויף דער אויסגעפּולטער פּלייצע, וואָס איז ביי דער טאַליע געווען שמאָל, האָט ער געפילט ווי אין די הענט גיסט זיך אים אַן אָנגענעמע, פּוילע שווערקייט, וואָס פּענטעט זיינע באַוועגונגען. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן, זיך איינגע־הערט אין דער שטים פון זיין אייגענעם גוף. ער איז נאָך אַ צייט געבליבן זיצן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געפילט ווי אין די פינגער רינט אים די אויסגעצייטיקטע וואַרעמקייט פון לאַניאַס לייב.

נישט אַלעמאָל זענען לאַניאַ מיט מאָרין געלעגן שטיל.

טײלמאָל האָבן זײ געפּלאַפּלט, אַריבערגערעדט צו זיך, װי גליקלעכע קינדער. זײ האָבן פֿאַרגעסן אין אַלע זאָרגן, װי די װעלט אַרום װאָלט מיט זײ קײן שום שײכות נישט געהאַט. זײ זענען געװען בלױז מיט זיך — אַרײַנגעטאָן אינגאַנצן אין זיך. מאָרי האָט געפּרוּװט לאָניאַן פֿאַרשיטן מיטן זאַמד. אינעװײניק איז דאָס זאַמד פֿיל קילער, ברײט נישט אַזױ. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל דאָס נישט טאָן. מען באַרעדט זי שױן סײ־װי־סײ. די מיסים זײדנער קלערט אױף איר אױס דאָס ערגסטע. מאָרי האָט זי נישט געװאָלט פֿאָלגן. אים גײט נישט אָן װאָס מענטשן רעדן! זאָלן זײ רעדן, װאָס זײ װילן. בעת מאָרי האָט גענומען שיטן אױף איר די ערשטע זילבערן־װײַסע זאַמד־שטױבעלעך, האָט זי באַמערקט װי זײַנע בלאָנדע האָר צעשיטן זיך אים און פֿאַלן אים אַראָפּ אױף די גרין־װאַסערדיקע אױגן, װאָס האָבן דעם זעלבן קאָליר, װי דער אומרואיקער ים אַרום זײ. זײַן ברױנלעכער קערפּער איז געשפּאַנט און דער ייִנגלעריש־לאַנגער האַלז איז אָנגעשטרענגט און געשטרעקט אַביסל פּאָרױס. זי האָט געקלערט בײַ זיך, אַז ער איז זײער שײן.

פֿאַרװאָס זאָל זי טאַקע נישט קענען זײַן מיט אים צוזאַמען? װאָס פֿאַראַ באַדײַטונג האָבן די צוימען, װאָס פֿאַרװערן איר דאָס צו טאָן? פֿאַרװאָס הערט זי עפּעס אַ קול, װאָס רופֿט אין איר, אַז זי דאַרף זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. דעם אמת געזאָגט, הערט זי רופֿן אין זיך פֿאַרשידענע שטימען און זי װײסט נישט צו װעלכער שטים זי זאָל זיך צוהערן. מיט װעמען דאַרף זי זיך דאָס רעכענען? זי מיט מאָרין האָבן זיך ליב און האָבן אַ רעכט צו טאָן מיט זיך, װאָס נאָר זײ װילן!

לאָניאַ האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעשאָקלט פֿון זיך דאָס זאַמד, װאָס מאָרי האָט אױף איר אַרױפֿגעשיט, זיך האַסטיק אױפֿגעשטעלט און גענומען לױפֿן צום ים. דאָס זאַמד האָט געבריט די פֿיס און זי איז אַלעמאָל גיכער געלאָפֿן. מאָרי איז איר נאָכגעלאָפֿן. זײ האָבן זיך אַרײַנגעװאָרפֿן אין שטורעמדיקן װאַסער, איבערגעשניטן די צעװױגטע װעלנט, װאָס זענען מיט אַ געפֿילדער געלאָפֿן קעגן זײ. ס׳איז אַזױ גוט געװען זיך צו טוליען צו די קילע כװאַליעס, װאָס האָבן זיך געהױבן און געפֿאַלן און האָבן מיט די שױמיקע היטלען אױסגעזען װי שנײ־

בערג אינמיטן זומער. ס'איז שווער געווען צו שווימען און זיי האבן זיך געלאזט וויגן פון די רעווענדיק־צעשפילטע וואסערן, וואס האבן זיי פארדעקט, ארויפגעווארפן אויפן אויבערפלאך און געשמיסן מיט אן א שיעור צעשפריצטע זילבערנע בייטשן.

אז זיי זענען ארויס פון וואסער, האבן זיי זיך געיאגט איינער נאכן אנדערן און זיך צוריק געלייגט אויפן זאמד. ס'איז דא געווען איצט אזויפיל מענטשן, אז מען האט זיך קוים געקענט דורכשטופן. דער ים־ברעג איז געווען אינגאנצן באדעקט מיט אפגעברענט־בראנזענע און ווייסע גופים. אז לאניא האט אונטערגעשפארט אירע ארעמס אונטערן קאפ, האט מארי דערזען דעם לאגער־נומער אויף איר האנט, וואס האט עדות געזאגט וועגן יסורים און מענטשלעכער דערנידעריקונג. אין די איצטיקע שעהן פון גליק, דערמאנט צוריק דער נומער וועגן די גרויליקע, פיינפולע טעג אינם לאגער. דער נומער ליגט אפן אונטערן זוניק־בלויען הימל און גאט קוקט אראפ אויף אים און אלע גליקלעך־צעשפילטע מענטשן אויפן זאמד קענען אים זען. מארי האט באמערקט ווי א קליין פולכנע קינד, א מיידעלע, מיט א קיילעכדיק ארויסשטארצנדיק בייכל, האט זיך אראפגעזעצט פלוצים לעבן לאניאן און פארשטעלט ביי איר דעם נומער. דאס קינד האט געפלאפלט עפעס צו לאניאן, אבער זי איז געלעגן מיט צוגעמאכטע אויגן, ארייגעטאן אינגאנצן אין אירע רעיונות און אפילו נישט געהערט, וואס דאס קינד רעדט אין איר אריין. אין איין פולכנע הענטל האט דאס מיידעלע געהאלטן אן „אייז־קרעם" און באשמירט זיך דערמיט דאס גאנצע חנוודיק־צעשמייכלטע פנימל. מיטאמאל איז דער „אייז־קרעם" ארויסגעפאלן פון קינדס הענטל אויפן זאמד ארויף. דאס קינד האט צוריק אויפגעהויבן דאס נאשווארג, וואס איז שוין געווען אינגאנצן באדעקט מיט זאמד און עס ווידער אנגעהויבן אין מויל אריין צו שטופן. אז מארי האט דאס דערזען, האט ער אפגעווישט דעם „אייז־קרעם" פון זאמד. דאס דרייסטע מיידעלע איז פון דעם אזוי שטארק נתפעל געווארן, אז זי האט אים פון דאנקבארקייט אויסגעשמירט מיטן הענטל און שוין אינגאנצן נישט געוואלט אפטרעטן פון אים. לאניא האט זיך צו דעם

אַלעמען צוגעקוקט מיט האַלב־געעפנטע אויגן און פּלוצים מיט אַ געבייזער זיך געפרעגט:

— וואָס וויל דאָס קינד פון אונז האָבן?! וועמענס איז דאָס מיידעלע?... דו קענסט זי, מאַרי?

לכתחילה האָט זיך מאַרי געחידושט, וואָס לאַניאַ בייזערט זיך אַזוי. אָבער באַלד האָט אים אַ מחשבה אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ. לאַניאַ טראַכט זיכער איצט וועגן איר טעכטערל, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. און פאַרוואָס האָט זי טאַקע דאָס קינד צום ים נישט מיטגענומען? דאָס האָט ער נישט געקענט מיטן שכל באַנעמען.

דאָס פרעמדע קינד האָט פון זיי נישט געוואָלט אָפּטרעטן און געבליבן אַזוי לאַנג, ביז די מוטער איז נאָך דעם געקומען. לאַניאַ האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז זי מוז אַהיים גיין. שוין גענוג דאָ געווען! זי האָט אויפן אויסגע־טרוקנטן באָד־קאָסטיום שנעל אַרויפגעוואָרפן דאָס זומערדיק־לייכטע קליידל און אין דער האַנט אַריין גענומען די לאַטשן, כדי דאָס זאַמד זאָל נישט אַריין אין זיי. כאָטש ס'איז שווער געווען צו טרעטן אויפן זאַמד, האָבן זיי זיך שטאַרק געאיילט, ווייל דאָס זאַמד האָט נאָך אַלץ געבריט די פיס. ווי לאַניאַ האָט זיך נישט געיאָגט, נישט געוואָלט זיך אַנטרעפן אויף באַקאַנטע, זענען זיי איר פּנים־אל־פּנים אַנגעקומען אַקוראַט דעמאָלט, ווען זי האָט שוין געהאַלטן אין פאַרלאָזן דעם „ביטש". דאָס זענען געווען אירע שיפס־ברידער, וואָס האָבן מיט איר צוזאַמען גע־ווינט אינם הויז פונם „הילפס־פאָנד". מאַרי איז געבליבן שטיין פון דער זייט און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט לאַניאַן קיין שום שייכות נישט געהאַט. כאָטש ער האָט נישט געוואָלט זיך צוהערן, וואָס די מענטשן רעדן, האָבן זיך פונ־דעסטוועגן אָפּגעשלאָגן אָן אים רייד, וואָס האָבן אַ שייכות גע־האַט צו אים. מען האָט לאַניאַ געפרעגט, ווו זי האָט זיך באַקענט מיט דעם רייכן זונדל. פאַרוואָס האָט זי נישט חתונה מיט אים. ס'איז אַ גוטער שידוך. נאָך די אַלע יאָרן אין די געטאָס און לאַגערן, קומט איר אַביסל גוטס! אין דער צייט, ווען זי האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן יעדע רגע פון מעת־לעת,

האָט דאָס רייכע זונדל געגאָסן פון אַלע שווילטאָגן און זיינע עלטערן האָבן געמאַכט געלט.

כאָטש לאָניא האָט געוווּנקען מיט די אויגן צו אירע שיפס־ברידער, זיי זאָלן איבערהאַקן דעם שמועס, ווייל מאָרי קען נאָך דערהערן, האָבן זיי זיך נישט געמאַכט וויסנדיק און ווייטער גערעדט. **זיי האָבן נישט גערעדט פּויליש, נאָר דווקא יידיש.** עס איז קוים מיט לייד געלונגען לאָניאן אַרויפצופירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַרבעט און ס'האָט ווער געפרעגט לאָניאן ווער איר באַלע־באָס איז. דער „באָס" טוט איר זיכער אַ טובה, אַז ער האַלט זי ביי זיך. די היגע יידישע פאַבריקאַנטן טוען אַ גאַנצע „לאָס־קע", אַז זיי גיבן אַ ניי־געקומענעם אַרבעט. זיי האָבן מורא, אַז די ניי־געקומענע זאָלן זיך נישט אַליין מאַכן „פעקטאָרים", ווען זיי וועלן זיך אויסלערנען דאָס פאַך. נו, קומט זיי נישט?...

אַז לאָניא איז אַוועק פון אירע באַקאַנטע, איז זי נאָך געווען מער אויפגערעגט, ווי פריער. די גאַנצע זאַך האָט איר זייער באַרירט און זי האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן און זיך אָנטרעפן מיט מאָרים בליק. אָבער שטאָט זי זאָל זיין גוט צו מאָרין, איז זי נאָך ערגער געווען צו אים. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַלץ געהערט און זי האָט געזוכט אים נאָך מער אָנצוטאָן עגמת־נפש. זי איז געווען זיכער, אַז מאָרי טראַכט וועגן איר דאָס ערגסטע. אָבער וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו איר? וואָס טרעט ער זי נישט אָפּ?...

דעם גאַנצן וועג צום אויטאָ האָבן זיי נישט אויסגערעדט צו זיך אַ וואָרט. ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן זיי אַן אומ־היימלעכע שטילקייט. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי ביידע טראַכטן איינס־און־דאָס־זעלבע. כדי איבערצורייסן דאָס אומהיימלעכע שטיל־שווייגעניש, האָט מאָרי זיך אָנגערופן:

— ס'שטראָמען נאָך אַלץ מענטשן צום ים... די היץ איז זייער גרויס... כ'ווייס נישט, וואָס מיר זענען אַזוי פרי אַוועק?

ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף צוריק, אויפן ברעג ים, וווּ די מענטשן האָבן אויפן זאַמד געראַיעט, ווי מוראַזשקעס

— אָבער לאָניא האָט צומאָל נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

ס'איז שווער געווען אַרויסצופאָרן מיט דער מאַשין, ווייל

דער ים־וועג איז געווען באַשטעלט מיט לאַנגע שנורן אויטאָס. אַז מאַרי האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר, האָט ער אַ כאַרכל געטאָן, זיך גענומען קרעכצן — אָבער באַלד זיך מיט כּוח צערעוועט. ס'איז מאַרין נישט לייכט אָנגעקומען אַרויסצופּאָרן פון דעם גאַנצן געפּלאָנטער פון אויטאָס און פון די פיל מענטשן אין די בלויזע באָד־קאָסטיומען, וואָס האָבן באַלאַגערט די ביידלעך מיט סאָדע־וואַסער, כּדי צו לעשן דעם דורשט.

מאַרי איז געווען אין כּעס, וואָס ער קען זיך נישט אַרויס־פּלאָנטערן פון דעם געדרענג. חוץ דעם איז ער נישט געווען צו־פרידן, וואָס זיי גייען אַזוי פרי אַהיים און וואָס ער האָט זיך געמוזט צוהערן צום שמועס פון לאָניאָס באַקאַנטע. ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן מיט אַ געבייזער:

— פאַר די פּליטים איז נישט געווען קיין תּכלית צו קומען קיין אויסטראַליע... אין ישראל איז עפּעס אַנדערש... דאָרטן זאָרגט מען וועגן זיי... און ס'איז נישט קיין וווּנדער... אין דער מלחמה זענען די מענטשן אַזויפיל דורכגעגאַנגען...

לאָניאַ האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף מאַרין, פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן און זי האָט אים איבערגעריסן:

— וואָס ווייסטו פון דער מלחמה, מאַרי?... שווייג בעס־סער!... וואָס ווייסטו וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען?... דו וועסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין... איך אַליין הי וועט עס קיינמאָל נישט באַנעמען! שווייג בעסער. רעד נישט!

ער האָט דאָס שוין איינמאָל פון איר געהערט און אויך דעמאָלט האָט ער זיך געפילט געטראָפן. אָבער דאַסמאָל האָט עס אים שוין גאָר ווי געטאָן. ער איז געבליבן שטיל, מער גאָרנישט געזאָגט און געטראַכט, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל אַריינגיין צום מיסטער זיידנער און געוווּיער ווערן, צי ער האָט זיך שוין פאַרשטענדיקט מיטן „סטייט זשאָניסט קאָונסל". בעת ער איז געווען דאָס לעצטע מאָל אויף דער „הכשרה", האָט ער די חברים צוגעזאָגט צו דערלעדיקן מען זאָל זיך מיט זיי מער פאַרנעמען. אַלץ איז דאָרט אַזוי אָפּגע־לאָזן. עס איז אַפילו נאָך נישטאָ קיין עלעקטרי. מען דאַרף זען, אַז די חברה זאָל מיט חשק קומען אויף „הכשרה", כּדי דערנאָך עולה צו זיין. מען דאַרף זיך נישט בלויז באַגנוגענען מיט

זאַמלען געלט פאַר ישראל, נאָר געפינען אויך אַ וועג צו דער יוגנט. אָבער אַנשטאָט עפּעס צו טאָן, גיט ער זיין גאַנצע פרייע צייט אַוועק לאָניאַ וואַלד. ער האָט געזאָלט גיין צום מיסטער זיידנער געוויער ווערן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, אָבער ער האָט עס אָפּגעלייגט פון איינמאָל אויף דעם אַנדערן. מאָרי געדענקט ווי שווער ס'איז געווען פאַר אים צו גיין צום מיסטער זיידנער. ער האָט באַמערקט ביי אים אין די אויגן די טענה, וואָס ער האָט צו אים, מחמת דעם וואָס סוזען איז אויף „הכשרה" און ער זיצט זיך ווייטער אין מעלבורן און איז ממשיך זיין שטודירן.

בעת דער אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן אַ גריכיש געוועלב פון „פיש־ענד־טשיפּס", האָט זיך מאָרי אָפּגעשטעלט און גע־פרעגט לאָניאַן, צי זי איז הונגעריק. זיי האָבן זינט אינדערפרי נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל. לאָניאַ האָט געענטפערט, אַז זי איז נישט הונגעריק און זי וויל וואָס גיכער זיין אינדערהיים. אָבער מאָרי האָט זיך נישט צוגעהערט צו איר און איז געגאַנגען קויפן פיש און „טשיפּס".

פּונקט ווי די געוועלבער מיט די קאַלטע געטראַנקען און אייז־קרעם, איז אויך דער גריכישער „שאָפּ" פול געווען מיט מענער, ווייבער און קינדער, וואָס האָבן געהאַלטן דאָ אין קויפן פיש און „טשיפּס", איינגעפּאַקט אין צייטונגס־פּאַפּיר. כאָטש דער פעטלעכער גריך, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן, ברודיק־פאַרפּעצטן שירץ, האָט איינגעפּאַקט די פיש אין אַ סך צייטונגס־פּאַפּיר, האָט דער אייל דורכגענעצט און די געדרוקטע צייטונג־אותיות האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין פלעק.

אַז מאָרי איז אַרויס פון פיש־געוועלב, האָט ער אַריינגע־צויגן אַ ביסל פרישע לופט, ווייל די „שאָפּ" איז פול געווען מיט פאַרע, וואָס איז אַרויפגעשטיגן פון דעם קאָכעדיקן קעסל. די פעקלעך מיט די הייסע פעניצלעך קאַרטאָפל האָבן אים געבריט די פינגער און ער האָט געפילט ווי דער זאַמד פון ים קלעפּט אים נאָך צום קערפּער. אַז ער איז אַריין אין אויטאָ, האָט ער באַמערקט ווי לאָניאַ טוט זיך אָן די לאַטשן. מיט אַ שנעלער האַנט־באַוועגונג שאַרט זי שנעל אַראָפּ דאָס קליידל, ער זאָל

נישט באַמערקן אירע אויפגעדעקטע פיס, כאָטש ער האָט ערשט געזען אירע פיס איינגאַנצן נאַקעט אויפן ברעג־ים.

ווען מאַרי האָט אָפּגעפירט לאַניאַן אהיים, איז שוין צוגע־פאַלן דער בין־השמשות. די היץ איז נישט קלענער געוואָרן און ער האָט אַליין אַרומגעוואַגלט אינם אויטאָ איבער די קאַרלטאָנער געסלעך, איידער ער איז געפאָרן אהיים.

ווען ער איז געקומען אהיים, האָט ער דאָרט געטראָפן לעזלין מיט דזשינען, וואָס זענען איינגעלאַדן געווען צו זיי אויף „טי". זיי האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט דאָס עסן און געהאַלטן ביים אוועקגיין. פאַרן אוועקגיין האָט דזשין אַ קוש געטאָן די שוויגער אין באַק און געדאַנקט מיט אַ סך לויב־ווערטער פאַרן געשמאַקן עסן. זי איז צוזאַמען מיטן מאַן פאַרבעטן געווען ערגעץ און דאָס קינד האָט זי איבערגעלאָזט ביי שיינדלען. שוין נישט איינמאָל איז די מיסיס זעלינג געווען די „בייבי־סיטערין" ביים קינד און זי האָט דאָס געטאָן מיט פיל צופרידנקייט. זי האָט נישט גערן געהאַט, אַז מען האָט איבערגעלאָזט דאָס אייניקל אין פרעמדע הענט. זי, די באָבע, האָט בעסער געוואָלט זיין די „בייבי־סיטערין". שיינדל איז צום אייניקל זייער צוגעבונדן געוואָרן און ליב געהאַט מיט אים צו בלייבן אַליין. זי האָט געוווסט, אַז דעמאָלט האָט זי איבער אים די גאַנצע שליטה. אַז זי בלייבט מיטן אייניקל אַליין, איז זי שוין איינגאַנצן זיכער, אַז קיינער קען אויף אים קיין השפעה נישט האָבן. זי רופט אים דעמאָלט מיטן יידישן נאָמען „אַרעלע". כאָטש די מוטער פון ייִנגל איז דווקא באַשטאַנען, אַז מען זאָל אים צום יידישן נאָמען צוגעבן דעם ענגלישן נאָמען „קלייוו", און מען האָט אים בלויז ביי דעם נאָמען גערופן, האָט שיינדל אים גערופן בלויז „אַרעלע". דאָס קינד איז צוגעוווינט געוואָרן צו דעם נאָמען און שטענדיק געגאַנגען צו שיינדלען, ווען זי האָט אים גערופן. שיינדל איז אָפט מיטן אייניקל געגאַנגען שפּאַצירן און אויף די שפּאַצירן גערעדט צום קינד יידיש. און ווען דאָס ייִנגל האָט געפּלאַפּלט אין יידיש, האָט זיך די מיסיס זעלינג מיט צער דערמאָנט, אַז אַרעלע האָט נישט קיין יידישע מאַמע. דזשינען קאָן נאָך אַמאָל איינפאַלן צו נעמען דאָס קינד אין קירך אַריין. ווי גוט וואָלט איר געווען, ווען דזשין איז אַ יידישע טאָכטער...

אַז מאַרי איז אַריין אין שטוב, האָט ער אויף דער שוועל זיך אָנגעטראָפן אויף לעזלין. ווי שטענדיק האָט זיך לעזלי געמאַכט שטאַרק פאַרנומען און ער האָט קוים אַ בליק געטאָן אויפן ברודער. לעזלי איז שוין איצט אינגאַנצן זיכער געווען אין זיינע גרויסע סוחרישע אויפטוען און ער האָט זיך שוין לחלוטין פאַרלאָזט אויף זיך. אין געשעפט האָט ער מער נישט פיל אַריינגעטראַכט, געזאָגט, אַז ער האָט די „ביזנעס" ארויפגע־אַרבעט און זיי פירן זיך אַליין. פונדעסטוועגן איז ער ווייטער זייער פיל אַרויסגעגאַנגען מיט די „באַיערס" פון די גרויסע פירמעס, וואָס האָבן בלויז ביי אים געקויפט. ער האָט זיי גענו־מען אויף „לאַנטש", געשטעלט די בעסטע געטראַנקען. אין די זונטיקדיקע פרימאָרגנס איז ער מיט זיי אַרויסגעפאָרן שפּילן גאָלף, און אין די נאָכמיטאָגס זענען זיי געקומען צו אים, אָדער ער איז געגאַנגען צו זיי און זיי האָבן געשפּילט קאָרטן. מען האָט זיך געגעבן עצות אויף וועלכע פערדלעך צו שטעלן. לעזלי איז זייער ווייניק אין שטוב געווען און דזשין האָט געוואַרט אויף אים ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי האָט זיך נישט געוואָלט גיין אַליין ליגן און אָפט אין אָנטועכץ זיך צוגעשפּאַרט. דזשין האָט טיילמאָל געאַרבעט אין געשעפט און דאָס אויף־זיין ביז שפּעט ביינאַכט האָט זי זייער אויסגעמאַטערט. אַז לעזלי איז אַהיים געקומען, האָט זי נישט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט, געווען מיט אים ברוגז. אָבער אַז לעזלי האָט זי איבערגעבעטן, געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין איר, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום, האָט זי אים מוחל געווען, כאָטש אינעווייניק אין זיך האָט זי אים נישט געגלייבט.

— פאָרסט אַוועק, מאַרי? כ'האָב געהערט, אַז דו פאָרסט אַוועק... — האָט לעזלי אַ שטאָך געטאָן דעם ברודער, בעת ער האָט אים געטראָפן אַריינגיין אין הויז — ווען וועל איך דיר קענען זאָגן „גוד־באַי"... און „ביי דהע וויי", וואָס מאַכט דיין גערל־פרענד?...

מאַרי האָט געהערט דעם חוזק אין לעזלים קול, געוואָלט אים ענטפערן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין חשק עפּעס צו זאָגן און אים פאַרשוויגן.

אַז לעזלי מיט דזשינען זענען אַוועק, האָט די מיסיס זעלינג

אויסגעטאָן אַרעלען און אים געלייגט שלאָפן. דאָס קינד איז דווקא באַשטאַנען דערויף, די באָבע זאָל אים דערציילן אַ מעשה, געקושט זי מיט וואַרעמע פולע ליפּעלעך. בעת זי האָט גענומען אויסטראַכטן עפּעס אַ פרישע מעשה, וואָרן דאָס אייניקל האָט נישט געוואָלט אויסהערן אַלעמאָל דאָס זעלבע, איז איר אויפן רעיון געקומען, אַז אירע זין האָבן זיך נאָך אַלץ פיינט. זיי האָבן זיך שוין פיינט געהאַט, ווען זיי זענען געווען קינדער און זיי האָבן זיך נאָך איצט פיינט.

בשעת אַרעלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז שיינדל נאָך געבליבן זיצן אַ צייט לעבן זיין בעט און דערנאָך האָט זי זיך אויף די שפּיץ־פינגער אַרויסגעגנבעט פון שטוב. פאַרן אַרויס־גיין האָט זי דאָס קינד אָפּגעדעקט, ווייל די נאַכט איז געווען אַ שטיקנדיק־הייסע.

די מיסים זעלינג איז אַרויס אויפן הויף. זי האָט געהערט, אַז מאָרי איז דאָ ביי זיך אין צימער און ער לערנט זיך. בעת זי איז געזעסן אויפן הויף, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז פונקט אין אַזאַ פאַרנער, שטיקנדיקער נאַכט איז זי מיט יאָרן צוריק געזעסן אין הויף פון איר הויז אין ראָזמאַר און דערציילט מאָרין פון וואָס פאַראַ שיינער און גרויסער משפחה ער קומט אַרויס. דאָס איז געווען מיט אַ שפּאָר ביסל יאָרן צוריק. מאָרי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל. דעמאָלט האָבן, פונקט ווי היינט, געברענט די וועלדער פון דער היץ און אויף אַלץ איז געלעגן אַ זשאַווערדיק־רויטער שטויב. זי האָט אַריינגערעדט אין מאָרין, אַז נישט בלויז האָט זיין חבר באָב פעטערס און מומעס, נאָר אויך ער האָט פעטערס און מומעס, וואָס וווינען אין פוילן. אָבער מאָרי האָט זיך פון אירע רייד שטאַרק נישט איבערגע־נומען און זי געפרעגט פאַרוואָס די יידן האָבן געקרייצט יעזוסן. איצט איז שוין פון איר משפּחה אין פוילן קיין זכר נישט געבליבן... די מאַמע ליגט דאָ אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם... הערשס טאַטע האָט מיט זיי קיין שייכות נישט, שמעקט נישט אַריין צו זיי... לעזלי האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע און איר מחותן איז דער דיק „טראַקטאָר־דרייווער" פון ראָזמאַר. זי זעט, אַז הערש קרענקט זיך פון דעם אַלעמען, כאָטש ער ווייזט עס נישט אַרויס. ס'קען זיין, אַז ווען הערש וואָלט זי לכתחילה

געפֿאָלגט און זיי וואָלטן נישט געבליבן אַזוי לאַנג אין ראַזאַמר, וואָלט נישט געקומען דערצו, אַז לעזלי זאָל חתונה האָבן מיט דזשינען און פּאַולין זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַן איטאַליענער...

שיינדל האָט געהערט ווי ביים שכן, דזשעק לואיס, אין הויף זיצט מען און מען טרינקט ביר. זינט טאָמי דער זון זיי־נער, איז אונטערגעוואַקסן, האָט דזשעק אַ שותּף צום טרינקען. טאָמי קומט איצט אָפּט שיכורערהייט אַהיים און ער שרייט און זידלט די מאַמען. ער לאָזט צו איר אויס דעם גאַנצן כעס, מחמת ער האָט זיין געלט פּאַרטרונקען און ער קען איר נישט צושטייער געבן צו דער פּרנסה.

בשעת די מיסים זעלינג איז איצט געזעסן אַליין אין הויף, איז זי געווען פּונקט אַזוי איינזאַם ווי מיט יאָרן צוריק אין ראַזמאַר. הערש איז אַוועק צו באַקוקן דאָס הויז, וואָס זיי בויען אין עלוווד. ער האָט זי געוואָלט מיטנעמען, נאָר זי איז בעסער געבליבן היטן דאָס איניקל. הערש גרייט זיך צו מאַכן אַ גרויסן חנוכת־הבית. נאָך וואָס דאַרפֿן זיי אַזאַ גרויס הויז? בלויז אַפּנים זיך צו באַווייזן פֿאַר אַנדערע. פּונדעסטוועגן ווען דער מאַן נעמט זי מיט צו זען דאָס הויז, באַקוקט זי אַלץ זייער גענוי און וויל דאָס הויז זאָל וואָס שענער אויסזען.

שיינדל האָט געזען ווי ביי מאָרין אין שטוב לייכט זיך. ס'האָט איר אַ רחמנות אָנגענומען אויפֿן יינגל, וואָס לערנט זיך אין אַזאַ הייסער נאַכט. מאָרי פּייניקט זיך זייער. ער ווערט פֿון טאָג צו טאָג אומרואיקער. ער איז זייער אויסגעדאַרט גע־וואָרן, די מלבושים הענגען פֿון אים אַראָפּ. צי וועט ער שוין שטענדיק אַרומגיין מיט לאַניאַ וואַלד? וואָס וועט פֿון דעם אַלעמען אַרויסקומען?...

די מיסים זעלינג האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט מאָרין שווער געהאַט. זי האָט זיך געזען גיין אין ראַזמאַר אַליין אין שפּיטאָל אַריין. ס'איז געווען אין אַ פֿינסטערער נאַכט, קיין לעבעדיק נפֿש האָט מען נישט געזען און ס'האָט זיך איר רק געדאַכט, אַז זי וועט פֿאַרלירן דאָס קינד אינמיטן דער גאַס פֿון דער פֿרעמדער שטאָט. זי געדענקט וואָס זי האָט צוגעזאָגט גאָט דעמאָלט ביינאַכט, ווען ער וועט איר העלפֿן זי זאָל אַלץ בשלום איבערקומען.

מיטאַמאָל האָט שיינדל דערזען ווי דאָס ליכט, וואָס איז געפאַלן פון מאַרים פענסטער אויפן הויף אַרויף, איז פאַרשווונדן און זי האָט דערהערט מאַרים טריט, וואָס האָבן זיך ערגעץ געאיילט און געוואָלט זי אויסמיידן.

— מאַרי?... דאָס ביזטו? וווּ גייסטו? קום אַהער צו מיר...

— האָט זי דעם זון גערופן צו זיך.

— כ'דאַרף ערגעץ גיין, מאַם... — האָט מאַרי שנעל אַרויסגעוואָרפן פון זיך.

— וווּ דאַרפסטו גיין אַזוי שפּעט? וואָס אַנטלויפסטו פון מיר?

— לאָז מיך געמאַך, מאַם... כ'האָב דיר געזאָגט, אַז כ'דאַרף ערגעץ אַוועקגיין!

— קום אַהער צו מיר... וואָס ווילסטו קיינמאָל נישט מיט מיר רעדן? ווען דו שמועסט זיך אויס מיט מיר, וואָלט דיר פיל לייכטער געוואָרן... כ'בין גאָרנישט אַזוי נאַריש ווי דו מיינסט... כ'בין פּונקט אַזוי קלוג ווי דיינע חברים... כ'קען דיר פּונקט אַזאַ עצה געבן, ווי זיי... כ'בין אַביסל עלטער פון זיי! אַ מאַמע קען אויך אַמאָל זיין אַ חבר...

— כ'ווייס דאָס... האָסט עס מיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט! נאָר לאָז מיך איצט אָפּ!

— פאַרוואָס ביזטו שלעכט צו דיינע אייגענע און ביזט אַזוי גוט צו פרעמדע? האָסט, ווייזט אויס, הנאה מיך צו פּייניקן...

— לאָז מיך געמאַך... כ'וועל סיי ווי אַוועק פון דאַנען...

פאַר דעם האָט זיך די מיסים זעלינג דערשראָקן און ס'האָט איר מיטאַמאָל באַנג געטאָן דער גאַנצער שמועס. אַנשטאָט עפּעס אויסצוגלייכן, האָט זי גאָר אַלץ קאַליע געמאַכט מיט איר רעדן. נאָך וואָס האָט עס איר געטויגט?

פּלוצים האָט זיך די מיסים זעלינג אָנגענומען מיט מוט און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַז ווילסט אַוועקפאָרן מאַרי, טאָ פאָר! קיינער האַלט דיך נישט צו! קיינער נישט! כ'האָב גאָרנישט קעגן דעם, זאָלסט פאָרן קיין ישראל... אָבער ענדיק פריער דאָס שטודירן!... דער־

נאָך פאַר!... גלייב מיר, ווען כ'קען, וואָלט'ך מיט דיר מיטגעפאָרן!...

זי האָט באַלד חרטה געהאַט אויף די רייד, געוואָלט זיי צוריקכאַפּן, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן.

— און אַז כ'וועל פאָרן פריער, וועסטו מיך נישט לאָזן?!

— האָט מאַרי זיך אָנגערופן — ווילסט דווקא, כ'זאָל ווערן אַ דאָקטאָר, פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידישע מאַמעס דאָ ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן דאָקטוירים... ביזט נישט אויף קיין האָר אַנדערש פון זיי... ווילסט דיך דווקא מיט מיר באַרימען... אַ דאָקטאָר פאַרדינט אַ סך געלט... אַמאָל האָסטו אַנדערש געקלערט... האָסט אַנדערש געטענהט!...

— וואָס מוסטו מיר אָן צרות, מאַרי?... כ'וויל בלויז דיין גוטס... כ'זע, אַז האָסט מיך פיינט... פאַרוואָס האָסטו מיך פיינט?

— כ'האָב דיך נישט פיינט... דו ווייסט אַליין, אַז כ'האָב דיך נישט פיינט... ליוו מי אַלאָן. דו רעדסט דאָס אַלץ, כּדי אַרויסצורופן רחמנות צו זיך!... דעט'ס אַל...

די רייד האָבן איר אַ ברי געטאָן, וואָרן זי האָט געוווּסט, אַז זיי זענען אמת. זי האָט נאָך באַגערט מיט מאַרין לאַנג צו רעדן, אויפקלערן אַלץ, אַרויסלייגן פאַר אים איר מאַמיש האַרץ, אָבער זי האָט געהערט ווי מאַרי גייט אַוועק. זיינע טריט דערווייטערן זיך פון איר. זי האָט אים געוואָלט צוריקרופן — אָבער זי האָט דאָס נישט געטאָן. זי איז געבליבן זיצן אַליין אויפן הויף, זיך צוגעהערט צו די קולות אין שכנותדיקן הויף. מען האָט נאָך דאָרט אַלץ געטרונקען ביר און זי האָט געהערט אַ געקלאַנג פון אויסגעליידיקטע פלעשער און גלעזער. די היץ האָט נישט אָפּגעלאָזט. דער פאַרנער חלל איז געווען אָנגעפולט מיט שוועבל, נאָר אויפצורייסן. אינם פויזנדיקן רויך האָבן זיך געשפּינט אָדערלעך פייער. אַ זוים הימל האָט געברענט, אָפּגעשפּיגלט די ברענענדיקע וועלדער אַרום מעלבורן. זי האָט אַריינגעקוקט אינם קנוילנדיקן רויך, געוואָלט דערזען אַ ליכטיקן ברעג. אַרום איר האָבן די מאָסקיטן געשזשומעט, גלאָזיקדין געצויגן אַן אומעטיקן ניגון און געזאָגט ביי איר דאָס בלוט. אינם גראָז און אין די ביימער האָבן גרילן געפּיפּן, אָנגעפולט די הייסע נאַכט מיט אַ

בלעכיקן געקלימפּער און אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט ווידער זיין אַ הייסער טאָג. דאָס פּייפּעריי איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז ס'האָט פאַרטויבט די אויערן. זי האָט זיך איינגעהערט אין דער נאַכט, געוואַרט אויף די טריט פונם מאַן. אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויפכאַפּן. זי איז געווען אַליין. אין דער שטוב איז געווען דאָס אייניקל, אַרעלע־קלייוו, וואָס איז דאָרט אַליין געשלאָפן.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

# פֿון שטאָט אין דאָרף אַריין

ס'האָט לאַנג געדויערט ביי מאָרין ביז ער האָט זיך צוזאַמענגענומען און אָנגעקלונגען אין מיסטער זיידנערס טיר. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געווען אויף דער „הכשרה", האָט ער צוגעזאָגט דער חברה, אַז ער וועט איבעררעדן מיטן מיסטער זיידנער וועגן דער באַלעבאַטישקייט אין דער „הכשרה" און ער האָט געמוזט דעם צוזאָג האַלטן. ס'איז שוין סיי־ווי אַוועק אַ לאַנגע צייט און ער האָט גאָרנישט וועגן דעם געטאָן, געוואַרט אַלץ אויף אַ תשובה פֿון מיסטער זיידנער, וואָס האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט די פֿראַגע אַרויפֿברענגען אויף אַ זיצונג פֿון „סטייט זיאָניסט קאונסל". דאָס געוויסן האָט מאָרין געפּייניקט, וואָס ער האָט דעם ענין פֿאַרנאַכלעסיקט. די גאַנצע שולד האָט ער גענומען אויף זיך און יעדער טאָג, וואָס איז אַוועק מיט גאָרנישט, האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿיל עגמת־נפֿש. איצט איז ער סוף־כּל־סוף געגאַנגען נאָך אַ תשובה. און כאָטש ס'האָט זיך אים זייער נישט געגלוסט אַריינצוגיין צום מיסטער זיידנער אין הויז, האָט ער פֿונדעסטוועגן אָפּגעמאַכט ביי זיך דאָס צו טאָן. ער האָט צו האַסטיק אָנגעקלונגען אין דעם גלעקל, געוואָלט מיט דעם פֿאַרדעקן די נישט־דרייסטקייט און, אַביסל אַ פֿאַרלוירענער, זיך צוגעהערט ווי בהלהדיק־שנעלע טריט איילן זיך צו דער טיר.

אויפֿגעמאַכט די טיר, האָט אים די מיסיס זיידנער. אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אים אַפֿילו נישט געענטפֿערט אויף זיין „גוט־מאָרגן", עפּעס אַ מרוק געטאָן אונטער דער נאָז, זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און איז נעלם געוואָרן אין איינעם פֿון די פֿיל חדרים. ער איז געבליבן וואַרטן אין קאָרידאָר, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די צייט האָט זיך ביי אים זייער לאַנג געצויגן.

בעת מיסטער זיידנער איז צו אים לסוף אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אין דער ערשטער רגע דערפרייט מיט אים, אָבער באַלד איז דער שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פּנים. מאַרי האָט דערזען אין יעדער תּנועה פון מיסטער זיידנער די טענה, וואָס ער האָט צו אים, הלמאַי זיין טאָכטער, סוזען, געפינט זיך אויף „הכשרה" און ער דרייט זיך אַרום אין שטאָט. מאַרי האָט אויך אויפגעכאַפּט, אַז מיסטער זיידנער חידושט זיך, וואָס ער איז געקומען צו אים נאָך אַ תּשובה אין שטוב, אַנשטאָט איבערצורעדן מיט אים אין געשעפט. אָבער מאַרי האָט געוואָלט דעם גאַנצן ענין צוגעבן מער אָנזען און מחמת דעם האָט ער באַשלאָסן צו קומען צום מיסטער זיידנער אין שטוב אַריין.

די גאַנצע צייט, וואָס מאַרי האָט גערעדט מיט מיסטער זיידנער, האָט ער אַרויסגעפילט, אַז יענער האָט אים נאָך אַלץ פיינט. אויך האָט מאַרי נישט ליב געהאַט דעם מיסטער זיידנער, און איצט האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן דעם אויסגעפּאַסטן, וויין־רויטן זיידענעם שלאָפראָק, וואָס ער האָט געטראָגן. בשעתן גאַנצן וויכטיקן שמועס, האָט מאַרי נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם אויסגעפּרעסט־עלעגאַנטן שלאָפראָק און ס'האָט אים אָנגענומען אַ באַגער אַראָפּצוציען פון דעם מיסטער זיידנער דאָס באַקוועמע, ווייכע מלבוש און עס ערגעץ פאַרשטופּן. טייל־מאָל האָט ער געשפּירט, אַז ער גייט עס טאַקע טאָן. ער האָט שוין געזען די פאַרהידושטע אויגן, וואָס מיסטער זיידנער האָט אויסגעשטעלט אויף אים.

דער ענטפער, וואָס מיסטער זיידנער האָט געגעבן מאַרין, איז דווקא געווען אַ גוטער. נאָר מיסטער זיידנער האָט נישט געקוקט מאַרין אין די אויגן אַריין. אויך האָט מאַרי נישט געקוקט דעם מיסטער זיידנער אין די אויגן, כאָטש ער האָט דאָס דווקא געוואָלט טאָן. זיי זענען ביידע געזעסן ביי איין טיש, נאָר זיי האָבן גערעדט צו זיך ווי דורך אַ ווענטל. אָבער מאַרי האָט שוין נישט געוואָלט מער רעדן מיטן מיסטער זיידנער. געהערט אַז די תּשובה איז אַ גוטע, אַז מען וועט זיך מיט דער „הכשרה" מער פאַרנעמען, האָט ער שוין געוואָלט לויפן צו דער חברה אין דער „קאַונטרי" און זיי איבערגעבן די בשורה־טובה. ער האָט שוין מער קיין געדולד נישט געהאַט ווייטער זיך צו

עפּעס צוצוהערן. אָבער דער מיסטער זיידנער האָט דווקא געוואָלט אויסציען דעם שמועס, כדי צו ווייזן מאָרין זיין אויפ־טוערישקייט, זיך געבאָדן אינם דערפאָלג פון זיין בריהשקייט.

— הם... הם... — האָט ער געזעדט צו זיך, אַזוי אַז מאָרי זאָל הערן — נו... נו... האָב איך אַלץ גוט ערלעדיקט... גוט... זער גוט... וועדי נייס...

אַזוי גיך ווי מאָרי איז אַרויס פון מיסטער זיידנערס הויז, האָט ער באַלד געוואָלט אַוועק אויף דער „הכשרה" צו ברענגען די חברים די גוטע בשורה און שוין דאָרט פאַרבלייבן. נאָר איידער ער וועט פאָרן, מוז ער זיך נאָך זען מיט לאָניאַ וואָלד. ער האָט מיט איר וועגן אַ סך זאַכן זיך דורכצורעדן. ביז איצט האָבן זיי זיך נאָך נישט פאַרשטאַנען — אָבער פון היינט אָן מוזן זיי זיך פאַרשטיין. אַזוי ווייטער, ווי ביז איצט, קען עס נישט זיין. דאָס ערגסטע איז, וואָס לאָניאַ באַציט זיך צו אים נאָך אַלץ ווי צו אַ יינגל און וויל זיך צו אים נישט צוהערן. זיי דאַרפן זיך אויסשמועסן וועגן אַ סך ענינים און קודם־כל וועגן יאַנקאַן, לאָניאַס טעכטערל. ער וועט זיך מיט יאַנקאַן פאַרנעמען. ער האָט זיך שוין נישט באַגעגנט מיט לאָניאַן מער ווי אַ וואָך צייט און ער האָט געפילט, אַז מער קען ער זיך נישט איינהאַלטן זי נישט צו זען. מאָרי האָט זייער געבענקט נאָך לאָניאַן. ער מוז זי נאָך היינט זען. ער איז זי געגאַנגען אָפּוואַרטן נאָך דער אַרבעט און אַז ער האָט זי נישט געטראָפן אַרויסגיין פון פאַבריק, האָט ער דערפילט ווי ס'האָט זיך אין אים עפּעס אָפּגעריסן. נאָך דעם ווי אַלע פאַבריק־מיידלעך זענען שוין פון לאַנג אַוועק און די גאַס איז געבליבן אויסגעליידיקט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט און ער האָט געקוקט צום טויער, טאָמער וועט זיך לאָניאַ באַווייזן. ער האָט געפילט ווי אינעווייניק האָט אים אָנגעהויבן זייער צו קלעמען און ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מורא, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער לאָניאַן נישט זען. ס'האָט זיך פאַרגנבעט אין אים אַ געדאַנק, וואָס ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך, אַז צווישן אים און לאָניאַן איז אויסגעוואַקסן וועדער אַנדערש...

מאָרי האָט נאָך אַ צייט געוואַרט אויף דער גאַס און מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זיינע רעיונות און

ס'האָט אים געטריבן צו לאָניאַן אין שטוב אַריין. ער האָט זיך געדרייט אינדרויסן מער ווי אַ שעה צייט און ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז ער מיט אַנטשלאָסן־זיכערע טריט אַריין צו לאָניאַן אין שטוב. ביז איצט איז ער נאָך קיינמאָל דאָרט נישט געווען — לאָניאַ האָט דאָס נישט געוואָלט.

אין שטוב האָט ער לאָניאַן נישט געטראָפן. אויפגעמאַכט די טיר, האָט אים לאָניאַס טעכטערל, יאַנקאַ. זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש און ווייטער געגעסן דאָס מיטאָג, וואָס זי האָט זיך אַליין צוגעוואַרעמט. בשעת ער איז אַריין, האָט זי אַפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים, נישט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט, גלייך זי וואָלט זיך געריכט אויף אים און ער וואָלט ביי זיי געווען אַ שטענדיקער גאַסט. זי האָט זיך אַזוי געפירט, ווי קיינער וואָלט אין דער וווינונג נישט אַריינגעקומען און ווי זי וואָלט ווייטער געווען אַליין. ער האָט צו יאַנקאַן אַ שמייכל געטאָן, דערמאָנט איר, אַז ער האָט זי געטראָפן אין הויז פון „הילפּס־פאָנד" גלייך ווי זי איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע און ער האָט זי געפרעגט, צי זי דערקענט אים. אָבער זי האָט אים נישט געענטפערט און פון איר פּנים איז נישט אַראָפּ אַן אומעטיק־צאָרנדיקער שאָטן, וואָס האָט געזאָגט צו אים, ער זאָל זי אָפּלאָזן. אַז ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר און געבעטן זי זאָל אים ענטפערן, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגעפּרעסט פון זיך בלויז דאָס איינציקע וואָרט:

— יאָ...

זי האָט בכלל צו אים נישט געוואָלט רעדן און אויף אַלע זיינע רייד, האָט זי געענטפערט צומיינסטנס מיט אַ „יאָ" אָדער מיט אַ „ניין". די געציילטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פון איר, האָט זי אַרויסגעזאָגט אויף אַלערליי לשונות. זי האָט גערעדט אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן — פּויליש, יידיש, ענגליש — וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף איר וואָגלווענ. מאָרי האָט געפילט, אַז זי האָט אים פיינט. אַלע זיינע צערטלעך־ווייכע רייד, וואָס האָבן אים געזאָלט דערנענטערן צו איר, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ קאַלטער וואַנט. גאָרנישט וועט זי ווייכער מאַכן. פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי פיינט? ער

האָט דאָך אין זינען געהאַט דאָס בעסטע, קיינמאָל נישט געוואָלט איר אָנטאָן עגמת־נפש. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט שטעלן צווישן איר און דער מוטער און אָפּט האָט ער באַגערט זי מיטצונעמען אויף די שפּאַצירן, וואָס ער האָט געמאַכט מיט לאָניאַן. פאַרוואָס האָבן אים אַלע פיינט? ער וויל דאָך קיינעם נישט אָנטאָן קיין צער... עס קאָן זיין אַלץ אַזוי גוט, נאָר די מענטשן ווילן זיך נישט פאַרשטיין. ער האָט שוין נישט איינמאָל געגעבן אָנצוגעהערן לאָניאַן, אַז ער וואָלט זיך געגרן מיט איר טעכטערל פאַרנומען — אָבער זי האָט זיך דאָס נישט געמאַכט הערן. ער וויל קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן, נאָר עס קומט שוין אַזוי אויס, אַז ער טוט אַלעמען שלעכטס: די מאַמען, דעם טאַטן, סוזענען, יאַנקאַן און אַפילו לאָניאַן...

מיטאַמאָל האָט מאַרי פאַרלוירן דאָס געדולד און געפרעגט יאַנקאַן מיט כעס:

— ווו איז די מאַמע?!...

יאַנקאַ האָט אַ ציִ געטאָן די קינדעריש־שמאָלע אַקסלען, וואָס האָט געהייסן, אַז זי ווייסט נישט. זי האָט שוין געזען, אַז מאַרי זאָרגט זיך שטאַרק וועגן דעם, וואָס די מאַמע איז נישטאָ און זי האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז ס׳האָט געמוזט עפּעס געשען צווישן אים און דער מוטער. בעת מאַרי האָט נישט באַמערקט, האָט זי שנעל מיט די אויגן אַ לויף געטאָן איבער זיין פאַרדאגהט פּנים. נישט איינמאָל האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן, ווען זי האָט בגנבה אונטערגעקוקט און געזען ווי די מאַמע גייט אַוועק ערגעץ מיט מאַרין. אַפּנים, אַז מאַרי לעבט איצט דאָס זעלבע איבער און זי האָט געהאַט אַ נקמה אין אים. זאָל ער דאָס זעלבע ליידן, וואָס זי ליידט אַלעמאָל. זי האָט אין קאָפּ געגומען צוטראַכטן פאַרשידענע ליגנטס, וואָס זאָלן מאַרין פאַרדריסן. זי האָט זיך צוליב אים שוין אַזויפיל אָנגעליטן — געליטן אין דער שטיל, קיינעם גאָרנישט דערציילט. איצט האָט זי די בעסטע געלעגנהייט אין אים נקמה צו נעמען פאַר דער גאַנצער צייט. בשעת זי האָט מיט אַ ציִ מיט די קינדעריש־שמאָלע אַקסלען געענטפערט מאַרין, אַז זי ווייסט נישט, ווו די מאַמע איז, האָט זי דערביי געמאַכט זייער אַ סודות־פול פּנימל.

דאָס סודותפֿולע פּנימל האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט יאָ, ווו די מאַמע איז, נאָר זי טאָר דאָס נישט אויסגעבן.

— ווו איז די מאַמע?... — האָט מאַרי נאָכאַמאָל איבער־געחזרט, דאָסמאָל נאָך מער מיט כעס — כ'זע, אַז דו ווייסט, ווו זי איז, נאָר דו ווילסט נישט אויסזאָגן!

— כ'ווייס נישט!... — האָט יאַנקאַ דאָסמאָל געענטפֿערט שוין נישט בלויז מיט אַ צי מיט די אַקסלען — זי איז ערגעץ אַוועק... כ'ווייס נישט ווו... מ'האָט זי אָפּגעוואַרט...

— מיט וועמען איז זי געגאַנגען?!

— כ'ווייס נישט!... כ'האָב נישט געזען... — האָט יאַנקאַ געענטפֿערט און איר פּנים איז נאָך געבליבן מער סודותדיק־פֿאַרשלאָסן, ווי פֿריער.

כדי ס'זאָל מאַרין נאָך מער פֿאַרדריסן, האָט זי זיך, אַ גלייכגילטיקע, אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, אַ שמייכל געטאָן מיט די העלע אויגן אַלץ־ווייסעריש און האָט אָנגעהויבן אָפּצורוימען פֿון טיש. מיט דעם האָט זי געוואָלט געבן אָנצוזעהערן מאַרין, ער זאָל זי אָפּלאָזן און זאָל אַוועקגיין. אַז מאַרי איז נישט אַוועק, איז זי אַריין אין קיך, כדי צו וואַשן דאָס געפֿעס און איבערגע־לאָזט אים אַליין.

מאַרי איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך אומגעקוקט איבער דער שטוב, געזען לאַניאַס זאַכן, וואָס זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט איר ליב, מיטן באַריר פֿון אירע פֿינגער, מיטן הויך פֿון איר אָטעם. אָבער לאַניאַ איז דאָ נישט געווען און ער האָט נישט געוווסט, ווו זי איז. מיטאַמאָל זענען זיינע אויגן געפֿאַלן אויף לאַניאַס בעט. דאָס געלעגער איז געווען האַלב צוגעבעט און ער האָט באַמערקט איר נאַכט־העמד, וואָס איז געלעגן איינגעדרייט, ווי אַ בייגל. דאָס נאַכט־העמד איז געווען אַביסל אויפֿגעבלאָזן און ס'האָט נאָך געטראָגן אין זיך לאַניאַס קערפּער. אויף אַ רגע האָט זיך אים טאַקע אויסגעוויזן, אַז לאַניאַ שלאָפֿט אין בעט, איינגעדרייט אין אַ בייגל. ס'האָט געדויערט עטלעכע רגעס, ביז ער איז געקומען צו זיך. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך אָנגעטראָפֿן אויף לאַניאַס מאַנטל. עס איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן דערפֿון, ווייל ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט ווייט אַוועקגעגאַנגען. ער האָט דאָס פּנים איינגעגנורעט

אינם מאַנטל, דערפילט לאַניאַס לייב און זיך אינגאַנצן אינם מאַנטל איינגעוויקלט. ווו איז לאַניאַ אַוועק?! — האָט זיך אין אים געריסן אַ געשריי — ווו האָט זי געקענט גיין?

מאַרי האָט נישט געוווסט ווי דאָס איז געשען, נאָר אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער לאַניאַן פּלוצים געטראָפן שטיין לעבן זיך, ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט מיט אים אין צימער געווען. ער האָט דאָך קיינעם נישט געהערט אַריינגיין אין שטוב. ער געדענקט שוין אַפילו מער נישט ווי לאַנג ער איז דאָ אַליין געווען. ווו איז יאַנקאַ? לכתחילה האָט ער נישט געוווסט, וואָס ער האָט צו זאָגן לאַניאַן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. וואָס האָט ער דאָ אויסגעטראַכט? נאָר מיטאַמאָל האָט ער געפילט, אַז לאַניאַ האָט אים באַוואָלט, שטאַרק באַוואָלט און זי דאַרף זיך רעכט־פאַרטיקן אין זיינע אויגן. ער האָט אַ געשריי געטאָן, זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געשריי:

— ווו ביזטו געווען?! כ׳וויל זאָלסט מיר תיכף זאָגן, ווו דו ביזט געווען?...

— וואָס שרייסטו אויף מיר?... — זענען לאַניאַס אויגן געווען פול מיט חידוש.

— ווייל כ׳פיל אַזוי!... ווייל ס׳געפעלט מיר אַזוי!...

— אַז וועסט צו מיר אַזוי רעדן, וועל איך דיר אינגאַנצן נישט ענטפערן...

— ווו ביזטו געווען? קענסט אַפילו נישט אויסטראַכטן אַ ליגן... — האָט מאַרי אין זיין כעס געזאָגט אַלץ וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין.

— כ׳דאַרף דיר נישט אָפּגעבן קיין ראַפּאָרט!

— יאַבלאָנקאַ! — האָט מאַרי אַרויסגעוואָרפן פון זיך דעם נאָמען, באַלד חרטה געהאַט אויף דעם, אָבער נאָכאַמאָל איבער־געחזרט — מיסטער יאַבלאָנקאַ!...

— זיי נישט קיין קינד...

— מיט דעם וועסטו מיך נישט פאַררעדן! כ׳האָב שוין נישט איינמאָל פון דיר דאָס געהערט. איצט מאַך איך מיר מער נישט פון אַזעלכע רייד.

— זיי נישט קיין קינד! — האָט לאַניאַ איבערגעחזרט מיט מער ווייכקייט אין קול.

כאַטש די רייד האָבן אים אַלעמאָל באַליידיקט און ער האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס לאַניאַ באַנוצט זיך מיט זיי, האָבן זיי איצט פּלוצים אָן אַטעם געטאָן אויף אים מיט מאַמישער וואַרעמקייט. ער האָט איצט צוריק געוואָלט זיין אַ קינד, געוואָלט פילן אַ מוטערלעכע האַנט אויף זיך, וואָס זאָל אים פאַרגעבן זיינע מעשים און זאָל אים מיט רחמנות צוטוליען צו זיך. אַ געפיל פון חרטה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים און ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען ווער ס'האָט אים געגעבן דאָס רעכט אַזוי צו שרייען אויף לאַניאַן. אָבער אַנשטאָט עפּעס צו פאַריכטן, אויסצוגלייכן, האָט אים באַהערשט אַ באַגער אַלץ קאַליע צו מאַכן, צו צעשטערן מיט די אייגענע הענט. ער האָט אויפגעהויבן צוריק דאָס קול, אָנגעהויבן פון דאָס ניי, ווי ס'וואָלט אים הנאה פאַרשאַפט דאָס קריגן זיך:

— כ'וויל זאָלסט מיר תיכף זאָגן, וווּ דו ביזט געווען!... ווו לויפסטו אַרום?! כ'וואַרט שוין אויף דיר דעם גאַנצן אָוונט!

— ווער האָט דיר געגעבן אַ רעכט דאָ אַריינצוקומען? כ'האָב דיר שטענדיק געזאָגט, זאָלסט דאָ נישט אַריינקומען! האָסט איבערגעשראָקן דאָס קינד מיט דיינע געשרייען...

— איך האָב נישט קיין רעכט דאָ אַריינצוקומען?! הייסט עס, כ'האָב מיך אַריינגעריסן מיט געוואַלט... אָבער מיסטער יאַבלאָנקאָ האָט יאָ אַ רעכט דאָ אַריינצוקומען?!

ער האָט ווידער געפילט, אַז ער האָט דאָס נישט געדאַרפט זאָגן, נאָר דער באַגער אַלץ צו צעטרעטן מיט די אייגענע פיס, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— גיי שוין אַרויס פון דאַנען!... — האָט לאַניאַ מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט — אַז דו רעדסט צו מיר אַזוי, וויל איך דיך מער נישט זען! גיי שוין אַרויס!

— וואַרף זיך נישט מיט מיר! וואַרף זיך נישט!... — האָט מאָרי געשריגן, פול מיט באַליידיקונג — אַז דו וועסט זיך מיט מיר וואַרפן, וועל איך דווקא נישט גיין! האָסט נישט קיין רעכט זיך מיט מיר צו וואַרפן!

כאָטש מאָרי האָט געזאָגט, אַז ער וועט פון דאַנען נישט גיין, האָט ער זיך פונדעסטוועגן מיט פאַמעלעכע טריט גענומען דערנענטערן צו דער טיר. לאַניאַ איז אים נאָכגעגאַנגען, גע־

פּרוּווט אים איינהאַלטן, אָבער ער האָט זי אָפּגעשטופּט. ס'האָט נישט געהאָלפן איר בעטן זיך, זיי זאָלן בלייבן פריינד. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין אים, אַז זיי זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר זיך. מאַרי האָט גע־שוויגן, גאָרנישט געענטפערט. וואָס מער זי האָט אַריינגערעדט אין אים, זיך פאַרענטפערט, אַלץ מער האָט ער רחמנות באַקומען אויף זיך אַליין און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס מאָל מוז ער שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו אַלץ אַ סוף מאַכן. לאָניאַ האָט אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. מיטאַמאָל איז לאָניאַן איינגעפאַלן, אַז ס'גלייכסטע וועט זיין, זי זאָל אים מער נישט איינהאַלטן, זיך מער נישט פאַרענטפערן און זאָל ער קלערן וועגן איר, וואָס ער וויל. כאָטש ס'וועט זיין זייער שווער פאַר איר צו זיין אָן מאַרין, מוז זי זיך נעמען אין די הענט אַריין און אים לאָזן גיין.

מאַרי האָט מער גאָרנישט געזאָגט, נישט געענפערט דאָס מויל און איז מיט אימפּעט אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ער וועט זיך דאָ קיינמאָל מער נישט צוריק־קערן! בעת ער איז געגאַנגען איבער די טונקעלע גאַסן און געסלעך, האָט ער אין דער שטיל־קייט פּלוצים דערהערט זיין אייגן קול.

— קיינמאָל נישט מער!... קיינמאָל נישט!... — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און זיך געכאַפּט, אַז ער רעדט צו זיך אַליין.

ער איז געגאַנגען איבער די פינסטערע גאַסן און געסלעך, געוואָלט גיין אַהיים — אָבער אינמיטן וועג האָט ער חרטה געהאַט און זיך געלאָזט צו דער „סיטי". עס זענען פאַרבייגע־פאָרן נאַכט־טראַמווייען, נאָר ער איז געגאַנגען צו־פוס. עס וועט נאָך לאָניאַן זייער באַנג טאָן, וואָס זי האָט אים אַזוי באַליידיקט. ער מוז זיך שטאַרקן, עס וועט שווער זיין פאַר אים צו זיין אָן לאָניאַן. טיילמאָל האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער הערט לאָניאַס טריט און זי גייט אים נאָך. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז זיינס אַ פאַרלאַנג. כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז באַלד פאָרן אויף דער „הכשרה". ער האָט נישט געוואָלט פון גאָרנישט טראַכטן, מיט לאָניאַן האָט ער שוין אויף אייביק איבערגעריסן — אָבער די געדאַנקען זענען אים אַליין געקומען אין קאָפּ

אריין. ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלץ וואָלט געווען ווי פריער און דאָס אַלץ, וואָס איז געשען, וואָלט נישט געשען... ס'האָט זיך אים טיילמאָל געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַ חלום — אָבער ער האָט געוווּסט, אַז עס איז קיין שום חלום נישט געווען. ער וועט שוין קיינמאָל מער לאַניאַן נישט זען, האָט ער כסדר צו זיך אַליין איבערגעחזרט, כדי זיך אַליין וואָס מער צו פּייניקן. ער האָט געקוקט פאַר זיך, געזען די הייזער, וואָס זענען אַזוי רואיק געשלאָפן פוןביידע זייטן גאַס. ס'האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט, אַלץ איז דאָ פּונקט ווי פריער, ווען ער פלעגט זיך גיין טרעפן מיט לאַניאַן. בלויז ביי אים האָט זיך זייער אַ סך געענדערט. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, כדי אויפצוּוועקן די הייזער פון זייער דרימל. זאָלן זיי נישט זיין אַזוי רואיק. אויף עטלעכע רגעס האָט ער אויך געפונען זיין רו און ס'איז אים געווען אַזוי גוט און לייכט. אָבער די נאַקעטע וואָר האָט אים באַלד אַ שניט געטאָן, ווי מיט אַ שאַרף מעסער. ס'איז שוין אַלץ פאַרפאַלן!... פּונקט ווי אַ פרישער שניט, וואָס אין די ערשטע רגעס שפּירט מען אים נישט און ערשט שפּעטער צעגייט זיך דער ווייטיק, אַזוי האָט מאָרי איצט דערפילט די וווּנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיין אין אַלע אבֿרים.

אויף דער באַן־סטאַציע האָט ער געמוזט וואַרטן ביז פאַר־טאָגס. ס'איז געווען קילבלעך. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל, איינגעטוליעט אין זיך, זיך געוואַרעמט אין אייגענעם גוף. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן און מיט אַ ווינקל אויג האָט ער באַטראַכט די ליידיקע שפּעט־נאַכטיקע סטאַציע. די קיאָסקן מיט צייטונגען און ביכלעך זענען געווען פאַרמאַכט. די באַן־אָנגעשטעלטע זענען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיצנדיקערהייט געשלאָפן. אויף די שינעס האָבן געדרימלט ליידיקע וואַגאָנען. אין די שוואַרץ־אויסגעלאָשענע פענסטער פון אַ שלאָף־וואַגאָן האָבן זיך געגעסט עטלעכע ליכט־שפּליטערן פון אַ סטאַציע־לאָמפּ. מאָרי האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט דאָ אָפּגעפירט באָבן צו דער באַן, ווען ער איז געפאָרן קיין בריזבעין. ער האָט די גאַנצע צייט באַקומען פון אים בלויז איין בריוו, ווו ער האָט געשריבן, אַז ער זאָל קומען צו אים. זיי וועלן זיך ביידע ווייטער

לאָזן אין וועג אַריין און זען אויסטראַליע. אינצווייען וועט זיין הײמלעכער. ס'איז דאָ אַזויפיל צו זען... אויסטראַליע איז גרויס!... אַז ער האָט באַקומען דעם בריוו, האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן. אפשר טאַקע פאָרן צו באָבן און זיך לאָזן מיט אים אין וועג אַריין. ער האָט ליב אויסטראַליע. ער איז דאָ הי געבוירן געוואָרן און ער האָט נאָך דאָס לאַנד רעכט נישט געזען...

בשעת מאָרי איז אינדערפרי געקומען צופאָרן אויף דער „הכשרה", האָט ער קיינעם נישט געטראָפן, אַלע זענען געווען ביי דער אַרבעט. ער איז אַריין צו עליקן אין הילצערנעם ביידל און אין אָנטועכץ אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער. ער איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף. אָפּגעשלאָפן איז ער ביז פאַרנאַכט, ווען די חברה איז געקומען פון דער אַרבעט און עליק האָט אים געטאַרעט, געוועקט:

— וואָס טוסטו דאָ? ווען ביזטו געקומען?

— לאָז שלאָפן! לאָז מיך צו־רו!...

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרשלאָפן? וואָס ביזטו אַזוי בייז? טשין אַפּ!... כ'זע, דו ביזט אַ גאַנצע נאַכט אויף געווען...

עליק איז אַרויס פון הייזל און אַ רוף געטאָן איבערן הויף פון דער „הכשרה":

— חברה, קומטץ אַריין צו מיר! איר וועט זען, ווער ס'איז געקומען! קאַם־אָן, קידס!

די חברה, אין אַרבעטס־מלבושים — סיי די יינגלעך און סיי די מיידלעך, אין „דזשינס" און „אָוועראָלס" — זענען שוין געשטאַנען אַרום מאָרין און אַ סך אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט חידוש, וואָס ער האָט זיך באַלד נאָך זיין קומען אַריינ־געלייגט אין בעט אַריין שלאָפן.

— הוריי, מאָרי איז געקומען! — האָבן עטלעכע שטימען אַ געשריי געטאָן — הוריי!

— לאָמיר אים אַרויסשלעפּן פון בעט! וואָס עפּעס אינמיטן טאָג שלאָפן?...

— זאָג אונז נאָר, וואָס הערט זיך אין מעלבורן? האָסט עפּעס אויפגעטאָן פאַר אונז? ווען וועלן מיר קריגן דעם נייעם טראַקטאָר?!...

— מ'דאַרף קריגן דעם טראַקטאָר באַצייטנס!... נישט

דעמאָלט ווען מיר וועלן שוין זיין אין ארץ! זאָלן זיי זיך אונ־טעראייַלן!... — האָט זיך ווער אַ וויצל געטאָן.

— צי איז ווער אַוועק פון מעלבורן קיין ישראל?... צי מאַכט מען בלויז מיטינגען, מ׳פאַרכאַפּט בענקלעך, און מיט דעם קומט מען אָפּ!

— וואָס מאַכט עפּעס מיין אַלטער?... — האָט עליק אַריינ־געשרויפט אין מאָרין זיינע שפּיציקע אייגעלעך און האָט אַרויפ־געבלאָזן אַ סך רויך אויף אים פון זיין ליולקעלע — אַז מיין „אַלד מען" קומט אַהער, לייען איך אים באַלד מיינע לידער... ער איז טאַקע שטאָלץ פון דעם, וואָס ער האָט אַ זון, אַ פּאָעט, אָבער די לידער וויל ער נישט הערן... דער סוף איז, אַז ער אַנט־לויפט באַלד!...

— ביזט געקומען צו בלייבן, מאָרי?... צי וועסטו ווידער באַלד אַוועק?... — האָבן ביידע, סיי די הויכע עלים און סיי די קליינע שערלי, אַרויסגעזאָגט דאָס זעלבע און זיך פאַרשעמט.

ביידע האָבן זיי אַ טראַכט געטאָן איין געדאַנק: וואָס וועט איצט זיין מיט סוזענען, ווען מאָרי וועט דאָ בלייבן? צי וועט זי נישט באַלד אַנטלויפן?

מאָרי האָט זיך קוים צוגעהערט צו די רייד פון די חברים; ער איז מיטן געדאַנק געווען ערגעץ אַנדערש. ער האָט נאָך געשטעקט אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אַפילו אין שלאָף האָט ער געדענקט, וואָס איז געשען מיט אים אַ נאַכט פריער, און ווען עליק האָט אים אויפגעוועקט, איז אַלץ צוריקגעקומען צו אים מיט נאָך אַ גרעסערער שאַרפקייט.

אַלע האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען מיט מאָרין. צי האָט ער זיך נישט צעקריגט מיט לאַניאַ וואַלד? פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטים, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס עסן איז שוין פאַרטיק און מען זאָל אַריינגיין אין חדר־האוכל. בשעת מען האָט זיך אומגעקוקט, כדי צו זען פון וואַנען דאָס קול האָט זיך גענומען, האָט מען באַמערקט, אַז סוזען שטייט אין דער אָפענער טיר. מ׳האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר, זיך וויניק צוגעהערט צו איר און ווייטער אַרומגערינגלט מאָרין. מ׳האָט חושד געווען סוזענען, אַז זי פאַרגינט נישט מאָרין, וואָס אַלע קלעבן צו אים. אַנשטאָט צו

פאָלגן סוזענען, האָט מען זי אָנגעקוקט מיט רחמנותדיקע בליקן. אַז זי האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך באַלד אויסגעדרייט און איז נעלם געוואָרן אין פינסטערן דרויסן. זי האָט זייער פיינט געהאַט דעם רחמנות אין די אויגן פון די חברים, שוין בעסער ליב געהאַט צו זען דאָס פאַרבאָרגענע פייערל פון הנאה. דאָס האָט זי נישט אַזוי שפּל געמאַכט אין די אייגענע אויגן.

מאָרי איז דאָסמאָל געבליבן אויף דער „הכשרה". ער איז אויפגעשטאַנען זייער פרי און איז געגאַנגען צו די לעקציעס פון עברית, וואָס סאַשאַ פּאָפּעוו האָט געגעבן. דערנאָך איז ער געגאַנגען צו דער אַרבעט אין פעלד. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס סאַשאַ פּאָפּעוו און דזשימי ווּד האָבן כסדר פאַראָכטן דעם אַלטן טראַקטאָר און געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף אים לאָזן אין גאַנג — קיינער האָט נישט געקענט אַרבעטן אויף אים. בלויז ערנעסט האָט געקענט אַרבעטן אויפן אַלטן טראַקטאָר. אונטער זיינע הענט האָט דער טראַקטאָר באַקומען צוריק לעבן און ער האָט נישט אַזוי שטאַרק געהוסט און געכאָרכלט. בעת דער אַרבעט האָט מאָרי זיך באַמיט נישט צו געדענקען אין לאָניאַן — אָבער ער האָט זי אומעטום געזען. ער האָט כסדר געזען דעם זילבערנעם פּאַס האָר, וואָס האָט זיך אַזוי עזותדיק איינגעשניטן אין איר קאַשטאַן־ברוינעם שטאָלצן קאָפּ, געזען אירע גראַנאַטענע אויגן, געזען אירע הענט, וואָס זענען געווען אַביסל צו גרויס פאַר אַ פרוי. טיילמאָל האָט ער אַזוי דייטלעך געהערט איר קול מיט דער שאַרפער „ריש", אַז ער איז געווען זיכער: זי שטייט לעבן אים און זי רופט אים. מאָרי האָט זייער ליב געהאַט נאָך דער אַרבעט צו זיין אַליין און שפּאַצירן איבער די גערטנער און פעלדער. ער האָט דעמאָלט אַ סך נאָכגעטראַכט און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט לעצטנס אַדורכגעלעבט, האָט זיך צוריק פאַר אים אויפגעוויקלט. ער האָט ליב געהאַט צו זיין מיט זיך אַליין און אין דער שטיל זיך איינהערן אין זיינע ליידן, אַז קיינער זאָל נישט זען. ס'איז אים דערפון אַ ביסל לייכטער געוואָרן.

אין די פאַרנאַכטן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין פעלד, איז ער לחלוטין נישט מיד געווען, און ער האָט אָפט אַליין אַרומגעוואַנדערט איבער דער „הכשרה". ער איז

געגאַנגען צו די הינער־שטייגן, וווּ ס'האָט זיך געטראָגן דער וואַרעמער ריח פון פעדערן און הינער־קויט. ער האָט הנאה געהאַט זיך צוצוקוקן ווי די הינער שלאָגן זיך, אַז די פעדערן פליען אַזש אין דער לופט, בעת ס'באַווייזט זיך צווישן זיי די הויכע עלים און די קליינע שערלי מיט די שיסלען עסן. מאַרי האָט דערפילט אין זיך אַ רואיקייט, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו די קי, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרנאַכט, איינגעהילט אין דעם רויטן ליכט פון זון־אונטערגאַנג. די קי האָבן קוים־קוים באַוועגט מיט די מיילער, מעלה־גרהט דאָס בייטאָגיקע עסן און געוואַרט מען זאָל זיי רופן אויסצומעלקן. פּונקט ווי די הינער בייסן זיך שטענדיק, שטייען די קי מיט אַזאַ מנוחה, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון דעם רואיקן פאַרנאַכט. אין זייערע שוואַרצע גרויסע אויגן נעסט זיך אַזויפיל בענקשאַפט און טרויער. די שקיעה ברעכט זיך אין זייערע גרויסע טרויעריקע שוואַרצאַפּלען.

בשעת מאַרי איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו די קי, האָט ער דערהערט סוזענס קול, וואָס האָט זיי גערופן צום מעלקן.

— הע־עי... הע־ע־י... שושנה! נחמה!... — האָט זיך איר קול אויסגעצויגן־אומעטיק געקייקלט איבער די איינזאַמע פעל־דער, וואָס זענען געווען פאַרגאָסן פון דעם רויטן שקיעה־ליכט.

די קי האָבן דערהערט איר קול און פּאַוואָליע גענומען גיין אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס קול איז געקומען.

איינמאָל האָט מאַרי באַמערקט ווי „שושנה", די רויט־געפלעקטע קי, האָט, אַנשטאָט צו גיין אין דער ריכטונג, פון וואַנען סוזענס קול איז געקומען, גענומען גיין ערגעץ אַנדערש. די קו האָט זיך געלאָזט גיין צום קעמערל, וווּ איר פריש־געבוירן קראַנק קעלבל איז געווען פאַרשפּאַרט. בעת זי איז צוגעקומען צום קעמערל, האָט זיך „שושנה" אָװעקגעשטעלט און אָנגעהויבן פאַרבענקט צו וויינען און שטויסן מיטן קאָפּ אין דער צוגעמאַכ־טער טיר. מאַרי האָט דערהערט ווי דאָס קעלבל האָט פריידיק אָפּגעענטפערט דער מוטער, און אַרויסגעשטעלט דאָס פייכטע פּיסקל און די שוואַרצע אויגן פון אַ שפּאַלט אין קעמערל. דאָס קעלבל איז שוין עטלעכע טעג קראַנק און דזשימי ווּד האָט געברענגט אַ וועטערינאַר פון שכנותדיקן שטעטל. איידער

דזשימי איז געפֿאָרן ברענגען דעם וועטערינאַר, האָט מען גע־פֿרעגט מאַרין, צי ער קען עפּעס העלפֿן. בעת מאַרי האָט זיך צוגערירט צום קעלבל און דערפֿילט די קראַנקע סלינע אַרום מויל און די היץ אַרום בויך, וואָס האָט זיך געהויבן, ווי אַ בלאָז־זאַק, האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— מאַרי וועט זיין אַ דאָקטאָר פֿאַר מענטשן, נישט פֿאַר בהמות... — האָבן עליקס קליינע אייגעלעך זיך פֿאַרשפּיצט מיט חוזק.

ווען דער וועטערינאַר איז געקומען און געמאַכט אַן איינ־שפּריצונג דעם קעלבל, וואָס איז געלעגן פֿאַרחלשט מיט פֿאַר־גלייזטע אויגן, האָט עס באַלד אָנגעהויבן מיט די אויערן צו באַוועגן און די פֿאַרגלייזטע אויגן זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט אַ לעבעדיקן שיין. עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך דאָס קעלבל געשטעלט אויף די פֿיס און אָנגעהויבן צו רופֿן די מאַמען. אַז מאַרי האָט דאָס דערזען, האָט אים צוריק אַ צי געטאָן צו זיינע שטודיעס.

ס'איז שוין געווען סוף־זומער און ס'האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט קאַלטע רעגנס. צוויי טעג האָט געגאָסן און דערנאָך האָט זיך נאָך אַלץ געזיפּט אַ דין, נודנע רעגנדל, וואָס איז אַריין אין די ביינער. דאָס רעגנדל האָט פֿאַרוועבט דעם אַרום מיט דינע פֿעדים. דער נעפּלדיקער האָריזאָנט איז געקומען אַלץ נענטער און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נאָענט פֿון דער „הכשרה". אין דער „הכשרה" איז געווען אַ גרויסע בלאָטע; מען איז געטרעטן אין דער בלאָטע ביז איבער די קנעכל. ווען דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך די בלאָטעס אַזוי גיך נישט אויסגעטריקנט. אויף דער „הכשרה" זענען דעמאָלט געקומען געסט. מיסטער און מיסיס זיידנער זענען זיך געקומען זען מיט זייער טאָכטער. מיסטער זיידנער האָט געטראָגן דעם עלעגאַנט־אויסגעפּאַסטן אָנצוג, וואָס ער טראָגט אין שטאָט און אַ בלום האָט געשטעקט ביי אים אין לאַץ. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן און אין דער אַנדערער הענטשקעס. מחמת דעם וואָס עס איז געוואָרן קאַלט, האָט ער אָנגעטאָן גאַטקעס אויף די שיך. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ער האָט זיי אין אויסטראַליע גענומען. די מיסיס זיידנער האָט געטראָגן אַ וואַלקע אויפֿן פּנים און אַ שווערן

„פוקס" אויף די אַקסלען. מען האָט די געסט זייער שיין מקבל־פּנים געווען און זיי פאַרבעטן אין חדר־האוכל צום עסן. מיסטער פּאַפּעוו און עליק האָבן געזאָגט אַ פּאָר ווערטער לכבוד די חשובע געסט — און מיסטער זיידנער האָט זיי אָפּגעדאַנקט. כאָטש מיסיס זיידנער האָט געלויבט דאָס עסן, וואָס די טאָכטער האָט געקאָכט, האָט איר גאָרנישט געשמעקט און נאָכן פאַרזוכן אַלץ מיט אַ שפּיץ־צונג, האָט זי אַוועקגערוקט פון זיך די טעלער.

גאָר שטאַרק האָט די מיסיס זיידנער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בלאָטעס. ס'איז אויסגעקומען ווי מען וואָלט די בלאָטעס ספּעציעל פאַר איר צוגעגרייט. זי האָט זיך נישט געקענט צוקוקן ווי דעם מאַנס העלע געטרעס ווערן פאַרנעצט און פאַרשמירט. אַז מען האָט איר געגעבן אַ פּאָר גומענע שטיוול אָנצוטאָן, האָט זי זיי בייז אַוועקגערוקט פון זיך. מיסטער זיידנער האָט צולהכעיס דעם ווייב, דווקא אָנגעטאָן אַ פּאָר גומענע שטיוול. ער האָט די שטיוול אַרויפגעצויגן אויף די שיך מיט די געטרעס און אינגאַנצן צעקנייטשט די הויזן. ער איז געגאַנגען מיט סאַשאַ פּאַפּעוו און מיט עליקן באַקוקן די ווירטשאַפט, כדי צו זען וואָס עס איז דאָ אַלץ צוגעקומען, זינט ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל.

בשעת די מיסיס זיידנער האָט געזען, אַז זי ווערט פּטור פונם מאַן, האָט זי זיך זייער שנעל געאיילט און אויסגעזוכט די טאָכטער. זי האָט סוזענען געצוווּנגען אַריינצוגיין אין אַ באַזונדער שטיבל און אין איר אַריינגערעדט, זי זאָל אַהיים פאָרן. טאָמער וויל זי נישט איצט מיט זיי מיטפאָרן, וועט זי נאָך איר קומען אַ צווייט מאָל. פונם שטיבל האָט זיך געהערט כסדר דער מיסיס זיידנערס קול און סוזענס קול האָט מען אינגאַנצן נישט געהערט, ווי זי וואָלט דאָרט נישט געווען און ווי די מוטער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעריסן די פאַרמאַכטע טיר פון שטיבל און די מיסיס זיידנער איז פון דאָרט אַרויס מיט אַ צעשויבערטן „פוקס" אויף די אַקסלען און מיט אַזעלכע בעסדיקע פלעמעלעך אין די אויגן, ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן געשלאָגן. זי איז געגאַנגען גלייך אַריין אין די בלאָטעס, אויף קיינעם זיך נישט אומגעקוקט און אַריין צו זיך אין אויטאָ און פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר. זי איז פון אויטאָ

מער נישט אַרויס אַזוי לאַנג ביז דער מאַן איז אָנגעקומען און זיי זענען געפאָרן אַהיים.

אַז די עלטערן זענען אַוועק, איז סוזען נאָך אַלץ נישט אַרויס פון שטיבל. זי האָט זיך געשעמט מיט דער מוטער. קיינער איז צו איר נישט אַריין. מען האָט געוואַרט אַזוי לאַנג ביז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און סוזען האָט זיך אַליין פון שטיבל אַרויסגעשאַרט און אַריין צו זיך. סוזען האָט זיך זייער געשעמט, נישט געוואָלט ווייזן דאָס פּנים פאַר די חברים. זי איז זיכער געווען, אַז די חברים ווייסן אַלץ, וואָס די מוטער האָט צו איר גערעדט. זי האָט אָפּגעוויינט ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין און אירע צוויי חברטעס, די הויכע עלים און די קליינע שערלי, זענען מיט איר צוזאַמען אויף געווען.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

# אַ שיף, וואָס פאַרלאָזט דעם אויסטראַלישן ברעג

מאָרי איז געשטאַנען אויף דער דעק פון דער איטאַליענישער שיף, איינגעפּרעסט צווישן אַנדערע פּאַסאַזשירן און ער האָט אַראָפּגעקוקט צו די מענטשן אינם פּאָרט. אַ סך מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט ביים ברעג און מאָרין איז שווער געווען צו געפינען צווישן דעם געדיכטן עולם זיין משפחה און זיינע חברים. אָט ערשט זענען אַלע געווען אויף דער שיף, אויסגעטרונקען מיט אים צוזאַמען אַ גלעזל ביר אינם באַר, זיך געקושט מיט אים און געזעגנט און ווען אויף דער דעק האָט אַ וואָרנדיק קול גענומען אויסרופן, אַז אַלע באַגלייטער מוזן אַראָפּ אויפן ברעג, האָבן אים אַלע פאַרלאָזט. די מאַמע איז די לעצטע אַראָפּ פון דער שיף. זי האָט געמוזט פאַרן אַראָפּגיין אַ לעצטן קוק געבן אויף זיין קאַבינע, געמוזט נאָכאַמאָל אים אַרומנעמען און קושן — און ערשט שפּעטער איז זי נאָכגעגאַנגען דעם מאַן, וואָס האָט זי גערופן. די מאַמע איז די לעצטע אַראָפּ פון דער הענג־בריק, וואָס האָט פאַרבונדן די שיף מיט דער יבשה און אַלעמענס בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איר, ווייל מען האָט געמוזט אויף איר וואַרטן. אַז די מוטער איז אַראָפּ אויפן ברעג, האָט מען די הענג־בריק צוגענומען און צווישן דער שיף און דער יבשה איז געבליבן בלויז דער ים, וואָס האָט לייכט געוויגט די שמוציקע פּאָרט־וואַסערן. ווען די מאַמע איז שוין געשטאַנען אויף דער יבשה, האָט זי געקוקט ווי מען האָט צוגענומען די הענג־בריק און ס׳האָט אויסגעזען, אַז זי וויל איינהאַלטן די מענטשן, זיי זאָלן דאָס נישט טאָן.

מאָרי האָט אַראָפּגעקוקט צו די מענטשן אינם פּאָרט, געזוכט מיט די אויגן צווישן דעם געדיכטן עולם און ער האָט קוים געפונען זיינע אייגענע. דער טומל ביים פּאָרט איז געווען גרויס.

די מענטשן האָבן כסדר עפּעס אַרויפגעשריגן אויף דער שיף און די פּאַסאַזשירן האָבן עפּעס אַראָפּגעשריגן. מאָרים באַגלייטער האָבן אויך עפּעס צו אים אַרויפגעשריגן. ער האָט געזען ווי זיי עפענען ברייט די מײַלער, מאַכן צו אים מיט די הענט, נאָר ער האָט זייערע שטימען נישט געהערט. אויך האָט דער טאַטע צו אים עפּעס אַרויפגעשריגן — אָבער ער האָט נישט געהערט זיין קול. די מאַמע איז דווקא געשטאַנען רואיק און גאָרנישט געטאָן. דער עולם ביים פּאָרט האָט איצט גענומען אַרויפוואַרפן אויף דער דעק קיילעכלעך קאָלירין־פּאַפּירענע בענדער, וואָס האָבן זיך בעתן פליען אויפגעוויקלט און פאַרבונדן די שיף מיטן ברעג. די קאָליריק־פּאַפּירענע בענדער, וואָס זענען געהאָנגען צווישן דער שיף און דעם ברעג, זענען אַלעמאָל גערדיכטער געוואָרן, זיך פאַרפּלאָנטערט און אויסגעזען ווי אַ הענגנדיקער שיטער־קאָליריקער טעפּיך. אַזוי־אַרום איז דער לעצטער קאָנטאַקט צווישן די פּאַסאַזשירן און זייערע קרובים אַזוי שנעל נישט איבערגעריסן געוואָרן...

מאָרי האָט אַראָפּגעקוקט פון דער שיף און ער האָט געזען זיין משפּחה און זיינע חברים. דערנאָך האָבן זיינע אויגן גענור־מען בלאָנדזשען ווייטער פון זיי, אַריבער זייערע קעפּ, אפשר וועט ער ערגעץ דערזען לאָניאַ וואַלד — אָבער ער האָט זי אינ־ערגעץ נישט געזען. נאָכדעם ווי מאָרים בליק האָט אַרומגע־וואַנדערט איבער אַלע ווינקעלעך פון פּאָרט האָט ער זיך צוריק אָפּגעשטעלט אויף דער מוטער. בעת די מוטער האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט זי נישט געוויינט. זי האָט אים אַלעמאָל עפּעס אַנדערש אָנגעזאָגט, אַריינגערעדט כסדר אין אים — אָבער זי האָט נישט געוויינט און אירע אויגן זענען די גאַנצע צייט געווען טרוקן. ער פילט נאָך איצט דער מאַמעס טרוקענע אויגן, בעת זי האָט צוגעפּרעסט איר פּנים צו זיינעם. דווקא זענען אינם טאַטנס אויגן געווען טרערן און ער האָט באַמערקט, אַז דער טאַטע איז אַלט געוואָרן. מאָרים בליק גליטשט זיך אַרויף אויף לעזלין און דזשינען. דזשין האַלט דאָס קינד אויף דער האַנט. אָט הייבט זי אויף אַרעלע־קלייוון אין דער הויך, ווייזט מיט אַ האַנט אַרויף צו אים, מאָרין, און דערנאָך נעמט זי אָן דעם קינדס הענטל און וויגט עס אַרויף און אַראָפּ. מאָרי

זעט ווי אַרעלע־קלייוו טראָגט צו דאָס הענטל צום מויל און וואַרפט צו אים לופט־קושן. כאָטש מען קען ביים פּאָרט גאָר־נישט הערן, הערט ער דעם קינדס קולעכל, וואָס זאָגט נאָך דזשינען:

— גוד־באַי, מאַרי... גוד־באַי... סי יו עגיין...

מיטאַמאָל וויל דאָס קינד מער נישט האָרכן דער מאַמען און נעמט ערגעץ אַנדערש קוקן. מאַרי זעט איצט זיין שוועסטער פּאָולין מיט איר מאַן, פּיליפּ. פּאָולין טוליעט זיך צו פּיליפּן, נאָר ער קוקט זיך וויינִיק אויף איר אום. פּאָולין טראָגט אַ הויך קעלנערל, כדי צו פאַרשטעלן דעם צייכן אויפן האַלז. טאָמער גייט זי נישט אָנגעטאָן אַ קלייד מיט אַ הויך קעלנערל, טראָגט זי אַלעמאָל קרעלן אויפן האַלז, וואָס פאַרשטעלן דעם צייכן.

מאַרי באַמערקט, אַז צו דער גרופּע פון זיינע באַגלייטערס זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע חברים און זיי מאַכן צו אים אַרויף מיט די הענט. דערנאָך רעדן זיי עפּעס צווישן זיך. צו־מיינסטנס פון אַלע רעדט עליק. ווי זיין שטייגער איז, רעדט ער מיט די הענט, צייכנט מיט זיי גרויסע קרייזן אין דער לופטן. ער ווענדט זיך אַלעמאָל צו סאַשאַ פּאָפּעוו און ווייזט אָן אויף דער שיף. מאַרי ווייסט, אַז עליק האָט זיך שוין פון לאַנג געקליבן אַוועקצופאָרן קיין ישראל. און בעת מאַרי האָט איינ־מאָל נאָך דער אַרבעט געזאָגט, אַז מאָרגן פאַרלאָזט ער די „הכשרה" און ער פאָרט קיין ישראל, איז עליק געבליבן אַביסל פאַרלוירן און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

כאָטש מאַרי האָט זיך אָקעגנגעשטעלט, האָט מען אים אויף דער „הכשרה" געמאַכט אַ „סענד־אָף־פּאַרטי", כדי זיך מיט אים צו געזעגענען. מיט דעם געזעגענונגס־אָוונט האָבן זיך פאַר־נומען די חברות. זיי האָבן אָפּגעבאַקן אַ „ספּאַנטש", צוגעגרייט אַביסל משקה און געמאַכט אַלערליי „סענדוויטשעס". בעתן פּאָרען זיך האָבן זיי אַרויסגעוויזן בריהשקייט און געוואָלט איינע די אַנדערע איבערשטייגן. גאָר שטאַרק האָבן זיך געפּאָ־רעט: די הויכע עלים און די קליינע שערלי, ווי זיי וואָלטן שוין אינאייינוועגס געאַרבעט אויף פאַר סוזענען, וואָס האָט צו גאָרנישט צוגעלייגט אַ האַנט. די סעודה איז פאָרגעקומען אין

חדר־האוכל און אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און געקומען צו גיין. דזשימי ווזד איז געקומען פון דער שכנותדיקער פאַרם. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, נישט געפילט אַזוי שטאַרק די רעוומאַטישע ווייטיקן, וואָס האָבן אַלע מאָל מער איינגעהויקערט זיין רוקן. בלויז סוזען איז נישט געקומען. קיינער האָט זיך אויף איר נישט געפרעגט, מ׳האָט זיך נישט געמאַכט זען איר פעלן. ווען ס׳האָט ווער דאָך נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט, ווו זי איז, האָט מען אים גאָרנישט געענטפערט און גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש.

בשעת סאַשא פּאָפּעוו און עליק האָבן אָפּגערעדט, האָבן דווקא אַלע פאַרלאַנגט, אַז מאַרי זאָל עפּעס זאָגן. אָבער ער האָט געפילט ווי ער ווערט רויט און גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

— מאַרי, אַ „ספּיטש”... — האָבן די מיידלעך גערופן — מען וועט דיך נישט אַדורכלאָזן אָן אַ ספּיטש! מיר ווילן זאָלסט דיך מיט אונז געזעגענען!... אַ ספּיטש! אַ ספּיטש!...

האָט מאַרי געזען, אַז ער וועט זיך נישט קענען אַרויסדרייען און געענטפערט אויף די לויב־ווערטער, וואָס מען האָט געזאָגט אויף זיין חשבון:

— דאָס איז צופיל! דעט׳ס טו מאַטש... מען דאַרף נישט איבערטרייבן! — האָט ער אָנגעהויבן — קאַט איט אוט... כ׳טו דאָס, וואָס כ׳פּיל... דעט׳ס אָל... איר דאַרפט נישט איבערטרייבן!...

ער האָט אָפּגעהאַקט, מער גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך, ווי ס׳וואָלטן אים אויסגעפּעלט ווערטער צו זאָגן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין זיך געפילט. די האָר זענען אים געפאַלן אין די אויגן. ער האָט זיי אַוועקגעשאַרט מיט נערוועזציטערנדיקע פינגער. בעת־מעשה האָט ער געבלאָנדזשעט מיטן בליק אויף אַלע אַרומיקע, גלייך ער וואָלט ביי זיי וועלן אויסבאָרגן די ווערטער, וואָס האָבן אים געפעלט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— חברה, לאָמיר בעסער עפּעס זינגען! גענוג גערעדט!... גענוג ספּיטשעס!...

ער האָט דער ערשטער פאַרצויגן אַ ליד און מען האָט אים באַלד אונטערגעהאָלפן. בעת ער איז איצט געשטאַנען אויף דער

דעק פון דער שיף, האָט ער נאָך אַזוי דייטלעך געהערט דאָס ליד, וואָס אַלע האָבן דעמאָלט געזונגען:

— אם לא עכשיו אימתי... אי־מ־תי...

אויפצומאָרגנס איז ער אַוועק אין שטאָט, זיך צוגעגרייט צו דער נסיעה. ער האָט געהאַט זייער פיל צו טאָן און איז געווען שטאַרק פאַרנומען. אָפטמאָל האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט דעם וועג צו לאַניאַן, אָבער צום סוף, ווען ער איז שוין געשטאַנען פאַר איר הויז, האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און ער איז אַוועק ערגעץ אַנדערש. ס'האָט אים כסדר געצויגן צו גיין צו איר, ער האָט געפילט, אַז ער מוז זי זען, נאָר ער האָט אַליין אויסגעזוכט פאַרשידענע תירוצים, געזוכט שטענדיק אַ פאַר־ענטפערונג פאַר זיך אַליין, כדי זי נישט צו זען. דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער און ער האָט כסדר זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. ער האָט געמוזט זיך אויספּלאָנטערן פון די אַלע שטימען, וואָס האָבן אין אים גערופן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט לאַניאַן צופעליק ערגעץ אָנטרעפן, אָבער ס'זענען אַוועק וואָכן און ער האָט זי אינערגעץ נישט געזען, ווי זי וואָלט אין שטאָט נישט געווען. דעמאָלט גראָד האָט ער געהערט, אַז סוזען איז דאָ צוריק אין מעלבורן. באַלד אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער איז אַוועק פון דער „הכשרה", איז זי אויך אַוועק. מען האָט אים דערציילט, אַז מיסיס זיידנער איז פון דעם געווען אַזוי מלא־שמחה, אַז זי האָט די טאָכטער אַרומגעפירט אין דער „סיטי" פון איין געשעפט אין אַנדערן און געקויפט איר אַלץ, וואָס נאָר איר האַרץ האָט געגלוסט. סוזען איז געווען זייער אויסגעפּוצט, געטראָגן די שענסטע קליידער. אָבער אויך סוזענען האָט ער קיינמאָל נישט געזען, זיך קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן אויף איר. זי איז אינגאַנצן מער נישט געקומען צו זיי אין געשעפט אַריין.

פאַרוואָס האָט סוזען פּלוצים פאַרלאָזט די „הכשרה", נאָכדעם, ווי זי איז שוין דאָרט געווען אַ לאַנגע צייט? ס'קען נישט מעגלעך זיין, אַז זי זאָל זיך פּלוצים האָבן געענדערט איבער נאַכט. וואָס איז זי עפּעס פּלוצים אַוועק פון „הכשרה", אַקוראַט דעמאָלט, ווען ער איז אַוועק און ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין ישראל? זי איז אַ גרויסער עקשן, האָט אויס־

טערלישע איינפאַלן. צי קלויבט זי זיך אויך נישט אַמאָל צו פאָרן קיין ישראל? נאָר וואָס אים קען אַלץ איינפאַלן. וואָס ער קען אַלץ אויסטראַכטן...

בשעת מאָרי האָט איצט געקוקט אויף די מענטשן ביים פאָרט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן צי וועט סוזען קומען צו דעם חנוכת־הבית, וואָס זיינע עלטערן גרייטן זיך צו מאַכן, ווען זיי וועלן זיך אַריבערציען אין דעם נייעם הויז אין עלוווד? ער קלערט, אַז זי וועט קומען... בעת ער וועט שוין מער נישט זיין אין מעלבורן, וועט דער ברוגז פאַרווישט ווערן. מיסיס זיידנער וועט אָנהייבן צוריק צו קומען צו זיי אין שטוב אַריין. נאָך דערצו, אַז זיי וועלן זיין שכנים. דאָס הויז זייערס ווערט שוין באַלד פאַרטיק און די עלטערן וועלן זיך אַריבערציען פון קאַרלטאָן קיין עלוווד, וווּ עס וווינען די רייכע יידן. תחילת, איז די מאַמע נישט געגאַנגען אָפט קוקן ווי מען בויט דאָס הויז. אָבער לעצטנס איז זי מיטן טאַטן כסדר מיטגעגאַנגען און זי האָט געוואָלט יעדעס מאָל מאַכן נייע אויסבעסערונגען, אַז דאָס הויז זאָל וואָס שענער אויסזען. דער טאַטע האָט דווקא גע־וואָלט, אַז ער, מאָרי, זאָל אים צוליב טאָן און בלייבן צום חנוכת־הבית — אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

פּאַוואָליע האָט די שיף גענומען רירן פון ברעג. ס'איז געוואָרן פינסטערלעך. די לאָמפּן ביים פאָרט האָבן זיך אָנגע־צונדן. מאָרי האָט באַמערקט ווי די מענטשן ביים ברעג זענען געוואָרן גערדיכטער, אומרואיקער. אויך זענען די פּאַפּירענע קאָליריקע סטענגעס צווישן דער שיף און ברעג געווען שוין זייער געדיכט, געהאַנגען פאַרפּלאָנטערט און פאַרוועבט. מיטאַמאָל זענען די אַלע בענדער געוואָרן איבערגעריסן, געבליבן הענגען אין דער לופט, ווי די פעדים ביי אַ צעריסן מלבוש. פּאַמעלעך, ווי עס וואָלט איר שווער געווען צו רירן פון אָרט דאָס שווערע אייזערנע לייב, האָט זיך די שיף אויסגעבויגן און מיט איין שפּיץ גענומען שניידן די טונקעלע פאָרט־וואַסערן. די וואַסערן האָבן זיך געבייטיקט, גערונצלט, זיך געקאַרבט אין שטאָלענע בערגלעך, וואָס האָבן זיך צעשלאָגן איינס אָן אַנדערן. מאָרי האָט אפילו נישט באַמערקט ווי די שיף האָט אויסגעדרייט אַ האַלבן רוקן צום פאָרט. די קולות ביים פאָרט זענען נאָך

געדיכטער געוואָרן און דערנאָך זענען זיי מיטאַמאָל געבליבן שטיל, ווי עס וואָלט ווער די מענטשן ביים ברעג איבערגעדעקט מיט אַ שווערער פּלאַכטע. די קולות זענען דערוואָרגן און דערדושעט געוואָרן און האָבן זיך געהערט ווי פון גאָר ווייט. אויך האָבן זיך די פייערן פון דער שטאָט גענומען דערווייטערן. די ליכטער פון פּאָרט זענען נאָך אַ ביסל געשוווּמען נאָך דער שיף און פאַרן אַראָפּגיין צום דנאָ געצייכנט זילבערנע רינגען, וואָס האָבן זיך געקוילערט, ווי צעשיטע מטבעות...

מאָרי האָט געזוכט זיינע אייגענע צווישן די מענטשן ביים פּאָרט, אָבער ער האָט זיי אינערגעץ נישט געקענט מער געפינען. די מענטשן זענען צוזאַמענגעגאָסן געווען אין איין פאַרווישטן פלעק, וואָס איז בלאָס באַשטראַלט געווען פון די שיטער־גלימערנדיקע ליכטער ביים פּאָרט. מאָרי האָט אינם פאַרווישטן פלעק געזוכט דאָס פּנים פון זיין מאַמען. ער האָט דאָס פּנים נאָך איינמאָל געוואָלט זען, אָבער ער האָט עס אינערגעץ מער נישט געזען. די מאַמע איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי נאָענט און ס׳האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער פלעגט איר אָנטאָן צרות. אויך איז די גאַנצע משפחה און די אַלע חברים, וואָס זענען אים געקומען באַגלייטן צו דער שיף, געוואָרן אַזוי נאָענט און טייער. עס איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ בענקשאַפט צו זיי, ווי ער וואָלט זיי שוין יאָרן־לאַנג נישט געזען. זייערע פּנימער זענען פאַרווישט געוואָרן און ער האָט מורא באַקומען זיי זאָלן שוין אויף שטענדיק נישט אָפּגעמעקט ווערן אין זיין זכרון.

בעת מאָרי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען די אַלע פּנימער, וואָס ער האָט ערשט ביים פּאָרט געזען, האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעשיילט דאָס פּנים פונם זיידן, וואָס האָט נישט געקענט קומען צום פּאָרט. דער זיידע איז שוין אינגאַנצן פון שטוב נישט אַרויס. אַז ער איז געגאַנגען אין דער קאַרלטאָנער ישיבה צום דאַווענען און צו לערנען מיט די יידן שיעור, איז מען אים געקומען נעמען. אַליין איז אים זייער שווער אָנגעקומען דאָס גיין. אָבער זיינע אויגן האָבן אַלץ געגליט מיט אַ פייער. מען האָט זיך זייער געהיטן, ער זאָל נישט געוווּיער ווערן, וואָס ביי אים אין דער משפחה טוט זיך. ער אַליין האָט קיינעם נישט געפרעגט. ער האָט געמאַכט אַ מחיצה צווישן זיך און דער

וועלט ארום. בעת מאַרי איז געקומען זיך געזעגענען מיט אים אין דער ישיבה, האָט ער געהערט ווי די קינדער לערנען און זייערע קולות לאָזן זיך הערן איבער אַלע שטובן. לכתחילה האָט זיך דער זיידע נישט געכאַפּט נאָך וואָס מאַרי איז געקומען. באַלד אָבער האָט ער שוין אַלץ געוווסט און ער האָט אים געווונטשן:

— זיי מצליח, מרדכי־משה... — האָט ער אים געגעבן די האַנט — משיח איז נאָך נישט געקומען... אָבער ס'איז גוט צו זיין צווישן לויטער יידן... הערסט, מרדכי־משה... נעם מיט די תפילין און געדענק, למען השם, זאָלסט דאַווענען יעדן טאָג!...

דאָס פּנים פונם זיידן געדענקט מאַרי זייער גוט. ער געדענקט עס מיט אַלע קאַרבן און קנייטשן. ער פילט דעם זיידנס פינגער וואָס קלאַמערן זיך אין זיין האַנט. מאַרי האָט נאָך אַ קוק געטאָן צום פּאָרט, אָבער ער האָט אים שוין נישט געזען. בלויז עטלעכע בלאַסע פייערלעך האָבן זיך נאָך געוויגט אויפן האָריזאָנט, זיך אונטערגעטונקען אינם וואַסער און ווידער אַרויס־געקומען. שפּעטער זענען די פייערלעך פאַרזונקען געוואָרן און זענען שוין מער נישט אַרויסגעקומען. דער הימל האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט אויפן ים. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען, אַז ער שטייט אַליין אויפן דעק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פריער געהערט ווי מען האָט גערופן צום אָונטער־ברויט. אין די אויערן האָט אים נאָך איצט געזשומעט דאָס מעטאַלענע פּויקן אין דער טאַץ, וואָס האָט גערופן צום עסן. נאָר ער האָט אינגאַנצן נישט געשפּירט קיין הונגער און צום עסן נישט געוואָלט גיין. ס'איז אים געוואָרן קאַלט. ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט און אַ כוואַליע האָט פּלוצים אַ שיס אַרויף געטאָן אין דער הויך, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַרויפכאַפּן צו אים אויף דער דעק. ער האָט דערפילט, אַז ער איז אַליין און ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן מאַכט ער אַזאַ גרויסע נסיעה. ביז איצט איז ער נאָך אייגנטלעך נישט אַרויסגעפאָרן פון מעלבורן; ער האָט געקענט בלויז מעלבורן מיט דער „קאַונטרי" אַרום. דאָס לאַנד, וווּ ער פּאָרט איצט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט בלויז דאָס לאַנד געזען אין חלום. די לעצטע טעג פאַר דער

נסיעה, האָט ער געהאַט אַ סך חלומות. ער האָט זיך געזען אין ארץ־ישראל. ער האָט אויך דאָרטן געזען די מאַמען, דעם טאַטן און אויך דאָס הויז, ווו זיי האָבן געוווינט אין מעלבורן. זייער גאַס פון מעלבורן איז געווען אין ישראל. אַ האַלב מעלבורן האָט ער דאָרט געזען. און אַלץ איז געווען עפּעס אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן שוין דאָרט געוווינט יאָרן־לאַנג... אין חלום האָט זיך אים אַלץ אויסגעמישט. דאָ האָט ער געזען גאַסן פון תל־אביב, פון ירושלים, וואָס ער האָט געקענט פון בילדער און דאָ זענען פאַר אים אויפגעשוווּמען די גאַסן פון מעלבורן, וואָס זענען געווען אין ארץ־ישראל...

מאָרי האָט געקוקט אויפן ים, וואָס האָט זיך געדיכט געוועלבט, ווי געקאָוועט פון אייזן. די שיף האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויפן וואַסער. ווען ער הערט נישט די צוגעדרושעטע קולות, וואָס זענען געקומען פון אינגעווייד פון דער שיף און ווען ער הערט נישט טיילמאָל דאָס רויש פון די מאַשינען, וואָלט ער געווען זיכער, אַז ער געפינט זיך אין אַ פאַרלאָזטער חורבה, ווו ס'איז נישטאָ קיין לעבעדיק נפש. מאָרי איז אַראָפּ אונטן. ער האָט געוואָלט גיין אין דער קאַבינע נעמען דעם מאַנטל, אָבער די ספּאָרט־מאַרינאַרקע האָט אים איצט גענוג געוואַרעמט. מאָרי האָט געוואָגלט איבער דער שיף, שפּאַצירט איבער די קאָרידאָרן, אַרויפגעגאַנגען און אַראָפּגעגאַנגען מיט די שטיגן, ווי ער וואָלט וועלן אַלץ זען און באַקוקן. ער איז אַריין אין עס־זאַל, אין ביבליאָטעק־צימער, אין באַר. מענטשן האָבן זיך פאַרבײַ אים געטראָגן. זיי זענען אים געווען פרעמד, כאָטש זיי האָבן צו אים העפלעך געשמייכלט. ער איז אַריין אין באַר, זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ ליידיק טישל. דער באַר איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן־רויך און מיטן האַרבן ריח פון משקה. ביים בופעט איז געזעסן אַ גרופּע איטאַליענער און אַ גרופּע פראַנצויזן און זיי האָבן געטרונקען. זיי זענען שוין געווען אונטער דער כוסה און זיי האָבן הויך גערעדט און אַלעמאָל הויך אַרויסגעלאַכט. ביי אַ טישל זענען געזעסן עטלעכע ענגלענדער און זיי האָבן געטרונקען שווייגנדיק. צו מאָרין איז צוגעקומען אַ קעלנער, אַראָפּגענומען פון טישל אַ ליידיק גלעזל, וואָס איז דאָ געשטאַנען פון פריער, אָפּגעווישט דאָס טישל מיט אַ

סעדרועטל און אים געפרעגט וואָס ער וויל טרינקען. כאָטש מאַרי האָט נישט געהאַט קיין חשק צום טרינקען, האָט ער זיך געשעמט אָפּצוזאָגן און באַשטעלט אַ גלעזל וויין.

מאַרי האָט נישט געענדיקט דאָס גלעזל וויין און אַרויס פון באַר. ער האָט זיך ווידער געדרייט איבער די זאַלן, איבער די קאָרידאָרן פון דער שיף און, כדי צו פאַרטרייבן די צייט, גענומען באַקוקן אויפן טאָוול די ליסטע פון די פּאַסאַזשירן. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו וויסן ווי די אַלע פרעמדע מענטשן, וואָס פאָרן מיט אים צוזאַמען, הייסן. ער האָט גע־לייענט די ליסטע נישט לויטן סדר, טיילמאָל אַרויסגעכאַפּט פון מיטן די נעמען:

— הערבערט ראָבערטס... העראָלד אָ'קאָנאר... סוזען זיידנער... טינא פּאַרמיקא...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוריקגעלאָפן שנעל מיט די אויגן און געלייענט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דעם נאָמען „סוזען זיידנער". צי איז דאָס מעגלעך? צי מאַכט ער נישט קיין טעות? צי איז דאָס נישט קיין חלום? אפשר איז געווען נאָך אין מעלבורן ווער אַנדערש מיטן נאָמען „סוזען זיידנער"... ס'קען נישט מעגלעך זיין! אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך זייער זעלטן!... ער איז זיכער, אַז אין מעלבורן איז בלויז געווען איין סוזען זיידנער... „זיידנער" איז אַ יידישער נאָמען... אַ זעלטענער נאָמען... אָבער ווו איז סוזען? פאַרוואָס האָט ער זי נישט געזען אַרויפגיין אויף דער שיף? אמת איז ס'זענען געווען אַ סך מענטשן ביים פאָרט און ס'איז שווער געווען יעדן צו זען. אָבער ווו איז זי איצט, סוזען? פאַרוואָס ווייזט זי זיך נישט? ווו האָט זי זיך באַהאַלטן? ער האָט געוואָלט גיין געוויר ווערן, ווו סוזענס קאַבינע איז, אָבער ער האָט זיך פון מיטן וועג צוריקגעקערט און נישט געגאַנגען געוויר ווערן. ס'איז שוין שפּעט ביינאַכט און ער וועט וואַרטן ביז מאָרגן אינדערפרי. סוזען האָט אַפּנים געמאַכט אַלץ אין גרויס סוד פאַר יעדן, קיינעם גאָרנישט דערציילט. זינט מאַרי האָט דערזען איר נאָמען אויף דער ליסטע פון די פּאַסאַזשירן, האָט ער זיך דערפילט מער היימיש אויף דער שיף, ווי ער וואָלט אין אַ

פרעמדער שטאָט פּלוצים געפונען אַ קרוב. דער נאָמען סוזען זיידנער האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט וואַרעמקייט.

מאָרי האָט זיך נישט געקענט מער געפינען קיין אָרט און ער איז אַרויף אויף דער דעק. ער האָט געקוקט אויפן ים, וואָס האָט זיך פינסטער געוועלבט. בלויז די שיף, אַ באַלויכטענע, האָט פּאַוואָליע געשניטן דאָס וואַסער. פּונקט ווי אַן איינזאַם באַלויכטן הויז אויף פינסטער־פאַרוואָרפענע וועגן, האָט די שיף איצט אויסגעזען. מאָרי איז נאָך לאַנג אַליין געשטאַנען אויף דער דעק און זיך צוגעהערט צו די צערוישטע כוואַליעס, וואָס האָבן צו אים עפּעס געזונגען...